STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05851

# GEZAMELTE SHRIFTEN IN FUFTSEHN BENDER

S. An-Ski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער יודישער חורבן
## פון פוילען, גאליציע און בוקאווינא, פון טאג-בוך

תרע"ד-תרע"ז (1914-1917)

# דריטער טייל

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעני׳ש פֿון אויטאָרס צואוז־פערװאלטער
איז שטרענג פֿערבאָטען.



Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.



הילע פֿון יוסף זיידענבייטעל.

צינקאָקלישען אויסגעפֿיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאַץ האָט אויסגעפֿיהרט פֿייגע שריפֿטגיסער.

ערשינען אין נאוועמבער 1921

# ג

דעם 6-טען מאַי בין איך אָבגעפאָהרען פון קיעוו קיין לעמבערג. דאָס מאָל בין איך געפאָהרען נישט דורך בראָד, וואו די גאַנצע ליניע איז געווען פערש׳אָגען מיט מיליטער-צוגען, נאָר איבער וואָלאָטשיסק און טאַרנאָפאָל. די געגענד איז אין אָנפאַנג מלחמה אַריבער צו די רוסען כמעט אָהן שלאַכטען און אויפ׳ן גאַנצען וועג איז נישט געווען צו בעמערקען די סמנים פון מלחמה: נישט קיין פערברענטע דערפער און חרוב׳ע פאָלוואַרקעס, נישט קיין פערלאָזענע שאַנצען און דראָט-פערצוימונגען. פון דער ווייטען זעהען זיך גאַנצע דערפער און קירכעס. אין פעלד—טורעמס היי, עס פיטערן זיך טשערעדעס פיה. אפילו די איינצעלנע וואונדען, וואָס די ערד האָט בעקומען, זעלטענע שאַנצען און סגאַריאַדען-גריבער, ווערען פערצויגען און פערוואַקסען דורך דער שעפערישער קראַפט פון דער נאַטור, וועלכע האָט נאָר-וואָס ערוואַכט אונטער׳ן שיין פון דער פריהלינג-זון. און דער מענש, דער פויער, וועלכער טרעפט זיך אויף די ווייט פונאַנדערגעוואָרפענע פעלדער, נעהמט אָנטייל אין דער

שעפערישער אַרבייט. ער אַקערט די ערד, בויט הייזער, פיהרט אין שטאָדט אַריין דאָרפישע סחורות. אין אַרומיגער נאַטור איז אַלץ דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רוהיגקייט און זיכערקייט, אַז עס איז אונמעגליך פאָרצושטעלען זיך, אַז אין וועלכע־עס־איז הונ־דערט—הונדערט און פופציג וויאָרסט פון דאַנען קומען פאָר די פערביטערסטע בלוטיגסטע שלאַכטען און אַז דער שטורם פון מלחמה דערנעהנטערט זיך אַהער צו אָט די רוהיגע פעלדער און דערפער.

נאָר אויף וויפיל דאָ, אויף דיביידע זייטען וועג הערשט אַ פריהלינג־שטימונג און אַ נאַטור־שעפערישע זיכערקייט, אויף אַזויפיל הערשט אַ נערוועזע בעוועגונג און אַ שטאַרקע צורודע־רונג אויף דעם שמאָלען אונענדליכען אייזענבאַהן־פּאַס, וועלכער ציהט זיך דורך פעלדער און וועלדער צו די בלוטיגע און שטורמדיגע ערטער. יעדע עטליכע מינוט טראָגען זיך דורך אָנ־געפּאַקטע מיליטער־צוגען. אַלע סטאַציעס זענען געפּאַקט מיט מיליטער. אונזער צוג, אַ קוריער־צוג, וועלכער דאַרף אָנקומען אין לעמבערג איינס אַ זייגער בייטאָג, קומט אָן ביין אין אָוועגד. אונז קומט אויס כמעט אויף יעדער סטאַציע צו שטעהן שעה'ן לאַנג און דורכלאָזען צוגען מיט מיליטער, מיט סנאַריאַדען, מיט האַרמאַטען. אין דערזעלבער צייט קומען אונז אַנטקעגען צוגען מיט פערוואונדעטע, געפאַנגענע, אַנטלאָפענע. אָט געהט דורך אַ סאַניטאַר־צוג. אין אַלע פענסטער זעהען זיך פערבינטעוועטע קעפּ, הענד און אַנדערע טיילען פון גוף. קוקען אַרויס ערנסטע, בלייכע, צעווייטיגטע פנימ'ער, טרויעריג־נייגיריגע בליקען און אַלע ציהען זיך צו דער פריהלינג־זון.

נאָך דעם צוג—אַ משא־צוג אָנגעפּאַקט מיט געפאַנגענע. עס דוכט זיך, אַז זיי זיצען איינע ביי די אַנדערע אויף די קעפּ. די, פאַר וועלכע עס האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט אין די וואַגאָ־נען, זיצען אויף די דעכער, אויף די בופערס. קיינער היט זיי נישט. אָדער מ'איז זיכער, אַז זיי וועלען נישט אַנטלויפען, אָדער מ'האָט נישט דאַגעגען. די געפאַנגענע זענען מעהרסטענ־טייל באָרוועסע, אַרומגעריסענע, בעוואַקסענע. נאָר זיי קוקען

אַרויס מונטער, זענען רוהיג, אין די פּאָזעס און בעוועגונגען אַ זיכערקייט. עס געהען צווישען זיי בעלעבטע געשפּרעכען, עס קלינגט אַ הילכיגער געלעכטער. גאָרנישט צו פערגלייכען מיט די פער׳חושכ׳טע, איינגעבויגענע, פערצאָגטע און דערשראָקענע געפאַנגענע, וועלכע איך האָב געטראָפען מיט עטליכע חדשים צוריק. אפשר שפּילט דאָ אַ ראָל, וואָס דעמאָלט איז געווען ווינטער, אַ פראָסט פון עטליכע גראַד און איצט וואַרימט און פרעהט יעדעס בעשעפעניש די ליבליכע פריילינג-זון. אפשר שפּילט דאָ אַ ראָל, וואָס דאַן האָבען די רוסען פערנומען אַ שטאָדט נאָך אַ שטאָדט, און איצט ווייסען די געפאַנגענע, אז זייערע זענען מנצח און די רוסען לויפען פון זיי און האָבען די מפּלה און עס איז שוין נאָהנט, גאָר נאָהנט, אַז די רוסען וועלען זיין איינגאַנצען צושלאָגען און מ׳וועט שליסען שלום. און די געפאַנגענע קוקען האָפערדיג מיט פעראַכטונג אויף זייערע פאַנגער און פיהלען זיך, ווי זיגער. נאָר גיכער פון אַלץ שפּילט דאָ אַ ראָל דאָס, וואָס די געפאַנגענע זענען נישט קיין סלאַווען, נאָר אונגאַרן און מאַדיאַרן. מ׳דערצעהלט פיל וועגן זייער אכזריות און ווילדקייט. נאָכ׳ן אויסזיכט זעהט זיך עס נישט. שטאַרקע געזונטע פויערים, מיט אָפענע פּנים׳ער און אַ שטאָלצען בליק.

איך געה צו צו איין וואָגען. פּרוב מאַכען אַ געשפּרעך אויף דייטש, רוסיש, פראַנצויזיש—מ׳שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, מ׳פערשטעהט נישט.

—מאַדיאַרן?—פרעג איך.

מ׳שאָקעלט צו פרעהליך מיט׳ן קאָפּ, מ׳מאַכט אַ שטאָלצע בעוועגונג און מ׳ענטפערט געאיילט:

—מאַדיער! מאַדיער!

ווייטער ציהען זיך איינע נאָך די אַנדערע לאַנגע-לאַנגע צוגען מיט אַנטלויפענדע רוטענער, איבערהויפּט פרויען און קינדער. זיצען אָנגעפּאַקט, ווי הינער אין אַ שטייג. אייניגע וואַגאָנען זענען בעזעצט דורכאויס מיט שילער, אַנדערע מיט אינטעליגענטען. מ׳זעהט נישט אין די וואַגאָנען קיין געפּעק, קיין שום זאַכען, אָדער זיי זענען געפּאַקט בעזונדער, אָדער די אַנט-

ליפענדע האָבען קיין צייט נישט געהאַט עפּעס מיטצונעהמען. נאָר מ'הערט נישט קיין זיפצען, מ'זעהט נישט קיין פערצוויי-פלונגען.

—פון וואַנען פאָהרט איהר?—פרעג איך איינעם.

—פון טורקי פאָהרען מיר.

—פאַרוואָס זענט איהר פון דאָרטען אַוועק?

—מ'האָט געצוואונגען אָבצופאָהרען.

—מיר האָבען מורא געהאַט פאַר די מאַדיאַרען,—ער-קלערט אַ צווייטער.—וואוהין זיי קומען נעהמען זיי די יונגע און געזונטע לייט מיט זיך און די איבעריגע קוילען זיי אויס.

—וואָס וועט איהר טהון אין רוסלאַנד?

—ווי הייסט וואָס? ערד בעאַרבייטען.

עס וועלען קומען אָט די צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער היימלאָזע קיין רוסלאַנד, וועלען זיך צושפּרייטען אי-בער די אונענדליכע פעלדער פון גרויסרוסלאַנד, אוקראַינע, סי-ביר. צוזאַמען מיט זיי וועלען פון זייער לאַנד און פון אַנדע-רע פראָנטען אָנקומען און צושפּרייטען זיך איבער דיזעלבע פעלדער הונדערטער טויזענדער געפאַנגענע, סלאַווען און מאַ-דיאַרען, דייטשען און טערקען, און זיי וועלען זיך טרעפען מיט'ן רוסישען פויער. און אַלע צוזאַמען, נעכטיגע געגנער און בלוטיגע פיינד וועלען זיך צונויפקומען אויף דעם אונענדלי-כען פעלד, ביי דער יום-נוראים'דיגע אַרבייט פון ברויט-שאַפונג. זיי וועלען געהן נאָך דעמזעלבען אַקער, עסען פון איין שיסעל, טרינקען פון איין קרוג, אויסדריקען דעם הערצליכען אומעט און בענקעניש מיט דעמזעלבען, אַלעמען פערשטענדליכען קרעכץ. און דעמאָלט וועלען זיי זיך אפשר אויסניכטערן פון דער בלו-טיגער וועלט-שכרות און וועלען נישט קאָנען פערשטעהן, פאַר-וואָס און ווי אַזוי האָבען זיי געקאָנט וואַרפען זיך איינע אויף די אַנדערע ווי ווילדע בלוטדורשטיגע חיות.

און אַז זיי וועלען זיך נאָכמעהר דערנעהנטערן און קאָ-נען צונויפרעדען זיך, וועלען זיי געפינען אַזויפיל אַלגעמיינע אינטערעסען, אַלגעמיינע פריידען און ליידען! און אַז זיי ווע-

לען זיך דערמאָהנען וועגען זייער שכן, דעם יוד, וועלכער האָט מיט קיינעם פון זיי קיין מלחמה נישט געפיהרט און קיינעם פון זייערע נישט גע׳הרג׳עט. וועלען זיי אויך איינשטימיג זיין אין דעם, אַז ער, דער „זשיד״, איז דער איינציגער שולדיגער אין זייערע אַלעמענס אומגליקען...

און דערווייל, דאָ אויף די בלוטיגע שלאַכטפעלדער, וואו עס פלאַקערט נאָך די שנאה צווישען מענשען פון אַנדערע פעלקער, איז די שרעקליכע איינשטימיגקייט וועגען „זשיד״ שוין דאָ. אי דער אָרטיגער פּאָליאַק מיט זיין פּאַלש-חניפהדיגען שמייכעלע, אי דער נאַאיווער הימלאָזער רוטענער, אי דער געפאַנגענער עסטרייכישער דייטש, אי דער מאַדיאַר, אי דער רוסישער סאָלדאַט—זיי אַלע קומען זיך צונויף אין זייער האַס צום יודען, אַלע חזר׳ן איבער איינע און דיזעלבע בלבולים און אומגעלומפּערטע בעשולדיגונגען געגען איהם. און די איינשטימיגקייט געהט ווייטער און נעהמט אַרום יענע שיכטען, די העכערע און די קולטורעלערע, וועלכע זענען אין אַלע אַנדערע אופנים ווייט און אָבגעטיילט פון פּראָסטען המון, פון איינפאַכען סאָלדאַט.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיאַסאָיעדאָווס פעראַט און די היינטיגע מפלה אין די קאַרפּאַטען האָבען פאַר אַלעמען ענטפּלעקט די אמת׳ע שולדיגע פון אַלע פּלאָגען וואָס האָבען זיך פון אָנהויב מלחמה געשאָטען אויף דער רוסישער אַרמעע, הערט מען נישט אויף צו רעדען אין די העכערע מיליטערישע קרייזען וועגען יודישען שפּיאָנאַזש און יודישען פעראַט.

אין וואַגאָן, וואו איך בין געזעסען, איז נישט ווייט פון מיר געשטאַנען אַ גרופּע אָפיצירען,—דעם גראַף באָברינסקיס אַנ׳אַדיוטאַנט אין אַקסעלבאַנטען, אַ פּאָלקאָווניק מיט אַ גרויסער גרויליכער באָרד, אַ פּאַדפּאָרוטשיק מיט צוויי געאָרגי-מעדאַלען אויף דער ברוסט און א מיליטער-אַרצט. מ׳דערצעהלט מלחמה-איינדריקען, מ׳דריקט אויס דעם רחמנות צו די אָרימע רואינירטע פּויערים און מ׳רעזומירט.

—און איבערהויפּט ליידען די פּויערים פון די מסירות פון די „זשידעס״. פון זיי נעהמען זיך אַלע אומגליקען.

און עס הויבען זיך אָן מעשיות. מ׳דערצעהלט וועגען די גרויזאַמסטע מעשים געגען יודען מיט אַזאַ קאָנטעטהייט, מיט אַזאַ נקמה-שמחה, אַז מיך נעהמט אָן אַ געפיהל פון עקעל, נישט פון כעס אָדער אויפרעגונג, נאָר פון פראָסטען עקעל, וועלכער איז נאָהנט צו אַ מייקען-חלשות. איך פערטיף זיך אין אַ בוך, איך נויט זיך נישט צו הערען דעם געשפרעך און איבערגעוואַלד קריכען מיר אין אויער ערצעהלונגען, ווי אין איין אָרט האָט מען אַ יודען, אַ גוטבעזיצער,—וועלכען מ׳האָט חושד געווען, אַז ער האָט מיטגעטיילט די עסטרייכער וועגען דעם אָנקומען פון רוסישער אַרטילעריע אין זיין פאָלוואַרק,—פערגאָסען מיט פעט-ראָל און אונטערגעצונדען, ווי אַ מויז. פאַר דעם האָט מען פאַר זיינע אויגען בעגאָסען מיט פעטראָל און אונטערגעצונדען זיין פאָלוואַרק. ווייטער אַ מעשה, ווי מ׳האָט געכאַפּט „אַ יודען מיט אַ טעלעפאָן״ און אַ גענעראַל האָט מיט אַ וואונק געגעבען צו פערשטעהן, אַז עס איז נישטאָ צוליב וואָס פיהרען איהם אין שטאַב און די סאָלדאַטען האָבען איהם אָבגעפיהרט אין וועלדעל און געהאָנגען.

און מ׳הערט צו און מ׳לאַכט, מ׳איז קאָנטעט.

—איצט טהון מיר בעסער,—רופט זיך אָב דער פּאָדפּאָרו-טשיק.—אַז מיר נעהמען איין אָרט, איז קודם כל טרייבען מיר אַרויס אַלע „זשידעס״ פאָראויס, צום שונא. געהט צו אייערע! די בעסטע זאַך!

—ס׳פערשטעהט זיך!—איז מסכים דער אַדיוטאַנט.—עס איז נישט אויסצוהאַלטען פון זייער שפּיאָנאַזש. אַ גרויסען פעהלער איז מען בעגאַנגען, וואָס מ׳האָט אָבגעגעבען יודען צושטעלונגען. זיי זענען אָנגעפאָהרען אַהער גאַנצע מחנות.

—און דאָקטוירים,—האָט אונטערגעכאַפּט דער אַרצט.—אין אונזער קאָרפּוס זענען דאָ צוועלף עלטסטע דאָקטוירים יודען, אַנ׳אמת׳ע נבלה!

—עס איז קיין חדוש נישט, וואָס זיי זענען איבערגעגעבען די עסטרייכער,—גיט צו דער פּאָלקאָווניק.—ביי אונז האָבען זיי ווייך און וואַרים און אין עסטרייך זענען זיי בעאַמטע, ריכ-

טער, פּראָקוראָרען, זענען פוֹל אין אַלע אַנשטאַלטען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער, אַז איך בין געפאָהרען צוריק פון לעמבערג—ווייטער דיזעלבע געשפּרעכען. אַ קאָזאַקען-אָפיציר, אַ הויכער, ברייט-ביינינגער, אַ שכור און אַ גוטמוטיגער, אַן׳אָפּענהערציגער און אַ פרעהליכער, הויבט פון דער ערשטער מינוט אָן זידלען יודען. ער דערצעהלט מיט אַ קאָנטעמטען הילכיגען געלעכטער, ווי אַזוי זיין אָבטיילונג איז געקומען אין אַ פאָלוואַרק נעבען סאָקאַל. דער גוטבעזיצער איז דאָרט געווען אַ יוד אַ באַראָן. האָט מען אַלץ צורויבט, חרוב געמאַכט. אין הויף זענען געווען צעהן פאַטעאָנען, האָט דער באַראָן זיך געזעצט אין איינעם כדי אָבצופאָהרען, האָט מען איהם אַרויסגעוואָרפען אין בלאָטע.

דערזעהענדיג אין אַ צייטונג אַ טרויער-מודעה וועגען דעם טויט פון אַ בעוואוסטען מאַן מיט אַ יודישער פאַמיליע, שרייט ער אויס פרעהליך:

—אַ זשיד געפּגר׳ט! מיט איינעם ווענינגער! אַ דאַנק גאָט!

אַנטקעגען איהם זיצט נאָך אַ קאָזאַקען-אָפיציר, אַן׳אַרצט. די גאַנצע צייט שווייגט ער. דאָ רופט ער זיך אָב:

—אַלע פאַלען אָן אויף יודען. וואָס וויל מען פון זיי?

אַזאַ מין פראַזע פון אַן׳אָפיציר, ובפרט אַ קאָזאַק, איז פאַר מיר אַזוי אונגעוועהנליך, אַז איך געה צו און הויב זיך אָן צוהערען.

—דאָס נידערטרעכטיגסטע פאָלק!—ענטפערט דער ערשטער.

—לאָזט צורוה! פאַרהאַן ביי יודען אַזעלכע מדות, וועלכע מיר האָבען געמעגט זיך לערנען. אָט, דהיינו: איהר קומט אין אַ יודיש שטעדטעל, וועט איהר דאָרט קיין „מיידעלעך” נישט קריגען. ביי זיי זענען שטרענגע פאַמיליען-יסודות. אַ וואונדערליכע ריינקייט פון זיטען. צו פופצעהן יאָהר מאַכט מען חתונה קינדער.

—אָבער פון זיי נעהמט זיך אַלדאָס בייז. וואו זיי קאָנען נאָר, גראָבען זיי זיך אונטער אונז אונטער. מיט צעהן יאָהר צוריק זענען זיי געווען די ערשטע אויפטהוער אין דער רעוואָ-

לוציע. איך בין דאָן געשטאַנען אין מינסקער גובערניע.

—און איך בין געווען אין אַזאַ אָרט, וואו קיין איין יוד האָט זיך נישט געפונען און דאָרט זענען פונדעסטוועגען געווען אַגראַר-אומרוהען און שטרייקען... ניין, דאָס איז שוין אַ רגלות, נישט טראַכטענדיג, וואַרפען אַלץ אויף יודען.

—אָבער זיי זענען דאָך אונז דם-שונאים!

—און פאַרוואָס זאָלען זיי אונז ליב האָבען? דערפאַר וואָס מיר פערפאָלגען, זידלען און הענגען זיי? נאָר וואָס פאַר אַ דאגה איז מיר, ליבען זיי מיך אָדער האָבען מיך פיינד? די הויפּטזאַך—וואָס טהון זיי אונז? און איך זעה נישט, זיי זאָלען אונז טהון בייז. אין דער אַרמעע זענען דאָ עטליכע הונדערט-טויזענד יודען. מיט וואָס בעדאַנקען מיר זיי? דערמיט וואָס מיר טענה׳ן, אַז פון יודען קומט אַלדאָס בייז. און איך זאָג אייך, אַז אין דעם אַלעם זענען שולדיג די פּאָליאַקען. דאָס רע-כענען זיי זיך אָב מיט יודען און מאַכען אויף זיי בלבולים. און באמת זענען די פּאָליאַקען פיל גרעסערע פיינד אונז, ווי יודען. אָט איהר ווייסט, די טעג האָבען מיר פערכאַפּט פיר—פינפהונדערט פּוילישע סאָקאָלען. אויף דעם שטעלט איהר זיך נישט אָב.

—צווישען די סאָקאָלען זענען דאָ פיל יודען.

—אָבער די אָרגאַניזאַציע איז דאָך אַ פּוילישע און יודען, וואָס האָבען זיי אונז געטהון אַלס יודען?

—זיי זענען שפּיאָנען.

—אָט גאָר טאַקי אַזוי, אַלע יודען שפּיאָנען? נו, ווי קאָן מען דאָס פער׳משפט׳ן אַ גאנצע נאַציע.

—נו, אפשר וועט זיך צווישען טויזענד געפינען איין אָרענטליכער מענש און אַלע איבעריגע זענען בעטריגער.

—און אייך איז ווען אויסגעקומען צו זעהן אַ יודישען שפּיאָן?

—עס פערשטעהט זיך! אָהן אַ שיעור!

—דערצעהלט.

—אָט דהיינו, מ׳האָט געכאַפּט אַ „זשיד" מיט געגנז. געהט

און טראָגט איבער'ן פלייצע אַ פּאָר גענז.

—נו, אין דעם איז נאָך קיין גרויסער פערברעכען נישטאָ.

—האָט מען איהם אַרומגעזוכט און געפונען ביי איהם אַ בריף, וועלכען ער האָט געטראָגען צו אַן'אַנדער „זשיד".

—און וואָס איז געשטאַנען אין בריף?

—שדים ווייסען איהם! מסתמא איז עפּעס געווען, אַז מ'האָט דעם זשיד אָבגעשיקט אין שטאַב.

—נו, אייער „מסתמא" בעווייזט נאָך ווייניג וואָס. איך האָב געזעהן ווי מען האָט געבראַכט אין שטאַב זיבען יודען מיט אַ פּאַפּיר, אין וועלכען עס איז געווען געזאָגט, אַז „זיי דאַרפען געהאָנגען ווערען פאַר שפּיאָנאַזש". צום גליק איז דער פער-וואַלטער פון שטאַב געווען אַ בראַווער מאַן און אָנשטאָט צו הענגען זיי, האָט ער איינגעאָרדענט אַן'אויספאָרשונג און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אויף די יודען איז קיין שולד נישטאָ.

מיך האָט פעראינטערעסירט דער קאָזאַק, וואָס האָט זיך אַזוי הייס אָנגענומען פאַר יודען. אַזאַ מין אַרויסטרעטען פון אַן'אָפיציר האָב איך דאָס ערשטע מאָל בעגעגענט. אמת, איינ-מאָל האָב איך זיך געטראָפען אין קופּע מיט אַ מיליטער-אַרצט, וועלכער האָט שטאַרק פערטיידיגט יודען און דערוויזען מיר, אַז יודען זענען נישט שולדיג אין די בלבולים, וואָס מ'מאַכט אויף זיי. איך האָב פּשוט געקוואָלען פון זיין ליבעראַליזם, נאָר אַז מיר האָבען זיך געדאַרפט שיידען און איך האָב געפרעגט מיין מיטרייזער זיין פאַמיליע, האָט ער מיר געענטפערט:

—עפּשטיין.

האָב איך איהם אָנגערופען מיין פאַמיליע און מיר האָבען זיך ביידע צולאַכט.

דאָס מאָל אָבער איז דער „אוהב ישראל" נישט געווען קיין „עפּשטיין", נאָר אַן'אמת'ער כשר'ער קאָזאַק רוזשייניקאָוו. איך האָב זיך מיט איהם בעקענט און פונאַנדערגערעדט. מיט דעם אַנדערן קאָזאַקישען אָפיציר האָב איך נישט גערעדט. נאָר ער האָט אפנים פערשטאַנען, אַז איך בין אַ יוד און איז אַ ווײ-

לע שפּעטער צוגעגאַנגען צו מיר און אַ ביסעל פערשעמט אַרויס-געזאָגט:

—נעהמט נישט אָן ערנסט דאָס וואָס איך האָב געבאָל-בעט מיט'ן צונג וועגען יודען. טיף אין האַרץ פערשטעה איך, אַז זיי זענען אַקוראַט אַזעלכע מענשען, ווי מיר. זיי ווי-לען דאָך אויך לעבען און זיי זענען הילפלאָז, יעדער בעליי-דיגט זיי, טהוט זיי אָן צרות. עס פערשטעהט זיך, אַז אויף זיי איז אַ רחמנות...

די ווערטער זענען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסישע אַנטיסעמיטען.

איך האָב איהם גאָרנישט געענטפערט.

## ב

די אכזריות'דיגע קאַלטבלוטיגקייט מיט וועלכער מען האָט געערדט אין אַלע מיליטער-קרייזען, פון די העכסטע ביז די ני-דעריגסטע, וועגען די שרעקליכסטע גוואַלדטהאַטען געגען יודען, האָט, פערשטעהט זיך, געשטאַמט פון דעם בעסטיאַלען אונמענש-ליכען אַנטיסעמיטיזם, מיט וועלכען די אַרמעע אין אַלע איהרע שיכטען איז געווען דורכגעדרונגען. חוץ דעם האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל אויך די פערווילדקייט, די סיסטעמאַטישע אָב-שטאַרבונג פון עלעמענטאַרע מענשליכע געפיהלען, וועלכע איז פאָרגעקומען טאָג נאָך טאָג פאַר מיינע אויגען.

אין אָנפאַנג מלחמה האָבען מיליטער-לייט נישט אויפגע-הערט צו קלאָגען זיך אויף די אכזריות פון דייטש. דאָס איז געווען כמעט די איינציגע טעמא פון אַלע געשפּרעכען: דער דייטש טרעט אַריבער אַלע געטליכע און מענשליכע געזעצען, רעכענט זיך נישט מיט די איינגעשטעלטע געזעצען פון מלחמה-צייט, בעשיסט נישט-בעפעסטיגטע שטעדט, רואינירט היסטאָרישע געביידעס, טהוט אָן כל הצרות דער פרידליכער בעפעלקערונג, בעגעהט זיך אכזריות'דיג מיט די קריגס-געפאַנגענע. דערביי האָט

מען שטענדיג אַרויסגעשטעלט די גוטמוטיגקייט, ווייכהערציגקייט און איבערהויפּט די געזעלליכקייט פון די רוסען. זיי זענען, פערשטעהט זיך, נישט פעהיג אויף אַזעלכע נבלות: זיי וועלען זיך קיינמאָל נישט ערלויבען צו שיסען מיט אויפרייס־קוילען אָדער אָנטהון יסורים אַ געפאַנגענעם.

עס זיינען אַריבער אַ פּאָר חדשים און עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען אַנדערע רייד. אינטעליגענטע ליבעראַלע אָפיצירען האָבען גע׳טענה׳ט, אַז מ׳מוז ענטפערן דעם דייטש אויף זיין אכזריות מיט נאָך אַ גרעסערער. טאַקי שיסען מיט אויפרייס־קוילען, טאַקי נישט נעהמען קיין געפאַנגענע. שפּעטער אַ ביסעל איז עס שוין אַריבער אין אַ טעאָריע: מלחמה איז מלחמה—כדי מנצח צו זיין מוז מען אַרויסווייזען אַ גרויזאַמע אכזריות, מיט גאָרנישט נישט רעכענען זיך און וואו נאָר מעגליך אויסראָטען דעם שונא ביזן וואָרצעל.

זעהר כאַראַקטעריסטישע וכוחים איז מיר אויסגעקומען צו הערען אויף דער טעמא. איינעם פון די וכוחים האָב איך שוין איבערגעגעבען אין צווייטען טייל ה׳. גאַל. דאָס איז געווען אַ וכוח צווישען אַ סטודענט נאָסאָנאָוו מיט אַ מיליטער־אַרצט קופּטשיקאָוו.

אַ צווייט מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען עטוואָס עהנליכעס פון אַ פּריוויליגען אינטעליגענטען מיליטער־מאַן:

—אומזיסט הומאַניזירען מיר!—האָט זיך געקאָכט אַ פּריוויליגער אינטעליגענטער מיליטער־מאַן.—צייט אַז מיר זאָלען אויך אָנהויבען אַלץ פערניכטען אויף אונזער וועג. און באמת זענען מיר טאַקי קלוגער געוואָרען און אויפגעהערט צו רעכענען זיך מיט׳ן פיינד!

אויב אַזאַ שטימונג האָט זיך געשאַפען ביי די אינטעליגענטסטע מיטגלידער פון די געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען, קאָן מען זיך פאָרשטעלען די שטימונג אין דער אַרמעע. בעסער פון אַלץ קאָן זי כאַראַקטעריזירט ווערען מיט איין פראַזע, וואָס מיר האָט געזאָגט אַ פערוואונדעטער לופט־פליהער. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז פאַר זיינע אויגען האָט מען געהאָנגען איינעם, נישט דאָס אַ יודען נישט דאָס אַ פּאָליאַק, וועלכען מען האָט

געכאַפּט אַ זיצענדען אויף אַ בוים. מ'האָט נישט גענומען אין אַכט אַלע זיינע פערטיידיגונגען. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעווי-זען, אַז דאָס איז אַנ'אומשולדיגער מענש געווען. זיין הויז האָט זיך געפינען נישט ווייט. ער האָט זיך אומגעקעהרט פון ערגיץ אַהיים און איידער צו געהן צו זיך, האָט ער געוואָלט פון דער הויך אַ קוק טהון, אויב זיין הויז איז גאַנץ. פון בוים האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט געבען קיין סיגנאַלען.

—עס פערשטעהט זיך, אַזאַ פאַל איז אַ טרויעריגער,—האָט פערענדיגט דער לופט-פליהער,—נאָר וואָס קאָן מען מאַכען! בע-סער אויפהענגען צעהן אונשולדיגע, איידער פריי לאָזען איין שולדיגען...

דאָס איז דער מאָראַלער שטאַנדפונקט, צו וועלכען די מלחמה האָט געבראַכט איהרע אָנטיילנעהמער.

די פיר מיליטער-לייט, וואָס זענען געזעסען מיט מיר אין צוג און דערצעהלט וועגען די שרעקליכסטע אכזריות געגען יו-דען, האָבען אין דערזעלבער צייט דערצעהלט וועגען די פעלד-סאַניטאַרען, וואָס קלויבען אויף די פערוואונדעטע.

—אַ פערוואונדעטער אָפיציר, ליגענדיג אויפ'ן טראָג-בעט-טעל,—האָט דערצעהלט דער פּאָלקאָווניק,—האָט דערפיהלט, אַז מ'שלעפּט אַרויס ביי איהם פון די טאַשען דאָס געלד, דעם זיי-גער און אַנדערע חפצים. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז אין אָהנמאַכט,—האָט מורא געהאַט, מ'זאָל איהם נישט דער'הרג'ענען. און וויפיל פאַלען איז געווען, אַז די סאַניטאַרען האָבען דער'-הרג'עט די פערוואונדעטע, כדי צו בערויבען זיי. איינעם, אונ-זערן אַנ'אָפיציר האָט געטראָפען אַ שראַפּנעל אין בויך און גע'-הרג'עט אויפ'ן אָרט. עס האָט געדויערט עטליכע מינוט, ביז מ'איז געקומען אָבטראָגען זיין קערפער, האָט מען שוין געפונען אַלע זיינע טאַשען אויסגעקעהרטע.

—מ'זאָל די סאַניטאַרען נישט געבען קיין געלד, וועלען זיי פשוט נישט אָבטראָגען פון פעלד,—האָט צוגעגעבען דער פּאַדפּאָרוטשיק.—ביי אונז אין פּאָלק איז שוין איינגעאָרדענט, אַז איידער מ'טרעט אַרויס אין שלאַכט, לעגט יעדער אָפיציר אָב

מען שפּייזט די געפאַנגענע זעהר שלעכט. אינדערפריה גיט מען טעה און אין אָוונט אַ טעפּעל זופּ פון קוקורוּדזען־מעהל און דריטהאַלבען פונט סוכאַרעס.

פאַר דער צייט פון געפאַנגענשאַפט האָט מען ברויט געגעבען צוויי מאָל און איין מאָל צו האַלבע פונט חזיר־שמאַלץ. אין דעם גוט, וואו די געפאַנגענע האָבען געגעלטיגט דעם 20־טען מערץ, האָט דער סאָלדאַט אַלעקסיי גריגאָריעוו בּאַריטאָנאָוו בעשלאָסען צו אַנטלויפען. ער איז פערקראָכען ביז צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון די עסטרייכער, וואו מען האָט איהם פערהאַלטען און ער האָט געטראָגען די זאַכען פאַר די אָפיצירען, דעם 23־טען מערץ איז ער בעפרייט געוואָרען דורך דער אָבטיילונג פון דער 60־טער אינפאַנטעריע־דיוויזיע.

דאָס אויבען געמאָלדענע בעפעהל איך איבערצולעזען פאַר די רייהען זעלנער אין אַלע ראָטעס, עסקאַדראָנען, מאות, באַטערייעס, אָבטיילונגען און קאָמאַנדעס.

בעמערקונג: די טעלעגראַמעס פון שטאַב־שעף פון הויפּט־קאָמאַנדיר איבער די אַרמעען פון דרום־מערב־פראָנט פון 27־טען מערץ היינטיגען יאָהר אונטער'ן נומער 4511. דעם אָריגינאַל האָט אונטערגעשריבען דער קאָמאַנדיר פון דער דריטער אַרמעע גענעראַל פון אינפאַנטעריע—ראַדקאָ־דמיטריעוו. שטאַב־פערוואַלטער—גענעראַל־לייטענאַנט—דאָבראָראָלסקי.

## ג

אין לעמבערג האָב איך געטראָפען אַ זעהר אָנגעשטרענגטע שטימונג, וועלכע איז געוואָרען פון שעה צו שעה נערוועזער. דאָס עסטרייכישע חיל איז נאָך געווען זעהר ווייט פון לעמבערג. אויף זיין וועג איז נאָך געווען פּזשעמישל און צעהנדליגער אַנדערע שטעדט, נאָר דער אָנגריף איז געווען אַזוי שטאַרק און שטורעמדיג, אַז ער האָט אַלעמען איבערראַשט און ערשיטערט און דער איינדרוק איז געווען אַזאַ, ווי דער פיינד וואָלט שוין זיין ביי די טויערן פון לעמבערג. קיין גענויע פּרטים וועגען די שלאַכטען און וואו זיי קומען פאָר האָט קיינער פון די ציווילע, אפילו די מעהרהייט מיליטער־לייט נישט געוואוסט, נאָר פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן אונגעהערטע קאַטאַסטראָפע. מ'האָט הויך דערצעהלט, אַז די דריטע

дружинахъ и командахъ.

Справка: телеграммы **начальника** штаба Главнокомандующаго арміями юго-западнаго фронта отъ 27 марта сего года за № 4511. Подлинный подписалъ командиръ III арміи генералъ отъ инфантеріи РАДКО-ДМИТРІЕВЪ. Начальникъ штаба генералъ-лейтенантъ ДОБРОРОЛЬСКІЙ.

---

## איבערזעצונג פון רוסישען טעקסט:

איך לאָז מעלדען די קאָפּיע פון די מיליטער־בעפעהלען פון דער דריטער ארמעע פון דרום־מערב'דיגען פראָנט פון הייגטיגען יאָהר, לויט די נומערן 272, 278 באָראַג. 3 און 282 פּאראַג. 3 אום צו מאַכען וויסען און ערפילען זיי.

## קאָפּיע.

נומער 272. בעת דער אטאַקע פון 240־טען אינפאַנטערישען וואָלער־פּאָלק אויף דער הויכקייט 801, צו דרום־צו פון אוסטראַנקי גאָרניע איז געגומען געוואָרען צווישען די געפאַנגענע עסטרייכער דער זעלנער פון 12־טען אינפאַנטערישען וויעליקאָ־לוצקין פּאָלק אלעקסיי גריגאָריעוו לאַריטאַנאָוו, וואָס האָט זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט פון 8־טען ביז'ן 23־טען מערץ.

דעם 9־טען מערץ איז ער אוועקגעשיקט געוואָרען אין אוסטראַנקי גאָרניע און פון דאָרט צוזאַמען מיט אנדערע געפאַנגענע, הויפטזעכליך יודען, אין א צאָהל פון דרייצעהן מאַן זענען זיי געשיקט געוואָרען צופוס אויף דער סטאַציע בערעזינאַ.

דאָרט, מיט נאָך פּאַרטיעס פון רוסישע קריגס-געפאַנגענע, האָט ער פערריכט די וואַסער־דאַמבע, שלעפענדיג ביי שווערע בעדינגונגען שטיינער פון טייך און פון בערג, ארבייטענדיג נישט ווייניגער פון צוועלף שעה אין טאָג. אויפזעהער איבער דער ארבייט זענען געווען: קאַוואַלעריסטען־מאַדיארען און אונזערע סאָלדאַטען—יודען.

געפאַנגענע יודען ווערען צו דער ארבייט נישט געשטעלט. זיי דינען פאַר דאָלמעטשער און אויפזעהער און בעגעהען זיך אכזריות'דיג מיט די ארבייטענדע געפאַנגענע.

פינפאונצוואַנציג רובל פאַר די סאַניטאַרען אויף דעם פאַל, אַז
ער וועט פערוואונדעט ווערען.

דער קאָזאַקען-אָפיציר, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען
מיט עטליכע טעג שפּעטער און וועלכער האָט געשאָטען פּעך
און שוועבעל אויף יודען, האָט בשעת מעשה געגעבען אַ בולט
בילד פון די בעסטיאַלע מעשים פון זיינע ברידער די קאָזאַקען.

—מיר האָבען פערכאַפּט אין פּלען זעקס הוזאַרען,—האָט
ער דערצעהלט מיט אַ לוסטיגען קול.—נו, אונזערע יונגען האָ-
בען פינף פון זיי דערשטאָכען. דער זעקסטער איז מיר געפּע-
לען געוואָרען. האָב איך איהם געזאָגט: „ווילסט ווערען ביי מיר
אַ דינער, וועל איך דיך לאָזען לעבען”. נו, פערשטעהט זיך, אַז
ער האָט איינגעשטימט. האָב איך איהם גענומען צו זיך און
דערנאָך אָבגעשיקט איהם צו מיר אַהיים אין צאַרסקאָיע סיעלאָ.
האָב איהם אַ נאָמען געגעבען איוואַן. אַ פראַכטפולער קנעכט!

—נאָך אַמאָל,—האָט ער פאָרטגעזעצט,—געהען מיר אין אַנ׳-
אַטאַקע. אַז מיר האָבען זיך דערנעהנט אויף פופצעהן טריט פון
די שאַנצען, שיסען נאָך די עסטרייכער, די פאָדלעצעס, אין
אונז. און אַז מיר זענען געווען שוין נעבען זיי, אויף פינף
קלאַפטער, הויבען זיי אויף די הענד אין דער הויך. גיבען זיך
אונטער. אונזערע זענען געווען שטאַרק אין כעס,—אויב דו
טראַכסט אונטערצוגעבען זיך, וואָס שיסטו אַזוי אין דער נאָהנט?
אַריינגעשפרונגען צו זיי אין די שאַנצען, האָט אונזער פעלד-
פעבעל מיט׳ן גאַנצען כח דערלאַנגט זייער אָפיציר אין מאָרדע
איינמאָל און דעם אַנדערן מאָל: „אָט איז דיר שיסען אין דער
נאָהנט!” דער אָפיציר האָט אָנגעהויבען אַמפערן זיך: „ס׳טייטש!
איך בין אַ קריגסגעפאַנגענער אָפיציר!”—„אַ קריגסגעפאַנגענער
אָפיציר? דערשטעכט זיי אַלעמען, ברידער!—האָט אויסגעשריען
דער פעלדפעבעל. אָבער מיר האָבען אויסגעטראַכט אַנ׳אַנדער
זאַך. מיר האָבען זיי געזאָגט: „קלייבט אויס—אָדער מיר וועלען
אייך אַלעמען דערשטעכען, אָדער שיסט מיט אונז צוזאַמען. זיי
האָבען איינגעשטימט. אויף דעם לעצטען. מיר האָבען זיי אַוועק-
געזעצט נעבען זיך אין די שאַנצען, געגעבען ביקסען און גע-

נויט צוויי טעג צו שיסען איבער די אייגענע. מיר האָבען נאָך זיי גוט נאָכגעקוקט, זיי זאָלען שיסען ווי געהעריג. נאָכדעם ערשט האָבען מיר זיי אָבגעשיקט ווי געפאַנגענע.

—און אין די לעצטע שלאַכטען,—האָט ער צוגעגעבען,—האָבען מיר שוין קיין געפאַנגענע נישט גענומען; קיין צייט נישט געווען האָבען צו טהון מיט זיי. אויפ׳ן אָרט גע׳פּטר׳ט... מ׳זאָגט, אַז די דייטשען האָבען אפילו די פערוואונדעטע אונזערע דער׳הרג׳עט, „בעגאָסען״ פון קוילען-וואַרפער.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָב איך אויפ׳ן באַהנהויף אין לעמבערג געהערט אַ געשפּרעך פון אָפיצירען אויף דערזעלבער טעמא.

—מיר האָבען גענומען און פלעגען הונדערט און פערציג מאַן,—האָט דערצעהלט איינער.—מ׳האָט זיי אָבגעשיקט אין שטאַב מיט קאָזאַקען. געבראַכט האָבען זיי אין שטאַב נאָר אַכצעהן. „וואו זענען די איבעריגע?״ שמייכלען זיי, די קאָזאַקען: אַזוי, אייער בלאַגאָראָדיע, זיי האָבען געפּרובט אַנטלויפען, האָבען מיר זיי „צוגעענדיגט״. נאָכדעם האָבען מיר געזעהן די צוגעענדיגטע. זיי זענען געלעגען אַלע אין איין הויפען. אַ סימן, אַז זיי זענען ערגעץ נישט געלאָפען... די קאָזאַקען ווייסען שוין, אַז מען זאָגט זיי: „פיהרט אָב די געפאַנגענע״ און מ׳גיט דערביי אויסדריקליך אַ קוק און מען גיט צו: „פערשטאַנען״?—הייסט עס, אַז מ׳דאַרף זיי „צוענדיגען״. אַז מ׳זאָגט אָבער, „ברענגט די געפאַנגענע אין שטאַב״—דעמאָלט ברענגען זיי זיי גאַנצערהייד.

—אונזערע האָבען איינמאָל גענומען אין פלען איינאונפערציג מאַן און אָבגעשיקט זיי אין שטאַב מיט אַ קאָנוואָי,—דערצעהלט נאָך איינער.—אין וועג בעגעגענען זיי אַ קאָזאַקען-אָבטיילונג. „וועמען פיהרט איהר?״—„קריגס-געפאַנגענע״.—„גנו, טרעט אָב אָן אַ זייט,—הייסען די קאָזאַקען דעם קאָנוואָי. יענע זענען אָבגעטראָטען. האָבען זיך די קאָזאַקען אַ לאָז-געטהון אויף די געפאַנגענע און אין עטליכע מינוט צוהאַקט זיי אויף שטיקער. אָבגעטהון זייערס, זאָגען זיי דעם קאָנוואָי: „נו, קעהרט זיך אום און ברענגט אונז נאָך.״

געוועהנליך טיילען די קאָזאַקען אויס די סלאַוועו און לאָזען זיי לעבען.–האָט צוגעגעבען אַ דריטער.–זיי הרג׳ענען נאָר דייטשען און מאַדיאַרען. איינמאָל האָבען זיי צוהאַקט אַ מחנה געפאַנגענע. איינער פון די געפאַנגענע בעקומענדיג אַ טויטליכען קלאַפּ איבער׳ן קאָפּ, האָט נאָך געהאַט כח אויסצושרייען: „איך בין אַ סלאַווו!״ איז דער קאָזאַק צוגעגאַנגען צו איהם: „האָב קיין פּעראיבעל נישט, ברודערל, איך האָב נישט געוואוסט, פּאַרוואָס האָסטו אַזוי שפּעט געזאָגט?״

איך מוז פון זיך צוגעבען, אַז אין דער אַרמעע איז גע־ווען פּערשפּרייט די איבערצייגונג, אַז די דייטשען און עסטריי־כער נעהמען נישט אין פּלען נישט קיין קאָזאַקען, נישט קיין טשערקעסען, הרג׳ענען זיי אויפ׳ן אָרט און טהוען זיי אָן דערביי די גרעסטע יסורים. אויף וויפיל דאָס איז ריכטיג, ווייס איך נישט.

וועגען דער „ווילדער דיוויזיע״, טשערקעסען, זענען אַלע איינשטימיג, אַז זיי נעהמען נישט קיין געפאַנגענע. זיי פּערשטע־העו פשוט נישט, ווי אַזוי מען קאָן דעם פּיינד לאָזען לעבען, נאָר דערפאַר גיבען זיי זיך אַליין אויך קיינמאָל נישט אונטער אין פּלען און ווייזען אַרויס געוועהנליך אַ ריטעריִשען העלדענ־מוט פון ווילדע מזרח-קעמפּער.

אויפוויי זענדיג די גרויזאַמקייטען פון די קאָזאַקען צו גע־פאַנגענע, רעכען איך פאַר אַ חוב צו קאָנסטאַטירען, אַז ווי באַר די געפאַנגענע זענען אַרויס פון דעם פייערדיגען רינג פון שלאַכטפעלד און אַריבער אויף די הינטערשטע פּאָזיציעס און ווייטער, איז דער אויפטראַג צו זיי געווען איבעראַל אַ מענשלי־כער, אָפט אַ הומאַנער. סיי דער רוסישער סאָלדאַט, סיי די ציי־ווילע בעפעלקערונג, האָבען אַרויסגעוויזען אַ רחמנות צו די אומ־גליקליכע געפאַנגענע. נישט צו פערגלייכען מיט דעם אכזוריות׳־דיג אונמענשליכען בעגעהן זיך פון די דייטשען צו די רוסישע געפאַנגענע.

רעדענדיג וועגען קריגס-געפאַנגענע, וועל איך דאָ ברענ־גען אַ דאָקומענט, וועלכער בעווייזט, אַז די העכערע מיליטער־לייט האָבען נישט דורכגעלאָזען קיין איין מיטעל צו פערקלאָ־גען און קאָמפּראָמיטירען יודען אין די אויגען פון דער אַרמעע.

Объявляю въ копіи приказы войскамъ III-ей арміи юго-западнаго фронта сего года за №№ 272, 278, § 3 и 282 § 3 для свѣдѣнія и исполненія.

КОПІЯ.

№ 272. При атакѣ 240-мъ пѣхотнымъ Ваврскимъ полкомъ высоты 801, южнѣе Устранки-Горные былъ захваченъ среди плѣнныхъ австрійцевъ рядовой 12 пѣхотнаго Великолуцкаго полка Алексѣй Григорьевъ Харитоновъ, бывшій въ плѣну съ 8-го по 23-е марта. 9 марта онъ былъ доставленъ въ Устранки-Горные, откуда съ другими плѣнными, преимущественно евреями, въ количествѣ 13 человѣкъ былъ отправленъ пѣшкомъ на станцію Березно, гдѣ съ партіями русскихъ плѣнныхъ, исправлялъ шоссе, добывая при тяжкихъ условіяхъ камень въ рѣкѣ и горахъ, работали не менѣе 12-и часовъ въ сутки. За работами наблюдали кавалеристы мадьяры и наши солдаты-евреи. Плѣнные евреи на работы не назначаются, а служатъ переводчиками и, присматривая за работами, жестоко обращаются съ работающими. Кормятъ плѣнныхъ очень плохо: утромъ даютъ чай и вечеромъ кружку похлебки изъ кукурузной муки и 3/4 фунта сухарей. За время плѣненія хлѣбъ дали два раза, изъ коихъ одинъ разъ дали хлѣба и 1/2 фунта сала. У помѣщика въ усадьбѣ, у котораго плѣнные ночевали 20 марта, рядовой Алексѣй Григорьевичъ Харитоновъ рѣшилъ бѣжать изъ плѣна, добрался до передовыхъ австрійскихъ цѣпей, гдѣ былъ задержанъ и носилъ вещи офицеровъ, и 23 марта былъ освобожденъ частями 60 пѣхотной дивизіи. Приказываю изложенное прочесть передъ строемъ нижнихъ чиновъ во всѣхъ ротахъ, эскадронахъ, сотняхъ, батареяхъ,

אַרמעע איז אינגאַנצען צושלאָגען און טרעט אָב אין אונאָרדנונג, אַז צוויי קאָרפּוסען זענען אינגאַנצען פערניכטעט. מ׳האָט אָנגערופען די צאָהל פון די רוסישע פערלוסטען אין קאָלאָסאַלע ציפערן: אַ פירטעל מיליאָן. דריי הונדערט טויזענד מאַן זענען געפאַלען דעם ערשטען טאָג פון אָנגריף, בעת דער שונא האָט ממש פערגאָסען מיט פייער און אייזען אַ שטח פון הונדערטער ווייאָרסט וואו די רוסישע אַרמעע האָט זיך געפונען. מ׳האָט אָפען בעשולדיגט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר און דעם קאָמאַנדיר פון דער דריטער אַרמעע אין פערברעכערישער לייכטזיניגקייט, וואָס זיי האָבען פאַר די אַכט חדשים נישט פערזיכערט די הינטערשטע רוקען-פונקטען. און באמת. בשעת איך בין דורכגעפאָהרען צוויי מאָל פון בראָד קיין טאַרנאָוו און יאַסלא, האָב איך אויף דעם גאַנצען וועג נישט געזעהען נישט איין פערפעסטונג, קיין שום שאַנצען און דראָט-פערצוימונגען, חוץ די אַלטע, רואינירטע, וואָס די עסטרייכער האָבען איבערגעלאָזט אָבטרעטענדיג. און נאָר איצט, אַז די קאַטאַסטראָפע האָט אויסגעבראָכען, האָט מען זיך גענומען געאיילט פערפעסטיגען דעם צוטריט צו לעמבערג. יאַראָסלאַוו איז גענומען געווען דעם 28-טען אויגוסט און גראָבען שאַנצען אַרום שטאָדט האָט מען זיך מישב געווען מיט צוויי טעג פריהער, איידער די עסטרייכער האָבען זי צוריקגענומען.

עס פערשטעהט זיך, אַז די גענעראַלען און קאָמאַנדירען האָבען געוואָרפען די שולד איינער אויף דעם אַנדערן. דער שטאַב פון הויפּט-קאָמאַנדיר פון דרום-מערב׳דיגען פראָנט, האָט אין אַלץ בעשולדיגט ראַדקאָ-דמיטריעוון. ער פון זיין צד האָט אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף דעם פערוואַלטער פון הויפּט-קאָמאַנדירס שטאַב, דראַגאָמיראָוו׳ן, וועלכער האָט געפיהרט אינטריגעס און די גאַנצע צייט געמיהט זיך צו דערטרינקען ראַדקאָ-דמיטריעוו׳ן; נישט געענטפערט אויף זיינע אָנפראַגען, נישט געשיקט איהם קיין הילף. אין דער לעצטער שעה, אויף ראַדקאָ-דמיטריעווס דרינגענדער בקשה, שיקען צוויי דיוויזיעס, האָט ער אַרויסגעשיקט איין פאָלק א. אַז. וו. געענדיגט האָט זיך דערמיט, אַז ביידע, אי ראַדקאָ-דמיטריעוו, אי דראַגאָמיראָוו זענען גע-

ווארען אראבגעווארפען פון די ערטער. כאראקטעריסטיש איז, וואס צוזאמען מיט אלע, אפטמאל איבערגעטריבענע ידיעות וועגען מפלות פון רוסישען חיל, האבען זיך כמעט יעדען טאג פונאנדערגעטראגען קלאנגען וועגען א געוואלדיגען נצחון. דא האט מען דערצעהלט, אז די רוסען האבען אבגעווארפען דעם שונא און גענומען זיבעציג טויזענד געפאנגענע; אויף מארגען האט מען איבערגעגעבען ווי א זיכערן פאקט, אז די עסטרייכער האבען אין איין שלאכט פערלוירען פירציג טויזענד סאלדאטען; אז די רוסען האבען בכיון אבגעטראטען, כדי צו פערנארען דעם שונא און צעקלאפען איהם. דערביי האט מען נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען בסוד, אז אט-אט קומען אן צוויי דיוויזיעס, אדער צוויי קארפוסען יאפאנישער חיל מיט א שטארקער ארטילעריע, אז מ'האט שוין זיי געזעהן אויף דער און דער סטאנציע און אזוי ווייטער.

אט די אלע אויפמונטערנדע ידיעות האבען ווייניג געווירקט אויף דער שטימונג. אלע האבען געוואוסט, אז מען גרייט זיך אבגעבען לעמבערג, אז מיט עטליכע טעג צוריק האט מען ארויסגעשיקט פון שטאדט אלע פרויען פון אפיצירען, אז מ'האט אלע זאפאסען צוגעגרייט אויף דער באהן-ליניע צום אבפיהרען, אז היינט-מארגען הויבט זיך אן די עוואקואירונג פון די אנשטאלטען.

אויף וויפיל די מיליטער-לייט האבען זיך געפיהלט צורודערט, אויף אזויפיל האט די ארטיגע בעפעלקערונג ארויסגעוויזען א רוהיגקייט. די פאליאקען האבען שפאצירט איבער'ן שטאדט מיט א קאלטער פערשלאסענקייט, ווי דאס אלץ, וואס קומט פאר, וואלט זיי א האר נישט אנגערירען. נאר אין זייער פערטראכטער איינגעהאלטענקייט האט זיך געפיהלט א האפערדיגע פערטראכטונג צו די זיגער. און שטילערהייד האט מען זיך צוגעגרייט צום קבלת פנים פון די עסטרייכער, געהאלטען געהיימע בעראטונגען און געווארט אויף דעם מאמענט, מ'זאל קאנען אפען אויסדריקען די בלוטיגע שנאה צו די רוסען. אין די קאסציאלען האבען די גלחים שוין אפען גערעדט וועגען דער

באָהנטער אויסלייזונג. אַ בעקאַנטער האָט מ״ר דערצעהלט, אַז צו איהם איז געקומען זיין דינסט בעטען דעם געהאַלט פאָראויס: זי דאַרף זיך קויפען אַ נייעם הוט. דער קסיאָנדז האָט געהייסען אַז מ׳זאָל בעגעגענען דעם אָנקומענדען עסטרייכישען חיל אין יום-טוב׳דיגע קליידער און מיט בלומען.

גאָר אַנ׳אַנדער שטימונג איז געווען ביי יודען. אין די גאַסען האָט מען אין די טעג וועניגער בעגעגענט יודען ווי פריהער. מ׳האָט מורא געהאַט פאַר אַ פּאָגראָם, וועגען וועלכען מ׳האָט גאַנץ אָפען גערעדט. עס פערשטעהט זיך, אַז יודען האָבען גע־גאַרט פּטור צו ווערען פון דער רוסישער מאַכט. נאָר נישט קוקענדיג אויף דעם, זענען זיי געווען שטאַרק צורודערט און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געוואַרט אויף די עסטרייכער. זיי האָבען נישט געגלויבט, אַז די רוסען וועלען אויף שטענדיג פערלאָזען לעמבערג. עס וועט זיך איבער׳חזר׳ן וואָס עס איז שוין געשעהן אין פיל צעהנדליגער שטעדט. די עסטרייכער פערנעהמען זיי צוריק און אין אַ פּאָר וואָכען אַרום קומען ווידער די רוסען און פערטרייבען די עסטרייכער. און אָט ביי דעם אָבטרעטען פון רוסישען חיל און זיין צוריקקומען ליידען שטאַרקער פון אַלע, יודען. חוץ דעם מוז מען זאָגען, אַז אַ טייל יודען ביי זייער גאַנצען פּאַטריאָטיזם, האָבען זיך צוגעוועהנט צו די רוסען און האָבען זיך נישט גאָר שלעכט געפיהלט אונטער זייער ממשלה. איבערהויפּט קרעמער און הענדלער האָבען זיך צוגעפּאַסט צו די רוסען. מיר איז אויסגעקומען פון עטליכע קרעמער צו הערען, אַז די רוסישע אָפיצירען זענען פיל מאָל גראָב, שרייען און זידלען זיך, אָבער אין אַלגעמיין זענען זיי מענשליכער פאַר די דייטשע אָפיצירען. און דערהויפּט זענען די רוסען נישט אַזעלכע „פּעניג-לייט“, ווי די דייטשען, זיי דינגען זיך נישט און גיבען גוט צו פערדינען. ווי איך האָב זיך נאָכדעם דערוואוסט, האָבען זיך אין לעמבערג געפונען איינִיגע אינטעליגענטע יודישע געזינדען מיט אַנ׳אויסגעשפּראָכענער רוסאָפילישער אָריענטאַציע. זייער שטאַנדפּונקט איז געווען אַזאַ: רוסלאַנד, פערנעהמענדיג גאַליציע, וועט אונטער דעם דרוק פון

שלום-קאָנגרעס מוזען געבען די גאַליציאַנער יודען דיזעלבע רעכט, וואָס זיי האָבען געהאַט אונטער עסטרייך, און האָבענדיג די רעכט, וועלען זיי גרינגער מנצח זיין דעם רוסישען אַנטיסעמיטיזם, איידער דעם עסטרייכישען קלעריקאַליזם, וועלכער האָט זיך געגעבען צו פיהלען גאַנץ שטאַרק און אין אַ בעליידיגענדער פאָרם.

די מהומה האָט קודם כל אָבגערופען זיך אויף יודען. אויף דעם אויפטראָג פון דער מאַכט צו זיי. דער אויבערפערוואַלטער פון גאַליציע, גראַף באָברינסקי, האָט זיך געפונען אין פעטערבורג און זיין איינפלוס איז איינגאַנצען געפאַלען. דער פאַקטישער בעל-הבית אין לעמבערג און איבער גאַליציע איז געבליבען דער לעמבערגער גובערנאַטאָר, דער געוועזענער קיעווער פאָליציי-מייסטער סקאַלאָן, אַ בעוואוסטער חבר'ניק, וועלכער איז, דוכט זיך, עטליכע מאָל געווען אָבגעשאַפט פאַר זיינע מעשים. אין לעמבערג האָט ער אָפען גענומען שוחד, געריסען פון טויטע און לעבעדיגע, גענומען פון איינצעלנע לייט און פון דער גאַנצער קהילה. כל זמן די רוסען זענען געזעסען שטאַרק אין גאַליציע און ער האָט געקוקט אויף זיין שטעלע ווי אויף אַ דויערענדער, האָט ער זיך אויפגעטראָגען צו יודען נאָך ווי נישט איז דערטרעגליך. איצט אָבער, אַז ער האָט דערפיהלט אַז עס קומט אַנ'עק צו זיין ממשלה, האָט ער בעשטימט מיט אַמאָל אַראָבצורייסען פון יודען אַ פעטע מטבעה. צוליב דעם האָט ער גענומען שרעקען זיי מיט די האַרבסטע שטראָפען. ער האָט גערופען צו זיך דעם לעמבערגער רב הר' בראַודא און האָט איהם שטרענג געזאָגט:

—ביז איצט האָבען יודען אויפגעהאַלטען זיך רוהיג און מיר האָבען אַרויסגעוויזען אַנטקעגען זיי די גרעסטע גוטמוטיגקייט. איצט האָבען זיי אָנגעהויבען אויפהויבען די קעפּ, זיי ווייזען אָפען אַרויס זייער פיינדשאַפט צו רוסלאַנד. גיט זיי איבער, אַז זיי שפּילען זיך מיט פייער. געדענקט, אַז אין מיין מאַכט איז צו הענגען יעדען צעהנטען, אפילו יעדען פינפטען!

די רעדע האָט, פערשטעהט זיך, אַרויסגערופען אַ שרעק-

ליכֿע פּאַניק צווישען דער יודישער בעפעלקערונג. מ'האָט מורא געהאַט נישט אַזוי פאַר דעם הענגען, ווי פאַר אַן אָרגאַניזירטען פּאָגראָם. מ'האָט צונויפגעזאַמעלט אַ היבשע סומע געלד, עטליכע טויזענד רובל, און געגעבען סקאַלאָנען. נאָר ער האָט זיך דערמיט נישט בענוגענט. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער וועט פערמאַכען דעם הילפס-קאָמיטעט. דערביי האָט ער געמאַכט ביי עטליכע מיטגלידער פון קאָמיטעט אונטערזוכונגען, צווישען אַנדערע, ביים ד"ר הויזנער. צוויי מיטגלידער פון קאָמיטעט זענען געוואָרען אַרעסטירט. דערביי האָט ער געגעבען קלאָר צו פערשטעהן, אַז ער וואַרט אויף אַ בעזונדער „וזיאַטקע" פון קאָמיטעט. ביי אונז איז געוועזן אַ ספּעציעלע בעראַטונג וועגען דעם. דאָס מעהרסטע טייל האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מ'זאָל איהם פאָרלעגען עטליכע טויזענד רובל מיט דעם תנאי, ער זאָל צוזאָגען, אַז ער וועט אָבהיטען פון אַ פּאָגראָם בשעת דעם אָבטרעטען פון דער אַרמעע. איך האָב ווייניג וואָס געגלויבט אין סקאַלאָנס מאַכט אָבצוהיטען פון אַ פּאָגראָם, איבערהויפּט נאָך דערפאַר, ווייל ער וועט מסתמא אַנטלויפען פון שטאָדט פיל פריהער. נאָר נישט קוקענדיג אויף דעם און אויף דעם עקעל צו אַזעלכע מיטלען, האָב איך קיין מוט נישט געהאַט צו שטעלען זיך אַנטקעגען, אָבזאָגען זיך פון דעם עפּעמערן מיטעל אָבצוהיטען די בעפעלקערונג פון אַ פּאָגראָם, און איך האָב אַסיגנירט אויף דעם צוויי טויזענד רובל. דאָס געלד סקאַלאָנען האָט געדאַרפט איבערגעבען זיינער אַ בעקאַנטער, אַ קיעווער סוחר מ—ן. איך האָב מ—ן אַרויסגעגעבען נאָר טויזענד רובל און אָבגערעדט, ער זאָל צוזאָגען אָבגעבען די אַנדערע טויזענד נאָכ'ן אָבטריט, אויב קיין פּאָגראָם וועט נישט זיין. מ—ן איז געוועזן ביי סקאַלאָנען, האָט איהם געזאָגט, אַז די אָרטיגע יודען, פערשטעהענדיג זיין שווערע לאַגע ביים אָבטרעטען פון שטאָדט, קומען איהם צו הילף מיט אַ סומע פון טויזענד רובל און בעטען ער זאָל זיי אָבהיטען פון אַ פּאָגראָם און אויב איהם וועט זיך דאָס איינגעבען, זאָגט ער, מ—ן, צו נאָך טויזענד רובל. סקאַלאָן האָט איהם רוהיג אויסגעהערט, צוגענומען די טויזענד רובל און אָנגעוויזען:

—די אַנדערע טויזענד רובל גיט איבער מיין פרוי אין פעטראָגראַד, אויף דעם און דעם אַדרעס. אָבער שיקט זיי איהר איבער דורך אַ זיכערן מענשען, און ער זאָל נישט בעטען קיין שום קבלה-צעטלען.

איך מוז מודה זיין, אַז די אַנדערע טויזענד רובל איז סקאַלאָנס ווייב נישט אָבגעשיקט געוואָרען.

סקאַלאָן האָט זיך נישט בעגוגענט מיט דער „וויאַטקע". די לעצטע טעג פאַר דעם אָבטריט פון לעמבערג, האָט ער אָנגע-זאָגט די רייכערע לעמבערגער יודען, אַז זיי וועלען גענומען ווערען פאַר זאַקלאַדניקעס, נאָר ער איז גרייט אויסצומעקען זיי פון צעטעל פאַר אַ גוטען אויסקויף. איינינע האָבען איינגעשטימט, געגעבען איהם צו עטליכע טויזענד רובל. און אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיי פאָרט אַרעסטירט און אָבגעשיקט קיין רוס-לאַנד ווי זאַקלאַדניקעס.

אין לעמבערג האָב איך זיך דערוואוסט איינינע פּרטים וועגען פּושעמישל. בשעת די רוסען זענען אַריין, האָט אין שטאָדט געהערשט צווישען דער ציווילער און איבערהויפּט יודי-שער בעפעלקערונג אַ שרעקליכער הונגער. פּסח האָבען יודען נישט געהאַט קיין מצה אפילו אויף המוציא צום ערשטען סדר און דער רב האָט מתיר געמאַכט עסען חמץ. אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום האָט מען אַרויסגעשיקט פון פּושעמישל אַלע יודען, דוכט זיך ביי צוואַנציג טויזענד מאַן. פון זיי זענען דרייצען טויזענד אָנגעקומען אין לעמבערג. צום אָרגאַניזירען דעם אַרויס-פאָהר האָט דער קאָמענדאַנט ערלויבט (אָדער בעפוילען) צו גרינדען אַ יודישען אויספיהרונגס-קאָמיטעט. וועגען דעם געפינט זיך ביי מיר דער פאָלגענדער דאָקומענט.

„Въ еврейскій исполнительный комитетъ.

„По приказанію командира крѣпости „Перемышль" объявляю, что евреи города Перемышля и уѣзда должны уѣзжать изъ предѣловъ Перемышльскаго уѣзда въ самый короткій срокъ. Желая облегчить эту эвакуацію, я назначилъ исполнительный комитетъ изъ самихъ-же евреевъ. Свободные вагоны будутъ предоставлены для отъѣзжающихъ евсеевъ жителей гор. Перемышля и Перемышльскаго уѣзда.

„Если евреи не будутъ добровольно уѣзжать и не исполнятъ распоряженій комитета, то я буду вынужденъ прибѣгнуть къ самой энергичной мѣрѣ: полкъ казаковъ произведетъ эвакуацію въ нѣсколько часовъ, но пускай тогда ослушники пенятъ на самыхъ себя.

Начальникъ Перемышльскаго уѣзда Гвардіи полковникъ КИРІАКОВЪ

Къ печатанію разрѣшено начальникомъ уѣзда.

איבערזעצונג פון רוסישען טעקסט:

צום יודישען אויספיהרונגס־קאָמיטעט.

לויט'ן בעפעהל פון קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג פשעמישל, מעלד איך, אז די יודען פון דער שטאָדט פשעמישל און פון דער אומגעגענד מוזען ארויספאָהרען פון דעם שטח פון פשעמישלער געגענד ווי אמשנעלסטען.

וועלענדיג פערלייכטערן די עוואקואציע, האָב איך בעשטימט אַנ'אויספיהרונגס־קאָמיטעט פון יודען זעלבסט. פאר די אָבפאָהרענדע יודישע איינוואוינער פון פשעמישל און דער אומגעגענד, וועלען ווערען צוגעשטעלט פרייע וואַגאָנעס.

אויב די יודען וועלען גוטוויליג נישט וועלען אוועקפאָהרען און זיי וועלען נישט וועלען ערפילען די פעראָרדנונגען פון קאָמיטעט, וועל איך זיין געצוואונגען אנצונעהמען דעם שטרענגסטען מיטעל: א פאָלק קאָזאַקען וועט דורכפיהרען די עוואַקואציע אין עטליכע שעה. אָבער זאָלען דאַן די ווידערשפעניגע האָבען טענות צו זיך אליין.

פערוואַלטער פון פשעמישלער אומגעגענד פון גוואַרדיע דער פאָלקאָווניק קיריאַקאָוו.

צום דרוקען האָט ערלויבט דער פערוואַלטער פון דער געגענד.

שפּעטער האָט מיר דערצעהלט אַ דאָקטאָר, שאַפּיראָ, וועל־כער האָט זיך געפונען אין פּזשעמישל בשעת מען האָט פון דאָרט אַרויסגעשיקט די יודען, אַז דאָס אַרויסשיקונג איז פּאָר־געקומען שבת. פריי‫טאָג-צו-נאַכט איז ער געווען אין שוהל, וואו די יודען האָבען צום לעצטען מאָל געדאַווענט. עס איז נישט צו בעשרייבען, וואָס פּאַר אַ ביטערע יללה עס איז געווען אין שוהל. נאָך דעם דאַווענען האָט מען פערשלאָסען די שוהל...

אַז אין פּזשעמישל זענען קיין יודען נישט פערבליבען און עס איז נישט געווען אויף וועמען צו מאַכען בלבולים פון שפּיאָנאַזש, האָט מען זיך גענומען צו יודישע סאָלדאַטען. מ׳האָט געמאַכט אַ בלבול, אַז יודישע סאָלדאַטען האָבען איבערגעשניטען אַ טעלעפאָן-דראָט און מען זאָגט, אַז מ׳האָט אַרויסגעשיקט פון דאָרט אַלע יודישע סאָלדאַטען.

ווי נאָר די שטימונג אין לעמבערג איז געוואָרען אַנ׳אונ־זיכערע, האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז מען וועט אַלע דרייצעהן טויזענד פּזשעמישלער יודען אַרויסשיקען קיין רוס־לאַנד. נאָכדעם האָבען זיך געהאַלטען קלאַנגען, אַז מען וועט אַרויסשיקען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג פון לעמבערג. דאָס האָט, פערשטעהט זיך, אַרויסגערופען אַ שרעקליכע אומרוהיגקייט צווישען די יודען. נאָר די גזירה איז נישט פערווירקליכט גע־וואָרען. אפשר דערפאַר, ווייל עס איז קיין צייט נישט געווען דערויף.

## ד

פּונקט צו דער צייט, ווען די רוסען האָבען אָנגעהויבען אָבצוטרעטען פון גאַליציע, האָט זיך ענדליך קאָנסטיטואירט דער לעמבערגער יודישער הילפס-קאָמיטעט מיט ד״ר דיאַמאַנד׳ן בראש און האָט אָנגעהויבען נאָרמאַל צו פונקציאָנירען. איך מוז בע־מערקען, אַז נאָך פיל פריהער, איידער ער האָט זיך אָרגאַניזירט, איז אין איהם שוין די אַרבייט געגאַנגען. פון פּעטראָגראַד און

קיעוו זענען געשיקט געוואָרען היבשע סומען געלד. דער גאַנצער אויפטראָג איז געוועזן מיט׳ן ד״ר הויזנער און אַלע מיטלען זענען געגאַנגען כמעט אויסשליסליך פאַר לעמבערג, אויף אָרגאַניזירען איינינע אַנשטאַלטען, אָכראַנקעס, קיכען. כמעט אַלץ פאַר די איינגעוואַנדערטע היימלאָזע פון פּשעמישל און אַנדערע ערטער. איצט, אַז דער קאָמיטעט האָט זיך אָפיציעל קאָנסטרואירט, איז די אַרבייט אין שטאָדט אַוועקגעשטעלט געוואָרען ברייטער און מ׳האָט אָנגעהויבען מעהר זאָרגען וועגען דער אַרומיגער געגענד. אפילו מיט גרויס מיה, נאָר עס האָט זיך איינגעגעבען אַריבערצושיקען, דאָס רוב דורך יודישע דאָקטוירים און סאַניטאַרען, אין די נאָהנטסטע שטעדט און שטעדטלעך היבשע סומען. אַז איך בין געקומען, האָט זיך אין קאַסע פון קאָמיטעט געפונען אַכצעהן טויזענד רובל, וועלכע זענען שוין געוועזן בעשטימט צום אָבשיקען אין דער פּראָווינץ. די שטורמדיגע געשעהענישען און די אונבעשטימטקייט פון דער לאַגע, ביי וועלכער לעמבערג האָט געקאָנט, נישט אַריבערגעהענדיג נאָך צו די עסטרייכער, ווערען אָבגעשניטען פון קיעוו און פּעטראָגראַד אין דער הינזיכט פון בעקומען געלד (ווען די באַנקען זאָלען עוואַקואירט ווערען), האָט געפאָדערט, אַז דער קאָמיטעט זאָל וואָס גיכער בעקומען אַ היבשען סכום געלד. ד״ר הויזנער האָט שוין וועגען דעם טעלעגראַפירט אין פּעטראָגראַד, נאָר ער איז נישט זיכער געווען, צי מען וועט שיקען. דערום האָב איך טעלעגראַפירט אויך אין קיעוו. געענדיגט האָט זיך דערמיט, אַז אין איין טאָג האָט זיך בעקומען פון ביידע ערטער צו פופצעהן טויזענד רובל.

אין לעמבערג האָב איך געטראָפען ד״ר לאַנדער, וועלכער האָט הויפּטזעכליך איינגעאָרדענט די אַרבייט פון קאָמיטעט און אַליין פונאַנדערגעפיהרט געלד אין איינינע שטעדט. ליידער אָבער האָט ער געמוזט אויף אַן׳אומבעשטימטער צייט פערלאָזען לעמבערג, ווייל ער איז אַריבערגעפיהרט געוואָרען אין דער אַקטער אַרמעע און קאָמאַנדירט צו רעווידירען די סאַניטאַרע פונקטען און לאַזאַרעטען.

דער קאָמיטעט האָט מיר פאָרגעלעגט נעהמען אויף זיך

אָבצופיהרען געלד אין די אַרומיגע פונקטען. איך האָב, פער־שטעהט זיך, איינגעשטימט. נאָר אַזוי ווי אין די נאָהנטסטע טעג איז געווען בעזאָרגט די אָבשיקונג דורך אַנדערע, בין איך דער־ווייל פערבליבען אין לעמבערג, אום צו זעהען זיך מיט קאָמי־סאַרצאָו׳ן (דעם פערוואַלטער פון דאָלגאָרוקאָווס אָבטיילונג) און דעמידאָו׳ן, כדי צו בעקומען פון זיי אַ וועלכע עס איז קאָמאַנ־דיראָווקע אין די שטעדט, אין וועלכע איך האָב געדאַרפט פּאָה־רען פון קאָמיטעט. אי קאָמיסאַראָוו, אי דעמידאָוו האָבען גע־דאַרפט אָנקומען אין לעמבערג ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום.

איך האָב זיך געטראָפען מיט דעם פערוואַלטער פון פּי־ראָגאָווער אָבטיילונג, באָנטש-אָסמאָלאָווסקי׳ן. ער האָט מיר דער־צעהלט וועגען דער אַרבייט פון זיין אָבטיילונג: איינגעאָרדענט אין זעקס ערטער שפּייז און מעדיצין-פונקטען. איהם האָט זיך איינגעגעבען צו בעקומען פון זעמסקי סאָיוז פיל סוכאַרעס. דאָ, אין לעמבערג, האָט די אָבטיילונג איינגעאָרדענט הילף דורך אַר־בייט: אָרגאַניזירט אַ פּאַפּיראָסען-ווערקשטאַט פאַר צוואַנציג אַר־בייטערינס, יודישע און קריסטליכע. די אַרבייט קאָן געבען אַ גוטען פערדינסט און מען קאָן זי פערברייטערן, נאָר עס פעהלט אויס מיטלען אויף איינצוקויפען טאַבאַק. בכן בעט ער, איך זאָל אַרויסגעבען אויף דעם אַ געוויסע סומע געלד. אַזוי ווי די אונ־טערנעהמונג האָט זיך מיר אויסגעוויזען סימפּאַטיש, האָב איך איהם געגעבען דריי הונדערט רובל. אויף מאָרגען איז באָנטש-אָסמאָלאָווסקי ווידער געקומען צו מיר, בעטען איך זאָל פאָהרען מיט איהם בעזוכען די פונקטען, וועלכע ער האָט איינגעאָרדענט אין מאַגעראָוו, ראַווא-רוסקאַ, בעלזעטש און נאַראַל. פון זיינע רייד האָב איך פערשטאַנען, אַז ער רופט מיך בעקוקען די פונקטען, כדי איך זאָל מיטווירקען, אַז דער פּעטראָגראַדער הילפס-קאָמיטעט זאָל איהם אַרויסגעבען אַ סובסידיע פון פינף טויזענד רובל. דערביי האָט באָנטש-אָסמאָלאָווסקי שטאַרק געקלאָגט זיך אויף זיין מיטהעלפערין, פר״ל ווידרינא, וועלכע שטערט די אַרבייט, פערפיהרט מחלוקות׳ן און וויל אַלץ שטעלען אויף איהרס. און ביידע מאָל נאָך זיין בעזוך, איז ביי מיר

געוועזן ווידרינאַ. זי האָט פון איהר צד שטאַרק געקלאָגט זיך אויף באַנטש-אָסמאָלאָווסקי׳ן, וואָס ער הויבט אָן פיל אונטער־נעהמונגען, אָרגאַניזירט זיי שלעכט און וואַרפט זיי אין מיטען אוועק, נישט בעראַטענדיג זיך מיט די איבריגע מיטגלידער פון דער אָבטיילונג. דהיינו, עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ הילפספונקט אין טישאַנאָוו, וואו די בעפעלקערונג נויטיגט זיך שטאַרק אין הילף. איצט האָט באַנטש-אָסמאָלאָווסקי מיט אַמאָל איהם צושטערט, אָהן אַ שום אורזאַך. און זי האָט מיך פון איהר צד געבעטען אַרי־בערפאָהרען אין טישאַנאָוו. וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון הילף דורך אַרבייט מיט דעם פּאַפּיראָסען-ווערקשטאַט, האָט מיר ווידרי־נאַ דערצעהלט, אַז דאָרט אַרבייטען נישט צוואַנציג נאָר זיבען אַרבייטערינס, צווישען זיי נאָר איין יידישע. די פערוואַלטערין פון ווערקשטאַט, אַ פּוילישע פרוי, לאָזט קיין יודישע אַרבייטע־רינס נישט צו און אויף דעם באָדען איז ביי ווידרינאַ מיט איהר געוועזען אַ צוזאַמענשטויס. מיר איז געוועזן שווער פונאַנדער־צוקלויבען זיך, ווער פון זיי ביידען, ווידרינאַ אָדער באַנטש־אָסמאָלאָווסקי, איז גערעכט. נאָר דאָס איז פאַר מיר קלאָר גע־וואָרען, אַז די איינציגע אויפן גאַליצישען פראָנט אונאָבהענגיגע גע־זעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט דעם ציל העלפען דער בעפעלקערונג אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, האָט נישט געפונען נישט קיין באָדען, נישט קיין מיטגעפיהל, נישט קיין פעהיגע אָרגאַניזאַטאָרען און ווערט צעפאַלען פון אי־נערליכע רייבונגען. דאָס איז כדאי געוועזן צו פערצייכענען.

דעם 8-טן האָב איך זיך געזעהן מיט דעמידאָוו׳ן. ווי נאָר עס זענען אָנגעקומען אין מאָסקווא די ערשטע ידיעות וועגען דער רוסישער מפּלה, האָט ער, נאָך נישט קיין געזונדטער, אומגע־קעהרט זיך אין גאַליציע. זיין אָבטיילונג האָט זיך קוים געראַ־טעוועט און געפינט זיך איצט אויפן וועג קיין וואָלאָטשיסק און ביידע פלוג-פונקטען נעבען פּשעמישל, איינער אין ראַדימנאַ, צוואַנציג ווערסט פון פּשעמישל און דער צווייטער אַ ביסעל דרום׳דיגער. די שטימונג איז ביי דעמידאָוו׳ן געוועזן זעהר אַ געדריקטע, נאָר ער האָט נאָך קיינעם נישט געזעהן און ווייסט

נישט די ריכטיגע לאַגע. ער איז געווען צופרידען מיט מיין קו-מען, געבעטען מיך צושטיין צו זיין אָבטיילונג. אַזוי ווי ער האָט געמוזט גלייך אָבפאָהרען צו דער אָבטיילונג, האָט ער מיך געבעטען אויסוואַרטען אַ פּאָר טעג אויף זיין צוריקקומען קיין לעמבערג.

דעם 10-טען האָט ער זיך אומגעקעהרט שטאַרק צורודערט און נידערגעשלאָגען. ער האָט מיר בסוד געזאָגט, אַז די קאַ-טאַסטראָפע איז פיל גרעסער, ווי מ'שטעלט זיך פאָר, אַז רוס-לאַנד שטעהט ביים אָבגרונד, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ דורכ-ריס פון שונא'ס חיל, נאָר אַ טאָטאַלער חורבן פון דער אַרמעע, אַז ביי אונז איז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמעע און די סטראַטעגיע פון מלחמה אין שרעקליכסטען צושטאַנד, נישטאָ קיין סנאַריאַדען, נישטאָ קיין געוועהר. און שולדיג אין אַלץ איז דער פעררעט און די לייכטזיניגקייט פון די העכסטע ספערען. גע-מיינט האָט ער דערמיט די סטאַווקע פון העכסטען הויפּט-קאָ-מאַנדיר און די סביבה פון קיסר. דערביי האָט ער שטאַרק פערטיידיגט ראַדקאָ-דמיטריעוו'ן.

—ער איז אַ האָר נישט שולדיג אין דעם אומגליק. די לעצטע צוויי חדשים האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען וועגען דער געפאַהר וואָס רוקט זיך אָן. האָט פערוואָרפען די סטאַווקע מיט טעלעגראַמען וועגען דער דרינגענדער נויט אין סנאַריאַדען און אין פערשטאַרקונגס-חיל—און מ'איז געבליבען טויב צו אַלע זיינע בקשות. איבערהויפּט איז אין דעם שולדיג דער נאַטשאַלניק פון איוואַנאָווס שטאַב, גענ. דראַגאָמיראָוו, וועל-כער איז פריהער געווען נאַטשאַלניק פון שטאַב פון דער דריי-טער אַרמעע און האָט די גאַנצע צייט געפיהרט אינטריגעס גע-גען ראַדקאָ-דמיטריעוו'ן. ער איז איצט דערפאַר אָבגעשאַפט אָהן דער רעכט צו געפינען זיך אויפ'ן שטח פון מלחמה-אָפּעראַציעס. מ'זאָגט, אַז איוואַנאָוו איז אויך אַראָב.

—און ראַדקאָ-דמיטריעוו איז דאָך אויך אַראָב.

—יאָ... דאָס הייסט, ער האָט בעקומען אַנ'אָטפּוסק אויף דריי וואָכען מיט'ן בעפעהל נאָכדעם אומצוקעהרען זיך אין דער

אַרמעע... ער ווייסט נאָך אַליין נישט, וואָס מיט איהם וועט זיין... איך האָבּ איהם היינט געזעהן. איך בין געפֿאָהרען צו איהם געזעגענען זיך.

—ווי איז זיין שטימונג?

—ער איז זעהר מונטער. ער פֿאָהרט אויף די דריי וואָכֿען היילען זיך און איז זיכֿער, אַז זיין אונשולד וועט זיך אַרויסווייזען. „איך האָבּ זיך נישט געיאָגט נאָך דער קאָמאַנדירונג פֿון אַנ׳אַרמעע,—האָט ער מיר געזאָגט.—איך האָבּ געבּעטען אַ בּריגאַדע, האָט מען מיר געגעבּען אַ קאָרפּוס, דערנאָך אַנ׳אַרמעע. איצט וועל איך גאָרנישט האָבּען דאַגעגען, אויבּ מ׳וועט מיר געבּען אַ בּריגאַדע.

איך האָבּ דערצעהלט דעמידאָוו׳ן דעם גאַנצען פֿאָרפֿאַל מיט׳ן פֿירשט דאָלגאָרוקאָוו. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט געוואוסט בּלויז, אַז דאָלגאָרוקאָוו איז אָבּגעשאַפֿט פֿון זיין אָבּטיילונג, נאָר ער האָט קיין שום פֿרטים נישט געוואוסט.

—ראַדקאָ-דמיטריעוו האָט מיר מעהר נישט געזאָגט, אַז איהם פֿערדריסט, וואָס עס איז אַזוי פֿאָרגעקומען מיט דאָלגאָרוקאָוו׳ן.

איך האָבּ אַרויסגעזאָגט דעמידאָוו׳ן מיין מיינונג וועגען דער גאַנצער געשיכֿטע און האָבּ צוגעגעבּען, אַז ער, דעמידאָוו, און די איבּעריגע, וועלכֿע האָבּען געאַרבּייט אַלס בּעפֿולמעכֿטיגטע צוזאַמען מיט דאָלגאָרוקאָוו׳ן, זענען מחויב שטעלען זיך פֿאַר איהם, אויסדריקען זייער סאָלידאַריטעט מיט איהם און טהון וואָס איז מעגליך, צו רעהאַבּיליטירען דעם פֿירשט און מאַכֿען, אַז מ׳זאָל איהם אומקעהרען צוריק אויף זיין פּאָסט.

דעמידאָוו האָט זיך אויפֿגערעגט און האָט אָנגעהויבּען געאיילט צו ריידען:

—איצט איז צו דעם נישט די צייט, נישט די צייט! איצט קאָן מען וועגען דעם גאָרנישט טהון! מ׳קאָן זיך צו קיינעם נישט ווענדען בּיי אַזאַ מהומה...

—די מהומה וועט דאָך נישט לאַנג דויערן...

—מ׳קאָן נישט וויסען, אפשר זעהר לאַנג. נאָר דער תּוכֿן איז נישט אין דעם... וואָס קאָן מען דאָ גלאַט אונטערנעהמען?...

איך, פערשטעהט זיך, וואָלט זיך נישט אָבזאָגען עפּעס צו טהון, נאָר איך זעה נישט איין, וואָס צו טהון... דערצו מוז איך אייך זאָגען, אַז דער פירשט אַליין איז פיל שולדיג אין דער געשע-העניש... ער האָט אַלעמען אויפגעשטעלט געגען זיך, יעדערן אַרויפגעטראָטען אויפ׳ן פוס. דער טאַרנאָווער קאָמענדאַנט מאַר-קעוויטש, האָט נישט געקאָנט רוהיג דערמאָנען זיין נאָמען. איהר ווייסט די געשיכטע פון דער צושטעלונג פון פיער באַרמהערציגע שוועסטער פון דאָלגאָרוקאָווס אָבטיילונג צום בעשענקונג מיט געאָרגי-צלמים? מאַרקעוויטש האָט זיי צוגעשטעלט און דאָלגאָרו-קאָוו, נישט רעכענענדיג זיך מיט איהם, האָט ערקלערט אין שטאַב, אַז די שוועסטער האָבען נישט פערדינט די צלמים. מאַרקעוויטש איז דעמאָלט געקומען צו לויפען צו מיר אויסער זיך פון כעס. אויפגעשטעלט האָט דער פירשט קעגען זיך אויך די קאָמאַנדירען פון איינאונצוואַנציגסטען און ניינטען קאָרפּוס מיט איינינע זיינע מעשים... ווייטער האָט זעהר אַ שווערען איינדרוק געמאַכט, ווי ער האָט רעקלאַמירט אין „רוסקיע וויע-דאָמאָסטי״ זיין אייגענע טעטיגקייט. איהר האָט געלייענט זיינע קאָרעספּאָנדענציעס? לייענענדיג זיי, קאָן מען מיינען, אַז חוץ די עסטרייכער און דאָלגאָרוקאָווס אָבטיילונג איז אויפ׳ן גאַנצען פראָנט מעהר קיינער נישטאָ... און בכלל האָט ער אָבגעטהון פיל אונטאַקטישע זאַכען... נאָר, ס׳פערשטעהט זיך, אַז נישט קוקענ-דיג אויף דעם, מוז מען אַרויסטרעטען, אונטערנעהמען עטוואָס, כדי צו ליקווידירען דעם אינצידענט. אָבער באמת, איך זעה נישט איין, וואָס מ׳קאָן דאָ טהון...

—איך רעכען, אַז עס איז נויטיג צו ווענדען זיך צום הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער דרום-מערב׳דיגער אַרמעע, איוואַנאָוו׳ן, מיט אַנ׳ערקלערונגס-בריף וועגען דעם אינצידענט...

—ניין, ניין!—דאָס איז לחלוטין אונמעגליך. איוואַנאָוו האָט אַרויסגעגעבען זיין פּסק אויף דעם סמך פון בעשטימטע פאַר-שטעלונגען און פאַקטען און ער וועט זיך נישט רעכענען מיט קשות און ערקלערונגען פון זייטיגע מענשען... ניין, דאָ דאַרף מען אָנהויבען פון אונטען. מ׳דאַרף זיך דורכריידען מיט מאַר-

קעוויטש׳ן און די קאָמאַנדירען פון איינאַונצוואַנציגסטען און ניינטען קאָרפּוס, זיי זאָלען דערלאַנגען אַ נייע פאָרשטעלונג וועגען דעם ענין. איך זאָג אייך צו, אַז ווי נאָר די לאַגע וועט ווערען אַ ביסעל רוהיגער, וועל איך זיך נעהמען דערפאַר, וועל דורכריידען מיט די קאָרפּוס-קאָמאַנדירען און מיט מאַרקעוויטש׳ן, נאָר איך ווייס נישט, וואו ער געפינט זיך איצט.

—איז כדאי צו זוכען איהם און ריידען מיט איהם?—האָב איך געפרעגט, דערמאָהנענדיג זיך וועגען דער אָבשטויסענדער פערזענליכקייט פון טאַרנאָווער קאָמענדאַנט.

—ניין, ניין! מיט איהם איז זעהר ווילטיג צו זעהן זיך!—האָט איבערגע׳חזר׳ט דעמידאָוו, נישט פערשטעהענדיג מיין פראַגע.

צו דעם געשפּרעך מוז איך צוגעבען, אַז איך האָב נישט געפונען אין די קאָרעספּאָנדענציעס פון פירשט דאָלגאָרוקאָוו די זעלבסט-רעקלאַמע, וועגען וועלכער דעמידאָוו האָט גערעדט. געוועהנליכע בעשרייבונגען פון דער אַרבייט פון אָבטיילונג און, עפּטער, מלחמה-בילדלעך און כאַראַקטעריסטיקען פון קאָמאַנדירען. מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער האָב איך זיך געטראָפען מיט פּרופ׳ ד״ר שאַפּירא, זי האָט מיר מיטגעטיילט, אַז איהר קאָלעגע, ד״ר וואָלפסאָן, האָט מען, נישט קוקענדיג אויף אַלץ, אָבגעזאָגט פון שטעל. נאָר פּאַר איהר האָט זיך געשטעלט סטאַכאָוויטש און צוגעזאָגט רעהאַביליטירען זי. ד״ר שאַפּירא, וועלכע איז געוועזן פער׳מסר׳ט פון מאַרקעוויטש׳ן, האָט זיך געטראָפען מיט איהם.

—ער האָט זיך פערענטפערט, געשוואָרען, אַז עס איז אַרויס אַ מיספערשטענדניש און כדי מהנה צו זיין מיך, האָט ער מיך איינגעלאַדען אויף אַ וואַרימעס. נאָר איך בין צו איהם נישט געגאַנגען. איך ווייס שוין וואָס פּאַר אַ ווערט זיינע ווערטער האָבען,—האָט זי מיר געזאָגט.

דעמידאָוו האָט מיר פאָרגעלייגט נעהמען אויף זיך די פערוואַלטונג פון לעמבערגער באַזע פון זיין אָבטיילונג, ד. ה. נעהמען אויף זיך צו בעזאָרגען אַז די אָבטיילונג, וואָס געפינט זיך אין וואָלאָטשיסק און די אָבטיילונגען, וועלכע שטייען נעבען

פזשעמישל זאָלען בעקומען אַלץ וואָס זיי דאַרפען, פון לעמבער-גער לאַגער. ווייטער האָט ער פאָרגעלעגט, איך זאָל נעהמען אויף זיך אָרגאַניזירען הילף פאַר דער בעפעלקערונג, פון די נדבות, וואָס עס האָט בעקומען אויף דעם צוועק די גאָסודאַר-סטווענע דומע.

מיך האָט נישט געצויגען דער פאָרשלאָג. פאַר מיר האָט נישט געהאַט קיין ציל בלייבען זיצען אין לעמבערג. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל זיך מישב זיין.

אין קאָמיטעט האָבען מיר געמאַכט אַ רשימה פון די שטעדט און שטעדטלעך, וואוהין עס איז נויטיג אָבצופיהרען געלד. איך האָב געוואַרט אויף דעם בעפולמעכטיגטען פון דאָל-גאָרוקאָווס אָבטיילונג, קאָמיסאַראָוו'ן, כדי דורך איהם צו בעקו-מען אַנ'אָפיציעלען אויסרייד צו בעזוכען די ערטער. דערווייל האָב איך בעשטימט דורכצופאָהרען אין פלוגס-אָבטיילונג פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע און פאַרבייפאָהרענדיג בעזוכען יאַנאָוו, יאַוואָראָוו און קרוקאָוועץ.

איך האָב זיך שוין גאָר צוגעגרייט פאָהרען, ווי צו מיר איז געקומען דעמידאָווס געהילף און געבעטען אַריבערפאָהרען אין פזשעמישל און ברענגען פון דאָרט עטליכע הונדערט לאַזאַרעט-בעטלעך פון די צעהנדליגער טויזענדער, וואָס די עסטרייכער האָ-בען געלאָזען. פזשעמישל איז אַרומגערינגעלט פון דריי זייטען, זי קאָן באַלד איינגאַנצען אָבגעשניטען ווערען, דערום מוז מען זיך איילען, ווייל די בעטלעך זענען נויטיג. איך האָב קיין חשק נישט געהאַט צו פאָהרען אין פזשעמישל, וואו קיין איין יוד איז נישט געבליבען, נאָר אַזוי ווי דאָס האָט געדאַרפט דויערן בלויז צוויי טעג, האָב איך איינגעשטימט.

מיר איז אָבער נישט אויסגעקומען אַהין צו פאָהרען. אַז איך בין אַריין אין נומער צו דעמידאָוו'ן דורכצוריידען זיך מיט איהם וועגען דעם פאָהרען, האָב איך איהם געפונען זעהר אַ צורודערטען.

—אין פזשעמישל? נאָך די בעטלעך? נו, דאָס וועט אַנ'-אַנדערער קאָנען אויספיהרען,—האָט ער מיר געענטפערט.—צו

אייך האָב איך אַנ׳אַנדער בקשה, אַ פיל וויכטיגערע. זעצט זיך און הערט מיך אויס.

און ער האָט מיר גענומען דערצעהלען באריכות וועגען דער לאַגע אויפ׳ן פראָנט. די לאַגע איז אַ שרעקליכע. עס איז נישטאָ קיין סנאַריאַדען, נישטאָ קיין פריפּאַסען. די בעפעהלען, וואָס קומען אָן פון סטאַווקע פונ׳ם אויבערשטען קאָמאַנדיר, זענען אומגעלומפּערטע און זענען סותר איינע די אַנדערע. בקיצור, רוסלאַנד געהט צו גרונט. שולדיג זענען אין דעם נישט דער חיל, נישט די גענעראַלען, נאָר דער קייזערליכער הויף, די רעגירונג און די סטאַווקע. די געזעלשאַפט אין פּעטערבורג און מאָסקווא איז נישט בעקאַנט מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע פון פראָנט און ווייסט נישט וועגען דער אויפרעגונג, וואָס עס הערשט אין דער אַרמעע. מוז מען זי בעקאַנט מאַכען מיט דעם און אָנווייזען איהר, אַז איצט איז די צייט זי זאָל אויפהויבען איהר קול און פאָדערן, די רעגירונג זאָל אומבייטען איהר פּאָליטיק און צורופען צו דער מאַכט אָנגעזעהענע מענשען פון דער געזעלשאַפט. וועגען דעם אַלעם האָט ער, דעמידאָוו, מיט דער הסכמה פון די גענעראַלען און קאָמאַנדירען פון פראָנט אָנגעשריבען דער קאַדעטישער פּאַרטיי אַ בריף און ער בעט מיך, איך זאָל אָפּפיהרען דעם בריף אין פּעטראָגראַד מיליוקאָוו׳ן און ברענגען פון איהם אַנ׳ענטפער. דער מאָמענט איז איצט אַזאַ, אַז ער אַליין, דעמידאָוו, קאָן נישט אָפּפאָהרען פון דאַנען און ער האָט נישט קיין אַנדערן, וועמען ער זאָל קאָנען אָנטרויען אָפּצופיהרען אַזאַ מין בעריכט.

—די אַרמעע איז דאָ געבליבען אונבעהילפיג און עלענד,— האָט ער רעזומירט.—איהר קומט אויס פערלעשען דעם העלישען פייער פון שונא מיט איהר בלוט, ענטפערן אויף הוראַגאַנישע שטורמען מיט שטיינער אָנשטאָט קוילען. און די סטאַווקע קלויבט זיך אָפּצוטהון אַ נייע אַוואַנטורע, פון אַנ׳אַנדער זייט אָנהויבען קריכען אויף די קאַרפּאַטען. מ׳דאַרף ראַטעווען די אַרמעע און ראַטעווען רוסלאַנד.

צוזאַמען מיט דעם האָט ער מיך געבעטען, זייענדיג אין

פעטראָגראַד, בעטען ביים קאָמיטעט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע שיקען פאַר דער אָבטיילונג פּאַלאַטקעס, (לייוועגטענע געצעלטען), ווייל די ערטער, וואו די אָבטיילונג קומט אויס צו שטעהן, זענען חרובע און עס געפינען זיך נישט קיין בנינים, וואו צו בעזעצען זיך.

איך האָב איינגעשטימט און דעמזעלבען טאָג, דעם 12-טען מאַי, אָבגעפאָהרען קיין פעטראָגראַד.

פאַר דעם אָבפאָהרען בין איך געווען אין הילפס-קאָמיטעט, וואו עס איז בעטראַכט געוואָרען די שאַרפע פראַגע וועגען אַריבערשיקען הילף אין די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלעך. עס זענען דאָ פיל צעהנדליגער פונקטען, וואוהין מ'מוז שיקען הילף און עס איז כמעט אונמעגליך צו קומען אין צוזאַמענבונד מיט די פונקטען, ווייל דער אָרטיגער בעפעלקערונג איז שטרענג פערבאָטען אַרויסצופאָהרען אויף אַ ווייאָרסט פון זייער וואוינאָרט. דער קאָמיטעט האָט עטליכע מאָל געווענדעט זיך צום גראַף באָברינסקי מיט דער בקשה צו ערלויבען בעפולמעכטיגטע פון קאָמיטעט פונאַנדערצופיהרען געלד, נאָר ער האָט אָבגעזאָגט. איצט האָט דער קאָמיטעט דורך מיר געווענדעט זיך צו ד. פיינבערג'ן, ער זאָל מכח דעם ענין קומען קיין לעמבערג, זעהן פועל'ן ביי באָברינסקי'ן, ער זאָל ערלויבען אַרומפאָהרען בעפולמעכטיגטע פון רוסישען קאָמיטעט.

## ה

ביז בראָד האָט געדויערט מיין פאָהרען צוועלף שעה, אַנשטאָט די געוועהנליכע אָנדערטהאַלבען-צוויי שעה פון דער נאָרמאַלער צייט. אונזער צוג איז אויף יעדער סטאַציע געשטאַנען צו עטליכע שעה, דורכלאָזענדיג מיליטער-צוגען. עס האָבען זיך געצויגען אָהן אַ סוף עשאַלאָנען מיט חיל צום פראָנט. דאָס האָט מען געאיילט אַריבערגעוואָרפען עטליכע קאָרפּוסען פון קאַווקאַז.

אין בראָד האָב איך בעגעגענט אויפ'ן וואָקזאַל דעם הער מעסס פון ראַדזיוויל, וועלכער איז נאָך זיין פאָטערס טויט אַרומ-געפאָהרען אין די אַרומיגע גאַליציאַנער שטעדטלעך און געטיילט הילף. איצט גיט מען איהם נישט אַרויס קיין פראָפּוסק און ער קאָן מעהר נישט פאָהרען. ביי איהם ליגען טויזענדער, אין די שטעדטלעך שטאַרבט מען פון הונגער און עס איז נישטאָ קיין מעגליכקייט איבערצושיקען.

—די טעג זענען דורך בראָד דורכגעגאַנגען אַרויסגעשיקטע גאַליציאַנער יודען,—האָט מיר דערצעהלט מעסס,—האָב איך גע-בעטען דעם קאָמענדאַנט פון דער סטאַציע ערלויבען ברענגען זיי אַ ביסעל שפייז, האָט ער נישט ערלויבט. איבערגעבען מזומן געלד האָט ער ערלויבט נאָר די קאָנוואָינע און נישט די אַרויס-געשיקטע אין האַנד.

אין ווילנא איז מיר אויסגעקומען צו וואַרטען אַכט שעה אויף דעם קוריער-צוג. איך בין אַראָבגעפאָהרען אין שטאָדט. דאָ האָב איך זיך דערוואוסט אייניגע פרטים וועגען דעם שרעקליכען גירוש פון קאָוונער גובערניע. אַ טייל פון די אַרויסגעשיקטע איז פערבליבען, צו טויזענד—צווייטויזענד נפשות אין אייניגע שטעדטלעך פון ווילנער גובערניע. אין ווילנא גופא זענען פער-בליבען זיבען טויזענד היימ, אָזע. מעהר האָט מען נישט ערלויבט. די איבעריגע האָט מען אַרויסגעשיקט אין יעקאַטערינאָסלאַווער און טשערניגאָווער גובערניעס. אין ווילנא האָט מען אין דעם ערשטען טאָג געזאַמעלט פאַר די היימלאָזע אַכציג טויזענד רובל.—מ'האָט דאָ איבערגעגעבען, אַז דער מיניסטאָרען-ראַט האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען די מאַסען-אַרויסשיקענישען און דאָס האָט געווירקט, אַז דער העכסטער הויפּט-קאָמאַנדיר האָט טעלעגראַפירט: „אָבשטעלען די אַרויסשיקעניש. די שולדיגע בע-שטראָפען. די איבעריגע ערלויבען אומקעהרען זיך.“ דער מי-ליטער-פערוואַלטער פון ווילנער ראַיאָן האָט אויסגעטייטשט די טעלעגראַמע אין דעם זין, אַז מ'זאָל ערלויבען די אַרויסגעשיק-טע אומקעהרען זיך מיט דעם תנאי, אַז מ'זאָל נעהמען פון זיי ערוב'ניקעס, וועלכע וועלען זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר דער

אויפפיהרונג פון די אומגעקעהרטע. די אַרויסגעשיקטע האָבען זיך אָבגעזאָגט אָנצונעהמען דעם „גנאָד".

מ׳האָט מיר דערצעהלט, אַז אין אייניגע דערפער האָבען די פויערים אַרויסגעטראָגען פאַר די אַרויסגעשיקטע ברויט, מילך, האָבען זיך אָבגעזאָגט פון געצאָהלט און געוויינט, קוקענדיג אויף די אומגליקליכע. אין אַנדערע דערפער האָבען די פויערים פערשטאַנען דאָס אַרויסשיקען פון יודען גאָר אויף אַנ׳אַנדער שטייגער:

—וועגען יודען זאָרגט מען,—האָט מען געמורמעלט פאַר זיך.—זיי פיהרט מען אַוועק פון די געפעהרליכע מלחמה-ערטער, און אונז לאָזט מען דאָ.

אין פעטראָגראַד בין איך געקומען דעם 15-טען מאַי און גלייך אַוועק צו מיליוקאָוו׳ן. דער בריף, וואָס איך האָב געבראַכט, האָט אויף איהם געמאַכט אַנ׳ערשיטערנדען איינדרוק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ ווייסט מען לחלוטין נישט פון די שרעקליכסטע אונאָרדנונגען, וואָס קומען פאָר אויפ׳ן פראָנט. נאָר אַלע פיהלען, אַז אַזוי קאָן זיך ווייטער נישט פיהרען. ער האָט מיך לאַנג פונאַנדערגעפרעגט וועגען מיינע פערזענליכע איינדרוקען און געבעטען פערבלייבען עטליכע טעג, ביז ער וועט קאָנען אָבשיקען צוריק אַ געטריעם ענטפער.

די שטימונג, וועלכע איך האָב געטראָפען אין פעטראָגראַד, איז טאַקי געווען גאָר אַ נייע, אַנ׳אויפגערעגטע. די שטאָדט איז געווען אָנגעזעטיגט מיט קלאַנגען, וועלכע האָבען זיך געביטען אַלע שעה. מ׳האָט איבערגעגעבען, אַז דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש פערלאָזט זיין פאָסטען פון העכסטען הויפט-קאָמאַנדיר און אויף זיין אָרט קומט דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש. אַז אויף יאַנושקעוויטשעס אָרט איז בעשטימט דער גענעראַל רוזסקי. יאַנושקעוויטש ווערט קריגס-מיניסטער און סוכאָמלינאָוו ווערט בעשטימט פאַר׳ן פערוואַלטער פון קאַווקאַז. נאָך מעהר קלאַנגען זענען געגאַנגען וועגען אומבייטונגען אין דער רעגירונג. אין געזעלשאַפט און אין פאָלק איז קיין אַנדער געשפרעך נישט געווען, ווי וועגען פער-

ראַט. און דערמיט האָט מען ערקלערט אַלע מפּלות אויפ׳ן פראָנט. מען האָט גאַנץ אָפען גערעדט וועגען דעם, אַז דעם קיסר׳ס הויף איז אַ נעסט פון פעררעטער און די יונגע קיסרין האָט דירעקטע אויפטראָגען מיט בערלין. בשעת אין פעטראָגראַד זענען פאָרגעקומען פיל אונטערזוכונגען, ביי וועלכע מען האָט געזוכט געהיימע ראַדיאָטעלעגראַפען, האָט מען דערצעהלט: „עס איז בעוואוסט געוואָרען, אַז עס פונקציאָנירט אַ ראַדיאָטעלעגראַף גלייך מיט בערלין, האָט מען אונטערגעזוכט אַלע הייזער, אָהן אַנ׳אויסנאַהם און גאָרנישט געפונען. דאָס איינציגע הויז, וואָס מ׳האָט נישט אונטערגעזוכט, איז געוועזן דער ווינטער-פּאַלאַץ.״ געשאָסען האָבען זיך חשדים אויף סוכאָמלינאָוו׳ן און אַנדערע מיליטער-לייט. מ׳האָט דערצעהלט, אַז מען האָט ביי איין פּאָל-קאָווניק געפונען אַ ראַדיאָטעלעגראַף, אַז אַ צווייטען פּאָלקאָווניק האָט מען אַרעסטירט, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז דער שולדיגער אינ׳ם אויפרייס אויף אָכטאַ, אַז מ׳האָט אַרע-סטירט און געשאָסען מיליטער-לייט, וועלכע האָבען אויפגעריסען אין גאַטשינע דעם צוג מיט סנאַריאַדען א. אַ. וו. איבערהויפּט האָט מען אַלע פעררעטען צוגעשריבען די רוסישע דייטשען. אַ איזוואָזטשיק, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען, האָט מיר דער-צעהלט די פּאָלגענדע לעגענדע: ביי אַ דייטש האָט געדינט אַ רוסישע דינסט. איינמאָל האָט ער, אַוועקגעהענדיג, געהייסען איהר, זי זאָל פּונקט אום פיער אַ זייגער, אַ דריי טהון דאָס הענד-טעל אין אַ מאַשין, וועלכע איז געשטאַנען ביי איהם אויפ׳ן טיש. דער דינסט האָט זיך עס אויסגעדוכט פערדעכטיג און זי האָט געמאָלדען אין פּאָליציי. די פּאָליציי האָט אויסגעפאָרשט און גע-פונען, אַז דאָס איז אַ גיהנום-מאַשין און ווען די דינסט וואָלט אַ דריי געטהון אין איהר דאָס הענדטעל, וואָלט גאַנץ פעטראָ-גראַד אויפפליהען אין דער לופטען.

ריידענדיג וועגען לעגענדעס, וועל איך ברענגען נאָך אַנ׳-אינטערעסאַנטע לעגענדע, ריכטיגער אַ נבואה, וועלכע איך האָב געהערט אין מאָסקווא פון אַנ׳אַלטען איזוואָזטשיק, ווייזט אויס אַ סטאַראָווער.

—עס האַלטען מלחמה דריי גרויסע מלכים. דויערן וועט די מלחמה דריי יאָהר מיט דריי חדשים מיט דריי טעג. איין מלך וועט שטאַרבען מיט זיין טויט, דער צווייטער וועט גע׳-הרג׳עט ווערען, דער דריטער וועט מנצח זיין די גאַנצע וועלט, נאָר פון זיין נצחון וועט נישט אַרויס, ווייל עס וועט זיין דריי יאָהר הונגער, און עס וועט אויסשטאַרבען אַ העלפט מענשען. נאָכדעם וועט זיין זעהר אַ געראָטענער יאָהר, נאָר אַז מ׳וועט צוטרעטען צו דער תבואה, וועט מען זעהן, אַז די קערנער בע-שטעהען האַלב פון בלוט, האַלב פון זאַמד און דעמאָלט וועט אומקומען די אַנדערע העלפט מענשען.

כאַראַקטעריסטיש און סימפטאָמאַטיש איז דאָס, וואָס אין אַלע קלאַנגען און מעשות וועגען פערראַט, איז איצט כמעט נישט דערמאָנט געוואָרען דער נאָמען יוד. וועגען יודישען שפּיאָנאַזש, וועגען די טעלעפאָנען און סיגנאַלען, וועגען אַלע אַנדערע בלבולים אויף יודען, האָט מען מיט אַמאָל ווי פערגע-סען. די קאַטאַסטראָפע איז געוועזען צו גרויס, און צו קלאָר איז געוועזען פאַר אַלעמען פון וואַנען זי שטאַמט, מ׳זאָל זיך ווייטער פּרובען פערשטאָפען זי מיט׳ן „יודישען שפּיאָנאַזש". און דער מאָמענט קאָן זיך רעכענען ווי אַ ברוך-פונקט אין דער בלבול-לעגענדע וועגען יודען. שפּעטער זענען פון צייט צו צייט אַרויסגעטראָטען איינצעלנע בעשולדיגונגען געגען יודען, אָבער ביז׳ן סוף מלחמה האָט שוין מעהר נישט אויפגעפלאַקערט דער שוידערהאַפטער אויפטראָג צו יודען, וועלכער האָט געהערשט אין די ערשטע אַכט—צעהן חדשים. אַ וויכטיגע ראָל אין דעם אומ-בייט פונם אויפטראָג צו יודען האָט אויך געשפּילט דער קאָוו-נער און גראָדנער גירוש, וועלכער האָט אַרויסגערופען אַנ׳אויפ-רעגונג אין דער גאַנצער וועלט און אַנ׳אונצופרידענהייט אפילו ביי דער שוואַרצמאה׳דיגער רעגירונג און, ווי מ׳האָט געזאָגט, אפילו ביי ניקאָלאַיען.

נאָר ביז דער ברוך איז פאָרגעקומען, האָט די פּעטראָ-גראַדער יודישע בעפעלקערונג איבערגעלעבט זעהר שווערע מאָ-מענטען. גלייכצייטיג מיט דעם גירוש קאָוונע, האָט זיך פונאַנ-

דערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז מ׳האַלט בײַ אַרויסשיקען אַלע יודען פון פּעטראָגראַד. און גראָד אין דיזעלבע טעג איז פאָרגעקומען אַ שטרענגע-אונטערזוכונג אין דער גרויסער פּעטראָגראַדער שוהל און אויך בײַ דעם פּאָרזיצענדען פון דער יודישער קהלה, מ. א. וואַרשאַווסקי׳ן. מ׳האָט געזוכט אַ געהיימען ראַדיאָ טעלעגראַף. דאָס האָט געמאַכט דעם שרעקליכסטען איינדרוק אויף יודען. שפּעטער האָט מען זיך אַ ביסעל בערוהיגט, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז צוגלייך מיט דעם האָט מען געמאַכט אונטערזוכונגען אין פיל קירכען.

אין דער יודישער סביבה האָבען זיך אַלע געשפּרעכען און קלאַנגען געדרעהט אַרום איין טעמא: דער גירוש קאָוונע און דער אויפטראָג פון די מאַכטהאָבענדע צו איהם. ווי אַלע פּעטראָגראַדער ערצעהלונגען וועגען די „הויכע פענסטער״, זענען די קלאַנגען אויך געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שתדלנישען אָפּטימיזם. נאָר פונדעסטוועגען האָט זיך אין זיי, אין אַ געוויסער מאָס, פאָרט אויסגעדריקט, אַז די העכערע פּעטראָגראַדער ספעַרען האָבען דערפיהלט, אַז מיט קאָוונער גזירה האָבען זיי איבערגעכאַפּט אפילו זייער מאָס און זענען געווען נישט קאָנטעט מיט דער מעשה פון דער סטאַווקע. מ׳האָט דערצעהלט, אַז דער איטאַליענישער געזאַנדטער איז געווען בײַ סאַזאָנאָוו׳ן און אויפגעוויזען איהם, אַז מיט אַזעלכע רדיפות געגען יודען רעגט מען אויף געגען זיך די געזעלשאַפטליכע מיינונג אין איטאַליע, וואו עס זענען צוויי מיניסטאָרען און עטליכע מיליטער-קאָמאַנדירען יודען. ווייטער האָט מען דערצעהלט, אַז דער מיניסטאָרען-ראַט האָט איינשטימיג שאַרף אַרויסגעזאָגט זיך געגען גירוש, האָט איהם אָנגערופען אינם דאָקלאַד צום קיסר „נישט דערלאָזענד״ (ני׳עדאָפּוסטימאָ) און דער קיסר האָט אונטערגעשריבען דעם דאָקלאַד: „איינגעשטימט״; אַז דער קיסר, זייענדיג אין קאָוונע און זעהענדיג די טויטע שטילקייט אין שטאָדט, האָט געפרעגט די סיבה דערפון און אַז מ׳האָט איהם דערצעהלט וועגען דער אַרויסשיקונג פון די יודען, האָט ער ברוגז אַרויסגעזאָגט: „פאַרוואָס האָט מען מיך נישט געפרעגט וועגען דעם?״ צוגלייך מיט

דעם האָט מען דערצעהלט, אַז אפילו אין די מיליטערישע קריי-
זען הערשט אַנ׳אונצופרידענקייט מיט דעם אַרויגשקען פון קאָוו-
נא. דער קאָוונער קאָמענדאַנט און עטליכע קאָמאַנדירען האָבען
אויפגעוויזען, אַז זינט מ׳האָט אַרויסגעשיקט די יודען, איז כמעט
אונמעגליך אויפצוהאַלטען די אַרמעע און קריגען ביי די פויערים
פּראָוויאַנט. דער קאָמאַנדיר פון דער פערטער אַרמעע, דאַנילאָוו,
זעהענדיג אין דווינסק די צונויפקלייבונג פון די אַרויסגעשיקטע,
האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען דעם גירוש א. אַז. וו.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס אַלץ געהאַט איהר ווירקונג
אויף דער סטאַווקע. דער מטורף ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט,
אפנים, פערשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און
אָנגעהויבען פערענטפערן זיך. ער האָט ביי עטליכע פאַלן אַרויס-
געזאָגט, אַז דאָס איז פאָרגעקומען געגען זיין ווילען. סימפּטאָ-
מאַטיש איז געווען דאָס, וואָס דער פינאַנץ-מיניסטער באַרק איז
ספּעציעל וועגען דער יודען-פראַגע געפאָהרען אין סטאַווקע און
נאָך סימפּטאָמאַטישער דאָס, וואָס ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט
זיך פערענטפערט פאַר דעם גירוש קאָוונא אין דער צייט, אַז
מיט אַ פּאָר חדשים פריהער האָט ער מיט סאַזאָנאָוו׳ן אפילו
נישט געוואָלט ריידען וועגען יודען. וועגען דעם געשפּרעך
צווישען באַרק׳ן מיט׳ן גרויספירשט אין דער סטאַווקע, האָט מען
איבערגעגעבען פאָלגענדעס: באַרק האָט אויפגעוויזען, אַז מיט
אַזעלכע מאַסען-אַרויסשיקונגען רייצט מען אויף געגען זיך די
קולטורעלע וועלט און מ׳רואינירט דעם קאַנט. ניקאָלאַי ניקאָלאַ-
יעוויטש האָט אויף דעם, ווי מ׳זאָגט, געענטפערט איהם, אַז ער
האָט נישט געהאַט בדעה אַזעלכע מאַסען-אַרויסשיקונגען, אַז
מ׳האָט זיין בעפעהל נישט ריכטיג פערשטאַנען און אַז מעהר
וועלען קיין אַרויסשיקונגען נישט זיין. אָנשטאָט דעם וועט מען
נאָר נעהמען ערוב׳ניקעס. באַרק האָט איהם אויפגעוויזען, אַז דאָס
איז אויך נישט געוואונשען.

—נו, דאָס איז אַ קלייניגקייט,—האָט געענטפערט ניקאָלאַי
ניקאָלאַיעוויטש. -וועגען דעם רעדט זיך דורך מיט יאַנושקעוויטש׳ן.
דערביי האָט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש ערקלערט, אַז ער

איז לחלוטין נישט קיין אַנטיסעמיט. ווי אַ באַווייז האָט ער גע-בראַכט דאָס, וואָס ער האָט נישט איינגעשטימט אויף דעם אַרויסשיקען די יודען פון ווארשא. עס פערשטעהט זיך, ער גלויבט, אַז יודען בעשעפטיגען זיך מיט שפּיאָנאַזש, אָבער ווייס נישט אַלע.

ביי יאַנושקעוויטש'ן האָט באַרק געטראָפען אַ מעהר „פּרינ-ציפּיעלען" אויפטראָג צו דער יודען-פראַגע. נאָר יענער האָט אויך פערשפּראָכען מעהר נישט אַרויסצושיקען קיין יודען.

ווי אויף אַ וויכטיגער ראיה, אַז די רעגירונג האָט אָנגע-נומען אַ נייע ריכטונג בנוגע צו יודען, האָט מען אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט: דער פעטראָגראַדער הילפס-קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַ בקשה קומען מאַטעריעל צו הילף די יודישע אַרויסגעשיקטע. די רעגירונג האָט אַסיגנירט אויף דעם אַ האַלבען מיליאָן רובל דעם הילפס-קאָמיטעט. אין פערגלייך מיט די הונדערט מיליאָן, וואָס די רעגירונג האָט אַסיגנירט די פּאָליאַקען אויף דעם זעלבען צוועק, איז די סומע, פערשטעהט זיך, אַ מיזערע. נאָר אַ פּרינציפּיעלע בעדייטונג האָט עס געהאַט.

אויף אַ זיצונג פון הילפס-קאָמיטעט האָבען מיר בעשפּראָ-כען די איצטיגע לאַגע פון די יודען אין גאַליציע און אַלע זע-נען געווען איינשטימיג, אַז עס וואָלט זיין זעהר וויכטיג, עס זאָל פאָהרען אין לעמבערג עמיצער פון די אָפיציעלע יודישע כלל-טהוער, ווער עס קאָן האָבען אַ צוטריט צום גראַף באָברינ-סקי. דעם זיבעציג-יעהריגען ד. פ. פיינבערג'ן האָט דער גע-זונדס-צושטאַנד נישט ערלויבט פאָהרען. האָט מען זיך אָבגע-שטעלט אויף איינעם פון די צוויי יודישע דעפּוטאַטען פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, באָמאַש און פרידמאַן. דער לעצטער האָט איינגעשטימט צו פאָהרען. נאָר אַז ער האָט זיך געווענ-דעט צום פּאָרזיצענדען פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, ראָ-דזיאַנקאָ, מיט דער ביטע, ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַ פּאַפּיר, לויט וועלכעף ער זאָל קאָנען דורכפאָהרען אין גאַליציע און האָט דערביי דערצעהלט איהם, וועגען וואָס פאַר אַנ'ענין ער

דאַרף פאָהרען, האָט ראָדזיאַנקאָ קאַטעגאָריש א·הט אָפּגעזאָגט, אויפוויזענדיג, אַז „דאָס געהט נישט אַריין אין די פליכטען פון אַ דומע-מיטגליד און די דומע קאָן אויף אַזעלכע נסיעות נישט אַרויסגעבען קיין קאָמאַנדיראָווקעס". אַזוי איז קיינער נישט געפאָהרען קיין לעמבערג.

איך האָב צוגעזאָגט דעמידאָוו'ן בעטען דעם קאָמיטעט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, אויף וועמעס השבון דעמידאָווס אָבטיילונג האָט זיך אויסגעהאַלטען, ער זאָל שיקען פּאַלאַטקעס. צוליב דעם בין איך צוויי מאָל געווען אויף די זיצונגען פון דעם קאָמיטעט. דעם ערשטען מאָל זענען געווען אַ מאַן צוואַנציג, מיליוקאָוו, ראָדיטשעוו, יעפרעמאָוו, גראַנסקי. ווי עס ווייזט אויס, האָבען פיל פון זיי געוואוסט, אַז איך האָב דאָס געבראַכט מיליוקאָוו'ן דעם בריף און אָנשטאָט צו ריידען וועגען די פּאַלאַטקעס, האָבען זיי מיך לאַנג פונאַנדערגעפרעגט וועגען די פרטים פון ריקצוג פון דער אַרמעע און וועגען דער שטימונג, וואָס אין איהר הערשט. די צווייטע זיצונג, אויף וועלכער עס איז געווען ראָדזיאַנקאָ, מאַקלאַקאָוו און קערענסקי, האָט מאַקלאַקאָוו אָבגעזאָגט זיך צו שיקען פּאַלאַטקעס. ער האָט אויפגעוויזען, אַז די אַרמעע און צוזאַמען מיט איהר די אָבטיילונג וועט באַלד איינגאַנצען פערלאָזען גאַליציע און וועט זיך געפינען אויף דער רוסישער טעריטאָריע, וואו עס זענען דאָ גענוג בנינים. ער האָט מיט אַזאַ זיכערקייט גערעדט וועגען דעם, אַז די מלחמה אויף דעם דרום-מערב'דיגען פראָנט וועט באַלד אַריבער אויף דער רוסישער טעריטאָריע, ווי אין דעם וואָלט קיין שום ספק שוין נישט געווען. און אַזוי האָבען די איבעריגע אויך אָנגענומען זיינע אַרגומענטען. מיט גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען פועל'ן, אַז מ'זאָל שיקען אַ העלפט פּאַלאַטקעס, פאַר די פערוואונדעטע און פאַר דעם פערסאָנאַל.

וואַרטענדיג אויף מיליוקאָווס בריף, בין איך אויף אַ טאָג אַריבערגעפאָהרען אין מאָסקווא. דאָרט האָב איך זיך דערוואוסט וועגען דער היסטאָרישער פערזאַמלונג, וואָס איז געוואָרען איינגעאָרדענט דעם 20-טען מאַי דורך דער געזעלשאַפט „פעראייני-

גונג מיט ענגלאַנד". די זיצונג איז געווען אַ האַלב אָפיציעלע און אויף איהר זענען געקומען, דער גענעראַל-גובערנאַטאָר יו-סופּאָוו און דער פּאָליציי-מייסטער אַדריאַנאָוו. נאָר פון אָנפאַנג אָן האָבען זיך אָנגעהויבען אַזעלכע אָפּאָזיציאָנעלע רעדעס, אַז יוסופּאָוו און אַדריאַנאָוו האָבען גלייך פערלאָזען די זיצונג. נאָך זייער אַוועקגעהן האָבען מאַקלאַקאָוו, ראָדיטשעוו און מיליוקאָוו, וועלכע זענען לכתחילה צוליב דער פערזאַמלונג געקומען פון פּעטראָגראַד, געהאַלטען אָפען רעוואָלוציאָנערע רעדעס. מאַקלאַ-קאָוו האָט קלאָר אַרויסגעזאָגט, אַז מ'דאַרף שטעלען אַ „גרעניץ דער אַרבייט פון דער „געססענער פרוי" (די יונגע קיסרין). מ'האָט געוואַרט אויף אַרעסטען, נאָר זיי זענען נישט פאָרגע-קומען.

פיל וויכטיגער איז געווען די זיצונג פון דעם קאָמיטעט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר טעג פריהער און וועגען וועלכער מיר האָט דערצעהלט ס. וו. פּאָזנער. אויף דער זיצונג האָט מיליוקאָוו ערקלערט אין'ם נאָמען פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, אַז פון איצט אָן זאָגט זי זיך אָב פון איהר פּאַסיווער, שווייגענדיגער טאַקטיק און טרעט אַרויס מיט דער פאָדערונג פון'ם צונויפרופען די דומע און פאָרמירען אַ קאָאַליציאָנעם מיניסטעריום מיט כלל-טהוער. אויב די רעגירונג וועט זיך אָבזאָגען צונויפצורופען די דומע, דאַרף זי זיך אַליין צונויפקלייבען. מיליוקאָוו'ן האָבען אונטער-געהאַלטען פאָרשטעהער פון אַנדערע גרופען, אפילו פון די רעכטע. סקאָראָפּאַדסקי, דער קומענדער העטמאַן פון אוקראַינע, האָט געשטעלט די פאָדערונג, אַז אין מיניסטעריום זאָלען אַריין נישט ווייניגער ווי פינף דעפּוטאַטען פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע. ראָדזיאַנקאָ האָט אינגאַנצען איינגעשטימט, אי אויף דעם צונויפרופען פון דער דומע, אי אויף דער פאָדערונג פון אַ קאָ-אַליציאָנעם מיניסטעריום. קודם כל האָט מען בעשטימט פאָדערן, עס זאָלען אַוועקגעהן מאַקלאַקאָוו, שטשעגלאָוויטאָוו און סוכאָ-מלינאָוו.

ווייטער האָט מען דערצעהלט, אַז ראָדזיאַנקאָ איז גע-

פאָהרען אין סטאַווקע און אָנגעוויזען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש׳ן אויף דעם פעהלען פון סנאַריאַדען. אָנשטאָט די פינפאונזעכציג טויזענד סנאַריאַדען, וועלכע זענען נויטיג טעגליך, ווערען אויס־געאַרבייט נאָר צוואַנציג טויזענד, און ער האָט פאָרגעלעגט, אַז די אויסאַרבייטונג פון סנאַריאַדען זאָל איבערגעגעבען ווערען די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. דער גרויספירשט האָט, ווי מען זאָגט, איינגעשטימט אויף צו אָרגאַניזירען אַזאַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכע כלל-טהוער אונטער דער פאָרזיצונג פון ראָ־דזיאַנקאָ.

דעם 25-טען האָט מיליוקאָוו מיר איבערגעגעבען אַנ׳ענט־פער-בריף דעמידאָוו׳ן, אָדער, ריכטיגער, די גענעראַלען פון פראָנט. דערביי האָט ער מיר דערצעהלט וועגען דער שטימונג, וואָס דאָ האָט זיך געשאַפען. די אַרמעע קאָן זיין רוהיג. דאָ בעהמט מען אָן מיטלען, אַז די פאָליטיק זאָל געענדערט ווערען. ער האָט מיר איבערגע׳חזר׳ט כמעט דאָס אַלץ, וואָס פאָזנער האָט מיר דערצעהלט.

—די רעכטע געהען מיט אונז אין דער פאָדערונג פון אַ פעראַנטוואָרטליכען מיניסטעריום,—האָט ער צוגעגעבען.—עס פער־שטעהט זיך, זיי פערשטעהען עס אויף זייער שטייגער, נאָר עס מאַכט נישט אויס. די שטימונג אין פעטראָגראַד איז זעהר אַ געהויבענע, אַנ׳אָפאָזיציאָנעלע, און זי גיט זיך ביסלעכווייז אי־בער אין מאָסקווא.

דעמזעלבען טאָג בין איך אָבגעפאָהרען צוריק אין לעמ־בערג.

אין וואַגאָן האָב איך זיך געטראָפען מיט איינעם פון די אָנגעזעהענסטע כלל-טהוער פון קאָוונא, ה׳ וואָלף. ער האָט מיר איבערגעגעבען אייניגע פרטים וועגען דעם גירוש. זיין פאָטער מיט נאָך אַ כלל-טהוער, סאָלאָווייטשיק, זענען גלייך געפאָהרען אין פעטראָגראַד. זיי האָבען זיך געווענדט צום האַנדעלס-מיני־סטער פירשט שעכאָווסקאָי, און דערצעהלט איהם אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין די ערטער פון אַרויסשיקונג. שעכאָווסקאָי איז געווען זעהר צורודערט פון דעם, האָט שיער נישט געוויינט,

נאָר האָט געזאָגט, אַז ער קאָן מיט גאָרנישט ניט העלפען. די סטאַוקע הערט קיינעם נישט.

ווי נאָר עס איז געוואָרען אונרוהיג אויפ׳ן פראָנט, האָט דער קאָונער קאָמענדאַנט אַרויסגעשיקט פון שטאָדט אַלע עט-וואָס פערדעכטיגע פערזאָנען. דעריבער איז ער נאָך מעהר גע-וועזען ערשטוינט, אַז ער האָט בעקומען דעם בעפעהל אַרויסצו-שיקען אַלע יודען. ער האָט גלייך טעלעגראַפירט, אַז מיט דעם אַרויסשיקען די יודען, וועט דער קאַנט רואינירט ווערען און אַז דאָס איז לחלוטין נישט נויטיג. אויף דעם האָט ער בעקו-מען אַ שטרענגען בעפעהל, פינקטליך און נישט אָבלעגענדיג מקיים זיין דעם בעפעהל. אויף וויפיל מ׳האָט איהם אכזריות׳דיג אויסגעפיהרט, קאָן מען זעהן נאָך דעם, וואָס מ׳האָט קראַנקע פון די שפּיטאָלען אַרויסגעשיקט. מ׳האָט נישט ערלויבט צו פער-בלייבען אַ פאָטער ביי אַ קינד, וועמען ס׳האָט מיט אַ טאָג פרי-הער אַ מיליטער-אָבטיילונג צובראָכען אַ פוס.

מיט וואָלפ׳ן זענען מיר געזעסען אין וואַגאָן-רעסטאָראַן. ביים צווייטען טיש זענען געזעסען עטליכע אַלטע לייט, פראָפע-סאָרען פון קיעווער אוניווערזיטעט, וועלכע זענען געוועזען אין פעטראָגראַד פאָרשטעלען זיך דעם קיסר און איצט אומגעקעהרט זיך אַהיים. צווישען זיי איז געוועזען אַנ׳אַלטער פראָפעסאָר אין מיליטער-קליידער און בלויע ברילען. ער האָט די גאַנצע צייט גערעדט וועגען „זשידעס”. זיי זענען שפּיאָנען, זיי זענען שול-דיג אין אַלע אומגליקען. דער איינציגער מיטעל ראַטעווען די אַרמעע, ראַטעווען רוסלאַנד, איז אויסראָטען אַלע „זשידעס”. ער האָט עס גערעדט הויך. אויף איין סטאַציע, בשעת אונזער צוג איז געשטאַנען, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ צוג אַנ׳אָנגעפאַקטער מיט סאָלדאַטען. דער פראָפעסאָר, דער אַנטיסעמיט האָט אַ קוק גע-טהון אויף דעם צוג און אַ זאָג געטהון: „שער אַ קאַנאָן” (ד. ה. אין פראַנצויז: „פלייש פאַר קאַנאָנען”). איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטען פון נוקם צו זיין זיך אָן דעם פראָפעסאָר. איך בין אויפגעשטאַנען און שטרענג אַ זאָג געטהון:

—איהר האָט אָנגערופען די סאָלדאַטען „פלייש פאַר קאַנאָנען״?

דער פּראָפעסאָר האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און אָנגעהויבען עפּעס מורמלען.

—איהר האָט דאָ אַ גאַנצען טאָג געדונערט געגען יודען, אַז זיי זענען נישט קיין פּאַטריאָטען און אַליין רופט איהר אָן סאָלדאַטען „פלייש פאַר קאַנאָן״. וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר צו ריידען און משפּט׳ן אַנדערע? איהר זייט אַ בלבול-מאַכער, אַ רכילות-טרייבער! אייער גליק, וואָס איהר האָט געטראָפען אויף מיר, אַנ׳אַנדערער וואָלט אייך איבערגעגעבען „פּאַד סוד״. בקצור, איך האָב זיך אָן איהם נוקם געווען. ער איז געזעסען ווי אַ געשלאָגענער הונד, באַלד אַוועק צו זיך אין קופּע און מעהר אין וואַגאָן-רעסטאָראַן נישט געקומען.

אין קיעוו אויפ׳ן וואָקזאַל האָב איך געטראָפען אַ גרופּע יונגעלייט פון הילפס-קאָמיטעט, וואָס האָט ערוואַרט אַ צוג מיט זעקסהונדערט אַרויסגעשיקטע פון גאַליציע. מ׳האָט צוגעגרייט פון זייערטוועגען אָווענדברויט. די יונגעלייט האָבען מיר דערצעהלט, אַז די לעצטע טעג קומען אָן טויזענדער-טויזענדער אַרויסגעשיקטע פון גאַליציע. ביז דער גרעניץ טרייבט מען זיי צופוס, ווייטער אין די רוסישע יודישע שטעדטלעך דינגען די יודען פאַר זיי פוהרען אָדער נעהמען פאַר זיי באַהן-בילעטען און שיקען זיי אָב ביז קיעוו. עס קומט אויס דינגען פוהרען, קויפען בילעטען און בעזאָרגען מיט שפּייז צוגלייך אויף די אַרויסגעשיקטע פּאָליאַקען און רוטענער.

אין קיעוו גופא איז די שטימונג זעהר אַ געדריקטע. דער קאָמיטעט האָט קיין שום מעגליכקייט נישט צו בעוועלטיגען די גרויסע נויט פון די טויזענדער אַרויסגעשיקטע, און זייער צאָהל וואַקסט מיט יעדען טאָג. די גרעסטע טייל שיקט מען אָב אין די ווייטע גובערניעס, די איבעריגע שיקט מען פונאַנדער אין די שטעדטלעך צו טויזענד און מעהר נפשות און זיי האָבען דאָרט נישט וואו אַהינצוטוהון זיך. אין אייניגע שטעדטלעך זענען די שוהלען אָנגעפּאַקט מיט היימלאָזע אַזוי, אַז עס איז

ש. אַנ־סקי
(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## פינפטער באַנד

פערלאַג „אַנ־סקי“

ווילנאַ־וואַרשאַ־ניו־יאָרק תרפ״ב—1922

אויסגעפיהרט דורכ׳ן פערלאַג ש. שרעבערק.

SZ. AŃ—SKI.

tom piąty

# ZNISZCZENIE GALICJI

Warszawa, 1922.

Wydawnictwo „AN—SKI" Wilno—Warszawa—Nowy-Jork.

---

SH. AN—SKY.

volume fifth

# THE DESTRUCTION OF GALICIA

Warsaw 1922.

Publishing Company „AN-SKY" Vilno—Warsaw—New-York.

נישטאָ וואו צו זעצען זיך אפילו. און דאָ קומען אָן ידיעות, אַז מען שיקט אַרויס די יודען פון ריגאַ, פון ראַדאָם, פון ווילנא און אַ רייע אַנדערע ערטער. קיין חדוש נישט, אַז דער פּאָרזיצענדער פון הילפס-קאָמיטעט ס. א. גרינבערג און די אַנדערע מיטגלידער האָבען זיך געפונען אין אַ פערצווייפלונג.

אין קיעוו האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז מען שיקט אַרויס פון לעמבערג,—וועלכער עוואַקואירט זיך,—טויזענדער יודען.

## ו

פאַר די צוויי וואָכען, וואָס איך בין נישט געווען אין לעמבערג, איז דאָרט די לאַגע געוואָרען פיל בעשטימטער. פאַר דער צייט האָבען די עסטרייכער גענומען פּזשעמישל און אויך אַזויפיל דערנענט זיך צו לעמבערג, אַז איצט איז שוין פאַר קיינעם קיין ספק נישט געווען, אַז מ'וועט פערלאָזען לעמבערג. מ'האָט אויסגערעכענט דעם טאָג און די שעה, ווען די עסטרייכער וועלען אַריין. פון דער אָנגעפּאָהרענער רוסישער ציווילער בעפעלקערונג איז כמעט קיינער נישט פערבליבען. עס געהט די עוואַקואַציע פון אַלע געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען. עס עוואַקואירט זיך געאיילט די אייזענבאַהן-פערוואַלטונג. ביי דער וואוינונג פון גענעראַל-גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך געפונען אינ'ם וואונדערבאַרען פּאַלאַץ פון פערוואַלטער פון גאַליציע, שטעהען כמעט הונדערט פוהרען אָנגעפּאַקטע מיט מעבעל און אַנדערע חפצים פון פּאַלאַץ. מ'האָט צוגענומען נישט נאָר אַלץ, וואָס אין פּאַלאַץ האָט זיך געפונען, מ'האָט אפילו אויסגעשניטען די זיידענע אָבאָיעס פון די ווענט און אַרויסגעריסען דעם פּאַרקעט. און דיזעלבע גזילות קומען פאָר אין הונדערטער ציווילע רייכע הייזער, פון וועלכע אָפיצירען און גענעראַלען פיהרען אַרויס און שיקען אָב אַהיים די גאַנצע הויז-בעשטעלונג, אַלץ וואָס מ'קאָן נאָר צונעהמען. חוץ דער שאַנד פון אַזאַ אַלגעמיינער גנבה, האָט דאָס געהאַט דעם ערפאָלג, וואָס די הונדערטער

אָנגעפּאַקטע מיט גע׳גזל׳טע חפצים וואַגאָנען האָבען פערשפּאַרט דעם וועג און דורך דעם, וואָס מ׳האָט אָבגעגעבען וואַגאָנען אויף אָט די חפצים, האָט מען נישט געקאָנט עוואַקואירען די וויכטיגסטע מיליטערישע זאַכען. פיל קאַנאָנען און סנאַריאַדען, ווער רעדט שוין וועגען זאַפּאַסען, זענען פערבליבען נישט אַרויסגעפיהרט. עס זענען אפילו פערבליבען די אייזענבאַהן-ווערקשטאַטען, וועלכע זענען געווען נויטיגער פאַר אַלץ דעם אָבטרעטענדיגען חיל.

דעמידאָוו׳ן האָב איך געפונען אין זעהר אַ נידערגעשלאָ-גענער שטימונג. איך האָב איהם איבערגעגעבען מיליוקאָווס בריף, דערצעהלט וועגען דער שטימונג אין פעטראָגראַד, נאָר דאָס האָט אויף איהם כמעט קיין איינדרוק נישט געמאַכט, אויף אַזוי פיל איז ער געווען צורודערט. ער האָט אויסגעוויזען ווי אַ מענש, וואָס ווייסט אַ שרעקליכע געהיימניש און קאָן זי נישט אַרויס-זאָגען.

פון דעמידאָוו׳ן האָב איך זיך דערוואוסט וועגען דעם פּאָ-גראָם אויף דייטשען אין מאָסקווא: גאַנצע קוואַרטאַלען זענען חרוב, ביי פיערהונדערט מאַגאַזינען רואינירט, די הזיקות רעכע-נען זיך אין הונדערטער מיליאָנען. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פאָלגענדע פּרטים: הזיקות רעכענען זיך אויף אַ האַלבען מיליאַרד רובל. צוזאַמען מיט׳ן פּאָגראָם האָט מען פו-באַנדערגעטראָגען ווייִנקעלער און געטרונקען. אַנדערע האָט מען אונטערגעצונדען. איבער הונדערט מענשען זענען דערשטיקט גע-וואָרען, איבערגעטרונקען זיך אָדער ממש דערטרונקען געוואָרען אין בראָנפען. אַ טייל פון די הונדערט זענען דערשאָסען געוואָ-רען. אין דעם טאָג זענען געווען אין מאָסקווא אַכטאונפערציג שרפות.

דער המון, פונאַנדערטראָגענדיג דייטשע קלייטען, האָט געשריען: „וואו איז זי, די תפילה-תהורין, די דייטשקע!״ דאָס האָט מען געמיינט דעם גע׳הרג׳עטען גרויספירשטס, סערגיי אַלעק-סאַנדראָוויטשעס אלמנה, וועלכע איז געווען אין אַ מאָנאַסטיר. די פּאָליציי האָט זיך אויפגעטראָגען גוטמוטיג צו די פּאָגראָמ-

טשיקעס, איז זיי נאָכגעגאַנגען און איינגערעדט: „גו, געראַבע־וועט, און געגוג״ אינטערעסאַנט, אַז יודישע קלייטען האָט מען נישט געריהרט. פערקעהרט, אויף פיל יודישע קלייטען האָט מען אַרויסגעהאָנגען דעם אויפשריפט: „אַ יודישער מאַגאַזין פון דעם און דעם, געבוירענעם פון רוסישע אונטערטאַנען״. איינינע דיי־טשען האָבען געראַטעוועט זייערע מאַגאַזינען דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך אַרויסגעגעבען פאַר יודען. אַ זייגער איינס ביינאַכט האָט זיך פערזאַמעלט אַן׳עקסטרא זיצונג פון דער שטאָדט־דומע, מ׳האָט איינגעלאַדען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר יוסופאָוו׳ן און דעם פאָליציימייסטער אַדריאַנאָוו׳ן. זיי זענען נישט געקומען. דאַן האָט די דומע אָנגענומען אַ בעשלוס, אַז אויב זיי קומען נישט, וועט די דומע אַראָבלעגען פון זיך איהר בעפולמעכטיגונג און וועט וועגען דעם טעלעגראַפירען אין פעטראָגראַד. די דראָהונג האָט געווירקט און יוסופאָוו מיט אַדריאַנאָוו׳ן זענען געקומען. די דומע האָט זיי איבערגעגעבען איהר בעשלוס: אויב אין אַ שעה ארום וועלען נישט אָנגענומען ווערען די ענערגישסטע מיטלען אונטערצודריקען דעם פאָגראָם, וועט די דומע גלייך אָרגאַניזירען אַ פאָלקס־מיליציע. דאָס האָט געווירקט און עס זענען געוואָרען אָנגענומען זיי נויטיגע מיטלען אָבצושטעלען דעם פאָגראָם. אַדריאַנאָוו איז אויף מאָרגען אַראָב פון דער שטעלע.

אין לעמבערג האָב איך געפונען לאַנדער׳ן. ער האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט דער לאַגע פון הילפס־קאָמיטעט. פאַר די לעצטע טעג האָט דער קאָמיטעט בעקומען פון קיעוו און פעט־ראָגראַד צו פופצעהן טויזענד רובל, אַזוי, אַז איצט געפינט זיך ביי איהם פינפאונדרייסיג. לאַנדער האָט אויפגעוויזען דעם קאָ־מיטעט, אַז ביי דעם אַריבערגאַנג פון לעמבערג צוריק צו די עסטרייכער, וועט נישט די שטאָדט, נישט די בעפרייטע געגענד נישט נויטיגען זיך אין הילף פון רוסישע יודען און וועט אפילו קיין רעכט נישט האָבען אויף דעם, אַזוי גלייך, ווי די רוסישע יודען וועלען קיין רעכט נישט האָבען צו העלפען זיי. דערום האָט ער געפאָדערט, אַז דאָס איבערגעבליבענע געלד זאָל דער קאָ־

מיטעט אומקעהרען דורך אונז דעם פעטראָגראַדער און קיעווער קאָמיטעטען.

איך האָב איינגעשטימט מיט לאַנדער'ן. מיר האָבען זיך וועגען דעם געזעהן מיט הויזנער'ן—האָט ער אויך איינגעשטימט מיט אונז, נאָר ער האָט געזאָגט, אַז די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט און איבערהויפּט ד"ר דיאַמאַנד און דער באַנקיר פעל-לער (נאמן), זענען דאַגעגען. זיי רעכענען, אַז וויבאַלד דאָס געלד איז צוגעשיקט דעם לעמבערגער קאָמיטעט, געהערט עס שוין איהם און ער איז נישט מחויב אומצוקעהרען עס. מיר האָבען בעשטימט ענערגיש צו פאָדערן, אַז מען זאָל אונז אומקעהרען דאָס געלד.

כדי צו האָבען די מעגליכקייט צו פערבלייבען אין גאַליציע און אַרומפאָהרען, איז פאַר מיר נויטיג געווען צוצוקלעפּען זיך צו אַ וועלכער נישט איז אָבטיילונג. אַזוי ווי דעמידאָווס אָבטיילונג איז אַריבער אין וואָלאָטשיסק און דעמידאָוו אַליין איז געווען אַזוי פערדרעהט און צורודערט, אַז מיט איהם איז געווען שווער צונויפצורוידען זיך, האָב איך בעשטימט אויפצוזוכען דאָלגאָרוקאָווס אָבטיילונג. צום איצטיגען בעפולמעכטיגטען פון אָבטיילונג, מ. ג. קאָמיסאַראָוו, אַנ'אָנגעזעהענעם מאָסקווער כלל-טהוער, מיט וועלכען איך בין געווען בעקאַנט, האָב איך געהאַט אַ הייסען בריף פון דאָלגאָרוקאָוו'ן.

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז קאָמיסאַראָוו מיט זיין אָבטיילונג געפינען זיך אין שטעדטעל יאַוואָראָוו. עס האָט זיך אַקוראַט געטראָפען אַנ'אויטאָמאָביל, וואָס איז אַהין געגאַנגען און איך בין צוזאַמען מיט ד"ר לאַנדער אַהין אַוועקגעפאָהרען.

מיר זענען דורכגעפאָהרען דאָס שטעדטעל יאַנאָוו. עס איז אינגאַנצען פערברענט. נאָר ביים עק שטעדטעל איז פערבליבען דער קלויסטער און ביי אַ צעהנדליג קריסטליכע הייזער. אַ טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג, עטליכע צעהנדליג געזינדען, זענען דאָ פערבליבען און זיי וואוינען אין די קעלערס פון די פערברענטע הייזער און אין די חורבות. קיין איין קרעמעל איז נישט פערבליבען, נאָר ביים אַריינפאָהר אין שטעדטעל שטעהען

אַ רייהע טישלעך, וואו שאָטעוס פון מענשען, איבערהויפט ווייבער, פערקויפען ברויט און פּאַפּיראָסען. דאָ דרעהען זיך אַרום נאַקעטע און באָרוועסע קינדער. אי אויף די זערוואַקסענע, אי אויף די קינדער ליגט דער חותם פון הונגער-פערווילדקייט. איך האָב געגעבען די ווייבער צו רובל. זיי האָבען מיך אָנגעקוקט מיט ווילד-דערשראָקענע אויגען און נאָכדעם צעוויינט זיך. דאַן האָבען מיך אַרומגערינגעלט די קינדער, אַ גאַנצע מחנה קינדער מיט אויסגעשטרעקטע הענד און געגומען שרייען, בעטענדיג אַ קאָפּיקע. איך האָב געוואָלט זיי געבען, נאָר אַז איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנד דערלאַנגען אַ מטבעה איינעם, האָבען צעהנדליגער הענד גענומען כאַפּען און רייסען די מטבעה. איך האָב אָנגעהויבען איינריידען, אַז איך וועל אַלעמען געבען, מ׳זאָל נישט רייסען איינער ביים אַנדערן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפען, אַזוי, אַז איך האָב קיינעם נישט געקאָנט געבען און געמוזט אוועקגעהן.

אַז איך בין, ביים אומקעהרען זיך פון יאַוואָראָוו, ווידער דורכגעפאָהרען יאַנאָוו, האָב איך זיך געזעהן מיט׳ן דאָקטאָר דאַווידזאָן. ער האָט געאַרבייט אין לאַזאַרעט, וואָס האָט זיך געפונען אין יאַנאָוו. דער לאַזאַרעט איז געווען איבערפולט מיט פערוואונדעטע און דאַווידזאָן האָט, שוין צוויי מעת-לעת נישט צולעגענדיג זיך, געאַרבייט. וועגען דער יודישער בעפעלקערונג פון שטעדטעל האָט ער מיר גאָרנישט געקאָנט מיטטיילען, ער איז געווען ווייט פון איהר. נאָר ער האָט מיר צוגעזאָגט אויסצופאָרשען די לאַגע פון די יודען און צוטיילען צווישען זיי די צוויי־הונדערט רובל, וועלכע איך האָב איהם געלאָזען.

פון יאַנאָוו זענען מיר אַוועקגעפאָהרען קיין יאַוואָראָוו. דאָ האָט זיך צום ערשטען מאָל פאַר מיר פונאַנדערגעוויקעלט דאָס טרויעריגע בילד פון אַנ׳אָבטרעטענדיגער אַרמעע. דער וועג איז געווען אינגאַנצען פערפלייצט מיט פוהרען און פוסגעהער. עס האָבען זיך געצויגען פוהרען מיט אַרויסגעשיקטע פויערים, איבערהויפט פרויען מיט קינדער. זיי זענען געזעסען אומבעוועגט אויף די וועגען, פערשטויבטע, פערפינסטערטע, מיט אויס-

געלאָשענע אויגען און אַ פערשטיינערטען אויסדרוק אויף דעם פנים. און צוגלייך מיט די פוהרען האָבען זיך געצויגען אָבּ־טרעטענדיגע אָבּאָזען, אָנגעפּאַקטע פוהרען, קוים געשלעפּטע דורך פערמאַטערטע אויסגעצערטע פערד, אָנגעטריבּענע פון נאָך מעהר פערמאַטערטע מיט שטויבּ בעדעקטע סאָלדאַטען. ווייטער האָבען זיך געצויגען קליינע מחנות סאָלדאַטען צו דרייסיג—פערציג. זיי זענען געגאַנגען פונאַנדערגעשאָטען, ווי בּלאָנדזשענדיג, מידע און נידערגעשלאָגענע, טראָגענדיג אַ צונויפגעוויקעלטע פאָן. דאָס זע־נען די איינצעלנע, וואָס זענען פערבּליבּען פון גאַנצע פּאָלקען. נאָר מעהר פאַר אַלץ געהען פערוואונדעטע. אַנ׳אונענדליכער צוג. זיי געהען בּיים בּרעג וועג, מיט פערבּונדענע קעפּ, איבּערגע־בּונדענע הענד. אייניגע הינקען אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אַ שטע־קען, דאָ אין וואַלד אַנ׳אויסגעבּראָכענעם, אַנדערע שפּאַרען זיך אָן אויף די מעהר געזונדטע חברים. בּיי די זייטען וועג ליגען די מידע, אָהן כחות געבּליבּענע, שטאַרבּענדיגע. מ׳הערט נישט קיין זיפצען, קיין געשרייען, נאָר אויף אַלע פּנימ׳ער איז דער אויסדרוק פון שווערע ליידען, דער שטן פון טויט. אַנ׳אמת׳ער גיהנום-בּילד.

איך פרעג אַ פערוואונדעטען:

—פאַרוואָס טרעט מען אָבּ?

—„ער” האָט אונז פערוואָרפען מיט סנאַריאַדען...—ענט־פערט ער שוואַך.—מיר האָבען מעהר נישט געקאָנט אויסהאַל־טען, נישט געקאָנט אויסשטעהן.

—אין עטליכע מינוט, בּלייבּען פון אַ ראָטע צוויי—דריי מענשען, אַזוי „קאָסעט” ער,—גיט צו אַ צווייטער.

יאַוואָראָוו, אַ היבּש שטעדטעל, אַ גאַנץ געבּליבּענע פון די פריהערדיגע שטרייטען. דאָ איז די בּעוועגונג פון אָבּטרעטענדי־גען חיל נאָך שטאַרקער. די גאַסען זענען פערפלייצט מיט אָבּאָ־זען, רויט-קרייציגע פוהרען און אויטאָמאָבּילען, מיט אַרטילעריע און פוסגעהענדיגע מיליטער-טיילען. דורכגעמישט מיט סאָלדאַטען געהען מחנות פויערים, טרייבּענדיג פאָרויס פיה, זיי געהען מיט אַראָבּגעלאָזענע קעפּ, ווי פער׳משפּט׳ע. דער אונענדליכער שטראָם

גיסט זיך לאַנגזאַם אין אַ טויטער שטילקייט, ווי אַ טרויער-פּראָ-צעסיע. מיט אַמאָל ווערט די שטילקייט איבערגעריסען מיט אַ האַרץ-רייסענדער יללה. דאָס שרייט און וויינט אַ פויערטע, ביי וועלכער סאָלדאַטען האָבען צוגענומען אַ קיה. די פויערטע לויפט מיט פערבראָכענע הענד, וואַרפט זיך פון איין אָפיציר צום צוויי-טען, שרייט, בעט, וואַרפט זיך צו די פיס, און בעגעגענט אַ טויטע גלייכגילטיגקייט, גלייך ווי מ'וואָלט זי נישט בעמערקט. אויף אַ רגע שטעלט זיך אָב דער שטראָם. איהם האַקט איבער אַ לויה. מ'טראָגט געאיילט דורך אַ מת. און דער איבערגעריסע-נער שטראָם פעראייניגט זיך און גיסט זיך ווייטער. סאָלדאַטען, מידע, פער'חושכ'טע, פערשטויבטע, רייסען זיך אָב פון שטראָם, לויפען צו די טישלעך מיט ברויט, וועלכע זענען אַרומגעקלעפּט מיט קונים, כאַפּען זיך אַריין אין די אָנגעפּאַקטע קראָמען, שפּרינגען געאיילט פון דאָרט אַרויס מיט אַ בולקע, וועלכע זיי נעהמען גלייך עסען און בעהעפטען זיך צוריק צו זייער טייל.

יודען זיצען אין די קראָמען און האָבען קיין הענד נישט צו דערלאַנגען וואָס מ'בעט. יודען געהען רוהיג איבער די גאַ-סען צווישען די סאָלדאַטען און קיינער ריהרט זיי נישט אָן. נישט צו בעמערקען ביי זיי קיין אונטערטעניגע דערשראָקענקייט. און מצד דעם מיליטער הערען זיך נישט קיין האָפערדיגע גע-שרייען. די אָבטרעטענדע זענען אויף אַזויפיל געפאַלען ביי זיך, אַז אפילו אויף יודען האָבען זיי קיין מוט נישט אָנצופאַלען. אָבער נאָך זיי געהען אַנדערע טיילען, וועלען קומען קאָזאַקען, די לעצטע, די פערניכטער. יענע וועלען זיך אַנדערש אויפ-פיהרען...

נאָר יודען פיהלען נישט דעם געפאַהר, וואָס רוקט זיך אָן אויף זיי. זיי פערשטעהען נאָך נישט, וואָס עס קומט פאָר. ביז נעכטען איז דאָ געווען שטיל און מ'האָט גאָרנישט ער-וואַרט.

איך בין אַוועק אין די זייטיגע געסלעך, וואוהין דער מיליטער-שטראָם האָט נישט דערגרייכט. בין אַריין אין דער גרויסער שטיינערנער שוהל. דאָרט האָב איך געפונען עטליכע

עלטערע יודען בעלי-הבתים, וועלכע האָבען רוהיג געשמועסט וועגען דעם אָבטריט פון די רוסען. איך האָב זיך פונאַנדערגערעדט און מ'האָט מיר דערצעהלט, אַז בשעת די רוסען זענען אַהער אַריין, האָבען זיי געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם, צוראַבירט די שטאָדט. דעמאָלט האָט מען גענומען דרייסיג ערוב'ניקעס און מ'ווייסט עד היום נישט, וואוהין מ'האָט זיי אָבגעשיקט. נאָר פון דעמאָלט אָן איז אין שטאָדט שטיל און רוהיג. דער קאָמענדאַנט איז אַ גוטער מענש, האָט נישט פערפאָלגט יודען און איצט האָט ער אויך צוגעזאָגט, אַז אָבטרעטענדיג, וועט מען קיין ערוב'ניקעס נישט נעהמען. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס בערוהיגט די יודישע בעפעלקערונג.

די יודען, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפען אין שוהל, האָבען געוואוסט נאָר איין זאַך: די רוסען טרעטען געאיילט אָב, וועלען, הייסט דאָס, באַלד קומען די עסטרייכער. און זיי האָבען זיך נאַאיוו נאָכגעפרעגט ביי מיר:

—קאָן מען זיין זיכער, אַז מאָרגען וועלען דאָ שוין זיין „אונזערע”?

—עס קאָן זיין מאָרגען און עס קאָן זיין אין אַ וואָך אַרום,—האָב איך געענטפערט.—און עס איז מעגליך, אַז ביז זיי וועלען קומען, וועט די שטאָדט בעשאָסען ווערען. מ'דאַרף זיין גרייט צו אַלץ, מ'דאַרף צוגרייטען אין די הייזער ברויט און וואַסער אויף דעם פאַל, אַז מ'וועט נישט קאָנען אַרויסגעהן אויפ'ן גאַס.

מיינע ווערטער האָבען אַרויסגערופען אַנ'אומרוהיגקייט. מ'האָט אָנגעהויבען ערנסטער אויפטראָגען זיך צו דער לאַגע.

אין לעמבערג האָט מען מיר אָנגעוויזען אויף איינעם ה' וואָלף, ווי אויף אַ חשוב'ן בעל-הבית און אַ וויכטיגען כּלל-טהוער. איך האָב געפרעגט וועגען איהם, האָט מען מיר געענטפערט, אַז זעהען זיך מיט איהם וועט מיר זיין שווער. פון נעכטען אָן בעהאַלט ער זיך. נישט קוקענדיג אויף די הבטחות פון קאָמענדאַנט, האָט ער מורא מ'זאָל איהם נישט נעהמען פאַר אַנ'ערוב'ניק.

איך בין אַוועק אין שטאָדט, האָב אויפגעזוכט קאָמיסאַ-ראָווס אָבטיילונג. צוזאַמען מיט איהר האָט זיך דאָ געפונען די פלוג-אָבטיילונג פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע. נאָר ביידע אָבטיילונגען עוואַקואירען זיך און געהען אַריבער—דער ערשטער אין מאַגעראָוו, דער צווייטער אין נעמיראָוו. איך האָב זיך גע-זעהן מיט קאָמיסאַראָוו'ן, איבערגעגעבען איהם דאַלגאָרוקאָווס בריף. ער האָט מיר אויפגעוויזען אויף דער אונבעשטימטער לאַגע, אין וועלכער מ'געפינט זיך און ביי וועלכער עס איז שווער צו ריידען וועגען אַ וועלכער עס איז בעשטימטער אַר-בייט. ער האָט מיר פאָרגעלעגט דערווייל גלאַט צושטעהן צו זיין אָבטיילונג און אַריבערפאָהרען מיט איהם קיין מאַגעראָוו. דאָסזעלבע האָט מיר פאָרגעלעגט אויך די אָבטיילונג פון גאָסו-דאַרסטווענער דומע, פאָהרען מיט איהר קיין נעמיראָוו. איך האָב אָבגעלעגט אויף מאָרגען דעם בעשלוס וואוהין צו פאָהרען.

די אָבטיילונגען עוואַקואירען זיך און זייערע ביידע לאַ-זאַרעטען זענען אָנגעפאַקט מיט פערוואונדעטע. עס געהט אַ פי-בערהאַפטע אַרבייט. פינף—זעקס דאָקטוירים בינדען איבער די וואונדען און שיקען אָב ווייטער, וועמען צופוס, וועמען אויף פוהרלעך. און דאָ קומען אָן אַלץ נייע מחנות פערוואונדעטע.

—וואו איז דער לאַזאַרעט?

—מ'נעהמט מעהר נישט צו...

און דער פוהרמאַן און דער פערוואונדעטער אויפ'ן פוה-רעל ב'ייבען פערשטיינערט, ווייסען נישט וואָס צו טהון. און אַזעלכע פערצווייפעלטע שטעהען שוין צעהנדליגער אַרום ביידע לאַזאַרעטען.

די קאַנאָנען-שיסעריי הערט זיך שוין גאָר נאָהנט. עס בע-קומט זיך אַ ידיעה, אַז אום צוויי אַ זייגער האָבען די עסטריי-כער גענומען קרוקאָוויעץ, פופצעהן וויאָרסט פון יאַוואָראָוו. דער שטאָדט-קאָמענדאַנט איז נאָך נעכטען אָבגעפאָהרען. אַלע אַנ-שטאַלטען האָבען זיך שוין עוואַקואירט. די אינטענדאַנטסטוואָ טיילט די פערבליבענע זאַפּאַסען, וואָס מ'קאָן נישט אַרויספיה-רען, דעם פערבייגעהענדיגען מיליטער און דער אָרטיגער קריסט-

ליכער בעפעלקערונג. (יודען וואגען זיך נישט אפילו נאָהנט צו-געהן). יעדערער נעהמט וויפיל ער וויל, וויפיל ער קאָן פערטראָ-גען. און דאָך וועלען נאָך פערבלייבען טויזענדער פוד סוכאָ-רעס, קאָנסערווען, האָבער א. אַ. זאַכען, וועלכע עס וועט אויס-קומען צו פערברענען.

שפעט ביינאַכט האָבען מיר, לאַנדער און איך, דערמאָהנט זיך, אַז מיר האָבען נישט וואו צו נעכטיגען. נאָך לאַנגען זו-כען האָבען מיר געפונען אַ יודישע אכסניה, וואו עס זענען פערבליבען צוויי לעדיגע בעטען.

אַ זייגער פיער פאַר טאָג האָט לאַנדער מיך אויפגעוועקט און נערוועז צוגערופען צום פענסטער:

—זעהט, וואָס אויפ'ן גאַס טהוט זיך.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און דערזעהן, ווי איבער'ן גאַס לויפען פיל יודישע פרויען מיט אַ געשריי, מיט אַ יללה, נאָך זיי לויפען האַלב נאַקעטע קינדער. מיר האָבען פערשטאַנען, אַז עס איז פאָרגעקומען אַנ'אומגליק. שנעל אָנגע-טהון זיך און אַרויסגעגאַנגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אום צוויי ביינאַכט האָבען סאָלדאַטען אַרומגערינגעלט פיל יודי-שע הייזער און אַרעסטירט פיערציג מאַן פון די חשוב'ערע בעלי-בתים אַלס ערוב'ניקעס. וואוהין מ'האָט זיי אָבגעפיהרט, ווייסט קיינער נישט און דעריבער לויפען אום זייערע ווייבער איבער'ן שטאָדט זוכען זיי. אין אַ וויילע אַרום האָט אַ קאָנוואָי דורכגע-פיהרט אַ היבשע מחנה יודען, איבערהויפט אַלטע לייט, אויך ערוב'ניקעס, פון דעם שטעדטעל סאַדאָווע-ווישניא. נעבען דער אוניאַטישער קירך איז געשטאַנען אַ המון פויערים, מ'האָט זיי אַהער צונויפגעקליבען און מען האַלט זיי. זיי ווייסען נישט, וואָס מיט זיי וועט זיין און זיי שטעהען מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, שווייגענדיגע און אונטערטעניגע.

און דער שטראָם פון אָבטרעטענדען חיל, וואָס האָט פון נעכטען אויף איין מינוט נישט איבערגעריסען זיך, פליסט אַלץ איבער די גאַסען. פוהרען און אַרטילעריע, פוסגעהער און פער-

וואונדעטע, און נאָך זיי טראָגט זיך דער הילכיגער דונער פון קאַנאָנען-שיסעריי.

די בעלי-הבית'טע פון אכסניה מיט צווי טעכטער, וועלכע האָבען אַ גאַנצע נאַכט געבאַקען ברויט, פאַלען צו צו אונז מיט טרעהרען אין די אויגען, מיר זאָלען זיי געבען אַנ'עצה: אָב-פאָהרען אָדער דאָ בלייבען? אפשר וועלען די לעצטע טיילען, די קאָזאַקען, הרג'ענען, שענדען פרויען?... וואָס פאַר אַנ'עצה קאָנען מיר זיי געבען?

לאַנדער איז אָבגעפאָהרען מיט אַ מיליטער-אויטאָמאָביל קיין לעמבערג. די אָבטיילונגען האָבען שוין אויך געהאַלטען ביי אָב-פאָהרען. נאָר איך האָב געוואָלט נאָך פרובען זעהען זיך מיט וואָלפ'ן. איך האָב אויפגעזוכט זיין וואוינונג. ווי מ'האָט מיר פאָראויסגעזאָגט, האָב איך איהם נישט געטראָפען. זיין פרוי מיט אַ טאָכטער האָבען זיך דערשראָקען, אַז איך בין אַריין. אַז איך האָב זיי בערוהיגט און געזאָגט וועגען וואָס איך האָב געוואָלט זעהן וואָלפ'ן, האָבען זיי מיר דערצעהלט, אַז ער בעהאַלט זיך און נאָר אַדאַנק דעם האָט מען איהם ביינאַכט נישט אַרעסטירט. איך האָב זיי פונאַנדערגעפרעגט וועגען דער לאַגע אין שטאָדט. זיי האָבען מיר געגעבן דערצעהלט וועגען דעם מצב, וועגען דעם גראַד פון דער נויט און וואָס עס איז געטהון געוואָרען פאַר דער צייט פון דער רוסישער אָקופּאַציע. די נויט איז די גאַנ-צע צייט געווען אַ גרויסע. איצט, אַז מען האָט צוגענומען פיער-ציג בעלי-בתים, זענען פיל פון זייערע געזינדען פשוט פער'-משפט אויף אַ הונגער-טויט. די פרויען האָבען אויף מיר גע-מאַכט אַ גוטען איינדרוק, נאָר איך האָב נישט געקאָנט בעשטי-מען אָבגלויבען זיי געלד פאַר די נויטבעדערפטיגע. וואָלפס פרוי האָט בעמערקט מיינע ספקות און אַרויסגעזאָגט בעליידיגט:

—וואָלט איהר טרעפען מיין מאַן, וואָלט איהר איהם אָבגע-גלויבט די עטליכע רובל, וואָס איהר האָט פאַר אונזערע אָרימע-לייט, און מיר, ווייל איך בין אַ פרוי, גלויבט איהר נישט אָב. איהר רעכענט, אַז איך וועל זיך פערכאַפּען דאָס געלד, וועלכעס דאַרף צוטיילט ווערען מענשען, וואָס שטאַרבען פון הונגער?

זי האָט מיך פערשעמט. איך האָב איהר איבערגעגעבען דרייהונדערט רובל.

אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט צו קאָמיסאַראָוס אָבטיילונג, האָב איך זי שוין נישט געפונען. די אָבטיילונג פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע איז שוין אויך כמעט אינגאַנצען אָבגעפאָהרען. קוים פערכאַפּט נאָך איין אויטאָמאָביל, וועלכער איז געגאַנגען קיין לעמבערג און מיט איהם אומגעקעהרט זיך.

ז

אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָך מיין אָנקומען אין לעמבערג, האָבען זיך אין שטאָדט בעוויזען די ערשטע טיילען פון דער אָבטרעטענדיגער אַרמעע: אָבאָזען, אַרטילעריע, רויט-קרייציגע וואַגענס. באַלד האָט זיך אָבגעשטעלט דער טראַמוואַי און מ׳האָט אין די טראַמוואַי-וואַגאָנען גענומען אַריבערפיהרען אין די לאַזאַרעטען די פערוואונדעטע, וואָס האָבען זיך אַ שאָט געטהון מאַסענווייז אין שטאָדט. עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען דער קלאַנג, אַז יאַוואָראָוו איז גענומען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען, אַז דער פינאַל איז נאָהנט, אַז עס זענען געבליבען נאָר עטליכע טעג פאַר דער רוסישער הערשאַפט אין שטאָדט.

צו מיר איז געקומען דער הויפּט-אַרצט פון דער אָבטיילונג פון גאָסודאַרסטווענער דומע, ד״ר קאָזשענעווסקי, זעהר אַנ׳אויפגערודערטער.

—איהר ווייסט נאָך נישט דאָס נייעס?

—וועלכעס?

—קומט, איך וועל אייך דערצעהלען!

אַז מיר זענען אַרויס פון האָטעל, האָט ער מיר מיטגעטיילט:

—אין ראַווא-רוסקאַ האָט זיך דער פיינד דורכגעריסען... ער האָט פערנומען נעמיראָוו. וואָס איז מיט אונזער אָבטיילונג, וועלכע איז אַוועק אַהין—ווייס איך נישט. אָדער זי האָט צייט

געהאַט אַהין קומען און איז געאײלט אָבגעטראָטען, אָדער זי האָט פון וועג אָבגעקעהרט אויף מאַגעראָוו. דאָס איז דער גלייכסטער וועג, וואָס ער האָט געקאָנט נעהמען. קומט מיר'ן פאָהרען אַנטקעגען. איך שטעה דאָ מיט'ן אויטאָמאָביל.

מיר זענען אַוועקגעפאָהרען. דער וועג איז אויך פערפלייצט מיט אָבטרעטענדען חיל. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין זשאָלקיעוו. אין שטאָדט איז אַ געדרודער. די יודישע בעפעלקערונג איז שטאַרק דערשראָקען. פון אַלעמען הער איך איינע און דיזעלבע פראַגע:

—איז עס אמת, אַז באַלד קומען אַהער אָן קאָזאַקען?

מיר זענען דאָ נישט לאַנג געשטאַנען, נאָר איך האָב צייט געהאַט צו זעהן זיך מיט'ן פאָרשטעהער פון אָרטיגען הילפס־קאָמיטעט און איבערגעבען איהם פינפהונדערט רובל, וועלכע זענען שוין פריהער בעשטימט געוואָרען צו שיקען אַהער.

אין אַ פאָר שעה אַרום זענען מיר געווען אין מאַגעראָוו. די שטאָדט איז, ווייזט אויס, געווען אַ היבשע. איצט איז פון איהר, אָהן אַ גוזמא זאָגענדיג, פערבליבען נאָר דער נאָמען און שטאַרצענדיגע װענד און קוימענס פון חרוב'ע פערברענטע און צושמעטערטע הייזער. אפילו די אַלטע שטיינערנע שוהל מיט איהרע דריי אַרשיניג דיקע ווענד איז געווען ביז דער העלפט איינגעפאַלען. קיין איין איינציגען גאַנצען בנין איז נישט געווען צו זעהן און נישט קיין איין איינציגען לעבעדיגען מענשען. ווי איך האָב שפעטער זיך דערוואוסט, איז די שטאָדט אַ גאַנצע וואָך בעשאָסען געוואָרען. אין שוהל איז אַריין אַ סנאַריאַד און גע'הרג'עט דאָרט פיל מענשען.

מיר האָבען דאָ געפונען קאָמיסאַראָוו'ן מיט זיין אָבטיילונג. זיי זענען געשטאַנען אין פעלד און נישט געוואוסט, וואו צו קעהרען זיך. אייניגע זענען אַוועקגעפאָהרען אין דער אומגעגענד זוכען אַ פאָלוואַרק, וואו די אָבטיילונג זאָל זיך בעזעצען.

קאָמיסאַראָוו האָט אויך געהערט, אַז נעמיראָוו איז פערנומען. אַזוי ווי די אָבטיילונג פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע איז דאָ נישטאָ, איז זי מסתמא אַוועק פון נעמיראָוו קיין סאָקאָל.

קאָזשענעווסקי האָט בעשטימט פאָהרען אַהין-און איך מיט איהם. אין סאָקאָל האָב איך געדאַרפט זיין. אויפ׳ן וועג האָט קאָזשע-נעווסקי אויף פיל טעלעגראַפישע סטאָלבעס געלאָזט צעטלעך פאַר דער אָבטיילונג, אויב זי וועט דאָ דורכגעהן.

אונז איז אויסגעקומען ווידער דורכצופאָהרען זשאָלקיעוו. עס איז שוין געווען שפעט ביינאַכט. מיר האָבען זיך אָבגע-שטעלט. קאָזשענעווסקי איז אַוועק אין שטאָב, איך-אויפ׳ן באַהנ-הויף, אפשר איז די אָבטיילונג צוגעפאָהרען אַהער, כדי ווייטער צו פאָהרען מיט דער באַהן. אויפ׳ן וואָקזאַל איז פינסטער און פוסט. עס פאָהרען צו פוהרען מיט פערוואונדעטע און מ׳ענט-פערט זיי אַלעמען! דער צוג איז אָבגעשטעלט, פאָהרט ווייטער, צו לעמבערג. און זיי שלעפען זיך ווייטער. מיט איינער אַזאַ פוהר בין איך געגאַנגען פון באַהנהויף צוריק. אין פוהר זענען געלעגען דריי מענשען: צוויי פערוואונדעטע און איינער אַ כאָ-לערע-קראַנקער. די פוהר געהט שוין פון דער פריה אָן און ערגיץ נעהמט מען נישט צו די קראַנקע.

—פריהער האָבען די קראַנקע געקרעכצט, איבערהויפט דער כאָלערנער,—האָט מיר דערצעהלט דער סאָלדאַט, וואָס האָט גע-פיהרט די פוהר.—איצט איז ער שטיל געוואָרען. געשטאָרבען. דוכט זיך איינער פון די פערוואונדעטע איז אויך געשטאָרבען.

געפרעגט ביי איהם וועגען דער מלחמה.

—כל-זמן עס איז געווען דאָס אַלטע חיל, האָט עס זיך געהאַלטען שטאַרק, נישט געשראָקען זיך. איצט האָט מען די אַלטע סאָלדאַטען אַלע אויסגע׳הרג׳עט, קיינער פון זיי נישט גע-בליבען. און די יונגע זענען ווי קעלבער, פערשטעהען גאָר-נישט, נאָר עפּעס, שרעקען זיי זיך און גיבען זיך אונטער אָדער אַנטלויפען.

מיר זענען מיט קאָזשענעווסקי׳ן אַוועקגעפאָהרען ווייטער, נאָר עס איז געווען שטאַרק פינסטער און מיר האָבען זיך אָבּ-געשטעלט אין אַ דאָרף נעכטיגען. אין איין הויז ביים וועג איז נאָך געווען ליכטיג. מיר זענען אַהין אַריין. דאָרט האָט גע-וואוינט אין צוויי חדרים אַ יוד, האָרוויץ, מיט אַ גרויס געזינד.

דער מאַן און דאָס ווייב זענען געשטאַנען ביים אויוועז און געבאַקען ברויט. מ׳האָט אונז צוגעגרייט עסען. אויסגעבעט. דער-ווייל האָט דער יוד דערצעהלט, אַז ער איז געווען אַ רייכער מאַן, געהאַט אַנ׳אייגען הויז, ערד, אַ געהילך-געשעפט. האָט מען דאָס הויז פערברענט, דאָס געהילץ צוגענומען. האָט ער זיך בע-זעצט דאָ, אין אַ פערלאָזען הויז און באַקט ברויט און ציהט דערפון חיונה.

מיר האָבען זיך געלעגט שלאָפען, נאָר עס האָט זיך נישט געשלאָפען. קאָזשענעווסקי האָט זיך פונאַנדערגערעדט וועגען יו-דען. ער האָט כמעט דעם גאַנצען לעבען פערבראַכט אין יודי-שע שטעדט און צווישען יודען און האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיט זיי, אַז ער פיהלט זיך מיט יודען היימישער, ווי מיט קריסטען.

—איך האָב בעמערקט,—האָט איך זיך אָבגערופען,—אַז אין גאַנצען וועג, בשעת איהר האָט געדאַרפט פונאַנדערפרעגען וואו-הין צו פאָהרען, האָט איהר זיך שטענדיג געווענדט צו יודען. נישט איין מאָל נישט געווענדט זיך צו קריסטען.

ער האָט זיך צולאַכט.

—דאָס האָט מיך די ביטערע ערפאַהרונג אָנגעלערנט... אָט הערט. יודען איז מען חושד אין שפּיאָנאַזש. איהר מיינט, אַז דאָס איז פון אַנטיסעמיטיזם? ניין! דער אָפיציר, וואָס קען נישט דעם יודען, ווי דער סדר איז, איז טאַקי זיכער, אַז דער יוד „ווייסט אַלץ” און אַלץ וויסען, פערשטעהט זיך, קאָן נאָר אַ שפּיאָן. די פאָרשטעלונג פון דער יודישער אַלוויסענקייט נעהמט זיך פון אַ פשוט׳ער סיבה, פון דעם, וואָס דער רוס „ווייסט גאָרנישט”. אָט, למשל, איך פאָהר אין וועג. איך פרעג אַ יו-דען: וואו קומען פאָר די שטרייטען? ער הערט זיך צו און ענטפערט בערך אין וועלכען אָרט. ער וועט אייך זאָגען וויפיל וויאָרסט עס איז, ביז וועלכען פונקט. פרעגט אַנ׳אָרטיגען פויער, וועט אייך איינער זאָגען אַזוי, דער אַנדערער דעם היפוך... עס ציהען זיך פון שלאַכטפעלד פערוואונדעטע סאָלדאַטען. פרעג איך: ווי לאַנג אַז דו ביזט פערוואונדעט?—אַ שעה פינף-זעקס.—

אין וועלכען אָרט איז פאָרגעקומען די שלאַכט?—ווערט איהר פון בוכאַלעמען, פרעגט כאָטש הונדערט פערוואונדעטע—בעקומען בוכשטעבליך דעמזעלבען ענטפער: „אַרויס פון מח“ (זאַפּאָמיאַטאָוואַל). דאָס לייגט ער, ער האָט פריהער נישט געוואוסט, נישט אינטערעסירט זיך צו וויסען, ווי עס רופט זיך דאָס אָרט, וואו ער שטעהט. כדי איהר זאָלט וויסען, וואו די שלאַכט קומט פאָר, דאַרפט איהר זעהן, פון וועלכער ריכטונג דער סאָלדאַט געהט, דאַרפט איהר ביים סאָלדאַט פרעגען, וויפיל שעה ער געהט פון שלאַכטפעלד און דאַרפט זיך צוקוקען, ווי גיך ער געהט. דעמאָלט קאָנט איהר אויסרעכענען בערך וויפיל וויאָרסט ער האָט געמאַכט און פון וועלכער ריכטונג, און נאָך דער קאַרטע בעשטימען, וואו די שלאַכט קומט פאָר. און אַזוי איז מיט אַלץ. דער רוס אינטערעסירט זיך נישט צו וויסען, האָט קיין נייגיריגקייט נישט, און דער יוד, ווי יעדער געוועהנליכער קולטורעלער מענש, וויל וויסען וואָס. אַרום איהם טהוט זיך. און אָט פאַר דער רוסישער אונוויסענקייט האָבען הונדערטער און טויזענדער יודען ביי דער מלחמה בעצאָהלט מיט'ן לעבען.

מיר האָבען שוין נישט איינגעשלאָפען און אַ זייגער דריי אַוועקגעפאָהרען ווייטער. אַרום זיבען געקומען אין שטעדטעל מאָסטי-וועלקי. אַזוי ווי עס איז געוועזען ווענינ בענזין, האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט כדי צו בעקומען בענזין. איך בין אַוועק איבער דער שטאָדט אויפזוכען די יודען, וועלכע ד"ר הויזנער האָט מיר אָנגעוויזען ווי חשוב'ע שטאָדט-מענשען (אַזאַ צעטעל האָב איך געהאַט מיט זיך אויף אַ רייה אַרומיגע שטעדט). איך האָב זיי געפונען, האָב געבעטען איינלאַדען נאָך דריי חשוב'ע בעלי-בתים און מיר האָבען זיך פערזאַמעלט צו איינעם אין הויז. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז בעת די רוסען זענען מיט ניין—צעהן חדשים צוריק אַריין אין שטאָדט, האָבען זיי געמאַכט אַ שרעקליכען פאָגראָם, נאָר די שטאָדט איז געבליבען גאַנץ, נישט פערברענט און פון דעמאָלט אָן זענען חוץ איינציגע פאַלען פון רויבעריי, קיין פאָגראָמען נישט געווען. מיט צוויי טעג צוריק איז מיט אַמאָל אָנגעפלויגען דער שטורם, האָט זיך אָנגעהויבען

די בעוועגונג פון חיל און איצט איז די יודישע בעפעלקערונג אין איין פחד: אָט קומען קאָזאַקען און מאַכען חרוב די שטאָדט. מסתמא וועט מען נעמען ערוב׳ניקעס, אפשר אַלעמען אַרויסשיקען. בקצור, מ׳קוקט אויף דעם אָבטריט פון די רוסען ווי אויף דעם גרעסטען אומגליק. וואָלטען זיי שוין בלייבען ביז׳ן שלום און דעמאָלט אַוועקגעהן.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יודען איז אַ שרעקליכע די גאַנצע צייט. מ׳איז געשטאָרבען פון הונגער. שוין דריי—פיער חדשים, ווי מ׳ווייסט, אַז אין לעמבערג איז דאָ אַ הילפס-קאָמיטעט און עס איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט צו שיקען עמיצען אַהין אפילו אָנזאָגען, בעטען מ׳זאָל צושיקען הילף און זיי האָבען פאַר די גאַנצע ניין חדשים, פון ערגיץ קיין שום שטיצע נישט בעקומען.

איך האָב זיי איבערגעלאָזען זעקסהונדערט רובל און בעמיהט זיך אַ ביסעל בערוהיגען זיי. די אומגעריכטע הילף, וועלכע איז מיט אַמאָל ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען, מיין וואַרימער אויפטראָג האָט אַזוי גערירט די אָרימע, דערשראָקענע און אונבעשיצטע מענשען, אַז זיי האָבען זיך אויפ׳ן קול צעוויינט. עס איז געווען שרעקליך אָנצוקוקען, ווי פינף עלטערע יודען, צווישען זיי צוויי זקנים, האָבען געוויינט, געכליפעט ווי קינדער און די טרערען האָבען זיך ביי זיי געקייקעלט אויף די וואָנסעס און בערד און זיי האָבען זיי געאיילט געווישט מיט די קולאַקעס.

קיין בענזין האָבען מיר אין שטאָדט נישט געקראָגען און כדי נישט צו בלייבען שטעהן אין וועג, געמוזט אומקעהרען זיך אין לעמבערג. דער וועג איז געווען אַזוי געפאַקט מיט אָבטרעטענדען חיל, אַז מיר האָבען זיך קוים דורכגעשלאָגען מיט׳ן אויטאָמאָביל. קאָזשענעווסקי איז מיט אַ פאָר שעה שפעטער אָבגעפאָהרען קיין סאָקאָל און ביינאַכט איז געקומען אין לעמבערג אַ סאַניטאַר פון דער אָבטיילונג און מיטגעטיילט, אַז די אָבטיילונג שטעהט זיך רוהיג אין נעמיראָוו, אַז מ׳הערט דאָרט נישט אפילו פון די עסטרייכער. פון דאָרט געהט רעגולער דער צוג

און די אָבטיילונג קלויבט זיך אַריבערצופאָהרען קיין ראַוואַ-רוסקאַ. אָט אַזוי ווייסט מען דאָס נישט אויף מלחמה, וואָס עס טהוט זיך פאַר צעהן וויאָרסט פון דיר.

פאַר דעם מעת-לעת, וואָס איך בין נישט געווען אין לעמבערג, האָט זיך דער אויסזיכט פון שטאָדט אומגעביטען אויף נישט צו דערקענען. עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל. אַלע גאַסען און געסלעך זענען איבערגעפולט מיט אָבטרעטענדען חיל, עס שטעהט אַ רעש פון קולות, אַ קלאַפעריי פון אייזען און אַ טו-פעריי פון פערד. דער האָטעל, וואו איך שטעה איין, איז כמעט פוסט, דער רעסטאָראַן איז נאָך אָפען, נאָר אַלע דינער זענען אַוועק און קיין שפייזען זענען נישטאָ. אין די גאַסען זענען אַלע קלייטען אָפען, די אָרטיגע בעפעלקערונג האַלט זיך רוהיג, ווי זי וואָלט גאָרנישט בעמערקען, וואָס אַרום קומט פאָר.

עס פערשפרייט זיך אַ קלאַנג, אַז גראָדעק איז גענומען, אַז די עסטרייכער זענען שוין פופצעהן וויאָרסט פון שטאָדט.

אויף די וואנד איז פונאַנדערגעקלעבט אַ הודעה, אַז „אַלע מאַנסביל פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג פון אַכצעהן ביז פינפ-אונפערציג יאָהר מוזען עוואַקואירט ווערען", נאָר „ח ו ץ י ו-ד ע ן". וואָס בעדייט דער אויסנאַהם פון יודען, ווייסט קיינער נישט און דאָס האָט אָנגעוואָרפען אַ פחד אויף דער יודישער בעפעלקערונג. וואָס פאַר אַ ווילדע קלאַנגען עס זענען מכח דעם געגאַנגען, קאָן מען זעהן דערפון. מיט עטליכע טעג שפעטער האָט לאַנדער אין בראָד אויפ'ן וואָקזאַל געהערט אַזאַ געשפרעך: עס קומט אָן פון לעמבערג אַ צוג מיט סאָלדאַטען. אַ פאָלקאָווניק געהט צו און פרעגט די סאָלדאַטען:

—וואָס הערט זיך אין לעמבערג? זענען שוין אין שטאָדט פונאַנדערגעשטעלט קאַנאָנען?

—צוליב וואָס?—פרעגען די סאָלדאַטען.

—צו צושיסען דאָרטען אַלע זשידעס!

קומענדיג אין לעמבערג האָב איך אויפגעזוכט לאנדער'ן און מיר זענען צוזאַמען אַוועק צום מיטגליד פון קאָמיטעט, דרע-זינער'ן און נאָכדעם זאַלבעדריט צום נאמן, דעם באַנקיר פעל-

לער. מיר האָבען זיי ערקלערט, אַז מיר קאָנען זיי נישט אי־בערלאָזען פינפאונדרייסיג טויזענד רובל, ווען מיר האָבען הונדערטער טויזענדער הײמלאָזע און זייער צאָהל וואַקסט פון טאָג צו טאָג אין דער צייט, ווען דער לעמבערגער קאָמיטעט וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום קאָנען בעקומען הילף אי פון דער רעגירונג, אי פון וויען און אַנדערע קהלות. זיי האָבען איינגעשטימט מיט אונז, נאָר אויפגעוויזען, אַז דער ביודזשעט ביז׳ן סוף חודש דאַרף געדעקט ווערען פון דעם געלד. זיי האָבען צוגעזאָגט צונויפצורופען אין אַ פּאָר שעה אַרום דעם קאָמיטעט און צוזאַמען בעשפּרעכען די פראַגע.

אַ זייגער פינף זענען מיר ווידער געקומען צו פעלער׳ן. דאָרטען זענען געווען חוץ די אויבען דערמאָהנטע, נאָך זעקס־זיבען מיטגלידער פון קאָמיטעט. דיאַמאַנד, דער פּאָרזיצענדער, איז נישט געקומען. הויזנער האָט אונז פּאָראויסגעזאָגט, אַז דיאַמאַנד און די מעהרהייט פון קאָמיטעט שטעהען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס געלד דאַרף נישט אומגעקעהרט ווערען. לאַנדער און איך האָבען איבערגע׳חזר׳ט אונזערע מאָטיווען און אַרויסגעזאָגט אונזער קאַטעגאָרישע פאָדערונג. הויזנער האָט אין אַן אויפגערעגטער הייסער רעדע אויפגעוואָרפען זיינע חברים פון קאָמיטעט, וואָס זיי ווייזען אַרויס אַן׳אונדאַנקבאַרקייט און אַ גראָבקייט בנוגע צו די רוסישע ברידער.

מ׳האָט זיך לאַנג מישב געווען און עס איז געבליבען אומצוקעהרען דאָס געלד, חוץ דער סומע, וואָס עס איז נויטיג אויף צו דעקען דעם ביודזשעט פון חודש. עס האָט זיך אפילו געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי קאָן מען עס בעשטימען אָהן דעם פּאָרזיצענדען, נאָר מ׳האָט אויף דעם אויך מסכים געווען. מיר האָבען געמאַכט דעם רעכנונג, וויפיל איז נויטיג אויף צו דעקען די הצטרכות פון אַלע אַנשטאַלטען (אָכראַנקעס, קיכען, חדרים א. ד. גל.) ביז׳ן סוף חודש און עס איז אויסגעקומען ביי צעהנטויזענד רובל, די איבעריגע פינפאונצוואַנציג האָט מען בעשטימט אונז אַרויסצוגעבען. אָבער ביים נאמן איז געווען אויפ׳ן אָרט נאָר צוואַנציג טויזענד אין קליין געלד, צו איינס, דריי

און פינף-רובּעלדיגע (צוגעגרייטע אויף צו טיילען) און ער האָט עס מיר אָבּגעגעבּען. דאָס האָט פערנומען אַ גרויס קאַרטאָן-שאַכטעל און געוואויגען מעהר ווי א פּוד. איך האָבּ נישט געוואוסט וואָס צו טהון מיט דער משא. אומבּייטען דאָס געלד אויף גרעסערס איז נישט געווען וואו (דער בּאַנק איז שוין געווען אָבּגעפאָהרען) און אַרומשלעפּען זיך אין דער מהומה מיט אַזאַ שאַכטעל, איז געווען נישט גאָר בּעקוועם. דערצו האָבּ איך נאָך געהאַט בּיי זיך בּיי זעקסטויזענד רובּל. ווען מען וואָלט צופעליג בּיי מיר געטראָפען אַזאַ סומע קליינגעלד, וואָלט מיר זיין שווער צו ערקלערען, צוליבּ וועלכען צוועק איך פיהר זי אום מיט זיך. געבּליבּען דער איינציגער מיטעל, אָבּפיהרען דאָס געלד אין קיעוו.

פערענדיגט מיט דער געלד-פראַגע, זענען מיר מיט'ן קאָמיטעט געזעסען אַ היבּשע צייט און גערעדט וועגען דער לאַגע.

דרעזינער האָט דערצעהלט, אַז בּיי איהם איז געווען דער בּעוואוסטער מאָסקוואָפיל דודיקעוויטש, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין גאַליציע, אינסצענירענדיג די איבּערגעגעבּענקייט פון די גאַליציאַנער פאָלקס-מאַסען צו רוסלאַנד. איצט, פערשטעהט זיך, געהט ער אַוועק צוזאַמען מיטן רוסישען חיל. ער האָט בּערוהיגט דרעזינער'ן, אַז קיין שום פּאָגראָמען און אַנדערע גוואַלדטהאַטען געגען יודען וועלען נישט דערלאָזען ווערען. נאָר ער האָט אַנ'עצה געגעבּען, יודען זאָלען שיקען אַ דעפּוטאַציע צום גראַף בּאָבּרינסקי און בּעדאַנקען איהם פאַר זיין גוטהאַרציגען אויפטראָג צו יודען אין לעמבּערג. דרעזינער האָט זיך וועגען דעם מישב געווען מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער געמיינדע און עס איז געבּליבּען קיין דעפּוטאַציע נישט צו שיקען. ערשטענס איז עס אונבּעקוועם געגען דער עסטרייכישער מאַכט, צווייטענס, ווער קאָן וויסען, ווי בּאָבּרינסקי וועט אויפנעהמען די דעפּוטאַציע? אפשר וועט ער הייסען אַלעמען אַרעסטירען?

מיר זענען אַריבּער צו דער פראַגע, וואָס האָט אַלעמען איבּערהויפּט בּעאונרוהיגט—וועגען ערוב'ניקעס. מ'האָט שוין גע-

זעהן דעם צעטעל פון די ערוב'ניקעס, וועלכע די רוסען גריי־טען זיך צו נעהמען. צווייאונפערציג אָדער פינפאונפערציג מאַן און צווישען זיי אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט. אויפ'ן ער־שטען אָרט—ד"ר הויזנער און פעללער. אַלע האָבען בעשטימט צו בעהאַלטען זיך, נאָר עס איז שווער צו געפינען אַ זיכערן אָרט. הויזנער'ן האָט פאָרגעלעגט צו בעהאַלטען ביי זיך אַ פוילישער גלח, נאָר ער האָט אַ בעסערן אָרט. ער וועט געהן צו זיינעם אַ בעקאַנטען אַרצט, אַ פערוואַלטער פון אַ משוגעים־הויז און וועט די פּאָר טעג פערברענגען צווישען די משוגעים. דאָרטען וועט מען איהם געוויס נישט זוכען.

מיר האָבען זיך זעהר וואַרים געזעגענט, געזעגענט אויף לאַנג, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג! און אין האַרצען איז געווען דער שווערער געדאַנק: וואָס וועט זיין מיט די אַלע מענשען מאָרגען? וועלען זיי אַלע בלייבען לעבען?

איך בין מיט דעם צוואַנציג טויזענד־רובעלדיגען שאַכטעל אַוועק אין האָטעל. בשעת איך בין געגאַנגען, האָבען איבער'ן שטאָדט געשוועבט דריי אַעראָפּלאַנען און אַראָבגעוואָרפען דריי באָמבעס.

איך בין אַריין צו זיך אין צימער, איך קוק דורכ'ן פענסטער, עס איז פון אַלע זייטען אַ געלויף צום פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך אַ וואַסער־קראַן. אַלע לויפען מיט עמער, קרו־גען און אַנדערע כלים. מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז אין אַ שעה אַרום וועט די וואַסערלייטונג אויפהערען צו אַרבייטען.

איך האָב בעגעגענט דעם זשורנאַליסט וו. טאָן (באָגאָראָז), וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אויף דער מלחמה און גע־שריבען אין „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטי". ער איז געווען זעהר פעסימיסטיש געשטימט: מ'וועט טרייבען און טרייבען די רוסישע אַרמעע ביז קיעוו.

—איצט איז זאָ נישט אינטערעסאַנט. אינטערעסאַנט וועט איצט זיין אין רוסלאַנד. דאָרט וועלען פאָרקומען גרויסע גע־שעהענישען,—האָט ער מיר געזאָגט.

מיט עטליכע טעג שפּעטער, אַז איך האָב זיך מיט איהם

בעגעגענט אין קיעוו, האָט ער איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער.

—אויף וואָס פאַר אַ גרויסע געשעהענישען וואַרט איהר?— האָב איך איהם געפרעגט.

—אויף אַזעלכע גרויסע, אַז דאָס פאַלען פון דער די־נאַסטיע ראָמאַנאָוו ועט אין פערגלייך מיט זיי זיין אַ קלייניגקייט!—האָט ער געענטפערט זעהר איבערצייגט.—אין דער גרויסער מפלה, וואָס די אַרמעע האָט געהאַט, זענען שולדיג נישט בלויז די הערשענדע קלאַסען, נאָר מיר אַלע. קיין שום אויסגאַנג איז נישטאָ. אַ סעפּאַראַטער שלום איז שרעקליך. דייטשלאַנד וואָלט דערשטיקט רוסלאַנד. נאָר רוסלאַנד איז אַלץ איינס פערפאַלען. זי געהט אַראָב פון דעם היסטאָרישען פלאַץ, ווי אַ גרויסע מלוכה. עס הויבט זיך אָן דאָס צוטיילונג און צופאַלונג פון רוסלאַנד. די געשיכטע האָט פיל מוחל געווען רוסלאַנד. איצט הויבט זיך אָן דער פונאַנדערצאָהלען זיך.

איך האָב בעשטימט צו פאָהרען אין סאָקאַל, וואוהין עס האָט בעדאַרפט אָנקומען איינע פון די אָבטיילונגען. מ׳האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז פון וואָלאָטשיסק וועט קומען אַנ׳אויטאָמאָביל פון דעמידאָווס אָבטיילונג און וועט פון דאַנען געהן קיין סאָקאַל. האָב איך בעשטימט מיט איהם צו פאָהרען.

אויף מאָרגען, דעם פינפטען יוני, האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט די בעוועגונג פון דער אָבטרעטענדער אַרמעע. אויף די גאַסען איז פוסט. אַלע אַנשטאַלטען זענען אָבגעפאָהרען. עס געהעט אַוועק די לעצטע צוגען, אין וועלכע עס איז אונמעגליך אַריינצוקלייבען זיך, אַזוי אָנגעפּאַקט זענען זיי. און דער אויטאָמאָביל, אויף וועלכען איך וואַרט, איז אַלץ נישטאָ. איך האָב בעשטימט, אויב ער קומט נישט ביז אָוועגד, אָבפאָהרען מיט אַ וועלכען-עס-איז צוג קיין קיעוו. בלייבען ביז דער לעצטער מינוט אָהן אַ וועלכען-עס-איז אויסרייד, וואָס איך טהו דאָ, מיט אַ גרויסער סומע געלד, האָב איך נישט געוואָלט.

אינדערפריה האָב איך בעגעגענט דעם בעוואוסטען מלחמהזשורנאַליסט נעמיראָוויטש דאַנטשענקאָ. די גאַנצע צייט האָט ער זיך געפונען אין לעמבערג, איז שטענדיג געווען אַרומגעריב-

געלט מיט העכערע מיליטערלייט, וועלכע האבען זיך אויפגע־טראגען צו איהם מיט א חניפות'דיגער ענטציקונג. ער האט גע־קאנט מיט עטליכע ווערטער אין זיינע קארעספאנדענצען אין „רוסקאיע סלאוואָ" שאפען א קאריער. ער איז שטענדיג ארומ־געגאנגען ווי א חתן, מיט א הויך אויפגעהויבענעם קאפ, גערעדט אויפ'ן קול מיט א זיכערן אויטאריטעט און נישט קוקענדיג אויף זיינע כמעט זיבעציג יאהר, איז ער שטענדיג ארומגעפאהרען, אומעטום געווען, אלץ געזעהן.

ער איז איצט אויך בעלעבט, ריהרעווודיג און שיט מיט ניין מאס רייד.

ער האט מיך איינגעלאדען אריינגעהן צו זיינעם א חבר, אויך א זשורנאליסט, פאנקראטאוו. געהענדיג, האט ער דער־צעהלט, אז ער קומט נאר-וואס פון די פאזיציעס און האט זיך די גאנצע צייט געפונען אונטער דער בעשיסונג פון שונא.

ער קלויבט זיך ווידער פאהרען צו די פאזיציעס, צו גראדעק און רעדט איין פאנקראטאוו'ן, יענער זאל פאהרען מיט איהם.

—דער גאנצער וועג ביז גראדעק ווערט בעשאסען.—גיט ער צו.

—צו וואס-זשע זאל איך קריכען אין אזא געפאהר?—רופט זיך אפ פאנקראטאוו.—דאך גרינג גע'הרג'עט ווערען.

—נו! איהר האט מורא? אט איך האב קיין מורא נישט. זעהר אינטערעסאנט. קומט!

און האט אנגעהויבען בעריהמען זיך מיט זיין העלדענמוט. נאכדעם האט ער אנגעהויבען צו שיטען פעך און שוועבעל אויף ברוסילאוו'ן. דאס איז ער אין אלץ שולדיג. מיט זיין אונ־פעהיגקייט און פערברעכערישער לייכטזיניגקייט האט ער גע־קוילעט די ארמעע.

—נאך דער מלחמה וועל איך ארויסטראגען אזוינע שרעק־ליכע סודות, אז די האר וועלען זיך קאפויער שטעלען.

—איהר וועט גלויבען,—האט ער זיך געווענדט צו מיר.—אויף א פראגט פון זיבען וויארסט ביז גראדעק געפינען זיך אין

די שאַנצען צוויי באַטאַליאָנען. און דערמיט וויל מען אויפהאַל-טען דעם שטורמישען אָנשפּאַר פון שונאו!

און ער האָט נאָך לאַנג גערעדט, געזידעלט אַלעמען און געריהמט זיך.

איך בין אַריין געזעגענען זיך מיט פרוי רייכענשטיין, דער אָרגאַניזאַטאָרין און פערוואַלטערין פון די אָכראַנקעס, וועל-כע זענען געווען אַדאַנק איהר זעהר גוט איינגעאָרדענט.

—איהר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, האָט זי מיר געזאָגט.—אָט געהען די רוסען אַוועק און ביי מיר איז נישטאָ קיין פרייד אין האַרצען. איך ווייס זעהר גוט וועגען אַלע גרוי-זאַמקייטען, וואָס דאָס רוסישע חיל איז בעגאַנגען אין גאַליציע, און נישט קוקענדיג אויף דעם, איז ביי מיר אין האַרצען נישטאָ קיין געפיהל פון פיינדשאַפט צו די רוסען. ווי ווילד זיי זענען נישט, זענען זיי פאָרט ברייטער, מענשליכער, פּראָסטער ווי די דייטשען. איך וועט דאָס אויסוויזען מאָדנע, נאָר פאַר די צעהן חדשים בין איך צוגעוועהנט געוואָרען צו די רוסען און ביי מיר האָט זיך געשאַפען אַ גוטער געפיהל צו זיי...

דער אויטאָמאָביל, אויף וועלכען איך האָב געוואַרט, איז אַלץ נישט אָנגעקומען. מעגליך, אַז איהם האָט עטוואָס אויפגע-האַלטען און ער וועט נישט קומען. איך האָב זיך שוין געקלי-בען געהן צום באַהן, אָבצופאָהרען מיט אַ צוג. אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון האָטעל, האָט מיך אָבגעשטעלט אַ יונגערמאַן, מיט וועלכען איך האָב זיך, ווייזט אויס, ערגעץ וואו געטראָפען, נאָר איצט נישט דערקענט, און געפרעגט:

—וועז פאָהרט איהר?

—איך ווייס נאָך נישט. איך וואַרט אויף אַנ'אויטאָמאָביל.

—פאָהרט מיט אונז. מיר האָבען אַנ'אייגענעם צוג און פאָהרען אָב היינט זיבען אַ זייגער אין בראָד.

—זעהר גוט!

איך האָב פערנומען דאָס געלד און די זאַכען און מיט דעם אומבעקאַנטען יונגענמאַן אין זיין אויטאָמאָביל אָבגעפאָהרען אויפ'ן וואָקזאַל.

אַז איך בין שוין געזעסען אין וואַגאָן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז אַנ'אָבטיילונג פון בעסאַראַבער זעמ-סטוואָ. איהר לאַזאַרעט איז שוין אַריבערגעפיהרט אין בראָד. דאָס איז אַ לאַזאַרעט פאַר אָנשטעקענדע קראַנקהייטען, איבערהויפּט פאַר כאָלערע און אין איהם געפינען זיך פיערהונדערט אַכציג קראַנקע. מיט דעם צוג ווערען אַריבערגעפיהרט אין אַלט וואַגאָנען דער גאַנצער פּערסאָנאַל און דער סקלאַד. די וואַגאָנען זע-נען צוגעקייטעלט צו אַ משא-צוג.

אָנשטאָט זיבען אָוונד, זענען מיר אָבגעפאָהרען צוויי בייננאַכט.

פערלאָזען האָב איך לעמבערג דעם 6-טען יוני פאַרטאָג, און דעם 8-טען זענען אַריין אין שטאָדט די עסטרייכער. וואָס עס איז פאָרגעקומען אין שטאָדט פאַר די צוויי—דריי טעג, האָב איך ביז איצט נישט געקאָנט זיך דערוויסען. עס זענען געגאַנ-גען קלאַנגען, אַז עס איז געווען אַ פּאָגראָם, אַז מ'האָט אַ רב אָדער אַ ראַבינער דערשאָסען, אָבער דאָס זענען געווען נאָר נישט קלאָרע קלאַנגען. וו. טאַן, וועלכער איז אָבגעפאָהרען דעם 7-טען בייטאָג, האָט מיר דערצעהלט, אַז מ'האָט קיין צייט נישט געהאַט צו עוואַקואירען די ציווילע בעפעלקערונג. דעסגלייכען האָט מען קיין צייט נישט געהאַט אויפצורייסען אַנדערע בנינים חוץ דעם וואָקזאַל (איינע פון די שענסטע געביידעס אין גאַלי-ציע). די לעצטע טיילען, אָבטרעטענדיג, האָבען אויפגעבראָכען און צוראַבירט אויף דער גרויסער גאַס אַלע רייכע קלייטען, איבערהויפּט יובעליר-געשעפטען. מ'האָט אויפגעזוכט און אויפגע-בראָכען אַ ווינקעלער, געטרונקען און דעם איבערגעבליבענעם וויין פונאַנדערגעגאָסען איבער די גאַסען. די שפּעטער געקומע-נע זענען געקראָכען איבער דער ערד און געזופּט דעם בראַנ-פען פון דער בלאָטע. בשעת די פּאָליציי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מען איהר נאָכגעפייפט פון די פענסטער.

נאָך פון עמיצען האָב איך געהערט, אַז פיל פון די שכור'ע סאָלדאַטען זענען פערבליבען. די עסטרייכער האָבען זיי געפונען נאָך שכור און געשאָסען זיי ווי מאַראָדערן.

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך. אין לעמבערג איז די גאַנצע צייט אַרויסגעגאַנגען אַ רוסישע צייטונג „טשערוואָנאַיאַ רוס". מיר האָט זיך געטראָפען דער לעצטער נומער איהרער פון 6-טען. אין נומער איז קיין שום רמז נישטאָ, אַז מ'פערלאָזט לעמבערג. דער טאָן אַ מונטערער און אַ זיגערישער. עס זענען אָנגעוויזען די ספעקטאַקלען אין רוסישען טעאַטער אויף אַ גאַנצע וואָך: שבת, דעם 8-טען, „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ", זונטאָג-דעם 9-טען, „די שענע העלענא". גאָר אינטערעסאַנטער פאַר אַלץ איז דאָרט די פעראָרדנונג פון דעם פערוואַלטער איבער גאַליציע, אַז „פון אַלע יורידישע אַנשטאַלטען אין גאַליציע זאָלען דערווייטערט ווערען די שופטים יודען". גאַליציע איז שוין כמעט אַוועק פון די רוסישע הענד, און דער אַפּאַראַט פון יודען-פערפאָלגונג האַלט אין איין אַרבייטען!

## ח

די אָבטיילונג, מיט וועלכער איך האָב זיך צופעליג געטראָפען, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ שוואַרץ-מאה'דיגע, ווי אַלע בעסאַראַבער אָבטיילונגען. אין וואַגאָן האָב איך געטראָפען דעם בעפולמעכטיגטען, מאַקאַר איוואַנאָוויטש (די פאַמיליע זיינע האָב איך פערגעסען), אַ דאָקטאָר, זשעלעבאָווסקי, עפּעס אַ מיטרייזענדער פּאָליאַק, ריכלעווסקי, סאַניטאַרען און באַרמהאַרציגע שוועסטער. אַז איך בין אַריין אין וואַגאָן, האָט זיך געפיהרט אַ געשפרעך וועגען יודען. מאַקאַר איוואַנאָוויטש האָט אַרויסגעזאָגט צופרידענקייט, וואָס מ'זעהט נישט אויף די וואָקזאַלען קיין יודען. דער פּאָליאַק האָט איהם מיט אַ חניפה'שען שמייכעלע אונטערגעהאַלטען. נאָכדעם איז מען אַריבער צו מלחמה-ענינים, צו דער לאַגע אויפ'ן פראָנט: די לאַגע איז אַ האָפנונגסלאָזע. אין דער צייט ווען די עסטרייכער פערוואַרפען אונז מיט סנאַריאַדען, האָבען מיר נישט מיט וואָס צו ענטפערן זיי. דעם דאָקטאָר זענען בעוואוסט פאַלען, אַז אונזערע סאָלדאַטען האָבען

אויף אַ שטורמישער שיסעריי געענטפערט מיט שטיינער.

—ראַטעווען רוסלאַנד קאָן איצט נאָר די געזעלשאַפט, דאָס פאָלק אַליין,—האָט ער רעזיומירט.—און די רעגירונג טהוט גאָר־נישט צו בעגייסטערן דאָס פאָלק, האַלט זיך ביי איהר שטענדיגער אונפערטרויאונג צו דער געזעלשאַפט און ביי איהר ביוראָקראַטיזם... אַז לעמבערג וועט פאַלען, וועט זיך נישט בעגעהן אין רוסלאַנד אָהן ערנסטע אונרוהען...

—אין דער אַרמעע הערשט אַ שרעקליכע צופאַלונג. אָפיצירען און גענעראַלען טראַכטען נאָר וועגען צלימלעך און נאַגראַדעס, זענען פערטהון אין קליינליכע האַמפערונגען צווישען פאָלקען און דיוויזיעס. און נישט בעסער בעשטעהט עס אין די נידעריגערע שיכטען פון דער אַרמעע. נאָר אין דעם „רוסקאָיע סלאָוואָ" שרייבט מען, אַז סאָלדאַטען „רייסען זיך אין שלאַכט", באמת רייסען זיי זיך „פון שלאַכט". גיבען זיך אונטער אין פלען מאַסענווייז, זוכען אַלערליי מיטלען צו בעפרייען זיך פון דינסט. איהר ווייסט, וועלכע מיטלען מ'נעהמט אָן כדי צו בעפרייען זיך. מ'שטעקט זיך אָן אומישנע ווענערישע קראַנקהייטען. אין דער אַרמעע געהט אַ פאַרמעלער האַנדעל מיט אייטער פון טריפער. מ'צאָהלט אַ רובל פאַר אַ טראָפּן...

שפּעטער אַ ווייל איז מען ווידער אַריבער צו יודען. דער פּאָליאַק, ריידענדיג וועגען וואַרשא, האָט זיך אָבגערופען:

—גוט פיהלען זיך איצט דאָרט יודען. האָבען זיך אָנגעקליבען אַהין צוויי מאָל מעהר, ווי פריהער ס'איז געווען.

—אָנגעקליבען האָבען זיי זיך אַהין נישט פון גרויס נחת,—האָב איך זיך אָבגערופען.—דאָרט געפינט זיך איצט ביי הונדערט טויזענד אַרויסגעשיקטע און אַנטלאָפענע היימלאָזע יודען פון גאַנץ פוילען.

—קיין חדוש נישט,—האָט געענטפערט ריכלעווסקי.—זיי בעשעפטיגען זיך אַלע מיט שפּיאָנאַזש.

—איהר קאָנט דאָס דערווייזען מיט פאַקטען?

—קיין פאַקטען ווייס איך נישט, נאָר אַלע אין איין קול זאָגען עס.

—אָט די אַלע, וואָס זאָגען עס אין איין קול, ווייסען מסתמא אַזויפיל פאַקטען, ווי איהר...

—איך בין נישט קיין אַנטיסעמיט,—האָט זיך אָבגערופען דער דאָקטאָר.—נאָר איך מוז קאָנסטאַטירען, אַז יודען פרעהען זיך אויף אונזער מפּלה!

—איבערהויפּט זענען שעדליכע מענשען די גאַליציאַנער יודען,—האָט פאָרטגעזעצט ריכלעווסקי.—עקספּלואַטירען שרעקליך די פּאָלקסמאַסען, דעם פּויער. נאָר איך מוז זאָגען, אַז די אינ-טעליגענטע גאַליציאַנער יודען זענען גאָר אַנדערע, זעהר אָנ-שטענדיגע און אָרענטליכע לייט. צווישען מיינע נאָהנטסטע פריינד זענען דאָ עטליכע יודען: אמת׳ע איבערגעגעבענע פּאָ-ליאַקען. צווישען זיי זענען דאָ אַזעלכע, וואָס אַרבייטען אויף דער קולטור פון לאַנד און וואָלטען געקאָנט זעהר פיל אויפ-טהון, זעהר גרויסע נוצען ברענגען, ווען אונזערע פּוילישע אינטריגאַנטען, אונזערע דעפּוטאַטען, וואָלטען זיי נישט פער-פאָלגען און געגעבען די מעגליכקייט אַרויסצעווייזען זיך.

—איך האָב פריהער געוואוינט אין וואַרשא,—האָט ער צו-געגעבען.—עס איז געוועזען שווער צו לעבען אונטער דעם רוסי-שען רעזשים און איך בין אַריבערגעפאָהרען אין גאַליציע. שוין אַכצעהן יאָהר, אַז איך געפין זיך אין גאַליציע, און ווייסט איהר צו וואָס פאַר אַנ׳אויספיהר איך בין געקומען? אין רוס-לאַנד טאָר אַ פּאָליאַק וועגען גאָרנישט, וואָס האָט אַ שייכות צו זיין נאַציאָנאַלען לעבען, נישט ריידען, נאָר ער האָט די מעג-ליכקייט אַלץ צו טהון. אין גאַליציע מעג אַ פּאָליאַק וועגען אַלץ ריידען, נאָר ער האָט נישט די מעגליכקייט קיין שום נאַציאָנאַ-לע זאַך צו טהון.

גאַנצע אַכצעהן שעה האָט געדויערט דאָס פאָהרען זעכציג וויאָרסט פון לעמבערג ביז בראָד. אויף יעדער סטאַציע זענען מיר געשטאַנען צו עטליכע שעה, דורכלאָזענדיג משא-צוגען פון לעמבערג. וואָס האָט מען נישט געפיהרט פון לעמבערג! עס זענען געגאַנגען גאַנצע צוגען מיט פּוסטע, צובראָכענע פעסער פון צעמענט, מיט צובראָכענע וועגלעך און מעבעל, מיט צע-

פוילטע שפאלן און אנדערע זאכען אהן א שום ווערט. און די אייזענבאהן-ווערקשטאטען האט מען קיין צייט נישט געהאט ארויסצופיהרען.

ארום אכט אין אוונד זענען מיר געקומען אין בראד. אונזער צוג האט זיך אפגעשטעלט א קלאפטער פופציג פון וואקזאל, אין א געדיכטען ווערגענדען רויך פון ברענענדען בעט-געוואנד און בגדים פון כאלערא-קראנקע, וואס מ'האט גאנצע בערג פערברענט דא, ביים וואקזאל.

פון בראד האב איך גערעכענט צו פאהרען מיט'ן עקסטרא צוג קיין קיעוו. איך בין אראפגעגאנגען נעהמען א פוהרעל צו פיהרען מיינע זאכען צום וואקזאל. עס האט געדויערט נישט מעהר ווי צעהן מינוט, ביז איך האב זיך אומגעקעהרט מיט דעם פוהרעל, נאר איך האב דעם צוג נישט געפונען אויף דעם ארט, וואו איך האב איהם געלאזען. עס זענען צוגעגאנגען דער בעפולמעכטיגטער, מאקאר איוואנאוויטש און עטליכע שוועסטער, וואס זענען צוזאמען מיט מיר אראפ פון צוג, מיר האבען אלע צוזאמען געלאזט זיך זוכען איהם אויף אלע ליניעס—און נישטא, ווי איינגעזונקען געווארען. מיר זענען אוועק צום נאטשאלניק סטאציע. ער איז געווען שרעקליך צורודערט און פערדולט און האט אונז נישט געוואלט ענטפערן. אז מיר זענען צוגעשטאנען, האט ער אויסגעשריען:

—וואס פאר א צוג? לאזט מיך צורוה! איך בין גענוג פערדרעהט אהן אייך... וועלכען נומער איז אייער צוג?

—מיר ווייסען נישט דעם נומער.

—איהר ווייסט נישט? נו, ווייס איך אויך נישט! און לאזט מיך צורוה. דא געהען דורך הונדערטער צוגען!

מיר זענען אוועק צום קאמענדאנט. ער איז געווען נישט ווייניגער צורודערט און פערדולט פון נאטשאלניק סטאציע און האט אונז גארנישט געקאנט זאגען. נאכדעם איז ער מיט אונז אוועק צום נאטשאלניק סטאציע. נאר ווי זיי זענען זיך צונויפ-געקומען, האבען זיי גענומען מיט פערצווייפלונג קריגען זיך.

—איך וועל ווארפען אלץ צום שווארציאהר און אנטלויפען

פון דאַנען!—האָט געשריען דער נאַטשאַלניק סטאַציע.—פיהרט אָן די אַרבייט דאָ אַליין, אָהן מיר!

—וואַרפען צו אַלדי שווארציאָהר קאָן איך אויך,—האָט איהם געענטפערט דער קאָמענדאַנט.—מיר האָט שוין דערעסען די קאַטאָרגע, פאַרפלוכט זאָל זי זיין!

נאָך לאַנגע וכוחים און געשרייען האָט דער נאַטשאַלניק סטאַציע ביי אונז געפרעגט:

—אויף וועלכער ליניע זענט איהר געקומען, אויף דער ברייטער, אָדער אויף דער שמאָלער?

—אויף דער שמאָלער.

—האָט איהר דאָס לאַנג געדאַרפט מיר זאָגען! די צוגען פון דער שמאָלער ליניע שיקען מיר אַלע אָב אין דובנאָ. אייער צוג איז אַוועק אין דובנאָ.

—ווי הייסט אין דובנאָ?!—זענען מיר געוואָרען אויסער זיך.—ביים צוג זענען געוועזן אַכט וואַגאָנען פון בעסאַראַבער אָבטיילונג, וועלכע זענען געוועזן אויסגעריכט אַהער.

—מאַלע וואָס זיי זענען געוועזן אויסגעריכט אַהער.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ נבלה!—האָט זיך צוהיצט דער בעפולמעכטיגטער.—דאָ איז אונזער לאַזארעט, וואו עס ליגען פירהונדערט און אַכציג כאָלערע-קראַנקע, און דער גאַנצער פער-סאָנאַל מיט'ן סקלאַד איז געוועזן אויסגעריכט, נעהמט איהר און שיקט זיי אָב אין דובנא! איך וועל זיך קלאָגען אויף אייך! איך וועל טעלעגראַפירען דעם קאָמענדירענדען פון דער אַרמעע.

—טעלעגראַפירט וויפיל אייער האַרץ גלוסט, ווּעמען איהר ווילט!—האָט רוהיג געענטפערט דער נאַטשאַלניק סטאַציע.—איך טהו דאָס, וואָס מ'בעפעהלט מיר. איך האָב אַ בעפעהל פון דעם אויבער-קאָמאַנדירענדען, אַז פון צוועלף בייטאָג הייגט ביז איינס ביינאַכט דאַרף איך אָבשיקען הונדערט און פערציג צוגען און איינעם נישט אָבשטעלען דאָ. טרייבען אַלע אין דובנא. שיק איך איצט אָב אַלע פינף מינוט אַ צוג. און איהר סטראַשעט מיר!

דער בעפולמעכטיגטער איז אַוועקגעלאָפען נאָך וואוהין עס איז קלאָגען זיך, מאָהנען מ'זאָל אומקעהרען דעם צוג. איך האָב

געזעהן, אַז דאָ וועט גאָרנישט העלפען און בין אַוועק אויפ'ן פּלאַטפאָרם וואַרטען אויפ'ן ערשטען צוג, וואָס וועט געהן אין דובנאָ. מיך האָט זעהר בעאונרוהיגט, וואָס אין דעם אָבגעגאַנגענעם צוג איז געלעגען כמעט אָפען דאָס שאַכטעל מיט די צוואַנציג טויזענד רובל. זאָל עמיצער אַ הויב טהון דאָס דעקעל און דערזעהן דאָס געלד, קאָן מען עס גנב'ענען אָדער אויפהויבען אַנ'אויספאָרשונג, וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַכטעל מיט געלד.

אויפ'ן פּלאַטפאָרם האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל. די דינער האָבען זיך אומגעוואָרפען איבער'ן פּלאַטפאָרם, געשריען, געפילדערט, געקריגט זיך. און אַלע עטליכע מינוט איז טאַקע אָבגעגאַנגען אַ צוג. איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין ערשטען, וועלכער עס איז דורכגעגאַנגען, אין אַ וואַגאָן, וואו עס איז געזעסען אַנ'אייזענבאַהן-קאָמאַנדע, אַנ'עוואַקואירטע פון לעמבערג קיין ראַדזיוויל. אַז איך האָב זיי געזאָגט, אַז מ'וועט זייער וואַגאָן נישט אָבקייטלען אין ראַדזיוויל און טרייבען גלייך קיין דובנאָ, זענען זיי געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, נאָר זיי האָבען זיך באַלד בערוהיגט: „זאָל זיין אין דובנאָ. וויבאַלד מיר וועלען נישט זיין פעראַנטוואָרטליך—איז נישט אונזער זאַך.” אַז מיר זענען געקומען אין ראַדזיוויל און דער צוג איז דאָרט געשטאַנען פופצעהן מינוט, האָב איך אָנגעוויזען דער קאָמאַנדע, אַז זיי האָבען גענוג צייט אַרויסצוגעהן און אַרויספּאַקען זייערע זאַכען, נאָר זיי האָבען זיך נישט גערירט פון אָרט: „מען דאַרף דאָ אָבקייטלען דעם וואַגאָן, אַזוי איז פעראָרדענט. און וויבאַלד מ'קייטעלט איהם נישט אָב, איז נישט אונזער דאגה”.

„נישט אונזער זאַך”, „נישט אונזער דאגה”—די ווערטער איז אויסגעקומען אָפטער פאַר אַלץ צו הערען פון אַלערליי אָנטיילנעהמער אין דער מלחמה, פון די קלענסטע, ביז די העכסטע. און אין די דריי ווערטער איז געלעגען כמעט די הויפּט-סיבה פון אַלע רוסישע מפּלות.

די אַכט וויאָרסט פון בראָד ביז ראַדזיוויל האָט זיך דער צוג געשלעפּט דריי שעה. די אייזענבאַהן-בריגאַדע האָט ווייניג

אָבגעגעסען זיך דאָס האַרץ דערפון, געזעסען, געטרונקען טעה און פרעהליך דערצעהלט אַלערליי מלחמה-קוריאָזען.

—מ׳האָט אַבגעשיקט פון גאליציע אַ גע׳הרג׳עטען גענעראַל אין אַ טרונע אין אַ ספעציעלען וואַגאָן קיין טווער, וואו מ׳האָט איהם געדאַרפט מקבר-זיין. דער וואַגאָן איז אָנגעקומען, עס האָבען זיך צונויפגעקליבען אויפ׳ן וואָקזאַל די העכערע גלחים, מ׳האָט מיט גרויס פּאַראַד און ביים קלונגען פון אַלע גלאָקען אָבגע׳חתמ׳עט דעם וואַגאָן. און אָנשטאָט דעם גענעראַל האָט מען דאָרט געפונען געטרוקענטע פיש. פערביטען דעם וואַגאָן!

—כאַ-כאַ-כאַ!

—ביי אונז אויפ׳ן פראָנט האָט געטראָפען,—רופט זיך אָב דער אַנדערער,—מ׳האָט געוואַרט מיט׳ן גרעסטען אונגעדולד אויף אַ צוג מיט סנאַריאַדען. אַז ער איז אָנגעקומען, האָט מען אין די וואַגאָנען אָנשטאָט סנאַריאַדען געפונען סוכאַרעס. פערביטען די צוגען. אַ צווייט מאָל האָט געטראָפען, אַז אַ גאַנצע דיוויזיע איז על פי טעות געוואָרען אָבגעשיקט אָנשטאָט אויפ׳ן מערב-דרומ׳דיגען פראָנט אויפ׳ן קאַווקאַזער. הונדערטער אַזעלכע טעות׳ן זענען פאָרגעקומען.

מיר האָבען נישט בעוויזען אָבצופאָהרען אַ וויאָרסט פון ראַדזיוויל, ווי עס איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער שטויס, פון וועלכען מיר זענען אַלע געפאַלען אויף דער ערד און אויף אונז די פעק און פעקלעך. דער צוג האָט זיך מיט אַמאָל אָבגעשטעלט. מיר זענען אַרויסגעשפרונגען פון וואַגאָן. עס איז געווען שטאַרק פינסטער. ביים עק צוג האָבען זיך גיך באַוועגט פייערלעך פון לאַמטערנעס און פון דאָרט האָט זיך געטראָגען אַ געשריי. מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז אויף אונזער צוג איז פון הינטען אָנגעשפרונגען אַ צווייטער, האָט צובראָכען צוויי וואַגאָנעס, וואו עטליכע מענשען זענען גע׳הרג׳עט און פיל פערוואונדעט. דאָס האָט אויף קיינעם פון אונזערע און די נאָהנטע פון אונז וואַגאָנען קיין איינדרוק נישט געמאַכט. מ׳איז נאָר געווען פערצווייפעלט, וואָס איצט וועט מען דאָ געוויס שטעהן ביז טאָג. אייניגע האָבען זיך אומגעקעהרט אין די וואַגאָנעס צו

לעגען זיך שלאָפען, אַנדערע האָבען גענומען ברעכען שטעקענס פון עפּעס אַ פּאַרקאַן און מאַכען אַ פייער. מיט אַמאָל דערהערט זיך פון עק צוג אַ געשריי: „אַלע וואַרפט זיך אַרויס פון די וואַגאָנעס! עס וועט ווידער זיין אַ צוזאַמענשטויס! עס פליט אָן אויף די צוויי צוגען אַ דריטער.

ווייטער אַ מהומה. נאָר קיין שום שטויס האָבען מיר נישט געפיהלט. צי דער דריטער צוג אָבגעהאַלטען געוואָרען בעצייטענס, אָדער דער שטויס האָט נישט דערגרייכט ביז אונזער וואַגאָן—ווייס איך נישט.

אין דער צייט האָב איך דערזעהן, אַז פון דער פאָדערשטער זייט דערנעהנטערט זיך איבער דעם אייזענבאַהן-וועג צו אונז אַ פייערל. דאָס איז געגאַנגען אַ קאָנדוקטאָר מיט אַ לאַמטערן. ער איז צוגעגאַנגען צו אונזער לאָקאָמאָטיוו און אָנגעהויבען שמועסען דערנאָך אַמפּערן זיך מיט דעם מאַשיניסט. איך בין צוגעגאַנגען און זיך דערוואוסט, אַז דער קאָנדוקטאָר איז פון פאָדערשטען צוג, וועלכער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי אַ ווערסט ווייטער, ווייל דער לאָקאָמאָטיוו קאָן נישט „בעהמען" דעם באַרג אַרויף. אין צוג איז אָנשטאָט די נאָרמאַלע פינפאונפערציג וואַגאָנעס, פאַרהאַן זיבענאונפופציג. דער קאָנדוקטאָר, דערוויסענדיג זיך, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס און אונזער צוג שטעהט סיי ווי סיי, איז געקומען בעטען דעם מאַשיניסט, ער זאָל מיט אונזער לאָקאָמאָטיוו אונטערשטויסען זייער צוג. דער מאַשיניסט האָט צוערשט נישט געוואָלט, נאָכדעם האָט ער איינגעוויליגט. איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן לאָקאָמאָטיוו און אָבגעפאָהרען צום פאָדערשטען צוג. דאָס איז נאָך נישט געווען דער צוג, וואו איך בין געפאָהרען, נאָר פאָרט נעהנטער צו יענעם. איך האָב זיך פערקליבען אין אַ וואַגאָן מיט פוסטע פעסער פון צעמענט. דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט מיט מאַטערניש, מיט אַ כריפּעריי, סקריפּעניש און אַנ'אָנשטרענגונג גענומען שלעפּען זיך פאָראויס, און ביי יעדען שטויס האָבען די פוסטע פעסער געטאַנצט און געביטען די ערטער. ערשט צום פריהמאָרגען איז דער צוג געקומען אין דובנאָ. נישט אין דובנאָ גופא,

נאָר אַ וויאָרסט זעקס פֿאַר דובנאָ, בײַ אַ פּאָלוסטאַנאָק. פֿון דאָ-נען ביז דובנאָ איז דער גאַנצער וועג שוין געווען פֿערשטעלט מיט פֿיל צעהנדליג פֿריהער געקומענע צוגען. דאָ האָט זיך גע-ענדיגט די שמאָלע ליניע און ווייטער האָט מען די צוגען אין ערגעץ נישט געקאָנט שיקען. איך בין אַראָב און אַוועק פֿאַר-אויס. דער דריטער צוג איז געווען דער, מיט וועלכען איך בין געפֿאָהרען פֿון לעמבערג. איך האָב געפֿונען דאָס שאַכטעל מיט דעם געלד און מיינע זאַכען אונבעריהרט. די לייט פֿון פֿערסאָ-נאַל, וואָס זענען געווען אין וואַגאָן, האָבען נישט פֿערשטאַנען, וואוהין מ'האָט זיי אָבגעפֿיהרט און וואָס טהוט זיך מיט די, וואָס זענען פֿערבליבען אין בראָד. איך האָב זיי ערקלערט און בערוהיגט:

איך האָב געפֿונען אַ פֿוהר און צוגעפֿאָהרען קיין דובנאָ צום באַהנהויף, אויף וועלכען עס איז געווען ווי אין גאַליציע, פֿול מיט מיליטער און ס'האָט געהערשט אַ שטאַרקער גערודער, קיין איין יוד איז שוין אויפֿ'ן וואָקזאַל נישט געווען צו בע-מערקען, דער ריכטיגסטער סימן, אַז די מלחמה האָט דערגרייכט אַהער.

איך האָב זיך געזעצט אין ערשטען משא-צוג, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו קיעוו. דער וואַגאָן, וואוהין איך בין אַריין, איז געווען אָנגעפּאַקט מיט קאַסטענס, בײַ וועלכע עס האָט זיך געפֿונען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס. חוץ מיר האָבען זיך אין וואַגאָן געפֿונען עטליכע אָפֿיצירען.

—וואָס פֿיהרסטו אין די קאַסטענס?—האָט איין אָפֿיציר גע-פֿרעגט דעם וועכטער.

—ניי-מאַשינען פֿון פּשעמישל.

אַלע האָבען זיך פֿערוואונדערט. דאָס הייסט בעראַבעוועט אַ פּריוואַטען סקלאַד מיט מאַשינען און מ'פֿיהרט אַרויס אָפֿיציעל, מיט אַ בעוואָפֿענטען בעגלייטער.

—אַפּנים מ'רעכענט דאָס געבען נדן די סאָלדאַטען, אַז זיי וועלען חתונה האָבען.—האָט זיך אָבגערופֿען איין אָפֿיציר.—

קיין אַנדער ציל אַרויסצופיהרען פון שטאָדט ניי-מאַשינען קאָן איך נישט בעגרייפען.

אין קיעוו האָב איך געטראָפען אַ צוזאַמענפאָהר פון די יודישע הילפס-קאָמיטעטען. פון פעטערבורג איז געקומען ד. פיינבערג, מיט וועמען ביי מיר איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער אינצידענט.

מאָהנענדיג ביים לעמבערגער קאָמיטעט ער זאָל אומקעהרען דאָס צוגעשיקטע געלד, האָט ד״ר לאַנדער בעמערקט, אַז איינינגע מיטגלידער פון קאָמיטעט צווייפלען, אויף וויפיל לאַנדער און איך זענען פולמעכטיגע פאָרשטעהער פון פעטערבורגער און קיעווער קאָמיטעטען, צו מאָהנען אין זייער נאָמען צוריק דאָס צוגעשיקטע געלד. דערום האָבען מיר גלייך טעלעגראַפירט אין פעטערבורגער קאָמיטעט: „טעלעגראַפירט גלייך דעם לעמבערגער קאָמיטעט אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג, ערפילען יעזוסייעווס (לאַנדערס פסעוודאָנים) און מיינע פאָדערונגען, שטימענדע מיט אייערע דירעקטיווען. בעשטעטיגט אונזער בעפולמעכטיגונג.״ קיין ענטפער אויף דעם טעלעגראַם האָבען מיר זיך אין לעמבערג נישט דערוואַרט. איצט, בעגעגענענדיג זיך מיט פיינבערג׳ן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער פעטערבורגער קאָמיטעט האָט, אַלס ענטפער אויף אונזער טעלעגראַם, טעלעגראַפירט דעם לעמבערגער קאָמיטעט: די סומע, וואָס מ׳האָט איהם אַרויסגעשיקט, בלייבט ביי איהם און אויף ווייטער קאָן פעטראָגראַד גאָרנישט צוזאָגען. ד. ה. אַרויסגעזאָגט אַקוראַט דעם היפוך דערפון, וואָס מיר האָבען געפאָדערט און דערביי נישט בעשטעטיגט אונזער בעפולמעכטיגונג. וואָלט זיך די טעלעגראַמע בעקומען בשעת ביי אונז זענען נאָך פאָרגעקומען די אונטערהאַנדלונגען וועגען דעם געלד, וואָלט דער לעמבערגער קאָמיטעט האָבען די רעכט נישט אומצוקעהרען אונז דאָס געלד און אפילו פעררעכענען אונז פאַר מענשען, וועלכע האָבען זיך אָנגערופען פאַר בעפולמעכטיגטע, נישט האָבענדיג קיין רעכט אויף דעם. און וואָס וועט דער קאָמיטעט, בעקומענדיג איצט די טע-

לעגראַמע, אויב זי וועט דערגעהן צו איהם, טראַכטען וועגען אונז?

—ווי אַזוי האָט איהר אונז, לאַנדער׳ן און מיך, אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ לאַגע?—האָב איך אויפגערעגט געפרעגט פיינבערג׳ן.—ווי אַזוי האָט איהר נישט טעלעגראַפירט: ערפילט די פאָדערונגען פון אונזערע בעפולמעכטיגטע? פאַרוואָס האָט איהר נישט בעשטעטיגט אונזער בעפולמעכטיגונג?

—מיר האָבען נישט פערשטאַנען אייער טעלעגראַמע. דאָ ווייסען מיר, אַז לעמבערג איז עוואַקואירט און מיט אַמאָל פאָדערונגען. איהר האָט זעהר ריכטיג געטהון, וואָס איהר האָט געמאָהנט דאָס געלד, נאָר אונז איז עס אין זינען נישט אַריינגעפאַלען און מיר האָבען גערעכענט, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען להבא. אייער בעפולמעכטיגונג בעשטעטיגען אין אַ טעלעגראַמע האָבען מיר מורא געהאַט, עס זאָל נישט אַרויסרופען עפּעס אַ חשד.

—מיר האָבען נישט מורא געהאַט אונטערצושרייבען אונזערע פאַמיליעס און איהר האָט מורא געהאַט. ניין, דאָס איז פאַרגעקומען נישט דערפון, נאָר פון דעם פערפוילטען ביוראָקראַטיזם, וועלכער הערשט אין פעטערבורגער קאָמיטעט,—האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטען פון אַנ׳אויפוואורף.

איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב בעשטימט אָבצופיהרען דאָס געלד צוריק אין לעמבערג. איך האָב גערעכענט, אַז איך וועל נאָך צייט האָבען אַהינצוקומען.

פיינבערג און גרינבערג זענען געווען אויסער זיך.

—דאָ איז אַזאַ נויט אין אַ רובל און איהר ווילט אָבפיהרען צוריק צוואַנציג טויזענד רובל, וועלכע געהערן נישט דעם לעמבערגער קאָמיטעט.

כדי אַרויסצוגעהן פון דער לאַגע, האָבען מיר בעשטימט, אַז אין נאָמען פון פעטערבורגער, קיעווער און אָדעסער קאָמיטעטען וועט אָנגעשריבען ווערען צום לעמבערגער קאָמיטעט אַ בריף, אין וועלכען עס וועט זיין בעשטעטיגט, אַז לאַנדער און איך זענען בעפולמעכטיגטע פון די קאָמיטעטען אין די ענינים

פון גאַליציע, אַז מיר ביידע האָבען נישט נאָר געהאַט דאָס רעכט, נאָר זענען געווען מחויב מאָהנען צוריק די סומען, וואָס זענען פערבליבען צום מאָמענט פון ליקווידירען פון לעמבערגער קאָמיטעט און אַז די טעלעגראַמע פון פעטערבורגער קאָמיטעט איז געווען אַרויסגעשיקט אין דעם מאָמענט, ווען מ׳האָט נאָך נישט געוואוסט וועגען דער ליקווידאַציע פון לעמבערגער קאָמיטעט.

דער בריף מיט די אונטערשריפטען פון פיינבערג, גרינבערג און דעם פאָרשטעהער פון אָדעסער קאָמיטעט, האָב איך גערעכענט גלייך אָבפיהרען קיין לעמבערג, נאָר דעמזעלבען טאָג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז לעמבערג איז שוין אין די הענד פון די עסטרייכער.

דעם 10-טען, בשעת איך בין געווען אין חברה מפיצי השכלה אויף אַ פאָרטראַג, וועלכען וו. טאַן האָט געמאַכט איבער די געשעהענישען אין גאַליציע, האָט מען געבראַכט פון באַהנהויף אַ צעטעל, אַז נאָר-וואָס זענען אָנגעקומען די ערוב׳ניקעס, וועלכע מ׳האָט גענומען אין לעמבערג, און מ׳בעט ווען עס איז קומען צו זיי. איך מיט טאַנ׳ען זענען אַוועק אויפ׳ן באַהנהויף, נאָר מיר האָבען דאָרט שוין נישט געטראָפען די לעמבערגער ערוב׳ניקעס: מ׳האָט זיי אָבגעפיהרט אין שטאָדט אין אַרעסטהויז אויף קירילאָווער גאַס. געטראָפען האָבען מיר אויפ׳ן באַהנהויף אַ פאַרטיע יודען, ביי דרייהונדערט נפשות, אַרויסגעשיקטע פון סעניאָווע. זיי זענען שוין צוויי וואָכען אין וועג. אָנגעפאַקטע אין די טעפלושקעס, מידע און צובראָכענע. דערזעהענדיג אונז אין מיליטער-בגדים צוזאַמען מיט די יודישע יונגעלייט פון הילפס-קאָמיטעט, האָבען זיי זיך אַ וואָרף-געטהון צו אונז און גענומען מיט אַ געוויין בעטען, מ׳זאָל זיי לאָזען כאָטש אויף עטליכע טעג דאָ אין קיעוו אויסרוהען זיך. דערצו האָט זיך נאָך צווישען זיי געפונען אַ קינד אַ קראַנקס אויף נאַטורעלע פאָקען. מיר האָבען געפרובט כלאָפאָטשען, נאָר עס האָט נישט געהאָלפען, מען האָט זיי גלייך אָבגעשיקט ווייטער, נאָר דאָס קראַנקע קינד האָט מען צוגענומען אין שפיטאָל.

מיר זענען אַוועק אין אַרעסטהויז אויף קירילאָווער גאַס. דאָס הויז האָט דער הילפס-קאָמיטעט געדונגען און איינגעאָר-דענט אויף זיין רעכנונג. מיט גרויס מיה האָט זיך איינגעגעבען פועל'ן ביי דער מאַכט, מ'זאָל די ערוב'ניקעס פון גאַליציע אָנ-שטאָט צו האַלטען אין טורמע, אָבלאָזען אויף דער ערבות פון קאָמיטעט אין דאָס הויז. דער פערוואַלטער פון הויז איז געווען בעשטימט פון דער פּאָליציי, די ערוב'ניקעס איז געווען פער-ווערט אַרויסצוגעהן פון הויז. פונדעסטוועגען פלעגען אייניגע פאָהרען אין שטאָדט און פערבלייבען דאָרט גאַנצענע טעג.

דאָס אַרעסטהויז געפינט זיך אַנטקעגען דעם בעוואוסטען זייצעווס ציגעל-זאַוואָד, וואו עס האָט זיך אָבגעשפּילט די גאַנצע מעשה ביילים. דער פערוואַלטער, האַלפערן, האָט פריהער נישט געוואָלט אונז ערלויבען בעזוכען די אַרעסטירטע, נאָכדעם איז ער ווייכער געוואָרן און ערלויבט, נאָר האָט אונז אויף אַ מי-נוט נישט אָבגעלאָזט פון אויג.

דאָס גרויסע, צוויי-גאָרנדיגע הויז מיט עטליכע פליגל-בנינים, מיט אַ געדעקטען הויף איז געווען פול מיט יודען. אייניגע זע-נען געזעסען, אַנדערע אַרומגעגאַנגען איבער'ן הויף פער'חלש'טע פון היץ. אַלטע לייט זענען געווען אָהן אויבערשטע בגדים, אין טלית-קטנ'ס. אין די ווינקעלעך הויף האָבען ווייבער צוגעגרייט צום קאָכען, אַרום זיי האָבען זיך געשפּילט קינדער. אַ גאַנץ וועלטעל.

דער פערוואַלטער, אַ נידעריג דיק יודעל מיט אַ פליכע-וואַטען קאָפּ און אויפגערעגטע אומלויפענדיגע אויגעלעך, האָט זיך געטראָגען ווי אַ שטורם איבער'ן הויף. ער איז געווען ווי אויף פרוזשינעס און אַ רגע נישט גערוהט. געטראָגען האָט ער עפּעס אַ משונה'דיגען בגד, וואָס האָט געדאַרפט הייסען אַ מונ-דיר. ער האָט געשריען, געפּילדערט, אָבגעגעבען בעפעהלען און אַלע ווייליע געפייפט סיגנאַלען פון אַ פייפעל, וועלכעס איז ביי איהם געהאָנגען אויפ'ן האַלז. די אַרעסטירטע זענען שוין אַפּנים, געווען אויסגעמושטרירט, האָבען געוואוסט די בעדייטונג פון די סיגנאַלען. ביי אונזער אַריינגעהן האָבען זיך אַלע אויפגעכאַפּט

פון די ערטער, אַראָבגענומען די היטלען און אויסגעשטעלט זיך ווי סאָלדאַטען. האַלפערן האָט זיך געווענדט צו זיי מיט דעם טאָן פון אַ קאָמאַנדיר, אָבגעגעבען בעפעהלען. דערביי איז ער געווען אין אַ פרעהליכער שטימונג און האָט זיך געוויצעלט. דעם אַרעסטהויז האָט ער אָנגערופען „קאַבצאַנסקי זאַוואָד". געהענדיג מיט אונז איבער'ן הויז און הויף האָט ער זיך אויפגעפיהרט ווי אַ פערוואַלטער פון אַ זוויערינייעץ, וואָס ווייזט זיינע חיות, וועלכע זיצען אין שטייגען: „דאָס איז אַ זקן פון פינפאונצוואַנציג יאָהר!" „דאָס איז אַ טויבשטומער!" „דאָס איז אַ געוועזענער גביר און איצט אַ קבצנ'סקע קעסטקינד!"—האָט ער פרעהליך אויסגעשריען! דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק.

—אין דעם חדר זיצען זיבעצעהן רבנים! צעהן פון זיי זענען טיפע זקנים!—האָט ער אויסגעשריען, צוגעהענדיג צו אַ גרויסען חדר און געגעבען זיין פייף.

אין חדר, צווישען די רבנים, האָב איך מיט אַמאָל דערזעהן דעם יאַסלער רב. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט זיינע נאַאיוו-גוטהאַרציגע קינדער-תמימות'דיגע אויגען. מיר האָבען זיך דערפרעהט איינער מיט דעם אַנדערן און צוקושט זיך. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז חוה"מ פסח האָט מען איהם געוואָלט ווידער אַרעסטירען און ער האָט איינגעצאָהלט די זעקסהונדערט רובל שטראָף. און אין אַ וואָך אַרום האָט מען איהם צוגענומען פאַר אַנ'ערוב'ניק.

—איהר געדענקט, איהר האָט געזאָגט, אַז מען וועט מיך נישט ריהרען,—האָט ער מיט אַ שטילען אויפוואורף מיר געזאָגט.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב עס איהם געזאָגט.

ער האָט מיך נאַאיוו געבעטען, איך זאָל איהם שטילערהייד אָבפיהרען קיין זשעשאָוו בעהאַלטען זיך, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אויב די מעשה מיט דער שטראָף וועט זיין איינגעאָרדענט, האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבען. איך האָב דעמאָלט נישט געקאָנט רעכענען, אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט

זיך אָנפאַנגען דער ריקצוג פון דער רוסישער אַרמעע פון גאַ־ליציע.

געפונען האָט זיך צווישען די ערוב׳ניקעס אויך דעם רב׳ס פריינד, מענדעל מעלער. ער האָט נאָך אין יאַסלאַ געוויזען זיך מיר פאַר אַנ׳אָריגינאַל און אַ פאַנטאַזיאָר. דאָ האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז נאָך אַ „דיכטער״. ער האָט פערפאַסט אַ לויב-ליד לכבוד די לייט פון הילפס-קאָמיטעט, און פועל געווען ביי האַלפערן, ער זאָל ערלויבען זינגען דאָס ליד ביים טיש מיט אַ כאָר. מ׳האָט מיך איינגעלאַדען אויף מאָרגען צו דעם געזאַנג, נאָר איך האָב קיין צייט נישט געהאַט אויסצוהערען דאָס ליד.

צווישען די ערוב׳ניקעס האָט זיך געפונען איינער פון סטרי, מיט וועלכען איך האָב זיך געזעהן בעת איך בין דאָרט געווען. אַז מ׳האָט איהם אַרעסטירט, האָט ער געהאַט אין זינען צו פערנעהמען מיט זיך אַלע קוויטונגען און חשבונות פון דעם געלד, וואָס איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט און איצט האָט ער מיר איבערגעגעבען אַלע דאָקומענטען. דאָס האָט מיך זעהר גע-ריהרט.

אין אַ בעזונדער חדר האָבען זיך געפונען די ערוב׳ניקעס פון לעמבערג. אויף מאָרגען נאָך מיין אָבפאָהרען האָט מען דאָרט פערנומען פינפאונדרייסיג ערוב׳ניקעס, זיבעצעהן יודען און אַכצעהן פאָליאַקען. צווישען די לעצטע, דעם פּרעזידענט פון מאַגיסטראַט, רוטקאָווסקי. צווישען די יודען האָב איך גע-טראָפען די מיטגלידער פון לעמבערגער קאָמיטעט, ד״ר דיאַ-מאַנד, פעללער׳ן, גאָלד׳ן און אַנדערע. דאָ האָט זיך אויך געפונען דער וויצע-פּרעזידענט פון מאַגיסטראַט, שלייכער, וועלכער האָט זעהר ווענינ אַרויסגעוויזען זיין יודישקייט, און דער רעקטאָר פון לעמבערגער אוניווערזיטעט, ה׳ בעק.

איך האָב ערוואַרט צו טרעפען ד״ר דיאַמאַנד אין אַ שרעק-ליך נידערגעשלאָגענער שטימונג. נאָר דער הייסער עסטרייכישער פּאַטריאָט איז געווען אַזוי בעגייסטערט פון די עסטרייכישע נצחונות, אַז ער האָט פערגעסען וועגען די אייגענע צרות און געהאַלטען זיך פרעהליך, ווי אַ זיגער.

מעהר פון אַלץ האָט מיך פערוואונדערט, וואָס איך האָב דאָ געטראָפען פעללער׳ן. בשעת מיר האָבען זיך צום לעצטען מאָל ביי איהם געזעהן, האָט ער געזאָגט, אַז גלייך געהט ער בעהאַלטען זיך אין זעהר אַ זיכערן אָרט, וואו מ׳וועט איהם בשום אופן נישט געפינען.

—צום אומגליק,—האָט מיר ערקלערט איצט פעללער,—בין איך אַהין נישט געגאַנגען בעהאַלטען זיך. עס איז געקומען אַ מענש פון סקאַלאַנ׳ען און איבערגעגעבען מיר, אַז אויב איך וועל איהם געבען צוויי־טויזענד רובל, וועט ער מיך נישט נעה־מען פאַר אַנ׳ערוב׳ניק. איך האָב בערעכענט, בעסער צוויי־טויזענד רובל געבען, איידער ריזיקירען און האָב איהם געשיקט דאָס געלד. נאָך דעם האָב איך גערעכענט פאַר איבעריג צו בעהאַלטען זיך. און אויף מאָרגען האָט מען מיך אַרעסטירט.

די אַלע ערוב׳ניקעס פון לעמבערג האָבען מיך געבעטען משתדל זיין זיך, אַז אויב עס איז בעשטימט אָבצושיקען זיי פון קיעוו, זאָל מען זיי שיקען אין אַנ׳אוניווערזיטעט־שטאָדט, און דערוויל זאָל מען זיי ערלויבען וואוינען אין איין האָטעל. (רוטקאָווסקי׳ן און שלייכער׳ן האָט מען ערלויבט גלייך פון באַהן פאָהרען אין אַ האָטעל). די ביטע האָבען זיי מאָטיווירט אויך מיט דעם, וואָס זיי איז שווער צו געפינען זיך צוזאַמען מיט אָרטאָדאָקסישע יודען! אין עטליכע טעג אַרום האָט מען ערלויבט פריהער בעק׳ן, נאָכדעם די איבעריגע אַריבערפאָהרען אין אַ האָטעל.

## ט

ביי דער לאַגע, וועלכע האָט זיך געשאַפען מיט דעם אָבטריט פון דער רוסישער אַרמעע פון גאַליציע און איבער־הויפט מיט דעם פערלאָזען לעמבערג, זענען צושטערט געוואָרען אַלע פלענער, מיט וועלכע איך בין פריהער געפאָהרען אין אָקו־פירטען קאַנט. איצט האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגען

אַ וועלכער עס איז פּלאַנמעסיגער אַרבייט, פּלאַנמעסיגער הילף דער בעפעלקערונג פון גאַליציע. עס איז אפילו געווען שווער צו בעשטימען פאָראויס וואוהין צו פאָהרען.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז ביי מיר אַרויסגעטראָטען די פראַגע, אויב עס האָט אַ ציל צו פאָהרען ווייטער אין גאַליציע. נאָר דער קיעווער קאָמיטעט האָט זיך ענערגיש אַרויסגעזאָגט, אַז איך מוז פאָהרען. נאָך דעם פערלאָזען לעמבערג זענען פערבליבען הונדערטער שטעדט און שטעדטלעך אונטער דער מאַכט פון די רוסען. די שטעדטלעך, וואוהין קיין הילף פון לעמבערג קאָן נישט אָנקומען און וועלכע קאָנען נאָך פערבלייבען אַ לאַנגע צייט ביי די רוסען אין די הענד, מוזען פערזאָרגט ווערען מיט הילף. אַי וואָס עס איז איצט אונמעגליך אויסצואַרבייטען אַ מאַרשרוט וואוהין צו פאָהרען,—וועל איך פאָהרען וואוהין איך וועל קאָנען. יעדעס שטעדטעל, וועלכעס עס זאָל נישט זיין, נויטיגט זיך אין מאַטעריעלער און אפשר נאָך מעהר אין מאָראַלישער הילף אין דעם קריטישען מאָמענט, בשעת דאָס רוסישע חיל טרעט פון דאָרט אָב.

איך האָב איינגעשטימט אומצוקעהרען זיך אין גאַליציע, בעהעפטען זיך מיט איינע פון די צוויי אָבטיילונגען, דעמידאָווס אָדער קאָמיסאַראָווס און צוזאַמען מיט זיי, אָדער מיט אַ בעפולמעכטיגונג פון זיי, אַרומפאָהרען איבער יענע שטעדט און שטעדטלעך, וואו עס וועט מעגליך זיין.

אַזוי ווי ד"ר קאָזשענעווסקי האָט בעשטימט איינצואָרדנען די פלוג-גרופּע פון דעמידאָווס אָבטיילונג אין סאָקאַל, בין איך אַוועקגעפאָהרען אַהין דורך קאָוועל.

אין קאָוועל האָב איך בעזוכט דעם יודישען הילפס-קאָמיטעט, אין וועלכען עס האָט אָנגעפיהרט די גאַנצע אַרבייט מיט אַ גרויסער איבערגעגעבענקייט פרוי ד"ר פיינשטיין. די הויפּט-אַרבייט פון קאָמיטעט איז בעשטאַנען אין צוגרייטען שפּייז פאַר די הונדערטער און טויזענדער יודישע היימלאָזע און אַרויסגעשיקטע, וועלכע מ'טרייבט דורך קאָוועל. עס איז אויסגעקומען צו פיהרען אַ מלחמה מיט דער אַדמיניסטראַציע פון באַהנהויף, וועל-

כֿע לאָזט קיינעם נישט צו צו די אַרויסגעשיקטע יודען.

אויפ׳ן עטאַפּען-הויף האָב איך געטראָפען עטליכֿע צענ-דליג אַרויסגעשיקטע גאַליציאַנער יודען. אַלע זענען געזעסען אויף דער ערד. אייניגע האָבען געדאַווענט אין טלית און תפילין. צוגעהן צו זיי האָט דער קאָנוואָינער נישט ערלויבט.

—פון וואנען פיהרט איהר זיי?—האָב איך איהם געפרעגט.

—פון סאָקאַל. פינפאונדרייסיג נפשות.

—וואָס הערט זיך אין סאָקאַל?

—מ׳האָט דאָרט די „זשידעס" געשלאָגען, זייערע קלייטען צוראַבירט.

—פאַרוואָס?

—דער קאָמענדאַנט האָט געהייסען פונאַנדערטראָגען די זשידאָווסקע קלייטען... חוץ זשידעס, האָט מען קיינעם נישט אָנ-געריהרט.

—דו ווייסט געוויס, אַז דאָס האָט דער קאָמענדאַנט גע-הייסען?

—אַזוי איז (טאַק טאָטשנאָ), אייער בלאַגאָראָדיע, אויף ריכֿטיג ווייס איך, אַז ער האָט געהייסען.

מיט גרויס מיה האָט זיך איינגעגעבען צו בעקומען די ערלויבעניש איבערצוגעבען פאַר די יודען שפּייז.

אין הילפס-קאָמיטעט האָט מען מיר דערצעהלט, אַז דער אויבער-קאָמאַנדיר פון דער דרום-מערב׳דיגער אַרמעע, איוואַנאָוו, זענענדיג אין כֿעלם, האָט אויפגענומען אַ דעפּוטאַציע פון פיער רבנים, וועלכֿע האָבען איהם אונטערגעטראָגען אַ ספר-תורה. ער איז געווען זעהר געריהרט, האָט זיך צוקושט מיט די רבנים און געשענקט דעם עלטסטען פון זיי אַ זילבערנע טאַבאַק-פּושקע. אַז זיי זענען אַוועק, האָט ער געהייסען אומקעהרען זיי און געגעבען זעקסהונדערט רובל פאַר די יודישע אָרימעלייט.

די מעשה איז זעהר ענהליך אויף אַ לעגענדע. וועגען דעם גענעראַל איוואַנאָוו זענען געשאַפען געוואָרען פיל לעגענ-דעס. צווישען יודען איז געווען שטאַרק פערשפּרייט דער גלוי-בען, אַז איוואַנאָוו שטאַמט פון יודען, אַז ער אַליין אָדער זיין

פאָטער איז געווען אַ קאַנטאָניסט. געגומען האָט זיך די לעגענ־דע דערפון, וואָס ער האָט געהייסען נאָכ׳ן פאָטערס נאָמען „יודאָוויטש״.

אין קאָוועל האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ מיטגליד פון קאָמיסאַראָווס אָבטיילונג, נאַדיעזשדין. ער האָט מיר מיטגע־טיילט, אַז זייער אָבטיילונג שטעהט אין קריסטאַנאָפאָל, זיבע־צעהן וויאָרסט פון קאָוועל און געבעטען מיך פאָהרען צו זיי אין אָבטיילונג. מיר זענען צוזאַמען אַוועקגעפאָהרען איבער וולאַ־דימיר וואָלינסק.

אין וואַגאָן איז מיט אונז געפאָהרען אַ פריוויליגער אָפי־ציר פון קאַווקאַזער פראָנט. ער האָט געגאָסען פעך און שוועבעל אויף די אַרמענער: זיי זענען שפּיאָנען, פעררעטער, פיינד פון רוסלאַנד.

—וואָס קאָן שוין זיין ערגער פון אַנ׳אַרמענער!—האָט ער געטענה׳ט.—נו, פערשטעהט זיך, יודען! נאָר יודען פערפאָלגט מען דאָך דערפאַר! און וואָס קאָנען מיר פאַר אַנ׳עטיק פאָ־דערן פון מענשען, וועלכע מיר האַלטען פאַר אונמענשען. די אַרמענער אָבער זענען דאָך קריסטען און מיר וויזען זיי אַרויס פריינדשאַפט און גיבען זיי הילף,—און זיי זענען די ערגסטע פיינד אונזערע!

געטראָפען זיך אויף אַ סטאַציע מיט אַ צוג פון היימלאָזע פויערים. איך בין צוגעגאַנגען צו איין וואַגאָן און געפרעגט אַ פויער:

—פון וואַנען?

—פון ראַווא-רוסקאַ.

—וואָס הערט זיך דאָרט?

—שטיל. מעהר נישט, מ׳האָט זשידעס געשלאָגען.

—פאַרוואָס?

—זיי האָבען געשאָסען אויפ׳ן חיל, האָט מען דערפאַר אויסגעה׳רג׳עט פיל פון זייערע.

נאַדעזשדין, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען, האָט מיר דערצעהלט, אַז אין סאָקאַל דער פאָגראָם האָט זיך אויך אָנגע־

הויבען פון דעם קלאַנג, אַז יודען שיסען אויפ'ן חיל. לויט נאַ-דעזשדינס ווערטער, האָט מען אין סאָקאַל געשאָסען זיבען קאָ-זאַקען פאַר'ן אָנטייל אין פּאָגראָם. עס גלויבט זיך עפּעס נישט.

סאָקאַל—אַ היבשע שטאָדט. ווייזט-אויס געווען אַ רייכע און אַ שעהנע. געקומען אַהין בין איך שבת און פון ערשטען בליק האָב איך נישט געקאָנט בעשטימען, פון וואָס נעהמט זיך די טויטע שטילקייט און די געשלאָסענע קלייטען, פון דעם, וואָס עס איז שבת, אָדער פון דעם פּאָגראָם, וואָס די שטאָדט האָט נאָר-וואָס איבערגעלעבט. נאָר צוקוקענדיג זיך, האָב איך דער-זעהן די צובראָכענע און פערשלאָגענע טהירען, די אויסגעהאַק-טע פענסטער, די צודרעהטע און אויסגעריסענע אייזערנע שוץ-טהירען אויף די קלייטען. אַריינגעקוקט דורך די פערשלאָגענע טהירען—אין די קלייטען איז אַ פּאָגראָם-חורבן: צובראָכען, צו-ריסען, צושאָטען. אויף די גרויסע גאַסען איין יוד נישט בע-געגענט.

איך בין אַוועק אין די זייטיגע געסלעך. בין דורכגעגאַנ-גען איינס, דאָס אַנדערע. דאָ זעהט מען שוין נישט קיין סאָל-דאַטען. אָרימע יודישע הייזלעך. אַ ביסעל ווייטער—ווי אַ גי-גאַנט, אַ גרויסע אַלטע שטיינערנע שוהל פון XVII יאָרהונדערט, איינע פון די שענסטע שוהלען. אַרום ביי די הייזלעך זיצען אויף די גאַניקלעך אַלטע לייט, ווייבער, קינדער. אַלע מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, פערטרויערט, ווי תשעה באב צו קנות.

פון אַ זייטיגען געסעל בעווייזט זיך אַן'אַלטער יוד, מיט אַ גרויסער גרויער באָרד מיט אַ שעהנעם פּנים, אין אַ שטריימעל אין אַן'אַטלאַסענער קאַפּאָטע. ער געהט רוהיג און לאַנגזאַם צו דער שוהל.

איך געה צו צו איהם:

—גוט שבת!

ער שטעלט זיך אָב, קוקט מיך אָן אַ ווײַלע קאַלט, פרעמד און ענטפערט טרוקען:

—גוט שבת.

—דאָ איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם?—פרעג איך, נישט גע־פינענדיג מיט וואָס אָנצוהויבען דעם געשפּרעך.

—יאָ...

—פיל קליינטען צוראַבירט?

—אַלע...

—עמיצען גע׳הרג׳עט?

—ניין... יאָ, איינעם גע׳הרג׳עט... פיל פערוואונדעט.

—די שוהל איז גאַנץ געבליבען?

—גאַנץ געבליבען.

אויף אַלע פראַגען ענטפערט ער קאַלט און טרוקען. קעהרט זיך אָב און געהט אַוועק אין שוהל.

איך האָב גערעכענט צו געפינען אין סאָקאַל דעם ד״ר קאָזשענעווסקי מיט דער פלוג-גרופּע פון דעמידאָווס אָבטיילונג. נאָר וויפיל איך האָב נישט געזוכט, האָב איך איהם נישט גע־פונען. איך בין אריין אין אַ האָטעל, האָב גענומען אַ צימער, אַריינגערופען די בעל-הבית׳טע, אַן׳עלטערע יודענע, און גענו־מען פונאַנדערפרעגען זי, וואָס אין שטאָדט איז פאָרגעקומען.

—מ׳האָט געמאַכט אַ תל פון דער שטאָדט. אַ גאַנצע וואָך כסדר האָט מען געראַבעוועט, געבראָכען, געשלאָגען. קיין איין הויז, קיין איין קלייט נישט דורכגעלאָזען. וויפיל יודען האָט מען צו׳הרג׳עט, צוקאַלעטשעט? אפשר עטליכע הונדערט. צום טויט האָט מען דער׳הרג׳עט אַ זייגערמאַכער, געבליבען אַ ווייב מיט אַכט קינדער... דאָס ווייסט מען, היינט וויפיל ווייסט מען נישט. מ׳געפינט אין וואַלד קינדער אָהן מוטערס און, וואו די מוטערס זענען פערשוואונדען, ווייסט קיינער נישט... מיין טאָכ־טער האָט אַ קאָזאַק צוהאַקט אַ האַנד מיט׳ן שווערד.

זי דערצעהלט דאָס מאָנאָטאָן, רוהיג און טרעהרען גיסען זיך איהר פון די אויגען.

—אָנגעהויבען האָט זיך דערמיט, וואָס מ׳האָט צונויפגע־טריבען אויפ׳ן פּלאַץ אַלע יודען מאַנסביל, אַ מענשען טויזענד און מ׳האָט געזאָגט, אַז מ׳וועט אַלעמען שיסען, נאָכדעם אַז מ׳וועט אַלעמען אַוועקטרייבען אין רוסלאַנד... אין שטאָדט האָט

מען אויפגעזאַמעלט עטליכע טויזענד רובל און אַוועקגעטראָגען דעם קאָמענדאַנט, האָט ער אָבגעקליבען פינפאונזיבעציג מאַן און אָבגעשיקט קיין רוסלאַנד און די איבעריגע אָבגעלאָזען...

ביי מיר זענען געווען פערציילענט עטליכע חשוב'ע בעלי-בתים, צו וועלכע איך האָב געדאַרפט זיך ווענדען. איך האָב געבעטען די בעל-הבית'טע זי זאָל זיי רופען צו מיר. זי האָט געענטפערט, אַז זיי וועלען געוויס מורא האָבען צו געהן אי-בער'ן גאַס. פונדעסטוועגען האָט זי איינגעשטימט געהן צו זיי, האָט אָנגעטהון אויפ'ן קאָפּ אַ פויערש קאָלירט טוך, מ'זאָל זי אין גאַס אָננעהמען פאַר אַ פויערטע, און איז אַוועק. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זי זיך אומגעקעהרט מיט דער ידיעה, אַז אַלע בעהאַלטען זיך. נישט האָבענדיג וועמען איבערצוגעבען אַ גרעסערע סומע פאַר די נויטבעדערפטיגע, האָב איך דער בעל-הבית'טע פון האָטעל איבערגעלאָזט פינפאונזיבעציג רובל זי זאָל זיי איבערגעבען אין קאָמיטעט.

איך בין אַוועק איבער'ן שטאָדט. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דעמידאָווס פלוג-אָבטיילונג געפינט זיך אין בעלז. איך בין אַוועק אויפ'ן באַהנהויף און געבעטען דעם טעלעגראַפיסט אָנפרעגען אין בעלז וועגען דער פלוג-אָבטיילונג. ער האָט מיר געענט-פערט, אַז 3 מיט 37 מינוט האָט בעלז אויפגעהערט צו ענט-פערן: אפנים שוין פערנומען פון די עסטרייכער.

סאָקאָל עוואַקואירט זיך, דער קאָמענדאַנט איז אָבגעפאָה-רען, נאָר די שטאַבען פון קאָרפוסען און דיוויזיעס זענען נאָך דאָ. ביינאַכט איז די שטאָדט געווען ווי אַרומגערינגעלט מיט אַ פייערדיגער רינג. אַרום און אַרום האָבען זיך געזעהן בראַנדען פון ווייטע אָדער נאָהנטע שרפות: דאָס ברענען אַרום, שטעדט און דערפער. אַזעלכע פייערדיגע רינגען האָב איך נאָכדעם גע-זעהן כמעט יעדע נאַכט אומעטום, וואו איך האָב זיך געפונען מיט דעם אָבטרעטענדען חיל.

איך האָב איבערגענעכטיגט אויפ'ן באַהנהויף און אינדער-פריה אַוועקגעפאָהרען מיט'ן צוג קיין קריסטאַנאָפּאָל, וואו עס האָט זיך געפונען קאָמיסאַרָאָווס אָבטיילונג. קאָמיסאַראָוו'ן האָב

איך נישט געטראָפען, ער איז אַרומגעפאָהרען אין געגענד און געדאַרפט קומען אין אָווענד.

דאָס שטעדטעל—נישט קיין גרויס, אַ יודיש. ווייזט-אויס די לעצטע טעג נישט געליטען, אַלע קלייטען זענען אָפען. נאָר די אומרוהיגקייט, דער פּחד צווישען יודען איז אַ שרעקליכער. די גאַסען זענען אָנגעפּאַקט מיט אָבטרעטענדען חיל.

איך בין אַריין אין אַ קרעמעל, ביי וועלכען עס איז גע-שטאַנען דער בעל-הבית, אַן׳עלטערער יוד מיט אַן׳אינטעליגענ-טען פּנים, האָב זיך פונאַנדערגערעדט מיט איהם, דערצעהלט, אַז איך קום פון לעמבערגער קאָמיטעט און געבעטען דערצעה-לען וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

—מיט צעהן חדשים צוריק, אַז די רוסען זענען אַריין, האָבען זיי חרוב געמאַכט די שטאָדט, צורויבט ביז׳ן לעצטען פאָדים, האָבען פינף יודען גע׳הרג׳עט, דריי געשאָסען און צוויי געשאָכטען, און מאנס געוועז אַלט מיידלעך און צוואַנציג פרויען פאַר די אויגען פון זייערע געבונדענע מענער... עס איז נישט איבערצודערצעהלען, וואָס מ׳האָט געמאַכט פון דעם שטעדטעל פאַר אַ חורבן... נאָכדעם, אַז עס איז שטיל געוואָרען, זענען אַלע געבליבען בעירום ובחוסר כל, און אַרויספאָהרען פון שטאָדט קויפען אַ זעקעל מעהל האָט מען נישט געטאָרט, שטרענג פער-ווערט. איז מען געשטאָרבען פּשוט פון הונגער. קיין הילף איז פון ערגעץ נישט אָנגעקומען... און איצט רוקט זיך אָן ווייטער אַ מהומה און גאָט ווייסט, ווי עס וועט אַריבער, וואָס פאַר אַ צרות עס ערוואַרטען אונז נאָך...

לויט מיין בעטע, האָט דער קרעמער אַריינגערופען צו זיך אין אַ הינטערשטען חדר פיער בעלי-בתים, מיטגלידער פון דער קולטור-געמיינדע. איך האָב מיט זיי בעשפּראָכען די לאַגע און אַרויסגעגעבען פאַר די אָרימעלייט פינפהונדערט רובל. מיט איי-נעם פון די בעלי-בתים האָב איך בעזוכט די שוהל, זי איז געווען אָנגעפּאַקט מיט קאַסטענס און קוישען. דאָס האָבען יודען פון דער גאַנצער שטאָדט געטראָגען אַהער בעהאַלטען זייער גוטס, רעכענענדיג, אַז די שוהל איז דאָס זיכערסטע אָרט. אין

שוהל האָבען זיך געפונען פיל אַלטע זעלטענע חפצים, איבער-הויפט מעשענע הענגלייכטער. איך האָב אַנ'עצה געגעבען אַרויפ-צוטראָגען אַלע קאַסטענס און די חפצים אויפ'ן בוידעם און צו-האַקען די הויכע לייטער, וואָס איז געשטאַנען אין שוהל. איך האָב אויך אַנ'עצה געגעבען אָנצוגרייטען אין די הייזער פעסער מיט וואַסער, אויף דעם פאַל פון אַ שרפה.

און אויף שרפות האָט מען זיך געקאָנט און געמוזט ריכ-טען. ביי טאָג איז די שטאָדט געווען אַרומגערינגעלט מיט צעהנד-ליגער שוואַרצע רויך-זיילען פון ברענענדע שטעדט און דער-פער. אויפ'ן בליק האָט מען געפרובט בעשטימען וואו עס ברענט: וועלקי-מאָסטי? בעלז?...

אין אָווענד איז געקומען קאָמיסאַראָוו און דערצעהלט, אַז וועלקי-מאָסטי האָט דאָס רוסישע חיל פערלאָזען. פאַר'ן אָבטרע-טען האָבען די קאָזאַקען געמאַכט אַ שרעקליכען פאָגראָם אין שטאָדט. איצט ווערט די שטאָדט פון רוסישען חיל בעשאָסען און ברענט. די פלוג-אָבטיילונג, אונטער דער פערוואַלטונג פון פראָו ד"ר שאַפּיראָ איז, אָבטרעטענדיג פון וועלקי-מאָסטי, פער-בליבען אין דאָרף פּאַרכאַטש, ניין ווערסט פון קריסטאַנאָפּאָל. דאָס דאָרף ווערט בעשאָסען, נאָר ד"ר שאַפּיראָ מיט די באַרמ-האַרציגע שוועסטער אַרבייטען אונטער'ן פייער, מאַכען אָפּע-ראַציעס און איבערבינדונגען און שיקען אָב די פערוואונדעטע. אום צוויי ביינאַכט איז געקומען די פלוג-אָבטיילונג קיין קרי-סטאַנאָפּאָל. צו פּאַרכאַטש געהען שוין, צו די עסטרייכער. דער-ווייל האַלט נאָך דער אַריערגאַרד אויף דעם שונא. נאָר ביי-נאַכט, שפּעטסטענס מאָרגען, וועט מען דאַרפען אָבטרעטען פון דאַנען.

איך בין אַוועק אויפ'ן באַהנהויף. דאָרט איז אַ חורבן. אַלץ עוואַקואירט, פערבליבען דער לעצטער אויפּרייס-צוג. דער וועג אויף מערב צו לעמבערג איז רואינירט: די רעלסען אַרוָּפּ-גענומען, די שפּאַלען אַרויסגעריסען און צונויפגעלעגט אין שיי-טערס צום אונטערצינדען, אַלע בריקלעך אויפגעריסען.

ביינאַכט איז דער פייער-רינג פון די אַרום ברענענדיגע

שטעדט און דערפער געוואָרען שטאַרקער און נעהנטער. שוין לעגענדיג זיך שלאָפען, האָב איך דערזעהן גאָר נאָהנט ביים באַהנהויף אַ שטאַרקען פלאַם. איך בין צוזאַמען מיט נאַדעזש־דינ׳ען אַוועק אַהין. דאָס האָבען געברענט די שייטערס שפּאַלען, געהילץ און סטאָגען היי אַרום באַהנהויף.

עס איז געווען אַ קלאָרע נאַכט, געשיינט אַ פולע לבנה אויפ׳ן אויסגעשטערנטען הימעל. מיר האָבען זיך אַ קעהר געטהון צו געהן צוריק און פאַר אונזערע אויגען האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַנטאַסטיש בילד: עס זענען געשטאַנען הונדערטער הויכע שטיינער, רויטע, גליהענדיגע, אויף וועלכע עס האָבען געברענט פייערדיגע יודישע אותיות. אין ערשטען מאָמענט האָב איך אפילו נישט תופס געווען, וואָס עס בעטייט. נאָר גלייך האָב איך פער־שטאַנען, אַז פאַר אונז איז אַ יודישער בית־עולם. אונטער דעם אָבשיין פון די פלאַמען, האָבען די מצבות אויסגעזעהן ווי גלי־הענדיגע. דאָס בילד איז געווען אַנ׳אונגעוועהנליכעס, אַ פאַנטאַס־טישעס. גלייך ווי צעהנדליגער דורות פון עטליכע הונדערט יאָהרען זענען אין דער מיסטישער לבנה־נאַכט אַרויסגעטראָטען פונ׳ם עבר און מיט פייערדיגע בליקען געקוקט אויף די שרע־קען, וואָס קומען פאָר און רוקען זיך אַלץ נעהנטער אָן אויפ׳ן שטעדטעל.

מיר זענען לאַנג געשטאַנען ווי פערצויבערטע. אַז מיר זענען געקומען צו זיך, האָבען מיר אָנגעהויבען ווי פערטרוימט ריידען וועגען דער צוקונפט פון דער מענשהייט, וועגען דער צייט, אַז עס וועלען פערשוואונדען די קאָשמאַרען פון מלחמה מיט איהרע טייכען בלוט און בלוטיגע רויטע פייערן.

עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען, אַז מיר האָבען זיך אומגעקעהרט אין שטעדטעל. דאָרט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. נישט איין לעבעדיגער נפש אין די גאַסען, נאָר פון דערווייטען האָט זיך געטראָגען אַ מעטאָדישע שטאַרקע קאַנאָנען־שיסעריי.

איך האָב נישט לאַנג געשלאָפען. אויפגעכאַפּט זיך אַרום

אַכט אַ זייגער. געהט צו אַ סאַניטאַר און רוהיג פאַרבייגעהענדיג זאָגט ער מיר:

אין שטאָדט איז אַ פּאָגראָם... מיט אַ שעה צוויי צוריק זענען אָנגעקומען קאָזאַקען און ראַבירען די שטאָדט, ברעכען קלייטען, שלאָגען יודען...

איך בין צוגעלאָפען צום פענסטער. אין גאַס קאָכט, ווי אין אַ קעסעל. עס לויפען ווייבער מיט אַ געשריי, אַ יללה. קליי־נע גרופּען עלטערע יודען לויפען אַריבער פון איין אָרט צום אַנדערן. ביי פיל קראָמען ליגען הויפענס צוריסענע און צובראָ־כענע סחורה, חפצים. אַרום זיי שטעהען רעדלעך, נאָר קיין סאָלדאַטען און קאָזאַקען זעהט מען נישט.

איך בין אַרויס אין גאַס, גענומען פונאַנדערפרעגען. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זעקס אַ זייגער איז אָנגעקומען אַן אָבטיי־לונג קאָזאַקען און ווי זי איז נאָר אַריין, האָט זי גלייך גענו־מען מאַכען אַ פּאָגראָם און פאַר די צוויי שעה האָט זי הרוב געמאַכט דאָס שטעדטעל, צוראַבירט אַ העלפט קלייטען. איצט געהען אַרום נאָר איינצעלנע סאָלדאַטען און קאָזאַקען און שלע־פען פון די צוראַבירטע קלייטען, וואָס דאָרט איז פערבליבען. נאָך די סאָלדאַטען געהען נאָך דאָרפישע פויערטעס און קליי־בען אויף אין זעק סחורות.

איך בין אַריין אין איינער, צווייטער קלייט, וואו סאָל־דאַטען האָבען געראַבירט, האָב זיי אַרויסגעטריבען. פון איין קעלער האָב איך אפילו אַרויסגעפיהרט פאַר׳ן אויער אַ קאָזאַק, וועלכען איך האָב געדראָהט מיט שיסען. ער איז געווען בלייך, ווי אַ טוך און אַרויסגעוואָרפען פון די טאַשען די אָנגעראַבירטע זאַכען. אַז די יודען האָבען דערזעהן, אַז איך טרייב אַרויס די ראַבירער פון די קלייטען און זיי האָבען אָבשיי פאַר מיר, האָט מען זיך פון אַלע זייטען אַ לאָז געטהון צו מיר מיט געשרייען:

—קומט צו מיר! האָט רחמנות! ביי מיר ראַבירט מען!

צו ביסלעך איז שטיל געוואָרען. איך האָב ווידער פער־זאַמעלט די עטליכע יודען, מיט וועלכע איך בין נעכטען געקו־

מען אין פֿערבאַנד און וועלכֿע האָבען אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט. זיי זענען געקומען פֿערוויינטע, ערשיטערטע. מיר האָבען גענומען קלאָר מאַכֿען דעם גראַד פֿונ׳ם אומגליק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פֿאַר די עטליכֿע שעה זענען ביי הונדערט געזינדען געבליבען קבצנים, אינגאַנצען רואינירט. איך האָב איבערגעלאָזען פֿאַר די געליטענע פֿונ׳ם פּאָגראָם נאָך אַכטהונדערט רובל, מיט דעם תנאי, אַז אַ גענויער רעכֿענונג זאָל איבערגעגעבען ווערען אין לעמבערגער קאָמיטעט, נאָכֿדעם ווי די רוסען וועלען אָבטרעטען.

בשעת עס איז נאָך פֿאָרגעקומען דער פּאָגראָם, האָט מען אי׳ער׳ן שטאָדט פֿונאַנדערגעקלעבט אַ פֿעראָרדנונג, אַז די גאַנצע מאַנסבילשע בעפֿעלקערונג פֿון אַכֿצעהן ביז פֿופֿציג יאָהר מוז עוואַקואירט ווערען. אין געגענטייל פֿון לעמבערג איז אין דער פֿעראָרדנונג געווען צוגעגעבען „נישט אויסשליסענדיג די יודען". דאָס האָט, פֿערשטעהט זיך, געבראַכֿט די יודישע בעפֿעלקערונג נאָך אין אַ גרעסערער פֿערלעגענהייט, ווי דער פּאָגראָם.

מיר האָבען נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו פֿערענדיגען אונזער זיצונג, ווי מ׳איז געקומען אָנזאָגען, אַז דער קאָמענדאַנט פֿאָדערט צו זיך דעם וואָיט און איינעם פֿון די אָנגעזעהענסטע יודישע בעלי-בתים. ווייטער גענומען פֿרעגען אַנ׳עצה: געהן צום קאָמענדאַנט, אָדער נישט? איך האָב געראַטען שיקען אַ מענשען, וואָס זאָל זיך קאָנען צונויפֿריידען מיט׳ן קאָמענדאַנט.

אַרום האַלבען טאָג האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע מהומה. ווייטער רעדלעך אין די גאַסען, אַ שרעקעניש, אַ געוויין. וואָס איז געשעהן? ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ קאָזאַקען-אָפֿיציר מיט צוויי קאָזאַקען געהען אַרום די גאַנץ געבליבענע קלייטען און זוכֿען געוועהר. פֿערבייגעהענדיג פֿערשרייבען זיי וויפֿיל עס געפֿינט זיך מעהל, צוקער, נאַפֿט, ליכֿט א. אַז. וו. דאָס אַלץ וועט רעקוויזירט ווערען.

די ווירטען פֿון די קראָמען, צו וועלכֿע די אונטערזוכֿונג דערנעהנטערט זיך, שטעהען בלייכֿע, ברעכֿען די הענד.

צום רעדעל, וואו איך בין געשטאַנען, געהט צו אַ יודע־נע, אַ בלייכע ווי די וואַנד מיט בלאָנזשענדיגע אויגען, איינגאַנ־צען אַנ׳ערשיטערטע. פערברעכענדיג די הענד, רעדט זי אַרויס מיט אַ פערצווייפעלטען שטילען קול:

—אוי—אוי, איך בין פערפאַלען!... זיי געהען צו מיר... זיי וועלען אַריין אין קעלער...

—דערווייל נעהמען זיי גאָרנישט, זיי פערשרייבען נאָר... זיי וועלען קיין צייט נישט האָבען אַרויסצופיהרען,—פרוב איך זיך בערוהיגען זי.

—אַי, איהר ווייסט נישט, וואָס ביי מיר איז דאָרט דאָ אין קעלער,—שעפטשעט זי נאָך מעהר פערצווייפעלט.—איך בין פערפאַלען.

—וואָס איז דאָרט ביי אייך?...—פרעג איך שוין בעאונ־רוהיגט.

—פרעגט בעסער נישט!... שאַ!... איך בין פערפאַלען.

—וואָס-זשע איז דאָרט? געוועהר?

—וואָס געוועהר! דאָרט ליגט ביי מיר בעהאַלטען עטליכע הונדערט רובל און דער שוועסטערס, דער אלמנות צירונג אויך אויף עטליכע הונדערט רובל. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר האָבען. זיי וועלען דאָס געפינען און צונעהמען!

אין אַ פאָר שעה אַרום ווידער אַ געלויף און אַ געוויין. מ׳האָט געבראַכט אין מאַרק ביי דרייסיג יודען געכאַפטע אין גאַס און אין די הייזער. די קאָנוואָינע זאָגען, אַז מ׳וועט זיי שיקען אויף צוואַנגס-אַרבייט, נאָר ווייזט אויס, אַז מ׳האָט זיי גענומען ווי ערוב׳ניקעס, אָדער גלאַט ווי אַזעלכע, וואָס דאַרפען עוואַקואירט ווערען. צווישען די אַרעסטירטע איז דאָ אַ יונגער־מאַן אַ בלאַסער, אַ קראַנקער. מיר האָט זיך איינגעגעבען איינ־צובעטען די קאָנוואָינע, זיי זאָלען איהם אָבלאָזען. און ווי נאָר זיי האָבען איהם אָבגעלאָזען, זעה איך, אַז זייטיגע מענשען הויבען זיך אָן סוד׳ען מיט די קאָנוואָינע, מ׳באָט געלד, מ׳דינגט זיך, און מ׳קויפט זיך בימלעכווייז אָב.

די קאַנאָנען-שיסעריי איז שוין גאָר נאָהנט. דורך דער

שטאָדט געהען דורך די לעצטע טיילען. אַ סאַניטאַר קומט אָנזאָגען מיר, אַז די אָבטיילונג אונזערע פֿאָהרט אָב זעקס אַ זייגער. איך וועל מוזען אָבפֿאָהרען מיט איהר צוזאַמען. דאָ וועט פֿערבלייבען מיט איין אויטאָמאָביל און עטליכֿע סאַניטאַרען ד״ר שאַפּיראָ, איבערצובינדען די פֿערוואונדעטע, וועלכֿע עס וועט נאָך מעגליך זיין. ווי אין אנדערע ערטער, וועט זי אָבפֿאָהרען די לעצטע, אַז די עסטרייכֿער וועלען שוין צוגעהן צום שטאָדט.

עטליכֿע יודען זענען געקומען צו מיר בעטען, איך זאָל פֿערבלייבען אין שטאָדט ביז דער לעצטער מינוט. איך האָב געקאָנט פֿערבלייבען נאָר צוזאַמען מיט ד״ר שאַפּיראָ, אָבער זי האָט מיר געזאָגט, אַז אין איהר אויטאָמאָביל איז קיין אָרט נישטאָ. איך האָב געזאָגט די יודען, אַז טאָמער וועט זיך עטוואָס טרעפֿען, זאָלען זיי זיך ווענדען צו איהר, און זי האָב איך אויך געבעטען אַכטונג געבען די לעצטע פּאָר שעה און פֿאַרגעלעגט נעהמען ביי מיר הונדערט רובל אויף דעם פֿאַל, אַז זי וועט דאַרפֿען ווענען אויסהעלפֿען. זי איז געווען שטאַרק אונצופֿרידען און אַרויסגעזאָגט, אַז איהר פּאַסט נישט צו פֿערנעהמען זיך מיט יודישע זאַכֿען... די אינטעליגענטע פֿרוי, וועלכֿע האָט אַרויסגעוויזען אַ וואונדערבאַרען העלדענמוט, אַרבייטענדיג אונטער׳ן פֿייער, האָט נישט געפֿונען ביי זיך קיין מוט אָפֿען אַרויסצוטרעטען ווי אַ יודיש קינד און שטעלען זיך פֿאַר די געריבטע און פֿערפֿאָלגטע יודען! און נישט זי אַליין האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ שוואַכֿמוטיגקייט...

אַז איך האָב זיך שוין געזעצט אין אויטאָמאָביל אָבצופֿאָהרען, איז צוגעלאָפֿען אַ יוד מיט אַ צובלוטיגטען קאָפּ. אַ סאָלדאַט האָט איהם אָבגעשטעלט און געפֿאָדערט געלד. ער האָט געענטפֿערט אַז ער האָט נישט, האָט דער סאָלדאַט דערלאַנגט איהם מיט׳ן „פּריקלאַד״ איבער׳ן קאָפּ און אַרויסגעריסען דאָס בייטעלע מיט די לעצטע פֿיער רובל.

ט

קאָמיסאַראָווס אָבטיילונג, וועלכע האָט די לעצטע אָנדערהאַלבען חדשים געהאַלטען אין איין פּאַקען-זיך און פונאַנדערפּאַקען-זיך און דעריבער נישט געקאָנט אַרבייטען ווי געהעריג, האָט בעשטימט אָבצוטרעטען ווייט אין רוקן („טיל”) כדי דאָרט רוהיג צו בעזעצען זיך. פון קריסטאַנאָפּאָל איז ער אַוועק איבער סאָקאַל אין דער ריכטונג פון לוצק און האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דעם שטעדטעל פּאָרעצק אין אַ פּאָלוואַרק.

פּאָרעצק, אַ קליין שרעקליך אָרים יודיש שטעדטעל. אַז מיר זענען געקומען אַהין, איז דער מאַרק געווען אָנגעפּאַקט מיט פויערשע פוהרען און מיליטער. יודען זענען געזעסען אין די קרעמלעך, נאָר אויף זייערע פּנים'ער האָט זיך אויסגעדריקט פערלוירענקייט און שרעק.

איך בין אַריין אין אַ קלייטעל, געבעטען רופען דעם רב און עטליכע חשוב'ע בעלי-בתים. עס זענען געקומען דער רב, דער מעשטשאַנסקי סטאַראָסטע און נאָך אַ בעל-הבית. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז ביים אָנהויב מלחמה איז דאָ געווען אַ פּאָגראָם. דאָס שטעדטעל איז אויף אַזויפיל אָרעם, אַז עס בעקומט פון קיעווער הילפס-קאָמיטעט שטיצע צו הונדערט און פופציג רובל אַ חודש. נאָר די לעצטע חדשים איז איבערגעריסען די פּאָסט-פערבינדונג און עס קומט קיין געלד נישט אָן. איצט רוקט זיך אָן דער ריקצוג-שטורם. מ'רעדט שוין וועגען אַ פּאָגראָם און די בעפעלקערונג ווייסט נישט וואָס צו טהון. אַנטלויפען? וואוהין און מיט וואָס לויפט מען? דאָ בלייבען—געהמט אָן אַנ'אימה.

איך האָב איבערגעלאָזען פאַר די שטאָדט-הצטרכות צוויי-הונדערט רובל און צוגעזאָגט ווידער קומען.

אַזוי ווי פערבלייבען מיט קאָמיסאַראָווס אָבטיילונג אין ווייטען רוקן האָט פאַר מיר קיין שום זין נישט געהאַט, האָב איך בעשטימט אָבצופאָהרען צוריק אין גאַליציע און אויפזוכען

דעמידאָווס אָבטיילונג. אַ דורכפאָהרענדער אָפיציר האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זי געזעהן אין סאָקאַל. איך בין אַהין אַוועקגעפאָהרען.

דער גאַנצער אייזענבאַהן-וועג ביז סאָקאַל איז געווען צוגעגרייט צום פערניכטען. אין די הילצערנע בריקען זענען די סלופּעס געווען אַרומגעוויקעלט מיט שטרוי און געוואַרט אויף דעם שוועבעלע פון וועכטער, וואָס איז ביי זיי געשטאַנען. אונטער די אייזערנע בריקען איז געווען דינאַמיט. אין סאָקאַל איז דער באַהנהויף אינגאַנצען עוואַקואירט. עס איז פערבליבען בלויז דער אויפרייס-צוג. נאָר דאָ שטעהט נאָך די קאַזיאָנע אָבטיילונג פון שטאָדטישען פערבאַנד און נעהמט צו פערוואונדעטע, וועלכע מ'פיהרט אָהן אַנ'אויפהער צו. דאָ ציהען זיך אויף אַ וויאָרסט נייע באַראַקען, וואָס האָבען געקאָסט אַ האַלבען מיליאָן. זיי זענען אויך צוגעגרייט צום פערברענען.

ביז'ן שטאָדט איז אַ וויאָרסט דריי. דער גלח פון קאַזיאָנע אָבטיילונג האָט זיך געקליבען פאָהרען אין שטאָדט נאָך פראָוויזיע. ער האָט פאָרגעלעגט נעהמען מיך אויף זיין פוהרעל און ברענגען צוריק אויפ'ן באַהנהויף, אויב עס וועט נויטיג זיין.

אין שטאָדט האָט געהערשט דער זעלבער חורבן און טרויער, וואָס מיט עטליכע טעג צוריק, בעת איך בין דאָ געווען. קיין איין קלייט איז נישט אָפען. נאָר אויף די זייטיגע געסלעך שטעהען צוויי-דריי טישלעך מיט ברויט. סאָלדאַטען שטעהען אַרום די טישלעך און צוקויפען געאיילט דאָס ברויט. איבער'ן שטאָדט בלאָנדזשען אום סאָלדאַטען, קריגען ערגעץ נישט וואָס צו קויפען, זענען אין כעס און שילטען... די יודען.

איך בין אַוועק אין האָטעל, וואו איך בין געווען דעם פאָריגען מאָל. די בעל-הבית'טע האָט מיר דערצעהלט, אַז די פּאָר טעג האָט דער פּאָגראָם נישט אויפגעהערט.

מיר האָט זיך אָבער פאָרט געוואָלט זעהן זיך מיט וועמען עס איז פון די פאָרשטעהער פון דער יודישער קהלה. איך האָב געבעטען די בעל-הבית'טע אַריבערגעהן צו איינעם אַ בעל-הבית, שמוצער, אויף וועמען ד"ר הויזנער האָט מיר אָנגעוויזען,

און בעטען איהם קומען אין אַ הויז, וואָס איז נישט ווייט פון איהם. די בעל-הבית׳טע, געהענדיג פאָראויס, האָט מיך אָבגע-פיהרט, אין אַ זייטיגען געסעל אַריינגעפיהרט אין אַ הויז. דאָס הויז איז געווען פול מיט סאָלדאַטען, וועלכע האָבען מיך, ווי געוועהנליך, אָנגענומען פאַר אַנ׳אָפיציר, אויפגעכאַפט זיך פון די ערטער פאַר מיר און פערוואונדערט אָנגעקוקט, נאָך וואָס איך בין אַריין.

איך האָב צוגערופען די בעל-הבית׳טע פון הויז, אַנ׳אַלטע יודענע, האָב איהר שטרענג בעפוילען צוגרייטען פאַר מיר טעה און עטוואָס צו פערבייסען און געבען מיר אַ ריינעם צימער. זי האָט מיך אָבגעפיהרט אינ׳ם איינציגען צימער, וואָס איז פערבליבען ביי איהר. אַזוי האָב איך געקאָנט וואַרטען דאָ אויף שמוצער׳ן און פאַר די סאָלדאַטען איז קיין חדוש נישט געווען, נאָך וואָס איך בין געקומען.

אין דעם חדר, וואוהין איך בין אַריין, איז געווען ביי פופצעהן נפשות, פרויען און קינדער, אַלץ היימלאָזע פון מאַגע-ראָוו. אַנ׳עלטערע יודענע האָט מיר דערצעהלט, וואָס זיי האָבען אין מאַגעראָוו איבערגעלעבט. דאָס רוסישע חיל האָט די גאַנצע שטאָדט צוראַבירט און נאָכדעם פערברענט. דער יודענעס מאַן איז פון שרעק געשטאָרבען. געשטאָרבען איז אויך די טאָכטער, וועלכערס מאַן איז געווען אויף דער מלחמה—און געלאָזען זעקס יתומים. און איצט איז די אַלטע דאָ מיט די אייניקלעך און קרובים—און אַלע געהען אויס פון הונגער. אַז איך האָב זיי געגעבען פינפאונצוואַנציג רובל, זענען זיי אַלע געווען כמעט ערשיטערט פון דער אונגעריכטער הילף און אויפ׳ן קול צע-וויינט זיך.

די בעל-הבית׳טע פון האָטעל האָט זיך אומגעקעהרט מיט דער ידיעה, אַז שמוצער האָט מורא צו געהן איבער׳ן גאַס. נישט ווילענדיג אָבפאָהרען אָהן דעם, איך זאָל לאָזען וואָס עס איז הילף, האָב איך געבעטען רופען צוויי עלטערע לייט. די יודענע האָט אַריינגערופען איהר מאַן און נאָך אַנ׳אַלטען יודען. קיין גרויס צוטרוי האָבען זיי ביי מיר נישט אַרויסגערופען,

פונדעסטוועגען האָב איך זיי געלאָזען צווייהונדערט רובל איבערצוגעבען דעם אָרטיגען הילפס־קאָמיטעט.

איך בין אַוועק אין שטאַב פרעגען, וואו עס געפינט זיך דעמידאָווס אָבטיילונג. ביים טהיר פון שטאַב האָב איך געטראָפען דעם קאָרפּוס-דאָקטאָר פון צוועלפטען קאָרפּוס און דעם דיוויזיע־דאָקטאָר פון דער צוועלפטער דיוויזיע און עטליכע שטאַבאָפיצירען. אויף מיין פראַגע וועגען דער אָבטיילונג, האָט דער דיוויזיע-דאָקטאָר מיר געענטפערט:

—וועגען דער אָבטיילונג פון גאָסודאַרסטווענער דומע האָבען מיר קיין אַהנונג נישט. מיר אַליין זוכען אַ וועלכע עס איז אָבטיילונג, איבערהויפּט די אָבטיילונג פון שטאָדטישען פערבאַנד, וואו דער בעפולמעכטיגטער איז קאָמיסאַראָוו.

איך האָב מיטגעטיילט, אַז די אָבטיילונג געפינט זיך נעבען פּאָרעצק און האַלט ביים אַוועקגעהן קיין לוצק.

—בשום אופן נישט! מיר מוזען איהם האָבען דאָ!—האָט אויסגעשריען דער דאָקטאָר.—טהוט אַ טובה, פיהרט אָב קאָמיסאַראָוו'ן אַ בריף, ער זאָל למען השם קומען אין שטאַב פון קאָרפּוס אַהער... און אפשר אין פּיאַטיכוואָסטקע?...

—וואוהין זשע פּאָרט זאָל ער קומען?

—איך וויים אַליין נישט, וואו מיר וועלען זיין מאָרגען... דאָס הענגט אָב דערפון, וויפיל צייט די ניינצעהנטע דיוויזיע וועט זיך האַלטען. אויב זי וועט זיך האַלטען ביז מאָרגען, וועלען מיר אָבטרעטען מאָרגען בייטאָג, אויב נישט, וועלען מיר היינט מוזען אַריבער אין פּיאַטיכוואָסטקע.

—ווי קאָן זי זיך האַלטען ביז מאָרגען, אַז שוין איצט איז געבליבען נישט מעהר ווי טויזענד מאַן פון דער גאַנצער דיוויזיע,—האָט זיך אָבגערופען אַ שטאַב־אָפיציר.

בשעת מיר האָבען גערעדט, איז צוגעפאָהרען מיינער אַ בעקאַנטער פון פעטערבורג, אַנ'אינזשעניער פּרעאָבראַזשענסקי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַ בעפולמעכטיגטער פון אַנ'אָבטיילונג פון שטאָדטישען פערבאַנד אויפ'ן נאָמען פון די רוסישע טעכניקער. מיר האָבען זיך פונאַנדערגערעדט. אַז פּרעאָ-

בראַזשענסקי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך זוך דעמידאָווס אָבטיילונג, האָט ער מיר פאָרגעלעגט:

—קומט אַריבער אין אונזער אָבטיילונג. איך וועל זעהר צופרידען זיין. מיר שטעהען אין טימאַשאָוו. אייך וועט זיין אינטערעסאַנט און אונז וועט איהר זעהר נוצליך זיין. איהר וועט נעהמען אויף זיך די קאַנטאָר אַרבייט.

איך האָב איינגעוויליגט אַריבער אין זיין אָבטיילונג, אויב איך וועל נישט אויפזוכען דעמידאָווס. איך בין אַוועק אין שטאָדט, אפשר וועל איך געפינען וועלכע עס איז שפורען פון איהם, נאָר גאָרנישט געפונען. איך האָב זיך אומגעקעהרט צום שטאַב, כדי צו פאָהרען מיט פרעאָבראַזשענסקי'ן, מיט אַמאָל הער איך מ'רופט מיך. איך גיב זיך אַ קעהר און זעה: פון אַנ'אויטאָמאָביל פאָכט מען צו מיר מיט טיכלעך און מען שרייט צו מיר. איך האָב גלייך דערקענט די שוועסטער און סאַניטאַרען פון דעמידאָווס פלוג־אָבטיילונג, דערפרעהט זיך און אַוועקגעזעצט זיך צו זיי אין אויטאָמאָביל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די פלוג-אָבטיילונג געפינט זיך פיער וויאָרסט פון סאָקאַל אין אַנ'אָבגעברענטען פאָלוואַרק. געקומען זענען זיי אַהער פון בעלז. פאַר זייער אָבטרעטען פון בעלז איז דאָרט געווען אַ פאָגראָם און אַ שרפה. כמעט די גאַנצע שטאָדט פערברענט. פון שטאָדט האָט מען אַרויסגעפיהרט אַלץ, וואָס מ'האָט געקאָנט, איבערהויפט קופער. פון דער אַלטער שוהל האָט מען אַראָבגענומען פיער מעשענע קופאָלען.

איך בין אַוועקגעפאָהרען מיט די שוועסטער און סאַניטאַרען אין פאָלוואַרק. געווען איז עס זעהר אַ רייכער און אַ גרויסער פאָלוואַרק, נאָר ער איז אינגאַנצען חרוב און פערברענט אויף אַזוי פיל, אַז די אָבטיילונג האָט זיך געמוזט בעזעצען אין די איינציג גאַנץ געבליבענע שטאַלען. די אָבטיילונג האָט זיך געגרייט אָבצוטרעטען ווייטער. נאָר פריהער האָט מען געדאַרפט ברענגען פון וולאַדימיר־וואָלינסק פראָוויזיע. איך האָב זיך אַרויסגערופען אַריבערצופאָהרען צוליב דעם אין וולאַדימיר־וואָלינסק.

דער וועג איז אינגאַנצען געווען פערפלייצט מיט אַרויס־

געשיקטע אָדער אַנטלויפענדע פויערים רוטענער. הונגעריגע, ני־דערגעשלאָגענע, אָבגעצעהרטע. פיל פון זיי שלעפען זיך אַזוי צופוס שוין צוויי וואָכען, אָהן הילף, אָהן ברויט. קיינער זאָרגט נישט וועגען זיי. אַנדערע קלייבען זיך צונויף מחנות׳ווייז, קומען אויף אַ פעלד, נעהמען אַראָב די תבואה, ראַבירען וואו מ׳קאָן. עס קומען פאָר שלאַכטען צווישען זיי מיט די אָרטיגע פויערים.

איך האָב זיך אָבגעשטעלט אין פאָרעצק. אין שטעדטעל איז אַ שטאַרקע אויפרעגונג. צו מיר איז געקומען צו לויפען דער סטאַראָסטע און דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהן ביים פריסטאַוו אַ צירקוליאַר וועגען אַרויסשיקען פון פאָרעצק די גאַנ־צע בעפעלקערונג אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט און אָב־שיקען זי איבער דער וואָלגא. פיל ווילען אַליין אַוועקפאָהרען, נאָר דער אוריאַדניק גיט נישט קיין פראָפוסקען. די, וואָס זענען געפאָהרען אָהן פראָפוסקען, האָט מען אומגעקעהרט צוריק.

—וואָס טהוט מען! וואָס טהוט מען!—האָט ער גע׳טענה׳ט.—

די שטאָדט איז אויפגערודערט. איינע טענה׳ן אַז מ׳מוז וואָס גי־כער אַנטלויפען, און אַנדערע זאָגען, אַז בשעת אין אָנפאַנג מלחמה זענען געקומען אַהער די עסטרייכער, איז געווען זעהר גוט און די וואָס זענען אַנטלאָפען, זענען געבליבען קבצנים.

איך האָב גענומען מיט זיך אין וולאַדימיר וואָלינסק דעם סטאַראָסטע, כּדי ער זאָל זיין ביים איספראַווניק, קלאָר מאַכען דאָרט די לאַגע און בעטען, דער איספראַווניק זאָל בעפעהלען דעם אוריאַדניק אַרויסגעבען פראָפוסקען.

אין וולאַדימיר וואָלינסק האָב איך אויך געפונען אַ שטאַרקע אויפרעגונג און צורודערטקייט. איבער׳ן שטאָדט הענגט אַ כמאַרע: די שרעק פון אַרויסשיקעניש. קיינער ווייסט נישט אויף ריכטיג, וואָס פאַר אַ בעפעהל עס איז דאָ: אַרויסשיקען די גאַנצע בע־פעלקערונג, אָדער נאָר מיליטער-פעהיגע? אַלעמען, אָדער נאָר יודען? און ביז וואַנען וואָס, ערלויבט דאָ אויך נישט דער אי־ספראַווניק אַרויספאָהרען פון שטאָדט: ער בעט שוחד צווייטויזענד רובל און די שטאָדט האָט נישט פון וואַנען צו געבען.

ביי דעם איספראַוויניקס קאַנצעלאַריע שטעהען גאַנצע מחנות

וועלכֿע בעטען פּראָפּוסקען. די קאָזאַקען ביים טהיר שרייען, זיד־לען, טרייבען אָב די יודען. פאַר מיינע איגען האָט אַ קאָזאַק געגעבען אַ שטויס פון טהיר אַנ׳אַלטען מאַן. אַז איך האָב אָנ־געשריען אויפ׳ן קאָזאַק און געזאָגט אַז איך וועל איהם דערפאַר אָבגעבען „פּאָד סוד״, זענען אַלע יודען געבליבען ערשטוינט פון וואונדער און דער אַלטער יוד איז מיר לאַנג נאָכֿגעגאַנגען און געדאַנקט.

אָבגעהענדיג עטליכֿע גאַסען, האָב איך אָבגעשטעלט אַ יוד, גענומען פונאַנדערפרעגען איהם וועגען די געשעהענישען אין שטאָדט, אויף די ערשטע צוויי פראַגען האָט ער, כאָטש נישט ווילענדיג, נאָר דאָך געענטפערט, נאָכדעם אָבגערופען זיך:

—איך האָב מורא צו ריידען מיט אייך. מ׳וועט דערזעהן אַז איך רייד מיט אַנ׳אָפיציר, וועט מען מיך אַרעסטירען. דאָ זענען שוין געווען אַזעלכֿע פאַלען.

אָנשטאָט צו שיקען דעם סטאַראָסטע צום איספּראַווניק, בין איך אַליין אַריינגעגאַנגען צו איהם. איך האָב איהם ער־קלערט, אַז אונזער אָבטיילונג שטעהט נעבען פּאָרעצק און די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען זיך געווענדט צו מיר מיט אַ בקשה קלאָר צו מאַכֿען דאָ ביים איספּראַווניק, פאַרוואָס דער אוריאַדניק גיט נישט אַרויס קיין פּראָפּוסקען.

—איך האָב דערווייל נאָך נישט בעקומען פון שטאַב קיין שום ערקלערונג וועגען דער אַרויסשיקונג—האָט ער מיר גע־ענטפערט,—נאָר איך רעכען, אַז עס איז נישטאָ קיין שום מאָ־טיוו אויפצוהאַלטען די בעפעלקערונג, וואָס וויל אַליין אָבפאָהרען. דעריבער וועל איך דעם אוריאַדניק בעפעהלען ער זאָל אָהן שום מניעות אַרויסגעבען פּראָפּוסקען. אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אויפ׳ן האַנט אַרויסגעבען דעם בעפעהל צום אוריאַדניק און איהר וועט איהם איבערגעבען.

און ער האָט מיר געגעבען אַזאַ בעפעהל צום אוריאַדניק. אַזוי ווי איך האָב נישט געוואוסט, אויב איך וועל צייט האָבען אָבצושטעלען זיך אין פּאָרעצק, האָב איך דאָס פּאַפּיר איבערגע־

געבען דעם פאָרעצקער מעשטשאַנסקע סטאַראָסטע, וועלכען איך האָב געבראַכט אַהער.

דערווייל איז אין שטאָדט ידוע געוואָרען וועגען מיין קו-מען און אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון איספּראַווניק, האָב איך געטראָפען אויפ׳ן גאַס דעם קאַזיאָנעם רב און עטליכע בעלי-בתים, וואָס האָבען געוואַרט אויף מיר. מיר זענען אַריין צו איינעם פון זיי אין הויז און זיי האָבען מיר דערצעהלט וועגען דער לאַגע אין שטאָדט. דאָ געפינען זיך פיל היימלאָזע פון די אַרומיגע שטעדטלעך. די נויט איז גרויס, פון קיעווער קאָמיטעט בעקומט זיך קיין שום הילף נישט און די שטאָדט אַליין, אַנ׳-אָרימע אין אַ געוועהנליכער צייט, קאָן איצט, ווען די רייכערע זענען אָבגעפאָהרען און די איבעריגע וואַרטען אויף אַ גירוש, נישט קומען צו הילף די היימלאָזע. איך האָב אַרויסגעגעבען דעם אָרטיגען קאָמיטעט פאַר די היימלאָזע פיערהונדערט רובל.

איך בין אַריין אין אַ קאַפע-הויז. דאָרט האָב איך געטראָ-פען ביי אַ טישעל אַ פּאָדפּאָרוטשיק, אַ יונגענמאַן פון אַ יאָהר ניינצעהן. איך האָב זיך מיט איהם פריהער ערגעץ-וואו געטראָ-פען אין וועג. ער האָט מיך דערקענט, איז צוגעגאַנגען און גע-נומען אויפגערעגט דערצעהלען, אַז ער קומט נאָר-וואָס פון סאָ-קאַל, וואו ער איז געוועזן מיט אַנ׳אויפרייס-קאָמאַנדע.

—לויט דעם בעפעהל, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך אויפגעריסען דעם וואָקזאַל, די קאַזאַרמעס, נאָך עטליכע מלוכה-בנינים. דערצו האָב איך נאָך פון אייגענעם ווילטאָג וועגען אויפגעריסען די זשידאָווסקע סינאַגאָגע, כאַ-כאַ!

—צוליב וואָס האָט איהר דאָס געטהון?

—אַזוי זיך! פאַרוואָס נישט?

—דאָס איז דאָך אַ טעמפּעל.

—אַ טע-עמפּעל? וואָט פאַר אַ טעמפּעל?

—וואָס פאַר אַ תפילה זאָגט איהר יעדען טאָג? „אין נאָ-מען פון פאָטער, זוהן און הייליגען גייסט". איז אַ יודישע סי-נאַגאָגע אַ טעמפּעל פון „פאָטער"? ווי-זשע זענט איהר בעגאַנגען און נאָך צוליב אייער פערגעניגען, אַזאַ חלול השם?

ער איז געוואָרען אַ ביטעל צומישט.

—דאָס האָב איך נאָר אַזוי זיך געזאָגט, „פון אייגענעם וואוילטאָג ווענען". באמת האָב איך געהאַט אַ בעפעהל זי אויפצורייסען.

—וואַרט אַ ביטעל,—האָב איך איהם אָבגעשטעלט.—איהר האָט פיל דינאמיט פערנוצט צום אויפרייסען די סינאַגאָגע?

—אַ קלייניגקייט! אויך מיר אַ בנין!

—איך האָב געזעהן די סינאַגאָגע, און איהר זענען ווענד אַ קלאַפטער די דיק, זי איז אַ הויכע, אַנ'אמת'ע פעסטונג, ווי זשע זאָגט איהר, אַז איהר האָט זי אויפגעריסען מיט אַ קלייניגקייט דינאַמיט?

—איהר האָט אַ טעות. זי איז אַ הילצערנע, נאָר דער פונדאַמענט איז אַ שטיינערנער.

צי האָט ער אויפגעריסען אַ וועלכען עס איז בית-המדרש, אָדער גלאַט געזאָגט אַ ליגען „פון וואוילטאָג ווענען"—ווייס איך נישט.

אַרויסגעהענדיג פון קאַפע, האָב איך בעגעגענט אַ מחנה פערוואונדעטע. איך האָב אָבגעשטעלט איינעם:

—פון וואַנען געהט איהר?

—פון סאָקאַל.

—וואָס הערט זיך אין שטאָדט?

—גאָרנישט, שטיל... די קאָזאַקען האָבען היינט ווידער געבראָכען יודישע קראָמען און פערנומען מעהל.

אָבפאָהרענדיג פון אָבטיילונג האָבען מיר זיך צונויפגערעדט, אַז איך וועל זיך מיט איהר טרעפען אין דאָרף ווערסין, וואוהין זי האָט געדאַרפט אָבטרעטען. נאָר אין ווערסין האָט מען מיר איבערגעגעבען, אַז דער שטאַב פון דער צוועלפטער דיוויזיע האָט פעראָרדענט דער אָבטיילונג אָבצופאָהרען פיל ווייטער, איבער גאָראָשקאָוו, מיליאַטין, באָביאַטין אין דאָרף וואַטין. איך בין אַוועקגעפאָהרען נאָך איהם. אין וועג אָבער האָט זיך ביי מיר אויסגעלאָזט דער בענזין, האָב איך איבערגעלאָזט דעם אויטאָמאָביל מיט'ן שאָפער אין אַ דאָרף און אַוועקגעפאָהרען

מיט אַ מיליטער-פוהרעל, וועלכעס האָט אָבגעפיהרט פערוואונדעטע אין וולאַדימיר וואָלינסק און אומגעקעהרט זיך צוריק. מיר האָבען זיך לאַנגזאַם געשלעפט און צו דריי ביינאַכט האָט מיך דאָס פוהרעל געלאָזען אין וועג ביי אַ בנין, וואו עס איז געווען אַ לאַזאַ-רעט, און אַליין פערקירעוועט אָן אַ זייט. אין לאַזאַרעט האָבען אַלע געשלאָפען און איך האָב זיך נישט געקאָנט דערקלאַפּען. איך האָב געפונען אַ שטאַל, בין אַרויף אויפ'ן היי-בוידעם און געלייגט זיך שלאָפען. נאָר וואָס איך האָב איינגעשלאָפען, הער איך אונטער מיר אַ געוויין, אַ שרעקליכען, האַרצרייסענדען מיט אַ כליפּ. איך בין אַ פּערציטערטער געוואָרען. געפונען שוועבע-לעך, אָנגעצונדען, אַראָבגעקראָכען און דערזעהן... אַ יונגען איי-זעלע. דאָס האָט ער אַזוי געשריען. מיר האָט זיך פריהער נישט געטראָפען צו הערען אַנ'אייזעל-געשריי: אַקוראַט ווי אַ ביטערער מענשען-געוויין.

איינדערפריה בין איך אַריין אין לאַזאַרעט. דאָס איז גע-ווען דער לאַזאַרעט פון דער צוועלפטער דיוויזיע. איך האָב דאָרט געטרונקען קאַווע און געהערט אַ געשפּרעך צווישען די דאָק-טוירים. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס צווישען זיי איז גע-ווען אַ פרעמדער מענש, האָבען זיי גערעדט שאַרף רעוואָלוציאָ-נערע רייד געגען דער רעגירונג און דעם קיסר. אַזעלכע רייד איז מיר פריהער נישט אויסגעקומען צו הערען אין דער אַרמעע.

די דאָקטוירים האָבען מיר געגעבען אַ פוהרעל און איך בין דערפאָהרען אין וואַטין.

וואַטין איז אַ גרויס דאָרף, אַ וויאָרסט דרייסיג פון דער אַלטער רוסישער גרעניץ, צווישען וולאַדימיר וואָלינסק און לוצק. די אָב-טיילונג האָט זיך דאָ אָבגעשטעלט, איינגעאָרדענט אַנ'איבערביג-דונגס-פּונקט אויפצונעהמען די פערוואונדעטע פון פראָנט און איבערשיקען זיי ווייטער. פאַר מיר איז געווען אַנ'אינטערעס צו פערבלייבען מיט דער אָבטיילונג נאָר צוליב דעם, ווייל זענענ-דיג מיט איהר האָב איך געקאָנט אַרומפאָהרען אין די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלעך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז וואַטין איז אַ פאַרבייפאָהר-פּונקט פאַר די אַרויסגעשיקטע פון די נעהנ-

טערע צום פֿראָנט ערטער. פֿאַרביי דעם הויז, וועלכעס אונזער אָבטיילונג האָט פֿערנומען, האָבען זיך פֿון פֿריה ביז נאַכט גע־צויגען פֿוהרען מיט היימלאָזע יודען, איבערהויפּט פֿון שטעדטעל האָראָכאָוו. לאַנגע פֿוהרען, אָנגעפּאַקט מיט אַלערליי כּלי בית, און אין מיטען, ווי פֿייגעלעך אין נעסטען—קינדער, אַרום זיי עלטערע לייט, איבערהויפּט פֿרויען. מאַנסביל געהען נאָך נאָכ'ן וואָגען צופֿוס און יעדעס פֿוהרעל ווייזט־אויס ווי אַ לויה.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מ'אַנטלויפֿט פֿון שטעד־טעל מורא האָבענדיג פֿאַר אַ פּאָגראָם און נאָך מעהר פֿאַר דעם, אַז מ'וועט אַלעמען מיט אַמאָל אַרויסשיקען און דאַן וועט מען נישט קריגען קיין פֿוהרען. פֿאַר פּראָפּוסקען אויף אַרויספֿאָהרען פֿון שטעדטעל רייסט דער פּריסטאַוו אָהן רחמנות. מ'פֿאָהרט דערווייל קיין טאָרטשין, דרייסיג ווערסט פֿון האָראָכאָוו. מ'וויל זיך נישט שטאַרק דערווייטערן פֿון דער היים: אפשר וועט מען זיך קאָנען באַלד אומקעהרען.

כּמעט יעדע פֿוהר האָב איך אָבגעשטעלט, פֿונאַנדערגע־פֿרעגט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די רייכערע זענען שוין פֿריהער אָבגעפֿאָהרען, איצט פֿאָהרען אָרימעלייט. אין איין וואָ־גען איז געפֿאָהרען די גאַנצע אינטעליגענץ פֿון שטעדטעל: דער אַדוואָקאַט, דער צאָהן־אַרצט, די אַקושערקע, דער אַפּטייקער. אַלע פֿעראָרעמטע, פֿערצאָגטע.

איך האָב איינגעאָרדענט אַ מין שפּייז־פּונקט, געגעבען טעה און ברויט די דערוואַקסענע, מילך און בייגעל די קינדער. די אָרימערע האָב איך געגעבען פֿון דריי ביז פֿינף רובל אויף אַ מענשען. דער מעהרסטער טייל האָבען נישט געוואָלט נעהמען, גע'טענה'ט: „מיר זענען, חס ושלום, נישט קיין בעטלער", און די וואָס האָבען גענומען, האָבען געוויינט פֿון בושה. איך האָב עס אָפֿט דערמאָהנט שפּעטער, ווען דיזעלבע היימלאָזע האָבען געריסען פֿאַר די פֿאָלעס און געמאָהנט נדבות...

# יא

פאַר די לעצטע וואָכען, זינט איך בין צוריק אַריבער די אַלטע רוסישע גרעניץ, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אויף דער גאַנצער געגענד, וואָס נעהמט אַרום פיל צעהנדליגער יודישע שטעדט און שטעדטלעך פון רוסלאַנד איז אָנגעהאַנגען אַ שרעק־ליכע כמאַרע פון שרעק און יאוש. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די שלאַכטען זענען געווען הונדערטער וויאָרסט ווייט פון די ערטער, איז שוין דאָ געווען דיזעלבע שטימונג, ווי ביי די גאַליציאַנער יודען. אומעטום האָט מען פון שעה צו שעה גע־וואַרט אויף צוויי פּלאָגען: אויף אַ פּאָגראָם און אויף אַ מאַסען־אַרויסשיקונג אין עטליכע שעה. דאָס האָט אינגאַנצען אָבגע־שטעלט דאָס נאָרמאַלע לעבען אין די שטעדטלעך, אַרויסגערו־פען אַ פּאַניק און אַ געלויף אָהן אַ סיסטעם, אָהן אַ ציל, נאָר כדי צו ראַטעווען זיך וואָס גיכער.

איך האָב בעשלאָסען אַריבערצופאָהרען אין קיעוו, בעקאַנט מאַכען דעם קאָמיטעט מיט דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפען, זעהן ער זאָל אָננעהמען וועלכע עס איז מיטלען, דער גירוש זאָל אָבגעשטעלט ווערען. דערביי האָב איך גערעכענט פאָרצו־לעגען דעם קאָמיטעט, ער זאָל בעזאָרגען די אָרימסטע און נעהנטערע צום פראָנט שטעדטלעך מיט מיטלען, מ׳זאָל קאָנען צוגרייטען פוהרען אויף דעם פאַל פון אַנ׳אומגעריכטען אַרויס־שיקען. אַזוי ווי ביי מיר האָט זיך אויסגעשעפּט דאָס געלד, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, האָב איך גערעכענט נעהמען פון קאָמיטעט אַ בעדייטענדע סומע און אַרומפאָהרען אַלע שטעדטלעך, וואָס זענען נעהנטער צום פראָנט. איך האָב גערעכענט צו בע־קומען צוליב דעם אין קיעוו אַנ׳אויטאָמאָביל.

דעם 19-טען יוני בין איך אָבגעפאָהרען אויף לוצק. מיר איז אויסגעקומען צו שטעהן עטליכע שעה אויף דער סטאַציע קיווערצי. דאָרט האָט געהערשט אַ שטאַרקע צורודערונג. די צו־גען זענען אָנגעקומען מיט אַ פערשפּעטיגונג פון צוועלף ביז

אַכצעהן שעה. דער באַהנהויף איז אָנגעפּאַקט מיט טויזענדער מענשען. עס געהט אַ מלחמה פאַר בילעטען און פּלאַצקאַרטען און מ'צאָהל פאַר זיי משונה גרויסע פּרייזען. יודען לאָזט מען אין באַהנהויף נישט אַריין און זיי שטעהען און זיצען מיט זייערע פּעק און קאַסטענס אַרום באַהנהויף. די דינער און זשאַנדאַרמען טרייבען זיי, זידלען, שלאָגען. בקיצור—אַ שרעקליך און אין דערזעלבער צייט אַ געוועהנליך בילד.

פון דעם יודישען אַפּטייקער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די עטליכע צעהנדליג יודישע געזינדען, וואָס וואוינען אויפ'ן וואָקזאַל, האָבען געגרינדעט אַ הילפס-קאָמיטעט פאַר די טויזענדער יודען, וואָס געהען דורך מיט עשאַלאָנען פון גאַליציע, אַלס ערוב'ניקעס און גלאַט עוואַקואירטע. ביז די לעצטע טעג, האָט דער קאָמענדאַנט נישט ערלויבט צוגעהן צו די אַרויסגעשיקטע גאַליציאַנער יודען. איצט האָט ער זיך מרחם געווען און לאָזט צו. טראָגט מען צו יעדען צוג וואָס פאַר אַ שפּייז מ'קאָן. נאָר דער קאָמיטעט האָט וועניג מיטלען. איך האָב צוגעזאָגט בעקומען מיטלען פון קיעוו.

אין קיעוו האָב איך געטראָפען אַ שטימונג נאָך אַ מעהר געדריקטע, ווי ביי מיין פאָריגען זיין דאָרט. פון גאַליציע האָט נישט אויפגעהערט דער שטראָם פון די אַרויסגעשיקטע און ערוב'ניקעס. טעגליך זענען זיי אָנגעקומען אין קיעוו; צו טויזענד—צוויי טויזענד נפשות, וועלכע מען האָט אויסגעריכט אין וואָראָנעזשער גובערניע. עס זענען אָנגעקומען טויזענד היימלאָזע צוגעשיקטע אַהער פון ריגא. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבען אָנגעהויבען אָנקומען אַרויסגעשיקטע פון פּאָדוואָלאָטשיסק. פון דאָרט האָט מען מיט אַמאָל אַרויסגעשיקט די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג, ביי פיער—פינפטויזענד נפשות. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דער איינציגער מאָטיוו פון דער אַרויסשיקונג געווען דער, וואָס די מיליטער און די געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען האָבען געדאַרפט אין שטאָדט פיל דירות. ווי נאָר מ'האָט פון דאָרט אַרויסגעשיקט די יודען, זענען אָנגעפאָהרען פון די אַרומיגע דערפער פויערים און צורויבט ביז

אַ האָהר זייערע קלייטען און הייזער. נאָהגט פון צווייטוויזענד אַרויסגעשיקטע זענען אָנגעקומען אין קיעוו. די איבעריגע האָבען זיך צושאָטען אין די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלעך.

חוץ דעם גרויסען שטראָם פון די היימלאָזע, האָט זיך אין קיעוו גופא אָנגעפאַנגען אַ פּאַניק. דער שונא איז געגאַנגען אַזוי האַסטיג, אַזוי שטורמיש דערנעהנטערט זיך צו די רוסישע גרעניצען, אַז מ׳האָט געקאָנט דערוואַרטען, אַז ער וועט דערגעהן ביז קיעוו. די רייכערע און מעהר נערוועזע האָבען גענומען בעצייטענס אָבפאָהרען און דאָס האָט געשאַפען אַ פּאַניק.

וועגען די גזירות פון אַרויסשיקונגען און פּאָגראָמען, וואָס זענען אָנגעהאָנגען אויף די שטעדט און שטעדטלעך ביי דער גרעניץ, האָט מען שוין אין קיעוו געוואוסט. מודיע געווען אין פּעטראָגראַד. נאָר פונקט ווי ביי אַנדערע גזירות האָט מען נישט געקאָנט העלפען. מ׳האָט זיך משתדל געווען צו בעקומען אַנ׳ערלויבעניש לכל הפּכות פאַר בעפולמעכטיגטע פון הילפס-קאָמיטעטען אַרומצופאָהרען איבער די רוסישע שטעדטלעך טיילען דאָרט הילף, אפילו דאָס האָט מען אויך נישט געקאָנט פועל׳ן.

בעקומען אין קיעוו אַנ׳אויטאָמאָביל האָט זיך מיר נישט איינגעגעבען. אין שטאָדט זענען געווען פיער רעקוויזיציעס פון אויטאָמאָבילען און ביי קיינעם פון די גבירים איז נישט פערבליבען אַזאַ, וועלכער וואָלט געקאָנט נוצליך זיין פאַר מיר.

איך האָב מיטגענומען פון קאָמיטעט פינפטויזענד רובל און אומגעקעהרט זיך אין וואַטין.

אָבגעשטעלט זיך אין לוצק. דאָ איז אויך געווען אַ בעפעהל אַרויסצושיקען די בעפעלקערונג, נאָר ער איז אָבגעשטעלט געוואָרען און די יודען האָבען זיך בערוהיגט. מ׳לעבט מיט׳ן היינטיגען טאָג און קוים איז אַראָבגענומען אויף אַ רגע דער מעסער פון האַלז, ווערט מען רוהיג. אין שטאָדט, ווי אויך אין וואַגאָן איז מיר אויסגעקומען צו הערען, ווי פון סאָלדאַטען אַזוי פון ציווילע, אַז עס איז געשלאָסען געוואָרען אַ צייטווייליגער שלום אויף איינאונצוואַנציג טעג. די לעגענדע האָב איך געהערט פון צעהנדליגער מענשען, ווער האָט זי פערשפּרייט?

אין גאַס האָט מיך אָבגעשטעלט אַ יונגערמאַן פון פּאָרעצק און האָט מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט, אַז דעם 18-טען איז דורכגעגאַנגען דורך פּאָרעצק אַ טייל פון דער אָבטרעטענדער אַכטער דיוויזיע און האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם, וועלכער האָט געדויערט אַ גאַנצען טאָג. די יודען האָבען געוואָרפען אַלץ און ווי זיי שטעהען און געהען אַנטלאָפען פון שטעדטעל אין נאָהנטסטען וואַלד. דערווייל זענען אָנגעקומען פון די אַרומיגע דערפער פּויערים און אויסגעליידיגט אַלע קלייטען און הייזער. אויף מאָרגען, אַז די פּאָגראָמשיקעס זענען אַוועקגעגאַנגען און די יודען האָבען זיך אומגעקעהרט אין שטעדטעל און געפּרובט אָב-בעהמען ביי די אָרטיגע און דאָרפישע רויבער דאָס גוטס, וואָס יענע האָבען אָנגעראַבירט, האָט דער אוריאַדניק אַלע יודען אַרויסגעשיקט פון שטעדטעל. ביי הונדערט און פופציג געזינדען האָבען זיך צוזייהט איבער די אַרומיגע דערפער, די איבעריגע עטליכע הונדערט געזינדען זענען אַוועק אַ טייל אין טאָרטשין, אַ טייל אין ראָזשישץ. אַלע זענען געבליבען ווי זיי שטעהען און געהען און שטאַרבען לחלוטין פון הונגער.

איך האָב געגעבען דעם יונגערמאַן עטליכע רובל און גע-בעטען אומקעהרען זיך אין ראָזשישץ און איבערגעבען דעם רב און דעם סטאַראָסטע, אַז איך בעט זיי קומען צו מיר קיין לוצק מיר זאָלען דאָ זיך מישב זיין וועגען דער לאַגע.

איך בין אַריין צו אַן אָרטיגען בעל-הבית, איינגעלאַדען דעם קאַזיאָנעם רב און עטליכע כלל-טהוער. פון זיי האָב איך זיך דערוואוסט, אַז לוצק האָט זיך ביז דער לעצטער צייט גע-פונען אין אַ גוטען מאַטעריעלען מצב. די שטאָדט האָט אויף איהר חשבון אויסגעהאַלטען אַלע היימלאָזע, וואָס זענען אַהין געקומען און האָט נאָך געשיקט געזאַמעלטע סומען אין קיעווער הילפס-קאָמיטעט. איצט האָט זיך די לאַגע שטאַרק אומגעביטען. דאָס גאַנצע לעבען אין שטאָדט איז אָבגעשטאָרבען, די רייכע-רע מענשען צולויפען זיך, קיינער ווייסט נישט וואָס מאָרגען וועט זיין, צי מען וועט אַרויסשיקען אָדער נישט? נאָר איין זאַך ווייסט מען, אַז די גאַנצע נאַטשאַלסטווא, פון איספּראַווניק ביז'ן

אוריאַדניק רייסען פאַר די פּאָלעס און מאָהנען „וזיאַטקעס".

בשעת אונזער זיצונג זענען אָנגעקומען פון ראָזשישץ דער פּאָרעצקער רב און דער סטאַראָסטע. זיי האָבען איבערגע׳חזר׳ט די ערצעהלונג וועגען פּאָגראָם. מיר האָבען בעשטימט, אַז דער רב און דער סטאַראָסטע וועלען אין ראָזשישץ איינלאַדען פיער—פינף אָנגעזעהענע פּאָרעצקער בעלי-בתּים, וועלען גרינדען אַ קאָמיטעט, מאַכען אַ צעטעל פון די געליטענע און דערלאַנגען דעם צעטעל דעם לוצקער קאָמיטעט, וועלכער וועט אַרויסגעבען די הילף. דער לוצקער קאָמיטעט, וועלכער האָט בעסער פון מיר געקענט די פּערזאָנען און געוואוסט די אומשטענדען, האָט מיר אַנ׳עצה געגעבען אַזוי איינצואָרדנען די הילף. איך האָב דער-וויל געלאָזען דעם לוצקער קאָמיטעט פאַר די פּאָרעצקער, זיבענ-הונדערט רובל און הונדערט רובל געגעבען דעם רב אויפ׳ן האַנד. ער איז נישט גאָר קאָנטעט געווען פון אַזאַ מין אָרגאַ-ניזאַציע, נאָר ער האָט אויף איהר מסכּים געווען.

די לוצקער קהלה האָט מיר איבערגעגעבען אַ גרויסען טשעמאָדאַן מיט זעלטענע חפצים פון דער אַלטער לוצקער שוהל: אַ כּתר פון XVIII יאָהרהונדערט, צוויי זעלטענע זילבערנע לייכ-טער געקלאַפּטע, מיט פיגורען פון ענדע XVI אָדער אָנפאַנג XVII יאָהרהונדערט, אַ זילבערנע לויים-קענדל, אַ הדס, אַ יד, אַ בלעך, אַלץ זילבער און אַלט קינסטלערישע אַרבייט, צוויי פּרוכת׳ן, אַ טישטוך, אַלטע געשטיקטע מיט גאָלד. דער ווערט פון דעם איז געווען אַנ׳ערך פון צוואַנציג ביז דרייסיג טויזענד רוב. איך האָב עס געבראַכט אין פּעטראָגראַד און אין יאָהר 1918, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט געוואָלט אָבנעהמען דעם יודישען מוזיי, האָב איך דעם טשעמאָדאַן צוזאַמען מיט פיער קאַסטענס מיט אַנדערע זעלטענע חפצים פון מוזיי אָבגעגעבען אויף צו בעהאַלטען אינ׳ם מוזיי פון אַלעקסאַנדער דעם III אונטער אַ קוויטונג. דאָס גע-פינט זיך דאָרט ביז איצט.

אין לוצק האָב איך געטראָפען די פוהרלעך פון אונזער אָבטיילונג, וואָס האָבען געבראַכט אַהער פערוואונדעטע. איך בין אויף איינער פון זיי אָבגעפאָהרען אין וואַטין.

אין וועג האָב איך געטראָפען אַ פעראָרימטע פריצ׳טע, וועלכע איז אַ באָרוועסע אַרומגעגאַנגען איבער׳ן פעלד באָלקו-קענדיג נאָך די היי-שניידער, וואָס האָבען געאַרבייט אויף איהר שטיקעל פעלד. פונאַנדערגערעדט זיך. זי האָט זיך געקלאָגט אויף די אַנטלאָפענע פויערים פון גאַליציע. זיי געהען ווי היי-שעריקען. קומען, שניידען אַראָב דאָס ברויט, פיטערן זייערע פיה אויף די לאָנקעס און פעלדער. הויבט מען אָן זיי טריי-בען, זאָגען זיי: „דער קאָמענדאַנט האָט אונז ערלויבט נעהמען ביי די פוילישע גוטבעזיצער אַלץ, וואָס מיר געפינען.” זי האָט גערעדט מיט אַ שרעקליכען האַס און פיינדשאַפט וועגען די היימלאָזע. דער סאַניטאַר פון אונזער אָבטיילונג, טאַטאַרניקאָוו, וואָס איז מיט מיר מיטגעפאָהרען, האָט דערצעהלט, אַז די רו-סישע היימלאָזע פויערים ווענדען אָן אַלע כחות, מ׳זאָל זיי נישט צונויפמישען מיט די גאַליציאַנער און בעליידיגען זיך, אַז מען שטעלט זיי צוזאַמען. „מיר זענען רוסען און זיי אַווסטריאַקעס!” נאָך ערגער טראָגען זיך אויף צו די גאַליציאַנער היימלאָזע די רוסישע בעאַמטע. אַ יונגערמאַן זוסמאַן, פון שטעדטעל לאָקאַטש, האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהן אַזאַ סצענע: נעבען שטעדטעל איז געשטאַנען אַ מחנה היימלאָזע גאַליציאַנער פויערים. געקומען דער פריסטאַוו און גענומען שרייען אויף זיי, טופען מיט די פיס און איינעם דערלאַנגט אַ פאַטש. דער יונגערמאַן איז בעקאַנט געווען מיט׳ן פריסטאַוו און געפרעגט איהם, וואָס ער האָט צו די גאַליציאַנער, פאַרוואָס ער שלאָגט זיי?

—דערפאַר, ווייל איבער זיי, די הינטישע זיהן, האָט זיך די גאַנצע מלחמה אָנגעהויבען,—האָט שטאַרק אויפגערעגט געענט-פערט דער פריסטאַוו,—זיי האָבען אַלץ אינאיינעם געשריען, אַז זיי איז שלעכט אונטער דער עסטרייכישער מאַכט, געוואָלט ווערען רוסישע אונטערטאַנען. אָט זאָלען זיי איצט וויסען! זאָלען זיי פיהלען, וואָס הייסט רוסלאַנד! ביז׳ן טויט דאַרף מען זיי שלאָ-גען, די הינטישע זיהן!

אין וואַטין בין איך פערבליבען מעהר ווי אַ וואָך. פאַר דער צייט האָבען דורכ׳ן דאָרף נישט אויפגעהערט צו געהן

פוהרען מיט אַנטלויפענדע יודען פון פיל אַרומיגע שטעדטלעך.

אין דער פליג-גרופּע פון דער אָבטיילונג פון גאָסודאַרסטווענע דומע זענען געווען ביי צעהן העכערע סאַניטאַרען און שוועסטער, אַלץ מעהר אָדער וועניגער אינטעליגענטע מענשען. געווען אַנ׳אַרצט קופּטשיקאָוו, אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, און נאָך אַ סטודענט-מעדיק פון פערטען קורס, פּאַוועל איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך אויך גערעכענט פאַר אַנ׳אַרצט. דער בעפולמעכטיגטער פון דער פליג-גרופּע איז געווען דער ד״ר קאָזשעגעווסקי, נאָר ער האָט זיך געפונען איצט אין קיעוו. דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז געווען שטאַרק אָנגעשטויסען געגען דעם בעפולמעכטיגטען, געהאַלטען אַז ער פיהרט זיך אויף דעספּאָטיש און געטענה׳ט, אַז אויב ער וועט נאָר קומען, וועלען אַלע אַוועקגעהן פון אָבטיילונג. אַז ער איז שפּעטער געקומען און געבראַכט פון קיעוו געלד, געהאַלט פאַר אַלעמען, געבראַכט נייעס און געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער, זענען אַלע מיט איהם שלום געוואָרען.

פון קיעוו האָב איך צווישען אַנדערע פּראָדוקטען געבראַכט פאַר דעם לאַזאַרעט פינף פלאַש קאָניאַק, וועלכע זענען צוזאַמען מיט די אַנדערע פּראָדוקטען געווען אָנגעפּאַקט אויף אַ פוהרעל צום אָבשיקען אין וואַטין. דאָס פוהרעל האָט גענעכטיגט אין לוצק. אָבפּאָהרען מיט איהם האָט געדאַרפט דער סטודענט פּאַוועל איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט געבראַכט אין לוצק פּערוואונדעטע. ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געווען אויף דער אכסניה וואו מיר האָבען גענעכטיגט, נאָר פערבראַכט מיט אַ קאָמפּאַניע אָפיצירען און אינדערפריה אָבגעפּאָהרען אַ שכור׳ער. אין וואַטין האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס פעהלט דריי פלאַש קאָניאַק. דער גאַנצער פּערסאָנאַל, די העכערע סאַניטאַרען און די שוועסטער, האָט זיך פערזאַמעלט אויף אַ פּלאַץ ביים קלויסטער און איינגעאָרדענט אַ משפּט אויף דעם פּאַוועל איוואַנאָוויטש. איין סאַניטאַר, טאַטאַרניקאָוו, האָט אַרויסגעשטעלט געגען איהם אַ בעשולדיגונג, אַז ער האָט גע׳גנב׳עט דריי פלאַש קאָניאַק, האָט זיך אָנגע׳שכור׳ט און אָנגעטרונקען אַ פּראָסטען סאָלדאַט, אַ סאַ-

ניטאַר. און דער בעשולדיגער האָט פאָרגעלעגט מען זאָל פּאַוועל איוואַנאָוויטש'ן איבערגעבען צום פעלד-געריכט. פּאַוועל איוואַנאָוויטש האָט זיך צעוויינט, מודה געווען זיך אין זיין זינד, געבעטען מ'זאָל איהם מוחל זיין: ער איז אַ קראַנקער מענש, אַנ'אַלקאָהאָליק און קאָן נישטביישטעהן, אַז ער זעהט בראָנפען. דעם גע'גנב'עטען קאָניאַק האָט ער צוגעזאָגט אומצוקעהרען. מ'האָט אָבגעשטימט. ווען נישט מיין שטימע, וועלכע איז געווען פאַר מוחל זיין, וואָלט מען איהם איבערגעגעבען צום געריכט.

אין דער צייט וואָס מיר זענען געזעסען אויפ'ן פּלאַץ און גע'משפט, איז אַרום קלויסטער געשטאַנען דער גאַנצער דאָרף פּויערים און פויערטעס מיט די קינדער און געקוקט ווי מען נעהמט אַראָב די גלעקער פון קלויסטער. דאָס האָט מען געטהון אין דער גאַנצער געגענד. אומעטום אַראָבגענומען די גלעקער, כדי זיי זאָלען נישט אָנקומען די דייטשען, וועלכע נויטיגען זיך אין מעש. איך ווייס נישט ווי אין אַנדערע ערטער, נאָר דאָס ווייס איך, אַז ביי וולאַדימיר-וואָלינסק זענען עטליכע וואַגאָנען מיט גלעקער פערבליבען און אָנגעקומען די דייטשען. די פויערים האָבען געאַרבייט ערנסט און שווייגענדיג און אין טיפען טרויער איז געשטאַנען אַרום דער גאַנצער דאָרף, אָנקוקענדיג ווי עס ווערט שטום אויף אַ לאַנגער צייט זייער קירך. פרויען האָבען שטיל געוויינט. אַז דער גלאָק איז געווען אַראָבגענומען און אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד, האָט ער געגעבען דעם לעצטען קלונג, אַ רחמנות'דיגען, ווי אַ קרעכץ, ווי אַ געבעט, און פערשטומט געוואָרען. אפשר אויף אייביג, אפשר ביז דער צייט, אַז איבערגעגאָסען אין אַ קאַנאָן, וועט ער אָנשטאָט אַ רוף צו גאָטסדינסט פערשפּרייטען איבער דיזעלבע פעלדער דעם הילכיגען שטורם פון טויט און פערניכטונג.

אין דאָרף וואוינען צוויי יודען, קרעטשמער, האַלטען קלייטלעך, האַנדלען מיט'ן פויער. איך האָב זיך מיט ביידען בעקאַנט. דער ערשטער, אַ פּראָסטער יוד, אַ ישוב'ניק, אַ פערפויערטער, אַנ'אָרענטליכער מענש אָהן חכמות. ער איז נישט נתפעל פון דער מלחמה, וואָס רוקט זיך אָן: וואָס עס וועט זיין

מיט אַלע פויערים פון דאָרף, דאָס וועט זיין מיט איהם. ער לעבט מיט זיי גוט, ברודערליך. דערצו האָט דער פּריץ איהם געשענקט אַ פערד מיט אַ וועגעל אויפ׳ן פאַל אויב מ׳וועט אַרויסשיקען. דער צווייטער קרעטשמער איז וועניגער פערפויערט. ער איז אַ ביסעל אַ ידוע ספר, האַלט זיך בעל-הבתיש, יודיש-ליך. ביי איהם איז אַ פיינער פּנים און שוואַרצע גוטהאַרציגע טרויעריגע אויגען. אַז ער רעדט וועגען יודישע צרות, ציטערט ביי איהם דער קול און אין די אויגען לויפען אָן טרעהרען. אויף זיין אייגענער לאַגע קלאָגט ער זיך נישט. נישט צו פער-זינדיגען, ער האָט עלף זיהן, זענען זיבען פון זיי אין בראַ-זיליע, האָבען אייגענע גיטער און בעאַרבייטען די ערד. זיי האָ-בען די גאַנצע צייט אַרויסגעשיקט איהם אויף צום לעבען. זיי האָבען איהם מיט די איבעריגע קינדער גערופען צו זיך, נאָר ער האָט נישט געוואָלט פערלאָזען זיין היים, וואו ער איז גע-וועהנט און איינגעלעבט זיך, צוליב אַ פרעמדען קאַנט, וואו עס זענען דאָ וועניג יודען.

דער קרעטשמער האָט פאָרגעלעגט מיר מיט, די דאָקטוירים פערנעהמען ביי איהם אין הויז די צוויי בעסערע חדרים. ער האָט געוואוסט, אַז כל זמן מיר וועלען זיך ביי איהם געפינען, וועט איהם קיינער נישט אָנריהרען. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז אַ וויאָרסט אַכט פון וואַטין געפינט זיך אַ קליין שטעדטעל סוויניוכי. דאָרט געפינט זיך ביי הונדערט יודישע געזינדען און אַלע שטאַרבען פון הונגער, ווייל צוליב דער מלחמה זענען פערשוואונדען אַלע פרנסות.

אין אונזער אָבטיילונג שטעלט צו פלייש אַ יוד פון סוויניוכי. ער איז געקומען אַ פערווייגטער און דערצעהלט, אַז בשעת ער איז געפאָהרען אַהער זענען אויף איהם אָנגעפאַלען סאָלדאַ-טען, האָבען געוואָלט אָבנעהמען ביי איהם דאָס פערדעל. ער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס פערדעל אַרום האַלז און אָנגעהויבען קלאָגען: „בעסער הרג׳עט מיך נאָר נישט נעהמט אָב דעם איינ-ציגען שפּייזער פון מיין געזינדע!” די סאָלדאַטען האָבען זיך מרחם געווען, געלאָזען איהם דאָס פערדעל, נאָר צוגענומען ביי

איהם די לעצטע דריי רובל. בערוהיגט זיך א ביסעל, האָט ער אויך גענומען זיך קלאָגען אויף דער ביטערער לאַגע פון שטעדטעל. איך האָב איהם געבעטען ער זאָל קומען מיט׳ן רב און איינעם אָדער צוויי חשוב׳ע בעלי-בתים.

אַרום צעהן ביינאַכט איז ער געקומען מיט׳ן רב און צוויי בעלי-בתים. איך האָב זיי געגעבען צווייהונדערט רובל זיי זאָלען עס האַלטען אויף דעם פאַל אויב מען וועט אַרויסשיקען די בעפעלקערונג פון שטעדטעל.

נאָכדעם האָבען אָנגעהויבען אָנקומען צו מיר דעפּוטאַציעס און איינצעלנע נצרכים פון די אַרומיגע שטעדטלעך. אַזוי ווי דער צווייטער קרעטשמער האָט אַלעמען געקענט, האָב איך מיט איהם געהאַלטען אַנ׳עצה און לויט זיין אָנווייז אַרויסגעגעבען ק׳יינע הילף.

אויף מאָרגען נאָך מיין קומען פון לוצק בין איך אַריבערגעפאָהרען אין שטעדטעל טאָרטשין, וואוהין עס האָבען זיך געצויגען דאָס רוב אַנטלויפענדע פון האָראָכאָוו און אַנדערע שטעדטלעך.

אַנ׳אַלט אָרים שטעדטעל, וואָס בעשטעהט פון איין לאַנגער גאַס. אָרימע קליינע קרעמלעך. ביי יעדען הויז שטעהען ווייבער און קינדער, אַזוי אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די הייזלעך זענען איבערפולט מיט מענשען און די וואָס שטעהען דרויסען, האָבען אינעווייניג קיין אָרט נישט געפונען. און באמת איז עס כמעט אַזוי. אין יעדען הויז וואוינען צו איינע אָדער עטליכע פרעמדע, אָנגעקומענע משפחות. חוץ דעם זענען פול אַלע שפּייכלערס. פיל שטאַהלען זענען פערוואַנדעלט אין וואוינונגען.

ביז דער מלחמה האָט זיך אין שטעדטעל געפונען אַ יודישע בעפעלקערונג פון בערך צווייטויזענד נפשות (ביי אַנ׳אַלגעמיינער צאָהל איינוואוינער פון פיערטויזענד). די גאַנצע חיונה האָט מען געצויגען פון האַנדעל מיט תבואה אויף אויסלאַנד. איצט איז יעדער האַנדעל אָבגעשטאָרבען און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אָבגעשטעלט די טעטיגקייט פון דער לייה און שפּאָר-

קאַסע און געשלאָסען געוואָרען די שוהל פון יק"א. די רייכע-רע איינוואוינער זענען אָבגעפאָהרען. מיט אַ וואָך צוריק, בעת עס איז געווען דער פּאָגראָם אין פּאָרעצק, האָט מען דאָ אי-בערגעלעבט אַ טויט-שרעק פון אַ פּאָגראָם. איצט איז רוהיגער געוואָרען, נאָר מ'ציטערט, אַז קאָזאַקען וועלען קומען. אין שטעדטעל געהט אפילו אַ קלאַנג, אַז די העברעע מאַכט האָט אָנגעזאָגט די קאָזאַקען: „וואָס עס איז געווען אין גאַליציע—איז געווען. און איצט, דאָ מיט די רוסלענדישע יודען מוז מען זיך אויפפיהרען אַנדערש, נישט ראַבירען זיי", נאָר דאָס בערוהיגט וועניג די יודען.

דאָס שטעדטעל איז פול מיט היימלאָזע, וועלכע, נישט געפינענדיג קיין וואוינונגען, בעזעצען זיך אין שפּייכלערס און אפילו אונטער'ן אָפענעם הימעל. די בויט צווישען זיי איז אַ שרעקליכע און קומען זיי צו הילף, האָט דאָס שטעדטעל קיין שום מעגליכקייט נישט.

דאָס אַלץ האָבען מיר דערצעהלט עטליכע אָנגעזעהענע בעלי-בתים. לויט מיין פאָרשלאָג האָבען זיי געגרינדעט אַ הילפס-קאָמיטעט, וועלכער האָט אויף זיך גענומען צו רעגי-סטרירען אַלע היימלאָזע, וואָס געפינען זיך אין טאָרטשין און געבען הילף די מעהר נויטבעדערפטיגע פון זיי. איך האָב גע-לאָזען דעם קאָמיטעט פיערהונדערט רובל.

איך בין געווען אין טאָרטשין פרייטאָג. אַז איך בין אָב-געפאָהרען איז שוין געווען פּאַרנאַכט, מ'האָט געשלאָסען די קלייטען. איך האָב זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ ברויט-בעקער קוי-פען בולקעס. די בעקערין האָט מיר געענטפערט אַז זי האָט נישט קיין בולקעס. אַ יודענע וואָס איז געשטאַנען דערביי, דערהערענדיג דער בעקערינס ענטפער, האָט זיך אָבגערופען האַסטיג:

„—וואָס זאָגסטו, נישטאָ קיין בולקעס? דו ווייסט ווער דער אָפיציר איז? דו ווייסט נישט—און איך ווייס! פון זיינעטוועגען מוז זיין! עס דאַרף מען דאָס לעצטע אַוועקגעבען! אַלץ וואָס

מ׳האָט צוגעגרייט אויף שבת! ער האָט פערדינט! אוי, אַז עס וואָלטען זיין מעהר אַזעלכע יודען!״

די בעקערין איז אַ ביסעל מטושטש געוואָרען, האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף מיר פערוואונדערט און מיט די ווערטער: „באַלד טראָג איך אַרויס״, איז זי אַריין אין הויז. נאָר איידער זי האָט צייט געהאַט אַרויסצוטראָגען פון שטוב אַ בולקע, האָבען עטליכע ווייבער פון די אַרומיגע הייזער געבראַכט חלות און דערלאַנגט מיר. איך האָב גענומען צוויי חלות און געוואָלט בעצאָהלען, נאָר מ׳האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעהמען ביי מיר קיין געלד. איך בין געווען שטאַרק גערירט פון אַזאַ אויפטראָג, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט מיך בעאונרוהיגט די געפעהרליכע פאַר מיין טעטיגקייט פּאָפּולאַריטעט. שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון אַ יודען, וועלכער האָט נישט געוואוסט ווער איך בין, אַזאַ ערצעהלונג: „מ׳זאָגט, אַז עפּעס אין אַ דאָרף האָט זיך בעזעצט אַ יודישער אָפיציר, און וואָס פאַר אַ יוד עס פאָהרט נישט דורך שטעלט ער אָב, פרעגט פונאַנדער—און אויף יודיש!—און איז מכבד מיט טעה, גיט די קינדער קאָנפעקטען און טיילט געלד. איין יודענע וואָס איז געפאָהרען מיט קינדער, האָט ער געגעבען פינף רובל, האָט זי נישט געוואָלט נעהמען, האָט ער אָבגעגעבען אַנ׳אַנדערער. ווער ער איז, ווייסט מען נישט.״

געפאָהרען בין איך מיט אַ סאָלדאַט אַ סאַניטאַר, פינאָ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז ער איז אַ דייטש, פון די קאָלאָניסטען, וועלכע זענען פיל דאָ אין וואָלינער גובערניע. ער האָט מיר דערצעהלט אַז מ׳שיקט איצט אַרויס אין סיביר אַלע דייטשע קאָלאָניסטען. די ערד און די הייזער ערלויבט מען זיי נישט צו פערקויפען. די כלי בית און די תבואה פערקויפען זיי פאַר חצי חונם. שפּעטער האָב איך געהערט פון יודען, אַז מיט דעם אַרויסשיקען פון די דייטשע קאָלאָניסטען מאַכט מען חרוב דעם קאַנט. זייערע גיטער זענען די בעסטע און די קולטורעלסטע.

דער פינאָ האָט מיר דערצעהלט, אַז אין דעם זעמסקער

שפּיטאָל איז דעם טאָג געשטאָרבען אַ פופצעהן־יעהריג דייטש מיידעל, אַ טאָכטער פון אַ קאָלאָניסט, וועלכע אַ גאַנצע מחנה קאָזאַקען האָבען געשענדעט אין פעלד.

אין טאָרטשין איז געווען פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רו-סען האָבען אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון, האָבען צוריקגענומען לעמבערג און אַז עס זענען אָנגעקומען צוויי יאַפּאַנישע קאָרפּו־סען מיט אַרטילעריע. אַזעלכע לעגענדאַרע קלאַנגען, האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט די גאַנצע צייט פון דעם ריקצוג.

## יב

ד״ר קאָזשענעווסקי, אומקעהרענדיג זיך אין דער פּלוג־גרופּע, האָט געבראַכט אַ פעראָרדנונג, אַז די גאַנצע אָבטיילונג מיט איהרע ביידע גרופּען זאָלען זיך איינאָרדנען גאָר אויף אַנ'-אַנדער שטייגער. זיי וועלען זיך אויסציהען אויף איין ליניע, איין גרופּע ביים רעכטען פראָנט, די צווייטע אַ וויאָרסט דריי-סיג־פערציג פון איהר און די אָבטיילונג מיט׳ן לאַזאַרעט—נאָך ווייטער, אַזוי, אַז די פערוואונדעטע וואָס וועלען אָנקומען אין דער ערשטער גרופּע, וועלען אָבגעשיקט ווערען אין דער צווייטער. דאָרט וועלען זיי אָברוהען, בעקומען שפּייז און אָבגעשיקט ווערען אין לאַזאַרעט פון אָבטיילונג. כדי צופּאַסען זיך צו דער אַרבייט, וועלען די ביידע אָבטיילונגען אָבגעפיהרט ווערען אין ווייטען רוקן, דאָרט איינקויפען פערד און פוהרלעך און דעם גאַנצען אינוועטאַר.

ביי אַזעלכע אומשטענדען, האָט פאַר מיר קיין שום ציל נישט געהאַט צו פערבלייבען מיט דער גרופּע און איך האָב בע-שטימט אַריבערצוגעהן אין אָבטיילונג פון די רוסישע טעכניקער, ווי איך האָב שוין דערמאָהנט, האָט מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער דער בעפולמעכטיגטער פון דער אָבטיילונג, פּ. י. פּרעאָבראַזשענ-סקי מיך איינגעלאַדען אַריינטרעטען אין זיין אָבטיילונג. די אָב־

טיילונג האָט זיך געדאַרפט געפינען אין וולאַדימיר־וואָלינסק. דעם 1-טען יולי בין איך אַהינגעפאָהרען.

אויפ׳ן וועג קיין וולאַדימיר-וואָלינסק האָב איך זיך אָבגע-שטעלט אין שטעדטעל לאָקאָטש, זיבעצעהן ווערסט פון וולאַדימיר-וואָלינסק. אַנ׳אַלט יודיש שטעדטעל, מיט אַ געמויערטען „בראָם״, מיט חורבות פון אַנ׳אַלטען שלאָס. אריינפאָהרענדיג, האָב איך גלייך בע-מערקט, אַז אין שטעדטעל קומט פאַר עטוואָס אונגעוועהנליכעס. אַלע געפינען זיך אין אַנ׳אָנגעשטרענגטען צושטאַנד, ווי ביים ערוואַרטען אַ פּאָגראָם. דאָס מעהרסטע טייל קלייטען זענען גע-ווען געשלאָסען, נאָר די קרעמער זענען געשטאַנען ביי די טהי־רען טרויעריגע, דערשלאָגענע. אין מיטען מאַרק זענען געשטאַ־נען גרופּען בעלי־בתּים און שטילערהייד, אַרומקוקענדיג זיך, גע-רעדט צווישען זיך. אויב עמיצער איז דורכגעגאַנגען די גאַס, איז ער געגאַנגען געשווינד, ווי ער וואָלט אייִלען ערגיץ מיט־צוטיילען אַ וויכטיגע נייעס.

איך האָב נישט געוואוסט צו וועמען ווענדען זיך, פונאַנ-דערפרעגען און האָב געהייסען צופאָהרען דעם פוהרמאַן צו דעם גרעסטען הויז אין מאַרק. איך בין אַריין. דאָס הויז איז געווען אַ רייך, אָבער האַלב פוסט, ווי מ׳וואָלט האַלטען אין אַרויסצי-הען זיך פון איהם. געבליבען גאָר ווייניג מעבעל און כלי בית. איך בין דורכגעגאַנגען עטליכע חדרים און קיין איין מענש נישט געטראָפען. נאָר אין לעצטען חדר האָב איך בעגעגענט אַנ׳על-טערן אָרים געקליידעטען יוד, דעם הויזוויִרטס אַנ׳אָנגעשטעלטען. דער ווירט, אַ רייכער בעל־הבית, אַטלאַס, איז נישט געווען צו הויז און דאָס געזינד זיינס איז אָבגעפאָהרען. דער אָנגעשטעל-טער, שוואַרץ, האָט זיך אַ ביסעל דערשראָקען פאַר מיין וויזיט. איך האָב איהם בערוהיגט און געבעטען שיקען נאָך דעם ווירט. ביז יענער איז געקומען, האָט שוואַרץ דערצעהלט מיר וועגען זיך:

—ביי מיר זענען געווען דריי זיהן. צוויי זענען אַוועק אויף מלחמה. איינער איז גע׳הרג׳עט, דער צווייטער שווער פער־וואונדעט. איצט דאַרף געהן דינען דער דריטער. איך אַליין בין

געווען אין אַ מיהל, בעקומען פופציג רובל אַ חודש. איצט שטעהט די מיהל און איך בין געבליבען אָהן ברויט.

ער האָט דאָס דערצעהלט שטיל, רוהיג און צוגעגעבען:

—בין איך דען איינער אַזאַ? ביי יעדערן איז עמיצער פון געזינד אומגעקומען אויף דער מלחמה, און אַלע שטאַרבען דאָ פון הונגער.

עס איז געקומען ה׳ אַטלאַס. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז שוין אַ פּאָר וואָכען, ווי אין שטעדטעל געהען אַרום קלאַנגען, אַז מ׳וועט אַרויסשיקען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג און דאָס האָט געשאַפען אַ שרעקליכע שטימונג. פריהער האָט מען גערעדט, אַז מ׳וועט אַרויסשיקען די יודען אין טאָג פון דער חגא פון פּיאָטר און פּאַוועל. יודען האָבען זיך שוין גענומען גרייטען. פון די אַרומיגע דערפער זענען שוין אָנגעפאָהרען פּויערים „צונעהמען דאָס זשידאָווסקע גוטס״. נאָר די גזירה האָט זיך נישט בעשטעטיגט. און אָט היינט איז געקומען דער פּריסטאַוו און געמאָלדען, אַז פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע איז געווען אַ בעפעהל אין איין טאָג אַרויסשיקען אַלע יודען פון דער געגענד. אין בעפעהל איז בוכשטעבליך געזאָגט: „אַרויסשיקען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג דרום׳דיג פון הרובעשאָוו״. כאָטש לאקאטש געפינט זיך אין מזרח פון הרובעשאָוו, פונדעסטוועגען האָט דער איספּראַווניק בעפוילען פון דאַנען אַרויסצושיקען די יודען. פּאַר אַ גוטען שוחד האָט זיך איינגעגעבען בּועל׳ן ביים פּריסטאַוו אָבלעגען דאָס ארויסשיקען אויף אַ טאָג. און גלייך איז אַטלאַסעס שותף, אַנ׳אָרטיגער גביר, זוסמאַן, אַוועקגעפאָהרען אין וולאַדימיר־וואָלינסק, אָבגעפיהרט דעם איספּראַווניק פינפהונדערט רובל ער זאָל זיך בעמיהען, אויב נישט איינגאַנצען אָבשאַפען דעם בעפעהל, טאָ כאָטש אָבציהען אויף וויפיל מעגליך זיין אויספיהר. ווייל יעדער טאָג האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער שטאָדט און אויך פאַר די שותּפים, וועלכע האָבען אויף דער מיהל פיל טויזענדער זעק מעהל און דאַרפען זיי אַרויספיהרען.

די לאַגע פון דעם שטעדטעל איז אָהן דעם אַרויסשיקען

אויך געגוג טרויעריג. עס זענען דאָ פיל היימלאָזע פון פּאָרעצק, מיליאַטין (איינאונדרייסיג פאַמיליעס) און אַנדערע שטעדטלעך. מיט וואָס צו העלפען זיי איז נישטאָ. אין שטעדטעל געהט־אום די כאָלערא, וועלכע פערשפּרייט זיך אַלץ שטאַרקער און קיין דאָקטאָר איז נישטאָ. מיט אַ וואָך צוריק איז דאָ אַדורכגעגאַנגען אַ מחנה גאַליציאַנער היימלאָזע און געוומען מאַכען אַ פּאָגראָם. מ׳האָט זיך אַ וואָרף געטהון צום אוריאַדניק, האָט ער געענט־פערט מיט כעס:

—און איהר האָט מיר פיל געגעבען, איך זאָל אייך בע־שיצען?

האָט מען איהם געגעבען זיין גאָב און ער האָט פונאַנ־דערגעטריבען די פּאָגראָמטשיקעס.

איך האָב געבעטען אַטלאַס׳ן צונויפרופען עטליכע אָנגעזע־הענע בעלי־בתים. מ׳האָט געגרינדעט אַ הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט גענומען אויף זיך העלפען די היימלאָזע און אין פאַל אויב מען וועט אַרויסשיקען די יודישע בעפעלקערונג, בעזאָרגען ברויט פאַר די נויטוועגדיגע און פוהרלעך פאַר קראַנקע און קינדער. איך האָב דערויף געלאָזען פיערהונדערט רובל. נאָך פינפאונצוואַנ־ציג רובל האָב איך געגעבען אויף מעדיקאַמענטען. זוסמאַנס זוהן, אַ סטודענט, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאָהרען נאָך זיי אין וולאַדי־מיר־וואָלינסק. איך האָב איהם מיטגענומען.

אין וועג האָט ער מיר דערצעהלט עטליכע עפּיזאָדען. אין לאָקאטש, ביי אַ יוד, אַ פאָטער פון צוויי זיהן סטודענטען, האָ־בען זיך בעזעצט צוויי אָפיצירען. אָנגע׳שכור׳ט זיך און גענו־מען דערצעהלען, אַז אַלע יודען זענען שפּיאָנען, גענומען שרייען צום בעל-הבית: „מ׳דאַרף אייך אַלעמען אויסקוילען, זשידעס!״ האָבען אפילו אָנגעהויבען דראָהען מיט די שווערדען. די פרויען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, אפילו די סטודענטען האָבען אָנגעהויבען ריידען, אַז מ׳דאַרף זיך בעהאַלטען. נאָר דער פאָ־טער איז געבליבען רוהיג און אָבגערופען זיך:

—מיך פרעהט דאָס, קינדערלעך. איצט פיהלט איהר, ווי שווער עס איז צו זיין אַ יוד, ווי טייער עס קומט אויס צו

צאָהלען פאַר דעם כבוד. איהר וועט זיך אויסלערנען טייערע צו שאַצען אייער יודישקייט.

אַ יוד, ביי וועמען דער זוהן איז געוועזן אויף מלחמה, האָט זיך געווענדעט צום פּאָלקאָווניק מיט אַן'אָנפראַגע, וואָס מאַכט זיין זוהן? די טעג האָט ער בעקומען אויף אַן'אָפיציעלען בלאַנק מיט אַ נומער, אַזאַ מין ענטפער:

„פאַרכאָוואַטער זשיד! דיין זוהן איז אין פלען."

אין וולאַדימיר-וואָלינסק בין איך פערפאָהרען אין אַ האָטעל. דער יונגער זוסמאַן האָט געבראַכט צו מיר זיין פאָטער. דער לעצטער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט פאַר די פינפהונדערט רובל גע'פועל'ט ביים איספּראַווניק, ער זאָל דערוויייל אָבשטעלען די אַרויסשיקונג פון לאָקאטש. ער האָט געשיקט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר אַ טעלעגראַפישע אָנפראַגע, אויב לאָקאטש געהט אריין אין דעם שטח „דרומדיגער הרובעשאָוו"? ביז עס וועט זיך בעקומען דער ענטפער, וועט פאַרבייגעהן אַ פּאָר טעג און אפשר וועט דער ענטפער זיין, אַז לאָקאטש דאַרף נישט עוואַקואירט ווערען.

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער אוריאַדניק פון פּאָרעצק, לאָזט נישט אַריין אין שטעדטעל קיין איינעם פון די יודישע איינוואוינער, וואָס זענען בעת'ן פּאָגראָם אַנטלאָפען. איין יוד האָט זיך אומגעקעהרט נאָר כדי אָבצופיהרען פון דאָרט די פערבליבענע אין שוהל זיבען ספרי תורות, האָט דער אוריאַדניק געוואָלט איהם אַרעסטירען, נישט דערלאָזט נעהמען די ספרים און געהייסען גלייך אָבפאָהרען.

צו מיר זענען געקומען דער קאַזיאָנער רב און איין בעל-הבית, ה' יאַכינזאָן און דערצעהלט, אַז דעם הויפּט-קאָמאַנדירס פעראָרדנונג אַרויסצושיקען אַלע יודען פון די ערטער „דרומ'דיגער הרובעשאָוו", האָט, איבערהויפּט מיט איהר אומבעשטימטקייט, אַרויסגערופען אַ שרעקליכע צורודערונג, ווי אין וולאַדימיר-וואָלינסק, אַזוי אין פיל צעהנדליגער שטעדט אין דער סביבה. איך האָב אַנ'עצה געגעבען, גלייך שיקען אין פּעטראָגראַד אַ דעפּוטאַציע משתדל זיין זיך, אַז די פעראָרדנונג זאָל

אָבגעשטעלט ווערען. מ׳האָט בעשטימט עס זאָלען פאָהרען די רבנים פון וולאַדימיר-וואָלינסק און אוסטילוג. זיי האָבען גע-דאַרפט אָבפאָהרען דעמזעלבען טאָג, נאָר אָבגעפאָהרען זענען זיי ערשט אין פיער טעג אַרום. די סיבה פון דער פערשפע-טיגונג איז געווען, וואָס דער וולאַדימיר-וואָלינסקער רב האָט געדאַרפט זיין סנדקא אויף אַ ברית און בשום אופן נישט גע-וואָלט אָבפאָהרען פריהער!

דער ווירט פון דער אכסניה, וואו איך האָב זיך אָבגע-שטעלט, אַן׳אינטעליגענטער יונגערמאַן, לעוו, האָט מיר דער-צעהלט, אַז מיט אַ טעג צעהן צוריק, האָבען זיך אין שטאָדט אָנגעפאַנגען גזילות און רציחות מצד די אָנגעקומענע סאָלדאַטען. דער קאַזיאָנער רב, מאָרגענשטערן און איינער פון די אָנגעזע-הענע בעלי-בתים, לייזער פויזנער, זענען אַוועק וועגען דעם צום שטאָדטישען קאָמענדאַנט, אַ געוועזענער מיטהילף פון לובלינער פאָליציי-מייסטער. אין אויפנעהם-צימער זענען געווען פיל מענ-שען. דער קאָמענדאַנט איז אַרויסגעגאַנגען און, דערזעהענדיג די יודען, האָט ער אויסגעשריען:

—און איהר, זשידעס, וואָס דאַרפט?

זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט און אַרויסגעזאָגט זייער בי-טע צו בעשיצען די יודישע בעפעלקערונג פון די סיסטעמאַטי-שע רויבערייען און רציחות.

נישט אויסהערענדיג זייערע רייד, האָט ער אויסגעשריען מיט כעס:

—אייך, זשידעס, דאַרף מען אַלעמען אויפהענגען! אַרויס פון דאַנען!

פויזנער האָט איהם דערלאַנגט אַן׳אָפיציעל פאַפיר, אַ מעל-דונג, אַז דער קיסר דאַנקט דער וולאַדימיר-וואָלינסקער יודישער געמיינדע פאַר דער מיטהילף, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזען בשעת דעם אָבטרייבען פון עסטרייכישען חיל אין אָנפאַנג מלחמה.

דער קאָמענדאַנט האָט אַ קוק געטהון אין פאַפיר און אַ וואָרף געטהון עס אויף דער ערד.

—דער קיסר איז אַ קיסר,—האָט ער אַויסגעשריען,—און

איך, וואָס מיר וועט זיין געפעלען, וועל איך טהון! אַרויס פון דאַנען!

דער ה׳ יאַכינזאָן, וועלכער איז געווען ביי מיר מיט דעם קאַזיאָנעם רב, איז אַליין אַנ׳איינוואוינער פון דעם שטעדטעל אָסטיליע (אוסטיליג), צוועלף וויאָרסט פון וולאַדימיר-וואָלינסק. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז אין שטעדטעל זענען אָנגעקומען דרייהונדערט היימלאָזע פון שטעדטעל קרילאָוו, וואו עס קומען איצט פאָר די שלאַכטען און פון וואַנען מ׳האָט אַרויסגעשיקט אַלע יודען. די היימלאָזע הונגערן און בעקומען פון ערגיץ קיין הילף נישט. איך האָב יאַכינזאָנ׳ען אַרויסגעגעבען פון זייערטוועגען דרייהונדערט רובל, מיט דעם תנאי, אַז אין אוסטילוג זאָל געגרינדעט ווערען אַ קאָמיטעט.

אין וולאַדימיר-וואָלינסק האָב איך געפונען די אָבטיילונג פון די רוסישע טעכניקער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער בעפולמעכטיגטער פון דער אָבטיילונג, פּרעאָבראַזשענסקי, פאָהרט אָב און גיט איבער די אָבטיילונג די ניי אָנגעקומענע פון מאָסקוואַ, בעפולמעכטיגטע נ. וו. טולופּאָוו, אַ בעוואוסטער פּעדאַגאָג, און דעם פּריוואַט-דאָצענט פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, איוואַנאָוו. פּרעאָבראַזשענסקי האָט מיך בעקענט מיט זיי און איך בין אַריינגעטרעטען אין אָבטיילונג אַלס אַ פּערוואַלטער פון קאָנטאָר. איך האָב צוגעזאָגט אין עטליכע טעג אַרום צוטרעטען צו דער אַרבייט און אָבגעפאָהרען אין וואַטין נאָך מיינע חפצים.

איך האָב זיך אָבגעשטעלט אין לאָקאטש, מיטצוטיילען דאָרט די ידיעה וועגען דעם דערוויליגען אָבשטעלען פון דער אַרויסשיקונג. לויט דעם אַלטען זוסמאַנס בקשה, בין איך געווען ביי איהם צוהויז. מיך האָט בעגעגענט זיין פרוי, אַ קליינשטעדטעלדיגע גביר׳טע מיט פּרעטענזיעס אויף „אַריסטאָקראַטיזם“. זי האָט אָנגעהויבען פיהרען מיט מיר „איידעלע און עלעגאַנטע געשפּרעכען“ און דערביי דערצעהלט, ווי קלוג זי האָט גע׳טענה׳ט מיט קאָזאַקען, וועלכע האָבען געמאָהנט, מ׳זאָל זיי פּערקויפען מעד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז נישט קוקענדיג אויף דער שרעקליך געפעהרליכער לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך די

יודישע בעפעלקערונג פון שטעדטעל, געהט די גאַנצע צייט אַ געהיימער האַנדעל מיט מעד, וועלכען מ'פערקויפט די סאָלדאַטען און קאָזאַקען. מיט אַ טאָג פריהער איז געקומען אַ גאַנצע מחנה קאָזאַקען, וועלכע האָבען זיך דערוואוסט, אַז זייערע חברים האָבען דאָ געטרונקען מעד און האָבען געפאָדערט מ'זאָל זיי אויך פערקויפען. זוסמאַנס פרוי האָט געהאַלטען פאַר זיי אַ גאַנצע רעדע, דערוויזען זיי, אַז היינט איז שוין אַלץ אויספערקויפט און צוגעזאָגט, שפּעטער דערקאַזען פאַר זיי מעד. איך האָב אויסגעזידעלט די קלוגע פרוי און האָב זעהר שאַרף געפאָדערט, מ'זאָל אָננעהמען ענערגישע מיטלען, אַז דער גאַנצער מעד, וואָס געפינט זיך אין שטעדטעל, זאָל אויסגעגאָסען ווערען. איך בין ווייט נישט זיכער, אַז דאָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען.

דערצעהלענדיג מיר די געשיכטע מיט'ן מעד און אַנדערע מעשיות, האָט די פרוי זוסמאַן די גאַנצע צייט אומגעקוקט זיך, ווי זי וואָלט עמיצען ערוואַרטען. אַז איך האָב זיך געגרייט אָבצופאָהרען, זענען געקומען, איינער נאָך דעם אַנדערן, עטליכע אָרימעלייט און האָבען מיר גענומען דערצעהלען יעדערער וועגען זיין נויט און בעטען שטיצע. נאָכדעם איז געקומען אַ גאַנצע מחנה פאָרעצקער היימלאָזע, קלאָגען זיך אויף זייער רב, אַז ער האָט זיי גאָרנישט געגעבען פון דעם געלד, וואָס איך האָב געלאָזען פאַר די פאָרעצקער געליטענע פון פּאָגראָם. איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז זוסמאַנס פרוי האָט מיך בכיון אויפגעהאַלטען און געגעבען צו וויסען אין שטאָדט, אַז עס איז געקומען „דער אָפיציר וואָס טיילט געלד" און אַנ'עצה געגעבען, מ'זאָל געהן צו מיר בעטען הילף. די איינצעלנע אָרימעלייט האָב איך אָבגעשיקט צום קאָמיטעט און די פאָרעצקער האָב איך געגעבען אַ קוויטעל צום רב, ער זאָל זיי אַרויסגעבען הילף צוגלייך מיט אַנדערע.

איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיגען דעם געשפּרעך מיט זיי, ווי אין טהיר האָט זיך בעוויזען אַנ'אוריאַדניק און אַרויסגערופען מיט אַ וואונק די פרוי זוסמאַן. אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקעהרט אַ ביסעל צורודערט און

געזאָגט, אַז דער אוריאַדניק האָט מיט מיר וועגען עטוואָס צו ריידען. איך האָב איהם געבעטען אַריינגעהן.

ער איז אַריין און אַ ביסעל פערשעמט אָבער קאַטעגאָריש געזאָגט מיר:

—זייט אַזוי גוט, אייער בלאַגאָראָדיע, ערקלערט מיר, ווער איהר זענט?

—פאַרוואָס אינטערעסירט דאָס אייך?

—אַזוי... עס אינטערעסירט מיך... ערלויבט אייערע דאָ-קומענטען.

איך האָב איהם דערלאַנגט מיין דאָקומענט, אַז איך בין אַ בעפולמעכטיגטער פון מאָסקווער אָבטיילונג פון קאָמיטעט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע. ער האָט זיך בענוגענט דערמיט און אָנגעהויבען פערענטפערן זיך.

—ערקלערט מיר, פאַרוואָס איז אייך איינגעפאַלען פרעגען ביי מיר דאָקומענטען?—בין איך צוגעשטאַנען.

—אָט... פערשטעהט איהר מיך, דער עולם אויפ׳ן גאַס האָט זיך בעאונרוהיגט... אָנגעהויבען טענה׳ן „עפּעס אַנ׳אומבע-קאַנטער אָפיציר"...

איך האָב פערשטאַנען, אַז נישט דער עולם אויפ׳ן גאַס האָט זיך בעאונרוהיגט, נאָר ביי דעם אוריאַדניק האָט אַרויסגע-רופען אַ חשד, וואָס נעבען זוסמאַנס הויז איז געווען אַנ׳עולם פון די, וואָס זענען געקומען בעטען ביי מיר הילף.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און נישט זיכער געפרעגט ביי מיר:

—ערלויבט אייך צו פרעגען, דאָס זענט איהר, מיט אַ וואָך צוויי צוריק, געפאָהרען פון פאָרעצק קיין לוצק?

—פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

—איך ווייס... איך בין דעמאָלט געווען אַנ׳אוריאַדניק אין פאָרעצק... איצט, בין איך אַריבערגעפיהרט אַהער.

—יאָ, דאָס בין איך געפאָהרען,—האָב איך געענטפערט,— און האָב אפילו נעבראַכט צוריק אַ בעפעהל צו אייך פון איס-פּראַווניק, וועגען פראָפּוסקען פאַר יודען.

—ווי הייסט איהר האָט געבראַכט?

—געבראַכט האָב איך, נאָר אייך האָט דעם בעפעהל איבערגעגעבען דער פאָרעצקער מעשטשאַנסקע סטאַראָסטע.

—אַ-אַ! איז דאָס דער סטאַראָסטע מיט אייך געפאָהרען אין לוצק? איהר האָט איהם געפיהרט אויף אייער אויטאָמאָביל? אָט דאָס האָב איך טאַקי געוואָלט וויסען?

—וואָס האָט דאָס אייך אַזוי פעראינטערעסירט?

—אַזוי...—האָט ער געענטפערט געהיימניספול.

איך האָב איבערגעריסען דעם געשפרעך. דער גאַנצער אינצידענט איז מיר נישט געפעלען געווען. אין די אומשטענדען, אין וועלכע איך האָב זיך געפונען, איז געווען געפעהרליך אויפצעוועקען געגען זיך אַ וועלכען עס איז חשד.

איך בין גלייך אָבגעפאָהרען קיין וואַטין, פערנומען מיינע זאַכען, געזעגענט זיך וואַרים מיט דער אָבטיילונג און, דעם 4-טען יוני אָבגעפאָהרען קיין וולאַדימיר-וואָלינסק.

## יג

די אָבטיילונג, אין וועלכער איך בין אַריינגעטראָטען, האָט געהאַט אַ פלוג-גרופע מיט אַ לאַזאַרעט, וואו עס האָבען געאַרבייט צוויי דאָקטוירים און מעהר ווי צעהן שוועסטער, חוץ סאַניטאַרען; האָט געהאַט נאָך אַ לאַזאַרעט, מיט דריי דאָקטוירים און אַ פערסאָנאַל פון אַ מאַן דרייסיג און אויך אַנ'אייגענעם צוג אויף אָבצופיהרען די פערוואונדעטע. פון מיין ערשטען אַריינטרעטען אין דער אָבטיילונג האָב איך בעמערקט, אַז דאָרט קומען פאָר אינערליכע רייבונגען און פערזענליכע צוזאַמענשטויסען. די דאָקטוירים, איבערהויפט דער עלטערער אַרצט, מאָסקווין, האָבען געוואָלט זיין גאַנץ זעלבשטענדיג. די בעפולמעכטיגטע, פון זייער צד, האָבען געפאָדערט, אַז אַלץ זאָל געטהון ווערען נאָך זייער ווילען. אין אַ פאָר טעג אַרום נאָך מיין אַריינטרעטען, איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען עלטערן

אַרצט, מיט דעם בעפולמעכטיגטען איוואַנאָוו. איוואַנאָוו האָט געפאָדערט עס זאָל ערפילט ווערען זיין בעפעהל. מאָסקווין, אָנשטאָט אַנ׳ענטפער, האָט איהם אויסגעשטעלט אַ פייג. שפּעטער אַ ביסעל, האָבען זיך אָנגעהויבען רייבונגען צווישען די בעפולמעכטיגטע גופא. יעדער פון זיי האָט געפאָדערט מ׳זאָל ערפילען זיינע בעפעהלען. איוואַנאָוו האָט זיך וועניג אינטערעסירט מיט דער אַרבייט, האָט זיך שעה׳ן לאַנג בעשעפטיגט מיט זיין טואַלעט, מיט פוצען די נעגעל און ליב געהאַט שפּאַצירען און פערברענגען. טולופאָוו, פערקעהרט, האָט די גאַנצע צייט אָבגעגעבען דער אַרבייט, האָט אַלץ געטהון זעהר ערנסט. נאָר ער איז געוועזען אַ מענש אַ שווערער, אַ פערביסענער און ליב געהאַט אַריינצוקריכען דעם אַנדערן אין צעהנטען ריפּ. איבערהויפּט איז ער געוועזען אויפגעבראַכט אויף איוואַנאָוו׳ן און פלעגט שטענדיג זוכען ווי צו געבען איהם אַ שטאָך. איוואַנאָוו האָט דאָס לייכט אַריבערגעטראָגען, האָט זיך אינטערעסירט מיט די שענערע שוועסטער און שטענדיג געזוכט אַנ׳אויסרייד צו פאָהרען אין שטאַב, „פאָרשטעלען זיך” דעם אָדער יענעם גענעראַל. ביי אַזאַ שטימונג האָט די אַרבייט אין דער אָבטיילונג, פערשטעהט זיך, נישט געקאָנט געהן אַזוי גלאַט און איינשטימיג ווי ווען עס וואָלט זיין אַ פריינדליכע שטימונג צווישען אַלע אַרבייטער.

די ערשטע עטליכע טעג האָב איך אָבגעגעבען דער סעקרעטאַר-אַרבייט, וועלכע איז געוועזען שרעקליך פערלאָזען. צווישען אַנדערע אַרבייט, איז מירן אויסגעקומען פונאַנדערצוקלייבען די חפצים און געלדער, וואָס זענען פערבליבען פון די געשטאָרבענע אין לאַזאַרעט, כדי אָבצושיקען עס די יורשים. עטליכע הונדערט אַזעלכע פּאַקעטען האָב איך דורכגעקוקט און אָבגעשיקט. אַחוץ איינעם, וואו עס האָבען זיך געפונען אַכטאונזיבעציג רובל, האָבען זיך אין אַלע אַנדערע געפונען נאָר קלייניגקייטען, צו עטליכע צעהנדליג קאָפּיקעס, העכסטענס דריי אָדער פינף רובל. קיין איין ווערטבאַרער חפץ האָט זיך אויך נישט געפונען: אַ צוריסען ביימעלע, אַ מעסערל, אַ קעמעלע. איך וואָלט דערפון דרינגען, אַז די סאָלדאַטען פון דער רעגולערער

אַרמעע, האָבען זיך מעהרסטענטייל, נישט פערנומען מיט רויבע-רייען, ווען איך וואָלט נישט וויסען, אַז די סאַניטאַרען, טראָגענדיג די פערוואונדעטע, איבערהויפּט די שווערע פערוואונדעטע, לעדיגען ביי זיי אויס די טאַשען.

ביי דעם גרעסטען טייל פון די געשטאָרבענע, האָט זיך נישט געפונען פערשריבען דער ריכטיגער אַדרעס פון זייערע נאָהנטע קרובים: עלטערן, פרויען, קינדער. נאָר פון בילעט האָט מען געקאָנט וויסען פון וועלכער גובערניע און אַנ׳אַנדערש מאָל וואָלאָסט אָדער דאָרף דער סאָלדאַט איז. דערום האָב איך די ירושה געקאָנט אַדרעסירען נאָר אין וואָלאָסט אָדער שטאָדט, סתם מיט דער בקשה, איבערצוגעבען די קרובים פון דעם און דעם. ביי פיל סאָלדאַטען, וועלכע זענען געשטאָרבען נישט קומענדיג צום בעוואוסטזיין, האָט זיך נישט געפונען קיין שום פּאַפּיר וואָס זאָל אפילו פעסטשטעלען זייער נאָמען—און אַזעלכע האָט מען בעגראָבען ווי אונבעוואוסטע. כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ רוסישער סאָלדאַט, געהענדיג אין שלאַכט, אָפטמאָל אויף געוויסען טויט, גיט נישט אַ קלער צוצוגרייטען און האָבען ביי זיך אַ צעטעל מיט זיין נאָמען און אַדרעס.

אין אַרכיוו פון דער אָבטיילונג, האָב איך געפונען אַנ׳-אינטערעסאַנטען דאָקומענט. אין לאַזאַרעט איז געשטאָרבען אַ סאָלדאַט פון לונגען-גאַנגרען. דער סאָלדאַט איז געלעגען אין לאַזאַרעט נאָר צוויי טעג. געבראַכט האָט מען איהם גלייך פון דער פּאָזיציע. מיט אַ טאָג פריהער איז ער געקומען אין עוואַקואַציאָנס-לאַזאַרעט קלאָגען זיך אויף זיין קראַנקהייט. דאָרט האָט מען איהם אָנערקענט פאַר אַ סימולאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט איהם געהייסען געבען פינפאונצוואַנציג ריטער און אָבשיקען אויף דער פּאָזיציע. און מיט אַ טאָג שפּעטער, אַז מ׳האָט איהם געבראַכט אין אונזער לאַזאַרעט, איז ער שוין געווען אָהן בעוואוסטזיין. אַזאַ אויפטראָג צום פּראָסטען סאָלדאַט, איז געווען נישט קיין זעלטענע זאַך.

אונזער אָבטיילונג האָט פערנומען אַ טייל פון די גרויסע געמויערטע קאַזאַרמעס, וועלכע געפינען זיך הינטער׳ן שטאָדט

און שטעלען מיט זיך פּאָר אַ בעזונדער ישוב. צוזאַמען מיט
אונזער לאַזאַרעט זענען אין די קאַזאַרמעס געווען איינגעאָרדענט
לאַזאַרעטען און אַנשטאַלטס-וואוינונגען פון קאָמיסאַראָווס אָבטיי-
לונג און דער עוואַקואַציאָנס-פּונקט. פון וואָקזאַל איז געווען צו-
געפיהר׳ט אַהער אַנ׳אייזענבאַהן-צווייגעל, כדי אָבצופיהרען די פער-
וואונדעטע גלייך פון די לאַזאַרעטען מיט׳ן באַהן. אין דעם טאָג
פון מיין אַריינטרעטען אין דער אָבטיילונג, האָט געדאַרפט אָב-
געהן אונזער צוג מיט פערוואונדעטע קיין קאָוועל. די דאָקטוי-
רים פון אַלע דריי לאַזאַרעטען, האָבען סאָרטירט די פערוואונ-
דעטע און בייגעווען ביים אַריינזעצען זיי אין די וואַגאָנען.
סאָרטירט האָט מען שווער פערוואונדעטע, פון לייכט פערוואונ-
דעטע. די סאָרטירונג איז געווען זעהר אַ פּרימיטיווע. ווער עס
קאָן געהן, דער איז געווען צוגערעכענט צו די לייכט פערוואונ-
דעטע און האָט געדאַרפט געהן צופוס. די וואָס האָבען נישט
געקאָנט געהן, האָט מען געזעצט אין טעפּלושקעס. אויף אַזאַ
אופן איז אויסגעקומען אַז אייניגע שווער פערוואונדעטע אין
קאָפּ אָדער אין ברוסט, וואָס האָבען נאָך געהאַט כח צו שלע-
פּען די פיס, האָבען געדאַרפט מאַכען אַ וועג פון הונדערט
וויאָרסט.

אין צוג זענען געווען עטליכע קלאַס-וואַגאָנען פאַר פערוואונ-
דעטע אָפיצירען. מ׳האָט געבראַכט צופיהרען, אונטערהאַלטענדיג
אונטער די הענד, אַנ׳אָפיציר, וועלכער איז מיט צוויי טעג צו-
ריק געוואָרען שווער פערוואונדעט אין קאָפּ און אין ברוסט. ער
האָט געהאַט אַ הויכע טעמפּעראַטור, געווען שטאַרק אויפגערעגט
און די גאַנצע צייט גערעדט, דערצעהלט די דאָקטוירים זיינע
איינדריקען פון דער לעצטער שלאַכט. דערביי האָט ער גע-
לאַכט הילכיג און טרוקען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי
לאַכען קאָן נאָר אַ סקעלעט. מיט דעם טויטען געלעכטער האָט
ער דערצעהלט, ווי נעבען איהם, איז זיינער אַ חבר, אַ פּאָדפּאָ-
רוטשיק, דער׳הרג׳עט געוואָרען:

—עס האָט איהם צוריסען... כאַ-כאַ-כאַ! עס זענען זיך
נאָר שטיקער פלייש פונאַנדערגעפלויגען, כאַ-כאַ-כאַ!

—מ׳האָט בעשטימט אַנ׳אָנגריף,—האָט ער ווייטער דערצעהלט.—נאָר מ׳האָט אונז געזאָגט: „איילט נישט. מיר וועלען דעם אָנגריף צוגרייטען מיט אַ שטורמישען פייער.״ נו, גוט. וואַרטען מיר, כאַ-כאַ-כאַ! און די דייטשען פערוואַרפען אונז מיט סנאַריאַדען. אָבגעוואַרט אַ טאָג—נישטאָ קיין שטורמישער פייער פון אונזער זייט. מיט אַמאָל הערען מיר: „פוק! פוק! פוק!״ און אין אַ ווײַלע אַרום ווייטער: „פוק! פוק! פוק!״ גאַנצע זעקס מאָל אויסגעשאָסען—און אַנטשוויגען געוואָרען. דאָס איז געווען אונזער „שטורמישער פייער״. כאַ-כאַ-כאַ! נאָכדעם האָט מען אונז געהייסען געהן אין אַטאַקע... כאַ-כאַ-כאַ!

מיט אַמאָל איז ער אַנטשוויגען געוואָרען און פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין. מ׳האָט איהם אַרייַנגעטראָגען אין וואַגאָן אַ האַלב טויטען.

איך האָב בעזוכט אונזער לאַזאַרעט. וואָס פאַר אַ שרעקליכע וואונדען איך האָב דאָרט אָנגעקוקט, וואָס פאַר אַנ׳אונמענשליכע יסורים! שווער צו פערשטעהן, ווי קאָנען נאָך לעבען מענשען מיט האַלב אַראָבגעריסענע קעפ, מיט אויסגעריסענע שטיקער ברוסט. נאָר דעם שווערסטען איינדרוק האָבען געמאַכט די גאַנגרענאָזע, לעבעדיגערהייד פערפוילטע מענשען. און אַזעלכע זענען געווען נישט ווייניג אין לאַזאַרעט. איך האָב זיך אָבגעשטעלט ביים בעטעל פון אַ יונגעןמאַן, אַ יוד פון בעסאַראַביע, מיט אַ פערשוואַרצטען, ערדישען פנים, מיט אַ צעווייטיגטען בליק פון אַנ׳אונטערגעשאָסענער חיה. ביי איהם איז איבערגעבראָכען דער חוט השדרה און דער אונטערשטער טייל פון גוף איז פּאַראַליזירט און פוילט פון גאַנגרען. ער קאָן שוין נישט ריידען, נישט געקאָנט מיר זאָגען זיין נאָמען, כאָטש ער האָט פערשטאַנען, וואָס איך האָב ביי איהם געפרעגט.

דער צווייטער, אַ יונגער פויער, אויך אַ גאַנגרענאָזער. ליגט און זיפצט. איך האָב איהם געגעבען אַ פּאַפּיראָס, אַ פעררויכערטען. ער האָט גיריג, עטליכע מאָל פערצויגען און מיט׳ן בליק געדאַנקט מיר. אין עטליכע מינוט נאָך מיין אַוועקגעהן, האָט ער שוואַך אַ רוף געטהון די בארמהאַרציגע שוועסטער:

—שוועסטערל! עס איז געקומען מיין סוף... שרייב צו מיינע... שיק אָב די צוויי רובל מיט אַלצעהן קאָפּ, וואָס ביי מיר איז דאָ... זאָג די חברים, אַז איך בעט זיי מחילה, אויב איך בין אין וואָס שולדיג געגען ועמען... זאָלען זיי מיך דער-מאָהנען אין זייערע תפילות...

און אין אַ ווײלע אַרום:

—שוועסטערל!... איך שטאַרב!... גיב מיר אַ קוש...

זי האָט איהם אַ קוש געטהון און ער איז גלייך גע-שטאָרבען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַריבערגעפאָהרען אין דאָרף גריבאָוועץ, וואו עס איז געשטאַנען דער פּאָדערשטער לאַזאַרעט פון אונזער פלוג-גרופּע. דאָס דאָרף געפינט זיך אַ וויאָרסט צוואַנציג פון וולאַדימיר-וואָלינסק און זיבען-אַכט וויאָרסט פון די שלאַכט-פּאָזיציעס.

אַ גרויס דאָרף. די פּויערים געהען אַרום פערלאָרענע, ני-דערגעשלאָגענע. חוץ דעם וואָס די מלחמה האָט זיך אָנגערוקט אויף זיי, האָבען זיי מיט עטליכע טעג צוריק איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם. עס איז אָנגעקומען אַנ׳אָבטיילונג אולאַנער, האָט בע-רויבט דאָס דאָרף און מאנס געוועון אַלע מיידלעך אין דאָרף.

עס הערט זיך אַ שטאַרקע אונענדליכע קאַנאָנען-שיסעריי. אַרום זעהן זיך די זיילען רויך פון די ברענענדיגע דערפער. דער וועג איבער׳ן דאָרף און ווייטער, איז געפּאַקט מיט אָבטרע-טענדיגע אָבאָזען פון צווייטען ראַזריאַד. צום לאַזאַרעט ציהען זיך אָהן אַנ׳אויפהער פערוואונדעטע, געהען פונאַנדערגעשאָ-טען, קוים וואָס מ׳שלעפּט זיך, הינקענדיג, שפּרינגענדיג אויף איין פוס, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אַ חבר. דער לאַזאַרעט גע-פינט זיך אין אַ גרויסער געביידע פון פּריצ׳ס פּאָלוואַרק. אַכט גרויסע חדרים זענען אָנגעפּאַקט מיט פערוואונדעטע. אין איין חדר ליגען אויפ׳ן ברוק, האַרט איינער נעבען, צווייטען שווער פערוואונדעטע, מעהרסטענטייל, אָהן בעוואוסטזיין; אַזעל-כע, וואָס מ׳קאָן נישט אָבשיקען ווייטער. אין די אַנדערע חדרים ליגען, זיצען און שטעהען פערוואונדעטע, וואָס וואַרטען ביז

מ׳ווּעט זיי אָפּערירען. אַנשטאָט קעפּ, הענד, פיס—קופּעס פון מאַרלע דורכגעגעצט מיט בלוט. אומעטום, אויף די בגדים, אויף די ווענד, אויפ׳ן ברוק—בלוט, בלוט און בלוט. פון דעם שאַרפען געריך פון בלוט, ווערט שלעכט. אין אַ בעזונדער חדר אויף פינף—זעקס טישען, קומט פאָר די איבערבינדונג. וואָס פאַר אַ שרעקליכע וואונדען! צוריסענע גופים, אָבגעשניטענע הענד און פיס.

אין אָפּעראַציאָנס-צימער אַרבייטען, אָהן אַנ׳איבעררייס, שוין פיעראונצוואַנציג שעה, צוויי דאָקטוירים, ייִדען, ראָזענצווייג און פרוי קאַנצעל. פאַר דעם טאָג, פאַר די פיער—פינף שעה, וואָס איך בין דאָרט געוועזען, האָבען זיי געמאַכט דרייאונצוואַנציג אָפּעראַציעס.

וואונדערליך איז געוועזען, וואָס אין דעם גיהנום פון בלוט און אונמענשליכע ליידען, האָבען זיך נישט געהערט קיין געשרייען און קיין געוויין. בשעת׳ן איבערבינדען די וואונדען, האָט מען געריסען די צוגעטרוקענטע מאַרלע פון לעבעדיגען פלייש, מ׳איז אומישנע געקראַצען טיף אין די וואונדען, אייניגע האָט מען אָפּערירט אָהן כלאָראָפאָרם,—און פון קיינעם האָב איך נישט געהערט נישט קיין געשריי, נישט קיין געוויין: איבערגעטראָגען די יסורים מיט צונויפגעדריקטע ציין און מיט אַ קאַלטען שווייס אויפ׳ן שטערן.

אויפ׳ן אָפּעראַציאָנס-טיש זיצט אַ סאָלדאַט פון אַ יאָהר פערציג, אַ הוילער. ער איז אין פיער ערטער פערוואונדעט. מ׳אָפּערירט איהם אָהן כלאָראָפאָרם. נאָר-וואָס האָט מען ביי איהם פון רוקען אַרויסגענומען אַ שטיק שראַפּנעל. די וואונד איז אַ מורא׳דיגע, ווי אַ האַנד-פלאַך די ברייט. דער פערוואונדעטער האָט אַריבערגעטראָגען די אָפּעראַציע אָהן אַ זיפץ, נאָר דאָס גאַנצע פנים איז ביי איהם געוועזען נאַס פון שווייס. די אַרצטין דערלאַנגט איהם דאָס שפּיציגע שטיקעל אייזען, וואָס זי האָט אַרויסגענומען ביי איהם פון רוקען. ער האָט אפילו נישט אַ בליק געטהון אויף איהם און אַ וואָרף געטהון אונטער׳ן טיש.

—פאַרוואָס בעהאַלטסטו עס נישט אויף אַנ׳אָנדענק?—פרעגט די אַרצטין.

—כּדאי בעהאַלטען די פּאַסקודסטווע...—ענטפערט ער גלייכ-גילטיג. שווייגענדיג אַ ווײַלע גיט ער צו:—אָט אַז איך וועל געזונד ווערען און געהן נאָך אַמאָל אין שלאַכט, וועל איך דעמאָלט בעהאַלטען...

און גיט דערבײַ אפילו אַ שמייכעל.

דער גרויסער הויף און דער פּלאַץ אַרום הויף איז איבערפולט מיט פערוואונדעטע, וועלכע וואַרטען אויף דער מעגליכקייט אַרײַנצוגעהן אין לאַזאַרעט. די וואָס קאָנען זיך בעוועגען, שטויסען זיך אַרום קעסעל, אין וועלכען עס קאָכט זיך וואַרמעס. עס שטעהען גרופּען און דערצעהלען וועגען די געשעהענישען אויפ׳ן שלאַכטפעלד, פון וואַנען זיי זענען מיט אַ פּאָר שעה צוריק געקומען. אָן אַ זײַט שטעהט אַ יונג מאָלדאַטעל, רייניגט און פּאָלירט אַ גאַנצע לענטע מיט מעדאַלען און פערגיסט זיך דערבײַ מיט טרעהרען. די מעדאַלען געהערען אַ פּאָלקאָווניק, בײַ וועמען ער איז אַ דענשטשיק און וועלכער איז שווער פערוואונדעט.

אין אַ קרייזעל פון פערוואונדעטע דערצעהלט איינער אויפגערעגט.

—מיר זענען אָבגעשטאַנען די גאַנצע נאַכט, אָבגעשטאַנען דעם פריהמאָרגען. אום האַלבען טאָג האָט מען אונז אַוועקגעפיהרט אין אַטאַקע. גלייך אין פייער. דער פּלאַץ—אַנ׳אָפענער, מיר זענען אַלע בײַ דעם שונא פאַר די אויגען און ער בעגיסט אונז מיט פייער... און דאָ קאָמאַנדעוועט מען: פאָראויס! פאָראויס! מיט אַמאָל אַ בלאָטע, אַ זומפּ. נאָר מיר מוזען געהן! קריכען מיר אין בלאָטע. ביז׳ן גאַרטעל אַרײַנגעקראָכען. דאָ האָט מען אונז אַלעמען ביז׳ן לעצטען צו׳פּטר׳ט!

און ער בעווייזט דערבײַ דעם שינעל און די הויזען, וואָס זענען נאָך נאַס און פערבלאָטיגט.

צווישען די פערוואונדעטע זענען דאָ געפאַנגענע, איבערהויפּט מאַדיאַרען. זיי פערשטעהען קיין וואָרט רוסיש נישט און

זיצען אָדער שטעהען פון דער ווייטען, ווי דערשראָקענע חיות. אויף זיי, איז דער רחמנות נאָך גרעסער.

אַ פערוואונדעטער רוסישער סאָלדאַט געהט צו צו אַ מאַ-דיאַר, לעגט איהם די האַנד אויפ'ן פלייצע און, מיט אַ טאָן פון מיטלייד, פרעגט ער איהם:

—מאַדיאַר, וואָס נעהמסטו נישט קיין סוף?

און בעוויזט איהם מיט תנועות וואָס ער מיינט.

דער מאַדיאַר פערשטעהט, ענטפערט עפּעס אויף זיין לשון, צוויינקענדיג דערביי.

—האָסט קיין לעפעל נישט?—פערשטעהט דער רוס.—באַלד בדודערל, וועל איך דיר ברענגען!

און ער לויפט אַוועק זוכען אַ לעפעל פאַר דעם פיינד, וועלכער האָט, מיט עטליכע שעה נאָר צוריק, בעשאָטען איהם מיט קוילען.

דער שטראָם פון די פערוואונדעטע ווערט אַלץ שטאַרקער. פון אינדערפריה ביז צוויי אַ זייגער, זענען דורכ'ן לאַזאַרעט דורכגעגאַנגען אַכטהונדערט מאַן. וויפיל עס זענען געווען פוהר-לעך, האָט מען אָבגעשיקט מיט פערוואונדעטע אין וולאַדימיר-וואָלינסק. איצט זענען אַלע חדרים פול און, אויף וואָס אָבצושי-קען די פערוואונדעטע איז נישטאָ. און דאָקומט אָן אַ ידיעה, אַז אונזער חיל האַלט ביי אָבטרעטען און יעדע מינוט קאָן אָנקומען אַ בעפעהל צו עוואַקואירען זיך.

דער עלטערער אַרצט, ראָזענצווייג, בעט מיך איך זאָל אַריבערפאָהרען אין שטאַב פון קאָרפּוס, בעטען צושיקען אַהער פוהרלעך. דער שטאַב געפינט זיך אין אַ דאָרף צעהן וויאָרסט פון גריבאָוויץ.

דער שטאַב איז איינגעאָרדענט אין אַ רייכען גאַנץ געבליבע-נעם פאָלוואַרק. דאָרט איז שטיל, רוהיג. אויפ'ן הויף רייניגען סאָל-דאַטען די פערד, ז'יצען קופּקעלעכווייז, שמועסן צווישען זיך, לאַכען. איך בעט מעלדען דעם קאָרפּוס-אַרצט. ער הייסט מיך אַריינפיהרען אין גאַסט-צימער, אַ גרויסען, רייך בעמעבעלטען. די טהיר איז אָפען אין עס-צימער. דאָרט איז סערווירט אַ לאַנגער טיש מיט בלאַנקענדי-

דיגע ווייסע טישטוכער. אויפ׳ן טיש איז וויין, ס׳שטעהען פרישע
בלומען. פון צווייטען חדר הערט זיך מוזיק. עמיצער שפילט
בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע. דורכ׳ן חדר געהען דורך שטאַב־אָפיצי־
רען, רוהיגע, עלעגאַנטע, האָפעררדיגע. נאָך די סצענעס, וועלכע
איך האָב נאָר־וואָס געזעהן, האָט מיך איבערראַשט די שטילקייט,
די רוהיגקייט און די זאַטע מנוחה. גלייך ווי דער שטאַב וואָלט
זיך געפינען גאָר אויף אַנ׳אנדער עק וועלט.

צו מיר איז אַרויס אַנ׳אַלטער אַרצט אין טשין פון אַ גע־
נעראַל. ער האָט אויסגעהערט מיין בעריכט, האָט זיך פונאַנדער־
געשאָטען אין מיטלייד צו אונזער אָבטיילונג, צוגעזאָגט ערפילען
אַלץ וואָס מיר פאָדערן. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום טעלע־
פאָן, האָט עמיצען שטרענג בעפוילען באַלד אַרויסצושיקען פופ־
ציג פוהרען צו אונז, האָט אָנגעקלונגען נאָך ערגעץ־וואו און
בעפוילען אַ מיליטער־לאַזאַרעט, צורוקען זיך נעהנטער צו אונ־
זערן. נאָכדעם האָט ער מיך איינגעלאַדען צו וואַרמעס, האָט מיר
פאָרגעלעגט פאָרשטעלען מיך דעם קאָרפוס־גענעראַל. איך האָב
זיך אָבגעזאָגט, מאָטיווירענדיג אַז איך האָב קיין צייט נישט.
זעהענדיג אַזאַ גוטען אויפטראָג צו מיר, האָב איך געבעטען דעם
אַרצט פרעגען ביים גענעראַל, אויב מ׳וועט אַרויסשיקען די בע־
פעלקערונג און וועלכע—די יודישע נאָר, אָדער אַלעמען—פון
וולאַדימיר־וואָלינסק און אַנדערע שטעדטלעך. ער איז אַוועק פרע־
גען און אומגעקעהרט זיך מיט דעם ענטפער:

—דער גענעראַל זאָגט, אַז קיין ענטשיידענע בעשטימונג
איז נאָך נישט אָנגענומען געוואָרען. נאָר ער איז כמעט זיכער,
אַז מ׳וועט קיינעם נישט אַרויסשיקען.

אין עטליכע טעג אַרום נאָך מיין בעזוכען דעם שטאַב,
האָט אונזער אָבטיילונג בעקומען אַ מעלדונג, אַז דער גאַנצער
פערסאָנאַל פון לאַזאַרעט, וואָס האָט געאַרבייט אין גריבאָוועץ, איז
צוגעשטעלט צו געאָרגי־מעדאַלען. איך האָב זיך דעמזעלבען טאָג
אומגעקעהרט אין וולאַדימיר־וואָלינסק. איינמאָל, שפעט ביינאַכט,
בעת איך בין געזעסען און געאַרבייט, קלאַפט מען אָן אין דער
טהיר. איך האָב געעפענט. עס איז אַריין דער עלטערער אַרצט פון

עוואַקואַציאָנס־לאַזאַרעט, ד״ר לעוויס, זעהר אַנ׳אויפגערעגטער, האָט געפרעגט אויף די בעפולמעכטיגטע.

—זיי שלאָפען שוין,—האָב איך געענטפערט.

—וועקט זיי גלייך אויף. עס האָט זיך בעקומען אַ בע־פעהל תיכף ומיד צו עוואַקואירען די לאַזאַרעטען, אַז צו אינ־דערפריה, זאָל מען אַרויסטרעטען. מיר טרעטען אָב געאיילט און פערלאָזען וולאַדימיר־וואָלינסק.

איך האָב אויפגעוועקט די בעפולמעכטיגטע. זיי האָבען אויפגעהויבען דעם גאַנצען פערסאָנאַל. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ גערודער. די מעהרסטע טייל פון פערסאָנאַל, געניטע מענשען, האָבען אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז עס איז אַ פאַלשע טרעוואָ־גע. איבערהויפט איז געווען נישט קאָנטעט דער ד״ר מאָסקווין, ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט צו עוואַקואירען דעם לאַ־זאַרעט.

—דער געוועהנליכער נערוועזיטעט פון די רוקען־אָבטיילונ־גען. זאָל זיך דער עוואַקואַציאָנס־לאַזאַרעט לויפען וואוהין ער וויל, און איך וועל זיך נישט ריהרען פון אָרט. הינטער אונז שטעהט דער שטאַב פון קאָרפוס, צוואַנציג וויאָרסט פון דאַנען געפינט זיך נאָך אונזער פאָדערשטער לאַזאַרעט, וועלכער האָט זיך נישט גערירהט פון אָרט און ביי אונז איז מיט אַמאָל געוואָ־רען אַ בהלה!

מיט איהם האָבען איינגעשטימט די גרעסטע טייל פון פערסאָנאַל, און וויפיל די בעפולמעכטיגטע האָבען זיך נישט גע־היצט, האָט מען נישט צוגעטראָטען צו דער עוואַקואַציע און געלעגט זיך צוריק שלאָפען. אויף מאָרגען האָט זיך באמת אַרויס־געוויזען, אַז עס איז געווען אַנ׳אומזיסטע טרעוואָגע. דער ד״ר לעוויס האָט בעקומען אַ בעפעהל ביסלעכוויין צוצוגרייטען די לאַזאַרעטען צום עוואַקואירען. פאַר דעם וואָס ער האָט אויפגע־הויבען אַ גערודער, האָט ער בעקומען אַנ־אויסרייד פון שטאַב. און ביי אונז, האָבען די העכערע סאַניטאַרען און דאָקטוירים אַ לאַנגע צייט בעגעגענט לעוויס׳ן און די בעפולמעכטיגטע מיט איראָנישע שטעכווערטלעך.

## יד

באַלד ווי איך בין געקומען אין וולאַדימיר-וואָלינסק האָב איך געבעטען ה׳ יאַלינזאָן פערזאַמלען עטליכע שטאָדטישע כלל-טהוער, כדי מישב צו זיין זיך וועגען דער לאַגע פון שטאָדט און וואָס אונטערצונעהמען אין פאַל פון אַ גירוש. עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ מענשען צוואַנציג. פון דעם געשפרעך מיט זיי האָב איך אַרויסגעטראָגען דעם איינדרוק, אַז די בעפעלקערונג איז אויפגערודערט, מעהר נישט, פון דער מעגליכקייט פון אַרויסשיקונג. נאָר מ׳האָפט, ווי עס איז אָבציהען די גזירה, ביז דער דייטש וועט קומען. צום קומען פון דייטש, טראָגט מען זיך אויף אָפּטימיסטיש. איך האָב גערעכענט פאַר מיין חוב, צו דערצעהלען וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דאָס רוב שטעדט, בשעת זייער אַריבערגאַנג פון איין צד צום אַנדערן. אויב די שטאָדט גופא ווערט נישט באָמבאַרדירט און פערברענט פון סנאַריאַדען, צינדען זי אָפט אונטער, דאָס אָבטרעטענדע מיליטער און מאַכען דערביי אַ שרעקליכען פאָגראָם. אָפט טרייבט מען אין דער לעצטער מינוט אַרויס די גאַנצע בעפעלקערונג אָדער מ׳אַרעסטירט ערוב׳ניקעס. מיין ערצעהלונג האָט געמאַכט, פערשטעהט זיך, אַ שווערען איינדרוק. די אָרטיגע לייט האָבען זיך גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט דאָס אָנקומען פון דייטש. פונדעסטוועגען, זענען כמעט אַלע געווען געגען דעם, מ׳זאָל פרייוויליג פערלאָזען די שטאָדט. אייניגע האָבען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ווען מ׳וועט אפילו אַרויסגעבען אַ פעראָרדנונג אַרויסצושיקען, זאָל מען נישט אַרויספאָהרען, לכל הפחות, ווער עס וועט קאָנען, זאָל זיך אויסבעהאַלטען די עטליכע טעג ביז די דייטשען וועלען קומען.

—די מעשה איז אַזוי,—האָט פאָרמולירט איינער פון די בעלי-בתים.—לאָמיר זאָגען אַז עס וועט זיין אַ שרפה, וועט דאָך נישט די גאַנצע שטאָדט אָבברענען. וועט זיין אַ פאָגראָם, וועט דאָך עפּעס פונדעסטוועגען בלייבען. וועט מען אפילו הרג׳ענען

מענשען, לאָמיר זאָגען צעהן-צוואַנציג מענשען—טרעפט דאָך דאָס. אָבער אַז מיר וועלען פערלאָזען די שטאָדט, וועלען מיר אַלע בלייבען אביונים און פיל וועלען אומקומען פון הונגער און נויט.

איך האָב פאָרגעלעגט גרינדען אַ קאָמיטעט, וועלכער זאָל אין פאַל פון אַ פאָגראָם אָדער אַן׳אונגעריכטער אַרויסשיקונג בעזאָרגען די אָרימערע בעפעלקערונג מיט פוהרלעך און שפייז אויפ׳ן וועג. מען האָט מיר געענטפערט, אַז אַזאַ קאָמיטעט איז שווער צו אָרגאַניזי׳רען. וועט מען נאָר אַרויסשיקען די גאַנצע בעפעלקערונג, וועט יעדערער דאַרפען זאָרגען וועגען זיך און קיין צייט נישט האָבען אָבצוגעבען זיך כלל-עניִנים. איך האָב אויפגעוויזען, אַז אַזאַ מין אויפטראָג צו כלל-עניִנים איז אַ שענד-ליכער, ריכטיגער געזאָגט, אַ סדום׳שער. מיינע ווערטער האָבען געווירקט. זיבען-אַכט מענשען האָבען אויסגעדריקט די גרייטקייט צו נעהמען אויף זיך די אַרבייט.

מיר האָבען געגרינדעט אַ קאָמיטעט און אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פון דער אַרבייט. מיר האָבען בערעכענט, אַז אין שטאָדט וועט מען קאָנען זאַמלען, לכל הפחות, זעקסהונדערט רובל. איך האָב צוגעזאָגט טויזענד רובל. פון דעם געלד דאַרף מען אָנ-גרייטען עטליכע הונדערט פוד מעהל. צוזאַמען מיט דעם, דאַרף מען אָנקוקען אַ געוויסע צאָהל פערד און וועגעלעך, מ׳זאָל זיי קאָנען קויפען בעצייטענס. כדי די מיליטערישע מאַכט זאָל זיי נישט רעקווירירען, האָב איך צוגעזאָגט האַלטען זיי ביי אונזער אָבטיילונג.

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די יודען פון שטאָדט, ווי אויך אייניגע קריסטען, גראָבען ביי זיך אויף די הויפען טראַנ-שייען, פונקט ווי אויף מלחמה, צו בעהאַלטען זיך דאָרט, אין פאַל, אויב מען וועט בעשיסען די שטאָדט. די אָרטיגע מאַכט ווייסט דערפון און האָט נישט דאַגעגען.

דעם 12-טען, איז צו מיר געקומען יאַבלינזאָן זעהר צורו-דערט און מיטגעטיילט, אַז דער „פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ״ האָט איהם געזאָגט, אַז נאָר-וואָס האָט זיך בעקומען אַ בעפעהל

צו עוואַקואירען די גאַנצע בעפעלקערונג פון וולאַדימיר-וואָלינסק און מ׳קאָן ערווארטען יעדע שעה די פערעפענטליכונג פון דעם בעפעהל. אויף מאָרגען זענען די קלאַנגען געוואָרען נאָך שטאַרקער. איך האָב איבערגעגעבען דעם קאָמיטעט די צו־געזאָגטע טויזענד רובל. ער האָט געקויפט דרייהונדערט פוד מעהל, געגעבען אויסבאַקען ברויט און האָט צוגעקוקט צום קוי־פען צוואַנציג פערד און צעהן וועגעלעך פאַר אָרימע קראַנקע און קינדער.

חוץ דער שרעק פון אַרויסשיקען, איז די לאַגע פון דער בעפעלקערונג אַ ביטערע נאָך אין דעם אופן, וואָס ביי אַ שטאַר־קער עפּידעמיע פון כאָלערא און טיפוס איז אין שטאָדט נישט פערבליבען קיין איין אַרצט און די איינציגע אַפּטייק ווערט עוואַקואירט פון שטאָדט.

איך האָב איבערגערעדט מיט דעם יודישען אַרצט פון אונזער אָבטיילונג, צוקערמאַן, ער זאָל עטליכע שעה אין טאָג בעזוכען שטאָדטישע קראַנקע. ער האָט איינגעשטימט. עס האָבען אויך איינגעשטימט די בעפולמעכטיגטע, נאָר דער עלטסטער אַרצט מאָסקווין האָט געפונען פאַר אונמעגליך, אַז ד״ר צוקער־מאַן זאָל יעדען טאָג, אויף עטליכע שעה, זיך אָברייסען פון דער אַרבייט אין לאַזאַרעט. דעמאָלט, האָב איך פערזאַמעלט אויף אַ זיצונג די דאָקטוירים פון אַלע דריי לאַזאַרעטען (פון קאָמיסאַ־ראָווס אָבטיילונג, דעם עוואַקואַציאָנס-לאַזאַרעט און אונזערן) און זיי האָבען בעשטימט, מאַכען אַ דיזשור, אַז איין טאָג אין דער וואָך, זאָל יעדערער פון די דאָקטוירים געבען מעדי־צינישע הילף אין שטאָדט. דאָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען און ביז דעם לעצטען טאָג, ווען די לאַזאַרעטען האָבען פער־לאָזען די שטאָדט, האָט זיך געפיהרט דער דיזשור.

איך האָב פאָרגעלעגט די פאָרשטעהער פון שטאָדט איבער־צוגעבען מיר, אויף צו בעהאַלטען די טייערע און זעלטענע חפצים פון שוהל, ווי מען האָט דאָס געטהון אין לוצק. מ׳האָט מיר געענטפערט, אַז די אַלע חפצים, צווישען זיי, די אַלטע הענגלייכטער, האָט שוין צוגענומען צו זיך דער גבאי פון שוהל,

אַ פערדעכטיגער מענש, וועלכער איז אַ גאַנצער מאַכער ביים איספּראַווניק. מ׳רעדט וועגען איהם, אַז ער דינט אין דער געהיימער פּאָליציי און די שטאָדט האָט מורא פאַר איהם, האָט מען איהם אָהן טענות אָבגעגעבען דאָס זילבער און די איבעריגע חפצים.

פון אָסטיליע זענען געקומען צוויי פאָרשטעהער און דערצעהלט, אַז דעם 11-טען זענען געקומען אין שטעדטעל פינף קאָזאַקען רייטענדיג און אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג זאָל פערלאָזען דאָס שטעדטעל. מ׳האָט געשווינד צונויפגעזאַמעלט צווייהונדערט און פופציג רובל און געגעבען זיי. די קאָזאַקען האָבען אָבער געפאָדערט פינפהונדערט רובל און גענומען די צווייהונדערט און פופציג רובל מיט דעם תנאי, אַז די אַנדערע צווייהונדערט און פופציג רובל זאָל מען זיי אין אַ טאָג אַרום אָבגעבען. די פאָרשטעהער זענען געקומען צו מיר בעטען, איך זאָל זיי געבען די צווייהונדערט און פופציג רובל. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט צו געבען געלד אויף דעם, האָב אויפגעוויזען, אַז מ׳האָט נישט געדאַרפט פאַרלעגען די קאָזאַקען קיין געלד, נאָר ווענדען זיך אין שטאָדט צום איספּראַווניק, דערוויסען זיך אויב עס איז דאָ אַזאַ פעראָרדנונג. זיי האָבען מיך אויסגעהערט, איינגעשטימט, אַז איך בין גערעכט, נאָר טרויעריג צוגעגעבען:

— און וואָס וואָלט זיין, אַז די קאָזאַקען וואָלטען דערוויילי מאַכען אַ פּאַגראָם?

עס זענען נאָך געקומען פאָרשטעהער פון שטעדטעל אָזדיוטשי, וואו עס האָבען זיך אָנגעקליבען ביי פיערהונדערט היימלאָזע. איך האָב דעם דאָרטיגען קאָמיטעט אַרויסגעגעבען דרייהונדערט רובל.

דער בעפולמעכטיגטער טולופּאָוו האָט בעקומען פון קיעווער צענטראַל-קאָמיטעט פון שטאָדטישען פערבאַנד אַנ׳איינלאַדונג, צו קומען צום 18-טען אין קיעוו אויף אַ צוזאַמענפאָהר פון די בעפולמעכטיגטע פון די אָבטיילונגען פון פערבאַנד צוזאַמען מיט די שטאָדט-גאָלאָווא׳ס פון וואָלינער און פּאָדאָליער

גובערניעס, צו בעטראַכטען די פראַגע וועגען הילף פאַר דער בעפעלקערונג. איך האָב פאָרגעלעגט טולופאָוו'ן, ער זאָל מיך מיטנעהמען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר, כדי איך זאָל לייענען דאָרט אַ בעריכט וועגען דער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג און די היימלאָזע אין די שטעדט און שטעדטלעך ביים פראָנט. ער האָט איינגעוויליגט און דעם 16-טען זענען מיר ביידע אָפּ-געפאָהרען מיט אַנ'אויטאָמאָביל קיין קאָוועל, כדי פון דאָרט צו פאָהרען מיט'ן באַהן. אין קיעוו האָב איך פערבראַכט ביז דעם 29-טען און האָב זיך שוין נישט אומגעקעהרט קיין וולאַדימיר-וואָלינסק. פאַר דער צייט איז אונזער אָבטיילונג אָבגעטראָטען קיין קאָוועל און וולאַדימיר-וואָלינסק איז פערנומען געוואָרען דורך די עסטרייכער. נאָכדעם האָב איך געהערט אין קיעוו, אַז דאָס רוסישע מיליטער, האָט פאַר'ן אָבטרעטען געמאַכט אין שטאָדט אַ פאָגראָם און פערברענט די גאַס, וואָס פיהרט צום באַהנהויף. שפּעטער האָב איך געהערט אַלערליי קלאַנגען וועגען וולאַדימיר-וואָלינסק. אייניגע האָבען דערצעהלט, אַז פאַר'ן אָבטריט האָט עמיצער געלאָזען אַ קלאַנג, אַז יודען האָבען געשאָסען אין רוסישען מיליטער און בעהאַלטען ביי זיך דייטשען. האָט מען אָנגעהויבען הרג'ענען יודען און ביי צווייהונדערט מענשען געשאָסען. אַנדערע האָבען דערצעהלט, אַז מ'האָט אונטערגעשאָסען אַ דייטשען אַעראָפּלאַן. אַז ער איז אַראָבגעפאַלען, האָט מען אין איהם געפונען, חוץ די דייטשע פליהער, אַ יודישען שוסטער פון וולאַדימיר-וואָלינסק, אָדער פון קאָוועל, וועלכער האָט אָנגעוויזען די דייטשען, וואוהין צו וואַרפען באָמבעס. דערפאַר, האָבען די קאָזאַקען פערברענט די שטאָדט. קיין ריכטיגע ידיעות, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, האָב איך ביז איצט נישט בעקומען. נאָר ווייזט אויס, אַז גלאַט איז דאָרט נישט דורכגעגאַנגען דאָס אָבטרעטען פון רוסישען חיל.

אין קאָוועל האָבען מיר געטראָפען אויפ'ן באַהנהויף דעם דאָקטאָר פון אונזער פאָדערשטען לאַזאַרעט, ראָזענצווייג. ער איז געקומען אין שטאַב פון קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע, בעשטימען, וואוהין אַריבערצוקלייבען זיך מיט'ן לאַזאַרעט פון גריבאָוועץ.

עס איז כמעט בעשטימט געוואָרען, ער זאָל אַריבער קיין טריסק

מיר האָבען זיך פערערעדט מיט ראָזענצווייג׳ן און נישט בעמערקט, ווי דער צוג איז פאַר אונזערע אויגען אַוועקגעגאַנגען. איידער צו פערבלייבען אין קאָוועל אַ גאַנצען מעת-לעת, וואַרטען אויף דעם קומענדען צוג, האָבען מיר בעשטימט צו פאָהרען ביז קיעוו, פינפהונדערט וויאָרסט, מיט׳ן אויטאָמאָביל. מיר האָבען איבערגענעכטיגט אין אַ פוסטען וואַגאָן און פאַרטאָג אַרויסגעפאָהרען.

אין אָנפאַנג, איז געווען שרעקליך קאַלט, נאָר אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, איז די נסיעה געוואָרען אַנ׳אמת׳ער פערגעניגען. דער שאָסיי אויף לוצק—זשיטאָמיר איז איינער פון די בעסטע אין רוסלאַנד. אפילו אין גאַליציע, האָב איך אַזאַ וואונדערבאַרען שאָסיי נישט געטראָפען. ער האָט זיך געצויגען גלאַט ווי אַ פאַרקעט-ברוק. דער אויטאָמאָביל האָט זיך געקייקעלט שנעל און גרינג, מאַכענדיג איבער פיערציג וויאָרסט אַ שעה. ווען מיר וואָלטען זיך נישט אָבשטעלען וואַרמעס עסען און אַ פאָר מאָל איבערבייטען די געפּלאַצטע שינעס, וואָלטען מיר צו זעקס—זיבען אָוועַנד זיין אין קיעוו.

מיך האָט שטאַרק איבערראַשט, וואָס ביי דער שרעקליכער אונאָרדנונג פון דעם אייזענבאַהן-פערקעהר, האָט זיך די מאַכט נישט בענוצט מיט דעם שאָסיי, צום אַריבערשיקען, לכל הפּכות, פּראָוויאַנט און תכסיסי מלחמה. דעם גאַנצען טאָג, וואָס איך בין געפאָהרען, האָב איך נישט בעגעגענט און נישט אַריבערגעיאָגט נישט קיין אָבאָזען, נישט קיין אַרטילעריע, נישט קיין מיליטער-אָבטיילונגען. עס האָבען זיך נאָר געצויגען, פאָהרענדע און צו-פוס געהענדע היימלאָזע, איבערהויפּט, אַרויסגעשיקטע דייטשע קאָלאָניסטען. אַ דייטשע פוהר האָט מען געקאָנט דערקענען פאַר אַ וויאָרסט—אַ לאַנגע, שטאַרקע פוהר, בעדעקט מיט לייווענטענע ביידלעך—אַנ׳אמת׳ער געצעלט. אין שפּאַן געהען שטאַרקע זאַטע פערד. ביים וואָגען טרעט רוהיג און זיכער אַ געזונדטער דייטש און אויף זיין פּנים איז נישט צו בעמערקען, נישט קיין צורודערונג, נישט קיין פערצווייפלונג. אַ שרייענדען היפּך מיט׳ן

דייטש שטעלען פאַר די אָרימע, אָבגעצעהרטע נידערגעשלאָגענע גאַליציאַנער, רוסישע און איבערהויפט יודישע היימלאָזע, מיט זייערע קליינע, נישט געדעקטע פוהרלעך, אויף וועלכע די חפצים זענען אָנגעוואָרפען אין אַ מיש-מאַש און ווערען גע-שלעפט דורך אָבגעצעהרטע, קוים לעבעדיגע קליאַטשעס.

וואו-נישט-וואו אויפ׳ן וועג, ווערען געפיהרט פערפעסטי-גונגס-אַרבייטען, מ׳גראָבט שאַנצען, מ׳שטעלט דראָט-פערצוימונגען. איבערהויפט, האָט מיין אויפמערקזאַמקייט אָבגעשטעלט איין אָרט, אויף אַ פעלד פון הויכען קאָרן, האָבען געאַרבייט צוזאַמען, אויס-געמישט פויערים און סאָלדאַטען. איינע האָבען געשניטען דעם קאָרן, די צווייטע האָבען געשטעלט שטעכעדיגע דראָט-פערצוי-מונגען. און די ביידע, פרידען און מלחמה-אַרבייטען האָבען זיך ווי צונויפגעפלאָכטען מיט איינאַנדער.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי אַ בריקעל. עס האָט זיך געפאָדערט אַ קליינע רעפעראַציע פונ׳ם אויטאָמאָביל. דאָס ברי-קעל איז געווען איבער אַ ראָוו. איך האָב אַ בליק געטהון אין ראָוו און צו מיין פערוואונדערונג, דערזעהן דאָרט צוויי יודען, אַנ׳עלטערן און אַ יונגערן. ביידע זענען געווען אָהן אויבער-רעקלעך. דער עלטערער, איז געלעגען און אַריינגעקוקט אין אַ ספר, דער צווייטער האָט פערטראַכט עפעס געזונגען. איך האָב זיך אַראָבגעלאָזט צו זיי, געפרעגט וואָס זיי טהוען דאָ. האָבען זיי געענטפערט, אַז מ׳האָט זיי אַוועקגעשטעלט היטען דעם טע-לעפאָן. אין דער גאַנצער געגענד, איז אַרויפגעלעגט אויף די אָרטיגע יודען דער חוב, אָבצוהיטען דעם טעלעפאָן. די צוויי יודען זענען קרעטשמער פון דעם נאָהנטסטען דאָרף.

אין ראָוונא זענען מיר געשטאַנען ביי אַ שעה. איך האָב צייט געהאַט צו זעהן זיך מיט אייניגע בעקאַנטע. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז זינט עס איז אַריבער אַהער די סטאַווקע פון העכסטען הויפט-קאָמאַנדיר, איז דאָ פאַר יודען געוואָרען אַ גיהנם. מ׳לאָזט נישט אַרויספאָהרען פון שטאָדט, מ׳אונטערדריקט, מ׳רודפ׳ט אויף יעדען טריט. אַנ׳אָרטיגער כלל-טהוער, קוליקאָ-ווער, האָט זיך משתדל געווען ביים קאָמענדאַנט, ער זאָל ער-

ליבען שפייזען די טויזענדער דורכגעהענדע גאַליציאַנער יודען, אַרויסגעשיקטע און אַרעסטירטע. דער קאָמענדאַנט האָט נישט ערלויבט. דעמאָלט האָט איהם קאָליקאָווער צורייצט אַ זאָג געטהון:

—עס וואָלט שוין בעסער געווען, ווען איר וואָלט די אַלע היימלאָזע אויסלעגען אויף די רעלסען און לאָזען איבער זיי אַ צוג. וואָלט איהר לכל הפּחות מאַכען אַ גיכען סוף צו זייערע יסורים.

פאַר די דרייסטע ווערטער האָט מען איהם אַרעסטירט און מ'שיקט איהם אַרויס אין סיביר.

נישט ווייט פון ראָוונא געפינט זיך אַ לאַגער, וואו עס האָבען זיך פערזאַמעלט בּיי פיערציג טויזענד היימלאָזע גאַליציאַנער און רוסישע פויערים. דורך דער שטאָדט לאָזט מען זיי נישט דורכגעהן. זיי שטאַרבען אויס פון הונגער, כאָלערא און טיפוס. און קיין שום שפּייז און מעדיצינישע הילף איז פאַר זיי נישט אָרגאַניזירט.

אין נאָווגאָראָד-וואָלינסק האָבען מיר געטראָפען פיל היימלאָזע פון קרעמעניץ, דובּנאָ און אסטרע.

אין זשיטאָמיר האָבען מיר געגעסען וואַרמעס. אין שטאָדט איז אַ שטאַרקע אויפרעגונג. עס געהען אַרום משונה'דיגע קלאַנגען און לעגענדעס. מ'האָט מורא, אַז דער דייטש וועט דערגעהן אַהער. די רייכערע פאָהרען מאַסענווייז אַרויס.

קיין קיעוו זענען מיר געקומען פיער אַ זייגער פאַרטאָג.

דער צוזאַמענפאָהר פון די בּעפולמעכטיגטע פון שטאָדטישען פערבּאַנד, וועלכער האָט זיך געדאַרפט עפענען דעם 18-טען איז געווען אָבּגעלעגט בּיז דעם 22-טען, ווייל פיל פון די איינגעלאַדענע זענען נאָך נישט געקומען. דער פאָרזיצענדער פון קיעווער קאָמיטעט, דער פירשט אורוסאָוו, צוזאַמען מיט דעם מיטגליד פון גאָסודאַרסטווענער דומע, דעם שפּעטערדיגען מיניסטער אין קערענסקיס רעגירונג און טראַגיש גע'הרג'עטען, שינגאַרעָוו, האָבען אויסגענוצט די עטליכע טעג, כּדי אויפ'ן אָרט צו בּעקענען זיך מיט דער לאַגע פון די היימלאָזע און זענען געפאָהרען קיין וולאַדימיר-וואָלינסק. טולופאָוו איז אויף אַ פּאָר

טעג אָבגעפאָהרען קיין מאָסקווע.

איך האָב אָבגעגעבען אַ בעריכט אין יודישען הילפס-קאָמיטעט וועגען דער לאַגע אין די ערטער, וואָס איך האָב בעזוכט. האָב אויפגעוויזען, אַז אין די צעהנדליגער שטעדט און שטעדטלעך ביים פראָנט, וואו דער צוטריט פון יודישע בעפולמעכטיגטע איז נישט פערוועהרט, אין יעדען פאַל פיל גרינגער ווי קיין גאַליציע, האָב איך נישט געטראָפען קיין איין בעפולמעכטיגטען, קיין קלענסטען שפור פון אָרגאַניזירטער הילף. מ'האָט מיר געענטפערט, אַז דער קאָמיטעט מיהט זיך צו בעקומען פאַר עטליכע מיטגלידער ערלויבענישען אויף אַרומצופאָהרען, נאָר עס קומט אָן שווער. דערצו האָט דער קאָמיטעט קיין שום ידיעות נישט, וואוהין עס איז נויטיג צו שיקען הילף. מיט אַ פאָר טעג שפעטער האָט דער קאָמיטעט פון זעמסקי פערבאַנד איינגעשטימט אַריינצופיהרען אין פערבאַנד עטליכע פאָרשטעהער פון יודישען הילפס-קאָמיטעט, כדי זיי זאָלען קאָנען פריי אַרומפאָהרען איבער די שטעדט און שטעדטלעך, וואָס זענען נאָהנט צום פראָנט. דער קאָמיטעט האָט קאָמאַנדירט דעם שריפטשטעלער דאבין קיין וולאַדימיר-וואָלינסק, נאָר איידער ער האָט צייט געהאַט אַרויסצופאָהרען, איז די שטאָדט שוין געווען פערנומען. אויך האָט דער קאָמיטעט בעשטימט אַרויסצושיקען נאָך הילף פאַר פאָרעצק און אָסטיליע.

אויף דעם צוזאַמענפאָהר איז געקומען פון מאָסקווא דער געהילף-פאָרזיצענדער פון צענטראַלען קאָמיטעט פון פערבאַנד פון שטעדט, מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש קישקין (דער מיניסטער פון אינערן אין לעצטען מיניסטאָרן-קאַבינעט ביי קערענסקי'ן). איך האָב זיך מיט איהם געזעהן און פאָרגעלעגט, דורכלעזען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר אַ בעריכט, וועגען דער לאַגע פון די יודישע היימלאָזע. ער האָט עס געפונען פאַר אינטערעסאַנט און אַרויסגעגעבען מיר אַנ'איינלאַדונג אויפ'ן צוזאַמענפאָהר.

דעם 22-טען אין אָווענד איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָהר. עס זענען געקומען בעפולמעכטיגטע פון צוועלף—פופצעהן אָבטיילונגען און ביי צעהן שטאָדטישע גאָלאָוואַ'ס פון פאָדאָליער

און וואָלינער גובערניעס. עס זענען געווען פּאָרטראָגען, בּע־ריכטען און מיטטיילונגען וועגען די יסורים און נויט, וואָס די היימלאָזע שטעהען אויס אין וועג; וועגען דעם, וואָס פאַר זיי איז נישט אָרגאַניזירט קיין הילף. זענען געווען פאָרגעלעגט אַלערליי פאָרמען צו אָרגאַניזירען. ערנעהרונגס און מעדיצינישע הילף, איינאָרדנונג פון שפּייז־פּונקטען, וואַסער־קעסלען א. ד. ג. אין די אַלע רעדעס און דעבּאַטען וועגען היימלאָזע, איז נישט איין מאָל דערמאָהנט געוואָרען דאָס וואָרט: „יוד". מ'האָט איהם אויס־געמידען. מ'האָט זיך אויסגעדריקט: „מענשען פון אַלערליי נאַ־ציאָנאַליטעטען", „קריסטען און אַנדערע".

איך, האָבּ דער לעצטער בּעקומען דאָס וואָרט. ווי איך האָבּ דערמאָהנט דאָס וואָרט „יוד", האָבּען מיך אַלע אָנגע־שטרענגט אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט אַרויסריידען אַ פערוועהר־טען וואָרט.

אונטערשטרייכענדיג און בּעגריסענדיג, וואָס דער „זעמ־סקי פערבּאַנד", ווי אַ געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישען נאַציאָנאַליטעטען, האָבּ איך אויפ־געוויזען, אַז די אַדמיניסטראַטיווע טעטיגקייט און די אַלטעגליכע בּעדינגונגען האָבּען אַוועקגעשטעלט די יודישע בּעפעלקערונג אין אַנ'אויסשליסליכען מצב און דעריבּער זענען נויטיג פאַר דער יודישער בּעפעלקערונג עטוואָס אַנדערע פאָרמען פון הילף.

יודישע היימלאָזע געפינען זיך אין אַ גאַנץ אַנדערער לאַ־גע ווי קריסטליכע:

1) צווישען קריסטליכע היימלאָזע אויף דעם פראָנט זע־נען דאָ בּלויז אַזעלכע, וואָס זענען פריי־ווילליג אַוועק אָדער אַרויסגעשיקט פון גאַליציע, וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניעס. די היימלאָזע געפינען זיך אין בּעוועגונג. זיי געהען ווייטער און הילף דאַרף זיי געגעבּען ווערען ווי פ ע ר בּ י י ג ע ה ע נ ד ע. אין געגענטייל, יודישע היימלאָזע, זענען מעהרסטענטייל אָנגעקומען פון קאָוונער, גראָדנער און אַנדערע גובערניעס און ז י צ ע ן אין די שטעדט און שטעדטלעך פון דעם קאַנט אָדער זענען געצווינגען צו געהן אין אַ צווייטען אָדער דריטען גלות.

2) אָרטיגע יודישע היימלאָזע בעשטעהען איבערהויפּט פון אַרויסגעשיקטע אַלס יודען פון די נעבענפראָנטיגע שטעדטלעך (וואָלאָטשיסק, סאַטאַנאָוו, קאַריטניצע, טאַרנאַרודע, האָראָכאָוו, מיליאַטין א. אַ.) די היימלאָזע האָבען זיך צושפּרייט אין די אַרומיגע שטעדטלעך און וואַרטען דאָרט אויף אַ נייעם גירוש.

3) צווישען יודישע היימלאָזע זענען דאָ פיל אַזעלכע, וואָס זענען אַנטלאָפען פון פּאָגראָמען, (פּאָרעצק, קרילאָוו א. אַ.) און געבליבען ווי זיי שטעהען און געהען. זיי האָבען זיך צייטווייליג אויך בעזעצט אין די אַרומיגע שטעדטלעך און דערפער (ראָזשישצע, אָזדיוטשי, טאָרטשין, אָסטיליע א. אַ.).

4) יודען ווערען מעהרסטענטייל אַרויסגעשיקט געאיילט, אין צוויי—דריי טעג, אָפטער אין פיראונצוואַנציג שעה און זיי האָבען נישט קיין צייט און נישט קיין מעגליכקייט צו פערנעהמען זייער גוטס.

5) אַ יודען איז שווערער ווי אַ קריסט, איבערהויפּט אַ פויער, ריהרען זיך פון אָרט און פערנעהמען זיין גוטס. יודישער פערמעגען ליגט אין סחורות, קיין לעבעדיגען אינווענטאַר (קיה, פערד וכדומה) האָט אַ יוד נישט. אַזוי ווי די אייזענבאַהן־בעוועגונג איז ביים פראָנט נישט צוטרעטליך פאַר יודען, (אפילו דער שאָסיי־וועג איז פאַר יודען נישט זיכער), מוז ער דינגען פוהרען ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג. חוץ דעם, וואָס אין דער צייט פון אַזאַ מהומה, איז אָפט אונמעגליך צו קריגען פוהרען, קומט אויס צו צאָהלען פאַר זיי אונגעהערטע פּרייזען: פופציג־זעכציג רובל פאַר אַ מהלך פון פופציג וויאָרסט. קויפען פערד קאָנען יודען נישט, ווייל מען וואָלט זיי רעקווירט.

6) קריסטליכע היימלאָזע קאָנען זיך שפּייזען אין וועג פון מיליטערישע קעסלען און אין די שפּייז־פּונקטען פון אַלערליי אָבטיילונגען. אַ יוד וועט, פערשטעהט זיך, מורא האָבען נאָהנט צוצוגעהן צו אַ מיליטערישער אָבטיילונג, חוץ דעם קאָן ער נישט עסען פון אַ קעסעל, וואו דאָס געקעכץ איז צוגעגרייט נישט לויט'ן יודישען דין.

7) זומערצייט קאָן אַ קריסטליכער היימלאָזער געפינען

פעלד-אַרבייט. אַ יוד איז צו אַזאַ אַרבייט נישט געוועהנט און וואָלט זי אין ערגעץ נישט בעקומען.

אַז איך האָב געענדיגט פאָרמולירען די לאַגע פון די יודישע היימלאָזע, האָט זיך קישקין אָבגערופען:

—דאָס וואָס איהר האָט אונז מיטגעטיילט, איז זעהר אינטערעסאַנט. מיר וואָלטען אייך בעטען אָנווייזען, אויף וועלכען אופן קאָן דער פערבאַנד קומען צו הילף די יודישע היימלאָזע?

—ערשטענס,—האָב איך געענטפערט,—דאַרף דער פערבאַנד איינאָרדנען אין די שטעדטלעך, וואו עס געפינען זיך יודישע היימלאָזע, שפייז-פונקטען, פון וועלכע עס זאָלען אַרויסגעגעבען ווערען טרוקענע פראָדוקטען.

—דער פאָרשלאָג קאָן, דוכט זיך, אָנגענומען ווערען. קיינער האָט נישט דאַגעגען?—האָט געפרעגט קישקין. אַלע האָבען געשוויגען און דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרען.

—צווייטענס,—האָב איך פאָרטגעזעצט,—דאַרף דער פערבאַנד העלפען דער יודישער בעפעלקערונג, ווען מ'שיקט זי פון וואַנען נישט איז אַרויס, קריגען פערד און וועגלעך אויף אָבצופאָהרען. דריטענס, דאַרף מען איינאָרדנען אַן אַרבייטס-ביוראָ, דורך וועלכער יודישע היימלאָזע וואָלטען קאָנען בעקומען אַרבייט.

—דאָס קאָנען מיר אויף זיך נישט נעהמען,—האָט מיך אָבגעשטעלט קישקין.—דאָס וואָלט שוין הייסען אויסטיילען יודישע היימלאָזע, און אונזער פערבאַנד קאָן זיך אויף דעם וועג נישט שטעלען.—דאָס איינציגע, וואָס מיר וואָלטען קאָנען, איז משתדל זיין זיך מ'זאָל אַרויסגעבען אומזיסט פון קאַזיאָנעם וואַלד געהילץ אויף צו בויען באַראַקען פאַר די יודישע היימלאָזע.

—איך וואָלט נאָך פאָרלעגען,—האָב איך זיך אָבגערופען,—דער צוזאַמענפאָהר זאָל זיך אַרויסזאָגען פאַר דעם אָבשאַפען פון יודישען תחום.

—ניין, ניין!—האָט כמעט דערשראָקען אויסגעשריען קישקין.—דאָס קאָנען מיר נישט! אונזער צוזאַמענפאָהר איז אַן אָרטיגער. וועגען אָבשאַפען דעם יודישען תחום, האָט זיך דאָך

איינשטימיג אַרויסגעזאָגט דער מאָסקווער צוזאַמענפאָהר. און דאָס איז גענוג!

מיין בעריכט האָט געדויערט ביי אַ שעה. געענטפערט מיר האָט נאָר קישקין. קיין אַנדערער האָט אַ וואָרט נישט אַרויסגעֿרעדט. אַלע האָבען קאַלט און אונצופרידען געשוויגען.

אויף מאָרגען, בין איך אַריינגעגאַנגען צו קישקינ׳ען. איך האָב איהם בעדאַנקט, וואָס ער האָט מיך אונטערגעהאַלטען און עס איז אָנגענומען געוואָרען מיין פאָרשלאָג וועגען אָרגאַניזירען שפּייז-פּונקטען אין די שטעדטלעך, וואו עס געפינען זיך יודישע היימלאָזע. צוזאַמען מיט דעם האָב איך צוגעגעבען:

—פונדעסטוועגען מוז איך אייך זאָגען, אַז די נעכטיגע זיצונג האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערען איינדרוק.

—פאַרוואָס?

—איך וועל אייך זאָגען דעם אמת. אייער אויפטראָג צו דער פראַגע וועגען הילף פאַר די, וועלכע ווערען אַרויסגעשיקט אָדער אַנטלויפען פון פאָגראָמען, איז געווען אַ קאַלטע און אַ פאָרמעלע. איך האָב ערוואַרט, אַז דער צוזאַמענפאָהר, לכל הפחות איהר, ווי אַ פאָרזיצענדער, וועט זיך פעראינטערעסירען מיט דער לאַגע פון די אומגליקליכע, וועט בעטראַכטען, מיט וועלכע מיטלען מ׳קאָן זיי קומען צו הילף. אַנשטאָט דעם, האָט איהר זיך בע-גרענצט מיט דעם ענטפער: „מיר קאָנען נישט מאַכען קיין אונ-טערשיד צווישען יודען און נישט יודען.״ אַנדערש געזאָגט: „דאָס איז נישט אונזער דאגה.״ איך זאָג דאָס אייך אָפען אַרויס דער-פאַר, ווייל אייער אָרגאַניזאַציע איז אפשר די איינציגע, וואוהין מיר קאָנען זיך ווענדען, נישט ריזיקירענדיג, אָנצושטויסען זיך אויף אַנ׳אַנטיסעמיטישען ענטפער. און אויב איהר טראָגט זיך אויף צו אונזער נויט אַזוי פאָרמעל—וואוהין זשע געהן?

מיינע ווערטער האָבען, ווייזט אויס, געמאַכט אויף איהם אַנ׳איינדרוק. נישט האָבענדיג וואָס מיר צו ענטפערן, האָט ער אַרויסגעשטעלט אַזאַ אַרגומענט:

—אָבער דער יודישער הילפס-קאָמיטעט אָרגאַניזירט דאָך אַליין הילף פאַר יודען, און אַרבייט פיל בעסער, ווי מיר!

—דאָס איז אַ טעות. איך בין איצט אַרומגעפאָהרען פיל שטעדטלעך פון לוצקער און וולאַדימיר-וואָלינסקער אויעזדען און חוץ די קליינע סומען, וואָס איך האָב דאָרט געלאָזען, איז דאָרט קיין שום הילף פון יודישען קאָמיטעט נישט אָרגאַניזירט געווען.

—אָבער איהר דאַרפט דאָך פערשטעהן, אַז מיר קאָנען נישט אָבטרעטען פון אונזערע פּרינציפּען. דאָס איינציגע וואָס מיר וואָלטען קאָנען,—האָט ער צוגעגעבען,—איז סובסידירען די יודישע קאָמיטעטען, זיי זאָלען אַליין אָרגאַניזירען די נויטיגע הילף פאַר יודען אין ספּעציפישע פאַלען.

—איהר זאָגט עס צו? קאָן איך דאָס אָפיציעל מיטטיילען דעם פאָרזיצענדען פון יודישען הילפס-קאָמיטעט?

—געוויס. זאָל ער זיך פערזענליך מיט מיר אויפטראָגען וועגען דעם ענין.

אונזער געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין קאָמיטעט פון פער-באַנד. אַז איך בין ארויסגעגאַנגען פון קישקינס קאַבינעט, איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער פון די בעפולמעכטיגטע, וואָס איז געווען נעבטען אויף דעם צוזאַמענפאָהר, דאָקטאָר יעווסייעוו, דער פאָרשטעהער פון אַ סיבירער אָבטיילונג, וועלכע שטעהט אין טאַרנאָפּאָל אין גאַליציע:

—מיך האָט שטאַרק פעראינטערעסירט אייער נעכטיגער פאָרטראָג,—האָט ער מיר געזאָגט.—אַרבייטענדיג אין גאַליציע האָב איך זיך גענוג אָנגעהערט יודישע נויט און וויפיל די דאָר-טיגע יודען ליידען פון דער רוסישער מאַכט... איך וואָלט ווע-לען בעקומען דעטאַלע ידיעות וועגען דער אָרגאַניזירונג פון הילף מצד יודען. צווישען די סיבירער, וואָס האָבען אָרגאַניזירט אונ-זער אָבטיילונג, זענען דאָ פיל יודען און זיי וואָלט אינטערע-סאַנט געווען צו בעקענען זיך מיט דער פראַגע. חוץ דעם, וואָלט איך אפשר געקאָנט אין וואָס עס איז נוצליך זיין אין דעם אופן פון הילף פאַר די גאַליציאַנער יודען אין דעם געביט, וואו אונזער אָבטיילונג שטעהט.

איך האָב איהם צוזאַמענגעפיהרט מיט דעם פאָרזיצענדען פון יודישען הילפס-קאָמיטעט, ש. א. גרינבערג און יענער האָט איהם

געגעבען אַלע ידיעות און אויסגענוצט איהם אין דעם אופן פון הילף פאַר גאַליציע.

נאָך דעם ד״ר יעווסייעוו, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ יודי־שע אַרצטין, פרוי פאַלצפיין, אויך אַ מיטגליד פון צוזאַמענפאָהר. זי געפינט זיך מיט איהר אָבטיילונג אין גאַליציע. דער בעפול־מעכטיגטער פון איהר אָבטיילונג, סאַכאַראָוו,—האָט זי דער־צעהלט,—פיהרט זיך אויף בנוגע צו יודען, נישט בעסער ווי אַ קאָזאַק: ער שלאָגט און בע׳גזל׳ט זיי, ביי איין יוד האָט ער צוגענומען עלף בהמות און קיין איין גראָשען נישט בעצאָהלט. נאָר ער טהוט אַלץ אַזוי קונציג אָב, אַז אויפווייזען זיינע מעשים און בעשולדיגען איהם, איז אונמעגליך.

טולופאָוו איז אויף מאָרגען נאָך דעם צוזאַמענפאָהר אָבגע־פאָהרען צוריק אין אָבטיילונג, וועלכע איז פאַר דער צייט שוין אַרי־בער קיין קאָוועל. איך בין געבליבען אין קיעוו נאָך אויף עטלי־כע טעג, כדי צו בעקומען פון רויטען קרייץ און אויך איינקויפען פאַר דער אָבטיילונג מעדיקאַמענטען און פראָדוקטען. פאַר מיין אָבפאָהרען, האָב איך געטראָפען דעם ד״ר לאַנדער, וועלכער איז געקומען פון גאַליציע. ער האָט מיטגעטיילט, אַז ביי די רוסען אין די הענד זענען פערבליבען בלויז צוועלף פונקטען און די לאַגע פון די דאָרטיגע יודען איז אַ שרעקליכע: עס הערשט צווישען זיי אַ שרעקליכע נויט, אומעטום זענען כאָלערע־עפי־דעמיעס. און דערצו זענען זיי צוגעשמידט צו זייערע ערטער, טאָרען אפילו אויף צעהן טריט פון שטאָדט נישט אַרויסגעהן.

## טו

דעם 30־טען האָב איך זיך אומגעקעהרט אין דער אָבטיי־לונג אין קאָוועל. די אָבטיילונג האָט אפילו פערנומען אַ וואוי־נונג, נאָר נאָך נישט איינגעאָרדענט זיך, אפילו נישט פונאַנדער־געפּאַקט. מ׳איז נישט זיכער, אַז מ׳וועט דאָ אויף לאַנג פערבליי־בען. עס געהען אום אַלערליי שרעקענדיגע קלאַנגען. איבער׳ן

שטאָדט פליהען אַעראָפּלאַנען און וואַרפען באָמבעס, עס ציהען זיך אָבטרעטענדע אָבאָזען און אַרטילעריע.

אין האָב בעזוכט די פאָרזיצענדערין פון יודישען קאָמיטעט, פרוי ד״ר פיינשטיין. זי האָט מיר דערצעהלט, אַז די טעג זע־נען דורכגעגאַנגען דריי וואַגאָנען מיט יודישע אַרויסגעשיקטע פון שטעדטעל ליובאָמיל, נאָר אַ גרעסערער טייל היימלאָזע פאָהרט אויף פוהרען אָדער געהען צופוס. אַנדערע יודען האָבען מורא צו פאָהרען מיט׳ן באַהן. עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז אין וועג וואַרפט מען אַרויס די יודישע היימלאָזע פון די וואַגאָנען אין פרייען פעלד. אין דעם שטעדטעל האָלאָבל. האָבען זיך אָנגעקליבען איבער טויזענד יודישע היימלאָזע און דער קאָוולער קאָמיטעט טרעט צו צו אָרגאַניזירען דאָרט הילף.

אַזוי ווי קאָוועל איז געוואָרען אַ צענטראַלער פונקט פון דער בעוועגונג פון די היימלאָזע, האָב איך איהם איבערגעלאָ־זען טויזענד רובל.

ד״ר פיינשטיין האָט מיר דערצעהלט, אַז מיט עטליכע טעג צוריק האָט זיך אין שטאָדט פערשפּרייט אַ פּאַניק, ווייל עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מ׳האָט עוואַקואירט די פּאָסט. איצט איז שטילער געוואָרען. עס ווערען רעקוויזירט אין די קלייטען אַל־ערליי שפּייז־פּראָדוקטען. עס איז אַ מאַנגעל אין ברויט, נישטאָ קיין צוקער. מ׳האָט זיך געווענדעט צום קאָמענדאַנט, ער זאָל ערלויבען ברענגען עטליכע וואַגאָנען צוקער, האָט ער געענט־פערט:

—זאָלען יודען טרינקען טעה מיט זאַלץ!

דעמזעלבען טאָג, וואָס איך בין געקומען, זיבען אין אָווענד, האָט אונזער אָבטיילונג בעקומען אַ בעפעהל געאיילט אָבצוטרעטען אין דער ריכטונג אויף קאָברין. עס האָט זיך פער־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז די דייטשען האָבען דורכגעריסען דעם פראָנט, אַז די דרייצעהנטע אַרמעע איז פאַר דער פאָריגער נאַכט אָבגעטראָטען אויף פערציג וויאָרסט, און מ׳גרייט זיך אָב־צוטרעטען נאָך אויף פערציג וויאָרסט. אין שטאָדט איז אַ גע־רודער, אַ בהלה.

דער קומענדיגער טאָג איז בײַ אונז אַוועק אין קלויבען זיך אין וועג. די דאָקטוירים און בעפולמעכטיגטע זענען צעהנ-דליגער מאָל געלאָפען אין שטאַב, געוואָרפען זיך צו אַלעמען מיט דער פראַגע: וואוהין פאָהרען? און קיינער האָט זיי קיין ענטפער נישט געקאָנט געבען. אין שטאַב זענען אַלע געווען נישט ווייניגער צורודערט. מ'האָט שטילערהייד, מיט דערשראָקע-נע פּנים'ער, איינער דעם אַנדערן מיטגעטיילט ערשיטערענדע נייעסן: מ'עוואַקואירט קיעוו, זשיטאָמיר, מ'שיקט אַרויס די בע-פעלקערונג פון דווינסק.

אַזוי ווי דער שטאַב טרעט אָב קיין קאָברין, האָט אונ-זער אָבטיילונג אויך בעשטימט אַריבערצוגעהן אַהין און זעקס אָוועגד זענען מיר אין אונזער צוג אָבגעפאָהרען אַהין איבער ברעסט-ליטאָווסק.

אונזער צוג איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם, דורכלאָזענדיג עשאַלאָנען מיט חיל קיין ברעסט-ליטאָווסק. בײַ דער סטאַציע מאַלאַריטאָ זענען מיר געשטאַנען עטליכע שעה. איך בין אַוועק אין שטעדטעל. דאָס שטעדטעל, אַ קליינס און אַנ'אָרימס, בײַ הונדערט יודישע געזינדען. איך האָב אויפגעזוכט איינעם פון די אָנגעזעהענע בעלי-בתים, אהרן סאַוועציק. ער האָט מיר דער-צעהלט, אַז דער קאָמענדאַנט פון שטעדטעל איז אַנ'אכזר, ער האָט איינגעפיהרט פאַר דער בעפעלקערונג, אָהן חלוק פון על-טער און געשלעכט, לייב-שטראָף. פאַר דער קלענסטער שולד גיט מען פינפאונצוואַנציג שמיץ. נאָר דערפאַר איז ער זעהר שטרענג אויך צו די סאָלדאַטען און דערלאָזט נישט צו קיין פּאָגראָם.

איך בין געווען אין שוהל און געשמועסט מיט אַ גרופּע בעלי-בתים. אַ כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג. אין דער צייט, ווען אין די גרויסע שטעדט, פאַר עטליכע הונדערט וויאָרסט פון פראָנט, הערשט אַ פּאַניק, אַ זיכערקייט, אַז דער דייטש וועט, נישט אַנדערש, קומען, איז מען אין די קליינע שטעדטלעך, אפילו די נעהנטערע צום פראָנט, כמעט זיכער, אַז „אַהער וועט ער נישט קומען". און דער מאָטיוו איז אַזא: „וואָס האָט ער

דאָ נישט געזעהן?" „נויטיג דאַרף ער אונזער שטעדטעלע!" און מיט דעמזעלבען אָפּטימיזם איז דורכגעדרונגען די פאָרשטעלונג פון דעם דייטשס קומען. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס וואָכען לאַנג זעהט מען אַרום און אַרום זיילן רויך בייטאָג און פייער־אָבשיין ביינאַכט פון די שרפות פון די אַרומיגע שטעדט און דערפער, איז מען איינגעגלויבט, אַז דאָ וועט אַלץ פאָרקומען כשורה: די רוסען וועלען אַוועקגעהן, די דייטשען וועלען קומען און דאָס לעבען וועט זיך ווייטער אַוועקציהען שטיל און רוהיג.

דורכ'ן שטעדטעל געהען דורך הימלאָזע יודען, אָרימע, הונגעריגע, נאָר דאָס שטעדטעל קאָן זיי נישט העלפען. עס איז אַליין שרעקליך אָרים. איך האָב געלאָזען הונדערט רובל פאַר די היימלאָזע.

אין בריסק־ליטאָווסק זענען מיר געקומען אומ'ן דריטען טאָג, דעם 2־טען אויגוסט אינדערפריה. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט עטליכע ווירסט פון וואָקזאַל. איך בין מיט אַ מאַנעוור־רירענדען אויטאָמאָביל אָבגעפאָהרען צום וואָקזאַל. געגומען די אָרטיגע צייטונג, און דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך אַ וואָרף געטהון אין די אויגען, איז געווען אַ „בעפעהל" פון קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג, גענעראַל לעמינג: „די גאַנצע ציווילע בע־פעלקערונג פון בריסק־ליטאָווסק מוז פערלאָזען די שטאָדט אין משך פון דריי טאָג, דעם 3, 4, און 5־טען אויגוסט. כדי צו פערלייכטערן די עוואַקואַציע, ווערט די שטאָדט צוטיילט אויף דריי טיילען, און יעדען טאָג דאַרף אַרויספאָהרען איין טייל. עס וועלען געגעבען ווערען דרייסיג צוגען, צו צעהן צוגען אַ טאָג אויף אָבצופיהרען די אַרויסגעשיקטע".

די מעלדונג האָט מיך, פערשטעהט זיך, שטאַרק איבער־ראַשט. איך בין אַוועק אין שטאָדט, וואו די גאַסען זענען גע־ווען פול מיט אָבטרעטענדע אָבאָזען און מיליטער. איך האָב אָבגעשטעלט אַנ'אַלטען יוד און געפרעגט, וואו עס געפינט זיך דער יודישער הילפס־קאָמיטעט. ער האָט מיר אָנגערופען די פאַ־מיליע פון פאָרזיצענדען פון קאָמיטעט (איך האָב זי פערגעסען) און די גאַס, וואו יענער וואוינט, זעהר וויים פון וואָקזאַל. דער

איינציגער פֿוהרמאַן, אַ יוד, וואָס איז געשטאַנען אין גאַס, האָט נאָר-וואָס אָבגעזאָגט זיך מיך צו פֿיהרען, ענטפֿערענדיג, אַז ער איז פֿערנומען, האָט איצט, דערהערענדיג אַז איך רייד יודיש און דאַרף אין הילפֿס-קאָמיטעט, אַליין אַרויסגערופֿען זיך, אָבצופֿיהרען מיך לויט דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס.

דער פֿאָרזיצענדער פֿון קאָמיטעט, אַנ'אַלטער, חשוב'ער מאַן מיט אַנ'אינטעליגענטען אויסזיכֿט, האָט זיך דערפֿרעהט מיט מיין קומען צו אַזאַ קריטישער צייט, האָט געשיקט רופֿען נאָך מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, ד"ר שאַפֿיראָ, ה' מינץ און נאָך צוויי בעלי-בתים.

זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז ביז די לעצטע טעג זענען אין שטאָדט נישט געווען קיין פֿאָגראָמען און רויבערייען. דאָס איז צו פֿערדאַנקען דעם קאָמענדאַנט פֿון פֿעסטונג, גענעראַל לעמינג, אַ מענשען אַ העכֿסט אָרענטליכֿען און גוטהאַרציגען. האָט ביי קיינעם קיין גראָשען שוחד נישט גענומען, געקעמפֿט געגען די בלבולים אויף יודען און אָבגעשטעלט יעדען קלענסטען פּרוב צו מאַכֿען אַ פֿאָגראָם. צום אומגליק אָבער, איז דער געהילף-קאָמענדאַנט, סאָקאָלאָוו, אַ כֿאַבאַרניק. כדי אויסגוואַלדעווען געלד ביי יודען, האָט ער מיט צוויי חדשים צוריק אָנגעהויבען כֿאַפּען יודען אויף צוואַנגס-אַרבייט און אָבשיקען זיי פֿאַר צעהן-צוואַנציג וויאָרסט פֿון שטאָדט גראָבען שאַנצען. אַז מ'האָט איהם אָנגעוויזען, אַז מיט אַזאַ אונגעאָרדענטען כֿאַפּען מענשען אין די גאַסען, שטעלט ער אָב דאָס גאַנצע לעבען פֿון שטאָדט, ווייל מ'האָט מורא אַרויסצוגעהן פֿון שטוב, האָט ער פֿאָרגעלעגט יודען זאָלען דינגען פֿאַר זיך קריסטליכֿע אַרבייטער און צאָהלען זיי פֿאַר דער אַרבייט. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער געקאָנט לעגען אין קעשענע דאָס געצאָהלט, וואָס עס איז געקומען די אַרבייטער. נאָך גרויסע און לאַנגע דעבאַטען האָט מען געזאַמעלט אין שטאָדט דרייסיג טויזענד רובל און געדונגען פֿיערהונדערט קריסטליכֿע אַרבייטער. דער סאָקאָלאָוו האָט זיך דערמיט נישט בענוגענט און ווייטער בעפֿוילען צו כֿאַפּען יודען אין די גאַסען. מ'האָט געכֿאַפּט ביי הונדערט יודען, אַוועקגע-

פיהרט זיי אויפ'ן הויף פון דער פאָליציי און אָבגעהאַלטען דאָרט פון זיבען אָוועגד ביז אינדערפריה. נאָכדעם האָט מען זיי אָבגעשיקט פאַר צוואַנציג וויאָרסט פון שטאָדט אויף אַרבייט. נאָך דער אַר־בייט האָט מען זיי נישט ערלויבט בלייבען נעכטיגען אין דאָרן, סטראַדיטש, ביי וועלכען זיי האָבען געאַרבייט, „ווייל יודען האָ־בען קיין וואוינרעכט נישט אין די דערפער". איצט, אַז עס איז אָנגעקומען דער בעפעהל צו עוואַקואירען די גאַנצע בעפעלקע־רונג, האָט דער סאָקאָלאָוו אָנגענומען אַלע מיטלען, מ'זאָל יודען עוואַקואירען בעזונדער און פריהער פאַר די קריסטען. מיט גרויס מיה האָט זיך די אָרטיגע יודישע כלל־טהוער איינגעגעבען דאָס נישט צו דערלאָזען.

מיר זענען אַריבער צו דער ברענענדער טאָג־פראַגע.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער שטאָדטישער יודישער בע־פעלקערונג איז ביז דער לעצטער צייט געווען נישט קיין שלעכ־טע, די שטאָדט האָט, חוץ אייגענע אָרימעלייט, געגעבען הילף די טויזענדער היימלאָזע, וואָס האָבען זיך דאָ בעזעצט אָדער דורכגעגאַנגען. חוץ דעם, האָט מען נאָך געשיקט געוויסע סומען אין פעטראָגראַדער הילפס־קאָמיטעט. איצט האָט זיך די לאַגע, פערשטעהט זיך, ראַדיקאַל אומגעביטען. די לעצטע וואָכען, ווי נאָר מ'האָט אָנגעהויבען שמועסען וועגען אַרויסשיקען די בעפעל־קערונג, זענען אַלע רייכערע בעלי־בתים אַוועקגעפאָהרען. די, וואָס זענען פערבליבען, זענען איצט אַזוי רואינירט און צורו־דערט, אַז עס איז שווער צו האָפען צו בעקומען פון זיי וויכ־טיגע נדבות. עס איז אפילו שווער איצט צו אָרגאַניזירען אַ הילפס־קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיך קאָנען אָבגעבען איינגאַנצען דער אַרבייט. יעדערער מוז קלערען וועגען זיך.

נישט קוקענדיג אויף דעם, האָבען זיך פונדעסטוועגען גע־פונען עטליכע מענשען, וואָס האָבען אויסגעדריקט אַ גרייטקייט צו פערגעסען די אייגענע אינטערעסען און אָבגעבען זיך דער אָרגאַניזירונג פון הילף. זיי האָבען גלייך געגרינדעט אַ נייעם קאָמיטעט. בנוגע געלד־מיטלען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ביים פריהערדיגען קאָמיטעט געפינט זיך צווייטויזענד פינפ־

הונדערט רובל, איבערגעבליבענע פון די דרייסיג טויזענד, גע־זאַמעלטע אויף צו דינגען קריסטליכע אַרבייטער. נאָך טויזענד רובל האָט מען זיך מתחייב געווען צו זאַמלען אין שטאָדט פאַר די פאָר טעג. איך האָב צוגעזאָגט טויזענד אַכטהונדערט רובל. פון אָט די פינפטויזענד דרייהונדערט רובל האָט דער קאָמיטעט בעשטימט צו קויפען טויזענד פוד מעהל און אויסבאַקען ברויט פאַר די אָרימערע, דאָס איבעריגע געלד צוטיילען די נצרכים. בעשטימט געווען, נאָך דעמזעלבען טאָג און אויף מאָרגען איבער־שרייבען די נויטבעדערפטיגע. די מיטגלידער פון קאָמיטעט וועלען דאַרפען זיין ביי יעדען צוג, צוויסגעבען אויפ׳ן וועג ברויט און געלד; איינאָרדנען, אַז מיט יעדען צוג זאָל אָבפאָהרען, לכל הפחות איינער אַנ׳אינטעליגענטער מענש, וואָס זאָל נעהמען אויף זיך די זאָרג וועגען די אָבפאָהרענדע מיט דעם צוג און אַז. וו.

דער זעמסקי פערבאַנד האָט צוגעזאָגט פון זיין צד צו אָרגאַניזירען הילף פאַר די אָבפאָהרענדע. איך בין אַוועק אין פערבאַנד פון שטעדט. דער בעפולמעכטיגטער, דינעסמאַן (נישט קיין יוד, נאָר, ווייזט אויס, אַ יודיש קינד), האָט זיך קאַלט אויפגעטראָגען צו מיין ביטע וועגען אָרגאַניזירען הילף און האָט מיר געענטפערט: „עס איז אַ שרפה, זאָל זיך ראַטעווען יעדער, ווי ער קאָן.״ ער האָט מיר פאָרגעלעגט געבען צעהן סטודענ־טען סאַניטאַרען אויף צו בעגלייטען די צוגען, נאָר ער האָט צוגעגעבען, אַז די סאַניטאַרען זענען פון דעם „וואַרשאָווער קאָ־מיטעט פון שטאָדטישען פערבאַנד.״ וועגען דעם קאָמיטעט האָב איך שוין געוואוסט, אַז ער בעשטעהט דורכאויס פון פאָליאַקען און איז דורכגעדרונגען מיט אַנ׳אַנטיסעמיטישער שטימונג. דער בעפולמעכטיגטער פון דעם קאָמיטעט, ד״ר מאַלינאָווסקי, האָט מיט עטליכע טעג צוריק אָבגעשאַפט די איינציגע צעהן יודישע סאַניטאַרען, וואָס האָבען זיך אין איהם געפונען. איך האָב, פער־שטעהט זיך, אָבגעזאָגט זיך פון די פאָרגעלעגטע פוילישע בע־גלייטער.

איך בין אַוועק אין שטאָדט. פון ערשטען בליק איז נישט צו בעמערקען, וואָס עס איז פאָרגעקומען. די קלייטען זענען

אָפּען, אין זיי קומט, דוכט זיך פאַר, דער געוועהנליכער האַנ־דעל. די גאַסען זענען, ווי געוועהנליך, פול מיט דורכגעהער, אין די הייזער געהט דאָס אַלטעגליכע לעבען, עס הויבט זיך רויך פון די קוימענס. נאָר, צוקוקענדיג זיך, בעמערק איך, אַז דאָס „לעבען" און די „בעוועגונגען" זענען שוין גאָר אַנדערע, אַז אויף זיי ליגט דער שטעמפּעל פון גסיסה. אין די קלייטען פּאַקט מען די סחורה. די גרעסערע קלייטען ווערען איינע נאָך די אַנדערע געשלאָסען. בּיי פיל הייזער שטעהען פוהרען מיט חפצים, אין אייניגע הייזער פערמויערט מען די טהירען און פענסטער פון די סקלעפּעס, וואוהין מ'האָט אפנים אַראָבגעטראָגען דאָס מעבעל און חפצים, וואָס מ'לאָזט איבער. אויף די פּנים'ער פון די פערבייגעהער ליגט אַ שוואַרצער אומעט, אַ פערצווייפעלטע פערצאָקטקייט. עס ווערט בעשאַפען אַ געפיהל, אַז די גרויסע שעהנע שטאָדט, וואָס האָט נאָך ערשט נעכטען געלעבט מיט אַלע חושים, האָט בעקומען אַ טויטליכע וואונד און שטאַרבט אָב. עס שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס איז אַ גרויסע, געזונדטע חיה, בּיי וועלכער מ'האָט געעפענט די אָדערן און איהר בלוט פליסט אַרויס פון גוף מיט אַ הייסען שטראָם. פון מינוט צו מינוט ווערט זי בלאַסער, שוואַכער און באַלד וועט זי ליגען אַ קאַלטע און אַ טויטע. די הייזער וועלען שטעהן פּוסט און פערשלאָגען, די קלייטען אויסגעלעדיגט און פערשלאָסען, די גאַסען וועלען זיין טויט און שטום. דערווייל לעבט נאָך די שטאָדט, נאָר דאָס זע־נען פיבערהאַפטע קאָנוואולסיווע בעוועגונגען פון אַ שטאַרבענדען, פון אַ גוסס. און נאָך בולט'ער שטרייכען אונטער דעם טראַגי־שען אויסזיכט פון שטאָדט די אַעראָפּלאַנען, וועלכע שוועבען און דרעהען זיך אין דער לופטען, ווי שוואַרצע קראָהען איבער אַ טויטליך פערוואונדעטען. דוכט זיך, אַז די גרויסע רויב-פויגלען וואַרטען מיט אונגעדולד, אַז דער פערוואונדעטער ריז זאָל אַרויסלאָזען דעם לעצטען אָטעם, כּדי אַרויפצוּוואַרפען זיך אויף איהם און נעהמען רייסען שטיקערווייז זיין נישט אָבגעקיהל־טען גוף.

און אָט איז דער קאַנאַל, דורך וועלכען עס שטראָמט

אַרויס דאָס בלוט, פון דער געטויטער שטאָדט, די גרויסע גאַס, דורך וועלכער עס געהט דורך דער שאָסיי אויף קאָברין פינסק. אויף דעם וועג ציהען זיך אָהן אַנ׳אויפהער אָבטרעטענדע אָבאָזען, אַרטילעריע און מיליטער-אָבטיילונגען. און אין דעם גרויזען און אייזערנעם שטראָם פלעכטען זיך אריין אַלץ מעהר און מעהר ציווילע פוהרען, פורגאָנען און פוסגעהער. דאָס זענען די איינוואוינער, וועלכע, נישט האָבענדיג קיין צוטרוי צו די אומזיסטע צוגען, פאָהרען אַרויס מיט פוהרען קיין קאָברין. כמעט אַלע יודען.

די פוהרען זענען אָנגעפאַקט שרעקליך הויך, אמת׳ע טורעמט פון פעק, קאַסטענס, טישען און קאָמאָדען. אין די שפאַלטען און לעכער צווישען די אָנגעלעגטע זאַכען, זיצען קינדער און עלטערע פרויען. אין אַנדערע וואָגענס איז פון פאָרענט צוגעבונדען אַ דיוואַן און אויף איהם זיצען מיט׳ן רוקען צו די פערד, האַרט איינער נעבען אַנדערן, פיער-פינף מענשען. דאָס אונגעוועהנליכע בילד מיט די הויך־הויך זיצענדע מענשען וועקט אויף אין זינען די ערינערונג וועגען דעם הויכען און שרעקליכען „שאַנד וואָגען", אויף וועלכען מען פלעגט מיט אַ יאָהר פערציג-פופציג צוריק פיהרען איבער׳ן שטאָדט, אונטערן פויקעריי פון אַ פויק, אַלערליי פערברעכער, פער׳משפט׳ע צום לייבשטראָף. ביי יעדען פערברעכער איז געווען אויף דער ברוסט אַ ברעטעל מיט׳ן אויפשריפט פון זיין פערברעכען: „גנב", „מערדער" א. אַז. וו. דער אויסזיכט פון איצטער „פער׳משפט׳ע" איז נישט אַ פרעהליכער און אַ גליקליכערער, ווי ביי יענע, וועלכע מ׳פלעגט פיהרען צום „שאַנד־סלופ". נאָך יעדען וואָגען געהען נאָך די יונגערע מיטגלידער, ווי צו אַ לויה. און דאָס איינציגע פערמאַטערטע פערדעל מיט די שאָטענדיגע אויסגעקראָכענע זייטען, שלעפט, אָנשטרענגענדיג אַלע כחות, דעם נישט זיכערן טורעם.

קוקענדיג אויף די הויך אָנגעפאַקטע וועגען, וואָס האָבען זיך אַריינגעצויגען אין גרויסען שטראָם פון מיליטער־ריקצוג, האָט מיך אָנגענומען אַ פחד. מיר איז שוין אויסגעקומען צו זעהן,

וואָס עס קומט פאָר ביי אַזעלכע אָבטרעטונגען, איבערהויפּט געאיילטע. דער וועג אין זיין גאַנצער ברייט פערנומען, פערפולט מיט פוהרען, פורגאָנען, אויטאָמאָבילען און וועגעלעך, וואָס ציהען זיך לאַנגזאַם אין דריי, פיער און אפילו מעהר רייהען, איינע נעבען די אַנדערע. כל זמן דער צוג פליסט אונגעשטערט, קומט פאָר אַ מעכאַנישע בעוועגונג, וואו יעדער וואָגען איז אין זיין גאַנג אָבהענגיג פון די אַלע אַנדערע, וועלכע זענען צונויפגעגאָסען אין איין שטיק. נאָר אָט טרעפט זיך אַן׳אָבהאַלט, פאַלט אַ פערד, קעהרט זיך איבער אַ וואָגען—און דאָס רופט זיך גלייך אָב אויף אַלע הינטערשטע פוהרען. עס קומט פאָר אַ געדרודער, איינע נאָך די אַנדערע מוזען זיי זיך האַסטיג אָבשטעלען, קרייכען אָפט אַרויף איינע אויף די אַנדערע, ווי קריעס אייז ביים אייז-גאַנג. עס ווערט אַ געשריי, אַ מהומה. נאָר נאָך ערגער איז, ווען אויף דעם מעכאַנישען שטראָם פליהט אָן פון הינטען אַ נייער, גיכערער שטראָם, ווען אַן׳איילענדער אויטאָמאָביל מיט אַ הויכגעשטעלטער פערזאָן דאַרף זיך דורכרייסען פאָרויס, אָדער, וואָס עס איז נאָך געפעהרליכער, ווען אַן׳אַרטילערישע אָבטיילונג מוז דורכשפּרינגען פאָראויס, כדי צו בעשיצען די אָבטרעטענדע אָבאָזען פון דעם אָנטרעטענדען שונא. דעמאָלט קומט פאָר אַן׳אמת׳ע קאַטאַסטראָפע. פוהרען און וועגלעך מוזען געאיילט זיך פונאַנדערטרעטען, רוקען זיך אָן איינע אויף די אַנדערע, פרעסען זיך צונויף און אַז זיי האָבען עס קיין צייט נישט צו טהון, ווערען זיי שטורמיש אָבגעשליידערט אָן אַ זייט איינע אויף די אַנדערע, קעהרען זיך איבער, ווערען אַראָבגעשטויסען פון וועג. און אַז דער וועג געהט הויך, פליהען זיי אַראָב אַרונטער, צושיטען זיך, קאַלעטשענדיג דערביי אי די מענטשען, אי די פערד. עס איז גרינג פאָרצושטעלען זיך, וואָס וועט ווערען פון די הויכע „יודישע טורעמס", מיט די איינגעפאַסטע אין אַלע שפּאַרעס און לעכער קינדער און פרויען, אַז אויף זיי וועט אָנפליהען אַזאַ שטראָם און אָבוואַרפען זיי אָן אַ זייט, אָדער אַראָבוואַרפען פון הויכען וועג אַראָב אין ראָוו!

איך בין צוגעגאַנגען צו עטליכע אַזעלכע פוהרען, פונאַנ-

דערגערעדט זיך מיט די מאַנסביל, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטען. מ'פאָהרט דערווייל נאָר קיין קאָברין, דרייסיג ווערסט. וואוהין ווייטער—דאָס וועט מען נאָכדעם זעהן, וואוהין אַנדערע וועלען געהן. פיל האָבען פערשטאַנען דעם געפאַהר צו געהן מיט'ן מיליטער-שטראָם און גערעכענט אונטער'ן שטאָדט אָבצו-קעהרען אויף זייטיגע וועגלעך. מיט ברויט האָבען זיך אַלע בע-זאָרגט אויפ'ן וועג. אָבער וואַסער האָט קיינער מיט זיך נישט גענומען און אַז איך האָב דערמאָהנט וועגען דעם, איז מען גלייך געלאָפען קריגען וואַסער.

איך בין אַריין אין דער גרויסער שוהל. זי איז געווען עלענד און פערגעסען. דער שמש איז געווען צוטראָגען און פערנומען מיט'ן פאַקען די אייגענע חפצים. וואָס וועט זיין מיט דער שוהל, מיט די ספרים? דאָס ווייסט ער נישט. קיינער האָט נאָך וועגען דעם נישט געטראַכט, קיינעם ליגט דאָס נישט אין זינען. איך בין אַוועק אין קאָמיטעט, פאָרגעלעגט מיטצונעהמען די ספרי תורות. די גבאים האָבען מיט פרייד איינגעשטימט. מיט גרויס מיה האָב איך געפונען אַ טישלער, וואָס האָט איינגע-שטימט צוצוגרייטען אויף מאָרגען צעהן קאַסטענס (פאַר עטליכע און אַכציג ספרים).

איך בין אַריבערגעפאָהרען צו אונזער צוג, וועלכער איז געשטאַנען הינטער'ן שטאָדט, געפונען איהם ביים אָבגאַנג קיין קאָברין. איך האָב בעשטימט צו פערבלייבען אויף די דריי טעג אין ברעסט-ליטאָווסק און גענעכטיגט ביים ד"ר שאַפּיראָ.

אויף מאָרגען פריה איז און די צייטונגען געווען אַ מעל-דונג פון קאָמענדאַנט. „היינט, דעם 3-טען, וועלען נישט זיין קיין אומזיסטע צוגען פאַר די אַרויסגעשיקטע, עס וועלען זיין נאָר צוגען מיט בילעטען. דערפאַר וועט מאָרגען און איבער-מאָרגען געגעבען ווערען צו פופצעהן צוגען".

די בעפעלקערונג, ווייזט אויס, פערלאָזט זיך נישט שטאַרק אויף די צוגען און ווער עס האָט נאָר די קלענסטע מעגליכ-קייט, פאָהרט אָב מיט פוהרען. די בעוועגונג פון די פוהרלעך

איז געוואָרען פיל שטאַרקער. איצט ציהען זיי זיך שוין איינע נאָך די אַנדערע, ווי אַנ'אָבאָז.

אין שטאָדט איז אונהיימליך, כמעט שרעקעדיג. פיל הייזער זענען שוין פוסט, פערשלאָגען. ביי די דורכגעהענדע זענען די פנים'ער פערצאָגט, פער'חושכ'ט, ביי אַנדערע פערוויינט.

די קאַטאַסטראָפע איז אַ מאוים'דיגע, אָבער דאָך איז אין איהר נישטאָ די שאַרפקייט, פערביטערונג און בעלייגונג, מיט וועלכער עס זענען דורכגעדרונגען די ספעציפישע יודישע אַרויסשיקענישען. ווי טראַגיש עס איז נישט די לאַגע, פיהלען אַלע, אי רייכע, אי אָרימע, אי קריסטען, אי יודען, אַז דאָס איז אַ פאַטאַלער מלחמה-אומגליק, אַ שווערער חוב, וועלכען עס דאַרפען אויספילען בירגער. דאָ איז נישטאָ דער שרעקליכער בעוואוסטזיין, אַז מ'טרייבט אַרויס מענשען ווי פערדעכטיגע, ווי פעררעטער, ווי פאַרכעוואַטע הינט, וועלכע געהען מיט אַראָבגעלאָזענע קעפ אונטער דעם געלעכטער, שענדונג און שפאָט פון סאָלדאַטען און דער פריווילעגירטער בעפעלקערונג, וואָס פערבלייבט און גרייט זיך צו בערויבען דאָס איבערגעבליבענע האָב און גוטס פון די אַרויסגעשיקטע. דאָ האָט דער אומגליק נישט צושיידט, נאָר דערנעהנט, בעהעפט צווישען זיך די קריסטען און יודען. מ'זוכט אַלגעמיינע הילף, מ'גיסט אויס איינע פאַר די אַנדערע דאָס ביטערע האַרץ, מ'פאַקט זיך און מ'פאָהרט אָב אויף איין פוהר, מ'טוליעט זיך איינער צום אַנדערן, ווי שכנים, ווי מענשען. ווי גרויס עס איז נישט דער אומגליק, פיהלען די יודען און זאָגען עס אַרויס, אַז ער האָט געקאָנט זיין נאָך אַ ביטערער און אַ גרעסערער, ווען ער וואָלט זיין אַ נאַציאָנאַלער.

פון אינדערפריה פליהען איבער'ן שטאָדט אַעראָפלאַנען, וואַרפען באָמבעס. פון דאַנען און דאָרט הערט זיך אַ שווערער אויפרייס. די פאַרביגעהענדע, דערזעהענדיג איבער זיך אַנ'אַעראָפלאַן, וואַרפען זיך דערשראָקען אין די טויערן, אין די הייזער—און אויף אַ מאָמענט ווערט די גאַס פוסט.

איך בין געווען אין בקור חולים, וואו עס קומט פאַר די

רעגיסטרירונג פון די נויטבעדערפטיגע. דער גרויסער הויף און ארום איהם – א טייל גאס, איז פול מיט א טויזענד מענשען, מעהרסטענטייל, פראפעסיאנעלע ארימעלייט און קאליקעס. אלע שפארען זיך צו דער טהיר, צו די פענסטער, שטופען זיך, רייסען זיך אין טהיר, שרייען און בעטען מ׳זאל זיי פערשרייבען וואס גיכער. די קאליקעס שטעלען אויס זייערע מומים און פאדערן, אז מ׳זאל זיי פערשרייבען צום ערשטען, פריהער פאר אנדערע. צוויי מיטגלידער פון קאמיטעט ארבייטען פון איינדערפריה אן. אין אוועגד וועט מען שוין קאנען צוטרעטען צום ארויסגעבען הילף. איך בין אוועק אויפ׳ן באהנהויף. דארט קומט פאר אנ׳אמת׳ער קאשמאר. דער וואקזאל, ווי גרויס ער איז, איז אינגאנצען, ביז׳ן באלקען פערלעגט מיט צעהנדליגער טויזענדער קאסטענס, קארבען, פעק און טשעמאדאנען. דעסגלייכען איז אנגעפאקט דער גאנצער פלאטפארם און א גרויסער פלאץ ארום וואקזאל. מענשען, אויפגערעגטע, פערלוירענע, אויסגעשלאגענע פון די כחות, כמעט משוגע׳נע, דרעהען זיך אום, לויפען פון ארט צו ארט, ווארפען זיך צו די טרעגער און דינער, וועלכע האבען אליין שוין אויך פערלוירען יעדע השגה. געשרייען, געבעטען, געוויין, זידלעריי—אלץ איז אויסגעמישט אין איין אומבענדליכען, דונערליכען גערודער.

ווייט פון וואקזאל, אויף א זייטיגער ליניע, האב איך געפונען א צוג פאר די ארויסגעשיקטע. נאר דאס איז א בילעטעןצוג. ער איז שוין אנגעפאקט, און עטליכע הונדערט מאן שטויסען און שטופען זיך, מיהען זיך אריינצוקלייבען. עטליכע ווייבער האבען זיך א ווארף געטהון צו מיר פרעגען, וואס זיי זאלען טהון, זיי האבען קיין בילעטען נישט געקריגען. קאנען זיי זיך זעצען אין צוג? איך האב גע׳פסק׳ענט אויף יא. האב ארומגעפרעגט די אבפאהרענדע, צוטיילט אייניגע צו עטליכע רובל, אויפגעוויזען, ווי איינצוארדנען זיך אין די טעפלושקעס.ביים עק צוג האב איך בעמערקט א סומאטאכע און צוזעגאנגען. אין צוויי וואגאנען האבען זיך בעזעצט צו פינף–זעקס קריסטען אין יעדערן און לאזען קיינעם מעהר נישט ארויף. ארום שטעהען

פיל צעהנדליגער יודען, ווייזען בילעטען, בעטען זיך רחמים, וויינען, מ׳זאָל זיי אַריינלאָזען אין די כמעט פוסטע וואַגאָנען. איך האָב גוט אָנגעשריען אויף די כוליגאַנעס און אין אַ האַלב־בער שעה אַרום זענען די ביידע וואַגאָנען געווען אָנגעפּאַקט.

אויפ׳ן באַהנהויף האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז מאָרגען פריה פאָהרט אָב דער צוג פון אונזער אָבטיילונג פון קאָברין. ער פיהרט אָב פערוואונדעטע קיין פינסק און ווייטער. כדי איג־גאַנצען נישט צו פערלירען איהם, האָב איך ביינאַכט געמוזט, צו מיין גרויס בעדויערן, פערלאָזען ברעסט־ליטאָווסק און אָב־פאָהרען קיין קאָברין.

## טז

קאָברין — אַ קליין שטעדטעל, מיט פיל גערטנער אַרום, מיט אַ דענקמאָל פון דעם ערשטען נצחון איבער די פראַנצויזען אין יאָהר 1812.

דאָס שטעדטעל איז איצט אַ צענטער פון אָבטרעטענדען מיליטער און פון אַרויסגעשיקטע און אַנטלאָפענע. די גאַסען געפּאַקט מיט דורכגעהענדען חיל און אָבאָזען, אַלע הויפען, שטאָדט־פּלעצער, פוסטע ערטער, די ברעגען פון טייך און די גערטנער זענען פערנומען מיט היימלאָזע, איבערהויפּט פויערים און פויערטעס, וועלכע טיילען זיך אויס פון דערווייטען מיט זייערע שרייענדע קאָלירטע בגדים. אומעטום שטעהען גאַנצע מחנות, זענען פונאַנדערגעלעגט שייטערס, אויף וועלכע עס קאָכט זיך עסען, טריקענט זיך וועש. עס פיטערן זיך פערד און בהמות. די פיל טויזענדיגע מחנות דערמאָהנען וואַנדערענדע נאָמאַדן, וואָס געהען אום מיט זייערע סטאַדעס פון איין אָרט צום אַנ־דערן.

נישט קוקענדיג אויף דעם שטאַרקען פלוס פון מיליטער און היימלאָזע, זענען די אָרטיגע איינוואוינער רוהיג און זיכער. אַלע קלייטען זענען אָפען און מ׳איז שטאַרק פערנומען מיט גע־

שעפּט. אַהער האָט נאָך נישט דערגרייכט דער פּחד פון מלחמה, די בעפעלקערונג פיהלט נאָך נישט די געפאַהר, וואָס רוקט זיך אָן אויפ'ן שטעדטעל. קיינער טראַכט נישט וועגען אַרויספאָהרען, אַנטלויפען, קיינעם קומט נישט אין זינען, אַז מ'קאָן אַרויסשי-קען פון דאַנען. ווי אַזוי דען? נאָך ערשט אייערנעכטען איז דאָך דאָ געווען רוהיג און שטיל—ווי וועט מען דאָס פון דער העלער הויט נעהמען און אַרויסשיקען?

אין שטאָדט איז דאָ אַ יודישער הילפס-קאָמיטעט. דער פּאָרזיצענדער, דער אָרטיגער ראַבינער, האָט מיר מיטגעטיילט, אַז דער קאָמיטעט עקזיסטירט שוין עטליכע חדשים און ווערט אויסגעהאַלטען אויף די מיטלען, וואָס די שטאָדט גיט. אין קאָ-מיטעט אַרבייט כמעט די גאַנצע יודישע יוגענד פון שטאָדט. פריהער האָט נישט געסטייעט קיין אַרבייט פאַר אַלעמען. איצט, אַז פיל יונגעלייט זענען אָבגעפאָהרען און די אַרבייט האָט זיך פערגרעסערט, כאַפּט נישט קיין הענד. די לעצטע טעג איז דער אָנפלוס פון היימלאָזע געוואָרען זעהר גרויס, עס קומען צו טוי-זענד און מעהר, טעגליך. פונדעסטוועגען קומט נאָך דער קאָ-מיטעט אויס מיט זיינע אייגענע מיטלען, גיט אַרויס ברויט און הייסע געקעכטס. אויף דעם בעקומט ער נאָר פון זעמסקי פער-באַנד צו הונדערט און צוואַנציג רובל טעגליך. נאָר עס איז אַ דוחק אין ברויט, נישט צו קריגען איהם פאַר געלד. נאָך אַ צרה: נישטאָ וואו אַהינצוטהון די היימלאָזע. אין אַלע פריוואַטע הייזער האָבען זיך שוין בעזעצט צו איינע אָדער צוויי געזינ-דען, עס איז שוין אויך פול די גרויסע שוהל און עטליכע קלויזען (די איבעריגע בתי מדרשים זענען בעזעצט מיט סאָל-דאַטען). און דאָ דאַרף מען ערוואַרטען טויזענדער אפשר צעה-נער טויזענדער היימלאָזע, איבערהויפּט פון ברעסט-ליטאָווסק. וואו טהוט מען זיי אַהין? און אָבשיקען ווייטער איז נישטאָ קיין מיטלען. אַז עס איז שוין דאָ אַ צוג, פערכאַפּען איהם קריסטען.

איך בין אַוועק מיט'ן ראַבינער אין שוהל. אַ גרויסע אַל-טע שטיינערנע שוהל, מיט פיל קלויזען אַרום, מיט אַ גרויסען הויף—און דאָס אַלץ איז געווען ממש אָנגעפּאַקט מיט היימלאָזע.

אויף יעדע צוויי קוואַדראַטע קלאַפּטער אַ געזינד מיט איהר בעל-הבתּישקייט. אויסגעמישט צוזאַמען געזונדטע און קראַנקע. און אויף אַלץ און אַלעמען ליגט דער אויסזיכט פון ביטערסטער אָרימקייט, פון פערלאָזענקייט און נויט. איך בין אין דער ערשטער מינוט פערטויבט געוואָרען פון די קולות, וואָס האָבען גערעש'ט פון אַלע זייטען, קינדיש געוויין, געשרייען, זידלערייען, טיפע הילכיגע זיפצען און אין דעם רייסט זיך אַריין דער דינער וויינענדיגער געזאַנג פון תהלים.

מ'האָט מיר דערצעהלט, אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט אַ היימלאָזע יודענע געבוירען אַ צווילינג, צוויי יונגלעך און איז געשטאָרבען פון כאָלערא. דער מאַן איהרער האָט זיך געריהרט פון זינען, איז אַנטלאָפען און פערשוואונדען געוואָרען. דער צווילינג איז געבליבען אונטער'ן אויפזיכט פון קאָמיטעט.

אונזער אָבטיילונג האָט זיך אָבגעשטעלט ביים באַהנהויף און גלייך אָנגעהויבען אויפנעהמען פערוואונדעטע צום אָבפיהרען זיי אין פּינסק. אינגאַנצען האָט זיך געפונען הונדערט און דרייצעהן פערוואונדעטע, וועלכע מ'האָט געקאָנט נעהמען פון די לאַזאַרעטען. אַזוי ווי עס זענען פערבליבען פיער פוסטע וואַגאָנען, האָב איך געבעטען טולופאָוו'ן, ער זאָל מיר ערלויבען אין די וואַגאָנען אָבפיהרען קיין פּינסק יודישע היימלאָזע. טולופאָוו איז שוין געוועזען מיט דעם ראַבינער אין שוהל, האָט געזעהן, ווי דאָרט איז אָנגעפּאַקט און האָט גלייך איינגעשטימט. איך האָב אָנגעזאָגט דעם קאָמיטעט, אַז איך קאָן מיטנעהמען הונדערט מאַן, נאָר זיי מוזען אין דריי—פיער שעה אַרום זיין מיט זייערע זאַכען ביים צוג. מ'האָט עס מיר צוגעזאָגט. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז געקומען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט און אָנגעזאָגט, אַז די פּאָליציי לאָזט נישט דורך די פוהרען מיט די היימלאָזע צום באַהנהויף. זיי איז אויסגעקומען אַרומצופאָהרען דעם וועג און איבער גערטנער, געאַקערטע פעלדער און גריבער צופאָהרען גלייך צום אָרט, וואו דער צוג איז געשטאַנען, נאָר ביי דער אַנדער זייט, אונטער אַ הויך אָנגעשאָטענעם אָרט. דערווייל איז געוואָרען נאַכט, די פוהרען האָבען זיך אין דער פינסטער גע-

וואָרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער, עס זענען אַראָבגע-פאַלען פעק און קאַסטענס, די גוי׳עשע פוהרמאַנעס האָבען זיך געשאָלטען, געזידעלט און געוואָלט אַראָבוואַרפען די זאַכען אין מיטען פעלד. ווייבער און קינדער האָבען געוויינט, געשריען. און דאָ זאָגט מען מיר אָן, אַז די פּערוואָוגדעטע זענען שוין אין די וואַגאָנען און דער צוג דאַרף אָבגעהן. אַז די פוהרען זענען שוין געקומען צום באַרג און מ׳האָט אָנגעהויבען קלעטערן צו די וואַגאָנען, איז אָנגעשטאַנען אַ נייע צרה. די קריסטליכע היימלאָזע, וואָס זענען געשטאַנען אין פעלד, נישט ווייט פון צוג, דערזעהענדיג, אַז עס זעצען זיך היימלאָזע, האָבען זיך אויך אַ לאָז געטהון צום צוג און גענומען קריכען אין די וואַ-גאָנען. קיין רייד און פערבאָטען האָבען נישט געהאָלפען. עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז די יודישע היימלאָזע זאָלען בליי-בען אין פעלד. מיט גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען דורכצוקומען מיט די קריסטען, זיי זאָלען פערנעהמען איין וואַ-גאָן און די איבעריגע דריי זאָלען בלייבען פאַר יודען. די קריסטען האָבען רוהיג, שטיל און שנעל אַרויפגעטראָגען און איינגעשטעלט אין וואַגאָן זייערע זאַכען און אַליין אַריין, פיער-אונזעכציג מענשען אין איין וואַגאָן. אַנדערש איז עס צוגעגאַנ-גען ביי די יודען. יעדער געזינד האָט געבראַכט מיט זיך אַנ׳-אונגעהויער גרויסע צאָהל פעק. און וואָסערע פעק! צו אַנדער-טהאַלבען קלאַפטער די לענג. אַ פאַבריקמאַכער האָט געבראַכט אין איין פאַק פיער הויכע שפּיגלען, אַ שניידער, צוויי ניי-מאַשינען, נאָך איינער אַ קאָמאָד, אַ בעט. מ׳האָט דאָס אָנגעהויבען טראָגען באַרג-אַרויף, צו צעהן מענשען שלעפּען איין פאַק. שרייען, שטרענגען אָן די לעצטע כוחות און אַלע צוזאַמען האָבען קיין כח נישט אַרויפצושלעפּען דעם פאַק, ווייסען נישט, ווי צו נעה-מען זיך פאַר איהם. מ׳וואַרפט זיך אום נערוועז, מ׳רעדט און מ׳שרייט אויס גאַנצע תחינות, מ׳ווייזט אַרויס אַ קרענקליכע אונ-מעכטיגקייט... און אַרום שטעהען גוים, קוקען צו די ביטערע סצענעס און לאַכען. ענדליך האָב איך געדונגען עטליכע סאָל-דאַטען און זיי האָבען אַריינגעטראָגען אַלע געפּעק. די דריי וואַ-

גאַנצע זענען געווען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז אין זיי זענען אַריין נאָר הונדערט נפשות. און אָנגעפּאָהרען זענען פּיל מעהר. לאָזען זיי מיט די קינדער מיט די זאַכען אין פעלד האָב איך נישט געקאָנט. איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק סטאַציע און מיט גרויס מיה אויסגעבעטען נאָך צוויי וואַגאָנען. אַריינגעזעצט אַלע געקו־מענע פון שטאָדט—און אום איינס ביינאַכט זענען מיר אָבגע־פאָהרען.

טולופאָוו און איוואַנאָוו זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים איינזעצען אין די וואַגאָנען די היימלאָזע. זיי האָבען זיך דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רחמנות צו די היימלאָזע, אַז זיי האָ־בען מיר צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר דער צוג וועט זיך אומקעהרען, וועלען זיי איהם אָנגעבען אינגאַנצען, אַלע עטליכע און צוואַנ־ציג וואַגאָנען, פאַר יודישע היימלאָזע.

—איצט וועלען די שלאַכטען געהן ביי ברעסט־ליטאָווסק, די פערוואונדעטע וועלען בלייבען אין ברעסט־ליטאָווסק, אַלענ־פאַלס וועלען מיר זיין אָבגעשניטען פון זיי. וועט אַ געוויסע צייט ביי אונז נישט זיין וועמען צו פיהרען, וועט איהר קאָנען אין דער צייט אויסנוצען דעם צוג פאַר אייערע היימלאָזע.

אויף מאָרגען, דעם 5־טען אויגוסט, אַכט פריה, זענען מיר געקומען קיין פינסק. איך בין אַוועק אין שטאָדט צום פאָרזי־צענדען פון יודישען הילפס־קאָמיטעט, דירעקטאָר פון דער אָב־טיילונג פון אַזאָווער באַנק, ה. הפץ. פון די ערשטע ווערטער מיט איהם האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָ איז מען נאָך זעהר ווייט פון מלחמה־שטימונגען. אין שטאָדט איז שטיל און רוהיג, נישטאָ קיין בעוועגונג, קיין מיליטער. די אָרטיגע כלל־טהוער זענען זיך צופאָהרען אויף זומער־וואוינונגען, דעם פאָריגען אָוועגד איז געווען אַ פרעהליכער, ליבהאָבערישער ספעקטאַקל, מיט אַ פאַטריאָטיש־וואָלטהעטיגען ציל, אויף וועלכען ה׳ חפץ האָט ביז שפעט פערבראַכט. בקצור—דאָס געוועהנליכע פראָווינציעלע לעבען. אין שטאָדט איז דאָ אַ יודישער הילפס־קאָמיטעט, נאָר ער אַרבייט כמעט נישט. קיין היימלאָזע לאָזט מען נישט אַריין אין שטאָדט. אָרגאַניזירען אַ שפייז־פונקט פאַר די דורכפאָהרענדע

אויפ'ן וואָקזאַל האָט ביז איצט די אַדמיניסטראַציע נישט ער-לויבט. איצט האָט זי ערלויבט, נאָר מ'האָט נישט איינגעאָרדענט.

ה' חפץ האָט צונויפגעקליבען דעם קאָמיטעט. איך האָב פאָרגעלעגט איבערצולאָזען דאָ די היימלאָזע. דער קאָמיטעט האָט איינגעשטימט אויפצונעהמען זיי, נאָר איז נישט זיכער געווען, אַז ער וועט זיי קאָנען ברענגען אין שטאָדט. קומענדיג אויפ'ן באַהנהויף, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מ'נעהמט דאָ נישט צו ביי אונז די פערוואונדעטע: מ'שיקט אונז מיט זיי קיין האָמעל. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט די היימלאָזע און זיי האָבען איינגעשטימט און פאָהרען קיין האָמעל.

איך האָב שוין פריהער דערמאָהנט, אַז אין ברעסט האָב איך בעשטעלט צעהן קאַסטענס פאַר די ספרי תורות פון שוהל. אָנשטאָט צעהן האָט דער טישלער פאַרטיג געמאַכט נאָר צוויי, אין וועלכע איך האָב איינגעפּאַקט זעכצעהן ספרי תורות. איין קאַסטען האָב איך אָבגעשיקט דעמאָלט קיין קאָברין. דעם צוויי-טען האָב איך מיטגענומען און איבערגעלאָזען אין פינסק די גבאים פון שוהל.

פאַר די עטליכע שעה, וואָס מיר זענען געווען אין פינסק, זענען אָהן מיין וויסען, צוגעקומען אין די וואַגאָנען עטליכע צעהנדליג קריסטליכע היימלאָזע. אויף עפּיס אַ סטאַציע האָט מען, ווייטער אָהן אונזער וויסען, צוגעקייקעלט צו אונזער צוג דריי וואַגאָנעס מיט אַרויסגעשיקטע דייטשע קאָלאָניסטען. איך האָב געפיהרט מיט זיך פון קאָברין ברויט און צוקער—און האָב עס געטיילט גלייך ווי יודען, אַזוי קריסטען. פאַר קינדער האָב איך געהאַט ווייס ברויט און געקויפט אויף די סטאַציעס מילך.

צווישען די יודישע היימלאָזע זענען, חוץ אַרויסגעשיקטע פון ברעסט-ליטאָווסק, געווען עטליכע צעהנדליג געזינדען פון וולאָדאַווא, פון פוילען. די ברעסט-ליטאָווסקער האָבען זיך דעם גאַנצען וועג געקריגט מיט די פוילישע, איבערהויפּט האָבען די ווייבער געזידעלט זיך מיט איינאַנדער. אַז איך האָב זיי אויפ-געוואָרפען, אויפווייזענדיג, אַז אי ליטווישע, אי פוילישע יודען זענען גלייך יודען און נישטאָ וואָס צו טיילען זיך מיט יחוס,

האָבען אי די, אי יענע, געאיילט און הייס איינגעשטימט מיט מיר—און אין אַ שעה אַרום ווייטער געקריגט זיך.

אין איין וואַגאָן זענען געווען צוויי קראַנקע פרויען. אַ שרעקליך אָבגעצעהרט מיידעל, וועלכע האָט נישט געקאָנט אויפנעהמען קיין עסען און איז די גאַנצע צייט געלעגען און געקרעכצט, און אַ פרוי, ביי וועלכער עס זענען געווען קאָנוואולסיעס און היסטערישע אויסגעשרייען. די איבעריגע פרויען פון דעם וואַגאָן, האָבען ביי יעדען אָבשטעלען זיך געבעטען, איך זאָל צונעהמען די קאָנוואולסירענדע קראַנקע פון זייער וואַגאָן, ווייל די קינדער שרעקען זיך פאַר איהר. נאָר וואוהין האָב איך זי געקאָנט צונעהמען?

באַלד ווי מיר זענען אָבגעפאָהרען פון פינסק אויף דעם ערשטען אויפהאַלט, האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז איינער פון די היימלאָזע, אַן׳עלטערער יוד פון וואָלאָדאַווא, לאַנדא, איז מיט אַמאָל געפאַלען און ליגט אָהן בעוואוסטזיין. איך בין אַוועק אַהין. דער קראַנקער האָט אויסגעזעהן ווי אַ זקן פון זיבעציג יאָהר, און געהאַט האָט ער נאָר אַכטאונפערציג יאָהר. ער איז געווען אַ קרעמער, געהאַט מיט זיך דעם גאַנצען פערמעגען, הונדערט רובל, האָט מען זיי ביי איהם אין קאָברין אין שוהל צוגע׳גנב׳עט און דאָס האָט איהם שרעקליך ערשיטערט. היינט, עסענדיג ברויט מיט קאָנפיטורען, איז ער מיט אַמאָל געפאַלען אויף דער ערד אָהן בעוואוסטזיין. איך האָב איהם געפונען אַ ליגענדיגען מיט צוגעמאַכטע אויגען אָהן בעוועגונגען. ער האָט שוואַך געמאַכט מיט די ליפען, אויסשפּייענדיג קאָנפיטור-שטיינדלעך, וואָס זענען פערבליבען אין מויל. דער אַרצט פון אונזער צוג, פרוי שאַפּיראָ, וועלכע האָט נאָר וואָס געענדיגט און אינטערעסירט זיך נישט אַזוי מיט מעדיצין, ווי מיט דער פראַגע, ווי אַזוי גיכער צו שמד׳ן זיך, כדי חתונה צו האָבען פאַר אַ פערוואונדעטען לופט-פליהער, וועלכען מיר האָבען מיטגעפיהרט,—האָט אַ טאַפּ געטהון ביים קראַנקען דעם פולס און געפונען, אַז ער דרעמעלט און מ׳דאַרף איהם לאָזען צורוה. און ביינאַכט איז ער, נישט קומענדיג צו זיך, געשטאָרבען.

אינדערפריה האָב איך געפונען דעם טויטען אינמיטען וואַגאָן אויף דער ערד. אַרום זענען געשטאַנען דאָס ווייב מיט פיער קינדער און שטיל געוויינט. עס האָבען געוויינט אויך די איבעריגע, וואָס האָבען זיך געפונען אין וואַגאָן. געדענקענדיג, ווי מיט אַ טאָג פריהער האָט מען מיך נישט געלאָזט רוהען, איך זאָל צונעהמען די קראַנקע יודענע, וועלכע נערווירט איהרע שכנים, האָב איך בעשטימט איצט אַריבערצוזעצען אין די אַנדערע וואַגאָנען די אַלע, וואָס האָבען זיך געפונען אין וואַגאָן, וואו דער טויטער איז געלעגען. נאָר צו מיין פערוואונדערונג, האָט קיינער נישט געוואָלט אַוועקגעהן. „מיר זענען צוזאַמען מיט איהם געפאָהרען מיט אַ לעבעדיגען, וועלען מיר איהם נישט פערלאָזען אַ טויטען”,—האָבען זיי געענטפערט.

אין האָמעל האָט מען זיך אויך אָבגעזאָגט צונעהמען ביי אונז די פערוואונדעטע און געהייסען פאָהרען קיין ראָהאָטשאָוו, וואו עס זענען געווען קאָנצענטרירט פיל לאַזאַרעטען. די היימלאָזע האָב איך אָבער בעשטימט איבערצולאָזען דאָ.

אין האָמעל האָט זיך דער יודישער הילפס-קאָמיטעט אַרויסגעוויזען זעהר אַנ'אַקטיווער. ער האָט איינגעאָרדענט און אָרגאַניזירט הילף פאַר דורכפאָהרענדע היימלאָזע, וועלכע געפינען זיך אין שטאָדט און שפייזט די צעהנדליגער טויזענדער היימלאָזע, וואָס געהען פאַרביי האָמעל. ווי אין אַנדערע ערטער, האָט מען דאָ פריהער נישט ערלויבט צו אָרגאַניזירען שפייז-הילף פאַר די דורכפאָהרענדע יודען. איצט האָט מען עס ערלויבט און אויפ'ן וואָקזאַל געפינען זיך שטענדיג פאָרשטעהער פון קאָמיטעט, וועלכע בעגעגענען יעדען צוג מיט היימלאָזע.

די קאָמיטעט-פאָרשטעהער האָבען געשווינד אויסגעלאָדען די וואַגאָנען, אַראָבגעזעצט די היימלאָזע יודען און קריסטען. אין דערזעלבער צייט האָט מען געגעבען צו וויסען אין חברה קדושה, מ'זאָל שיקען נאָך דעם טויטען.

מיר האָבען קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיגען דאָס אויספאַקען, ווי מ'האָט אונז אָנגעזאָגט פון קאָמענדאַנט, אַז עס איז דאָ אַ פעראָרדנונג נישט צו לאָזען אין שטאָדט קיין היימ-

לאָזע. זיי מוזען אַלע אָבגעשיקט ווערען: קריסטען אין טשערני־גאָווער און יודען אין פענזער גובערניע. די היימלאָזע קריסטען, די אוקראַינער און דייטשע קאָלאָניסטען, האָבען עס אויפגענו־מען רוהיג—אין טשערניגאָווער גובערניע, איז אין טשערניגאָ־ווער. און איך האָב זיי איבערגעגעבען אין רשות פון קאָמענ־דאַנט. די יודען אָבער, זענען געווען אויסער זיך פון פער־צווייפלונג. זיי האָבען גערעכענט צו פערבלייבען אין האָמעל אָדער אין דער סביבה, נעהנטער צו דער היים, אויף דעם פאַל, אויב מ׳וועט זיך אין גיכען קאָנען אומקעהרען. דערצו נאָך האָט זיי דערשראָקען די פערספעקטיוו צו פאָהרען אין אַ גאַנץ אומ־בעקאַנטער געגענד, וואו עס זענען נישטאָ קיין יודען און וואו זיי וועלען אפשר קיין שום פּאַסענדע אַרבייט נישט געפינען. איך בין אַוועק צום קאָמענדאַנט פועל׳ן, מ׳זאָל זיי לאָזען דאָ, נאָר עס האָט נישט געהאָלפען. אין דער צייט איז געקומען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט און מיטגעטיילט, אַז אין אָוועגד געהט אָב אַ צוג מיט יודישע היימלאָזע אין טאַווריער גובערניע און עס איז מעגליך מיט דעמזעלבען צוג אָבצושיקען אויך די, וואָס איך האָב געבראַכט. די היימלאָזע האָבען מיך אַרומגערינגעלט און געבעטען איך זאָל זיי אַנ׳עצה געבען. אין טאַווריער גובער־ניע דאַרף מען אָבפאָהרען אין עטליכע שעה אַרום, אויב אָבער אין פענזער, קאָנען זיי פערבלייבען אויף אַ פּאָר טעג אויפ׳ן וואָקזאַל און אָברוהען. איך האָב גע׳עצה׳ט פאָהרען אין טאַווריער גובערניע. דאָרט איז גרינגער צו קריגען אַרבייט און דער קאַנט איז אַ יודישער. דער לעצטער אַרגומענט האָט זיך אַרויסגעווי־זען אַלס אַ וויכטיגסטער: נאָר זיין צווישען יודען! און אַלע האָבען איינגעשטימט. „מיר פאָלגען אייך, ווי אַנ׳אייגענעם פאָ־טער. מיר פאָהרען אין טאַווריער גובערניע!" האָבען זיי מיר געזאָגט מיט טרעהרען.

אינגאַנצען זענען געווען הונדערט אַכטאונצוואַנציג היימ־לאָזע (צווישען זיי דרייאונפופציג קינדער). די קראַנקע פרויען האָט מען באַלד אָבגעפיהרט אין יודישען שפּיטאָל. אין האָמעל זענען פערבליבען זייערע געזינדען און די אלמנה מיט די

יתומים פון פערשטאָרבענעם לאַנדא, סך הכל איינאונצוואַנציג נפשות, - די איבריגע הונדערט און זיבען, זענען אָבגעפּאָהרען אין טאַוורער גובערניע.

אונזער צוג מיט די פּערוואונדעטע איז אַוועק ווייטער. ווי נאָר ער האָט זיך געריהרט פון אָרט, האָבען זיך פון איין וואַגאָן דערהערט האַרצרייסענדע געשרייען. איך בין אַראָבגעשפּרונגען און דערזעהן, אַז דער טויטער לאַנדאָ איז פערבליבען אין וואַגאָן. ער איז געלעגען אויף דער ערד מיט אַ ליכט צוקאָפּענס. אַרום איהם זענען געשטאַנען דאָס ווייב מיט די קינדער און ביטערליך געשריען. מיר האָבען אָבגעשטעלט דעם צוג. די חברה קדושה האָט געאיילט צוגענומען און אַוועקגעטראָגען דעם מת. די וויינענדע און שרייענדע יודען, די דערשראָקענע מענשען פון חברה קדושה, וואָס זענען געלאָפען מיט'ן מת—דאָס אַלץ האָט די סאָלדאַטען און קריסטען, וואָס זענען געשטאַנען אויפ'ן פּלאַטפאָרם, אויסגעוויזען מאָדנע און קאָמיש. אייניגע זענען געווען גרייט צוצולאַכען זיך. נאָר מ'האָט זיך פונדעסטוועגען אָבגעהאַלטען: די מיסטיק פון טויט האָט גובר געווען.

שפּעט ביינאַכט זענען מיר געקומען קיין ראָהאַטשאָוו און איבערגעלאָזען דאָרט די פּערוואונדעטע. צוריק האָט מען אונזער צוג אָבגעשיקט אויף אַנ'אַרומיגען וועג, איבער מינסק, באַראַנאָוויטש, זשאַבענקאָ.

אין מינסק האָב איך געטראָפען דיזעלבע רוהיגע שטימונג, ווי אין פּינסק. אַ פּאָר שעה בין איך אַרומגעגאַנגען פון איין מיטגליד פון קאָמיטעט צום אַנדערן און איינעם נישט געפונען. אַלע זענען זיי געווען אויף זומער־וואוינונגען. דער חלוק פון פּינסק איז נאָר דער, וואָס דאָ געפינען זיך פיל טויזענדער היימלאָזע.

אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט אויפ'ן באַהנהויף צו אונזער צוג, האָט דער בעפולמעכטיגטער, איוואַנאָוו, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פון שטאַב, מיטגעטיילט, אַז די סטאַוקע קלייבט זיך אַריבער פון ראָוונא קיין מאָהילעוו, אַז מ'ערוואַרט דעם קיסר'ס דורכפאָהר און אַז דער שטאַב פון דער דרייצעהנ־

טער אַרמעע, געהט אַריבער פון קאָברין קיין ווילנאָ. ביז די אַלע אַריבערפאָהרונגען וועלען זיך נישט ענדיגען, וועט זיין אָבגעשטעלט יעדע בעוועגונג אויף דער ליניע און דעריבער וועט אונזער צוג דאָ פערבלייבען עטליכע טעג, אפשר אַ וואָך.

דערצעהלענדיג דאָס, האָט איוואַנאָוו זיך געקאָכט.

—ווי געפעלען אייך די לייט פון שטאַב! זיי האָבען אפילו נישט אַ קוק געטהון מיינע פאַפּירען, נישט געפרעגט ווער איך בין און גלייך דערצעהלט מיר אַזעלכע שטרענג געהיימע סודות! עס איז משוגע צו ווערען!

און אין דערזעלבער צייט האָט איוואַנאָוו אָט די שטרענג געהיימע סודות אָפען דערצעהלט פאַר'ן גאַנצען פערסאָנאַל פון אָבטיילונג.

ביינאַכט בין איך געזעסען מיט אַ סאָלדאַט. אַ סאַניטאַר פון אונזער אָבטיילונג. ער האָט זעהר אינטערעסאַנט איבערגעגעבען זיינע איינדרוקען פון דער יאַפּאָנער מלחמה, אין וועלכער ער האָט גענומען אָנטייל. ער האָט געהאַט זעהר זאַפטע אויסדריקען.

—מ'האָט מיך געשטעלט אויפ'ן וואַך. דער פראָסט ברענט. איך בין געשטאַנען און „צוגעזאָדען" געוואָרען צו דער ערד. נאָך אַ וויילע—און אויס! נאָר, אַ דאַנק גאָט, מ'איז געקומען און מ'האָט מיך „אָבגעבראָכען".

מיר זענען אין מינסק אויך „צוגעזאָדען" געוואָרען. נאָר אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען אונזער צוג „אָבגעבראָכען".

אין מינסק האָב איך נישט געקראָגען קיין בריוו פאַר די קאָברינער היימלאָזע. דער קאָמענדאַנט האָט מיר אַנ'עצה געגעבען צו טעלעגראַפירען אין באַראַנאָוויטש אין דער אינטענדאַנטישער בעקערייַ, מ'זאָל דאָרט צוגרייטען פאַר מיר ברויט. איך האָב טעלעגראַפיש געבעטען צוגרייטען צוויי הונדערט פוד קאָרנברויט און פינפאונצוואַנציג פוד ווייצענס.

אין מינסק האָט מען מיר דערצעהלט, אַז אין ברעסט־ליטאָווסק האָט מען, אָנשטאָט די צוגעזאָגטע דרייסיג צוגען פאַר די אַרויסגעשיקטע, געגעבען נאָר דעם לעצטען טאָג דריי צוגען־

אין באַראַנאָוויטש האָט מען מיר פון אינטענדאַנטסטוואָ, אָנשטאָט די פעראָרדענטע צוויי הונדערט פינפאונצוואַנציג פוד ברויט, אַרויסגעגעבען נאָר הונדערט פוד קאָרענעם און פופצעהן פוד ווייצענעם, אי דאָס, שלעכט אויסגעבאַקענעם ברויט.

אונזער צוג איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. האָט דורכגעלאָזען צעהנדליגער צוגען מיט קריסטליכע היימלאָזע פון אַלע זייטען. אין איין צוג האָב איך בעמערקט כמעט דורכאויס בעאַמטע, דאָס זענען געווען פּאָסט-בעאַמטע פון ביאַליסטאָק. ס'האָבען עוואַקואירט פון דאָרט אַלע פּאָסט-אַנשטאַלטען.

—וואָס הערט זיך אין ביאַליסטאָק?—האָב איך זיי געפרעגט?

—כמעט אַלע פונאַנדערגעפאָהרען זיך, חוץ „זשידעס“. זייער צאָהל האָט זיך נאָך פערמעהרט אין שטאָדט.

—מסתמא היימלאָזע פון אַרומיגע ערטער?

—ווער ווייסט? נאָר זיי פערקויפען גאָרנישט. נישט צו קריגען נישט קיין מעהל, נישט קיין צוקער. זיי בעהאַלטען.

—אפשר האָבען זיי נישט? אויספערקויפט?

—אַ קאָזאַק האָט געמאַכט אונטערזוכונגען, האָט ער אין צוויי יודישע קלייטען געפונען צוויי הונדערט פוד צוקער.

## יז

אום צעהן פריה, בשעת אונזער צוג איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַציע זשאַבענקאָ, האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ שטאַרקער אויפרייס-קלאַפּ, פון וועלכען אונזער וואַגאָן האָט אַ ציטער געטהון און גלייך נאָך דעם אַ צווייטער, פיל שטאַרקערער, ווי אַ הילכיגער דונער-קלאַפּ. אונזער וואַגאָן האָט זיך שטאַרק אַ בויג געטהון אָן אַ זייט, אַ ריס געטהון פאָראויס און האַסטיג אָבגעשטעלט זיך. דאָס קליינע פענסטערל איז געווען אויסגעבראָכען, אין וואַנד איז געווען דורכגעריסען אַ לאָך. מיר האָבען קיין צייט נישט געהאַט קומען צו זיך, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי: „אַ שרפה!“ און מיר האָבען דערזעהן אַנט-

קעגען זיך, אויף דער צווייטער ליניע, אַ בענזין־ציסטערן אינ־גאַנצען אַרומגענומען מיט אַ רויטען פלאַם. אונזער צוג האָט זיך ווידער האַסטיג אַ ריס געטהון, אָבגעלאָפען עטליכע צעהנדליג קלאַפטער און אָבגעשטעלט זיך געגען וואָקזאַל.

מיר זענען געאיילט אַרויסגעשפרונגען פון וואַגאָן. עס האָט זיך שוין געפונען עמיצער, וואָס האָט „אַליין געזעהן", ווי אַ סאָלדאַט האָט געטראָגען עטוואָס, אַריינגעלאָזען און דאָס האָט אויפגעריסען. באמת אָבער איז דער אויפרייס און די שרפה גע־קומען פון גראַנאַטען, אַראָבגעוואָרפענע פון דייטשע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבען זיך געטראָגען איבער דער ליניע.

עס האָבען געברענט צוויי ציסטערנעס און עס זענען גע־שטאַנען אין געפאַהר די איבעריגע זיבען פון זעלבען צוג. חוץ דעם האָבען יעדע מינוט געקאָנט זיך אָנכאַפּען פיער וואַגאָנען מיט סנאַריאַדען און אויפרייס־מאַטעריאַל, וואָס זענען דערביי געשטאַנען. די באַהן־בעאַמטע האָבען זיך אומגעוואָרפען צורודערט, זוכענדיג אַ לאָקאָמאָטיוו, וועלכער זאָל אָבפיהרען די ציסטערנעס און די וואַגאָנען מיט אויפרייס־מאַטעריאַלען פון געפעהרליכען אָרט. ביז מען האָט געקראָגען אַ לאָקאָמאָטיוו, האָבען זיך אַ מענשען פופציג אַ לאָז געטהון צו די ברענענדע ציסטערנעס, מיט גרויס מיה אָבגעקייטעלט פינף פון זיי און מיט די פלייצעס אָבגעקייקעלט. אַן אָנגעקומענער לאָקאָמאָטיוו האָט אָבגעפיהרט די וואַגאָנען מיט אויפרייס־מאַטעריאַלען.

דער ערשטער פון די צוויי אַראָבגעוואָרפענע גראַנאַטען האָט געטראָפען אין אַ פּאַסאַזשיר־וואַגאָן, וואו עס האָבען זיך געפונען באַהן־בעאַמטע. מ'האָט אַרויסגעטראָגען פון צובראָכענעם און ברענענדען וואַגאָן עטליכע גע'הרג'עטע און פערוואונדעטע. פאַרביי מיר האָט מען פאַרבייגעטראָגען אַן עלטערן מענשען מיט צוריסענע העמד און מיט אַ שרעקליכער וואונד אין אַקן, פון וואַנען עס האָט געגאָסען בלוט. דער פערוואונדעטער האָט מיט פערצווייפלונג געשריען:

—האָט רחמנות, ראַטעוועט פון וואַגאָן מיין ראָק, דאָרט איז הונדערט פינפאונזיבעציג רובל, וועלכע איך האָב גאָר־וואָס

בעקומען געהאַלט.

דאָס פייער האָט שוין געהאַט אַרומגעכאַפּט אַלע פיער ציסטערנעס און געאַרבייט מיט אַ שרעקליכען אימפּעט. דאָס בילד איז געווען אַ פאַנטאַסטישעס. גלייך פון די ציסטערנעס הויבען זיך אויף גרויסע צונטער-רויטע קנוילען פייער, קייקלען זיך איבער פלאַסטיש און גיך און פון זיי קייקלען זיך אַרויס אַנדערע קנוילען, אויך אַזעלכע גרויסע און פלאַמענדיגע, נאָר וואו נישט וואו בעדעקטע מיט שוואַרצע פלעקען און פינטלען. און איבער זיי נאָך קנוילען, שוין מעהר שוואַרצע, אין וועלכע דער פייער ווייזט אויס ווי רויטע פלעקען אויף אַ שוואַרצען פאָן. און אַזוי קייקלען זיך אַרויס איינע פון די אַנדערע צעהנדליגער דיקע קנוילען, ביז זיי ווערען גאַנץ שוואַרץ און פעט און פערוואַנדלען זיך אין אַ סלופּ רויך, וועלכער ציהט זיך הויך־הויך, פערבויגט זיך, פערשפרייט זיך און ציהט זיך אויס אויף וויאָרסטען לאַנג, ווי אַ שוואַרצער טוך.

מיט אַמאָל דונערט אויף אַ נייער אויפרייס, אַ שטאַרקערער ווי די פאָריגע. קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער קומט. אַז די פּאַניק ווערט שטיל, בעמערקט מען, אַז די ערשטע ציסטערנע, וואו דער בענזין האָט אויסגעברענט, האָט זיך, פון די גאַזען, אַראָבגעריסען פון פּלאַטפאָרם מיט די רעדער און אָבגעוואָרפען געוואָרען פאַר פופציג קלאַפטער. באַלד דערוואוסט מען זיך, אַז דערביי זענען צוויי מענשען גע׳הרג׳עט. איך בין צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו די אַראָבגעריסענע ציסטערנע איז געפאַלען. נעבען איהר זענען געלעגען צוויי הרוגים. איינער אַ בעיאָהרטער מענש, כּמעט אַ הוילער—די בגדים זענען פון אויפרייס פערברענט געוואָרען,—איז געלעגען מיט׳ן פּנים אין אַ קאַלוזשע בלוט, אין זייט איז געווען אָפען אַ ברייטע וואונד, פון וועלכער עס האָבען אַרויסגעשטעקט די אַרומגעברענטע איינגעווייט. איין פוס און איין האַנד זענען געווען ווי מיט אַ מעסער אָבגעשניטען און געלעגען אָבגעוואָרפען אָן דער זייט. אַ ביסעל ווייטער איז געלעגען אַ יונגעל מיט אַ האַלב אַראָבגעריסענעם קאָפּ. איך האָב

בעמערקט, אַז די האָר ביים עלטערן זענען אין קליינינקע גרויע גרייזעלעך, ווי ביי אַ נעגר. צוגעקוקט זיך, האָב איך פערשטאַנען, אַז זיי זענען אין אַ הרף עין פערברענט געוואָרען און דאָס אַש האָט זיך פערוויקעלט אין גרייזעלעך.

אַרום דריי ביי טאָג זענען מיר אָבגעפאָהרען קיין קאָברין. נאָר אָבפאָהרענדיג פינף וויאָרסט, אָבגעשטעלט זיך. מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז פאַר אונז געפינען זיך עטליכע צעהנדליג צוגען, וועלכע רוקען זיך פאַמעליך צו קאָברין. יעדע דריי-פיער שעה האָבען מיר זיך צוגערוקט אויף אַ וויאָרסט. פאַר אַ מעת-לעת זענען מיר אָבגעפאָהרען צוואַנציג וויאָרסט. ביז קאָברין איז געבליבען זעקס וויאָרסט. איך בין אַוועק אַהין צופוס. דער גאַנצער וועג, ביז קאָברין, האָט אויסגעוויזען ווי אַ נאָמאַדען-לאַגער. טויזענדער סאָלדאַטען, פויערים און פויערטעס, זענען געזעסען ביי ביידע זייטען וועג, געקאָכט וואַרמעס. אויף דעם שטח פון אַ האַלבען וויאָרסט זענען ביים אַראָבנידערונג פון דער באַהן-ליניע געלעגען צובראָכענע, צוקריפעלטע, פערברענטע וואַגאָנען און עס האָבען זיך געוואַלגערט גאַנצע הויפענס אָפיציעלע פאַפירען, טעלעגראַמען. מיט צוויי טעג צוריק איז דאָ פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס פון אַ פאָסט-צוג מיט אַ סאַניטאַרען-צוג. דערביי זענען פינפאונדרייסיג מענשען גע׳הרג׳עט געוואָרען און פיל פערוואונדעט.

אין קאָברין אויפ׳ן וואָקזאַל האָב איך געטראָפען טולופאָוו׳ן. ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז ביי איהם איז געוועזן דער ראַבינער, זיי זענען צוזאַמען געוועזן אין קאָמיטעט פון פערבאַנד פון שטעדט און אויסגעפיהרט, דער קאָמיטעט זאָל אָרגאַניזירען הילף פאַר די יודישע היימלאָזע. געוועזן איז ער מיט דעם ראַבינער אויך אין שוהל און ערשיטערט געוואָרען פון דעם, וואָס ער האָט דאָרט געזעהן. טויזענדער היימלאָזע זענען איינגעפרעסט אין שוהל און אויפ׳ן שוהל-הויף. צווישען זיי זענען דאָ פיל כאָלערא-קראַנקע. די קראַנקע און די טויטע ליגען צוזאַמען מיט די געזונדטע. אַנ׳אמת׳ער גיהנום.

פון טולופאָוו׳ן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דערוויל

קומען נישט אָן פון פראָגט קיין פערוואונדעטע און איך האָב איהם געבעטען, אַז ער זאָל מיר געבען דעם צוג, ווי נאָר ער וועט אָנקומען, כּדי ווידער אָבצופיהרען אַ פּאַרטיע יודישע היימלאָזע.

—איהר ווייסט דאָך,—האָט ער מיר געענטפערט,—אַז איך געה שטענדיג מיט אייערע פאָרשלאָגען. איך רעכען, אַז עס וועט נישט זיין קיין שום מניעה, איך זאָל אייך קאָנען געבען דעם צוג. נאָר, פערשטעהט זיך, איהר וועט, ווי דעם פאָריגען מאָל, אויפנעהמען נישט בלויז יודען, נאָר אויך קריסטען?

—זעלבסטפערשטענדליך, — האָב איך געענטפערט. — אָבער איהר מוזט נעהמען אין אַכט, אַז די וועג-הוצאות דעק איך פון דעם געלד פון יודישען הילפס-קאָמיטעט, וועלכעס איך קאָן אויסנוצען נאָר פאַר יודישע היימלאָזע. אויב איך וועל אויפ-נעהמען אין צוג קריסטליכע היימלאָזע, וועט איהר זיך דאַרפען בעמיהען קריגען פון וועלכען עס איז אַנשטאַלט מיטלען אויף זייערע הוצאות.

—אַך! צוליב וואָס מאַכט איהר אַ חלוק צווישען יודען און קריסטען!—האָט טולופּאָוו אויסגערופען מיט צער.

—נישט איך מאַך דעם חלוק, אַנדערע מאַכען איהם. יע-דען טאָג געהען דורך צעהנדליגער צוגען מיט היימלאָזע און צווישען זיי איז קיין איין יוד נישטאָ. יודען לאָזט מען נישט אַריין אין די צוגען. דאָ, דער קאָמענדאַנט פון סטאַציע ער-לויבט נישט אַ יודען צוגעהן נאָהנט צום באַהנהויף.

—אַלץ אמת! אָבער דאָס טהוען דאָך זיי און מיר האַל-טען, אַז זיי טהוען נישט גוט, נישט מענשליך. פאַרוואָס זשע ווילט איהר זיי נאָכטהון? יודען, קריסטען—אַלץ דיזעלבע אומ-גליקליכע היימלאָזע מענשען.

—דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען די היימלאָזע, וועלכע זענען פאַר מיר אויך גלייך אומגליקליכע,—האָב איך געענט-פערט,—נאָר וועגען דעם, וועלכע הילפס-קאָמיטעטען דאַרפען וועמען העלפען. איך האָב נאָך נישט געזעהן, אַז אַ ספּעציעל רוסישער הילפס-קאָמיטעט (און אַזעלכע זענען דאָ), זאָל אויס-

העלפען יודען. און חוץ אַלץ, ווען איך וואָלט אפילו זיין איינ־שטימיג מיט אייך, וואָלט איך אויך נישט געקאָנט אָהן אַנ׳ער־לויבעניש פון יודישען הילפס־קאָמיטעט אויסגעבען זיין געלד אויף קריסטליכע היימלאָזע.

דער ראַבינער האָט געדאַרפט קומען אויפ׳ן וואָקזאַל צו טולופאָוו׳ן, נאָר ער איז נישט געקומען און איך בין אַוועק אין שטאָדט צו איהם. די בעוועגונג אין די גאַסען איז געווען אַנ׳־אונגעהויערע. דאָס געוועהנליכע בילד פון אַ געאיילטען מילי־טערישען ריקצוג.

צוזאַמען מיט׳ן ראַבינער זענען מיר אַוועק אין שוהל. דאָס, וואָס כ׳האָב דאָרט געזעהן, איז באמת געווען קאָשמאַריש. אין שוהל, צווישען עטליכע צעהנדליגער אָרון קודש׳ן מיט ספרים, געבראַכטע אַהער פון אַלע שטאָדט־קלויזען און בתי מדרשים; צווישען פיל צעהנדליגער קאַסטענס, פעק און פעקלעך, זענען געשטאַנען און געלעגען אויף דער ערד פיל הונדערטער מענ־שען, עלטערע און קינדער, פשוט צונויפגעפרעסטע. אַ שטויסע־ניש, געשרייען, אַ געוויין פון קינדער, אַ שאַרפער עפוש גערוך און אַ שרעקליכע אומריינקייט. אין דער ערשטער מינוט בין איך פערדולט געוואָרען און מיר איז שפל געוואָרען פון גערוך.

אין מזרח־וואַנד, אין ווינקעל, ליגט אויף דער ערד אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צעהן. דאָס פּנימ׳ל איז ביי איהר איינגאַנ־צען בלוי. נעבען איהר שטעהט אַנ׳עלטערע יודענע און וויינט.

—וואָס איז איהר?—פרעג איך.

—דער בייכעלע...—ענטפערט וויינענדיג די מוטער.—מ׳וואָלט אפשר געקאָנט ברענגען אַ דאָקטאָר?...

—כאָלערא,—רוימט מיר איין דער ראַבינער און ווייזט מיר אַ גאַנצע רייה קראַנקע, וואָס ליגען נאָך דעם מיידעלע. עטליכע פון זיי זענען אַריבערגעדעקט איבער׳ן קאָפּ. דאָס זע־נען געשטאָרבענע. נישט ווייט פון זיי ליגט אַ קינד מיט אַ רויט ברענענדיג פּנימ׳ל פון היץ: מאָזלען.

—איז דען נישטאָ וואוהין אָבצופיהרען די קראַנקע?—פרעג איך דעם ראַבינער.

—נישטאָ. דער שפּיטאָל איז פערנומען דורך מיליטער, אין ערגיץ געהמט מען נישט צו קיין פּריוואַטע קראַנקע, בפרט כאָלערנע.

—אפשר וואָלט מען זיי געקאָנט אַריבערפיהרען אין אַ בית-המדרש?

—די בתי-מדרשים און קלויזען זענען געווען פערנומען דורך מיליטער. איצט האָט מען זיי בעפרייט און דאָרט האָבען זיך בעזעצט די געזינדען פון יודישע שוסטער און לעדער-אַר-בייטער, וועלכע אַרבייטען אין די אינטענדאַנטישע ווערקשטאַטען.

דערוויסענדיג זיך, אַז איך בין פון הילפס-קאָמיטעט, רינג-לען מיך אַרום צעהנדליגער היימלאָזע, יעדער מיט זיין בקשה.

—מ'וואָלט בעדאַרפט אַ טייל פון די היימלאָזע בעזעצען אין שטאָדט, אין וועלכע עס איז הייזער. וועלען זיך דען נישט געפינען עטליכע דירות?—פרעג איך דעם ראַבינער.

—עס וואָלט זיך געוויס געפינען,—ענטפערט מיר איינער פון די היימלאָזע,—אָבער מ'קאָן דאָך נישט אַרויסגעהן אין גאַס.

—פאַרוואָס?

—מ'שלאָגט, מ'הרג'עט יודען! איצט איז דאָ אַ „נאַבאָר״ פון די, וואָס דאַרפען זיך שטעלען אין 1917 יאָהר. געהען אום אי-בער'ן גאַס די „נאָוואָבראַנצעס״ שכור'ע און שלאָגען יודען, ווע-מען זיי טרעפען נאָר, מ'שלאָגט אפילו די יודישע נאָוואָבראַנ-צעס. מ'האָט זיך געקלאָגט דעם וואָינסקי נאַטשאַלניק. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, מ'זאָל נישט שלאָגען, נאָר עס העלפט נישט.

אויפ'ן גרויסען שוהלהויף איז דאָסזעלבע בילד ווי אין שוהל. דאָ געפינען זיך עטליכע טויזענד מאַן. אין עטליכע ער-טער זענען פונאַנדערגעלעגט שייטערס, מ'קאָכט עסען. אַנ'עכטער לאַגער.

אַלע וויסען, אַז איך האָב געדאַרפט ברענגען ברויט און פון אַלע זייטען שטעהט מען צו צו מיר: וואו איז דאָס ברויט? אין שטאָדט איז נישט צו קריגען פאַר געלד נישט קיין ברויט, נישט קיין מעהל. מיט גרויס מיה האָט מען נעכטען געקראָגען

דרייסיג פוד ברויט. וואָס איז דאָס פאַר דרייטויזענד מאָן? ווענ־יגער ווי אַ האַלב פונט פאַר אַ מענשען.

צו מיר געהען צו עטליכע יודען, געוועזענע סאָלדאַטען.

—מיר טענה'ן שוין דעם צווייטען טאָג, אַז מ'דאַרף כאָטש דאָ ביים הויף אויסבויען אַ מין באַראַק פאַר די קראַנקע, זיי זאָלען נישט ליגען צוזאַמען מיט די געזונדטע, אַ ביסעל ברעטער איז דאָ, בעלי־מלאכות וועלען זיך צווישען אונז אויך געפינען, אין צוויי טעג קאָן מען דאָס פאַרטיג מאַכען.

—נו, וואָס זשע איז די מניעה?

—מ'דאַרף דאָך אויף דעם געלד. אויף מאַטעריאַל פאַר דער אַרבייט. כאָטש אַ פאָר הונדערט רובל.

איך האָב זיי געהייסען גלייך צוטרעטען צו דער אַרבייט און צוגעזאָגט געבען געלד וויפיל עס וועט נויטיג זיין. זיי האָבען דאָ, פאַר מיינע אויגען, אָרגאַניזירט אַנ'ארטעל אַרבייטער און צוגעזאָגט צוטרעטען גלייך צו דער אַרבייט.

מ'האָט מיר שוין פריהער דערצעהלט, אַז צווישען די היימלאָזע איז געוועזען אַ יונגערמאַן, אַ רב, מיט אַ מעוברת'ע פרוי. די פרוי איז קראַנק געוואָרען אויף כאָלערא, האָט בשעת דער קרענק געבוירען אַ צווילינג, צוויי יונגעלעך און געשטאָרבען. דער פאָטער איז געוואָרען צומישט און מיט עטליכע טעג צוריק פערשוואונדען געוואָרען. די קינדער זענען געבליבען אויף דער אויפזיכט פון די היימלאָזע. עס איז נויטיג צו קריגען פון זייער־טוועגען אַנ'אַם.

ביי מיר האָט זיך כמעט אויסגעשעפט דאָס געלד, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט און דאָ זענען פאָרגעשטאַנען פיל הוצאות. זייענדיג אין פינסק, האָב איך טעלעגראַפירט אין פעטראָגראַד און קיעוו, מ'זאָל מיר קיין פינסק אַרויסשיקען צו דרייטויזענד רובל. איך האָב דעריבער געמוזט ווידער אַריבערפאָהרען קיין פינסק, בעקומען דאָרט דאָס געלד, קריגען אַנ'אַם פאַר דעם צווילינג און אַנ'ארצט פאַר די היימלאָזע און, אומקעהרענדיג זיך, אָבפיהרען מיט'ן צוג היימלאָזע, וויפיל עס וועט מעגליך זיין. אַזוי ווי דער צוג מיט דעם ברויט, וואָס איך האָב גע־

בראַכט, האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אַ וויאָרסט פיער פון שטאָדט, האָב איך איבערגעגעבען דעם ראַבינער, אַז ווי נאָר דער צוג וועט צוגעהן צום וואָקזאַל, זאָל ער מיט די יונגעלייט פון קאָמיטעט אַריבערפיהרען דאָס ברויט אין שוהל.

אויפ׳ן באַהנהויף האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז אין שטעדטעל דראָהיטשי, געפינען זיך עטליכע טויזענד היימלאָזע אין אַ שרעקליכער נויט. איך האָב בעשטימט פון פינסק פערפאָהרען אַהין.

אַראָבגעפאָהרען בין איך מיט אַ צוג, וואָס האָט געפיהרט אַרטילעריע. אין איינציגען פּאַסאַזשיר-וואַגאָן איז געווען אָנגעפּאַקט. אַ יונגער פּראַפּאָרשטשיק האָט דעם גאַנצען וועג אויפגערעגט דערצעהלט וועגען דער אונאָרדנונג, וואָס עס הערשט אין דער אַרמעע, האָט אָפען געהאַלטען רעוואָלוציאָנערע רעדעס און דראָהענדיג גע׳טענה׳ט:

—ניש׳קשה! זיי וועלען בעקומען זייער לוין! די סיבירער סאָלדאַטען זאָגען: „מיר וועלען זיך נישט אומקעהרען אַהיים, כּל זמן מיר וועלען נישט בעקומען דאָס, וואָס מיר פערלאַנגען!... די סיביריאַקעס וועלען זיי ווייזען!

אין פינסק האָב איך געטראָפען די שטימונג זעהר אַנ׳-אָנגעשטרענגטע. פיל אַנשטאַלטען ווערען עוואַקואירט. מ׳איז כּמעט זיכער, אַז אין גיכען וועלען דאָ זיין די דייטשען. אין טאָג פון מיין קומען האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער קאָמענדאַנט פון ברעסט־ליטאָווסק, לעמינג, איז אַ דייטשער שפּיאָן, אַז מ׳האָט איהם שוין אויפגעהאָנגען. אַז די פעסטונג ווערט געאיילט עוואַקואירט און וועט פערלאָזען ווערען אָהן אַ שלאַכט. קיינער וויל עס נישט גלויבען, נאָר דער קלאַנג האָט געמאַכט אַנ׳ערשיטערענדען איינדרוק.

אין פינסק זענען דאָ פיל היימלאָזע. דער יודישער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט פאַר זיי הילף און בעקומט אויף דעם צוועק, פון פערבאַנד פון שטעדט, הונדערט און צוואַנציג רובל טעגליך.

מיט עטליכע טעג צוריק, האָט דער אָרטיגער עטאַפּען-קאָ־

מענדאַנט גערופען צו זיך די יודישע פאָרשטעהער און האָט פאַר־ זיי איבערגע׳חזר׳ט אַלע ווילדע בלבולים וועגען יודישען שפּיאָ־ נאַזש, וועגען אַריבערפיהרען גאָלד אין אָרונ׳ס אָנשטאָט מתים און דאָס גל. דערצו האָט ער נאָך צוגעגעבען, אַז יודען אַגי־ טירען צווישען די פּויערים, זיי זאָלען אַרויסנעהמען זייערע געלדער פון די בענק. און ער האָט מתרה געווען, אַז ער וועט וועגען די אַלע יודישע מעשים אומעטום פונאַנדערקלעבען מודעות. די פאָרשטעהער האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ קלאָרע אָנ־ צוהערעניש וועגען כּאַבּאַר, נאָר זיי האָבען נישט בעשטימט, אויב עס איז כּדאי צו געבען און וויפיל.

קיין געלד פאַר מיר האָט זיך נאָך נישט בעקומען, נאָר ה׳ חפץ האָט מיר געליהען אויף דעם חשבון עטליכע טויזענד רובל. איך האָב געטראָפען אַנ׳אַרצט, אַ פרוי, וועלכע האָט גע־ אַרבייט אין פערבאַנד פון שטעדט און זי האָט איינגעשטימט פאָהרען אין קאָברין. אויך אַ יודישע באַרמהאַרציגע שוועסטער האָט איינגעשטימט פאָהרען. זיי האָבען צוגעזאָגט קומען מאָרגען און ברענגען אַנ׳אַם פאַר דעם צווילינג, איך האָב געוואָלט אָב־ פאָהרען דעמזעלבען טאָג. בין אַוועק צום באַהן, געטראָפען אַ סאַניטאַר־צוג קיין קאָברין און גע׳זעצט זיך. אָבגעזעסען אין איהם עטליכע שעה, ער ריהרט זיך נישט. דערווייל קומט אַריין דער אַרצט און זאָגט אָן, אַז דער צוג וועט קיין קאָברין נישט געהן און בכלל וועט קיין שום צוג מעהר אַהין נישט געהן. עס האָט זיך בעקומען אַזאַ פעראָרדנונג.

איך בין אַרויס פון צוג און בעגעגענט אַ בעקאַנטען אַרצט פון פינפאונצוואַנציגסטען עוואַקואַציאָנס לאַזאַרעט. איך האָב איהם געגומען פונאַנדערפרעגען וועגען דער פעראָרדנונג.

—נאָך וואָס דאַרפט איהר אין קאָברין?—פרעגט ער מיך.— אייער צוג איז דאָך אַוועק פון קאָברין. מיט עטליכע שעה צו־ ריק איז ער דאָ דורכגעגאַנגען מיט אייער גאַנצער אָבטיילונג אין דער ריכטונג צו לונינעץ.

—וואָס רעדט איהר? איהר האָט קיין טעות נישט?

—נו, וואָס, איך קען נישט דעם צוג פון דער אָבטיילונג פון די טעכניקער!

איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק סטאַציע און ער האָט בעשטעטיגט, אַז דער צוג פון די טעכניקער איז נאָר וואָס אַוועק אויף דער סטאַציע פּאָראָכאָנסק.

איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן ערשטען צוג, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון לוניגעץ, כּדי צו דעריאָגען אונ־זער צוג. אין וואַגאָן זענען געזעסען עטליכע היימלאָזע יודען. איין געזינד איז געוועזען פון וועליקאָ ליטאָווסק. אַ היבש שטעד־טעל מיט פינפהונדערט יודישע איינוואוינער. זענען געקומען קאָ־זאַקען, צוראַבירט די גאַנצע שטאָדט, נאָכדעם אַרויסגעטריבען אַלעמען פון די הייזער, בעגאָסען די הייזער מיט בענזין און אונטערגעצונדען. די גאַנצע שטאָדט איז פערברענט געוואָרען.

נאָך אַ היימלאָזער, אַנ׳עלטערער יוד, פון טשיזשעוו, ביי ביאַליסטאָק, האָט דערצעהלט:

—אַז צו אונז איז געקומען דאָס חיל און גענומען מאַכען פּאָגראָמען, האָט דאָס ווייב מיינס געכאַפּט אַלע אַכט קינדער און געזאָגט מיר: „גיסטו געלד אויפ׳ן וועג, איז גוט, אַנישט אַנטלויף איך מיט די קינדער אָהן געלד צופוס״. איך האָב זי אָנגעקוקט, ווי אַ משוגע׳נע. וואָס לויפען? וועו לויפען? נאָר אַז זי האָט זיך איינגעשפּאַרט—איז לויף! האָב איך איהר געגעבען אַ ביסעל געלד און זי איז אַוועקגעפאָהרען. איצט איז זי מיט די קינדער אין באַכמוט. איך בין פערבליבען. עס געהט דורך אַ קליינע צייט, הויבט זיך אָן אַ שיסעריי—אַ שרעק. מ׳האָט זיך גענומען בעהאַלטען. איך האָב זיך בעהאַלטען אין אַ קעלער. אַ סאָלדאַט האָט מיך דערזעהן דורכ׳ן קעלער־פענסטער, האָט אַריינ־גערוקט דורכ׳ן פענסטערל די ביקס און דריי מאָל אויסגעשאָ־סען. על פּי נס נישט געטראָפען. איך בין אַרויסגעלאָפען פון קעלער און געלאָזען זיך וואוהין די אויגען טראָגען. און דאָ פאַלען און רייסען זיך אויף סנאַריאַדען און עס געהט אַ שיסע־ריי—פערהילכט צו ווערען. האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ פּאָל־קאָווניק. ער האָט זיך אויף מיר דערבאַרימט, אָנגענומען מיך

פאַר'ן האַנד, דורכגעפיזהרט אַ ביסעל, בעווייזען וואוהין צו געהן, אַז די קוילען זאָלען מיך נישט טרעפען. ביי הונדערט וויאָרסט בין איך געגאַנגען צופוס, ביז איך האָב זיך דערקליבען צו אַ באַהן. אַרויסגעשפּרונגען פון דער היים, ווי איך שטעה און געה—איצט פאָהר איך צו דעם ווייב אין באַכמוט. אַז וואויל וואָלט מיר זיין, ווען איך וואָלט זי דעמאָלט געפאָלגט און אָבגעפאָהרען מיט איהר און מיט די קינדער צוזאַמען.

## ח

אין פאָראָכאָנסק האָב איך געפונען אונזער צוג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ווי נאָר ער האָט זיך צוגערוקט בעהנטער צו קאָברין, האָט מען איהם נישט ערלויבט אפילו צופאָהרען צום וואָקזאַל און גלייך אָבגעשיקט צוריק ביז פאָראָכאָנסק. נישט קוקענדיג אויף אַלע בקשות און פּראָטעסטען פון די בעפולמעכטיגטע, האָט מען נישט ערלויבט צו נעהמען אויפ'ן צוג היימלאָזע און פערוואונדעטע. אפילו נישט ערלויבט אַראָבצונעהמען פון צוג דאָס ברויט, וואָס איך האָב געבראַכט. אויף אַלץ איז געווען איין ענטפער: „עס האָט זיך בעקומען אַ בעפעהל נישט אַריינצולאָזען אין קאָברין נישט איין צוג און אַלע טרייבען צוריק ביז פאָראָכאָנסק". דאָ, אין פאָראָכאָנסק, האָט מען דעם צוג אַוועקגעשטעלט אויף אַ זייטיגער ליניע און קיינער ווייסט נישט, ווי לאַנג ער וועט דאָ אָבשטעהן: אפשר אַ פּאָר טעג און אפשר עטליכע וואָכען.

די סיבה דערפון איז שוין פאַר אונז געווען קלאָר. די ליניע איז געווען פערנומען מיט צוריקגעהענדע צוגען. אַ גאַנצען טאָג איז אַלע צעהן מינוט פאַרביי דער סטאַציע דורכגעגאַנגען אַ צוג. איבערהויפט מיט גרויסע פעסטונג-קאַנאָנען. עס איז שוין קיין ספק נישט געווען, אַז מ'עוואַקואירט געאיילט ברעסט-ליטאָווסק. די פאַרבייפאָהרענדע האָבען דערצעהלט, אַז דער שונא האָט זיך דורכגעריסען אין מאַלאָר'יטא, אַז זשאַבענקאַ איז פערברענט,

אַז אין בּרעסט-ליטאָווסק האָט מען פון אַעראָפּלאַנען אַראָבּגעוואָרפען אָהן אַ צאָהל בּאָמבּעס, איבּער דרייסיג סאָלדאַטען זענען געה'רג'עט געוואָרען, די גאַנצע שטאָדט איז אין פייער.

איך בּין געווען אויסער זיך. חוץ דעם, וואָס איך האָבּ פערלוירען די מעגליכקייט אָבּצופיהרען פון קאָבּרין אַ טייל היימלאָזע, האָבּ איך אפילו נישט איבּערגעגעבּען די היימלאָזע דאָס בּרויט, וואָס איך האָבּ פאַר זיי געבּראַכט. עס ליגט שוין דעם 5-טען טאָג אין וואַגאָן, האָט אָנגעהויבּען שימלען און ווער ווייסט, צי איך וועל איהם קאָנען אַריבּערפיהרען אין קאָבּרין.

איך בּין אַוועק צום נאַטשאַלניק סטאַציע. צוגעזאָגט איהם אַ גוטע מתנה, ער זאָל דעם וואַגאָן מיט בּרויט צוקייטלען צו אַ וועלכען נישט איז צוג, וואָס וועט געהן קיין קאָבּרין. ער האָט עס מיר צוגעזאָגט. נאָר דעם ערשטען טאָג איז קיין איין צוג אַהין נישט געגאַנגען. אויף מאָרגען איז אָנגעקומען דער סאַניטאַרער צוג נומער 2240, וועלכער איז געווען קאָמאַנדירט קיין קאָבּרין. מיט גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבּען צו בּעקומען פון הויפּט-אַרצט פון צוג אַנ'ערלויבּעניש אַריבּערצוטראָגען אין זיינעם אַ וואַגאָן דאָס בּרויט און אָבּפיהרען קיין קאָבּרין.

געקומען אינדערפריה קיין קאָבּרין. אויפ'ן וואָקזאַל קומט פאָר אַ פיבּערהאַפטע בּעוועגונג. די פּלאַטפאָרמעס זענען פערוואָרפען מיט טויזענדער פעק און קאַסטענס. מ'עוואַקואירט אַלץ, וואָס מ'קאָן. בּיים וואָקזאַל אויף די ליניעס שטעהען צעהנדליגער אָנגעפּאַקטע צוגען מיט היימלאָזע, מיט אָרטיגע אַנשטאַלטען, מיט סחורות און וואַרטען, בּיז מ'וועט זיי אָבּשיקען. אַרום וואָקזאַל אויף עטליכע וויאָרסט, זענען פערשפּרייט לאַגערס מיט היימלאָזע פויערים. די לאַזאַרעטען בּיים וואָקזאַל זענען פול מיט פערוואונדעטע און אַנ'אונענדליכע רייה פוהרלעך פיהרט צו פון פראָנט אַלץ נייע. פון דער זייט פון בּרעסט-ליטאָווסק הערט זיך אַ שטאַרקע קאַנאָנאַדע.

דער סאַניטאַר-צוג, מיט וועלכען איך בּין געקומען, איז גלייך צוגעטראָטען צום אויפנעהמען פערוואונדעטע. בּיז דער גאַנצער צוג וועט ווערען פערפולט, האָט געזאַרפט דויערן היבּ-

שע עטליכע שעה, דערום האָב איך צייט געהאַט אַריבערצופאָהרען אין שטאָדט, זעהן וואָס דאָרט טהוט זיך, קריגען פוהרען אויף אַריבערצופיהרען דאָס געבראַכטע ברויט.

אין שטאָדט איז די בעוועגונג פון ריקציהענדען חיל אַנ׳אויסערגעוועהנליכע. עס געהען אָבאָזען צו דריי פיער אין איין רייה איבער די גאַסען. עס איז נישט דורכצושטופען זיך. מיט גרויס מיה געפונען אַ פוהרעל. נאָר עס איז אויסגעקומען ביי יעדען ראָג צו שטעהן אַ לאַנגע צייט, ביז עס האָט זיך איינגעגעבען דורכצורייסען דורך די אָבאָזען. ביים ראָג פון איין גאַס האָט מיין פוהרמאַן, אַ יוד, געכאַפט אַ גוטען שמיץ מיט אַ נאַגייקע איבער׳ן רוקען פון אַנ׳אָפיציר.

—הערט!—האָט ער מיר אַ זאָג געטהון אין יודיש,—איך ווייס, אַז מיר וועט אויסקומען איבערצוטראָגען פיל צרות. די פערד וועט מען ביי מיר צונעהמען, דאָס הייזעל מיינס וועט מסתמא אָבברענען, ווייל פאַר׳ן אָבטרעטען וועט מען מסתמא אונטערצינדען די שטאָדט. און גאָט ווייסט, וואָס עס וועט זיין מיט מיין ווייב און קינדער. און פונדעסטוועגען איז ביי מיר אַ יום-טוב, וואָס פאָניע ברעכט דעם קאָפּ. מיר אַ טויט און עס אַ טויט. אָט אויף אַזויפיל האָט ער זיך געבאָדען אין אונזער בלוט! פאַרוואָס האָט ער, דער רוצח, מיר געגעבען אָט איצט מיט דער נאַהייקע? פאַרוואָס?

איך בין צוגעפאָהרען צום ראַבינער, נאָר זיין הויז איז געווען געשלאָסען און מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ער מיט דעם געזינד זענען אויפ׳ן וואָקזאַל. ווי אַ בעאַמטער, ווערט ער עוואַקואירט צוזאַמען מיט אַנדערע.

איך בין אַוועק אין שוהל. דאָרט איז דאָסזעלבע, וואָס מיט דריי טעג צוריק. נאָר די קראַנקע האָט מען אַריבערגעטראָגען אין אַ קלויז אויפ׳ן הויף. דעם באַראַק האָט מען אפילו נישט אָנגעהויבען בויען.

איך האָב געבעטען די יונגעלייט פון קאָמיטעט שיקען פוהרען נאָך דעם ברויט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט און דערוואוסט, אַז דער אַרצט און די באַרמהאַרציגע שוועסטער מיט

דער אַם, וואָס האָבען געדאַרפט קומען פון פינסק, זענען נישט געקומען.

—די אַם איז שוין איבעריג,—האָט מיר געזאָגט אַ פרוי פון די הימלאָזע.—פון דעם צווילינג איז איינער שוין געשטאָרבען און דער צווייטער איז אַ גוסס.

און זי האָט מיך צוגעפיהרט צום שטאַרבענדען קינד.

דאָס קינד איז געלעגען אין אַ מולטער, אויסגעזעהן האָט עס ווי אַ סקעלעטל, בעצויגען מיט אַ ווייסען דינעם דורכזיכטיגען הייטעל. די הענטלעך און פיסלעך, ווי דינע צווייגעלעך. דאָס פנימ'ל אַ בלוילוך בלאַסער, מיט אויסגעטאָקטע שטריכען און צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען, וועלכע האָבען, ווי עס האָט זיך געדוכט, פערנומען דאָס גאַנצע פנימ'ל. קיינמאָל אין לעבען וועל איך נישט פערגעסען דעם בליק פון די אויגען! אַ טיף בעוואוסטזיניגער, און אַ שרעקליך טרויעריגער, ווי אַ בליק פון אַנ'אַלטען מאַן, וועלכער האָט שוין אַלץ פערשטאַנען, אַלץ מוחל געווען און צו אַלץ זיך צוגעוועהנט. נישט מיט אַ קינדישען צער, נאָר מיט אַ רוהיגער פערטראַכטקייט האָבען געקוקט אויף מיר און אַריינגעדרונגען אין דער נשמה די טרויעריגע אויגען. דאָס מיילעכל פון קינד איז געווען אַ קיילעכדיגער, אָהן ליפעלעך, אַ חלל די גרויס ווי אַ גראָשען. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קינד קלייבט זיך פייפען און דאָס האָט צוגעגעבען דעם געזיכט מיט זיין בלוילינער דורכזיכטיגער בלאַסקייט אַנ'אויסדרוק פון אַ מלאכ'ל, ווי מ'פלעגט זיי מאָהלען אויף די פראָרעפאַעליטישע הייליגע בילדער.

דאָס קינד האָט גע'גוסס'ט. שוין צוויי טעג, אַז עס האָט נישט גענומען קיין עסען און איז שטיל, אָהן שמערצען אויסגעגאַנגען, ווי אַ קליין ליכטעלע ביים אָרון קודש. ביי מיר האָט זיך דאָס האַרץ בעגאָסען מיט טרעהרען, אַז איך האָב אָנגעקוקט דעם שטילען קרבן פון דער מלחמה. גלייך ווי פאַר מיינע אויגען וואָלט שטאַרבען מיין אייגען קינד.

—וואָס קאָן מען טהון? מיט וואָס קאָן מען איהם ראַטעווען?

די עלטערע יודענע, וואָס איז געשטאַנען נעבען מיר, האָט טרויעריג אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

—מיט וואָס קאָנט איהר איהם ראַטעווען! לאָז ער שוין נעבעך רוהיג שטאַרבען...

אפשר, אַז איך וואָלט באַלד געפונען אַ פרוי, וואָס וואָלט איהם געבען די ברוסט, וואָלט עס אָפּלעבען. נאָר דעמאָלט, אין דער שרעקליכער שטימונג און צורודערונג, וואָס האָט געהערשט אַרום, האָב איך זיך נישט געפונען, וואָס צו טהון און בין מיט אַ פערקלעמט האַרץ אָבגעגאַנגען.

איך האָב גערעכענט, אַז די היימלאָזע וועלען זיין שטאַרק איבערראַשט און פערצווייפעלט, וואָס דער צוג איז אָבגעפאָהרען און עס איז אונמעגליך וועמען עס איז פון זיי אַרויסצופיהרען פון דאַנען. נאָר איך האָב געהאַט אַ טעות. כמעט קיינער האָט נישט געוואָלט אָבפאָהרען. אַלע זענען געווען זיכער, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט דאָ זיין דער דייטש און דעמאָלט וועט מען זיך קאָנען אומקעהרען אַהיים, קיין ברעסט-ליטאָווסק און אין אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך. די יונגעלייט פון קאָמיטעט האָבען מיר מיטגעטיילט, אַז פאַר'ן אָבפאָהרען איז דער ראַבינער געווען ביים קאָמענדאַנט פון דער דריטער אַרמעע, וועלכער האָט זיך געפונען אין קאָברין מיט'ן שטאַב. דער קאָמענדאַנט האָט איהם פריינדליך אויפגענומען און צוגעזאָגט, אַז אָבטרעטענדיג, וועט ער די שטאָדט נישט פערברענען און וועט זעהן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין פּאָגראָם. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין בעזאָרגט, דער לעצטער אַריערגאַרדישער הונדערט זאָל בעשטעהן נישט פון קאָזאַקען, נאָר פון רעגולערן חיל, וועלכער וועט דורכגעהן רוהיג. דערצו האָט ער נאָך פונאַנדערגעקלעבט אין שטאָדט אַ בעפעהל, אַז פאַר גזילות און רויבערייען וועלען די שולדיגע איבערגעגעבען ווערען צום פעלדגעריכט. דאָס אַלץ האָט שטאַרק בערוהיגט די היימלאָזע.

די מיטגלידער פון קאָמיטעט זענען אַוועק בעזאָרגען פוהרען צו ברענגען דאָס ברויט. איך בין אַוועק אויפ'ן וואָקזאַל. אַזוי ווי דער וואַגאָן, וואו דאָס ברויט איז געלעגען, האָט גע-

דאַרפט אויפנעהמען פערוואונדעטע, איז מיר אויסגעקומען אַרויס־צולעגען דאָס ברויט אויפ'ן פלאַטפאָרם, ביז די פוהרען וועלען קומען. אַ פּאָר שעה איז אַזוי געלעגען דער באַרג ברויט אויפ'ן אָפענעם פלאַטפאָרם און דאָס זענען געווען טראַגישע שעה'ן. די דורכגעהענדע אָבטרעטענדע סאָלדאַטען און די הונדערטער שוואַך פערוואונדעטע, וואָס האָבען זיך געשלעפּט פאַרביי דעם וואָקזאַל, האָבען זיך געצויגען, ווי שמעטערלינגען צום פייער, צו דעם באַרג ברויט. יעדע מינוט איז צוגעגאַנגען צו מיר אַנ־אָבגעצעהרטער סאָלדאַט, אָפטמאָל אַ פערבאַנדאַזשירטער, און מיט אַ רחמנות־קול, אָפט מיט טרעהרען, געבעטען:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע, האָט רחמנות, גיט אַ שטיקעל ברויט. שוין צוויי טעג נישט געגעסען, די כחות געהען אויס!

ווי האָב איך געקאָנט אָבזאָגען? און איך האָב געגעבען. אין אָנפאַנג גרויסע שטיקער, נאָכדעם קלענערע און קלענערע. נאָכדעם האָב איך גענומען אָבזאָגען. טענה'ן, אַז דאָס ברויט איז פרעמדע, איך האָב קיין רעכט נישט צו געבען. נאָר אַרום מיר זע־נען געשטאַנען צעהנדליגער הונגעריגע, אָהנמעכטיגע, מיט אויס־געשטרעקטע הענד, מיט הונגעריגע אויגען און מיט אַ ציטערענ־דען קול נישט אויפגעהערט צו בעטען. און פאַר די עטליכע שעה האָב איך נישט ווילענדיג פונאַנדערגעגעבען דריי—פיער פוד. און ווען דאָס ברויט וואָלט ליגען נאָך אַ פּאָר שעה, אָדער איך וואָלט זיין אַ ביסעל ווייכער, וואָלט פון איהם גאָרנישט געבליבען.

ענדליך זענען אָנגעקומען די פוהרען. אַ שעה פיער האָט געדויערט, ביז איך האָב זיך מיט זיי דורכגעשלאָגען דורך די אָבגאָזען צום שוהל. דאָס ברויט אויף די פוהרען איז געווען גוט פערדעקט, קיינער זאָל עס נישט זעהן און דאָך האָט מען אין וועג, נישט קוקענדיג אויף מיינע געשרייען און דראָהונגען מיט'ן שווערד, צוכאַפּט עטליכע לעבלעך.

דאָס ברויט, וואָס איך האָב געבראַכט, איז געווען שלעכט אויסגעבאַקען. פאַר די פינף טעג האָט איהם דערצו געכאַפּט אַ שימעל. נאָר אַז איך האָב איהם געבראַכט אויפ'ן שוהלהויף און

די היימלאָזע האָבען איהם דערזעהן, איז די שמחה געוואָרען אַנ׳אונבעשרייבליכע. מ׳האָט גלייך גענומען טיילען איהם, נאָר עס איז געווען שווער איינצוהאלטען די הונגעריגע: מ׳האָט זיך געוואָרפען צו די וועגען, געריסען פון די הענד, געקליבען אויף דער ערד די ברעקלעך. איבערהויפט טראַגיש איז געווען דאָס טיי, ען פון דעם ווייטען ברויט פאַר די קינדער, אַלטע און קראַנקע.

—איז מען דען אַזוי הונגעריג?—האָב איך געפרעגט די קאָמיטעט-לייט.

—מ׳איז טאַקע הונגעריג. נאָר דערהויפט איז דאָס, אַז איצט איז נישט צו קריגען פאַר געלד נישט קיין מעהל און נישט קיין ברויט. מיט דעם ברויט, וואָס איהר האָט געבראַכט, וועלען די דרייטויזענד מאַן דאַרפען לעבען ביז דער דייטש וועט קומען. דערפאַר ציטערט מען אַזוי איבער איהם.

פיהרענדיג דאָס ברויט פון וואָקזאַל, האָב איך זיך גע-טראָפען מיט׳ן ראַבינער פאַנאָווקאַ, וועלכער איז שוין מיט דער פאַמיליע געזעסען אין וואַגאָן. ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז ביי איהם אין קאַסע איז געבליבען דרייהונדערט און אַכט רובל פאַר די היימלאָזע און ער האָט עס איבערגעגעבען דעם אָרטי-גען קאָמיטעט. איך האָב דערצו מוסיף געווען דעם קאָמיטעט אַכטהונדערט רובל, האָב איהם געגעבען איינינע אינסטרוקציעס, האָב זיך וואַרים געזעגענט מיט די היימלאָזע און בין אַוועק אויפ׳ן וואָקזאַל, כדי אָבצופאָהרען צוריק קיין פּראָכאָנסק צו דער אָבטיילונג.

אויפ׳ן וואָקזאַל האָב איך גאַנץ אומגעריכט בעגעגענט דעם דאָקטאָר צוקערמאַן פון אונזער פלוג-אָבטיילונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער פלוג-לאַזאַרעט אונטער דער אָנפיהרונג פון ד״ר ראָזענצווייג, איז געווען אין מאַלאַריטא און האָט זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דאָרט. איצט איז ער דאָ, האָט זיך בעהעפט מיט דעם הויפט-לאַזאַרעט און זיי פערבלייבען דאָ, ביז עס וועט נאָר מעגליך זיין. אַרבייט איז דאָ איבערגענוג. פער-וואונדעטע קומען אָן פון אַלע זייטען.

צוקערמאַן האָט מיר איבערגעגעבן אַ קלאַנג, אַז ברעסט-ליטאָווסק האָט מען פערלאָזען דערפאַר, וואָס די יאַפּאָנער האָבען שטאַרק קריטיקירט די איינאָרדנונג פון דער פעסטונג, וועלכע איז בעשיצט מיט אַלטע קאַנאָנען.

צוקערמאַן האָט מיר פערשפּראָכען צו זיין אין שטאָדט, אַריין אין קאָנטאַקט מיט'ן הילפס-קאָמיטעט, זעהן צו בעשיצען די היימלאָזע, אויב עס וועט נויטיג זיין. איך האָב איהם איבערגעלאָזען פיערהונדערט רובל אויף דעם פאַל, אויב איהם וועט נויטיג זיין אויסצוהעלפען די אָרטיגע היימלאָזע אָדער אַנדערע, וואו ער וועט קומען.

אַלע אַנשטאַלטען זענען שוין עוואַקואירט. אויפ'ן וואָקזאַל זענען פערבליבען צוויי צוגען—דעם קאָמענדאַנטס און דער אויפרייס-צוג. חוץ דעם שטעהט נאָך דער סאַניטאַרען-צוג, וועלכער האָט אויפגענומען ביי זעקסהונדערט פערוואונדעטע און קלייבט זיך אָבפאָהרען. איך האָב זיך ווידער געזעצט אין דעם צוג. איידער מיר זענען אָבגעפאָהרען, האָבען זיך בעוויזען עטליכע אַעראָפּלאַנען און גענומען וואַרפען באָמבעס אין די מחנות היימלאָזע, וואָס זענען געזעסען אויף די פעלדער און אַרום וואָקזאַל. ביי דרייסיג מענשען, פרויען און קינדער, זענען גע'הרג'עט און פערוואונדעט געוואָרען.

אין וואַגאָן איז צוזאַמען מיט מיר געפאָהרען אַ מיטגליד פון קאָברינער געריכט. ער האָט דערצעהלט, אַז דער בעפעהל צו עוואַקואירען אַלע אַנשטאַלטען איז געווען געשיקט פון דעם גראָדנער גובערנאַטאָר, דעם 6-טען, און אָנגעקומען איז ער אין קאָברין דעם 12-טען!

—אויף היינט אינדערפריה האָט מען בעשטימט אַ רעקוויזיציאָנס-קאָמיסיע, צו רעקווירען די בהמות ביי דער בעפעלקערונג. איך בין אויך געווען אין דער קאָמיסיע. און אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען אונז אַלעמען בעפוילען געאיילט אָבצופאָהרען.

אַז איך האָב פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען ברעסט-ליטאָווסק, האָט ער מיר געזאָגט:

—עס זענען געגאַנגען קלאַנגען, אַז דער קאָמענדאַנט פון ברעסט-ליטאָווסק, לעמינג, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שפּיאָן, אַז מ׳האָט איהם אַרעסטירט, אפילו געשאָסען. היינט אינדערפריה האָב איך איהם געזעהן, ווי ער איז אַרומגעפאָהרען אויף אַנ׳אויטאָמאָביל איבער קאָברין.

אַז מיר זענען אָבגעפאָהרען אַ וויאָרסט צעהן פון קאָברין, האָב איך דורכ׳ן פענסטער דערזעהן, ווי עס איז דורכגעגאַנגען קיין קאָברין אונזער צוג פון די טעכניקער, מיט דער גאַנצער אָבטיילונג. אומקעהרען זיך צוריק האָב איך נישט געהאַט צוליב וואָס און האָב בעשטימט איפוואַרטען אין פינסק, ביז דער צוג וועט זיך אומקעהרען.

אין פינסק איז די לאַגע און די שטימונג געוואָרען פון שעה צו שעה אָנגעשטרענגטער. אין שטאָדט הערשט אַ פאַניק, דאָס נאָרמאַלע לעבען האָט זיך אָבגעשטעלט. די בענק האָבען אָבגעשטעלט זייער טעטיגקייט, צאָהלען נישט אויס קיין געלד, ווייל זיי קאָנען זיך נישט צונויפטראָגען מיט פעטראָגראַד. עס איז מיט אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען דאָס קליינגעלד. די רייכערע איינוואוינער רייסען זיך אַרויסצופאָהרען, נאָר קיין צוגען זענען נישטאָ. און דאָס איז אין אַ מהלך פון הונדערט און דרייסיג-הונדערט און פופציג וויאָרסט פון די שלאַכטען! גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס מחמת דער געאיילטער עוואַקואַציע פון ברעסט-ליטאָווסק, זענען פערשטאָפט געוואָרען אַלע וועגען און דורך דעם האָט זיך אָבגעשטעלט יעדער פערקעהר. די פאַניק האָט נאָך פאַרשטאַרקט די ידיעה, אַז די דייטשען, דורכרייסענדיג זיך אין מאַלאַריטא, רינגלען אַרום די רוסען פון צוויי זייטען.

אין שטאָדט געפינען זיך איבער דרייטויזענד היימלאָזע פון ברעסט-ליטאָווסק און אַנדערע ערטער. מ׳האָט פערשפראָכען צו עוואַקואירען זיי, נאָר דערווייל זענען נישטאָ קיין וואַגאָנען און די היימלאָזע זיצען הונגעריגע אונטער׳ן אָפענעם הימעל. דער קאָמיטעט האָט קיין מיטלען נישט צו העלפען זיי. ער האָט זיך געווענדעט אין מאָסקווא און פטראָגראַד, נאָר קיין ענטפער

נישט בעקומען. איך האָב פון מיין געלד אַרויסגעגעבען איהם פאַר די היימלאָזע טויזענד רובל.

דעם גאַנצען טאָג האָב איך פערבראַכט אויפ'ן וואָקזאַל, וואַרטענדיג אויפ'ן צוג פון קאָברין. עס האָט זיך בעקומען אַ ידיעה, אַז דורך באָמבעס פון אַעראָפּלאַנען איז דאָרט אויפגע-ריסען געוואָרען דער וואָקזאַל.

איך בין געזעסען אין בופעט ביי אַ טישעל. נעבען מיר איז געזעסען אַ פּאָלקאָווניק מיט צוויי פרויען און אַנ'אָפיציר. די עלטערע פרוי האָט מיט אַ געהיימען, כמעט מיסטישען טאָן אַרויסגעזאָגט:

—די „זשידעס" וויסען אויף ריכטיג אַלע נייעסען. זיי וויסען זיי פאָראויס!...

די צווייטע האָט צוגעגעבען:

—מ'קאָן אין שטאָדט קיין רובל נישט אָבבייטען. די זשי-דעס האָבען דאָס גאַנצע קליינגעלד בעהאַלטען.

—בעהאַלטען דאָס גאַנצע קליינגעלד פאַר די דייטשען,— האָט אונטערגעהאַלטען די עלטערע.

—איהר האָט אַ וועלכען עס איז פאַקטישען בעוויז, אַז די יודען טהוען דאָס?—האָב איך זי אַ פרעג געטהון.

—ניין...—האָט זי געענטפערט קאַלטבלוטיג.

—היינט ווי זשע וואַגט איהר צו בעשולדיגען אַ גאַנצע נאַציע אין אַ פערראַט, אַז איהר האָט אויף דעם קיין שום בע-וויז נישט?

—אין וואָס פאַר אַ פערראַט בעשולדיג איך זי?—האָט זיך די פרוי פערוואונדערט.

—איהר בעשולדיגט יודען, אַז זיי בעהאַלטען קליינגענד געלד פאַר די דייטשען.

—וואָס זשע פאַר אַ פערראַט איז אין דעם דאָ?—האָט זי זיך פערוואונדערט.—די דייטשען נעהמען נישט קיין אַנדער געלד, מוז מען דאָך בעהאַלטען זילבערגעלד פון זייערטוועגען.

—וואו זשע קומט אַהין דאָס זילבערגעלד, אויב יודען בעהאַלטען עס נישט?—האָט געפרעגט דער אָפיציר.

איך האָב איהם גענומען ערקלערען, אַז בײ אַזאַ צו־שטאַנד מוז פערשווינדען קלײנגעלד, נאָר ער האָט מיך נישט פערשטאַנען און נישט בעמיהט זיך צו פערשטעהן.

## יט

אַ זײגער אַכט אין אָוועגד איז אָנגעקומען אונזער צוג, אַנ׳איבערגעפולטער מיט פערוואונדעטע און קראַנקע: בײ זעקס־הונדערט פערוואונדעטע, צווישען זײ עטליכע צעהנדליג פער־וואונדעטע פון אַעראָפּלאַנען, פרויען און קינדער, איבער זעכ־ציג כאָלערא־קראַנקע און עטליכע און צוואַנציג הײמלאָזע. די כאָלערנע זענען אין אַ שרעקליכען צושטאַנד. אײניגע קריכען אַרויס אויפ׳ן פלאַטפאָרם מײקענען און שטאַרבען אויפ׳ן אָרט. פאַר די אַכט־צעהן שעה, וואָס דער צוג איז געגאַנגען פון קאָברין, זענען זעקס געשטאָרבען.

אַרום האַלבע נאַכט זענען מיר אָבגעפאָהרען קיין האָמעל.

געפאָהרען זעהר לאַנגזאַם. געשטאַנען בײ די סטאַציעס און אין פעלד, צו פינף־זעקס שעה. אויף מאָרגען בײטאָג זענען מיר געשטאַנען עטליכע שעה אין אַ געדיכטען וואַלד. אין צוג זענען געווען צווײ טויטע, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט מקבר זײן. מ׳האָט דאָ גופא, בײם וועג, אויסגעגראָבען אַ גרוב פאַר בײדען. סאָלדאַטען האָבען אויסגעהאַקט אַ פאָר בוימלעך און אויסגעשניצט פון זײ אַ צלם. אין צוג האָט זיך געפונען אַ גלח, צווישען די פערוואונדעטע עטליכע זינגער—און עס איז פאָרגעקומען אַ קבורה, ווי געהעריג, מיט אַלע מנהגים. די טויטע זענען געווען סאָלדאַ־טען. אײנער אַ געשטאָרבענער פון די וואונדען. דאָס פנים איז בײ איהם געווען שוואַרץ פון גאַנגרען. דער צווײטער, אַ כאָ־לערנער, מיט ווײסען שוים אויף די ליפען און מיט אַ בלויען פנים. מ׳האָט זײ אַװעקגעלעגט אין זײערע שינעלן, אײנעם נע־בען דעם אַנדערן. דער גלח האָט זײ בעזונגען, צוגעזאָגט אַנ׳-„אײביגע געדעכעניש" און אַ פערגעבונג פון די זינד „די

להכעיס'דיגע און אומגערנע". און אַרום קבר האָבען זיך געשאָקעלט הויכע אַלטע סאָסנעס און פון אַלע וואַגאָנען האָט זיך געטראָגען אַ טרויעריגער געזאַנג: „אייביגע געדעכעניש!". פערשאָטען דעם קבר, אַריינגעשטעלט דעם גרויסען ווייסען צלם, מ'דאַרף אָנשרייבען די נעמען פון די, וועלכע מ'דאַרף „אייביג געדענקען". נאָר איינער, דער פערוואונדעטער, האָט אינגאַנצען פערגעסען איבערצולאָזען זיין נאָמען. דער צווייטער האָט געלאָזען נאָך זיך זיין פאַמיליע מיט'ן נאָמען. האָט מען עס מיט אַ כעמישען בלייפעדער אָנגעשריבען אויפ'ן צלם און צוגעגעבען „און אַנ'אונבעוואוסטער". נאָר עס האָט זיך געוואָלט נאָך עפּעס אָנשרייבען, זאָגען די פערלאָזענען חברים אין וואַלד אַ גוט וואָרט, כאָטש אויף אַ פּאָר טעג, ביז דער ערשטער רעגען וועט נישט אַראָפּשווענקען דעם כעמישען בליישטיפט. האָט מען זיך דערמאָהנט וועגען נעקראַסאָווס אַ ליד. און מ'האָט פון איהם אָנגעשריבען אַ פראַגמענט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער:

געה און שטאַרב פאַר דער עהרע פון פאָטערלאַנד,
פאַר דיין איבערצייגונג, פאַר דער ליבע.
געה און אָהן אַנ'אויפוואורף, גיב אָב דאָס לעבען.
ווערסט שטאַרבען נישט אומזיסט, אַ זאַך איז אייביג
ווען אונטער איהר טהוט פליסען בלוט.

דורכגעלייענט דעם אויפשריפט עטליכע מאָל אויפ'ן קול, נאָך אַמאָל דורכגעזונגען „אייביגער געדעכעניש" און אַוועקגעפאָהרען ווייטער.

מיט'ן וועג, צוגלייך מיט דעם צוג, זענען געגאַנגען פיל היימלאָזע. צווישען זיי האָבען זיך אויך געטראָפען יודען. איך האָב עטליכע גענומען צו אונז אין צוג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס זענען שוסטער. זיי האָבען געאַרבייט אין אינטענדאַנטסטוואָ און זענען פּעררעכענט פאַר בעאַמטע. זייערע פאַמיליעס מיט די זאַכען זענען עוואַקואירט קיין וויטעבסק. איצט האָט מען זיי אויך אָבגעשיקט פון קאָברין קיין וויטעבסק. פאָהרען זיי אין אַ הינטערשטען צוג, נאָר ער שטעהט שוין עטליכע

טעג אין פעלד און קיין ברויט איז נישטאָ. האָבען זיי שוין דריי טעג נישט געגעסען. כדי נישט אויסצוגעהן פון הונגער, האָבען זיי זיך געלאָזען צופוס ביז אַ וועלכער עס איז סטאַציע. איך האָב זיי געגעבען עסען און אַוועקגעזעצט אויפ'ן טארמאז פלאַץ. פאַרנאַכט זענען צו זיי צוגעקומען נאָך עטליכע יודען, סך הכל זיבען פאַרשוין. האָבען זיי זיך ווי נישט ווי צונויפגע־פרעסט אויפ'ן טארמאז-פלעצעל. נאָר עס זענען אונטערגעקומען קריסטליכע היימלאָזע, דערזעהן יודען און אַראָבגעטריבען זיי. איך האָב זיי צוריק אָבגעגעבען דאָס אָרט. אין אַ שעה אַרום האָט זיי אַ נייע מחנה סאָלדאַטען אַראָבגעטריבען. בקצור, פיער מאָל האָט מען זיי געטריבען, ביז איך האָב, סוף כל סוף, געמוזט זיי אַריינגעהמען אין וואַגאָן.

ביינאַכט, איז דער צוג געשטאַנען אין לונינעץ און די גאַנצע נאַכט האָבען די דאָקטוירים און די שוועסטער איבערגע־בונדען די פערוואונדעטע. איך בין געשטאַנען דערביי. וואָסערע שרעקליכע וואונדען! איבערהויפט ביי די, וועלכע זענען געשע־דיגט פון די אַעראָפּלאַנען. מ'האָט איבערגעבונדען אַנ'אַכט־יאָהרי־גען פויערשען יונגעל, פון די גאַליציאַנער. איין פיסעל איז ביי איהם אינגאַנצען אָבגעריסען, דאָס צווייטע איז צושעדיגט אַזוי, אַז מ'וועט עס דאַרפען אָבשניידען. בשעת'ן איבערבינדען די אָמענע שרעקליכע וואונדען, האָט ער פון וועהטאָג געהאַלטען ביי חלש'ן. איך האָב איהם דערלאַנגט אַ קעסטעלע שאָקאָלאַד־קאָנפעקטען און דאָס האָט געמאַכט אויף איהם אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט פערגעסען דעם וועהטאָג און בשעת מ'האָט זיך גע־גראָבען אין די וואונדען מיט די צובראָכענע ביינדלעך, האָט ער געאיילט געגעסען אַ קאָנפעט נאָך אַ קאָנפעט און די אויגלעך האָבען איהם געבלישטשעט, פון וועהטאָג, אָדער פון פערגעניגען פון די קאָנפעטען? אַז מ'האָט איהם איבערגעבונדען און אַרויס־געטראָגען פון איבערבינדונגס־וואַגאָן, האָב איך מיט אַמאָל דער־הערט פון איהם אַ פערצווייפעלטען געשריי: „מאָי צוקרי!" ער האָט די קאָנפעטען פערגעסען.

אויף מאָרגען אינדערפריה זענען מיר געשטאַנען אַ לאַנגע

צ״ט אויף דער סטאַציע קלימאָוויטש. אויפ׳ן וואָקזאַל זענען אַרומגעגאַנגען יודישע בחורים מיט לענטעס פון זעמסקי פער־באַנד אויף די אָרעמס און געאַרבייט ווי סאַניטאַרען. דאָס איז דאָס ערשטע אָרט, וואו איך האָב געטראָפען אויפ׳ן כּאַהנהויף יודישע סאַניטאַרען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָרט האָ־בען זיך פעראייניגט דער רוסישער, יודישער און פּוילישער הילפס-קאָמיטעט און אַרבייטען צוזאַמען. פאַרביי קלימאָוויטש גע־העז דורך טעגליך איבער טויזענד היימלאָזע און זיי בעקומען דאָ שפּייז און הילף.

די יודישע סאַניטאַרען האָבען מיר דערצעהלט וועגען דער לאַגע ביי זיי. אין דער ביילינענדער שטאָדט מאזיר זענען דאָ זעהר פיל היימלאָזע. מ׳ערוואַרט נאָך מעהר.

—איהר ווייסט,—האָט מיט היץ איבערגעריסען איין סאַני־טאַר די ערצעהלונג פון זיין חבר.—דער לידער ראש ישיבה, הרב ר׳ ריינוס, איז נפטר געוואָרען און די גאַנצע לידער ישיבה ווערט אַריבערגעטראָגען אַהער, קיין מאזיר!

די גאַנצע נאַכט זענען מיר געשטאַנען אין מיטען פעלד. די דאָקטוירים האָבען זיך בענוצט דערמיט און געמאַכט די גאַנ־צע נאַכט אָפּעראַציעס, אין אַ ספּעציעלען אָפּעראַציאָנס-וואַגאָן, ביי וועלכען די ברייטע טהיר איז געווען פערהאַנגען מיט אַ ליילעך. די סאַניטאַרען האָבען פון די וואַגאָנען געטראָגען אַהין פערוואונדעטע, אָבגעטראָגען זיי נאָך דער אָפּעראַציע צוריק און בשעת דער אָפּעראַציע געלעגען דאָ נעבען וואַגאָן אויפ׳ן גראָז און דערצעהלט מעשיות. דאָ האָבען געברענט עטליכע פאַקעלן. איך האָב זיך צוגעזעצט צו די סאַניטאַרען.

צווישען די פערוואונדעטע זענען געווען פיל גאַנגרענירטע. איינער, ביי וועמען די גאַנגרען איז פון האַנד אַריבער אויפ׳ן ברוסט, האָט שטאַרק געליטען. כּדי צו בערוהיגען איהם און שאַ־פען ביי איהם אַנ׳אילוזיע, אַז ער קאָן נאָך געראַטעוועט ווערען, האָט דער דאָקטאָר בעשטימט אַראָבצונעהמען ביי איהם די גאַנ־גרענירטע האַנד. מ׳האָט איהם געבראַכט אין אָפּעראַציאָנס־וואַגאָן. עס איז דורכגעגאַנגען אַ ווײלע, ביז מ׳האָט איהם כלאָראָפאָר־

מירט, האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ פרעהליך לעבעדיג געזאַנג פון אַ פערשייט סאָלדאַטיש לידעל. דאָס האָט געזונגען אונטער׳ן כלאָראָפאָרם דער גאַנגרענירטער.

די סאַניטאַרען, וואָס זענען געלעגען אויפ׳ן גראָז, האָבען זיך צולאַכט.

—איהם איז אפנים פרעהליך אונטער׳ן מעסער!—האָט זיך אָבגערופען איינער.

—איהם דוכט זיך געוויס, אַז ער געהט אין אַטאַקע.—האָט צוגעגעבען דער אַנדערער.

—נו, אַז דאָס וואָלט זיך איהם דוכטען, וואָלט ער נישט אַזוי זינגען. ס׳איז גאָרנישט אַזוי פרעהליך, געהן אין אַן׳אַטאַקע.

—פאַרוואָס נישט?—האָט זיך אָבגערופען אַ יונגער שגץ מיט אַ תמ׳עוואַטען געזיכט און גוטמוטיגע אויגען.—גאַנץ פרעהליך צו געהן! מיר זענען געגאַנגען אין אַן׳אַטאַקע. בעגעגענט זיך מיט די דייטשען. און אָנגעהויבען אַרבייטען מיט די שטיקעס. איך האָב מיין שטיקע אַריינגעזעצט אַ געזונדטען דייטש אין האַרצען. ער האָט אויף מיר אַזוי פערוואונדערט אַ בליק געטהון, האָט עפּעס ווי אַ קאַץ אַ שלוקער געטהון „אי־איק!“ און גלייך געפאַלען. נאָכדעם, אַז אונזערע זענען פאַרביי איהם געלאָפען, האָט יעדערער איהם געגעבען אַ שטאָך מיט׳ן שטיק און ער האָט זיך אַלץ אומגעוואָרפען.

און ער האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט.

—נו, און ביי מיר איז עס נישט אַזוי פרעהליך דורכגעגאַנגען די אַטאַקע,—האָט זיך אָבגערופען אַן׳עלטערער סאָלדאַט.—די דייטשען זענען אָנגעטראָטען אויף אונז און מיר האָבען זיי געלעגט. מיר לעגען און זיי געהען און געהען, אַלץ נייע כחות. לסוף האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטהון אויף אונז מיט אַ גרויסער מאַכט,—נישט איינצושטעהן. די עלטערע סאָלדאַטען האָבען אַ וואָרף געטהון די ביקסען: גיבען זיך אונטער, און די יונגע—בהמות, אַרבייטען מיט די שטיקעס, פערשטעהען נישט, אַז עס האַלט שלעכט. מיר שרייען זיי: „וואַרפט די ביקסען, אַלץ איינס זענען מיר פערפאַלען“. און דאָ דער קאָמאַנדיר קוויטשעט,

שרייט: „פאָרווערטס, ברידער!“ עס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אַז דער שונא איז שטאַרק אין כעס אַריין און האָט אַלעמען דערשטאָכען, אפילו די, וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען. איך האָב זיך דורך אַ נס געראַטעוועט...

עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ ברעג פון ליילעך איבער'ן טהיר פון אָפּעראַציאָנס-וואַגאָן און עמיצער האָט פון דאָרט צוריסגעשטעקט צו די סאַניטאַרען עפּעס, איינגעוויקעלט אין ווייסע פערבלוטיגטע לייוונד. אַ סאַניטאַר האָט עס צוגענומען און פו-באַנדערגעוויקעלט. מיר האָבען דערזעהן אַן'אָבגעשניטענע האַנד. אויף איהר איז געווען אַ גרויסע אָפענע וואונד און איינגאַנצען, איז זי געווען שוואַרץ, ווי אַ קויל. אַ שרעקליכער ווערגענדער עפּוש איז פון איהר געגאַנגען.

—מ'דאַרף זי בעגראָבען.—האָט זיך אָבגערופען דער יונ-גער סאַניטאַר, וואָס האָט דערצעהלט ווי ער האָט דערשטאָכען דעם דייטש.

ער האָט אויסגעגראָבען אַ טיף גריבעל, דריי מאָל איבער-גע'צלמ'ט די האַנד, אַריינגעלעגט אין גריבעל, פערשאָטען, פון אויבען מיט'ן גראָב־אייזען אָנגעצייכענט אַ צלם. און אַלע האָבען אַראָבגענומען די היטלען און ערנסט זיך איבערגע'צלמ'ט.

אין רעטשיצע האָט מען ביי אונז צוגענומען די כאָלערא־קראַנקע און עטליכע שווער פערוואונדעטע. די איבעריגע האָבען מיר געדאַרפט פיהרען ווייטער.

אין האָמעל זיינען מיר געקומען דעם 19-טען, אויפ'ן פינפטען טאָג.

אויפ'ן וואָקזאַל האָב איך געפונען אַ פונאַנדערגעקלעב־טע מעלדונג, אַז „מוטווילינע מענשען פערשפּרייטען קלאַנ־גען, אַז אין דעם פערשווינדען פון קליינגעלד זענען שולדיג יודען, וועלכע בעהאַלטען עס. די אויספאָרשונג האָט אַרויסגעווי־זען, אַז יודען זענען אין דעם נישט שולדיג, אַז דאָס קומט פון אַנדערע סבות“ און עס זענען אויסגערעכענט געווען די סבות. און אונטערגעשריבען דער קאָמענדאַנט פון שטאַב.

איך האָב געלייענט און נישט געגלויבט מיינע אויגען.

אַנ׳אָפיציעלע מעלדונג זאָל פערטיידיגען יודען, דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט! איך האָב פונאַנדערגעפרעגט האָמלער בעקאַנטע, האָבען זיי מיר דערצעהלט, אַז דער קאָמענדאַנט איז אַ טאָלעראַנטער מענש, נאָר אַליין וואָלט אים נישט איינפאַלען פערעפענטליכען אַזאַ מעלדונג. מ׳האָט פיל געאַרבייט און דוכט זיך אַ מתנה געגעבען, ביז מ׳האָט עס ביי אים גע׳פועל׳ט. איצט זאָגט מען, האָט ער בעקומען אַ שטרענגען אויסרייד פאַר דער מעלדונג און וועט, ווייזט אויס, אַראָפפליהען דערפאַר פון אָרט.

נישט וועניגער איבערראַשט בין איך געווען, אַז איך האָב גענומען לייענען צייטונגען, וועלכע איך האָב שוין ביי צוויי וואָכען אין די אויגען נישט געזעהן. וואָס אַזוינס טהוט זיך אין פעטראָגראַד און מאָסקווא. אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין דער געזעלשאַפטליכער שטימונג. וואָס פאַר אַ שפּראַך עס האָבען אָנגענומען די צייטונגען. אין „נאָוואָיע ורעמיא״ זענען געדרוקט רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען. מ׳רעדט אָפען וועגען אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכער רעטונג, וועגען אַ קאָאַליציאָנס-מיניסטעריום, וועגען דער בעשטימונג פון לוואָוו׳ן פאַר אַ פרעמיער-מיניסטער. שאַרפע אָנפאַלען אויף דער רעגירונג. אַ גאַנצע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אויך אין דעם אויפטראָג צו יודען. עס איז ערלויבט יודישע היימלאָזע בעזעצען זיך חוץ דעם תחום. מ׳רעדט וועגען אָבשאַפען דעם תחום, ווי וועגען כמעט אַ בעשטימטער זאַך.

אין האָמעל האָט מען אויך נישט גענומען ביי אונז די פערוואונדעטע. אַלע לאַזאַרעטען און באַראַקען זענען אָנגעפּאַקט. מ׳האָט אונזער צוג אָבגעשיקט קיין אָריאָל.

פאָהרען מיט׳ן צוג קיין אָריאָל האָט פאַר מיר קיין שום צוועק נישט געהאַט און איך בין צוזאַמען מיט טולופאָוו׳ן אָבגעפאָהרען מיט׳ן פאַסאַזשיר-צוג קיין קיעוו.

אין קיעוו האָב איך געפונען אַ שרעקליך נערוועזע שטימונג, אַלע זענען זיכער, אַז אין עטליכע וואָכען אַרום וועט שוין דאָ זיין דער דייטש. עס טראָגט זיך אַ קלאַנג, אַז עס איז בע-

שטימט צו עוואַקואירען קיעוו. און ווער עס קאָן איילט זיך אָבפאָהרען.

דאָ איז אויך אַ שטאַרקער מאַנגעל אין קליינגעלד. נעבען באַנק שטעהט אַ רייה פון עטליכע הונדערט מאַן אויף וועקס-לען געלד. מ׳וועקסלט נאָר אויף אַ רובל קליינגעלד, אי דאָס דערוואַקסענע.

אָהן אַ שיעור וויכטיגע נייעסן. רוזסקי איז בעשטימט פאַר אַ הויפּט-קאָמאַנדיר פון צפון-מערב׳דיגען פראָנט. דער שרעקלי-כער יאַנושקעוויטש איז אָבגעשאַפט פון זיין שטעלע אַלס פער-וואַלטער פון שטאַב פון העכסטען הויפּט-קאָמאַנדיר און ווערט אַריבערגעפיהרט אויף קאַווקאַז. עס גיהען קלאַנגען, אַז אפילו דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש ווערט אָבגעשאַפט פונ׳ם פּאָסט פון העכסטען הויפּט-קאָמאַנדיר און זיין אָרט פערנעהמט ניקאָלאַי אַליין. וועגען דעם רעדט מען שטיל מיט אַ פערוואונ-דערונג און מיט אַ שמייכעל.

די שטימונג איז דאָ אויך אַ רעוואָלוציאָנערע. אַ בעראַטונג פון שטאָדטישען פערבאַנד איז געווען פערדעקט פאַר „רעוואָ-לוציאָנערע רייד״. טולופּאָוו האָט מיר דערצעהלט, אַז אַלע אַנ-שטאַלטען האָבען בעקומען שטרענג געהיימע בעפעהלען נאָכצו-קוקען, צי עס געפינען זיך נישט ביי זיי מיטגלידער פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „פּאָראַזשענצעס״. און אויב אַזעלכע וועלען זיך אַרויסווייזען, גלייך מיט קאָנוואָי אָבשיקען דער זשאַנ-דאַרמעריע. טולופּאָוו האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

—די העזה!—האָט ער גערעדט מיט אויפרעגונג,—ווענדען זיך צו געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ בעפעהל, זיי זאָ-לען נעהמען אויף זיך די אַרבייט פון שפּיאָנען און זשאַנדאַר-מען! און גלאַט וואָס איז עס פאַר אַ פאַנטאַסטישע „פּאָראַזשענ-צעס״, וואו האָט איהר זיי געזעהן? דאָס האָבען זיי אַליין אויס-געקלערט, כדי צו פערדעקען די אייגענע פערברעכען! אויב זיי ווילען געפינען אמת׳ע „פּאָראַזשענצעס״, זאָלען זיי זיך ווענדען צו דער „געליבטער קייזערין״ און צו איהר ליובאָוויק ראַס-פּוטין...

נישט קוקענדיג אויף אַלע ענדערונגען אין געזעלשאַפט-ליכער מיינונג, איז די יודישע לאַגע אין קיעוו נישט בעסער געוואָרען. עס הערען נישט אויף אָנצוקומען טויזענדער אַרויס-געטריבענע, אַרויסגעשיקטע, אַרעסטירטע און גלאַט היימלאָזע. עס קומען אָן ידיעות פון צעהנדליגער פּאָגראָמען און רדיפות.

מיט עטליכע טעג צוריק האָט דער שטאָדט-קאָמענדאַנט, גענעראַל מורינאָוו, גערופען צו זיך דעם ראַבינער הורעוויטש און דעם פּראָטעסטאַנטישען פּאַסטאָר. אויף הורעוויטש'ן האָט ער געשריען, געטופּעט מיט די פיס, געזאָגט, אַז יודען בעהאַלטען קליינגעלד און געדראָהט מיט די שווערסטע שטראָפען. דעם פּאַסטאָר האָט ער געפרעגט:

—וויפיל פּראָטעסטאַנער געפינען זיך אין קיעוו?

—ביי פינפטויזענד.

—צופיל! צופיל! האָט ער זיך פונאַנדערגעשריען אויף אים.

איך האָב בעגעגענט דעם בעוואוסטען ציוניסטישען טהוער, ישראל ראַזאָוו, וועלכער איז נישט לאַנג געקומען פון אויסלאַנד, וואו ער איז געווען פערהאַלטען. איך האָב גערעכענט, אַז ער איז געקומען פון פּעטראָגראַד וועגען ציוניסטישע ענינים. נאָר ער האָט מיך אָבגעפיהרט אָן אַ זייט און בסוד מיטגעטיילט, אַז מ'האָט איהם אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט פון פּעטראָגראַד.

—פאַרוואָס?—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—באַלד ווי איך בין געקומען פון אויסלאַנד, איז ביי מיר געווען אַנ'אונטערזוכונג. פערשטעהט זיך, גאָרנישט געפונען. אין צוויי טעג אַרום האָט מען מיך אין פּיראונצוואַנציג שעה אַרויס-געשיקט. פאַרוואָס? ווייל די רעגירונג האָט בעקומען די „גע-נויסטע בעווייזען”, אַז די ציוניסטען האָבען זיך „פעראייניגט מיט דער האַלבער לבנה געגען צלם”.

דעם 23-טען איז געווען אין דער צייטונג „קיעווליאַנין” אַ לייטאַרטיקעל, אַז מ'דאַרף ביסלעכווייז עוואַקואירען קיעוו און דער ציווילער בעפעלקערונג וואָלט בעסער געווען נישט געאיילט אָבצופאָהרען. דער אַרטיקעל האָט געמאַכט אַנ'איינדרוק פון אַ באָמבע-אויפרייס. מ'האָט דעם אַרטיקעל אָנגענומען ווי אַנ'איינטפּי-

רירטען פון דער מאַכט. אין שטאָדט איז געוואָרען אַ פּאַניק. טויזענדער געזינדען האָבען גענומען געאײלט אָבפּאָחרען, הונדערטער מאַגאַזינען און אַנשטאַלטען האָבען זיך גענומען עוואַקואירען. בקיצור, עס האָט זיך געשאַפען אַזאַ שטימונג, ווי קיעוו וואָלט זיך געפונען נישט פינפהונדערט וויאָרסט פון פראָנט, נאָר פינף וויאָרסט. עס האָט זיך גערוכט, אַז אָט מאָרגען קומט שוין דער דייטש. אַז איך בין מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אָבגעפאָהרען, האָט זיך אויפ'ן וואָקזאַל פּאַסירט עטוואָס אונבעשרייבליכעס. דער וואָקזאַל און אַלע פּלאַטפאָרמעס זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט טויזענדער קאַסטענס, קויבערס און פּעק. דער וואָקזאַל איז געווען אַזוי געדיכט אָנגעשטאָפּט מיט מענשען, אַז ביי מיר האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, ביז איך האָב זיך דורכגעשטופּט צו דער קאַסע. איך בין פערדולט געוואָרען פון די געשרייען. מ'האָט געזאָגט, אַז אין דער מהומה זענען צוויי־דריי מענשען געשטאָרבען פון אַ האַרץ-אַפּאָפּלעקסיע.

# כ

אין דעם משך פון די לעצטע חדשים פון דעם סיסטעמאַטישען און געאײלטען ריקצוג פון גאַליציע און דרום-מערב-רוסלאַנד, זענען די אָבטײלונגען און לאַזאַרעטען פון די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך געפונען ביים פראָנט, זעהר פיל אויסגעשטאַנען און געבראַכט ווייניג נוצען. נישט בעוויזען אַוועקצושטעלען און איינאָרדנען זיך, ווי מען האָט שוין געדאַרפט ווידער נעהמען פּאַקען און איבערטראָגען זיך אויף אַנ'אַנדער אָרט, געאײלט אַנטלויפען אָפטמאָל אונטער'ן פייער, פערלאָזענדיג אַ טייל פון די זאַכען מיט די פערוואונדעטע. אייניגע אָבטײלונגען מיט די לאַזאַרעטען זענען זאָגאַר אַריינגעפאַלען אין פּלען. דער צוזאַמענבונד פון די אָבטײלונגען מיט די שטאַבען, צו וועלכע זיי האָבען פאָרמעל געהערט, איז געווען אַ גאַנץ שוואַכער, און ביים אַנטלויפען, האָט מען כסדר

נישט געוואוסט וואוהין צו געהן און אויף אייגענע אחריות, אָבצושטעלען זיך וואו עס פֿלעגט זיך מאַכֿען. דאָס אַלץ האָט געבראַכֿט דאָס גרעסטע טייל אָרגאַניזאַציעס דערצו, זיי זאָלען אַריבערטראָגען זייער טעטיגקייט אין טיפֿען רוקען, איבערלאָזענדיג דעם פֿראָנט פֿאַר די ריין מיליטערע לאַזאַרעטען. אַזוי האָבען זיך אַריבערגעטראָגען אין רוקען די אָבטיילונגען פֿון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, קאָמיסאַראָווס (דאָלגאָרוקאָווס) און אַנדערע. אויך די אָבטיילונג פֿון די טעכֿניקער האָט בעשטימט אַריבערצוטראָגען איהרע צוויי לאַזאַרעטען אין רוקען און דעם צוג צופֿאַסען צום אַריבערפֿיהרען פֿערוואונדעטע פֿון צווישען די רוקען-פֿונקטען.

בּיי אַזאַ לאַגע האָט זיך פֿאַר מיר פֿערלוירען וואָסער עס איז ציל צו פֿערבלייבען אין דער אָבטיילונג. בּיי מיר איז געווען אַ פּלאַן אַריבערצוגעהן אין דער קיעווער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פֿון שטאָדטישען פֿערבאַנד, כּדי צו אַרבּייטען אין דער אָבטיילונג פֿון היימלאָזע. טולופֿאָוו האָט וועגען דעם געשמועסט מיט'ן בעפֿולמעכֿטיגטען, פּירשט אורוסאָוו. יענער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט אַריינצונעהמען מיך אין דער אַרבּייט, נאָר אַרויסגעזאָגט דערבּיי זיין ספק, צי איך וועל פֿאַר איהר פֿאַסיג זיין, ווייל „איך אינטערעסיר זיך אויסשליסליך מיט יודישע היימלאָזע”. איך בּין אַליין אַוועק צו אורוסאָוו'ן.

—טולופֿאָוו האָט אייך פֿאַלש איבערגעגעבען מיין געשפּרעך מיט איהם,—האָט ער מיר געזאָגט.—איך האָב גאָרנישט געגען דעם, וואָס איהר אינטערעסירט זיך איבערהויפּט מיט יודישע היימלאָזע. דאָס איז זעהר נאַטירליך. און איך וואָלט זעהר צופֿרידען זיין, איהר זאָלט אַרבּייטען אין פֿערבּאַנד פֿאַר די היימלאָזע. נאָר בּיי אונז האָט זיך איצט געשאַפֿען אַזאַ לאַגע. אַלץ וואָס איז שייך צו היימלאָזע האָט די רעגירונג איבערגעגעבען דעם רויטען קרייץ אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון מיין איינפֿאַמיליגען, דעם פּירשט אורוסאָוו און זובּטשאַנינאָוו. זיי האָבען אינגאַנצען בעזייטיגט פֿון דער אַרבּייט ווי אונזער פֿערבּאַנד, אַזוי אויך דעם זעמסקי פֿערבּאַנד, און רעכֿענען זיך נישט מיט אונז.

אַרבייטען זעלבסטשטענדיג איז אונז אונמעגליך: חוץ דעם, וואָס דאָס וואָלט אַרויסרופען רייבונגען, האָבען מיר דערויף קיין מיטלען נישט. דערום האָבען מיר כמעט שוין בעשטימט בע-גרענצען אונזער אַרבייט מיט ריין סאַניטאַרע הילף די פער-וואונדעטע. אויף דעם באָדען איז אויך דאָ גענוג צו טהון.

איך ווייס נישט, אויב די לאַגע איז טאַקע געווען אַזאַ, אָדער פירשט אורוסאָוו האָט עס נאָר ווי אַנ׳אויסרייד אַרויסגע-שטעלט, נאָר פאַר מיר איז שוין אין פערבאַנד קיין אַרבייט נישט געווען.

די לאַגע פון קיעווער קאָמיטעט איז געווען אַ קריטישע׳ די רייכע לייט, וועלכע האָבען הויפטזעכליך אויפגעהאַלטען מאַ-טעריעל דעם קאָמיטעט, זענען זיך פונאַנדערגעפאָהרען. מיט דעם אָנפאַנג פון דער עוואַקואַציע וועלען נישט נאָר אָבגעשטעלט ווערען אַלע געלד-אַריינטרעטונגען, נאָר עס וועט זיך פאָדערן אַ גרויסע סומע פאַר די עוואַקואירטע פון קיעוו גופא. פעטראָ-גראַד וועט מוזען איבערנעהמען די גאַנצע אַרבייט, ווייל מיט דעם אָבפאָהר פון פאָרזיצענדען, גרינבערג, וועט זיך דער קאָ-מיטעט צופאַלען. אָבער צוגלייך מיט דעם האָט דער קאָמיטעט בעקומען די ערלויבעניש פאַר עטליכע מיטגלידער אָפיציעל אין זיין נאָמען אַרומצופאָהרען אין די געגענדען ביים פראָנט צו אָרגאַניזירען הילף די יודישע היימלאָזע. אַזוי אַז מיין אַרבייט אין דיזעלבע געגענדען איז נישט געווען אַזוי נויטווענדיג.

פאַר מיר איז געבליבען נאָר איין אָרט, וואוהין עס וואָלט זיין וויכטיג צו פאָהרען, דאָס איז די עטליכע פונקטען פון גאַ-ליציע, וואָס זענען נאָך פערבליבען ביי די רוסען. נאָר דעמאָלט איז מען געווען איבערצייגט, אַז עס איז אַ פראַגע פון טעג, זיי זאָלען אויך אָבגערייניגט ווערען. חוץ דעם האָט זיך דאָרט נישט געפונען קיין איין אָבטיילונג, צו וועלכער איך זאָל זיך קאָנען פאָרמעל בעהעפטען.

צוזאַמען מיט דעם אַלעמען איז פאַר מיר אַרויסגעטראָטען אַנ׳אַנדערע, זעהר וויכטיגע אויפגאַבע אויף דעם געביט פון דער

יודישער געזעלשאַפטליכקייט, צוליב וועלכער איך האָב געדאַרפט פאָהרען אין אויסלאַנד, לאָנדאָן און אַמעריקא.

צוליב די אַלע טעמים, האָב איך דעם 25-טען אויגוסט 1915 יאָהר פערלאָזען דעם פראָנט און אָבגעפאָהרען אין מאָסקווא און פעטראָגראַד זאָרגען וועגען אַן׳אויסלענדישען פּאַס. פאַר מיר זענען געשטאַנען נייע אויפגאַבען און צילען.

# SZ. AŃ—SKI.

tom szósty

## ZNISZCZENIE GALICJI

Warszawa, 1922

Wydawnictwo „AŃ—SKI“ Wilno—Warszawa—Nowy-Jork.

---

# SH. AN—SKY

volume sixth

## THE DESTRUCTION OF GALICIA

Warsaw 1922

Publishing Company „AN—SKY“ Vilno—Warsaw—New-York

ש. אַן־סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## זעקסטער באַנד

פֿערלאַג „אַן־סקי"

ווילנאַ־וואַרשאַ־ניו־יאָרק תרפ"ב — 1922

אויסגעפיהרט דורכ'ין פערלאַג ש. שרעבערק.



אַנ-סקי מיט זיינע שוועסטער. (פֿאָטאָגראַפֿירט אין דער צייט ווען ער האָט געאַרבעט אין סאַניטאַרען פֿערבאַנד פֿון די רוסישע שטעדט).


דער יידישער חורבן
פון פוילען גאליציע
און בוקאווינא פון טאג-בוך
תרע״ד-תרע״ז (1914-1917)

# פערטער טייל

איבערדרוקען און איבערזעצען אָהן דער ער־
לויבעניש פון אויטאָרס צואה־פערוואלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsk
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פון יוסף זיידענבייטעל.
צינקאָקלישען אויסגעפיהרט דורך ח. גאָלדבערג.
דעם זאַץ האָט אויסגעפיהבט פייגע שריפטגיסער.

# א

מעהר ווי אַ יאָהר, ביז סוף 1916, בין איך געווען אָב־געריסען פון גאַליציע מיט איהרע אינטערעסען. מיין רייזע אין ענגלאַנד און אַמעריקא, וואוהין איך האָב זיך געקליבען, האָט זיך נישט איינגעגעבען און איך בין כמעט די גאַנצע צייט פערבליבען אין פעטראָגראַד, בעשעפטיגענדיג זיך מיט אַנדערע יודישע כלל־זאַכען.

פאַר דעם איינעם יאָהר האָט זיך די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד שטאַרק געענדערט. די מלחמה, צו וועלכער עס האָט זיך קיין סוף נישט געזעהן און פון וועלכער קיינער האָט שוין נישט געקאָנט ערוואַרטען קיין נצחון, האָט אויסגעשעפט די לעצטע כחות און געשאַפען אַ שרעקליכען אויפרייס־מאַטעריאַל, ווי אין פאָלק, אַזוי אין דער אַרמעע. פון טאָג צו טאָג איז געוואַקסען אין לאַנד, און איבערהויפט איןביידע הויפטשטעדט, די נויט, וועלכע האָט זיך ביסלעכווייז פערוואַנדעלט אין אַ הונגער מיט זיינע ערשטע סימפטאָמען, די גרויסע „עקען" ביי די ברויט־בעקערייען און שפייז־קלייטען. די אונצופרידענקייט האָט שוין

אַריבערגעפֿלייצט די גרעניצען און אָנגעהויבען אויסדריקען זיך אין עפֿענטליכע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. דער מעסיגער „פּראָגרעסיווער בלאָק” פֿון דער גאָסודאַרסטווענער דומע האָט געפֿאָדערט אַ פֿעראַנטוואָרטליכען מיניסטעריום. די פּרעסע האָט אָנגענומען אַ דראָהענדען טאָן און אַלע האָבען געפֿיהלט די אונפֿערמיידליכקייט פֿון אַ נאָהנטער קאַטאַסטראָפֿע.

און די זעלבסטהערשענדע מאַכט, פֿערלירענדיג יעדען חוש פֿון זעלבסטשוץ, איז בלינד געלאָפֿען צום אָבגרונד. דער אומגליקליכער לייכטזיניגער רוסישער בלשצר האָט נישט געזעהן און נישט געוואָלט זעהן די פֿייערדיגע אותיות, וועלכע האָבען איהם אָנגעזאָגט זיין מפּלה. געפֿינענדיג זיך אונטער דעם איינפֿלוס פֿון שכּור׳ן ראַספּוטין מיט זיין באַנדע, האָט ער זיך אויסגעלאַכט פֿון דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד, האָט זיך געריי‍צט מיט דער מעסיגער אָפּאָזיציע און צוריסען אפֿילו מיט די שוואַרץ-מאה׳דיגע עלעמענטען, וואָס זענען געווען די איינציגע אָנלעהנונג פֿון טראָן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אפֿילו די גרויספֿירשטען האָבען צוגעגרייט אַ פֿערשווערונג און אָנגעפֿאַנגען דערמיט, וואָס מ׳האָט גע׳הרג׳עט ראַספּוטינען.

נאָר, ווי געוועהנליך פֿאַר אַ שטורם, האָט אויף דער אויבערפֿלעך פֿון לעבען געהערשט אַ שטילקייט. עס איז פֿערביי די פּאַניק און צורודערונג פֿונ׳ם ריקצוג פֿון 1915 יאָהר. דער אָנגריף פֿון שונא איז געווען אָבגעשטעלט. פֿאַר דער צייט פֿון דער ווינטערדיגער מלחמה-שטילקייט האָט זיך די אַרמעע רעאָרגאַניזירט, האָט בעקומען גענוג סנאַריאַדען און אַמוניציע, אַזוי, אַז צום זומער 1916 איז זי געוואָרען שטרייטפֿעהיג און אין יוני—יולי האָט שוין געקאָנט פֿאָרקומען דער אָנגריף פֿון ברוסילאָוו׳ן אין גאַליציע. אין משך פֿון פֿינף-זעקס וואָכען האָט ער פֿערנומען אַ גרויסען טייל פֿון דער פֿערלאָזענער מזרח-גאַליציע און גאַנץ בוקאָווינע. עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אויפֿסניי דער אָנטריט אויף די קאַרפּאַטען.

אין אויגוסט—סעפּטעמבער 1916 האָב איך בעקומען עטליכע טעלעגראַמען פֿון קיעווער הילפֿס-קאָמיטעט און פֿון ד״ר לאַנדער

מיט דער דרינגענדער בקשה, איך זאָל גלייך פאָהרען אין גאַליציע און בוקאָווינע צו אָרגאַניזירען הילף פאַר דער יודישער בעפעלקערונג. איך בין אָבגעפאָהרען אין קיעוו.

פערלאָזענדיג מיט אַ יאָהר צוריק דעם פראָנט, האָב איך געוואוסט, אַז אַ „שטיקעל" גאַליציע מיט דער שטאָדט טאַרנאָפאָל איז נאָך פערבליבען בײַ די רוסען. עס איז געווען אונפערשטענדליך, ווי אַזוי די רוסען האָבען זיך געקאָנט דאָרט איינהאַלטען. בײַ אַלעמען איז געווען די פאָרשטעלונג, אַז מחמת סטראַטעגישע טעמים האָבען די עסטרייכער דערווייל געלאָזען צורוה דעם טייל גאַליציע און אַז עס איז נאָר אַ פראַגע פון טעג אָדער העכסטענס וואָכען, אַז די רוסישע אַרמעע זאָל אָבגערייניגען אויך דעם טייל גאַליציע. שפעטער, אַז דער אָנטריט פון שונא איז געווען איינגאַנצען אָבגעשטעלט, איז בײַ אַלעמען, און אויך בײַ מיר, געווען די פאָרשטעלונג, אַז דער פערבליבענער „שטיקעל" גאַליציע בעשטעהט איינגאַנצען פון עטליכע שטעדט און דערפער און וועגען איהם איז כמעט נישט כדאי צו זאָרגען.

איצט, קומענדיג אין קיעוו, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט: בײַ די רוסען איז אין 1915 פערבליבען אַ גאַנץ היבשער שטח. צוויי גובערניעס: טאַרנאָפאָלער און טשאָרטקאָווער, מיט עטליכע צעהנדליג שטעדט און שטעדטלעך און אַ יודישער בעפעלקערונג פון אַנ׳ערך הונדערט טויזענד מאַן. ברוסילאָווס אָנטריט האָט בעהעפט דערצו נאָך אַ צוויי מאָל גרעסערען שטח, מיט די שטעדט בוטשאַטש, קאָלאָמעאַ, סטאַניסלאַוואָוו און אַ חוץ דעם, גאַנץ בוקאָווינע. אַזוי, אַז איצט האָט דאָס פאָרגעשטעלט אַ קאַנט פון עטליכע צעהנדליג טויזענד קוואַדראַט-ווערסט, מיט אַ יודישער בעפעלקערונג פון עטליכע צעהנדליג טויזענד נפשות.

גלייך ווי די רוסישע אַרמעע האָט אין מאַי 1915 יאָהר פערלאָזען לעמבערג און עס האָט זיך אָבגעשטעלט די טעטיגקייט פון לעמבערגער הילפס-קאָמיטעט, איז ד"ר פ. לאַנדער אָבגעפאָהרען קיין טאַרנאָפאָל, אויסגעפאָרשט דאָרט די לאַגע, אָר-

גאַניזירט אַ קאָמיטעט און פערבונדען איהם מיט'ן קיעווער הילפס-
קאָמיטעט. און פון דעמאָלט אָן האָט ד"ר לאַנדער נישט אויפ-
געהערט צו אַרבייטען אין דעם קאַנט: איז אַרומגעפאָהרען אי-
בער די שטעדט און שטעדטלעך, געטיילט הילף און נישט גע-
לאָזט רוהען די קיעווער און פעטראָגראַדער הילפס-קאָמיטעטען,
פאָדערענדיג הילף פאַר דער רואינירטער און אָבגעשניטענער פון
דער גאַנצער וועלט יודישער בעפעלקערונג פון גאַליציע. צוזאַ-
מען מיט ד"ר לאַנדער האָט די גאַנצע צייט געאַרבייט אין גאַ-
ליציע דער בעפולמעכטיגטער פון קיעווער קאָמיטעט, ש. האָ-
מעלסקי.

געפינענדיג זיך אויפ'ן מיליטער-דינסט און זענענדיג צו-
געבונדען צו זיין לאַזאַרעט, האָט ד"ר לאַנדער, פערשטעהט זיך,
נישט געהאַט די מעגליכקייט צו בעזוכען אַלע פונקטען, פונאַנ-
דערפיהרען רעגעלמעסיגע הילף אומעטום און אָברופען זיך אויף
דער גאַנצער יודישער נויט, וואָס האָט געהערשט אין קאַנט.
דערום איז די הויפט-אַרבייט געפאַלען אויף ה' האָמעלסקי'ן, וועל-
כער האָט אין דעם אופן זעהר פיל אויפגעטהון. אין דעם משך פון
זעכצעהן חדשים, ביז מיין קומען און פיל חדשים שפעטער, האָט
ער מיט אַ גרויסער איבערגעגעבענקייט, ריכטיגער געזאָגט, מיט
אַן אמת'ן מסירת נפש, געאַרבייט אין גאַליציע. נאָר אַדאַנק
איהם, איז אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך געווען גענוי אויס-
געפאָרשט די נויט, געווען פעררעגיסטרירט אַלערליי פאַכען-
הילף, אין וועלכע די בעפעלקערונג האָט זיך גענויטיגט. ס'זענען
אומעטום געווען אָרגאַניזירט קאָמיטעטען, אויסגעאַרבייט סמעטעס
און יעדע שטאָדט און שטעדטעל האָט רעגעלמעסיג בעקומען
הילף. דאָס זענען שוין נישט געווען די פריהערדיגע איינמאָלי-
גע נדבות, וועלכע איך, אָדער ווער אַנ'אַנדערער, האָט געקאָנט
צופעליג אָבפיהרען אין דער אָדער יענער שטאָדט, נאָר אַ סי-
סטעמאַטישע הילף, וואָס האָט געראַטעוועט פיל הונדערטער
אָדער טויזענדער יודישע נפשות פון אַ הונגערטויט.

נאָך דעם אָנטריט פון ברוסילאָוו'ן, אַז עס זענען צוגעקו-
מען פיל צעהנדליגער שטעדט און שטעדטלעך, אויפסניי רואי-

בירטע, וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין הילף, איז פאַר האָמעלסקי'ן געוואָרען אונמעגליך אויסצופיהרען אַליין די גאַנצע אַרבייט. דערצו איז נאָך אין דער צייט דער ד"ר לאַנדער קראַנק געוואָרען, געמוזט אָבפאָהרען אין רוסלאַנד און אויף אַנ'אומבעשטימטער צייט איבעררייסען זיין טעטיגקייט. מחמת דעם אַלעם, האָט דער קיעווער קאָמיטעט געפונען פאַר דרינגענד נויטיג, איך זאָל פאָהרען אין גאַליציע און נעהמען דאָרט אויף זיך אַ טייל פון דער אַרבייט.

אין קיעוו, אויף די בעראַטונגען פון הילפס-קאָמיטעט וועגען מיין קומענדיגער אַרבייט, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז חוץ דער געוועהנליכער אַרבייט פון אָרגאַניזירען הילף, שטעהט מיר פאַר נאָך איין אויפגאַבע, וועלכע דער פאָרזיצענדער, ה' גרינבערג, האָט אַזוי פאָרמולירט:

—מיר שטעהען פאַר אַ קראַך!—האָט ער מיר געזאָגט.— דער בידזשעט פון גאַליציע וואַקסט פון חודש צו חודש און איז שוין אַריבערגעשטיגען זעכציג טויזענד רובל מאָנאַטליך. אין דערזעלבער צייט ווערען אונזערע הכנסות וועניגער און וועניגער. די געלד-געבער זענען פאַר די צוויי יאָהר „מיד געוואָרען צו געבען". די גאַנצע זאַך איז פאַר זיי געוואָרען וואָכעדיג. כדי אויפצומונטערן אונזערע גבירים און נויטען זיי צו געבען גרעסערע סומען, דאַרפען זיי שרעקליכע געשעהענישען, בלוטיגע קאַטאַסטראָפעס. געוועהנליכע נויט, וועלכע הערשט אין גאַליציע, זאָל עס זיין די ביטערסטע, ריהרט זיי נישט אָן. „אָרימעלייט, זאָגען זיי, האָבען מיר גענוג אין רוסלאַנד". דערום, ווערען די הכנסות אַלץ קלענער. פון פעטראָגראַד בעקומען געלד ווערט אויך אַלץ שווערער. שוין צוויי חדשים, אַז מיר האָבען פון דאָרט קיין גראָשען נישט בעקומען, נישט קוקענדיג אויף אונזערע טעלעגראַמען. אַזוי, אַז ביי אונז איז איצט אַ דעפיציט פון כמעט הונדערט טויזענד רובל. פון דער צווייטער זייט, רעכענען מיר, אַז ביים איצטיגען צושטאַנד, דאַרף געענדערט ווערען דער סיסטעם פון הילף אין גאַליציע. אויב ביז איצט, האָט זי נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערע ווי אַ פילאַנטראָפישע,

איז איצט, אַז עס האָט זיך אומגעביטען דער אויפטראָג פון דער מאַכט צו דער בעפעלקערונג און עס ווערט ערלויבט פיל היימלאָזע אומצוקעהרען זיך אַהיים אויף זייערע ערטער, דאַרף דער גאַנצער סיסטעם פון הילף איבערגעבויט ווערען אויף אַנ׳אַנדער יסוד, רעאָרגאַניזירט ווערען אויף אַזאַ אופן, אַז די נויטבעדערפטיגע זאָלען זיך קאָנען שטעלען אויף די אייגענע פיס, אָרגאַניזירען זייערע קהילות און ביסלעכווייז אַליין נעהמען זאָרגען וועגען זייערע אָרימעלייט. דערמיט וועלען מיר דער־גרייכען, אַז מענשען וועלען אויפהערען צו לעבען פון בעטעל־ברויט און אונזער קאָמיטעט וועט צו ביסלעך קאָנען פערקלע־נערן זיין ביודזשעט און מיט דער צייט אפשר האָבען די מעג־ליכקייט אינגאַנצען אויפצוהערען צו פונקציאָנירען. געוויס וועט מען די ערשטע צייט דאַרפען פיל גרעסערע מיטלען. נאָר, זעהט איהר, אויף אַזאַ צוועק וועט זיין גרינגער צו קריגען געלד. אַז מ׳וועט אונזערע גבירים וויזען אַ סמעטע, לויט וועלכער עס וועט זיך מיט יעדען חודש פערקלענערן די צאָהל פון די אויס־געהאָלפענע, וועלען זיי געבען אפילו גרעסערע סומען.

בקיצור, דער קאָמיטעט האָט מיר אַרויפגעלעגט די אויפ־גאַבע אויסצופאָרשען די לאַגע אין גאַליציע און בוקאָווינע און אויסאַרבייטען אַ נייעם סיסטעם פון הילף. איך האָב איינגעווי־ליגט. נאָר מחמת אַנ׳אומגעריכטער סיבה,—איך בין קראַנק גע־וואָרען,—האָב איך נישט געקאָנט גלייך צוטרעטען צו דער אַר־בייט און האָב בעקומען די מעגליכקייט צו פאָהרען ערשט אין אָנהויב דעצעמבער.

אין וואָס פאַר אַ לאַגע עס האָט זיך געפונען די הילפס־אַרבייט פאַר גאַליציע, קאָן גוט כאַראַקטעריזירען די פאָלגענדע טעלעגראַמע, וועלכע איך האָב ביי יענער צייט בעקומען פון ד״ר לאַנדער, וועלכער האָט זיך אומגעקעהרט צו דער אַרבייט:

„צוויי מיט אַ האַלבען חודש בין איך אַרומגעפאָהרען אין גאַליציע און בוקאָווינע. די לאַגע פון דער יודישער בעפעלקע־רונג איז קריטיש. דער מינימאַלער הילפס־ביודזשעט איז פער־ציג טויזענד רובל מאָנאַטליך. דער קיעווער הילפס־קאָמיטעט,

נישט האָבענדיג קיין מיטלען, זאָגט אָב איך ווייטערדיגער הילף. אין סעפּטעמבער האָב איך פּערזענליך געמאַכט (אין פּעטראָגראַד) אַן׳אויפטראָג וועגען דער לאַגע אין גאַליציע. „יעקאָפּא״ האָט דאַן פערשפּראָכען פּאַרטצווזעצען זיין הילף. אין נאָמען פון דער אומגליקליכער בעפעלקערונג, אין מיין נאָמען, בעט איך רחמים אייך, אַזוי ווי אַנדערע מיטגלידער פון „יעקאָפּא״, אָנצונעהמען די נויטווענדיגע מיטלען צו בעזאָרגען די הילף אויף די נאָהנטע חדשים. איך בעט רחמים „יעקאָפּא״, נישט צו פערלאָזען אָהן הילף די אָבגעשניטענע פון דער גאַנצער וועלט בעפעלקערונג, נאָכדעם ווי דאָס רוסישע יודענטום האָט עס דריי יאָהר געשטיצט. איך בעט אַ דרינגענדען ענטפער אויפ׳ן אַדרעס פון קיעווער קאָמיטעט. ד״ר לאַנדער.״

ב.

איך בין אָבגעפאָהרען אין גאַליציע אין אָנפאַנג דעצעמבער און אַרומגעפאָהרען ביז אָנפאַנג מערץ 1917 יאָהר. פאַר די דריי חדשים האָב איך בעזוכט עטליכע צעהנדליג פּונקטען, אייניגע, צו עטליכע מאָל. נאָר איידער איך בין נאָך אַרויסגעפאָהרען, האָב איך אין אַ געוויסער מאָס קלאָר געמאַכט פאַר זיך די לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אָקופּירטען קאַנט.

פאַר דעם יאָהר האָט זיך ראַדיקאַל אומגעביטען די אַלגעמיינע לאַגע פון די יודען אין רוסלאַנד. די מפּלה פון 1915 יאָהר און דאָס, וואָס פּוילען איז אינגאַנצען געווען אָבגעשניטען פון רוסלאַנד, האָט געמאַכט פערשווינדען די לעגענדע וועגען יודישען שפּיאָנאַזש. וועגען דעם האָט קיינער נישט גערעדט, און אויב מ׳האָט יאָ דערמאָהנט, האָט עס שוין אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט. מיט דעם איבערגאַנג אויף קאַווקאַז פון גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און יאַנושקעוויטש׳ן האָבען אויפגעהערט די מאַסען-אַרויסשיקונגען פון יודען פון די נעבענפראָנטיגע קאַנטען און פיל אַרויסגעשיקטע האָבען בעקומען די

ערלויבעניש אומצוקעהרען זיך אויף זייערע ערטער. פאַר דער צייט איז אָבגעשאַפט געוואָרען דער תּחום בנוגע צו די רוסישע שטעדט און עס האָט געהאַלטען נאָהנט דערצו, אַז דער תּחום זאָל אינגאַנצען אָבגעשאַפט ווערען. די שטימונג בנוגע צו יודען האָט זיך אויף אַזויפיל אומגעביטען, אַז די רעגירונג האָט אַסיגנירט סומען אויף הילף פאַר דער אַרויסגעשיקטער און רואינירטער יודישער בעפעלקערונג.

אָט דער נייער אויפטראָג צו יודען אין רוסלאַנד האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף דעם אויפטראָג פון דער אָרטיגער מאַכט און אפילו דער אַרמעע צו דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע.

נאָך דער מפּלה פון 1915 יאָהר, זענען, נישט קוקענדיג אויף די שטרענגקייטען פון דער צענזור, אַנטפּלעקט געוואָרען די רציחות און נבלות, וואָס זענען געוואָרען אָבגעטהון דורך דער רוסישער אַרמעע און דער רוסישער מאַכט אין גאַליציע. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג אַי אין דער געזעלשאַפט, אי אין דער פּרעסע, איבערהויפּט נאָך דערפאַר, ווייל די אַלע באַרבאַרישע מעשים האָבען שטאַרק קאָמפּראָמיטירט רוסלאַנד אין די אויגען פון די פערבינדעטע, וועלכע מ׳האָט אַזוי אויך אויפגעוואָרפען פאַר זייער פערבאַנד מיט דער ווילדער אכזריותדיגער מלוכה פון ניקאָלאַי II. די רעגירונג האָט פערשטאַנען, אַז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש מיט זיין באַנדע האָבען איבערגעכאַפּט די מאָס, און האָבען אָנגענומען אַ נייע פּאָליטיק בנוגע צו דער בעפעלקערונג פון די אָקופּירטער געביטען. אין דעם שטיק גאַליציע, וואָס איז פערבליבען ביי די רוסען, איז געווען איינגעפיהרט אַ ציווילע פערוואַלטונג. אָנשטאָט צו שיקען אַהין אַלס בעאַמטע די נישט-ווירדיגסטע און פערברעכערישע עלעמענטען פון דער ביוראָקראַטיע, האָט מען בעשטימט אַהין מענשען, מעהר אָדער ווייניגער אָנשטענדיגע, מיט העכערער בילדונג. ביסלעכווייז האָט אויפגעהערט די פריהערדיגע סיסטעמאַטישע טעראָריזירונג פון דער בעפעלקערונג, איבערהויפּט דער יודישער, אין וועלכער מ׳האָט פריהער געזעהן בלויז שפּיאָנען

און פיינד. די נייע מאַכט האָט, לכל הסבות, אָנגעהויבען פאָרמעל צו אינטערעסירען זיך מיט דער לאַגע פון דער בעפעלקערונג, אפילו זאָרגען וועגען איהרע בעדערפענישען. עס איז פערלייכטערט געוואָרען און אין אייניגע ערטער אפילו אינגאַנצען אָבגעשאַפט געוואָרען דער שרעקליכער פערבאָט, כמעט אויסשליסליך פאַר יודען, אַריבערצופאָהרען פון איין אָרט אין אַנדערן. מאַנכע היימלאָזע האָט מען ערלויבט אומצוקעהרען זיך אין זייערע ערטער און אויפבויען צוריק זייער היים (סאָקאַל, קודרענצי, טאַרנאַרודאַ. שפּעטער הוסיאַטין, זאַלעשטשיק און אַנד.) אָנשטאָט דעם וואָס פריהער איז יעדער אויפטראָג פון מיליטער־לייט מיט דער ציווילער בעפעלקערונג געווען פעררעכענט ווי אַ פעררעט און אויף יעדער הילפס-אַקציע פאַר איהר האָט מען געקוקט פערדעכטיג, ווי אויף הילף דעם פיינד,—האָט איצט די מאַכט איינגעשטעלט אָפיציעלע און נאָרמאַלע בעציהונגען מיט אַלע הילפס־אינסטיטוציעס, צווישען זיי אויך מיט די יודישע און אפילו אָפטמאָל געזאָרגט אַליין, אַז די בעפעלקערונג זאָל נישט שטאַרבען פון הונגער, זאָל בעקומען מעדיצינישע הילף, זאָל האָבען די מעגליכקייט אויפצובויען די וואוינונגען. אָפיציעל האָט זיך דאָס מאָטיווירט מיט דער פורכט, עס זאָלען זיך נישט פערשפרייטען עפּידעמישע קראַנקהייטען, וועלכע וואָלטען געקאָנט אַריבער אין דער אַרמעע.

עס פערשטעהט זיך, אַז עס איז נאָך ווייט געווען צו אַ גן עדן. מ׳האָט, ווי פריהער, געשלעפּט יודען צו צוואַנגס-אַרבייט, מ׳האָט געריסען כּאַבאַר און גאַנץ אָפען אַרויסגעוויזען די שנאה צו יודען. נאָך מעהר אפילו, די משונה׳דיגע צירקוליאַרען וועגען אַערפּאָלגען יודען האָבען נישט אויפגעהערט. דער בעפעהל נישט פּרויסצושיקען מיט געוואַלד יודען פון זייערע ערטער, האָט אַרויסגערופען דעם פאָלגענדען צירקוליאַר:

„אַ טעלעגראַמע פון שטאַב פון דרייסיגסטען אַרמעאישען קאָרפּוס.

„דער קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס האָט בעפוילען, נעהמען צו ערפילונג דורך צופּאַסענדע בעפעהלען, די טעלעגראַמע פונ׳ם

אָבער-בעאַמטען איבער די צושטעלונגען פאַר דער אַרמעע:

„לויט דעם בעפעהל פון העכֿסטען הויפּט־קאָמאַנדיר, ווערט אינגאַנצען אָבגעשאַפט די איבערגוואַלדיגע אַרויסשיקונג בשעת׳ן אָבטרעטען. די אַנטרונענע, וועלכֿע געהען פרייוויליג פון גאַליציע אין אונזערע גובערניעס, און די נעבענגרעניצדיגע איינוואוינער, ווערען אָבגעשיקט אין די שטענדיגע (בעשטימטע?) טיילען פון וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניעס. די, וואָס ווילען בעגעהרען אומצוקעהרען זיך אין גאַליציע—נישט אויפהאַלטען זיי, אויב עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען אַז זיי שטאַמען פון דאָרט. די היימלאָזע דאַרפען בעזעצט ווערען אין עטליכֿע קאָלאָניעס אויף דעם אָרט פון די אַרויסגעשיקטע (דייטשע?) קאָלאָניסטען. גאַליציאַנער יודען נישט אַריינלאָזען אין אונזערע גרעניצען און די, וואָס זענען שוין אַריינגעדרונגען צוזאַמען מיט די (קריסטליכע?) היימלאָזע אין רוסלאַנד, אויף וויפיל מעגליך, אומקעהרען צוריק אין גאַליציע. ביי איצטיגער צייט געפינען זיך אין דער לענג פון דער עסטרייכישער גרעניץ, לאַגערן פון יודען וועלכֿע זענען פריהער אַרויסגעשיקט געוואָרען פון די מיליטער־ראַיאָנען פון גאַליציע, נאָר נישט אַריינגעלאָזען געוואָרען אין רוסלאַנד. ביים אָבטרעטען פון אונזער אַרמעע און אַריבערטרעטען די גרעניץ, ווערט בעפוילען, ווי אַ חוב, אונטערצוזוכען, ד. ה. (?) אַרומגעהן די לאַגערן, כּדי אויסצומיידען עפּידעמישע אָנשטעקונגען און אָננעהמען ענערגישע מיטלען דורכצושטויסען די יודען אין דער זייט פונם שונא. דער ענדליכער ציל פון די אַלע אַרויסגעגעבענע אין פערשידענע צייטען אָנווייזונגען וועגען עוואַקואַציע, איז דאָס, אַז דער שונא זאָל, ביי זיין אָנטריט, נישט געפינען קיין ברויט, קיין פוראַזש, קופער, פיה און אַנדערע לעבעדיגע בעשעפענישען און פערד, וואָס טויגען פאַר׳ן חייל. מען דאַרף נישט דערלאָזען די פערניכטונג פון דאָרפישע געביידעס, וועלכֿע שטערן נישט די אַרבייט פון מיליטער. אויך דאַרף מען שטרענג בעשטראָפען רויבערייען און געוואַלדטהאַטען. מחמת דעם אָבשאַפען פון געוואַלדיגער אַרויסשיקונג, דאַרף מען מעלדען די איינוואוינער, אַז דער שונא וועט, אָהן אַ ספק, פערנעהמען אין

זיינע רייהען מאַנסלייט אין עלטער פון אַכצעהן ביז פופציג יאָהר און דעריבער איז בעגעהרט זייער פרייוויליגער בעצייטיגער אָבפאָהר. נומר 19125. אונטערגעשריבען: מאַוורין. הוסיאַטין 4873 סאַנגיקאָוו׳ן 2477. קאָמאַנדיר פון צעהנטען קאָרפוס פאָלקאָווניק סטאַווראַקין.״

אַ צווייטער בעפעהל, וואָס איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרען אין אַלע קאָרפוסען און טיילען: „דער הויפט־קאָמאַנדיר פון מעריב־פראָנט האָט בעפוילען דערווייטערן פון די קאָרפוס־ראַיאָנען אַלע מענשען פון יודישען גלויבען, וועלכע דינען אין רויטען קרייץ, זעמסקי פערבאַנד, פערבאַנד פון שטעדט, צפון־הילף און אין אַנדערע פרייוויליגע אָרגאַניזאַציעס פון סאַניטאַרע הילף, חוץ דאָקטוירים. דאָקטוירים פון יודישען גלויבען לאָזען אויף די ערטער וואָס זיי פערנעהמען, ערפילענדיג די פליכט פון קאָרפוס־אַרצט גר. קאַרי. 16 מאַרט 1916 יאָהר נומר 837.

נאָר נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָט זיך דער אויפטראָג פון דער מאַכט צו יודען ראַדיקאַל אומגעביטען. אין דעם האָט געשפילט א ראָל חוץ די ענדערונגען אין דער יודישער פאָליטיק, אויך דאָס, וואָס פאַר די צוויי יאָהר אָקופאַציע איז מען פשוט געוועהנט געוואָרען איינע צו די אַנדערע. קיין שלאַכטען זענען אין קאַנט נישט פאָרגעקומען, קיין מאָטיווען חושד צו זיין יודען אין בעציהונגען מיט׳ן פיינד זענען נישט געווען. ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעקוקט צום יוד, צוגעוועהנט זיך צו זיין פנים, אָנצוג, אויפפיהרונג און מ׳האָט אָנגעהויבען אָבשאַצען זיינע פעהיגקייטען. פון צווייטען צד, האָט זיך די יודישע בעפעלקערונג ביסלעכווייז צוגעקוקט און צוגעפאַסט צום רוס. פיל האָבען זיך אויסגעלערנט רעדען רוסיש און עס האָט זיך געשאַפען אַ פערשטענדניש און אַ צוזאַמענבונד פון אינטערעסען.

אויף וויפיל די לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דער אָקופירטער גאַליציע האָט זיך פערבעסערט אין פאָליטישען און אַדמיניסטראַטיווען אופן דערמיט, וואָס עס האָבען אויפגעהערט די פאָגראָמען, בלבולים, אַרויסשיקונגען און ווילדע פער־

פאָלגונגען, אויף אַזוי פיל האָט זי זיך פאַרערגערט אין עקאָנאָ־מישען, מאָראַלען און פּסיכאָלאָגישען זין.

אין די פריהערדיגע קאפּיטלען איז מיר שוין אויסגעקומען צו כאַראַקטעריזירען דעם חורבן, וואָס די מלחמה אַליין און די פּאָליטיק פון דער רוסישער מאַכט האָבען געשאַפען אין אָקו־פּירטען קאַנט דורך דעם רואינירען פּאָלוואַרקען, אַרויסשיקען פיל פּויערים. דורך דער אַלגעמיינער אונזיכערקייט, איז דריי פערטעל ערד געבליבען נישט בעאַרבייט; דאָס פעהלען פון רויע שטאָף און דער פּאַראַליז פון פערקעהר און האַנדעל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג האָבען געבראַכט דערצו, אַז עס האָבען זיך אָבגעשטעלט די פאַבריקען און זאַ־וואָדען און אפילו האַנדווערקער זענען פערבליבען אָהן אַרבייט. די אינטעליגענץ, וועלכע איז פערבליבען נאָך דעם, אַז די גרעסטע טייל פון איהר איז, אָדער אַנטלאָפען, אָדער געווען פערנומען און אַרויסגעשיקט ווי ערוב׳ניקעס, האָט נישט געהאַט קיין שום מיטלען צום לעבען. די אָבגעשניטענקייט פון דער גאַנצער וועלט און דער פערבאָט פון בעוועגונג, אפילו אַרויסצו־פאָהרען אין דעם נאָהנטסטען דאָרף, האָבען דערשלאָגען יעדען האַנדעל. בקיצור, אַלע שיכטען פון פאָלק זענען געווען רואי־נירט און פערבליבען אָהן שום פערדינסט. דאָס אַלץ האָט זיך נישט געפיהלט אַזוי שאַרף אין דער ערשטער צייט פון דער אָקופּאַציע. עס זענען פערבליבען היבשע זאַפּאַסען פון תבואה און אַלערליי סחורות. פיל אונטערנעהמונגען און אַרבייטען זענען אַ געוויסע צייט לויט דער אינערציע נאָך געגאַנגען. די אינטעלי־גענץ און אפילו די האַנדווערקער האָבען נאָך געהאַט געוויסע אָבשפּאָרונגען, וועלכע האָבען זיי געגעבען די מעגליכקייט צייט־ווייליג צו דעקען זייערע הוצאות. קיינער האָט נישט גערעכענט די לאַגע פאַר קריטיש, ווייל מ׳איז געווען זיכער, אַז די אָקו־פּאַציע וועט לאַנג נישט דויערן און איבעראַל האָט מען נישט ערוואַרט, אַז די מלחמה זאָל זיך ציהען מעהר ווי עטליכע חדשים, העכסטענס אַ יאָהר. אויף דער קאַטאַסטראָפע האָט מען געקוקט ווי אויף אַ צייטווייליגער, וועלכע מ׳דאַרף ווי עס איז

איבערקומען, און נאָכדעם וועט דאָס לעבען אַריין אין דער פריהערדיגער אָרדנונג. עס זענען געווען פיל דראַמען און טראַגעדיעס, אָבער די פסיכיק, די מאָראַלע שטימונג פון דער בעפעלקערונג, איז אין דער ערשטער צייט געבליבען דיזעלבע.

גאָר אַנ׳אַנדער בילד האָט זיך בעקומען נאָך צוויי יאָהר אָקופּאַציע. פאַר דער צייט האָבען זיך אויסגעשעפּט אַלע זאַפּאַסען אי פון תבואה, אי פון סחורות. עס האָבען זיך אויסגעשעפּט ביי דער גרעסטער טייל בעפעלקערונג, די קליינע קאַפּיטאַלען וואָס זיי האָבען געהאַט. פון טאָג צו טאָג האָט זיך געמעהרט די צאָהל פון די נויטבעדערפטיגע און הונגעריגע. ווי אַ כראָנישע קראַנקהייט, האָט די אָרימקייט אַריינגעדרונגען אין אַלע אברים פון פאָלקס-אָרגאַניזם: עס האָבען זיך אָבגעטראָגען און צוריסען געוואָרען די בגדים און שיך. אָבגעלאָזען געוואָרען די וואוינונגען. עס זענען אָבגעשוואַכט געוואָרען די אָרגאַניזמען. די אונענדליכקייט פון דער מלחמה און פון דער אָקופּאַציע האָבען אָבגעשוואַכט דעם גלויבען און האָפנונג אויף אַ גיכע הילף. עס האָט זיך געשאַפען אַ נידערגעשלאָגענע פּעסימיסטישע שטימונג. די אָבגעריסענקייט פון דער אייגענער און פון אַ וועלכער עס איז קולטור, דאָס, וואָס קולטורעלע מענשען האָבען אין משך פון צוויי יאָהר נישט געזעהן אין די אויגען קיין צייטונג, קיין נייעם בוך, נישט געהאַט די מעגליכקייט צו בעזוכען אַ טעאַטער, אַ קאָנצערט, געווען אָבגעריסען פון יעדע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, האָט בעשאַפען אַנ׳אַפּאַטיע, וועלכע איז געווען נאָהנט צו אַ פערווילדקייט. איבערהויפּט האָט זיך עס שרעקליך אָבגערופען אויף דעם אונטערוואַקסענדען דור, אויף די קינדער. פון ערשטען אַריינטריט פון די רוסען זענען פערמאַכט געוואָרען אַלע שוהלען, אַלע לעהר-אַנשטאַלטען—און צעהנדליגער טויזענדער קינדער זענען פערבליבען גאַנצע צוויי יאָהר אָהן אונטערריכטונג, אָהן ערציהונג. חוץ די וועניגע צאָהל קינדער, וואָס האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו לערנען זיך צו הויז, זענען אַלע איבעריגע פערבליבען אָהן אַנ׳אויפזיכט, אָהן אַ הדרכה, זענען געווען

אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס און אָבגעגעבען דער גאַס מיט אַלע איהרע שרעקליכע איינפלוסען. נאָר אין דער לעצטער צייט איז ערלויבט געוואָרען צו עפענען אָנפאַנגס שוהלען, און דאָס, נישט קיין יודישע.

חוץ די אַלע צרות, האָט די יודישע בעפעלקערונג געלי־טען נאָך פון אַנ'אומגליק, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען דורך די ווילדע און אכזריות'דיגע מעשים פון דער רוסישער מיליטע־רישער מאַכט און האָט אַריינגעבראַכט אין דעם צובראָכענעם חרוב'ן לעבען, אַ בעזונדערע צורודערונג און פערצווייפלונג.

פון אָנפאַנג אָקופּאַציע, האָט די רוסישע מאַכט אַרויסגע־שיקט פון גאַליציע פיל צעהנדליגער טויזענדער יודען קיין רוס־לאַנד: אין ניזשני־נאָווגאָראָדער און פּענזער גובערניעס און אין סיביר. קיין סיסטעם איז אין דער אַרויסשיקונג נישט געווען. פון אייניגע ערטער האָט מען אַרויסגעשיקט נאָר פערנומענע ערוב'ניקעס, פון אַנדערע האָט מען אַרויסגעשיקט די מיליטער־פעהיגע יודישע בעפעלקערונג. פון פיל שטעדט און שטעדטלעך האָט מען אַרויסגעשיקט די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג. די אַרויסשיקונג איז געוועהנליך פאָרגעקומען מיט אַנ'איילעניש און מיט אכזריות, אַזוי, אַז די אַרויסגעשיקטע האָבען גאָרנישט גע־קאָנט מיטנעהמען. וויפיל זיי זענען אויסגעשטאַנען אין וועג, וויפיל ס'זענען אומגעקומען פון שוואַכקייט, הונגער און קראַנקהייטען, איז נישט צו בעשרייבען. קומענדיג אויפ'ן אָרט, האָבען די היימלאָזע בעגעגענט אַ וואַרימען מענשליכען אויפנאַהם מצד דער אָרטיגער קריסטליכער בעפעלקערונג. אומעטום האָבען זיך גע־אָרדענט יודישע הילפס־קאָמיטעטען, וועלכע האָבען בעזאָרגט די היימלאָזע מיט שפּייז און בגדים און געפונען פאַר זיי אַרבייט, אַזוי, אַז מעהרסטענטייל האָבען זיך די היימלאָזע גוט איינגע־אָרדענט און געהאַט פּרנסה. אַ געוויסע טייל פון זיי, ביי אַ פיער טויזענד מאַן, פון די אַרויסגעשיקטע אין פּענזע איז געקומען צו הילף דער אַמעריקאַנער קאָנסול פון מאָסקווא. פון דעם געלד, וואָס איז געווען געזאַמעלט אין אַמעריקא, האָט ער אַרויסגעגעבען שטיצע צו צעהן רובל מאָנאַטליך אויף אַ פּערזאָן.

אין אָנהויב 1916 יאָהר איז אַרויס אַ בעפעהל, אומצוקעהרען צוריק אַלע אַרויסגעשיקטע גאַליציאַנער יודען (חוץ די ערוב'ניקעס). די היימלאָזע האָבען בעגעגענט די פעראָרדנונג מיט דער גרעסטער פרייד, נאָר זיי האָט ערוואַרט אַ ביטערע ענטטוישונג. אַז זיי האָבען זיך נאָך פיל מיה און צרות דערקליבען קיין גאַליציע, האָט מען זיי נישט ערלויבט אומצוקעהרען זיך אויף זייערע וואוינערטער. מאָטיווירט האָט מען דאָס אין אייניגע ערטער דערמיט, וואָס אין יענער אומגעגענד קומען פאָר שלאַכטען, אין אַנדערע פאַלען—וואָס די שטעדטלעך זענען לגמרי חרוב און די צוריקגעקעהרטע וועלען נישט האָבען וואו צו בעזעצען זיך, אָדער, ווייל זייערע הייזער זענען פערנומען דורך מיליטערישע אַנשטאַלטען. און מ'האָט פונאַנדערגעשיקט און פונאַנדערגעוואָרפען די צעהנדליגער טויזענדער צוריקגעקעהרטע היימלאָזע אין פרעמדע שטעדט און שטעדטלעך. דערביי האָט זיך די מאַכט נישט גערעכענט מיט דעם, וויפיל היימלאָזע יעדער פונקט איז אומשטאַנד אויפצונעהמען, און האָט אין קליינע שטעדטלעך געשיקט טויזענדער נפשות. דהיינו, אין שטעדטעל סקאַלאַט, וואו עס זענען איינגאַנצען געווען ביי טויזענד יודישע איינוואוינער, האָט מען אָבגעשיקט פיערטויזענד היימלאָזע פון פאָדוואָלאָטשיסק און הוסיאַטין. אויף דעמזעלבען אופן האָט מען אויך צעזייהט די איבעריגע היימלאָזע. די פינפטויזענד איינוואוינער פון סניאַטין האָט מען בעזעצט אין טשאָרטקאָוו און יאַגעלניצע; פיערטויזענד איינוואוינער פון הוסיאַטין—אין סקאַלאט און קאָפעציניעץ; טויזענד פינפהונדערט פון סקאלא—אין באַרשצאָוו און אָזעריאַני; פינפטויזענד פון פאָדוואָלאָטשיסק—אין טאַרנאָפאָל און סקאַלאַט. די איינוואוינער פון זאַלעשטשיק האָט מען בעזעצט אין בערעזאָוו; די איינוואוינער פון אַטיניע—אין גזשימאַלאָוו א. ד. גל. חוץ דעם, זענען איבער דער גאַנצער געגענד געווען פונאַנדערגעוואָרפען צווייטויזענד פינפהונדערט נפשות פון די דערפער. בסך הכל האָט מען אַזוי פונאַנדערגעטיילט איבער פינפאונדרייסיג טויזענד אומגעקעהרטע היימלאָזע.

די לאַגע פון אַט די היימלאָזע איז געווען אַ שרעקליכע.

ווי ביטער עס איז געווען די לאַגע פון די אָרטיגע גאַליציאַנער יודען, האָבען זיי פאָרט געהאַט יעדערער זיין ווינקעל, האָבען זיך געפונען אין דער אייגענער סביבה. די היימלאָזע, אויסגעהונגערטע, פעראָרימטע, פערוואָגעלטע פון די שרעקליכע נסיעות, אָהן אַ שום בעל-הבתּישקייט, האָבען זיך אין אַ פרעמדען אָרט, וואו די נויט איז אויך אָהן זיי געווען גענוג גרויס, געפונען אין אַ שוידערהאַפטער לאַגע.

זיי האָבען זיך געלעגט ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער אָרטיגער בעפעלקערונג, וואו די אָרימע קהלות האָבען נישט געהאַט די מעגליכקייט אויפצוהאַלטען אָדער, וויפיל נישט איז, אויסהעלפען אפילו די אייגענע אָרימעלייט. נאָר ווי מ׳איז נישט געווען ביכולת, האָט מען פאָרט געמוזט אויסהעלפען די אָנגעקומענע. לכל הפּכות, נישט לאָזען זיי פערבלייבען אונטער׳ן פרייען הימעל און בעזאָרגען מיט אַ ווינקעל. עס איז ווינקעל. דאָס האָט אַרויסגערופען אַן׳אונגעהויערן דירה-קריזיס, וועלכער איז געווען איבערהויפּט שאַרף דורך דעם, וואָס אין די אַלע שטעדט זענען פיל הייזער חרוב געוואָרען און די גרעסטע בנינים, זענען געווען פערנומען דורך דער מיליטער-מאַכט. מען האָט זיך געענגט ביז אַ דערשטיקעניש, בעזעצט צו פיער-פינף געזינדען אין איין חדר׳ל, בעזעצט אַלע קלויזען און בתּי מדרשים, אַלע שפּייכלערס און שטאַלען. די ענגשאַפט, צוזאַמען מיט דער הונגערנויט, האָבען אַרויסגערופען עפּידעמיעס. אין דעם ערשטען האַלבען יאָהר, איידער מ׳האָט צייט געהאַט צו אָרגאַניזירען הילף פאַר די היימלאָזע, זענען פון די פינפאונדרייסיג טויזענד צוריקגעקעהרטע, אויסגעשטאָרבען פון הונגער און אַלערליי מגפות, איבער פינפטויזענד נפשות!!

פון די געזעלשאַפטליכע הילפס-אָרגאַניזאַציעס האָט זיך פריהער פאַר אַלעמען און ממשות׳דיגער ווי אַנדערע, אָבגערופען אויף דער נויט פון דער גאַליציאַנער יודישער בעפעלקערונג, דער זעמסקי פערבאַנד.

נאָך אין ענדע 1915, איז דער זעמסקי פערבאַנד צוגעטראָטען צו דער אָרגאַניזירונג פון הילף פאַר דער בעפעלקערונג

פון אָקופּירטען קאַנט. ער האָט איינגעאָרדענט אין אַ גרעסטען טייל שטעדט און שטעדטלעך שפּייז-פּונקטען, וואו די היימלאָזע בעפעלקערונג, סיי קריסטליכע סיי יודישע, האָט בעקומען טעג-ליך צו איין פונט ברויט אויף אַ דערוואַקסענעם, אַ האַלב פונט אויף אַ קינד, און אַ קענדעל זופּ אָדער טרוקענע גרויפּען. ווי גרויס עס איז געווען די צאָהל פון די אונטערגעשטיצטע, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס נאָר אויף שטיצע דער יודישער בעפעלקערונג האָט דער פערבאַנד אויסגעבראַכט מאָנאַטליך הונ־דערט און זיבען טויזענד רובל.

חוץ די אומזיסטע קיכען האָט דער זעמסקי פערבאַנד איינ-געאָרדענט קאָאָפּעראַטיווע קלייטען, וואו מ'האָט פערקויפט פּראָ-דוקטען אויף דעם אייגענעם מקח, ד. ה. צוויי, דריי מאָל בי-ליגער, ווי די מאַרק־מקחים.

זעהר פיל האָט געטהון דער זעמסקי פערבאַנד אין דעם אופן פון אָרגאַניזירען מעדיצינישע הילף פאַר דער אָרטיגער בעפעלקערונג. ער האָט אין פיל פונקטען געגרינדעט שפּיטאָלען און אַמבולאַטאָריעס און געפיהרט אַ רעגעלמעסיגען קאַמף מיט די עפּידעמיעס, איבערהויפּט מיט'ן הונגער-טיפוס.

חוץ דעם האָט דער זעמסקי פערבאַנד איינגעאָרדענט אין זעקס פונקטען קינדערהיימען (אָכראָנקעס), וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען צוגלייך יודישע קינדער מיט קריסטליכע. בסך הכל האָבען זיך אין די זעקס קינדערהיימען אויפגעהאַלטען איבער טויזענד יודישע קינדער (טאַרנאָפּאָל דרייהונדערט פינפאונצוואַנ-ציג, אָזעריאַני—צווייהונדערט און אַכט, סקאלאט—צווייהונדערט, טשאָרטקאָוו—הונדערט פינפאונצוואַנציג, גזשימאַלאָוו—הונדערט און פופצעהן און ביי הונדערט אין באַרשטשאָוו). דער אויפטראָג פון די קריסטליכע פערוואַלטער צו די יודישע קינדער איז געווען זעהר אַ גוטער.

אין עטליכע ערטער האָט דער פערבאַנד אָרגאַניזירט הילף פאַר פרויען.

בשעת דער קיעווער קאָמיטעט איז אין אָנפאַנג 1916 צו-געטראָטען צום אָרגאַניזירען אַ סיסטעמאַטישע הילף פאַר דער

יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף יענע בעדערפענישען, וועלכע דער זעמסקי פערבאַנד האָט נישט געדעקט. ער האָט אַרויסגעגעבען אויף פערשטאַרקטער שפייזונג פאַר אַלטע, קינדער, כּראַניש קראַנקע און געזונד-וועַ-רענדע (ווייס ברויט, מילך, אייער איינמאָל אין וואָך פלייש); אויף דירות, בעהייצונג, פעררי‏כטען שיך, הילף רבנים, שוחטים און אַנדערע כּלי קודש; אויף חדרים און אויף מעדיצינישע הילף אין יענע פונקטען, וואו זי איז נישט געוואָרען אָרגאַניזירט דורך דעם זעמסקי פערבאַנד. דערהויפט הילף איז געגעבען געוואָרען די היימלאָזע. דער אָרטיגער אָרימער בעפעלקערונג האָט מען געהאָלפען נאָר אין אויסשליסליכע פאַלען און אויף דעם איז געגאַנגען נאָר איין צעהנדליג פון אַלגעמיינעם הילפס-ביודזשעט.

אין אָנהויב פריהלינג 1916 האָט דער זעמסקי פערבאַנד אָנגעהויבען צו פערקירצען זיין הילף די היימלאָזע. ער האָט אונטערגענומען אַ רעגיסטראַציע פון די היימלאָזע, כּדי קלאָר צו מאַכען די צאָהל פון די „אַרבייטס-פעהיגע״ און אויסשליסען זיי פון דער רשימה פון די וואָס בעקומען הילף. אויף אַזאַ אופן איז אויסגעשטריכען געוואָרען מעהר ווי אַ העלפט פון די, וואָס האָבען בעקומען הילף. דהיינו, אין טאַרנאָפּאָל זענען פון צוויי-טויזענד, וועלכע האָבען בעקומען שפייז אין די קיכען, פערבלי-בען נאָר זעקסהונדערט קינדער. ביסלעכווייז האָבען זיך פער-מאַכט די שפייז-פונקטען אין גזשימאַלאָוו, טרעמבאָוולע, באָדזאָנאָוו, כּעראָסקאָוו, קאָפּעציניעץ, אָזוריאַני, באַרשטשאָוו, קאָראַלאָוו, מעל-ניצע. געבליבען זענען פונקטען נאָר אין טאַרנאָפּאָל, זבאַרז, טשאָרטקאָוו, סקאַלאַט, יאַגעלניצע, קאַלאָמעיאַ, סטאַניסלאַוואָוו.

אפילו אין די ערטער, וואו עס זענען פערבליבען שפייז-פונקטען פאַר דער פערקלענערטער צאָהל היימלאָזע, האָט זיך פון טאָג צו טאָג פערערגערט די אָנפיהרונג פון די פונקטען: מ׳האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען ברויט איין מאָל אין צוויי—דריי טעג, שפּעטער איז דערגאַנגען דערצו, אַז מ׳האָט אַרויסגעגעבען נאָר איין מאָל אין וואָך אַ טעגליכען פּאַיאָק ווייל, ווי מ׳האָט מאָטיווירט, עס האָט אויסגעפעהלט ברויט.

נאָך ערגער איז עס צוגעגאַנגען מיט די קאָאָפּעראַטיווע קליינען. כמעט אומעטום האָבען די יודען קיין צוטריט נישט געהאַט צו דער פערוואַלטונג פון די קלייטען, וועלכע איז בע־שטאַנען פון אָרטיגע פּאָליאַקען און רוטענער. זיי האָבען זיך זעהר שלעכט אויפגעטראָגען צו יודען, אַזוי, אַז יודען האָ־בען אויסגעווייכט די קלייטען. אין איינ־יגע האָט מען יודען נישט אַרויסגעגעבען קיין פּראָדוקטען, אָדער אויסגעטיילט פאַר זיי אַ בעזונדער צייט, איין מאָל אין וואָך צוויי שעה (טאַרנאָפּאָל) אָדער בעשטימט שבת, ווי אַ טאָג, אַרויסצוגעבען פאַר יודען. אין טשאָרטקאָוו איז אויף דער זעמסקער קאָאָפּעראַטיווער קלייט אפילו געווען אַנ׳אויפשריפט: „לויט דעם בעפעהל פון דער מאַכט איז פערוועהרט צו פערקויפען סחורה יודען.” מאָטיווירט האָט מען די בעגרענצונגען דערמיט, וואָס יודען נויטיגען זיך נישט אין ביליגע סחורות און מאַכען מיט זיי געשעפטען.

אין פיל ערטער האָט דער פערבאַנד ליקווידירט די שפּי־טאָלען און אַמבולאַטאָריעס, וואו יודען האָבען בעקומען אומזי־סטע מעדיצינישע הילף.

דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופען די נויטווענדיגקייט, אַז דער קיעווער הילפס־קאָמיטעט זאָל פערברייטערן זיין טעטיגקייט. די „אַרבייטס־פעהיגע”, וועלכע דער פערבאַנד האָט אויסגעשטריכען, האָבען זיך נישט וועניגער גענויטיגט אין הילף, ווי די נישט אַר־בייטספעהיגע, ווייל קיינער פון זיי האָט אין ערגעץ קיין אַרבייט נישט געקאָנט קריגען. די צוואַנגס־אַרבייט, אויף וועלכער מ׳האָט געשיקט טויזענדער יודען, האָט זיך אָפיציעל בעצאָהלט, נאָר פון דעם געצאָהלט האָבען יודישע אַרבייטער קיין גראָשען נישט בע־קומען. דער הילפס־קאָמיטעט האָט געמוזט נעהמען אויף זיך צו שפּייזען נישט נאָר די אַרבייטס־פעהיגע פון די היימלאָזע, נאָר אויך אַ גרויסע טייל פון די אָרטיגע נויטבעדערפטיגע, איבער־הויפּט פון דער אינטעליגענץ, וועמענס לאַגע עס איז געווען נישט בעסער, ווי די לאַגע פון די היימלאָזע. מחמת דעם האָט פון חודש צו חודש געשטיגען דער בּיודזשעט פון דער הילף פאַר גאַליציע און צום סוף יאָהר איבערגעשטיגען 50,000 רובל.

## 4

טאַרנאָפּאָל איז נאָך לעמבערג, די גרעסטע שטאָדט אין מזרח־גאַליציע. זי איז אויך איינע פון די עלטסטע יודישע שטעדט, אַ רייכע, מיט היסטאָרישע דענקמאָלען און ערינערונגען, מיט נעמען פון גדולים, סיי פון דער אָרטאָדאָקסישער קולטור, סיי פון דעם השכלה־פעריאָד. די טאַרנאָפּאָלער שטיינערנע שוהל, איז איינע פון די עלטסטע און שענסטע שוהלען אין גאַליציע.

טאַרנאָפּאָל האָט כמעט נישט געליטען פון די שלאַכטען ביים אָנטריט פון רוסישען חיל. אין שטאָדט איז נישט געווען צו בעמערקען קיין פערברענטע קוואַרטאַלען און חרוב׳ע הייזער. ביי מיין אַריינפאָהר, האָט די שטאָדט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ רוהיגער און זעהר בעלעבטער. די גאַסען געפּאַקט מיט דורכגעהער, אַלע מאַגאַזינען און קלייטען אָפען, אויפ׳ן מאַרק, אַ לעבהאַפטער האַנדעל. אָבער נעהנטער צוקוקענדיג זיך, האָב איך בעמערקט, אַז דאָס הויפּט־פּובליקום אין די גאַסען, אויפ׳ן מאַרק און באַהנהויף, בעשטעהט פון מיליטער, סאַניטאַרען, באַרמהאַרציגע שוועסטער און סתם רוסען. אומעטום הערט זיך בלויז די רוסישע שפּראַך. אָרטיגע ציווילע בעפעלקערונג זעהט מען ווענינ. איבערהויפּט איז כמעט נישט צו בעמערקען יענעם בורזשואַזען און אינטעליגענטען פּובליקום, וועלכער איז געקליידעט בעל־הבתיש, אָפטמאָל רייך און עלעגאַנט. די זעלטענע אינטעליגענטע דורכגעהער זענען געקליידעט אין אַלטע אויסגערײבענע בגדים. אין גאַס געהען זיי אונזיכער, טרויעריג, שטיל, ווי באַהוטזאַם. אויסגעמאַטערטע פערצאָגטע פּנים׳ער, פערטראַכטע טרויעריגע בליקען. כמעט אויף אַלע קלייטען זענען די שילדען אין רוסיש, מיט שרעקליכע גרייזען. אויף יעדען טריט, טרעפען זיך שילדען מיט אויפשריפטען: „אַ רוסישע קלייט“. „אַ רוסישער האַנדעל“. און אין די קלייטען זיצען טאַקע רוסען, מיט טיפּישע פּנימער, און העמדלעך. דאָס זענען „קופּצעס“ אָנגעפלויגענע פון קאַלוגע, טולע, מאָסקווא און אַנדערע רוסישע שטעדט, וועלכע

מאַכען דאָ, מיט דער הילף פון דער אַדמיניסטראַציע גוטע, געשעפטען. די קלייטען און מאַגאַזינען זענען אָפען, אָבער דער האַנדעל אין זיי איז אַ געשטאָרבענער. נישט צו בעמערקען קיין איין יובעלירען-האַנדעל. נישט איין מאַגאַזין מיט רייכע לוקסוס-סחורות. אין אַנדערע קלייטען שטעהען פוסטע פּאָליצעס, ליגען אויף די פענסטער פערוואַלגערטע, פערשטויבטע שטיקלעך וועש אָדער פלעשלעך פּאַרפום, פערבליבענע פון אַמאָליגע צייטען. אויפ'ן מאַרק, איז דער הויפּט-האַנדעל מיט עסענוואַרג און נויטיגסטע סחורות: בולקעס, חזיר-שמאַלץ, פּאַפּיראָסען.

דיזעלבע אָבגעלאָזענקייט, וואָס עס ליגט אויף די קלייטען, בעמערקט זיך אויף די גאַסען, אויף די הייזער. די גאַסען בלאָטיג, אומעטום מיסט. די הייזער אָבגעלאָזען, נישט רעמאָנטירט. אין דער גאַנצער שטאָדט איז נישט צו בעמערקען קיין איין ניי אויסגעבויט הויז. אין צוויי דריי ערטער, שטעהען פון אָנפאַנג מלחמה נישט דערבויטע, גרויסע געביידעס.

אַז עס ווערט פינסטערער, הויבט אָן די ציווילע בעפעלקערונג פערשווינדען פון די גאַסען און, נאָך ניין אַ זייגער, טרעפט מען שוין נישט איין ציווילען, עס איז פערבאָטען. די גאַסען בלייבען אויסשליסליך אינ'ם רשות פון מיליטער.

געננוג געווען פאַר מיר צו פערברענגען איין טאָג אין טאַרנאָפּאָל, איך זאָל תופס זיין די גאַנצע אינערליכע שטימונג פון דער אָקופּירטער שטאָדט. פאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסע קולטורעלע אייראָפּעאישע שטאָדט, נאָר אַ דערשטיקטע, אַ פערשמידטע, אַנ'אָבגעצעהרטע, ווי עמיצער וואָלט פון איהר אויסגעזויגען דאָס לעבען און לאָזט זי מיט אַ טויט-קראַנקהייט שטאַרבען לאַנגזאַם און הילפלאָז. און דאָסזעלבע האָב איך שפּעטער געזעהן כמעט אין אַלע גרעסערע און קולטורעלע שטעדט אין אָקופּירטען געגענד. זיי האָבען אַלע אויסגעזעהן ווי שטאַרבענדע.

פריהער פאַר אַלץ, האָב איך זיך בעקענט מיט דעם אָרטיגען הילפס-קאָמיטעט.

אין טאַרנאָפּאָל, ווי אין אַנדערע ערטער, איז דער הילפס-קאָמיטעט געווען צונויפגעשטעלט צופעליג, אָהן אַ וועלכער נישט איז סאַנקציע פון דער בעפעלקערונג. דער בעפולמעכטיגטער פון קיעווער הילפס-קאָמיטעט, האָט אין יעדען פונקט אויפגעזוכט די פערבליבענע, מעהר חשוב׳ע, בעוואוסטע מענשען, געוועזענע כלל-טהוער, מיטגלידער פון דער קולטוס-געמיינדע. געוועהנליך, האָט ער צוזאַמען מיט זיי, איינגעלאַדען אויך דעם רב, אויב ער איז פערבליבען אין שטאָדט. מיט אָט די אַלע לייט, האָט דער בעפולמעכטיגטער בעטראַכט די לאַגע פון דער שטאָדט און זיי פלעגען פון זיך אָרגאַניזירען אַ קאָמיטעט, וועלכען דער קיעווער קאָמיטעט פלעגט שפּעטער בעשטעטיגען. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער גרעסטער טייל אינטעליגענטע און רייכע לייט זענען אָבגעפאָהרען מיט די עסטרייכער און פון די פערבליבענע זענען פיל פערנומען געוואָרען, ווי ערוב׳ניקעס, האָבען אין די גרויסע שטעדט, ווי טאַרנאָפּאָל, טשאָרטקאָוו, טשערנאָוויץ, פּונדעסטוועגען זיך נאָך געפונען עטליכע אינטעליגענטע כלל-טהוער, וועלכע האָבען געקאָנט אַריינגעהן אין די הילפס-קאָמיטעטען און אָרגאַניזירען אין זיי, ווי דער סדר איז, די אַרבייט. פיל ערגער איז עס בעשטאַנען אין די קליינע שטעדטלעך, וואו אויך פריהער זענען נישט געווען פיל אינטעליגענטע לייט, וואָס האָבען זיך אינטערעסירט מיט קהל׳שע ענינים. דאָ איז אויסגעקומען צו בענוצען זיך מיט געוועהנליכע בעלי-בתים, וועלכע האָבען זיך אַליין געגוויטיגט אין היקף און ביי זייער גוטען ווילען זענען זיי נישט געווען אימשטאַנד אָנצופיהרען מיט׳ן קאָמיטעט, ווי געהעריג איז. אויף דעם באָדען זענען פאָרגעקומען רייבונגען און טענות מצד דער בעפעלקערונג. נאָר אין ערגעץ איז מיר נישט אויסגעקומען צו הערען, עמיצער זאָל חושד זיין די קאָמיטעטען פון די קליינע שטעדטלעך, אַז זיי בעגעהען וועלכע עס איז פאַלשקייטען.

אין טאַרנאָפּאָלער קאָמיטעט זענען אַריין עטליכע מיטגלידער פון דער קולטוס-געמיינדע, חשוב׳ע, אָנגעזעהענע לייט, ווי פּראָפעסאָר ראָזענבוים, יצחק נאַכט, ה. טאַאובער, דער פּאָרזי-

צענדער איז געווען ה. טאַאובער, אַנ׳אָרטאָדאָקסישער יוד, אַ רייכער סוחר. ער האָט פיל געאַרבייט אין קאָמיטעטען און איהם האָט אין דער אַרבייט געהאָלפען זיין זוהן, אַנ׳אינטעליגענטער מענש.

די סמעטע פון טאַרנאָפאָלער קאָמיטעט איהר חודש דעצעמבער האָט איבערגעשטיגען צוואַנציג טויזענד רובל, עטוואָס ווייניגער ווי אַ העלפט פון דער סמעטע אויף גאַנץ גאַליציע. און אין קאָמיטעט זענען די ערשטע ווערטער צו מיר געווען, אַז די סומע איז צו קנאַפּ און זי מוז דייטליך פערגרעסערט ווערען. אויף מיין אויפווייז, אַז איך רעכען פאַר נישט גערעכטיג, אַז טאַרנאָפּאָל, וואו עס זענען פאָרט דאָ רייכע לייט, וואָס קאָנען קומען צו הילף די אָרימע, זאָל פערשלינגען אַ העלפט פון אַלגעמיינעם בּיודזשעט, האָט מיר ה. טאַאובער געענטפערט:

—וואָס איז שייך דער שטאָדט, זענען דאָ פאַרהאַן געצעהלטע מענשען, וואָס האָבען אַ וועלכען עס איז פערמעגען אָדער פערדינען—און זיי גיבען מעהר, ווי זיי קאָנען, פאַר די אָרטיגע נויטבּעדערפטיגע, וועלכע קיינער קומט נישט צו הילף. דער זעמסקי פערבאַנד און דער קיעווער קאָמיטעט שטיצען בלויז די היימלאָזע, און אַזעלכע זענען דאָ אין טאַרנאָפּאָל בּיי צעהנטויזענד נפשות. אַהער איז מען געלאָפען פון אַלע זייטען, פון די שטעדטלעך און דערפער. דאָ געפינען זיך היימלאָזע פון ערטער, וועלכע זענען צוריק אַריבּער צו די עסטרייכער און איבּערהויפּט—די צוריקגעקעהרטע פון רוסלאַנד, וועלכע מ׳ערלויבּט נישט צו פאָהרען אַהיים. דאָ געפינען זיך בּיי טויזענד פאַמיליעס פון ראָהאָטין, בּיי זעקסהונדערט פאַמיליעס פון פּאָדוואָלאָטשיסק. בּסך הכּל געפינען זיך דאָ היימלאָזע פון הונדערט צוויי און צוואַנציג פּונקטען. אין אָנפאַנג האָט דער זעמסקי פערבּאַנד אויפגעהאָלפען פינפטויזענד דרייהונדערט נפשות, האָט אַרויסגעגעבּען צו איין פונט בּרויט אויף אַ דערוואַקסענעם און אַ האַלב פונט אויף אַ קינד, דריי שטיקלעך צוקער אויף צוויי טעג, צו בּיסלעך גרויפּען, פּאַסאָלעס. נאָכדעם, אַז מ׳האָט אויס-

געשטריכען די „אַרבייטספּעהיגע״, (וועלכע קאָנען אין ערגעץ קיין אַרבייט נישט בּעקומען), זענען געבּליבּען נאָר דרייטויזענד פינפהונדערט, וועלכע בּעקומען הילף, פון זיי, טויזענד זיבּענהונדערט היימלאָזע. פון 20-טען מאַי בּיז סוף יולי האָט דער פערבּאַנד אַרויסגעגעבּען הילף נישט מיט פּראָדוקטען, נאָר מיט מזומן געלד, אַכצעהן קאָפּ אויף אַ מענשען. האָט דאָס אויסגעטראָגען צוואַנציג טויזענד זיבּענהונדערט רובּל מאָנאַטליך. די בּעפעלקערונג איז געווען קאָנטעט דערפון, נאָר דער גובּערנאַטאָר האָט פערבּאָטען אַרויסצוגעבּען מזומן געלד און דער פערבּאַנד האָט אָנגעפאַנגען ווייטער אַרויסצוגעבּען אין פּראָדוקטען... אַזוי, אַז אונזער קאָמיטעט קומט איצט אויס אונטערצושטיצען אויך די „אַרבּייטספּעהיגע״. דערצו נאָך פערגרעסערט זיך פון חודש צו חודש די צאָהל נויטבּעדערפטיגע. מענשען, וואָס האָבּען מיט אַ האַלבּ יאָהר צוריק אַליין געגעבּען נדבות, זענען געניט איצט בּעטען הילף. עס האָבּען זיך אויסגעשעפּט אַלע מיטלען. בּיי אונז זענען דאָ גוטבּעזיצער, מיליאָנערן, וועלכע האָבּען אין עסטרייך אין די בּאַנקען פיל געלד, וועלכע האָבּען אין די אָקופּירטע ערטער הייזער און גיטער, און זיי שטאַרבּען פון הונגער, מ'מוז פאַר זיי אָרגאַניזירען אַ לייה-קאַסע. היינט אַנדערע בּעדערפענישען, שיך, קליידער, הייצונג, דירות...

פערשטעהט זיך, ער איז גערעכט געווען. צו לינדערן די נויט האָט מען בּעדאַרפט אפשר צעהן מאָל מעהר, ווי דער קיעווער קאָמיטעט האָט אַסיגנירט. נאָר אין דער פּראָווינץ איז דאָך די נויט נישט קלענער, אפשר גרעסער ווי אין טאַרנאָפּאָל—און עס איז געבּליבּען די קשיא, פאַרוואָס קומט טאַרנאָפּאָל אַ העלפט פונ'ם בּיודזשעט.

מיר זענען אַוועק אין לאָקאַל פונ'ם קאָמיטעט. דאָרט איז געווען אַ גאַנצע קאַנצעלאַריע, וואו עס האָבּען געאַרבּייט זעקס מענשען. אַדאַנק דעם איז געווען אַן'אידעאַלע אָרדנונג, די בּיכער זענען געווען געפיהרט זעהר פּינקטליך, נאָר איך האָבּ אין ערגעץ נישט געפונען די אונטערשריפטען פון די, וועלכע בּעקומען שטיצע. דערצו האָבּ איך געפונען, אַז נייןהונדערט רובּל

מאָנאַטליך הוצאות אויף דער קאַנצעלאַריע, איז צופיל. ה' טאַאו-בער האָט מיר ערקלערט, אַז די לייט, וואָס אַרבייטען אין קאָ-מיטעט, זענען אינטעליגענטען וואָס נויטיגען זיך אין הילף און עס וואָלט אַלץ איינס אויסגעקומען אונטערצושטיצען זיי.

די הויפט-שטיצע, וואָס דער קאָמיטעט גיט אַרויס, איז פערשטאַרקטע שפייז פאַר קראַנקע, אַלטע און קינדער. דאָס ווערט אַרויסגעגעבען מיט פראָדוקטען: ווייס ברויט, אייער, מילך. אַב׳אַנדערש מאָל, פלייש. די מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבען איינגעפונען, אַז עס וואָלט בעקוועמער זיין אַרויסצוגעבען מיט געלד, נישט מיט פראָדוקטען, נאָר דער קיעווער קאָמיטעט האָט נישט מסכים געווען אויף דעם. איצט האָט מען מיך אויך גע-בעטען פועל׳ן ביים קיעווער קאָמיטעט אויף דעם. מאָטיווירט האָט מען עס דערמיט, וואָס מיט געלד איז גרינגער אַרויסצו-געבען. די וואָס בעקומען שטיצע דאַרפען נישט וואַרטען שעה׳ן לאַנג, קאָנען בעקומען מיט אַמאָל פאַר צוויי וואָכען. נאָר איך האָב עס געפונען פאַר נישט ראַציאָנעל, ווייל, בעקומענדיג די עטליכע קאָפּיקעס, וועלען די נויטבעדערפטיגע נישט געהן קויפען אַקוראַט דאָס, וואָס עס ווערט זיי אַרויסגעגעבען און דער ציל פון פאַרבעסערט שפייז וועט נישט דערגרייכט ווערען.

איך האָב פערבראַכט עטליכע שעה אין קאָמיטעט ביים פונאַנדערטיילען די הילף. האָב אָנגעקוקט די אָבגעצעהרטע, נאַ-קעטע און באָרוועסע היימלאָזע, שאָטענס פון מענשען, האָב זיך צוגעהערט צו זייערע טענות און געבעטען. כמעט יעדער האָט וועגען עטוואָס געבעטען: נאָך אַ גלאָז מילך, אַנ׳איבעריג איי. דערביי האָט יעדער אָנגעוויזען אויף זיין קראַנקהייט, אויף זיין שלאַפקייט, אויף די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען. פון קאָמיטעט בין איך אַוועק אין שטאָדט. בעזוכט עטליכע דירות, וואו צו פיער—פינף געזינדען האָבען זיך געפרעסט אין איין חדר׳ל. און האָב ווייטער געזעהן די אויסגעדאַרטע, אָבגעצעהר-טע נפשות, געהערט די זיפצען און ערצעהלונגען וועגען דער נויט. און אַז איך האָב זיך צו דעם אַלעם צוגעקוקט, האָב איך פערשטאַנען, אויף וויפיל די לאַגע פון דער יודישער בעפעל-

קערונג איז פאַר די אַנדערטהאַלבען יאָהר, וואָס איך בין נישט געווען אין גאַליציע, געוואָרען ערגער.

נאָך שטאַרקער האָט זיך די טראַגעדיע אָבגעשפּיגעלט אויף די קינדער. אַזוי ווי די גאַנצע אַנדערטהאַלבען יאָהר פון דער אָקופּאַציע זענען די שוהלען געווען פערמאַכט, זענען די קינ-דער פערווילדעוועט געוואָרען. באָרוועסע, אַרומגעריטענע, אָב-געצעהרטע, מיט גרינע פּנים׳לעך און מיט גרויס געעפענטע, פיבעריש ברענענדיגע אויגלעך, זענען זיי אַרומגעלאָפען איבער די גאַסען, אָהן אַ צוועהעניש, ווי פערבלאָנדזשעטע און זענען געווען פער׳סמ׳ט מיט דעם ערגסטען שמוץ און סם פון דער גאַס.

—איך האָב אַליין געזעהן,—האָט מיר דערצעהלט האָמעל-סקי,—ווי אַ צוועלפיעהריגע יונגעלע איז צוגעשטאַנען אין גאַס צו אָפיצירען און פאָרגעלעגט זיי זיין צעהניאָהריגע שוועסטער!

און אַנדערע קינד׳ער אין דערזעלבער עלטער, האָבען גע-דינט פאַר סאָלדאַטען ווי פיהרער אין די שאַנד-הייזלעך.

מיט גרויס מיה האָט זיך איינגעגעבען פועל׳ן ביי דער מאַכט, זי זאָל ערלויבען, מ׳זאָל מיט די קינדער „דאַווענען״. אונטער אָט דעם אויסרייד האָט מען אָרגאַניזירט חדרים, וועלכע האָבען געטראָגען דעם נאָמען תפילה-הייזער. אין די חדרים זענען געווען פערשריבען אַכטהונדערט קינדער, נאָר בע-זוכט האָבען זיי נישט מעהר ווי אַכציג, ווייל די איבעריגע האָ-בען נישט געהאַט קיין בגדים אין וואָס צו געהן אין חדר אָדער זענען שוין אַזוי געווען אריינגעצויגען אין גאַסיגען לעבען, אַז מ׳האָט זיי נישט געקאָנט צווינגען צו געהן אין חדר.

פאַר מיידלעך האָט דער זעמסקי פערבאַנד איינגעאָרדענט אַ קינדערהיים, וואו עס האָבען זיך געפונען דרייהונדערט און פופציג קינדער. די גרעסטע טייל פון זיי זענען געווען אַרויס-געריסען פון דער פּראָסטיטוציע.

אין גאַס האָב איך געזעהן ווי עלטערע יודען, מיט לאַנ-גע פאות, זענען געשטאַנען און גערייניגט די גאַס. ביי אַ גאַנץ שטאַרקער פראָסט זענען זיי געווען האַלב נאַקעט.

—די נויט אין בגדים און איבערהויפּט אין שיך פאַר די, וואָס מ'נעהמט אויף צוואַנגס-אַרבייט און פאַר חדר-קינדער, איז אַ שרעקליכע,—האָט מיר דערצעהלט דער מיטגליד פון קאָמיטעט, וועלכער האָט מיך בעגלייט,—פריהער האָט מען גענומען אויף צוואַנגס-אַרבייט טעגליך צו פינף—זעקסהונדערט מענשען. נאָר זומער, איז עס נישט אַזוי שרעקליך געווען. איצט נעהמט מען הונדערט—הונדערט און צוואַנציג און דער צער פון זיי איז נישט אָנצוקוקען. ווערען פשוט פערפראָרען.

דער טראַגיזם פון דעם איז געווען נאָך שטאַרקער דערבער, וואָס אין קיעוו זענען געווען געזאַמעלט בגדים פאַר די אומגליקליכע. גאַנצע פינפאונצוואַנציג טיוקעס, אויף דער ווערט פון צוויי־הונדערט טויזענד רובל. כדי אָבצופיהרען עס אין גאַליציע האָט מען געדאַרפט פיער וואַגאָנען און שוין מעהר ווי דריי חדשים, אַז די בגדים ליגען אין פּראָסקוראָוו, אין אַ שפּייכלער און מ'קאָן בשום אופן נישט בעקומען די וואַגאָנען. מיט אַ פּאָר טעג נאָך מיין קומען אין טאַרנאָפּאָל האָב איך בעקומען אַ ידיעה, אַז אין שפּייכלער, וואו די בגדים זענען געלעגען, איז געווען אַ שרפה און עטליכע טיוקעס מיט קאָלדרעס זענען פערברענט געוואָרען. ערשט מיט אַ חודש שפּעטער האָבען זיך בעקומען די זאַכען, וואָס זענען גאַנץ געבליבען פון דער שרפה.

אין טאַרנאָפּאָל האָב איך געקאָנט פערבלייבען נאָר אַ פּאָר טעג. מיין ווייטערדיגער מאַרשרוט איז געווען קיין סקאַלאט, גזשימאַלאָוו, כעראָסקאָוו, קאָפּעטשיניעץ, סוכאָסטאָוו, פּראָבוזשנא און טשאָרטקאָוו. און נאָכדעם ווייטער קיין טשערנאָוויץ און אַנדערע שטעדט אין בוקאָווינע. געפאָהרען בין איך מיט פערד. אָבגעפאָהרען בין איך פון ה' טאַאובערס וואוינונג, וואו מיך האָבען בעגלייט עטליכע מיטגלידער פון קאָמיטעט. אַז די שליטען זענען שוין געשטאַנען ביים הויז, איז געקומען אַ פרייליין מיט אַ שטרענגען אינטעליגענטען אויסזיכט און האָט מיט אַן'איבערגעריסענעם קול גענומען מיר דערצעהלען, אַז איהרע צוויי ברידער זענען אַרעסטירט. מען בעשולדיגט זיי אין שפּיאָ-

נאָזש. פערשטעהט זיך, אַז זיי זענען נישט שולדיג, נאָר מ׳קאָן זיי גרינג פער׳משפט׳ן. צוזאַמען מיט זיי זענען דאָ אין פראָ-צעס נאָך זעקס (אָדער אַכט) בעשולדיגטע. דער קיעווער קאָמי-טעט האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דעם פראָצעס און בע-שטעלט אַ פערטיידיגער פאַר אַלע בעשולדיגטע. נאָר זי, די שוועסטער פון צוויי פון די בעשולדיגטע, וויל אַראָבברענגען פאַר איהרע ברידער אַ בעזונדער אַדוואָקאַט. נאָר ער בעט אַ גרויסע סומע, פינפהונדערט רובל. זי האָט פערקויפט און פער-זעצט אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט און געזאַמעלט צווייהונדערט רובל, איז זי געקומען מיך בעטען, איך זאָל פועל׳ן ביים הילפס-קאָמיטעט, ער זאָל די איבעריגע דרייהונדערט רובל בע-צאָהלען דעם אַדוואָקאַט.

זי האָט דאָס אַלץ דערצעהלט מיר און טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון איהרע אויגען און בענעצט דאָס פנים, ווי בעדעקט איהם מיט אַ וואוּאַל פון טרעהרען.

איך האָב שוין געוואוסט וועגען דעם פראָצעס. איך האָב פון עטליכע מענשען געהערט וועגען איהרע ברידער, ווי ווע-גען זעהר אָרענטליכע און אינטעליגענטע מענשען. און די גאַנ-צע בעשולדיגונג איז געווען אַ פערדעכטיגע. מ׳האָט צוליב אַ „דאָנאָס״ אַרעסטירט דעם עלטערן ברודער. איז דער יונגערער געגאַנגען משתדל זיין זיך פאַר איהם, האָט מען איהם אויך אַרעסטירט און געמאַכט ביי איהם אין הויז אַנ׳אונטערזוכונג. האָט מען אונטער אַ טאַז געפונען אַ פּלאַן פון אַ קרעפּאָסט. אַ פאַנטאַסטישע מעשה!

איך האָב אָנגעהויבען בערוהיגען די פריילין, צוגעזאָגט איהר, אַז דער אַדוואָקאַט וועט געוויס זיין. זי הערט מיך צו, נאָר די טרעהרען הערען זיך נישט אויף צו גיסען פון איהרע אויגען. אין דער צייט ווענדט זיך צו איהר עמיצער מיט עפּעס אַ פראַגע. זי ענטפערט אויף פּויליש רוהיג און זאכליך, ווי זי וואָלט אויפגעהויבען פון פנים דעם טרעהרען-וואוּאַל. און איך פיהל, אַז די טרעהרען, וואָס גיסען זיך פון איהרע אויגען, זענען נישט פאַר מיר, כדי אויסצובעטען מיין מיטהילף, אַז דאָס

זענען פריהערדיגע טרעהרען—און זי פיהלט אפשר נישט, ווי זיי גיסען זיך פון איהרע אויגען.

איך האָב אין קיעוו משתדל געווען זיך וועגען אַדוואָקאַט, נאָר דער קיעווער קאָמיטעט האָט עס געפונען פאַר איבעריג אַ בעזונדערן אַדוואָקאַט פאַר די צוויי בעשולדיגטע. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען ענדע פעברואַר און די שופטים האָבען פער'משפט עטליכע פון די בעשולדיגטע, און צווישען זיי אויך די צוויי ברידער, צום טויט. דער אורטייל איז אַוועק צום הויפּט־קאָמאַנדיר ברוסילאָוו אויף אַ קאָנפירמאַציע. צו איהם איז געפאָהרען אַ דעלעגאַציע בעטען איהם, ער זאָל בעגנעדיגען די פעראורטיילטע. צום גליק איז איהם אָנגעקומען דער פּאַפּיר אין דערזעלבער צייט, וואָס די נאַכריכט וועגען דער רעוואָלוציע, און ער האָט אַלע פער'משפט'ע בעגנעדיגט. דאָס זענען געווען די ערשטע לעבענס-גערעטעטע דורך דער רעוואָלוציע.

## ד

די טאַרנאָפּאָלער גובערניע און אַ טייל טשאָרטקאָווער, ביז דעם שטעדטעל טלוסטי, איז די גאַנצע דריטהאַלבען יאָהר פערבליבען ביי די רוסען. פערלאָזען האָבען די עסטרייכער דעם קאַנט כמעט אָהן שלאַכטען און דערפאַר זענען דאָ פערבליבען גאַנץ די שטעדט און דערפער. איך בין דורכגעפאָהרען פון טאַרנאָפּאָל ביז טשאָרטקאָוו און אפילו ווייטער, ביז טלוסטי, בערך הונדערט און פופציג ווייאָרסט און האָב אויפ'ן וועג נישט געטראָפען קיין איין חרוב'ע שטאָדט, נישט אפילו קיין פערברענטע דערפער. נאָר די פאָלוואַרקען, מעהרסטענטייל יודישע, זענען געשטאַנען צערויבטע און רואינירטע.

געפאָהרען בין איך מיט'ן שאָסע. וואו נישט וואו האָבען זיך געטראָפען שפורען פון דער מלחמה: האַלב איינגעפאַלענע שאַנצען, דראָט־פערצוימונגען, אומגעוואָרפענע טעלעגראַפען-סלופּעס. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי דאָ וואָלט מיט

פיל יאָהר צוריק דורכגעגאַנגען אַ חיל און פון דעמאָלט אָן איז דער געגענד געוואָרען פערלאָזען און פערבליבען אין זעלבען צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט איהם פערלאָזען דער מלחמה־שטורם. די אונטערגעהאַקטע סלופּעס פון טעלעגראַף זענען געבליבען געפאַלענע אָדער אָנגעבויגענע אָן אַ זייט. די צוריסענע דראָטען הענגען אַראָב ווי פעדים פון אַ צוריסענעם בגד און ציטערן, שאָקלען זיך און זשומען פון ווינט. די גריבער פון שאָסעע זענען די גאַנצע דריטהאַלבען יאָהר פערבליבען נישט רעמאָנטירט.

מיין פוהרמאַן, אַ דאָרפישער גוי, דערצעהלט מיר, אַז די גרעסטע טייל ערד איז פערבליבען נישט פערזייהט. נישט ווייט זענען פאָרגעקומען שלאַכטען, מ׳האָט נישט געוואוסט, וואָס מאָרגען וועט זיין און מ׳האָט געזשאַלעוועט די זריעה. חוץ דעם, האָבען אין ניין פאָוויאַטען, מייז אויסגעגעסען די אויפגאַנגען. גאַנץ איז געבליבען דאָס פערזייהטע, נאָר אין דריי פאָוויאַטען.

—איהר זענט אוניאַטען?—האָב איך איהם געפרעגט.

—יאָ, אוניאַטען... געווען אוניאַטען...—האָט ער געענטפערט מיט אַ זיפץ.

—וואָס הייסט „געווען”? מ׳האָט אייך גענויט איבערצוגיין אין דעם פראַוואָסלאַוונעם גלויבען?

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען, נאָכדעם געענטפערט דיפּלאָמאַטיש.

—ווי מ׳האָט אונז בעפוילען, אַזוי האָבען מיר געטהון. און צוגעגעבען:

—נישט גוט איז, וואָס מ׳האָט צוגעמאַכט אַלע אונזערע שוהלען. די קינדער ווייסען נישט וועגען גאָט, נישט וועגען פאָטער.

—ווי איז דאָ ביי אייך געווען דער אויפטראָג מיט יודען?—האָב איך ווייטער געפרעגט.

—יודען?.. אין זייערע הענט זענען געווען אַלע „באַמקעס”.

איך האָב שפּעטער פערשטאַנען, אַז ער מיינט, דאָס אַלע

באַנקען זענען געווען ביי יודען אין די הענט. און אויך מעהר קיין וואָרט נישט צוגעגעבען.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין אַ קרעטשמע איבערצו־בייסען. די גאַנצע קרעטשמע איז בעשטאַנען פון איין גרויסען חדר, וואו עס האָבען זיך געפונען די קרעטשמער מיט זייערע פינף קינדער. אַלע זענען געשטאַנען אַרום אַנ׳אייזערן אייוועלע און געוואַרעמט זיך. אַ ביסעל פון דערווייטען איז געשטאַנען אַנ׳אַלטינקער יוד, מיט אַ פּנים פון אַ הונגעריגען און דערשלאָ־גענעם מענשען. ער האָט פון דערווייטען אויסגעשטרעקט די פערפרוירענע הענט צום הייסען אייוועלע. איך האָב איהם גע־פרעגט ווער ער איז. אַ דורכגעהענדער. געווען אַ מלמד, איצט איז נישטאָ מיט וועמען צו לערנען. קיינער איז נישט אים־שטאַנד צו האַלטען אַ מלמד.—איך האָב איהם געגעבען אַ רובל. ער האָט מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט און די אויגען האָבען זיך איהם אָנגעגאָסען מיט טרעהרען.

פונאַנדערגערעדט זיך מיט׳ן בעל־הבית. געפרעגט וועגען אויפטראָג פון די רוסישע סאָלדאַטען צו איהם און צו אַנדערע יודען. שלאָגען, ראַבעווען זיי נישט?

—ניין, די סאָלדאַטען טהוען אונז קיין בייז נישט.—האָט ער געענטפערט און צוגעגעבען;—דער רוסישער זעלנער איז בעסער פאַר דעם עסטרייכישען. דער רוסישער פערשטעהט, אַז אַ יוד דאַרף אויך האָבען פון וואָס צו לעבען און גיט איהם די מעגליכקייט צו פערדינען אַ גראָשען.

שפעט ביינאַכט בין איך געקומען אין סקאלאט. אין דער איינציגער אכסניה, וואָס דאָרט איז געווען, האָט זיך געפונען אַ חדר, נאָר אין איהם איז געווען קאַלט, ווי אויפ׳ן גאַס.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך, אַז עס האָט נאָר וואָס אָנגע־הויבען טאָגען. אַז איך האָב אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון אונטער די צוויי פעלצען, מיט וועלכע איך בין געווען צוגעדעקט, האָב איך דערזעהן, אַז אין חדר, נעבען אויווען, שטעהט אַנ׳עלטערע יודענע. דערזעהענדיג, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי בערוהיגענדיג אַ מאַך געטהון צו מיר מיט׳ן האַנד:

—שלאָפט, שלאָפט! איך וועל אויפוואַרטען!
—וואָס דאַרפט איהר?—האָב איך זיך פערוואונדערט.
—איך דאַרף מיט אייך ריידען. ווייס איך דאָך, אַז שפּע־טער וועלען צו אייך קומען די און יענע פון דער גאַנצער שטאָדט—און איהר וועט קיין צייט נישט האָבען, בין איך גע־קומען וואַרטען ביז איהר וועט אויפוואַכען. איך וואוין דאָ, אין דער אכסניה.

האָט מען זיך שוין דערוואוסט ווער איך בין און די יו־דענע איז פאַרפריה געקומען מיט איהר בקשה. נישט קוקענדיג אויף דער ערלויבעניש איך זאָל נאָך שלאָפען, האָט זי גלייך אָנגעהויבען ריידען, דערצעהלען. זי איז פון די היימלאָזע, פון וואָלאָטשיסק, געווען אַ בעל-הבית׳טע, געפיהרט אַ שטאָדט. איצט איז זי מיט די קינדער „געוואָרען ווי שטיקער פערטריקענטע בלאָטע״. די בעל-הבית׳טע פון אכסניה איז איהרע אַ קרובה און געגעבען איהר ביי זיך אַ ווינקעל. דערפאַר דאַרף זי טהון כל עבודת פרך, אי זי, אי די קינדער און דאַרף נאָך קוקען דער בעל-הבית׳טע אין די אויגען, צושמייכלען צו איהרע ווערטער, קיין קרומע מינע נישט מאַכען. וויפיל זי מיט די קינדער האָ־בען זיך אָנגעליטען אי הונגער, אי קעלט פאַר די אָנדערטהאַל־בען יאָהר, וואָס זי וואוינט דאָ אין כקאלאט, ביי דער קרובה. די קינדער, צוויי דערוואַקסענע טעכטער, אַזעלכע געראָטענע, פערשיינען, זענען נעבעך אַ גאַנץ יאָהר אָבגעזעסען אין שטוב אָהן שיך. איצט האָט מען פון קאָמיטעט אַרויסגעגעבען אַכצעהן רובל אויף שיך. נאָר וואָס קאָן מען פאַר אַכצעהן רובל מאַכען, און חוץ שיך דאַרף מען דאָך אַ בגד אויך.

און די יודענע ווייסט שוין, אַז איך האָב געבראַכט אַ טיוק מיט קאָלדרעס און בעט פאַר זיך מיט די קינדער קאָל־דרעס.

זי רעדט גיך, נערוועז, מיט שאַרפע ווערטלעך, ווי למשל: „גאָט שפּילט זיך מיט אונז, ווי אַ קינד מיט אַ ליאַלקע״. און דאָ וויינט זי, דאָ לאַכט זי. אַז זי דערמאָהנט אָן די טעכטער, הויבען זיך איהר אָן גיסען טרעהרען פון די אויגען, און צולאַ־

כֿען, צעלאַכֿט זי זיך דוקא, ווען זי דערמאָהנט וועגען גאָט:

—גאָט אין הימעל, כאַ, כֿאַ, כֿאַ!

ווי זי וואָלט ריידען וועגען עפּעס אַ גרויסען קוריאָז, וואָס שטימט אַ האָהר נישט מיט אַלעם דעם, וואָס אַרום קומט פאָר.

זי האָט נאָך נישט בעוויזען אָוועקצוגעהן, ווי עס קומט אַריין צווייטע יודענע. די איז געקליידט בעל-הבתיש; טראָגט אַ גאָלדען זייגערל און דערמאָהנט אין געשפּרעך, אַז דאָס איז די איינציגע זאַך, וואָס איהר איז געבליבען פון אַמאָליגען רייכֿטהום. צוגלייך מיט איהר קומט אַריין יונגערמאַן, אַ מיטגליד פון אָרטיגען קאָמיטעט. די יודענע האָט צו מיר אַנ'אַנדער מין בקשה. איהר זוהן, אַ בן יחיד און זעהר אַ געראָטענער, האָט געענדיגט פינף קלאַסען גימנאַזיע. שוין צוויי יאָהר, ווי ער געהט אום לעדיג. וואָס וועט זיין דער תּכלית? בעט זי דעם קאָמיטעט, ער זאָל דינגען פאַר איהם אַ לעהרער און צוגרייטען צום אוניווערזיטעט.

—אייער זוהן קאָן האָבען גוטע שטונדען און פערדינען,—שלאָגט איהר איבער דער מיטגליד פון קאָמיטעט.

—שטונדען?—בעליידיגט זיך די מוטער.—מיין זוהן איז נישט פון אַזאַ משפּחה, ער זאָל זיך פערנעהמען מיט שטונדען!

זעהענדיג, אַז די בקשה וועגען אַ לעהרער פאַר'ן זוהן האָט ביי מיר נישט אַרויסגערופען קיין מיטגעפיהל, געהט זי אַריבער צו אַ צווייטער בקשה:

—איך וויל שוין מעהר נישט זיין קיין אינטעליגענטקע!—ערקלערט זי קאַטעגאָריש.—איך וויל בעסער בעקומען ברויט און מילך.

מיך וואונדערט נישט די צונויפפיהרונג פון „אינטעליגענטקע" מיט „ברויט און מילך". איך ווייס, אַז די, וואָס בעקומען הילף, זענען איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס. איינע בעקומען הילף מיט מזומן געלד, די רופען זיך „אינטעליגענטען". פּראָסטערע לייט בעקומען מיט פּראָדוקטען. עס נעהמט אָב פיל צייט, ביז מ'בעקומט די פּראָדוקטען, אָבער אַזוי ווי דער יקרות

ווערט אַלץ גרעסער, לוינט שוין נישט צו זיין אין דער קאַטע-גאָריע פון „אינטעליגענטען".

איך זאָג צו מקיים צו זיין איהר בקשה און בעט זי לאָזען מיך אָנטהון. נאָר זי האָט צו מיר נאָך אַ בקשה. ווע-גען דער כלה. מסתמא ווייס איך וועגען דעם.

וועגען דער כלה ווייס איך. האָמעלסקי האָט מיר דער-צעהלט וועגען דעם. אין שטאָדט איז דאָ אַ פערזעסענע מויד פון זיבען—אַכטאונצוואַנציג יאָהר. האָט זיך געפונען אַ בחור, אַ בעל-מלאכה, וואָס איז זי גרייט צו נעהמען, נאָר ער בעט דריי-הונדערט רובל נדן, נישט אַ גראָשען ווייניגער. האָט מען אין שטאָדט געמאַכט פופציג רובל, אַ רובל פופציג האָט די כלה, האָמעלסקי האָט אויף דעם אַסיגנירט פון קאָמיטעט הונדערט רובל, האָט צוגעגעבען פופציג רובל אייגענע און מיך איינגע-רעדט געבען פופציג רובל. דאָס איז נישט קיין פּראָסטע חתונה. דאָס איז די ערשטע חתונה פאַר די דריטהאַלבען יאָהר אין סקאלאַט, איז עס אַ גאַנצע געשעהעניש.

די יודענע, וואָס איז געקומען צו מיר, איז דער כלה׳ס אַ קרובה. ערקלערט זי מיר, אַז חוץ די דרייהונדערט רובל, דאַרף מען נאָך האָבען נאָך געלד: מ׳מוז מאַכען דער כלה אַ קליידעל און עפּעס וועש, און דער חתן האָט זיך איינגעשפּאַרט, מ׳זאָל איהם מאַכען שטיוועל. ער קאָן נישט געהן אַ באָרוועסער צו דער חופּה.

איך זאָג צו דער מחותּנ׳עסטע בעטראַכטען דעם ענין,— און איך בעקום ענדליך די מעגליכקייט אַרויסצוקריכען פון אונ-טער די פּעלצען, איינוואַשען און אָנטהון זיך.

קומט דער רב פון שטעדטעל מיר שלום געבען. ער געהט אַריין שטיל, מיט אַ יראת שמים שמייכעלע. זאָגט עטליכע לויב-ווערטער מיין גוט הארץ, ברענגט אַ מאמר פון גמרא און הויבט אָן על פי סוד צו ערקלערען, אַז צווייאונדרייסיג רובל אַ חודש, וואָס דער קאָמיטעט גיט איהם אַרויס, איז ווייניג פאַר איהם מיט אַ געזינד פון זעקס מענשען, און ער בעט אַ הוספה.

נאָך דעם רב קומט אַ נידעריג יודעל, מיט בייזע שטע-

בּעדיגע אויגלעך. ער געהט אַריין בּעהוטזאַם, מאַכט צו די טהיר, קוקט זיך אַרום און הויבּט אָן ריידען שטיל און אויפ־געריגט. ער דאַרף פון מיר גאָרנישט האָבּען. ער איז געקומען מיר עפּענען די אויגען, אַרויסזאָגען מיר, אַז די גאַנצע הילף, וואָס מיר גיבּען אַרויס דער בּעפעלקערונג, האָט קיין ממשות נישט. פערקעהרט, דאָס בּרענגט נאָך שאָדען. די איינציגע וואָס נויטיגען זיך אין הילף, זענען די אלמנות און יתומים. פאַר זיי איז גענוג אַ רובּל טויזענד אַ חודש. די איבּעריגע פופצעהן טוי־זענד רובּל אַ חודש, איז אַרויסגעוואָרפען געלד...

—איך זאָג נישט, חס ושלום, דער קאָמיטעט זאָל זיך נעהמען,—שעפּטשעט ער,—נאָר, פערשטעהט איהר מיך, אַרום אַ פּעטען טאָפּ, ווערען פּעט די הענט... יעדערן קומט אַריין אין האַנד...

—וואָס זשע דאַרף מען טהון?—פרעג איך איהם.

—וואָס?—צוהיצט ער זיך.—נישט קיין געלד! איהר האָט אונז אַלעמען געמאַכט פאַר בּעטלער און שנאָרער! זעהט בּעסער מ׳זאָל ערלויבּען אונז אומקעהרען זיך אַהיים אין פּאָדוואָלאָ־טשיסק, וועלען מיר זיך דאָרט אַליין שטעלען אויף די פיס, ווערען צוריק מענשען.

דאָס יודעל איז מיר אַנטיפּאַטיש מיט זיינע לויפענדיגע אויגלעך, מיט זיינע שטילינקע ווערטער, מיט זיינע קריכערישע בּעוועגונגען. נאָר איך פיהל, אַז אין זיינע ווערטער איז דאָ פיל אמת און איך בּעט איהם אַריינקומען אין אָווענד, בּעקאַנט מאַכען מיך מיט דער לאַגע. אַוועקגעהענדיג, בּעט ער, איך זאָל וועגען זיין וויזיט קיינעם נישט דערצעהלען. אַנישט, וועט מען איהם עוקר מין השורש זיין.

נאָך איהם קומען צו מיר עטליכע מיטגלידער פון קאָמי־טעט. דער קאָמיטעט איז דאָ צוזאַמענגעשטעלט פון אָרטיגע בּעלי־הבּתים און היימלאָזע. צו מיר זענען געקומען נאָר די פאָרשטעהער פון די היימלאָזע. איך האָבּ שוין געוואוסט פון האָמעלסקי׳ן, אַז דער אויפטראָג צווישען די ביידע טיילען קאָ־מיטעט איז אַ פערשאַרפטער. פון די ערשטע עטליכע ווערטער

זעה איך, אַז די הײמלאָזע מיטגלידער פֿון קאָמיטעט טראָגען זיך אויף מיט אַ טיפֿער פֿעראַכטונג צו די אָרטיגע. פּאָדוואָלאָטשיסק (די הײמלאָזע זענען מעהרסטענטײל פּאָדוואָלאָטשיסקער) איז פֿון שטענדיג אָן געוועזן אַ שטאָדט פֿון „בעסערע מענשען", אין דער צײט, אַז סקאלאט האָט זיך שטענדיג גערעכענט פֿאַר אַ „שטאָדט פֿון בעטלער". איצט האָט זיך דער מזל איבערגעדרעהט און די פּאָדוואָלאָטשיסקער מוזען אָנקומען צו דער לאַסקע פֿון די סקאלאטער. די סקאלאטער קאָנען נישט אַריבערטראָגען, וואָס דער קיעווער קאָמיטעט גיט די הויפּט-הילף די הײמלאָזע און די סקאלאטער, נאָר עטליכע הונדערט רובל. און אין דער זעלבער צײט ווענדען זײ אָן אַלע כחות, אַז מ'זאָל נישט ערלויבען די הײמלאָזע אומקעהרען זיך אַהײם קיין וואָלאָטשיסק. אַ חדוש! אין שטאָדט קומט אַרײן איבער צווײטויזענד רובל אַ חודש בלויז דירה-געלד פֿון די הײמלאָזע. הײנט חוץ דעם האָט מען פֿון זײ פּרנסה.

אינגאַנצען בעשטעהט די אָרטיגע יודישע בעפֿעלקערונג פֿון דרײטויזענד נפשות. פֿון זײ רעכענען זיך אָרימעלײט טויזענד דרײאונפופציג. אַ טײל פֿון זײ, פֿינפֿהונדערט פֿיעראונדרײסיג, זענען געליטענע פֿון מלחמה און האָבען רעכט אויף שטיצע. זײ בעקומען הילף פֿון זעמסקי פֿערבאַנד. הײמלאָזע מעהרסטען טײל פֿון וואָלאָטשיסק געפֿינען זיך דאָ טויזענד אַכטהונדערט דרײאונניינציג נפשות. פֿון זײ בעקומען הילף טויזענד זיבענהונדערט אײנאונאַכציג. די סמעטע אויף דעם חודש יאַנואַר טרעפֿט אָן אינגאַנצען זעכצעהן טויזענד צווײהונדערט און ניין רובל: פֿיערצעהנטויזענד פֿיערהונדערט רובל פֿאַר די הײמלאָזע, נײנהונדערט רובל פֿאַר די סקאלאטער נויטבעדערפֿטיגע און נײנהונדערט פֿאַר די יודען פֿון די אַרומיגע דערפֿער.

הײנט דאַרף פֿאָרקומען אַ זיצונג פֿון קאָמיטעט, וואו עס דאַרף אַרומגערעדט ווערען די סמעטע. צו דער זיצונג פֿון קאָמיטעט וועט קומען האָמעלסקי, נאָר אי די אָרטיגע, אי די הײמלאָזע לעגען גרויסע האָפֿנונגען אויף מײן אַרײנמישען זיך.

אַזוי ווי האַמעלסקי דאַרף קומען נאָר אין אָוונט, נוץ איך אויס די צייט צו בעזוכען דעם קאָמיטעט, וואו עס ווערט פונאַנדערגעטיילט די הילף, בעזוכען די דירות פון די היימלאָזע און אַזוי בעקוקען די שטאָדט. די גרעסטע און די איינציגע געביידע, מיט וועלכע די שטאָדט צייכענט זיך אויס, איז די שוהל, אַ גרויסע, אַ געמויערטע. דעם ערשטען שטיין אין דער שוהל, זאָגט מען, האָט געלעגט ר׳ לייוויק יצחק בערדיטשעווער. מ׳דערצעהלט נאָך, אַז די שוהל האָט בעזוכט דער גר צדק.

—אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער שוהל, האָט ער זיך געשטעלט אויף אַלע פיער און איז אין שוהל אַריינגעפויזעט און געגאַנגען צום ארון קודש איבער די בענק. אַז מ׳האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער געהט אַזוי, האָט ער געענטפערט: „דאָ האָבען איבער׳ן דיל געטראָטען אַזעלכע גדולים און קדושים, אַז איך בין נישט ווערט צו טרעטען דאָרט, וואו זייערע פיס זענען געשטאַנען.

איצט טרעטען דעם דיל פון שוהל, היימלאָזע. זיי זיצען אָנגעפּאַקט אין שוהל אין יעדען ווינקעלע, מיט זייערע פּעק, קעסטלעך און בעטלעך, ווי אויף אַ וואָקזאַל בשעת אַ בהלה-געלויף.

נעבען שוהל איז אַ מין הקדש. דאָרט זענען קאַליקעס, בלינדע, זקנים, אַלץ אַרויסגעשיקטע.

איך שטעל אָב אַ זקן פון אַ יאָהר ניינציג.

—פון וואַנען זענט איהר, זיידע?

—פון האָרליצע.

—פאַרוואָס האָט מען אייך פון דאָרט אַרויסגעשיקט?

—ווי הייסט, פאַרוואָס? איהר זעהט דען נישט, אַז איך בין אַ שפּיאָן! כאַ, כאַ!

ער לאַכט גוטמוטיג, קוקט אויף מיר מיט שמחה, ווי אַ מענש, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען צו זאָגען אַ שאַרפען וויץ, און ער גלעט מיך צאַרט איבער׳ן האַנד.

איך בעזוך אַ גאַנצע רייה קוואַרטירען פון היימלאָזע. צו

דריי פיער און מעהר געזינדען אין איין חדר. מ׳זיצט צונויפ־געפרעסט. אין חדר איז קאַלט. די קינדער פון עטליכע געזינ־דען זיצען צוזאַמען אין איין בעט צוגעדעקט מיט אַ פערענע. עס זעהן זיך אַרויס ביי צעהן קינדערשע פנימ׳לעך, גרינינקע, אויסגעמאָגערטע, מיט טרויעריגע אויגלעך. איבערהויפט האָט אויף מיר געמאַכט אַנ׳איינדרוק איין קוואַרטיר: אַ גרויסער חדר, איין וואַנט איז אַנ׳איינגעפאַלענע און אין איהר זענען גרויסע לעכער. זיי זענען פערהאָנגען מיט צוריסענע בגדים. די איבע־ריגע ווענט זענען בעדעקט מיט פערפרוירענעם טהוי. אין דעם חדר איז געלעגען, אַ קינפעטאָרין און עטליכע קראַנקע.

שפעטער איז צו מיר אויפ׳ן קוואַרטיר געקומען דער קינ־פעטאָרינס מאַן, אַ שניידער. ער האָט געפאָדערט אַ צווייענדיגען פאַיאָק האָלץ און אַ פערגרעסערטע פאָרציע מילך. איך האָב ער־פילט זיין פערלאַנג און נאָך געגעבען איהם דריי רובל מזומנים. אויף מיר האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק דאָס, וואָס דער שניידער האָט געמאָהנט, נישט בעטלעריש געבעטען, ווי אַנדערע. דאָס וויב איז „זיינס״, דאָס ניי געבוירענע קינד איז אויך „זיינס״, אָבער האָט דען ער אַליין התחייבות געגען זיי? האָבען דען אַנדערע נישט קיין שולד געגען דעם ניי געבוירענעם מענשען און דער פרוי, וואָס האָט איהם געבוירען? ער האָט עס אַזוי קלאָר אויסגעדריקט מיט זיין וויינענדיג געשריי און זיינע טענות, אַז עס האָט זיך גלייך געפיהלט, אַז זיין פאָדערונג איז נישט קיין פערזענליכע.

עטליכע שעה בין איך אָבגעזעסען אין קאָמיטעט בעת דעם פונאַנדערטיילען די הילף. וואָס פאַר אַ שווערע סצענעס איך האָב זיך דאָרט אָנגעקוקט. איבערהויפט איז געווען טראַגיש צו זעהן, ווי מ׳האָט געכאַפט אַנ׳אַלטען יוד, מיט אַ ערליכען אויס־זיכט, אין אַ פעלשונג. ער האָט אונטער אַנ׳אויסגעטראַכטען נאָ־מען געוואָלט בעקומען אַ צווייטען מאָל דעם פאַיאַק. און אַז מ׳האָט ענטפלעקט זיין רמאות, האָט ער קאַלט און רוהיג, מיט בייזע אויגען געקוקט אויף די קאָמיטעט-לייט און אויף מיר און האָט געשוויגען. אין זיין בליק האָט זיך אויסגעדריקט דער

טיפסטער פּראָטעסט, וואָס מ׳האָט בײַ איהם אָבגענומען דאָס איבעריגע שטיקעל ברויט און גלאָז מילך, וואָס ער האָט אויף אַזאַ אופן געקאָנט בעקומען.

אין אָוועגד, אַז עס איז געקומען ה׳ האָמעלסקי, איז פאָרגעקומען די זיצונג פון קאָמיטעט. אַז האָמעלסקי האָט דורכגעלייענט די סמעטע, אין וועלכער, פאַר די אָרטיגע נויטבעדערפטיגע איז געווען אָנגעצייכענט נאָר ניינהונדערט רובל, האָבען זיך אויפגעהויבען די אָרטיגע פאָרשטעהער פון קאָמיטעט און געמאָלדען, אַז זיי זענען נישט איינשטימיג אויף דעם.

—בײַ אונז זענען פעררעגיסטרירט פינפהונדערט פיערהונדרייסיג אָרימעלייט, וואָס האָבען געליטען פון מלחמה: ווייבער פון זאַפּאַסנע, רואינירטע פון פּאָגראָם, געזינדען פון אַרויסגעשיקטע. אונז קומט אַ דריטעל, לכל הפחות אַ פערטעל, פון דער אַסיגנירטער סומע, דאָס הייסט בײַ אַ פיערטויזענד רובל.

אויף דעם האָט זיי האָמעלסקי געענטפערט:

—דער קיעווער קאָמיטעט האָט אַסיגנירט הילף אויסשליסליך פאַר די היימלאָזע. געוועהנליכע אָרימעלייט, אפילו געליטענע פון מלחמה, נאָר אַזעלכע וואָס זענען געבליבען אויף זייער אָרט, זענען בײַ אונז אין רוסלאַנד דאָ מיליאָנען און דער קאָמיטעט האָט קיין מעגליכקייט נישט צו קומען זיי צו הילף. וועגען זיי דאַרפען זאָרגען די אָרטיגע קהלות.

—וואָס גלייבט איהר די רוסישע קהלות צו אונזערע?

דאָ איז האָמעלסקי אַרויס פון זיך:

—וואָס דערצעהלט איהר מיר מעשיות! איך ווייס דען נישט די לאַגע פון סקאַלאַט? איך ווייס, אַז בײַ אייך זענען פאַר דער צייט פיל רייך געוואָרען. די שטאָדט האָט גוט פערדינט און איז אימשטאַנד אויפצוהאַלטען די אייגענע אָרימעלייט. די ניינהונדערט רובל, וואָס איך האָב אַסיגנירט, איז אפשר אויך געווען איבעריג.

—ווער האָט אייך געזאָגט, אַז די שטאָדט איז רייך געוואָרען? דאָס איז אַלץ די פּאָדוואָלאָטשיסקער! זיי איז אַלץ גרויס אין די אויגען!—האָט זיך צוהיצט איינער פון די אָרטיגע.

—אָבער ווייסט איהר וואָס?—איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה האָמעלסקי.—מיר ווע‏לען אייך אַסיגנירען נאָך טויזענד רובל, אָבער בתנאי, אַז אייער קהלה זאָל געבען אויך אַזוי פיל.

—פון שטאָדט קאָנען מיר מעהר נישט נעהמען. זי גיט שוין אַזוי אויך מעהר, ווי זי קאָן. איהר דאַרפט אונז אַרויסגעבען, לכל הפחות נאָך צוויטויזענד רובל.

—בשום אופן נישט!—איז געשטאַנען אויף זיינס האָמעלסקי.

—אויב אַזוי, דאַרף מען גאָרנישט! וועלען מיר זיך קלאָגען. נישט מיינט, אַז איהר זענט די גאַנצע בעלי-הבתים אויף דעם געלד, וואָס איהר צוטיילט. פאַרהאַן העכערע פון אייך! מ'וועט אייך נויטען איהר זאָלט אונז אַרויסגעבען וויפיל אונז קומט!—האָט זיך צושריען איינער פון די מיטגלידער פון קאָמיטעט, אַ קצב.

—ווער וועט אונז נויטען?—האָב איך אַ פרעג געטהון דעם שרייער.

—ווער? איהר וועט שוין זעהן ווער, זאָרגט נישט!

—איהר קאָנט ריידען קלאָרע ווערטער,—האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון די פאָרשטעהער פון די היימלאָזע.—מיר ווייסען, אַז איהר זענט שוין געגאַנגען צום אויעזדנעם נאַטשאַלניק קלאָגען זיך אויפ'ן קיעווער קאָמיטעט.

—נו, ווייסט איהר, איז אודאי גוט!—האָט רוהיג געענטפערט דער קצב.

איך האָב זיך מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען און אָפּגערופען זיך:

—איך רעכען פאַר אונמעגליך צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט מענשען, וועלכע מישען אַריין אין אונזערע יודישע ענינים די רוסישע מאַכט און לויפען צו איהר מיט מסירות. איך וועל וועגען דעם מעלדען דעם קיעווער קאָמיטעט און פערלאַנגען, ער זאָל אָננעהמען וועגען דעם אַ החלטה.

און מיט דעם זענען מיר אַוועק פון קאָמיטעט.

מיר האָבען בעטראַכט די לאַגע. עס פערשטעהט זיך, אַז מיר האָבען געקאָנט „אָנלערנען" די מיטגלידער פון קאָמיטעט

וואָס האָבען געדראָהט מיט מסירות, מיר האָבען געקאָנט אָב־שטעלען די גאַנצע טעטיגקייט פון קאָמיטעט. נאָר וואָס וואָלטען מיר דערמיט אויספיהרען און איבערהויפט, ווען וואָלטען מיר אָבטהון? דער בעפעלקערונג, די נויטבעדערפטיגע, דערום, ווי אויפגערעגט איך בין נישט געווען, האָב איך פאָרגעלעגט האָ-מעלסקי׳ן צו געהן אויף אַ פשרה, איינשטימען צו פערגרעסערן די שטיצע פאַר די אָרטיגע. דערצו נאָך איז ביי מיר אויסגע-קומען, אַז אין אַ געוויסער מאָס זענען די תביאות געווען גע־רעכטע: ביי אַ סמעטע פון זעכצעהן טויזענד אויסטיילען נייג־הונדערט רובל פאַר אָרטיגע אָרימעלייט, איז טאַקע געווען צו ווייניג. מיר האָבען בעשטימט מוסיף צו זיין ביז צווייטויזענד רובל פאַר די אָרטיגע.

## ה

אויף מאָרגען פריה איז געקומען צו מיר אַ סאָלדאַט מיט אַ בריוועל פון אויעזדנעם נאַטשאַלניק, אַז ער בעט מיך אַריינ-געהן צו איהם וועגען אַ וויכטיגען ענין. דער נאַטשאַלניק איז געווען גראַף זשוקאָווסקי. ווי איך האָב שפּעטער געהערט, אַ פעט־דאָגראַדער אַריסטאָקראַט, נאָר פון די געפאַלענע און דוכט זיך, מיט עפּעס אַ פגם.

ער האָט מיך אויפגענומען זעהר העפליך, האָט אַרויסגע-זאָגט זיין גרויס צופרידענקייט, וואָס דער קיעווער קאָמיטעט קומט צו הילף די היימלאָזע און האָט צוגעגעבען:

—ליידער אָבער זענען די אָרטיגע קאָמיטעטען נישט גע־לונגענע. דהיינו, דאָ אין סקאלאט איז דער קאָמיטעט זעהר נישט קיין אָביעקטיווער, איז נוטה צו איין צד מעהר ווי צו דעם אַנדערן: די פּאָדוואָלאָטשיסקער אָרימעלייט בעקומען כמעט צוואַנ-ציג מאָל מעהר, ווי די אָרטיגע...

—דער אָרטיגער קאָמיטעט איז אין דעם לחלוטין נישט

שולדיג. ער טהוט נאָר דאָס, וואָס עס בעשטימט דער קיעווער קאָמיטעט,—האָב איך געענטפערט.

—ווי אַזוי זשע איז דער קיעווער קאָמיטעט אַזוי נישט רעכטפאַרטיג צו די אָרטיגע אָרימעלייט?

—דאָ איז נישט די פראַגע וועגען רעכטפאַרטיגקייט. דער קיעווער קאָמיטעט העלפט נישט גלאַט אָרימעלייט, נאָר אַזעלכע, וואָס האָבען שטאַרקער געליטען פון דער מלחמה און אויפ'ן ערשטען פלאַן, די אַרויסגעשיקטע היימלאָזע...

—אָבער דאָ איז אַזאַ לאַגע, אַז די היימלאָזע, די פּאָדוואָלאָטשיסקער, זענען אַלע רייכע מענשען און נויטיגען זיך כמעט נישט אין הילף און די סקאלאטער זענען ביטערע אָרימעלייט.

—וואָס אָנבעלאַנגט די סקאלאטער,—האָב איך געענטפערט,— האָט איהר רעכט, אָבער וועגען די פּאָדוואָלאָטשיסקער האָט איהר אַ טעות. פון וואַנעַן קאָנען זיי זיין רייך, אַז מ'האָט זיי אינגאַנצען רואינירט, אַרויסגעשיקט און אַוועקגעטריבען פון דער היים, נישט ערלויבענדיג עטוואָס נעהמען מיט זיך...

—אָבער איך ווייס, אַז זיי זענען רייך.

—איהר ווייסט דאָס לויט די רייד פון אייניגע אָרטיגע, וואָס זענען אייך געקומען מסר'ן. און איך בין נעכטען אַ גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען איבער די דירות פון די היימלאָזע, געזעהן זיי אין קאָמיטעט בשעת'ן אַרויסגעבען הילף און איך זאָג אייך, אַז איך בין אונטער דעם איינדרוק פון אַ קאָשמאַרישער נויט.

און איך האָב איהם דערצעהלט, וואָס איך האָב געזעהן.

ער האָט נישט געפונען וואָס צו זאָגען און, אַ ביסעל צו־מישט, אַרויסגערעדט:

—אָבער איך בעט אייך צו פערגרעסערן די סומע, וואָס איהר גיט אַרויס די אָרטיגע.

איך האָב איהם נישט געוואָלט זאָגען, אַז מיר האָבען בע־שטימט צו פערגרעסערן די סומע, כדי ביי איהם זאָל זיך נישט

שאַפען דער איינדרוק, אַז ער, מיט זיין אַריינמישען, האָט דאָ עטוואָס גע׳פועל׳ט.

—איידער קאָן איך דאָ גאָרנישט מאַכען,—האָב איך גע-ענטפערט.—דאָס איז אָבהענגיג פון קיעווער קאָמיטעט, וועלכער האָט אין דעם אופן זיינע בעשטימטע פרינציפען.

—טאָ טיילט מיט דעם קיעווער קאָמיטעט מיין מיינונג וועגען דעם.

—ווי אַ מיינונג, וועל איך עס גערן מיטטיילען,—האָב איך געענטפערט.

און האָב צוגעגעבען:

—מיך ריהרט זעהר אייער הייסער אינטערעס צו דער נויט פון דער יודישער בעפעלקערונג און איך צווייפעל נישט, אַז איהר וועט ארויסגעבען דעם קאָמיטעט מעהל נאָך דעם מקח, לויט וועלכען איהר רעקוויזירט עס ביי די הענדלער. דאָס וואָלט זיין אַ גרויסע הילף פאַר דער בעפעלקערונג. פאַר דער אַרמעע וואָלט דאָס קיין שום שאָדען נישט געווען, ווייל אויף וויפיל מיר איז בעוואוסט, ליגט ביי אייך פיל צעהנדליגער טויזענדער פוד תבואה און מעהל אָהן נוצען...

—דאָס איז אמת...—האָט ער נישט ווילענדיג מודה גע-ווען.—אָבער מ׳קאָן דאָך נישט וויסען, וואָס מאָרגען וועט זיין... פאַרוואָס ווענדט איהר זיך נישט בעסער צו די יודישע תבואה-הענדלער, זיי זאָלען פאַר זייערע אָרימע ברידער לאָזען מעהל צו וואָלוועלע מקחים. די יודישע תבואה-הענדלער זענען פערשאַ-טען מיט זאַפּאַסען, וועלכע זיי בעהאַלטען.

—איך ווענד זיך נישט צו זיי מחמת דעמזעלבען טעם, פאַרוואָס די רעגירונג ווענדט זיך נישט צו די ה״ה ריאַבושינסקי אָדער מאָראָזאָוו, וועלכע פערדינען הונדערטער מיליאָנען, זיי זאָלען זייערע פאַבריקאַטען לאָזען פאַר זייערע אָרימע ברידער פאַר אַ ביליגען מקח. ביי אַלע סוחרים איז דיזעלבע פסיכאָ-לאָגיע.

—וואָס מיינט איהר, מאַכט טאַקי די רעגירונג אַ פעהלער.

געדאַרפט אויפהערנגען עטליכע צעהנדליג סוחרים—וואָלט אַלץ וועלוועלער ווערען.

—איך גלויב נישט, אַז מיט תליות זאָל מען קאָנען אויפשטעלען די צורודערטע עקאָנאָמישע יסודות אין אַ לאַנד.

צום סוף פון אונזער געשפרעך האָב איך איהם געבעטען:

—איהר קאָנט טהון די גרעסטע טובה די היימלאָזע, געבען זיי די מעגליכקייט צו שטעלען זיך אויף די פיס און נישט נויטיגען זיך אין פרעמדער הילף. פיהרט אויס ביי דער העכערער מיליטערישער מאַכט מ'זאָל זיי ערלויבען אומצוקעהרען זיך אַהיים אין פאָדוואָלאָטשיסק.

—די ערלויבעניש איז דאָ... ביסלעכווייז קאָנען זיי זיך אומקעהרען.

—דאָס ווייס איך,—האָב איך געענטפערט.—אָבער פּאַקטיש קאָנען זיי זיך נישט אומקעהרען. אַלע הייזער, וואָס זענען גאַנץ געבליבען זענען בעזעצט דורך מיליטער אָדער מיליטערישע אַנשטאַלטען און אויף דעם סמך לאָזט מען די יודען נישט בעזעצען זיך אין שטאָדט.

—נו, וואָס זשע קאָן איך דאָ העלפען? איך קאָן דאָך דאָס מיליטער נישט אַרויסטרייבען

—איהר קאָנט אויספיהרען, אַז אין יעדער וואוינונג זאָל מען דעם בעל־הבית אָבטרעטען כאָטש איין אָדער צוויי צימערן. דערצו קאָנט איהר אויספיהרען, אַז מ'זאָל פּאַקטיש אַריינלאָזען יודען אין שטאָדט. נאָר עטליכע צעהנדליג האָט זיך איינגעגעבען מיט גרויס מיה צו בעזעצען זיך אין קריסטליכע הייזער.

ער האָט עס מיר צוגעזאָגט.

האָמעלסקי איז שוין געווען אָבגעפאָהרען. איך האָב ווידער פערזאַמעלט דעם קאָמיטעט, האָב איהם מיטגעטיילט וועגען מיין געשפרעך מיט'ן נאַטשאַלניק, האָב זעהר שאַרף אַרויסגעזאָגט זיך וועגען דער אויפפיהרונג פון אייניגע מיטגלידער פון קאָמיטעט, וואָס זענען געלאָפען צום נאַטשאַלניק מיט מסירות און האָב צוגעזאָגט פועל'ן צו פערגרעסערן אויף טויזענד רובל דעם אַרויסגאָב פאַר די אָרטיגע אָרימעלייט.

אין אָווענד בין איך אָבגעפאָהרען קיין גושימאַלאָוו.

עס איז געוועזן אַ ברענענדער פראָסט, דערצו נאָך אַ שטור־רעמדיגער ווינט. דאָס שליטעל האָט זיך אַלע ווײלע אַראָבגעגליטשט פון וועג אָן אַ זייט און איין מאָל אפילו איבערגעקעהרט זיך, נאָר דער פוהרמאַן, אַ בחור פון אַ יאָהר אַכצעהן, איז געוועזן אין אַ פרעהליכער שטימונג, האָט געטריבען די פערד, געשריען און געזונגען. דער בחור האָט מיך פערראינטערעסירט. ער איז פון די פאָדוואָלאָטשיסקער היימלאָזע, געוועזן אין פענזע און קאָן זיך נישט אָבלויבען, ווי גוט דאָרט איז געוועזן. פאַר דער קליינער צייט פון זיין פערברענגען דאָרט, האָט ער איבערגענומען איינינגע עכט רוסישע תּנועות. רוסיש ריידען האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט. דערפאַר אָבער האָט ער איינגעזאַפּט איינינגע מיאוסע רוסישע זידעל־ווערטער, וועלכע ער שרייט אויס יעדע ווײלע אויף די פערד. פאָהרענדיג, בעגעגענען מיר אַ גאַנצען אָבאָז פוהרען, פויערים פיהרען האָלץ אין סקאלאַט. איך פרעג איינעם פון זיי:

—וויפיל בעקומט איהר געצאָהלט פון אַ פוהרעל?

—פיער נאַהייקעס,—ענטפערט מיר רוהיג דער פויער.

דער ענטפער ענטציקט מיין פוהרמאַן. ער חזר'ט עס איבער פיל מאָל און קיכט פון געלעכטער. אַז דער ווינט ווערט שטילער, הויבט ער מיר אָן דערצעהלען ווי אַזוי מ'האָט זיי, די פּאָדוואָלאָטשיסקער, „געטריבען אין ראַסייע”. זיי זענען פיל אויסגעשטאַנען, אָבער אין יעדען יודישען שטעדטעל האָט מען זיי אַרויסגעטראָגען עסען, געלד, בגדים. אין וויניצע, האָט אַ פרוי פון אַ רעזערוויסט אָבגעגעבען זיי די אָנדערטהאַלבען רובל, וואָס זי בעקומט וואָכענדיגע שטיצע. אין ליטין זענען זיי געוועזן שבת, האָט מען זיי געבראַכט פון שטאָדט אַלע טשאָלענטער. זיי זענען געשטאַנען הינטער'ן שטאָדט, אויף יענער זייט טייך, האָט מען געטראָגען איבער'ן טייך, געהענדיג ביז'ן גאַרטעל אין וואַסער. אין מעדזשיבוזש האָט מען זיי נישט געלאָזט אַריין אין שטאָדט, האָבען זיי געפונען אויסגעשטעלט אויפ'ן פעלד גאַנצע בערג מיט ברויט, פוטער און אַנדערע שפּייזען.

ביי נעמיראָוו זענען זיי ווייטער געשטאַנען אין פעלד. זיי זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט און קיין וואַסער איז נישט געווען. מיט אַמאָל דערזעהן זיי פינף יונגעלייט פון שטאָדט, איינגע-שפּאַנט אין אַ וואָגען שלעפּען אַ פעסעל וואַסער. און אַזוי ווייטער א. אַז. וו. מיך האָט געוואונדערט און געריהרט, וואָס דער לייכטזיניגער בחור'ל האָט פערהאַלטען אין זינען די אַלע פּאַק-טען פון יודישער ברידערליכער הילף, געדענקט אפילו די נע-מען פון די יודישע שטעדט און שטעדטלעך וואָס ער איז מיט אַ יאָהר צוריק דורכגעגאַנגען.

שפּעט ביינאַכט געקומען אין גזשימאַלאָוו. פערפאָהרען אין אַנ'אכסניה. די בעל-הבית'טע פון אכסניה האָט גענומען פונאַנ-דערהייצען דאָס אייוועלע, צוגרייטען טהיי און אָוועגדברויט. אַרבייטענדיג, האָט זי מיך פונאַנדערגעפרעגט ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. דערוויסענדיג זיך, אַז איך בין „אַנ'אָפּיציר פון קאָמיטעט", האָט זי גלייך געשיקט רופען איינעם פון די מיטגלידער פון קאָמיטעט. נאָך מעהר איז זי געוואָרען פעראינ-טערעסירט, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך קום פון פעט-ראָגראַד.

—פון פעטראָגראַד? מוזט איהר דאָך גוט קענען יונה ג.! שרייט זי אויס מיט פרייד.

—ניין, איך קען איהם נישט.

די בעל-הבית'טע איז איבערראַשט. ווי אַזוי איז מעגליך, איך זאָל נישט קענען יונה ג., אַז ער איז כמעט דער ערשטער מענש אין פעטראָגראַד, דער אָנפיהרער אין אַלע קאָמיטעטען, ער איז איהרער אַ לייבליכער ברודער.

אָבער דאָס אַלץ העלפט נישט, איך קען איהם פאָרט נישט.

די ווירטין געהט אַוועק אין קיך. קעהרט זיך געשווינד אום און טיילט מיר מיט, ווי אַ סוד:

—ער איז אַנ'אייגענער מענש ביים באַראָן גינצבורג, אַ נאָהנטער קרוב.

זי קוקט, וואָס פאַר אַנ'איינדרוק דאָס האָט אויף מיר גע-מאַכט און גיט צו:

—דער באַראָן גינצבורג האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ מיטאָג און אַוועקגעזעצט איהם ביי זיין רעכטער האַנד. מיט אַמאָל זענען אַריינגעקומען גרויסע לייט, סענאַטאָרען. האָט זיך דער ברודער אויפגעהויבען פון אָרט זיי אַנטקעגען, האָט איהם דער באַראָן גינצבורג אָנגענומען פאַר'ן האַנד און צוריק אַוועקגעזעצט: „מיינער אַ קרוב דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט אויפהויבען!” איהר פערשטעהט?

אין אַ ווײַלע אַרום שעפּטשעט זי מיר ווייטער:

—געקומען נדן דרייסיג טויזענד רובל און אייגענע גע-האַט צעהן טויזענד.

און נאָכדעם ערשט הויבט זי זיך אָן קלאָגען, וואָס ביי אַזאַ גרויסקייט העלפט איהר דער ברודער נישט און זי בעט מיך, איך זאָל מיך מיט איהם זעהן און בעטען, ער זאָל איהר בעהילפיג זיין.

דערווייל קומט אַ מיטגליד פון קאָמיטעט. אַ פּראָסטער יוד, מיט אַ פערהאָרעוועטען, פערביטערטען אויסזיכט. ער הויבט מיר גלייך אָן צו דערצעהלען וועגען דער לאַגע פון שטאָדט:

—פריהער האָט מען ווי נישט ווי געלעבט, געצויגען זיונה און איצט, זינט דאָס מיליטער איז פון דאַנען אַוועק און דער מיהל האָט אָנגעהויבען אַרבייטען, שטאַרבט מען פשוט פון הונגער.

—דעם צוזאַמענבונד פונ'ם אַוועקגעהן פון מיליטער מיט דעם הונגער, פערשטעה איך נאָך; אָבער פאַרוואָס האָט זיך די לאַגע פערערגערט, זינט דער מיהל האָט אָנגעהויבען אַרבייטען, דאָס פערשטעה איך נישט.

—גאָר פשוט,—האָט מיר ערקלערט דער יוד.—כל זמן דער מיהל האָט נישט געאַרבייט, האָט מען געקאָנט קויפען ביים פויער תבואה און עס האָט געקאָסט וואָלוועל. איצט פיהרען די פויערים זייער תבואה אין מיהל און פערקויפען עס גלייך דעם מילנער, וועלכער צאָהלט גרויסע מקחים.

אויף מאָרגען איז געווען אַ זיצונג פון אָרטיגען קאָמיטעט. דאָ זענען געווען אין קאָמיטעט דורכאויס פּראָסטע יודען, בעל-

מלאכות, אַ ביסעל נאַאיווע און זעהר ערנסטע. זיי האָבען זיך אויפ־געטראָגען מיט אַ רעליגיעזער איבערגעגעבענקייט צו זייער אַרבייט אין קאָמיטעט. אָבגעגעבען אויף דעם פיל צייט און מיה, געציטערט אויף יעדען גראָשען. קיין שום מחלוקת צווישען די אָרטיגע און היימלאָזע איז דאָ נישט געווען. אַ פולער קאָנטראַסט פון דעם סקאלאטער קאָמיטעט.

דאָס שטעדטעל איז אַ קליינס. אינגאַנצען זענען דאָ געווען פאַר דער מלחמה ביי פינפהונדערט יודישע געזינדען. ביי אַכ־ציג—הונדערט געזינדען זענען אָבגעפאָהרען בשעת דעם אָנטריט פון די רוסען. דערפאַר זענען אָנגעקומען אהער ביי צוויי־טויזענד היימלאָזע, פון פאָדוואָלאָטשיסק (זעקסהונדערט), הוסיאַטין, אַטי־ניאַ און אַנדערע שטעדט און דערפער. דאָ האָט אָרגאַניזירט הילף דער זעמסקי פערבאַנד, וועלכער האָט אין אָנפאַנג געשטיצט כמעט אַלע היימלאָזע און פיל אָרטיגע אָרימעלייט. די לעצטע צייט האָט ער פערקירצט די הילף און גיט אַרויס ברויט און אַנדערע פּראָדוקטען בלויז טויזענד צוויי־הונדערט זיבענאונפופציג פּאַרשוין. דערפאַר האָט דאָ אָרגאַניזירט הילף אויך דער פער־באַנד פון שטעדט, וועלכער האַלט אויס פינפהונדערט איינאונ־אַכציג היימלאָזע און פיערהונדערט אַכצעהן אָרטיגע אָרימעלייט. דער קיעווער הילפס-קאָמיטעט האָט פאַר דער גאַנצער צייט אויסגעבראַכט אויף גזשימאַלאָוו זיבענאונזיבעציג טויזענד פינפאונ־פופציג רובל. דער ביודזשעט פון לעצטען חודש איז געווען אַכט טויזענד פיערהונדערט איינאונזעכציג רובל פאַר די היימלאָ־זע און טויזענד פאַר די אָרטיגע.

בשעת דעם בעטראַכטען די סמעטע האָט איינער פון קאָ־מיטעט, אַן עלטערער יוד, זיך אָבגערופען:

—מיר אַרבייטען אויף וויפיל אונזערע כחות טראָגען און דאָס הארץ איז פונדעסטוועגען נישט רוהיג. אונז קומט אויס צו בעשטימען, ווער עס נויטיגט זיך אין הילף און ווער נישט. קאָן מען דען אריינקריכען דעם אַנדערן אין דער נשמה. יעדערן, וועמען עס פעהלט עפּעס אויס, דוכט זיך, אַז ער איז דער גרעסטער נצרך און אויב מ׳זאָגט איהם אָב, מאַכט ער אַ רעש.

דאָס איז איבערהויפּט אונז שווער, ווייל עטליכע פון אונז נוי־טיגען זיך אין הילף און מוזען בעקומען שטיצע...

בשעת דער זיצונג פון קאָמיטעט זענען געקומען עטליכע ווייבער קלאָגען זיך אויפ׳ן קאָמיטעט, נאָר קיין איין בעקלאָגונג האָט זיך נישט אַרויסגעוויזען פאַר אַ וויכטיגע.

עס איז פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישע און אַ טראַגישע סצענע:

געקומען אַ מיידעל, אַ גאַנץ שעהנע, אַ גוט געקליידעטע און געווענדט זיך צו מיר מיט אַ בקשה:

—מיר קומט אויס אויפצוהאַלטען אַ גאַנץ געזינד: אַ מו־טער מיט צוויי ברידער. איך אַליין בין קראַנק, ביי מיר איז שווינדזוכט. בעט איך מ׳זאָל מיר אַרויסגעבען צוואַנציג רובל מאָנאַטליך הילף.

די מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבען זיך הילפלאָז איבער־געקוקט און איינער האָט זיך אָבגערופען:

—דאָס איז ריכטיג, וואָס זי דערצעהלט. נאָר מיר קאָנען נישט בעהמען אויף זיך אַרויסצוגעבען אַזאַ סומע. אויב איהר וועט איינשטימען, וועלען מיר אַרויסגעבען.

—איך וועל זיך מישב זיין,—האָב איך געענטפערט.

אַז דאָס מיידעל איז אַרויסגעגאַנגען, איז אַ ווילע געווען מאָדנע שטיל, נאָכדעם האָט דער פאָרזיצענדער מיר געזאָגט:

—דאָס מיידעל איז אַנ׳אָרטיגע, אַ בעל-הבתיש מיידעל. נאָר זי איז אַראָב פון וועג. דרעהט זיך אַרום מיט אָפיצי־רען. איצט לעבט זי מיט׳ן נאַטשאַלניק. זי האָט זיך שוין עטליכע מאָל געווענדט צום קאָמיטעט נאָך הילף און דערביי געדראָהט, אַז זי וועט אָנ׳מסר׳ן דעם נאַטשאַלניק. מיר האָבען מורא פאַר איהר און מ׳וועט איהר מוזען אַרויסגעבען, וויפיל זי בעט.

## ו

פון גזשימאַלאָוו בין איך געפאָהרען קיין לאָראָסטקאָוו. אַ היבשע שטאָדט, איבער דרייהונדערט און פופציג געזינדען. אַ קליינע טייל פון זיי איז אָבגעטראָטען בשעת דעם אַריינטריט פון די רוסען. דערפאַר זענען דאָ בעזעצט געוואָרען איבער טויזענד היימלאָזע, איבערהויפט פון הוסיאַטין. אין אָנפאַנג יאָהר האָט דער זעמסקי פערבאַנד אַרויסגעגעבען הילף טויזענד פינפהונדערט און זעקס פאַרשוינען, פון זיי ביינהונדערט זעקסאונזיבעציג היימלאָזע און פינפהונדערט דרייסיג אָרטיגע. פון יוני חודש האָט ער פערקלענערט די הילף, איבערהויפט פאַר די אָרטיגע און אַרויסגעגעבען זי בסך הכל טויזענד צווייהונדערט פאַרשוין (ניינהונדערט זיבען היימלאָזע און צווייהונדערט דריי-אונניינציג אָרטיגע). דער קיעווער הילפס-קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבען הילף דרייאונפערציג טויזענד אַכטאונדרייסיג רובל, דעם לעצטען חודש איז די סמעטע געווען איבער זיבען טויזענד רובל. פון דעם ביי אַכטהונדערט רובל פאַר די אָרטיגע. דאָ האָט זיך אויך איבערגע׳חזר׳ט די בקשות צו פערגרעסערן די הילף פאַר די אָרטיגע.

איך בין פערפאָהרען צו איינעם פון די מיטגלידער פון קאָמיטעט און פערבליבען ביי איהם צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון קאָמיטעט. מיר האָבען אַרומגערעדט אַלע הצטרכות פון די נויטבעדערפטיגע. דער גרעסטער מאַנגעל איז אין בגדים, גאַנצע געזינדען געהען נישט אַרויס פון שטוב, ווייל מ׳האָט נישט קיין וואַרימען בגד און איבערהויפט קיין שיך. אַ טראַגישער שטריך, דער קאָמיטעט האָט בעקומען עטליכע צעהנדליג פאָר שיך, נאָר דער קאָמיטעט צוטיילט זיי נישט און וואַרט ביז עס וועט אָנקומען אַ גרעסערע פאַרטיי. פאַרוואָס? אויב מען וועט די צוואַנציג-פינפאונצוואַנציג פאָר שיך צוטיילען, וועלען די, וואָס וועלען נישט בעקומען, פונאַנדערטראָגען דעם קאָמיטעט.

אין שטאָדט איז אַן עפּידעמיע פון בויך-טיפוס און שקאַר-לאַטין און קיין מעדיצינישע הילף איז נישטאָ.

בשעת דער זיצונג פון קאָמיטעט, האָט זיך אַריינגעריסען אין חדר אַן עלטערע יודענע, איז צוגעגאַנגען צו מיר און אָהן הקדמות, מיט אַ דרייסטען טאָן אָנגעהויבען ריידען גיך, ווי מ'שיט אַרבעס:

—איך בין ר' זוסיע אַניפּאָלערס אַן אייניקעל און ר' לייוויק יצחק בערדיטשעווערס אַן אוראייניקעל, פון דער מוטערס צד שטאַם איך פון בעל-שם. אין אונזער משפּחה זענען צוואַנציג-פינף זיבעציג גוטע יודען און מיט דעם גרויסען בראָד-סקע'ן בין איך אַ שלישי ברביעי!

אויסגעשאָסען דעם גאַנצען יחוס, האָט זי זיך אָבגעשטעלט און שאַרף געקוקט אויף מיר. געוואָלט איבערצייגען זיך, אויף וויפיל איך בין ערשיטערט.

—וואָס זשע ווילט איהר?

סטייטש, וואָס וויל זי! אַז מ'שטאַמט פון אַזוי פיל גדולים האָט מען, פערשטעהט זיך, רעכט אויף אַ גאַר בעזונדערע שטיצע. אַז איך האָב איהר געענטפערט, אַז פאַר אונז זענען נישטאָ קיין מיוחסים, האָט זי אַ ווײלע געקוקט אויף מיר פערוואונדערט, באַלדעם אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס מיט'ן העכסטען פּראָטעסט און איז אַרויסגעגאַנגען.

אין אָוועגד, אַז מיר האָבען געענדיגט די אַרבייט און געזעסען ביי אַ גלאָז טהיי, איז געקומען אַ זקן, דער אַלטער שטאָדט-חזן, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט פינקלענדע, ווייכע, יונגע אויגען. ער איז אויך געקומען בעטען שטיצע. די שטיצע, וואָס ער האָט געבעטען, איז געווען אַזאַ קליינע און אַזאַ רעכט-פאַרטיגע, אַז איך האָב זי איהם גלייך פערשפּראָכען. אין די רייד האָב איך דערמאָהנט וועגען חסידישע מעשיות. דער חזן האָט אויפגעלעבט, בעגייסטערט זיך און גענומען דערצעהלען אַ מעשה נאָך אַ מעשה. און ווי ער האָט דערצעהלט! מיט אַ התלהבות, מיט וואונדערליכע דעטאַלען, ווי אַן עכטער דיכטער. יעדע מעשה, וואָס ער האָט דערצעהלט, איז געווען פּשוט אַ

קינסטלער-ווערק. איך האָב געפיהלט אַנ׳אמונ׳ן צער, וואָס איך האָב זיי נישט געקאָנט בולשטעבליך פערשרייבען. כאַראַקטעריס-טיש איז, וואָס כמעט אַלע זיינע מעשיות זענען געווען וועגען משיח׳ן. איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז דער געדאַנק וועגען משיח׳ן האָט שטאַרק אינטערעסירט די עלטערע יודען אין גאַנץ גאַליציע. אין זכרון איז ביי מיר פערבליבען נאָר איינע פון זיינע מעשיות.

„בשעת ר׳ ישראל רוזשינער איז געזעסען אין תפיסה, האָבען זיינע חסידים און מקורבים געקעהרט וועלטען, ביז זיי האָבען איהם אויסגעלייזט. און אַז ער איז פריי געוואָרען, איז די שמחה זייערע געווען גרויס, נישט משער צו זיין. מ׳האָט געפּראַוועט מאָהלצייטען, געטאַנצט און געזונגען. נאָר איינער פון זיינע חסידים, אַ געוויסער ר׳ מאָטעלע, וועלכער איז כל ימיו געווען בלב ונפש איבערגעגעבען דעם רבי׳ן, האָט נישט געטאַנצט און נישט געזונגען. ער איז געזעסען פערטרויערט און מיט קיינעם נישט געוואָלט ריידען. אַז מ׳איז צו איהם צוגע-שטאַנען: „סטייטש! אַזאַ שמחה, דער רבי איז אַרויס פון תפיסה און דו פרעהסט זיך נישט, ביזט נאָך טרויעריג, וואָס זאָל דאָס בעדייטען?״ האָט ער זיך צעוויינט און געענטפערט:—„איך בין געווען בטוח, אַז אונזער רבי איז משיח. אַז מ׳האָט איהם אַרע-סטירט, האָב איך זיך שטאַרק דערפרעהט און געטראַכט, אַז דאָס הויבען זיך אָן חבלי משיח. און איך האָב גע׳טענה׳ט צו זיך: „זאָל פּלאַצען דער בלאָטער! זאָל ער פּלאַצען!״ נאָר דער בלאָ-טער האָט נישט געפּלאַצט. דער רבי איז בעפרייט און אַלץ איז ווי פריהער. קאָן איך זיך דען פרעהען?״

בשעת ער איז געזעסען און דערצעהלט, האָט זיך הינטער מיר מיט אַמאָל דערהערט אַ שטילער וויינענדער שפּיל פון אַ פידעל. געשפּילט אַנ׳אַלטען טיף טרויעריגען נגון. איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזעהן ביים טהיר אַנ׳אָרומגעריסענעם, אויסגעהונ-גערטען און פערביטערטען יוד פון אַ יאָהר פופציג, ער האָט גע-שפּילט אויף אַנ׳אַלטען אָרימען פידעלע. און ביידע האָבען געוויינט. ביים כלי זמר האָבען זיך געגאָסען פון די אויגען שטילע טרעה-

רען און פון דעם פידעלע האָט זיך געגאָסען אַ שטילער, האַרצ־רייסענדער געוויין. און ביידע האָבען אָהן ווערטער געבעטען הילף. דער כלי זמר איז אַ היימלאָזער פון פּאָדוואָלאָטשיסק, ער האָט פערלוירען זיין גוטס און האָב און אַוועק אין גלות מיט זיין איינציגער טרייסט, די פידעל. נאָר זי האָט מען ביי איהם אויך גע׳גנב׳עט׳ אומגעקעהרט זיך פון פענזע, האָט ער דאָ נישט וואָס צו טהון. נישט קיין חתונות, נישט קיין שמחות, ווער דאַרף דאָ אַ כלי זמר. נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז געקומען „אַנ׳אָפיציר פון קאָמיטעט", האָט ער געקראָגען ערגעץ אַ פערוואַלגערטע פידעל און געקומען מיך מקבל פנים זיין. געקומען, האָט זיך שטיל געשטעלט ביים טהיר און גענומען מיט אַ וויינענדען נגון דערצעהלען מיר וועגען זיין ביטערער נויט, וועגען זיין עלענד און צער. עס איז געווען זעהר ריהרענד צו הערען און צו זעהן, ווי די פידעל האָט געוויינט און ווי ביי דעם הונגעריגען מענשען האָבען זיך געגאָסען טרעהרען.

אַז איך האָב געפאָרשט די ווערק פון פאָלקס־שאַפונג, האָב איך זיך אָבגעשטעלט אויף דעם, וואָס אין די פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשיות ווערט אַזוי אָפט גערעדט וועגען קלאָג און געוויין. „האָט מען אָנגעהויבען צו וויינען און צו קלאָגען", „אַ יאָמער און אַ קלאָג" א. אַ. וו. אויך אין די רוסישע פאָלקס־לידער חזר׳ט זיך איבער זעהר אָפט: „בעגאָסען זיך מיט טרעהרען", „געבאָדען זיך אין טרעהרען". איך האָב שטענדיג גערעכענט, אַז דאָס איז נאָר אַ פּאָעטישער אויסדרוק. איצט, אין גאַליציע, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ רעאַלער שטריך. איך האָב געזעהן ווי מענשען „בעגיסען זיך מיט טרעהרען". ווייזט אויס, עס זענען דאָ אַזעלכע מאָמענטען, ווען טרעהרען גיסען זיך אַליין פון די אויגען כמעט אונבעמערקט און פערבייטען מיט זיך דאָס וואָרט. זיי גיסען זיך אַזוי גרינג, ווי ווערטער געהען אַראָב פון צונג. דאָס קומט פאָר דאַן, ווען ווערטער פערלירען איינגאַנצען זייער כח, ווען עס איז שוין נישטאָ צו וועמען צו ריידען.

אַז דער כּלי זמר האָט אויפגעהערט צו שפּילען און איך האָב איהם געבעטען זעצען זיך מיט אונז, האָט דער אַלטער הזן זיך דערמאָהנט אַ לעגענדע וועגען אַ נגון.

אַ יוד איז געקומען צום רוזשינער פּרעגען אַנ׳עצה וועגען אַנ׳ענין. האָט דער רבי איהם דורכגעזונגען „אליהו הנביא" מיט אַ גוי׳שען נגון און געהייסען איהם פּער׳חזר׳ן דעם נגון. דער יוד האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט, נאָר ער האָט געפּאָלגט דעם רבי׳ן און פּער׳חזר׳ט דעם נגון. מיט פּופּצעהן יאָהר שפּעטער איז דער יוד געגאַנגען אין וועג. איז איהם אויסגעקומען בּייננאַכט דורכצוגעהן אַ וואַלד, וואו עס זענען געווען נישט-גוטע. ווי ער געהט אַזוי, זעהט ער, אַז נעבען איהם געהט אַ קליינינקער גוי מיט אַ ליולקע. ער האָט זיך זעהר דער-שראָקען. דער גוי האָט איהם געפּרעגט וואוהין ער געהט. זאָגט ער: „אין שטאָדט". זאָגט דער גוי: „איך געה אויך אין שטאָדט". נאָכדעם האָט דער גוי איהם אָנגעכאַפּט פּאַר׳ן האַנד און זאָגט: „זינג מיר עפּעס." האָט ער זיך נאָך מעהר דערשראָקען. נאָר ער האָט זיך דערמאָהנט דעם „אליהו הנביא" מיט׳ן גוי׳שען נגון, וואָס דער רוזשינער האָט איהם אויסגעלערנט און האָט אָנגעהויבען זינגען. און האָט אַזוי געזונגען, ביז זיי זענען צוגעגאַנ-גען צום שטאָדט און דאָ איז דער גוי נעלם געוואָרען.

## ז

אין כּאַראָסקאָוו האָב איך זיך בּעגעגענט מיט צוויי יודען, דעם רב פּרענקעל, פון הוסיאַטין און ר׳ ליפּאַ שוואַגער. זיי ביידע האָבען געהאַט אַ גרויס בּוכהאַנדלונג, איבערהויפּט פון אַלטע יודישע ספרים, אַנטיקען און כּתב יד׳ן. דאָס איז געווען די גרעסטע בּוכהאַנדלונג מיט אַלטע ספרים אין גאַליציע. בשעת דעם פּאָגראָם און דער שרפה איז זייער גאַנצע בּוכהאַנדלונג חרוב ונחרב געוואָרען. זיי האָט זיך איינגעגעבען צו ראַטעווען נאָר אַ קליין ביסעל כּתבים און אַלטע ספרים. אַ טייל פון זיי

האָב איך גענומען מיט זיך און אָבגעפיהרט אין פעטראָגראַד אין מוזיי אויף צו בעהאַלטען.

דער ר׳ ליפּא שוואַגער, אַ גרויסער מקורב דעם קאָפּע־טשיניצער רבי׳נס, האָט מיר דערצעהלט אַ וואונדערליכע מעשה, וועלכע האָט אַ כאַראַקטער פון אַ מיסטישער, סימבאָלישער לע־גענדע. איבעריגענס, איז שוין די לעגענדע געשאַפען און אַריין אין דעם ציקל פון די חסידישע מופתים־לעגענדעס.

בשעת די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט זיך דער קאָפּעטשיניצער רבי געפונען אין האַמבורג, וואו ער האָט זיך קורירט. דאָרט איז מיט איהם געווען די גאַנצע משפחה. געפו־נען האָט זיך דאָרטען אויך ליפּא שוואַגער. אַז די רוסען האָבען אָנגעהויבען פערנעהמען גאַליציע, האָט דער רבי צוגערופען צו זיך שוואַגער׳ן און געזאָגט איהם בזה הלשון:

—זאָלסט וויסען, אַז ביי מיר געפינען זיך צוויי בריף געשריבען מיט דער אייגענער האַנד פון בעל שם הקדוש. איצט, ביי דער מלחמה, קאָנען זיי חס וחלילה אומקומען. דערום פאָהר ת״ומ אין קאָפּעטשיניעץ און ראַטעווע די בריף. אויב דו וועסט נישט זיין ביכולת אומצוקעהרען זיך, בעהאַלט זיי אין אַ זיכערן אָרט. זאָלסט וויסען, אַז אין וועג שטעהען דיר פאָר פיל סכּנות, דו קאָנסט געהרג׳עט ווערען פון אַ קויל, מ׳קאָן דיך אומברענ־גען איבער אַ בלבול, רחמנא לצלן, אָבער די סכּנה טאָר דיך נישט מעכּב זיין אויסצופיהרען די הייליגע שליחות און ראַטע־ווען די בריף.

שוואַגער האָט גלייך איינגעשטימט צו פאָהרען און האָט געפרעגט ביים רבי׳ן:

—רבי, און וואָס וועט זיין מיט אייער גוטס, מיט דעם גאָלד און זילבער און טייערע חפצים, וואָס געפינען זיך ביי אייך אין הויף?

און גוטס האָט זיך געפונען אין הויף, ווי מען זאָגט, אויף אַ פאָר מיליאָן קראָן.

—דאָס אַלץ מעג זיך פערפאַלען געהן,—האָט דער רבי

רוהיג געענטפערט,—נאָר דעם בעל שמ׳ס בריף מוזען געראַטע-וועט זיין.

שוואַגער איז אָבגעפאָהרען. געקומען קיין קאָפּעטשיניעץ מיט עטליכע שעה איידער די רוסען זענען אַריין אין שטאָדט. וועגען אָבפאָהרען צוריק, איז, פערשטעהט זיך, קיין רייד נישט געוועז. נאָר די בריף האָט ער צייט געהאַט צו ראַטעווען און בעהאַלטען. ער האָט זיי פערלייט אין אַ בלעכענעם שאַכטעל און פערגראָבען אויף צוויי מעטער טיף אין וואַנט פון אַ קעלער. ביים רבי׳ן אין הויף, אין דעם זעלבען קעלער, האָט ער בע-גראָבען אַ טייל פון רבי׳נס גאָלד און זילבער. נאָכדעם האָט ער אין משך פון דריי–פיער חדשים נישט געהאַט די מעגליכקייט צו צוקומען צום קעלער. פאַר דער צייט האָט ער זיך עטליכע מאָל געפונען אויף אַ האָהר פון טויט, געווען אַרעסטירט—מ׳האָט איהם חושד געווען אין שפּיאָנאַזש. לסוף, אַז ער האָט בעקומען די מעגליכקייט צו צוקומען אין קעלער, האָט ער דאָרט נישט געפונען קיין איינציגען פון די טייערע חפצים, וואָס ער האָט דאָרט פערגראָבען. אַלץ איז געווען אויפגעגראָבען און צו-ראַבירט. די וואַנט, אין וועלכער עס איז געווען בעהאַלטען דאָס שאַכטעל מיט די בריף, איז אויך געווען פונאַנדערגעגראָבען און דאָס שאַכטעל איז געווען פערשוואונדען.

מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף שוואַגער׳ן. ער איז שיער נישט געשטאָרבען פון צער. נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז ער האָט ווייטער גענומען גראָבען אין וואַנט און זוכען, האָט ער מיט אַמאָל געפונען דאָס שאַכטעל, גאַנץ, נישט אָנגעריהרט. נאָר אַז ער האָט עס גע-עפענט, האָט ער צו זיין שטאַרקסטער איבערראַשונג געפונען, אַז אין דעם בריף, וואָס איז איינגאַנצען געווען געשריבען מיט דעם בעל שמ׳ס האַנד (דער צווייטער בריף איז געווען פון איהם נאָר אונטערגעשריבען) זענען פערשוואונדען געוואָרען אַלע אותיות און עס איז געבליבען אַ ריין פּאַפּיר.

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך נישט גאָר געגלויבט דער מעשה. איך האָב גערעכענט, אַז דאָס איז איינע פון די גע-

וועהנליכע לעגענדעס, וועלכע ווערען גרינג געשאַפען אין אַזאַ מהומה-צייט. דערום האָב איך געבעטען שוואַגער׳ן, ער זאָל מיר ווייזען די בריף. די בריף האָבען זיך געפונען אין קאָפּעטשינעץ, בעהאַלטען אין חדרי חדרים און שוואַגער האָט נישט געוואָלט זיי ווייזען. נאָר אַז מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער האָב איך זיך מיט איהם געטראָפען אין קאָפּעטשינעץ און בין שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהם, האָט ער, אפילו זעהר נישט גערן, איינגעשטימט. ער האָט געבראַכט די בריף אין שוהל, זיי זענען געווען איינגעוויקעלט אין עטליכע פּאַפּירען. שוואַגער האָט מיט אַ גרויסען עהרענפורכט, נישט אָנריהרענדיג זיי מיט׳ן האַנד, פונאַנדערגעוויקעלט. איך האָב דערזעהן צוויי זעהר אַלטע, צונויפגעלעגטע בויגעלעך פּאַפּיר. איינס איז געווען בעשריבען פון אַלע זייטען מיט אַ דינעם געדיכטען כתב, לויט שוואַגערס רייד, ר׳ גרשון קיטעווערס האַנדשריפט, (דער בריף איז געווען שוין געדרוקט). אין איהם זענען אויפ׳ן צווייטען זייטעל, אויפ׳ן סאַמע בּרעג, געווען קוים צו בעמערקען די אונטערשריפט מיט שאַרפע לאַנגע איינציגע אותיות: „ישראל בעל-שם”. דער צווייטער, אַ האַלב פערפוילטער, (ביידע בריף זענען געשריבען אין יאָהר תקי״ג (1753), מיט שוואַכע פלעקען פון נאַסקייט אָדער טרעהרען, איז געווען ריין, אָהן אַ שפּור פון אותיות. שוואַגער האָט געקוקט אויף די בריף מיט אַ פערטראַכטען מיסטישען בליק און שטיל אַרויסגערעדט:

—מ׳זאָגט, אַז די אותיות זענען פערשוואונדען פון נאַסקייט און מיט כעמישע מיטלען קאָן מען זיי אויפשטעלען... אָבער מיר, חסידים, מיר רעכענען אַנדערש... גאָר אַנדערש...

בעטראַכטענדיג דעם בריף מיט די „אָפּגעפלויגענע אותיות”, האָב איך מיך דערמאָהנט אָן דעם שטיק אָראָפּגעבראָכענע לוחות, וואָס איך האָב געפונען אין דער חרוב׳ער און געלעסטערטער שוהל אין דעמביץ. אויף איהם זענען פערבליבען נאָר די ווערטער: „תרצח”... „תנאף”.

די ביידע סימבאָלישע פאַקטען האָבען זיך פאַר מיר צוזאַמענגעגאָסען אין מאמר: „שברי לוחות ואותיות פורחות”—צו.

בראָכענע לוחות און אָבגעפּלויגענע אותיות. פאַר מיר איז אַרויס-געטראָטען, ווי אַ נמשל צו דיביידע סימבאָלען, דאָס גאַנצע לעבען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע.

ביי מיין ערשטען אַרומפאָהרען איבער גאַליציע אין יאָהר 1915, בין איך געגאַנגען כמעט נאָך די טריט פון דער מלחמה, געבלאָנדזשעט איבער נאָך נישט אָבגעקיהלטע שרפות און גע-זעהן פרישע שפורען פון שרעקליכסטע פּאָגראָמען. אין יעדען ווינקעלע האָט געהערשט דער פּחד פון טויט. אויף יעדער שטאָדט, יעדעס הויז, יעדען חפץ איז געלעגען דער חותם פון אַ דראַמע, און נאָך מיט אַ גרעסערן טראַגיזם זענען געווען דורכגעדרונגען די מענשען, וואָס האָבען נאָר וואָס איבערגע-לעבט דעם טויט-שרעק, זענען געווען ערשיטערט, כמעט משוגע פון פערצווייפלונג. פאַר מיר זענען דעמאָלט געווען מענשען אין געשטאַלט פון שברי לוחות, ביי וועלכע עס האָט נאָך פון יעדען ברוך געריגען בלוט. און דאָך איז דעמאָלט די טראַגע-דיע געווען נאָך אַנ׳אויסערליכע, אַנ׳אָנגעפלויגענע מיט דער מלחמה. עס זענען אונטערגעשניטען געוואָרען הונדערטער און טויזענדער לעבענס, רואינירט געוואָרען פערמעגענס, הרוב גע-וואָרען גרויסע קולטורעלע שאַצען, אָבער דער שטורם האָט נאָך נישט אָנגעריהרט די טיפענישען פון דער נשמה, נישט פערניכ-טעט די מענשליכע זעלבסטווירדיגקייט. אַז אַ נעכטיגער גביר אָדער אַנ׳אָנשטענדיגער בעל-הבית איז מיט אַמאָל געוואָרען אַ מחותר לחם און אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, איז זיין טראַגעדיע בעשטאַנען דערהויפּט אין דעם, וואָס איהם איז געווען שווער ווי דער טויט, אויסצושטרעקען די האַנד, און פיל אַזעלכע זע-נען טאַקע געווען גרייט צו הונגערן, איידער אָנצוקומען צו פרעמדער הילף. די טראַגעדיע פון דער פערבלוטיגטער, רואי-נירטער און דעגראַדירטער בעפעלקערונג איז געווען גרויס, כמעט עפּיש, נאָר אין איהר גרויס, אין דער שאַרפקייט פון די שמערצען, איז געלעגען אַ שטרענגע שענקייט, וועלכע האָט דערהויבען די מענשליכע ליידען און צער צו דער הויך פון אַנ׳עפּישער פאָלקס-טראַגעדיע.

איצט, בײַ מײַן אַרומפֿאָהרען איבער די „גאַנץ געבליבענע" שטעדט און שטעדטלעך, האָב איך שוין נישט געטראָפֿען דעם פֿריהערדיגען הויכען און שעהנעם דראַמאַטיזם. וואָס פֿריהער איז געווען אַ טראַגעדיע, האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַנ'ערשײַנונג פֿון אַלטעגליכקייט. די פֿריהערדיגע העלדען פֿון דער פֿאָלקס-טראַגעדיע זענען פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין פּראָפֿעסיאָנעלע בעטלער. מען האָט פֿערגעסען וועגען עבר, מען האָט מורא אַרײַנצוקוקען אין דער צוקונפֿט און מען לעבט מיט די קלײַנינקע בעטלערישע אינטערעסען פֿון הײַנטיגען טאָג, מיט דער זאָרג וועגען שטיקעל ברויט, הײַפֿעל גרויפּען. מענשען האָבען זיך צוגעוועהנט צום שטענדיגען הונגער, צו די שמאַטעס אויפ'ן לײַב, צוגעוועהנט שטעהן שעה'ן לאַנג בײַ די ערנעהרונגס-פּונקטען. עס בלאָנדזשען אום מענשען אָבגעלאָזענע, שווײַגענדיגע, פֿערזונקענע אין יאוש, גלײַכגילטיגע צו זײַער שרעקליכער לאַגע. די געצעהלטע אינטעליגענטען וואָס זענען פֿערבליבען, האָבען זיך אויך צוגעוועהנט צו זײַער אָבגעריסענקייט פֿון אַ וועלכער עס איז קולטור, געזעלשאַפֿטליכען לעבען, גײַסטיגער פֿרייד. און אָט די אַלע לעבעדיגע מתים זענען אַרויסגעטראָטען פֿאַר מיר שוין נישט אין געשטאַלט פֿון „צובראָכענע לוחות", נאָר ווי לוחות, פֿון וועלכע עס זענען „אָבגעפֿלויגען די אותיות"; אָבגעטהון זיך דאָס העכסטע הײליגטום פֿון זעלבסט-ווירדיגקייט...

## ח

אין שטעדטעל קאָפּעטשינעץ, וואוהין איך בין געפֿאָהרען פֿון כּעראָסטקאָוו, איז מיר אויסגעקומען ווידער צו האָבען אַ געשפּרעך מיט דעם אָרטיגען נאַטשאַלניק וועגען דעם יודישען הילפֿס-קאָמיטעט. דער נאַטשאַלניק האָט מיך אײַנגעלאַדען צו זיך. בײַ איהם אין קאַבינעט האָב איך געטראָפֿען אַנ'עלטערן מענשען, אַ פּאָליאַק, וועלכען ער האָט מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי דעם בירגערמײַסטער פֿון שטאָדט. ער האָט מיך פֿונאַנדערגע-

פרעגט וועגען דער טעטיגקייט פון קיעווער קאָמיטעט און דער־ביי אַרויסגעזאָגט:

—מיר דוכט, אַז דער היגער יודישער קאָמיטעט ערפילט נישט זיין אַרבייט ווי געהעריג, אָהן פּניות...

—פון וואַנען נעהמט איהר דאָס? איהר האָט אָנצעווייזען וועלכע עס איז פאַקטען אין דעם זין?—האָב איך איהם געפרעגט.

אָנשטאָט אַנ'ענטפער אויף מיין פראַגע, האָט ער אַ זאָג־געטהון מיט אַ טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געפיהלט אַ גרויסע פערדעכטיגקייט:

—איך וואָלט אייך אַנ'עצה געגעבען גוט דורכצוקוקען די ביכער, וואָס דער קאָמיטעט פיהרט.

—איך האָב זיי דורכגעקוקט און האָב זיי געפונען אין אָרדנונג.

דער נאַטשאַלניק האָט אַ שמייכעל געטהון, דער בירגער־מייסטער האָט אויך מיט פערדעכטונג געשמייכעלט.

—ביכער, פערשטעהט זיך, קאָן מען שרייבען אַזוי, אַז אין זיי זאָל אַלץ זיין אין אָרדנונג, אָבער דאָס איז נאָך ווענינ.

—איך וואָלט אייך זעהר בעטען, איהר זאָלט מיר אַרויס־זאָגען קלאָר און אָפען, וואָס פאַר אַ חשד איהר האָט געגען קאָמיטעט.—האָב איך זיך אָבגערופען.—אויף מיר האָבען די מיט־גלידער פון קאָמיטעט געמאַכט דעם איינדרוק פון אָרענטליכע לייט. זיי אַרבייטען פיל און אָהן בעלוינונג...

—אָהן בעלוינונג...—האָט איבערגע'חזר'ט סאַרקאַסטיש דער נאַטשאַלניק און געהיימניספול דורכגעקוקט זיך מיט'ן בירגער־מייסטער.

איך האָב איבערגע'חזר'ט מיין בקשה, ריידען קלאָרע ווערטער.

וועגען קאָמיטעט אינגאַנצען קאָן איך אייך גאָרנישט זאָ־גען, נאָר דער פאָרזיצענדער, ה' נאַכט, איז מיר פערדעכטיג.

—פאַרוואָס?

—אָט זאָל אייך דער ה' בירגערמייסטער דערצעהלען.

און דער בירגערמייסטער האָט מיר דערצעהלט. צווישען

אַנדערע פאָרמען הילף פאַר דער בעפעלקערונג, גיט דער קאָמיטעט אַרויס פאַר ביייגע פּרייזען האָלץ, וועלכעס ער בעקומט פון דער מאַכט אויף אייגענער קאָסט, וואָס מאַכט אויס דריי מאָל ביליגער, ווי אין פרייען פערקויף. מיט דעם אַרויסגעבען האָלץ פערוואַלטעט ה׳ נאַכט. גיט ער נישט אַרויס אָרימעלייט און זיי קומען קויפען אין די שטאָדטישע סקלאַדעס און צאָהלען פיל טייערער. אַז מען פרעגט, פאַרוואָס נעהמען זיי נישט אין קאָ־מיטעט, ענטפערן זיי אין איין קול: „נאַכט גיט אונז נישט.“

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך נישט צוגעגעבען קיין גרויסע ווערטה די בעשולדיגונגען. איך האָב געזעהן נאָך די רייד און תנועות פון נאַטשאַלניק, אַז ער האָט דאָ עפּעס אַ פּערזענליכע פּניה, וועלכע האָט ווענינ שייכות צו די אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערונג. איך האָב פערשטאַנען, אַז דער בירגערמייסטער האָט זיך נישט צופעליג געפונען ביים נאַטשאַלניק בעת מיין וויזיט. ביי מיין אויספאָרשען דעם ענין האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער בירגערמייסטער האַנדעלט מיט האָלץ און דער קאָמיטעט האָט שטאַרק אַרונטערגעריסען זיין מסחר, דערום האָט ער מיט דער הילף פון׳ם נאַטשאַלניק זיך בעמיהט צו דיס־קרעדיטירען אין מיינע אויגען דעם וויכטיגסטען אַרבייטער פון קאָמיטעט, ה׳ נאַכט.

אין קאָפּעטשינעץ איז די סומע געווען בעשטימט אויף אַכטויזענד זעקסהונדערט און זיבען רובל, נאָר דער קאָמיטעט האָט געפאָדערט נאָך צוויטויזענד רובל ספּעציעל אויף שכירות. פאַר דער גאַנצער צייט האָט דער קאָמיטעט בעקומען פון קיעוו זיבענטויזענדדרייסיג טויזענד זיבענהונדערט ניינציג רובל.

די גרעסטע טייל היימלאָזע וואָס האָבען זיך געפונען אין קאָפּעטשיניעץ, זענען געווען פון הוסיאַטין: זיי האָבען זיך כמעט אַלע געקליבען אָבצופאָהרען אַהיים. נאָר דאָ איז די לאַגע געווען אַ קאָמפּליצירטע. איך האָב זיך דאָ בעגעגענט מיט אַ שטאַרקער מחלוקת און מיט צוויי נעגענזייטיגע שטרעבונגען.

הוסיאַטין האָט איבערגעלעבט אַ חורבן, אַן׳אויסערגעוועהנ־ליכען, אפילו פאַר גאַליציע.

די שטאָדט הוסיאַטין, וועלכע געפינט זיך אויף דער אַל־טער רוסיש־עסטרייכישער גרעניץ, איז צוטיילט מיט דעם טייך זברוטש אויף צוויי שטעדט: רוסישער הוסיאַטין און עסטרייכי־שער. די רוסישע טייל איז געווען אַ פערלאָזען אָרים שטעדטעל, ווייט פון באַהן, אָהן אַ שום קולטור. פערקעהרט, דער עסטריי־כישער הוסיאַטין, איז געווען אַ רייכע, בליהענדער האַנדעלס־שטאָדט, מיט אַלע קולטורעלע איינאָרדנונגען און אַנשטאַלטען, מיט פיינע הייזער, עלעקטרישע בעלויכטונג, קאַנאַליזאַציע, מיט אָנפאַנג און מיטעל־שוהלען, מיט עלף באַנקען. די בעפעלקערונג איז בעשטאַנען כמעט אויסשליסליך פון יודען. ביי טויזענד גע־זינדען. אין שטעדטעל האָט געוואוינט דער בעוואוסטער הוסיאַ־טינער רבי. די אַלטע הוסיאַטינער שוהל איז געווען איינע פון די שענסטע און הערליכסטע שוהלען טין גאַליציע. אַז איך האָב זי געזעהן אַ חרוב׳ע, אָהן טהיר און פענסטער, האָט זי זיך אויסגעטיילט פון די אַרומיגע בנינים מיט איהר קעניגליכער הערליכקייט.

ווי נאָר די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, דעם 7-טען אוי־גוסט ג. ס., זענען די עסטרייכער אַריבער די גרעניץ און פער־נומען דעם רוסישען הוסיאַטין. דעם צווייטען טאָג, נאָך אַ שלאַכט ביי פאראדעק, אַ ווייאָרסט פופצעהן פון הוסיאַטין, זענען די עסטרייכער אָבגעטראָטען פון הוסיאַטין און דעם 9-טען איז אַנ׳־אָבטיילונג פון רוסישען מיליטער, אַ פאָלק, אַריין פריהער אין רוסישען, נאָכדעם אין עסטרייכישען הוסיאַטין. גלייך האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פּאָגראָם. די סאָלדאַטען האָבען גענומען אויפברע־כען און ראַבירען די קלייטען, קאַנטאָרען, באַנקען און פריוואַ־טע וואוינונגען. ווי געוועהנליך, זענען אָנגעקומען פויערים פון די אַרומיגע דערפער און גענומען ראַבירען און אָבפיהרען צו זיך גאַנצע וועגען יודיש גוטס און האָב. דאָס, וואָס מען האָט נישט בעוויזען אַרויסצופיהרען, האָבען די סאָלדאַטען פערניכטעט, צוברָאכען און צוריסען. נישט בענוגענדיג זיך דערמיט, האָבען זיי אונטערגעצונדען די שטאָדט. מען איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון איין וואוינונג צו דער אַנדערער, בעגאָסען אין די

הייזער די פֿערבליבענע חפצים מיט אַ ברענענדיגקר פֿליסיגקייט און אונטערגעצונדען. וואָס עס האָט קיין צייט נישט געהאַט צו פֿערניכטען דער ערשטער פֿאָלק, האָבען פֿערניכטעט די ווייטערדיגע. אין עטליכע טעג איז די גאַנצע שטאָדט געווען פֿערוואַנדעלט אין אַש און חורבות. פֿון איבער זיבענהונדערט הייזער זענען גאַנץ געבליבען נאָר דרייאונצוואַנציג. די אַלטע שוהל און דעם רבי'נס הויף מיט זיין גרויסער קלויז האָבען אָבגעראַטעוועט יודישע סאָלדאַטען, דראָהענדיג, אַז אויב מ'וועט אונטערצינדען די שוהל און דעם הויף, וועלען זיי אונטערצינדען די קריסטליכע הייזער און די קירך. דיזעלבע יודישע סאָלדאַטען האָבען אַריבערגעטראָגען די גאַנץ געבליבענע ספרי תורות אין רוסישען הוסיאַטין.

פֿון דער בעפֿעלקערונג זענען ביי פֿיערהונדערט רייכערע געזינדען בעצייטענס אָבגעפֿאָהרען אין עסטרייך. די פֿערבליבענע זעקסהונדערט געזינדען זענען בשעת דעם פּאָגראָם און דער שרפֿה זיך צולאָפֿען אין די אַרומיגע דערפֿער און וועלדער און געבליבען ווי זיי שטעהען און געהען. דעם היזק פֿון שטאָדט האָט מען אָבגעשאַצט אויף דרייסיג מיליאָן רעניש. בשעת דעם חורבן זענען גע'הרג'עט געוואָרען צוויי משוגעים, אַ בחור מיט אַ מיידעל. דער אַלטער שמש פֿון שוהל, וועלכען די סאָלדאַטען האָבען מיט נאַהייקעס פֿערטריבען אין טייך, האָט זיך פֿערקיהלט און געשטאָרבען.

די לאַגע פֿון דער בעפֿעלקערונג איז געווען אַ שרעקליכע. אַז די מהומה איז שטילער געוואָרען און די אַנטלאָפֿענע האָבען זיך גענומען ביסלעכוויז אומקעהרען צוריק, האָבען זיי נישט געהאַט, נישט וואו צו בעזעצען זיך, נישט קיין מיטלען צום לעבען. דאָ איז גאַנץ אומגעריכט געקומען זיי צו הילף דער זשאַנדאַרם-ראָטמיסטער פֿון רוסישען הוסיאַטין, יעוועצקי. ער האָט קודם כל גענומען ענערגיש אויפֿזוכען און אומקעהרען צוריק די בעלי-הבתים דאָס גוטס, וואָס מען האָט ביי זיי צוראַבירט. האָט געמאַכט אונטערזוכונגען אין די דערפֿער און ביי די קריסטען אין שטאָדט און פֿיל חפצים אָבגעזוכט און אומגע

קעהרט זייערע בעלי-הבתים. די רויבער האָט ער פערזעצט אין טורמע. צווישען אַנדערע האָט ער אַרעסטירט אַ קיעווער יוד ב., וועלכער האָט אויפגעקויפט די גע׳גזל׳טע זאַכען. אַ הוץ דעם האָט ער אָרגאַניזירט אַ הילפס-קאָמיטעט, האָט געזאַמעלט געלד ביי די אַרומיגע קריסטליכע גוטבעזיצער. אין קאָמיטעט האָט ער איינגעלאַדען צעהן יודען, צווישען זיי די רבנים און די אָנגעזעהנסטע בעלי-בתים פוןביידע הוסיאַטינס. דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבען יעדערן נויטבעדערפטיגען אַ פונט ברויט טעגליך, האַלץ אויף אַ ביליגען מקח, קאַרטאָפעל און פיער מיט אַ האַלבע קאָפיקע מזומן. אויף שבת חלה און פאַסאָל. אין משך פון פיער, פינף חדשים האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעגעבען הילף טויזענד פינפהונדערט נפשות. אויף דעם אַלעם האָט ער בעקומען פון פעטראָגראַדער קאָמיטעט זעקסהונדערט רובל, פון קיעווער דריי-הונדערט און ביי טויזענד רובל פון אַנדערע יודישע אַנשטאַלטען. די איבעריגע סומען האָט ער געזאַמעלט צווישען קריסטען.

דערוויסענדיג זיך וועגען קאָמיטעט, זענען די אַנטלאָפענע איינוואוינער כמעט אַלע צוריקגעקומען און בעזעצט זיך אין די קעלערס און חורבות. אין איין צימער האָבען זיך געטוליעט צו פערציג—פופציג מענשען, נאַקעטע, באָרוועסע. פון דער שרעקליכער ענגשאַפט, הונגער און נויט האָבען זיך אָנגעפאַנגען עפּידעמיעס פון טיפוס און אַנדערע קראַנקהייטען. ענדע מערץ אָדער אָנפאַנג אַפּריל, איז פאָרגעקומען אַ נייע גזירה. עס איז אַרויס אַ פעראָרדנונג, אַז יעדער פערקעהר צווישען די ביידע הוסיאַטינס איז שטרענג פערבאָטען. צוזאַמען מיט דעם איז אָבגעשטעלט געוואָרען די טעטיגקייט פון קאָמיטעט און פון פריוואַטע לייט פאַר די פערזאומגליקליכטע פון דער חרוב׳ער שטאָדט. מען דערצעהלט, אַז פון יענער זייט טייך האָבען זיך געטראָגען יללות און געבעטען, נאָר מען האָט נישט געקאָנט אויסשטרעקען זיי אַ האַנד מיט הילף. מוטיגע יונגעלייט, וואָס האָבען שטילערהייד אַריבערגעפיהרט אַהין ברויט, האָבען דערפאַר טייער בעצאָהלט, איינינגע פון זיי זענען געוואָרען פערוואונדעט אָדער אַרעסטירט.

דעם 15-טען יוני 1913 האָט זיך בעקומען אַ בעפעהל, אַז

צומאָרגענס, צוועלף אַ זייגער בייטאָג, זאָל די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג פון עסטרייכישען הוסיאַטין, מעהר ווי טויזענד פינפהונדערט מאַן, פערלאָזען די שטאָדט. מ׳האָט אַרויסגעטריבען אַלעמען, אָהן אַנ׳אויסנאַהם, אפילו אַ קראַנקען בלינדען, וועלכער איז געלעגען אין שפּיטאָל, האָט מען, נישט קוקענדיג אויף די שתדלנות פון די קריסטליכע פערוואַלטער פון שפּיטאָל, אויך אַרויסגעשיקט.

די אַרויסגעשיקטע האָבען זיך בעזעצט אין קאָפּעטשיניעץ און פערבליבען דאָ די גאַנצע אָנדערטהאַלבען יאָהר. נישט קו־קענדיג אויף דער הילף פון דעם זעמסקי פערבאַנד און קיעווער קאָמיטעט, האָבען זיי געליטען די שטאַרקסטע נויט. פאַר דער צייט איז הוסיאַטין נאָך מעהר חרוב געוואָרען. אַלץ, וואָס די אַרויסגעשיקטע האָבען געלאָזען אין זייערע וואוינונגען, איז גע־ווען צוראַבירט. די עטליכע גאַנץ געבליבענע הייזער זענען גע-ווען פערנומען דורך קריסטען.

מיט עטליכע חדשים צוריק האָט זיך בעקומען נישט גאָר אַ בעשטעטיגטע ידיעה, אַז די אַרויסגעשיקטע איינוואוינער פון הוסיאַטין איז ערלויבט אומצוקעהרען זיך. עס האָבען קיין צייט נישט געהאַט אומצוקעהרען זיך אָהן עטליכע צעהנדליג געזינדען, ווי עס איז ווידער אַרויס אַ פערבאָט. נישט קוקענדיג אויף דעם, קלייבען זיך אַהין אַריבער שטילערהייד איינצעלנע געזינדען. עס געפונען זיך שוין דאָרט ביי הונדערט געזינדען, וועלכע זיצען אין די קעלערס, שטעהען אויס פיל צרות פון די קריסטען, וואָס האָבען פערכאַפּט דעם גאַנצען מסחר און ווילען נישט צולאָזען די יודען זיי זאָלען זיך ווייטער דאָ בעזעצען. טראָץ דעם, ריי־סען זיך אַלע הוסיאַטינער, זקנים און קינדער, צוריק אַהיים. זיי זאָגען זיך אָב פון הילף, נאָר זיין ביי זיך. צווייהונדערט און פופציג געזינדען (ביי טויזענד נפשות) זענען גרייט אָבצופאָהרען. זיי רעכענען זיך צו בעזעצען אין פֿריערשע וואוינונגען.

באַלד ווי איך בין געקומען אין קאָפּעטשיניעץ, איז אַהין געקומען פון הוסיאַטין דער רב, ווי אַ דעלעגאַט פון די היסיאַ־טינער, בעטען מיך איינאָרדנען אין הוסיאַטין אַ הילפס-קאָמיטעט,

וועלכער זאָל בעקומען שטיצע פון קיעוו. דער רב האָט גע־טענה׳ט, אַז די הוסיאַטינער האָבען נישט וועניגער, אפשר מעהר, רעכט אויף הילף, ווי אַנדערע היימלאָזע, וואָס געפינען זיך אין פרעמדע שטעדט. אויב זיי האָבען מיט אַ מסירת נפש, אָהן אַ הילף פון דער זייט, אומגעקעהרט זיך אויף זייערע ערטער, דאַרף מען זיי געבען אַ מעגליכקייט צו שטעלען זיך אויף די פיס.

דעם רב׳ס טענות האָבען זיך מיר בעוויזען אויפריכטיגע. נאָר דער קאָפּעטשיניצער קאָמיטעט איז אַרויסגעטראָטען געגען דער פאָדערונג און ה׳ האָמעלסקי האָט זיך געשטעלט אויף דעם צד פון קאָפּעטשיניצער קאָמיטעט.

געגען דעם רב׳ס פאָדערונגען זענען געווען אַרויסגעשטעלט אַזעלכע מאָטיווען: די עטליכע הונדערט הוסיאַטינער, וואָס האָ־בען זיך אומגעקעהרט אַהיים, נויטיגען זיך נישט אין הילף; גע־קומען זענען אַהין אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט וועלכע נישט איז מיטלען און אַזוי ווי איצט זענען דאָרט דאָ זעהר וועניג יודען און אין שטאָדט געפינט זיך מיליטער, פערדינען זיי גאַנץ גוט. אויב מ׳זאָל דאָרט עפענען אַ הילפס־קאָמיטעט, איז חוץ דעם, וואָס דאָס וועט שאַפען שנאָרער, וועלען זיך אַהין אַ לאָז טהון פון קאָפּעטשיניעץ אַלע הוסיאַטינער, וועלכע עס איז איצט אויך נישט איינצוהאַלטען. אַזוי ווי קיין וואוינונגען זענען נישטאָ און עס איז ווינטער, וועלען דאָרט אויסברעכען עפּידעמיעס. מחמת די אַלע טעמים האָט מען מיר געראַטען נישט צו פאָהרען אין הוסיאַטין.

ווייטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פאַר דער מלחמה איז געווען רב אין הוסיאַטין הרב פרענקעל, וועלכער האָט זיך גע־פונען אין קאָפּעטשיניעץ צוזאַמען מיט די אַרויסגעשיקטע. דער רב, וואָס איז געקומען פון הוסיאַטין, איז געווען אַ נייער, וועל־כער האָט פערכאַפּט פרענקעלס שטעלע און פיל הוסיאַטינער האָבען אויף דעם שטאַרק מקפיד געווען. זיי האָבען ערקלערט די שתדלנות פונ׳ם רב וועגען אַ קאָמיטעט, ווי אַ פּערזענליכע זאַך, כדי צו פערפעסטיגען זיך אויף זיין שטעלע. פערקעהרט, די וואָס זענען געשטאַנען פאַר גרינדען אַ קאָמיטעט אין הוסיאַטין,

האָבען מפורש געווען דעם ווידערשטאַנד פון די קאָפּעטשיניצער ערשטענס דערמיט, וואָס דאָ אינטריגירט דער אַלטער רב פרענקעל, מורא האָבענדיג, אַז דער נייער זאָל זיך נישט פערפעסטיגען אין הוסיאַטין און, צווייטענס, וואָס די קאָפּעטשיניצער בעלי-הבתים ווילען, אַז די הוסיאַטינער זאָלען וואָס לענגער ביי זיי פערבלייבען, ווייל זיי בעקומען פון זיי דירה-געלד און אַנדערע הכנסות.

אַז איך בין מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געווען אין שטעדטעל פּראָבוזשנאַ, וועלכעס געפינט זיך אויפ'ן וועג קיין הוסיאַטין, האָט מיך דער דאָרטיגער קאָמיטעט און איבערהויפּט דער פּאָרזיצענדער, אַ געבילדעטער און אינטעליגענטער מאַן, ד"ר יוריס ראָזענבוים, שטאַרק געבעטען, איך זאָל פאָהרען קיין הוסיאַטין. אַז איך האָב אויפגעוויזען די מאָטיווען, פאַרוואָס איך רעכען פאַר שעדליך צו אָרגאַניזירען דאָרט אַ קאָמיטעט, איז דער קאָמיטעט נישט געווען איינשטימיג מיט מיר. ענדליך האָט מיר ה' ראָזענבוים מיט אַ טרויער אַרויסגעזאָגט:

—אונזער קאָמיטעט, אַ גרופּע אינטעליגענטען, האָט פיל געאַרבייט פאַר דער אויפלעבונג פון הוסיאַטין. איהר מיינט נישט, אַז מיר האָבען עס געטהון פון אַלטרואיזם. ניין, פּשוט, מיר האָבען נישט געהאַט וואָס צו טהון און זענען שיער נישט פון מח אַראָב פון לעדיג געהן. האָבען מיר זיך ביסלעכווייז אַריינגעצויגען אין דער אַרבייט, בעגייסטערט זיך מיט איהר און גערעכענט, אַז מיר וועלען עפּעס אויפטהון. איצט האָט איהר מיט אייער אויפטראָג צו הוסיאַטין אָבגעקיהלט אונזער בעגייסטערונג.

איך האָב זיך אָנגעהויבען וואַקלען, אפשר יאָ פאָהרען אָרגאַניזירען אַ קאָמיטעט, נאָר ה' האָמעלסקי, וועמען די אומשטענדען זענען געווען בעסער בעקאַנט ווי מיר, איז געווען קאַטעגאָריש דאַגעגען—און איך האָב זיך פערלאָזען אויף איהם.

אין פּראָבוזשנאַ האָבען זיך פריהער געפונען איבער זעקסהונדערט היימלאָזע. פון זיי האָבען זיך הונדערט און פערציג אומגעקעהרט אין סקאלאַט. די איבערגעבליבענע פיערהונדערט

איבענאונזעכציג (הונדערט און דרייצעהן משפחות) זענען געוועזן פון נייבצעהן ערטער, איבערהויפט פון זאלעשטשיק און הוסיאטין (ניינאונדרייסיג משפחות). דער זעמסקי פערבאנד האט דא ארויסגעגעבען שטיצע פאר צווייהונדערט מאן. לויט דער סמעטע פון קיעווער קאמיטעט האב איך דא איבערגעלאזען צוויי־טויזענד רובל. פאר דער גאנצער צייט האט פראבוזשנא בעקומען פון קיעווער קאמיטעט פערצעהן טויזענד פיערהונדערט פינף רובל, א חוץ אויף פסח.

איידער איך בין געפאהרען אין פראבוזשנא, בין איך פערפאהרען אין א קליין שטעדטעלע סוכאסטאוו, וועלכעס האט איינגאנצען בעקומען פיערהונדערט רובל מאנאטליך. דער פארזיצענדער פון קאמיטעט, זעהר א תמימות'דיגער און פראסטער יוד, פון וועלכען עס האבען שטארק אבגעלאכט פאר זיין עם הארצות דעם ארטיגען רב'ס אלמנה און די טעכטער, ביי וועמען איך בין איינגעשטאנען, האט מיר אזוי הארציג פארגעשטעלט די נויט פון שטעדטעל, איבערהויפט אין האלץ, אז איך האב נישט געקאנט אבזאגען אין א הוספה פון צווייהונדערט רובל.

אין שטעדטעל געפינט זיך איינע פון די עלטסטע הילצערנע שוהלען. א פרעכטיגער בנין לויט זיין פרימיטיווער ארכיטעקטור. מיט דער שוהל האט זיך פעראינטערעסירט די ווינער ארכעאלאגישע געזעלשאפט און אנגענומען מיטלען אבצוהיטען זי, ווי א זעלטענעם אלטערטהום. ביי די ארטיגע יודען איז, פערשטעהט זיך, די שוהל זעהר טייער און הייליג און וועגען איהר זענען דא די געוועהנליכע לעגענדעס, וועלכע מ'דערצעהלט איבעראל וועגען אלטע שוהלען: אז זי ברענט נישט, אז מ'האט זי געפונען אנ'אויסגעבויטע אונטער דער ערד, וכדומה.

אז איך בין אריין אין שוהל, האב איך דערזעהן, אז נישט נאר זי איז חרוב, אלץ צובראכען, אלע ספרים צופליקט, נאר אז זי איז פערוואנדעלט פשוט אין א בית הכסה. אזעלכע נבלות האב איך שוין געזעהן, נאר דא האט מיך איבערראשט אנ'אנדער זאך. די סאלדאטען, וועלכע האבען חרוב געמאכט און פערשמוצט די שוהל, זענען שוין לאנג אוועק, דער צוטריט צו

דער שוהל איז פאַר יודען געווען פריי און קיינעם איז נישט איינגעפאַלען אין זינען אָפּצורייניגען די שוהל, צונויפצוקלויבען די צוריסענע שמות, וואָס האָבען זיך דאָרט געוואַלגערט. אַז איך האָב צוגעזאָגט עטליכע רובל פאַר אָפּרייניגען די שוהל, האָבען זיך געפונען עטליכע בעלנים אויף דעם...

אין שטעדטעל האָט מען מיר פיל דערצעהלט וועגען אַ יודישען סאָלדאַט ישראל'יק ווייסבאַרד, וואָס האָט אין משך פון פיל חדשים אויסגעהאַלטען דאָס שטעדטעל, אָפּגעראַטעוועט עס פשוט פון הונגער-טויט. מען האָט דערצעהלט וועגען דעם אַ גאַנצע לעגענדע, אַז דער פאָטער איז איהם געקומען צו חלום און געהייסען עס טהון. וועגען דעם לעגענדאַרען סאָלדאַט האָב איך שוין דערמאָהנט אין אַ פריהערדיגען באַנד.

ווייטער בין איך געפאָהרען אין טשאָרטקאָוו.

אַז מיר זענען צוגעפאָהרען נאָהנט צו דער שטאָדט, האָט דער בעל עגלה מיר אָנגעוויזען אויף דעם חרוב'ן הויף פון טשאָרטקאָווער רבי'ן און גענומען דערצעהלען נפלאות:

—וואָס ווייסט איהר, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטהון! אַ גאַנ-צע וועלט איז צו איהם געפאָהרען! און ווי ער האָט זיך אויפ-געפיהרט! ווי אַ קיסר! שטענדיג געשפּילט אַ קאַפּעלע מוזיק!...

און אַז ער איז אָפּגעפאָהרען, האָט ער אַלע זיינע משרתים גע-הייסען בלייבען אויפ'ן אָרט און צוגעזאָגט אַרויסגעבען זיי זייער געהאַלט, וואָס זיי האָבען ביי איהם בעקומען. שוין דריטהאַלבען יאָהר—און זיי בעקומען זייער געהאַלט.

—און ווי איז מיט דער אָרטיגער בעפעלקערונג? פאַרהאַן פיל אָרימעלייט? העלפט מען זיי?

—אָרימעלייט איז דאָ גענוג. נאָר מ'העלפט. דער פער-באַנד העלפט אַלעמען.

—און דער יודישער קאָמיטעט? גיט ער גענוג הילף?

—וועלכער קאָמיטעט? איך ווייס נישט. איך האָב נישט געהערט, דאָ זאָל זיין אַ זוינער...

## ט

טשאָרטקאָוו, אַ שעהנע און אַ גרויסע שטאָדט מיט אַ יודי־שער בעפעלקערונג פון עטליכע צעהנדליג טויזענד מאַן, האָט, אין פערגלייך מיט אַנדערע שטעדט, ווייניג געליטען פון דער מלחמה. קיין שלאַכטען זענען דאָרט נישט פאָרגעקומען און די שטאָדט איז גאַנץ געבליבען. נאָר אין סעפּטעמבער 1915, בעת די רוסען האָבען פערלאָזען די שטאָדט און זי האָט זיך אַ גאַנ־צע וואָך געפונען אָהן אַ וועלכער עס איז מאַכט, זענען דאָרט פאָרגעקומען פאָגראָמען און רויבערייען.

אַ גרויסע טייל יודישע בעפעלקערונג איז פון אָנפאַנג אָן אַוועק מיט די עסטרייכער. דערפאַר אָבער האָבען זיך אַ לאָז געטהון אַהער, ווי אין אַ גרעסערן צענטר, היימלאָזע און אַרויס־געטריבענע פון אַלע נאָהנטע שטעדט און שטעדטלעך.

ביים ערשטען פאָגראָם אין הוסיאַטין, זענען אָנגעקומען אין טשאָרטקאָוו הונדערט און צוואַנציג פאַמיליעס. געפונען אַר־בייט און בעשעפטיגונג און דאָ פערבליבען.

דעם 13-טען מאַי 1915 איז אָנגעקומען אַהער כמעט די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג פון הוסיאַטין, ביי פינפטויזענד מאַן, פון וואַנען מ׳האָט זי אין עטליכע שעה אַרויסגעטריבען. די שטאָדט האָט זיך הייס אָבגערופען אויף דעם אומגליק. אין משך פון עטליכע טעג זענען געזאַמעלט געוואָרען דרייסיג טויזענד קראָן. מען האָט איינגעאָרדענט אומזיסטע קיכען. אין יולי האָט דער זעמסקי פערבאַנד אויך איינגעאָרדענט פאַר די היימלאָזע אַ קיך, אַ טהיי-הויז און געעפענט פאַר זייערטוועגען אַ בעזונדערן שפּיטאָל, וואו עס האָט פיל געאַרבייט דער ד״ר קאַטשקין.

אין אויגוסט האָט די מיליטער-מאַכט, אָהן אַ שום מאָטיוו, פערמאַכט דעם יודישען הילפס-קאָמיטעט. אין אַ צייט אַרום, אַז עס האָט אויסגעבראָכען אַ כאָלערע-עפּידעמיע צווישען די היימ־לאָזע, האָט זיך געגרינדעט אַ יודישער קאָמיטעט צו בעקעמפען

די עפּידעמיע. נאָר ער האָט געאַרבייט בלויז עלף טעג. איבער אַ סך צווישען עטאַפּען-קאָמענדאַנט מיט דעם אויעזדנעם נאַטשאַלניק, זענען איין איין פריהמאָרגען אַרעסטירט געוואָרען די דעזשורנע מיטגלידער פון קאָמיטעט. דריי פון זיי האָט מען אַרויסגעשיקט קיין רוסלאַנד, די איבעריגע בעפרייט און געפאָדערט צו אָרגאַניזירען אַן אַנדער קאָמיטעט. דערווייל האָבען זיך צווישען די היימלאָזע פערשפּרייט עפּידעמיעס פון פּאָקען, טיפוס, דעזינטעריע. די כאָלערע האָט אויך נישט אויפגעהערט. עס זענען געשטאָרבען טעגליך צו צוואַנציג—דרייסיג מענשען. אין אַ קורצער צייט זענען פון די פינפטויזענד היימלאָזע אויסגעשטאָרבען איבער טויזענד נפשות!

בשעת די רוסען האָבען פערנומען דאָס שטעדטעל יאַגעלניצע, פון וואַנען כמעט די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג איז אוועק מיט די עסטרייכער, האָבען זיך אַהין אַריבערגעצויגען בּיי טויזענד סניאַטינער און פערנומען די יודישע פּוסט פערבליבענע וואוינונגען.

אין אָקטאָבער 1916 האָבען די סניאַטיגער בעקומען אַן ערלויבעניש אומצוקעהרען זיך אַהיים, נאָר די ערלויבעניש איז באַלד אָבגעשאַפט געוואָרען. עס האָבען צייט געהאַט אומצוקעהרען זיך נאָר הונדערט און פופציג מאַן. אין דעצעמבער איז ווידער בענייט געוואָרען די ערלויבעניש און עס זענען ווייטער אָבגעפאָהרען זיבענהונדערט מאַן. אייניגע היימלאָזע זענען זיך פונאַנדערגעפאָהרען אין אַרומיגע ערטער. אַזוי, אַז צו מיין קומען האָבען זיך אין טשאָרטקאָוו געפונען בלויז ביי טויזענד פינפהונדערט סניאַטינער.

די ערשטע הילף פאַר די היימלאָזע סניאַטינער האָט אָרגאַניזירט ד״ר לאַנדער. אין נאָוועמבער 1915 האָט ער דאָ אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון צוויי סניאַטינער און איין טשאָרטקאָווער און איבערגעלאָזען דעם קאָמיטעט פינפהונדערט רובל (מיט אַ קליינער צייט פריהער האָט ה׳ העלמאַן אַהער געבראַכט פון קיעוו אַכטהונדערט רובל). אין דעצעמבער האָט ער געבראַכט טויזענד צווייהונדערט רובל און נאָכדעם טויזענד פיערהונדערט

און זעכֿציג קראָנען. אין יאָהר 1916 איז אָנגעקומען פון קיעווער קאָמיטעט הילף פאַר די סניאַטינער: אין יאַנואַר דרייטויזענד הונדערט, אין פעברואַר—פיערטויזענד, חוץ דעם אויף פסח צוועלף טויזענד און נאָך טויזענד ניינהונדערט זעקסאונזיבעציג רובל. אין אַפריל—פינפטויזענד, מאַי—צווייטויזענד הונדערט און דרייסיג, יוני—פיערטויזענד אַכֿטהונדערט, סעפּטעמבער—זיבענטויזענד, דעצעמבער—נײַנטויזענד. אויף יאַנואַר 1917 איז געווען אַסיגנירט פינפטויזענד פינפהונדערט רובל. בסך הכל האָט דער סניאַטינער קאָמיטעט אין טשאָרטקאָוו בעקומען פאַר פופצעהן חדשים זיבענאונפופציג טויזענד מיט זעקס רובל און טויזענד פיערהונדערט זעכֿציג קראָן, דורכֿשניטליך ביי פיערטויזענד רובל אַ חודש, וואָס איז געווען גאַנץ ווייניג פאַר די דרייטויזענד היימלאָזע, וועלכֿע האָבען זיך גענויטיגט אין שטיצע.

איך האָב גענעכטיגט ביי דעם אָרטיגען אַפּטייקער און פערבראַכֿט דעם אָווענד מיט עטליכֿע אינטעליגענטע יונגעלייט, וועלכֿע האָבען די גאַנצע צייט פיל געאַרבייט אין הילפס-קאָמימעט.

—איהר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שטימונג עס האָט זיך דאָ געשאַפען פאָר די דריטהאַלבען יאָהר. דאָס זענען יאָהרען אינגאַנצען אויסגעמעקטע פון לעבען. זיי זענען דורכֿגעגאַנגען אין איין וואַרטעניש, אין איין זוכֿעניש פון נייעס און קלאַנגען. די גאַנצע צייט האָט זיך געדוכֿט, אָט קומען צוריק די עסטרייכער, אָט ענדיגט זיך די מלחמה. און עס איז נישט געווען נישט קיין ענערגיע, נישט קיין מוט צו נעהמען זיך צו אַ וועלכער עס איז אַרבייט. איצט זענען פיל אַריינגעפאַלען אין אַ טעמפער פערצווייפלונג, עס האָט זיך געשאַפען אַ גלייכֿגילטיגקייט צום לעבען. דאָ נישט לאַנג איז אונזערער אַ בעקאַנטער געפעהרליך קראַנק געוואָרען. ער איז עטליכֿע טעג אָבגעלעגען אין בעט, קיינעם נישט געגעבען צו וויסען וועגען זיין קראַנקהייט און נישט געווענדט זיך נאָך מעדיצינישער הילף. אַז דער אַרצט, וועלכֿען מיר האָבען געבראַכֿט, האָט איהם פאָרגעלעגט אַריבערצופאָהרען אין שפּיטאָל, וואו ער וועט האָבען אַ

גוטע פלעגונג און מעדיצינישע הילף, האָט ער זיך אָבגעזאָגט: צו וואָס? און אַז שטאַרבען, וואָס מאַכט עס אויס?

—מיר זענען די גאַנצע צייט אַראָבגעגאַנגען פון זינען פון לעדיג געהן,—האָט דערצעהלט נאָך איינער.—מיין פאָטער, אַן׳עלטערער מענש, אַן׳אינטעליגענטער, האָט זיך גענומען לערנען געטהע׳ן און שילער׳ן אויסענווענינ. מיר, יונגעלייט, האָבען זיך אויסגעלערנט רוסיש און מיר לייענען זעהר פלייסיג די „קיעווסקאַיאַ מיסל״. איך פערזיכער אייך, אַז נישט פיל אין רוסלאַנד זענען אַזוי בעקאַנט מיט אייניגע אינערליכע פראַגען פון רוסישען לעבען, ווי מיר. יעדע זיצונג פון גאָסודאַרסטווענע דומע, יעדע רעדע פון פורישקעוויטש׳ן, ווערט ביי אונז בעטראַכט פון אַלע זייטען און גיט שטאָף פאַר אונענדליכע דעבאַטען.

—פאַר דער צייט האָבען מיר זיך צוגעקוקט צו די רוסען,—האָט ער מיר ווייטער דערצעהלט,—און איך מוז אייך זאָגען, אַז נישט קוקענדיג אויף אַלע צרות, וואָס מיר זענען פון זיי אויסגעשטאַנען און שטעהען עד היום אויס, זענען מיר ענטציקט פון רוסישען כאַראַקטער. ביי זיין גאַנצער גראָבקייט און אומגעלומפערטקייט, האָט דער רוס אין זיך אַ מאָדנעם אידעאַליזם און אַ טיפע מענשליכקייט. ווי קומען אונזערע רוטענער אָדער דייטשען צום רוס! אָט האָט איהר אַ קליינעם ביישפיל. מיט עטליכע וואָכען צוריק שטעה איך ביים פענסטער און זעה אַזאַ סצענע: עס איז געווען אַ רעגענדיגער טאָג, די גאַס איז פערגאָסען מיט אַ טיפער זומפיגער בלאָטע. עס ציהען זיך אָבאָזען. די סאָלדאַטלעך זיצען אויף די פוהרען נאַסע, אויסגעמאַטערטע. איבער דער גאַס געהט אַן׳עלטערע יודענע, אַן׳אָבגעלאָזענע, אַ פערבלאָטיגטע, אין שמאַטעס. אַ טיפיש רוסיש סאָלדאַטל פון אַן׳אָבאָז בעמערקט זי, קוקט אויף איהר מיט רחמנות, שטעלט זיך אָב, לעגט איהר פאַר אונטערצופיהרען זי און העלפט איהר אַרויפקריכען אויפ׳ן וואָגען. אונזערער אַ סאָלדאַטעל, וואָלט דאָס קיינמאָל נישט טון.

די יונגעלייט האָבען מיר דערצעהלט וועגען אַ פראָצעס

פון שפּיאָנאַזש, וואָס איז געווען אין טשאָרטקאָוו. אַלע בעשול-דיגטע יודען, דולט זיך זעקס מאַן, זענען בעפרייט געוואָרען.

אין שטעדטעל באַרטשעוו איז געווען אַ פּראָצעס פון עלף מאַן, פון זיי זענען פיער פרויען פער׳משפּט געוואָרען צום טויט. צווישען זיי איז געווען איין יודישע פרוי. צום ערשטען מאָל האָט מען זי אָנערקענט פאַר אומשולדיג, נאָר דער קאָמענדאַנט, פּראַפּאָרשטשיק פּאָגאָרעצקי, האָט געפאָדערט, מ׳זאָל זי נאָך אַמאָל משפּט׳ן. צום צווייטען מאָל האָט מען זי ווידער בעפרייט. האָט ער אויסגעפיהרט, זי זאָל אַ דריט מאָל גע׳משפּט ווערען און דאָס מאָל האָט מען זי פער׳משפּט צום טויט און אויפגע-האָנגען. קיין גענויערע ידיעות וועגען די פּראָצעסען, האָט זיך מיר נישט איינגעגעבען צו דערגעהן.

אויף מאָרגען בין איך געווען אין שוהל, גערעדט מיט עלטערע יודען. מען האָט מיר דערצעהלט, אַז דאָס, וואָס טשאָרטקאָוו איז גאַנץ געבליבען, האָט מען צו דאַנקען אַ גוטען יוד, וועלכער האָט געבענשט די שטאָדט, אַז אין איהר זאָלען פאַר אַמאָל נישט אָבברענען מעהר ווי דריי הייזער, נאָר די ברכה איז געווען מיט אַ תנאי: אויב מ׳וועט אָפּהיטען נטילת ידים.

דאָרט האָט מען מיר דערצעהלט, אַז דעם 10-טען מאַי 1915, האָט מען די יודען פון שטעדטעל האָראָדענקאָ חושד געווען, אַז זיי האָבען בכיון אונטערגעצונדען די שטאָדט. עס איז פּאָרגעקומען אַ שחיטה, ביי וועלכער עס זענען גע׳הרג׳עט געוואָרען זיבענאונזעכציג יודען. חוץ דעם, האָט מען זעכציג יודען אויפ׳ן מאַרק געשמיסען. דער, וועלכער האָט מיר דאָס דערצעהלט, האָט געזעהן אין האָראָדענקאָ אַ פרישען קבר מיט אַ ברעט, אויף וועלכען עס איז געווען אַנ׳אויפשריפט: „פּה נקבר הקדוש שנהרג בידי זדים ארורים, ה׳ ינקום את דמו.״

אין שוהל האָב איך געהערט אַ מלחמה-ווערטעל:

דער עסטרייכער געהט שפּאַצירען,
דער רוס געהט ראַבירען,
דער דייטש געהט מלחמה פיהרען.

איך האָב בעזוכט דעם אָרטיגען רב, ר׳ הירש ראַפּאַפּאָרט, אַ זקן, וועלכען מען האָט מיר פאָרגעשטעלט ווי אַ גרויסען חכם און אַ גאון. געטראָפען האָב איך איהם ביי אַ ספר. ער האָט מיך בעגעגענט הערצליך, אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיינע רייד, נאָר אַליין האָט ער מעהר געשוויגען, צושאָקלענדיג טרויעריג מיט׳ן קאָפּ. עטליכע מאָל האָט ער זיך געפּרובט עטוואָס צו זאָגען, נאָר, ווייזט אויס, נישט געפונען די פּאַסענדע ווערטער. אַז כ׳האָב איהם אַרויסגעזאָגט עטליכע טרייסט-ווערטער, האָט ער אויף מיר אַ בליק געטהון מיט אַ ביטערן פאָרוואורף און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָר אַז איך האָב זיך שוין געקליבען אַוועקצוגעהן, האָט ער אַרויסגענומען פון שאַנק אַ ספר און מיר געוויזען אַן אָרט, וואו עס שטעהט, אַז די ליידען פון משיח׳ס צייטען וועלען זיך אָנהויבען אין שנת תרע״ד, און משיח וועט קומען אין שנת תרפ״ד. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ „פּרקי דר׳ אליעזר" און אין איהם אויך געוויזען אַן אָרט, וואו עס זענען אויסגערעכענט די סמנים פון משיח׳ס צייטען. אויף איין סימן האָט ער אָנגעוויזען מיט אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט. דאָרט איז געזאָגט געווען: „און עס וועט פערשוואונדען ווערען דער טינט און די פעדער".

אין טשאָרטקאָוו האָט מען מיר אָנגעוויזען אויף אַ יוד, וועלכער האָט אויף זיך גענומען אַ נדר, צו שווייגען און האָט אין אַ משך פון פופצעהן יעהר קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דער יוד איז אַמאָל געווען אַ רייכער קרעמער. צווישען אַנדערע סחורות האָט ער געהאַט ביי זיך פולווער. איין מאָל האָט ער זיך צוקריגט מיט זיין ווייב און צו איהר אַ געשריי געטהון: „פערברענט זאָלסטו ווערען!" אין אַ פּאָר שעה אַרום איז זי אַראָבגעגאַנגען מיט אַ ליכט אין קעלער נאָך סחורה, האָט אומגערן אַרויסגעלאָזט פון האַנד דאָס ליכט אויפ׳ן פולווער. עס איז פאָרגעקומען אַן׳אויפרייס, פון וועלכען עס זענען גע׳הרג׳עט געוואָרען דאָס ווייב אוןביידע קינדער דעם קרעמערס. רעכענענדיג, אַז די סבה פון דעם אומגליק איז געווען די קללה, איז דער קרעמער אַנ׳ערשיטערטער אַוועק צום רבי׳ן

אין טשאַרטקאָוו בעטען אַ תשובה. אַז דער רבי האָט איהם אויס-געהערט, האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטהון: „אַז מען האָט אַזאַ צונג, דאַרף מען שווייגען!" פון דעמאָלט אָן איז דער יוד ענטשוויגען געוואָרען. ער איז געבליבען אין טשאַרטקאָוו, בע-זעצט זיך אין אַ קליין חדר'ל ביים רבי'נס שוהל, זיצט דאָרט די גאַנצע צייט און לערנט. אין חדר'ל איז דאָ נאָר אַ טישעל מיט צוויי בענקלעך. קיין בעט איז נישטאָ. פאַר די גאַנצע פופ-צעהן יאָהר האָט ער זיך, דער בעל-תשובה, נישט צוגעלעגט. ער דרעמלט עטליכע שעה זיצענדיג ביים טיש. לעבט דערמיט, וואָס איהם ברענגען באַרמהאַרציגע מענשען,—אויב זיי פערגע-סען נישט צו ברענגען. דעם בעל-תשובה'ס נאָמען וויסען נאָר די אַלטע בעקאַנטע זיינע. מען רופט איהם אין שטאָדט „שותק" (שווייגער).

דער „שווייגער" האָט מיך אויפגענומען פריינדליך און מיט אַ צייכען געפרעגט, וואָס איך בעגעהר פון איהם.

—איך וויל ביי אייך פרעגען, וואָס איהר טראַכט וועגען דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דער וועלט?—האָב איך גע-ענטפערט.

דער בעל-תשובה האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטהון אויף מיר מיט זיינע קלאָרע קינדישע אויגען און האָט זיך מיט אַמאָל פונאַנדערגעלאַכט. האָט גענומען פון טיש אַ ספר, געעפענט, גע-פונען אַ פערבויגענעם בלאַט און מיט אַ מין נצחון אָנגעוויזען מיר אויף אַ שטעל.

איך האָב אַריינגעקוקט אין ספר. דאָרט איז געווען גע-שריבען וועגען דעם קומען פון משיח...

אין דער אַטמאָספערע פון דער שרעקליכסטער פערצווייפלונג, וואו עס איז שוין פערלאָרען די לעצטע האָפנונג אויף אַ פערזענליכער ישועה, האָבען זיך יודען מיט אַ ליידענשאַפט-ליכען גלויבען אַ ציה געטהון צום אַלטען סימבאָל פון נאַציאָנאַ-לער רעטונג און אויפלעבונג—צו משיח'ן.

די ערשיינונג איז נישט קיין נייע אין דער יודישער גע-שיכטע.

פון טשאָרטקאָוו בין איך אָבגעפאָהרען בייטאָג. עס איז געווען אַ שענער ווינטער־טאָג. די זון האָט לויטער געפינקעלט, בעגאָסען מיט אַ ים ליכט דעם פוכיגען זילבערנעם שניי, וועלכער איז אומעטום געלעגען גרינג און ריין. דער אָפענער שטח, אויף וויפיל דאָס אויג האָט געכאַפּט, איז, ווי דורך אַ וואַלען־שפּיל, געווען אויסגעבויגען אין בערגלעך און טהאָלען, מיט גרינגע פלאַסטישע אויסגעבויגענע איבערגאַנגס־קאָנטורען און ליניען. אין דער נאַטור האָבען דאָמינירט צוויי פאַרבען, ווייס און שוואַרץ און יעדער שטריך איז געווען בולט, ווי פון שטאָהל אויסגעשניצט. אַלץ אַרום איז געווען ברייט און רייך, ווי די נאַטור וואָלט פערשפּרייט איהרע זילבער-ווייסע דעקען, צוגרייטענדיג זיך צו אַ גרויסען און הייליגען יום-טוב.

מיין פוהרמאַנדעל, דער פּאָדוואָלאָטשיסקער בחור, איז געווען פער׳כשופ׳ט פון דעם זון־יום־טוב. ער איז געשטאַנען אין שליטען, אַלץ שטאַרקער געטריבען די פערד און געזונגען אויפ׳ן קול אַ ווילדען נגון, אַ מין פּאפּורי פון חזנ׳ישע נגונים צונויפגעמישט מיט גוי׳שע לידער.

מיט אַמאָל בעווייזט זיך פון דער ווייטען אַ האָז. ער שטעהט אויף די הינטערשטע פיסלעך, אָנגעשטעלט די אויערען, פלאָטערט מיט׳ן גאַנצען גופ׳עלע פון אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט. מיט אַמאָל דערשרעקט ער זיך און ווי אַ פייל פון בויגען לאָזט ער זיך לויפען. אין אַ ווײלע אַרום ווייזט זיך פון דער ווייטען נאָך אַ חיה׳לע, אַ גרעסערס, מיט אַ רייך־האָריגען ווײדעל. נישט צו דערקענען, וואָס דאָס איז.

—אַ וואָלף!—שרייט אויס פרעהליך דער פוהרמאַן, איבעררייסענדיג דאָס געזאַנג.

אַ ביסעל נעהנטער, דערקען איך, אַז דאָס איז אַ פוקס. ער דערנעהנטערט זיך צו אונז רוקענדיג זיך מיט אַ זייט, ווי גנב׳ענענדיג זיך, נישט אַראָבלאָזענדיג פון אונז דעם אויפמערקזאַמען בליק פון זיינע קלוגע אויגלעך.

—אַך, אַ שאַד, וואָס נישטאָ קיין ביקס!—שרייט אויס דער פוהרמאַן,—וואָלט זיין אַ טייערער קאָלנער.

נאָר מיך פערדריסט נישט, וואָס מיר האָבן קיין ביקס נישט. איך קוק מיט ליבע אויף דעם פיקסעל, אויף דעם שניי, אויף דער בעגאָסענער מיט זון-גאָלד אונענדליכקייט און דאָס הארץ פרעהט זיך אין מיר, וואָס איך לעב, וואָס איך נעהם אָנטייל אין אָט דעם הערליכען וועלט-יום-טוב און פיהל מיין צוזאַמענבונד מיט׳ן גרויסען אונענדליכען, אונפערשטענדליכען קאָסמישען לעבען.

---

אין שטעדטעל יאַגעלניצע האָב איך פערבראַכט נאָר עס-ליכע שעה. דאָס שטעדטעל איז גאַנץ געבליבען, נאָר שרעקליך פעראָרימט, אָבגעלאָזען און רואינירט.

איך האָב דאָרט בעזוכט אַ קינדערהיים פאַר יודישע מייד-לעך, וואו עס האָבען זיך געפונען פינפאונפערציג קינדער, פון פינף ביז צוועלף יאָהר, פער׳חושכ׳טע, אָבגעצעהרטע, נידערגע-שלאָגענע, די פערוואַלטערין און לעהרערין, אַנ׳אָרטיגע, ווייזט אויס, אינטעליגענטע פרוי, האָט מיר דערצעהלט, אַז עס וואָל-טען געווען פיל מעהר קינדער, נאָר דער מאַנגעל אין שיך און בגדים ערלויבט נישט פיל קינדער אַרויסצוגעהן פון שטוב. איינ-אָרדנען אַ וויפיל עס איז סיסטעמאַטישע שוהל פאַר די קינדער איז אונמעגליך, ווייל עס זענען נישטאָ קיין שום לעהר-ביכער, קיין שרייב-געצייג איז אויך נישט צו קריגען. בעגרענעצט זיך די לעהרערין דערמיט, וואָס זי דערצעהלט די קינדער מעשיות, לערנט זיי אויסענווענדיג זינגען לידעלעך.

די קינדער זענען געזעסען אַרום אַ גרויסען טיש, שטילע, פערשלאָפענע, אַפּאַטישע. די לעהרערין האָט זיי געגעבען אַ וואונק, געהייסען זינגען.

און אַלע פינפאונפערציג קינדער האָבען פאַר אַמאָל אָנגע-הויבען זינגען מיט אַ טרויעריגען נגון אַ יודיש ליד. איך הער זיך צו—אַ בעקאַנט פאָפּולער פאָלקס-ליד, פון די רעקרוטען-לי-דער. איך כאַפּ בעקאַנטע פערזען:

בעסער צו לערנען חומש מיט רש״י,
איידער צו עסען די סאָלדאַטסקע קאַשע,
בעסער צו ליגען פינף איילען אין דר׳ערד,
איידער צו טראָגען דעם קיסר׳ס שווערד.

—פון וואַנען קאָנען זיי דאָס ליד?—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—דאָ איז געוועזען אַ יודישער סאָלדאַט, איינגעשטאַנען ביי אַ יוד, האָט ער אויסגעלערנט דעם בעל-הבית׳ס קינדער, האָט זיך דאָס ליד פערשפרייט איבער׳ן שטעדטעל. איצט קענען עס אַלע קינדער אויסענווענינ.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס פאַר אַ מין ליד עס פערטראָגט אַ יודישער סאָלדאַט אין אַ בעזיגט לאַנד!

איך האָב בעזוכט דעם שפייז-פונקט פון „פערבאַנד פון שטעדט״. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרט גיט מען יודען נישט אַרויס קיין ברויט. דער פערוואַלטער פון פונקט, אַנ׳אינטעליגענטער יונגערמאַן, האָט מיר ערקלערט, אַז וואָכען־לאַנג בעקומט ער קיין פראָדוקטען נישט און האָט נישט וואָס אַרויסצוגעבען. אין שפייז-פונקט איז אויפ׳ן וואַנט געווען אָנגעקלעבט אַ קאַריקאַטור, אויסגעמאָלט פון דעם פערוואַלטער: אַ מחנה הונגעריגע יודען און גוים, געטריבענע פון הונגער אינ׳ם געשטאַלט פון אַ סקעלעט מיט אַ נאַהייקע אין האַנד, שפאַרט אָן אויף אַ טהיר מיט אַ שילד: „שפייז־פונקט פון פערבאַנד פון שטעדט״, און אויף דער טהיר הענגט אַ גרויסער שלאָס...

דער פערוואַלטער האָט מיר אָנגעוויזען אויף דער קאַריקאַטור. ער האָט זי מיר אפילו געשענקט אַלס אַנ׳אָנדענקונג.

י

יאַגעלניצע איז אויף דרום דער לעצטער פונקט פון דעם טייל גאַליציע, וועלכער איז די גאַנצע צייט, ביז דעם ענדליכען ריקצוג פון די רוסען, פערבליבען ביי זיי אין די הענד און

איז דערום נאַנץ געבליבען. דער ווייטערדיגער געגענד איז געווען בעת'ן ערשטען ריקצוג, אין יאָהר 1915, פערלאָזען פון רוסישען מיליטער און אין יוני אָדער יולי 1916, צוריק פערנומען דורך ברוסילאָווס אַרמעע און דאָ איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכער חורבן.

באַלד ווי מען פאָהרט אַרויס פון יאַגעלניצע, בייט זיך שאַרף דאָס בילד. אויף יעדען טריט טרעפען זיך פרישע שפורען פון שלאַכטען-שאַנצען, צוריסענע דראָט-פערצוימונגען, סנאַריאַדען־גריבער, פערברענטע דערפער און חורבות, חורבות אָהן אַ צאָהל.

און וואָס ווייטער מען פאָהרט, אַלץ שטאַרקער איז די פערניכטונג: שטעדט און שטעדטלעך, צושמעטערט, פערברענט, אָבגעריבענע פון דער ערד. פון ערשטען בליק זעהט מען, אַז דאָס איז נישט פראָסט אָבגעברענטע ערטער, נאָר אַז דאָ האָט זיך דורכגעטראָגען אַ בייזער אכזריות'דיגער שטורם פון בלוט און פערניכטונג, אַנ'אוראַגאַן פון משוגעת און עס דוכט זיך, אַז די אַלע צובראָכענע אויף שטיקער, אַרומגעריסענע און צוקאַלעטשעטע סקעלעטען פון הייזער, זענען אַליין דער גייסט פון מלחמה, וועלכע, דורכטראָגענדיג זיך דאָ מיט איהר בליגדער אכזריות, איז פערגליווערט געוואָרען אין אַ שטיינערנעם טרופ.

דאָס שטעדטעל טלוסטי, עטליכע צעהנדליג וויאָרסט פון יאַגעלניצע, האָב איך געטראָפען אין אַ שרעקליכען צושטאַנד. פון פינפהונדערט און זעכצעהן הייזער, וועלכע האָבען זיך דאָרט געפונען פאַר דער מלחמה, זענען קוים פערבליבען צווייאונדרייסיג, אי דאָס האַלב חרוב'ע. אָט אין די עטליכע הייזער זיצען צונויפגעדריקט הונדערט און דרייאונפערציג געזינדען, וועלכע זענען פערבליבען אין שטאָדט פון איבער צווייטויזענד, (מעהר ווי פינפטויזענד נפשות), וואָס זענען דאָ פריהער געווען. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, אין וואָס פאַר אַנ'ענגשאַפט מען האָט דאָ געלעבט!

צום ערשטען מאָל זענען די רוסען אַריין אין שטאָדט אלול תרע"ד, ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה. מיט די עסטרייכער

זענען אַוועק נאָר זעכציג—זיבעציג געזינדען. די שטאָדט האָט נישט געליטען פון די שלאַכטען, נאָר דער פּאָגראָם, צוואַנגאַרבייט, רעקוויזיציעס און אָבגעשניטענקייט פון דער וועלט האָבען געשאַפען אַ שרעקליכע הונגער-נויט. ענדע תמוז האָט אויסגעבראָכען אַ כאָלערע-עפּידעמיע, פון וועלכער עס זענען אין זעקס—זיבען וואָכען געשטאָרבען ביי דרייהונדערט נפשות, צווישען זיי דער רב. די דערשראָקענע בעפעלקערונג האָט גענומען ענטלויפען, וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען. נישט קוקענדיג אויפ'ן שטרענגען פערבאָט אַרויסצופאָהרען פון שטאָדט, האָבען זיך מעהר ווי הונדערט געזינדען אַרויסגעקליבען פון דאָרטען. אין אַ יאָהר אַרום, פאַר ראש השנה (אין סעפּטעמבער 1915), האָבען די רוסען פערלאָזען די שטאָדט און דערביי זי אונטערגעצונדען. די אָנגעקומענע עסטרייכער זענען דאָ פערבליבען נישט מעהר ווי אַ וואָך און צוריק אָבגעטראָטען. כמעט די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג איז אַוועק מיט זיי צוזאַמען. עס זענען פערבליבען אינגאַנצען אפשר צעהן געזינדען.

אומקעהרענדיג זיך, האָבען די רוסען ווייטער אונטערגעצונדען די שטאָדט. דערצו האָבען זיי ביי אַ פופציג הייזער צונומען אויף האָלץ.

אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם צוריקקעהר פון די רוסען, זענען דאָ פערבייגעגאַנגען צווייהונדערט יודישע משפחות, אַרויסגעשיקטע פון שטעדטעל אוסטיעצקע קיין זבאַרזש. האָבען זיך דאָ פערהאַלטען פון זיי פופציג-זעכציג משפחות און פערבליבען אין די פוסטע יודישע הייזער. עס זענען אָנגעקומען אַהער נאָך דרייסיג-פערציג משפחות, אַרויסגעשיקטע פון די אַרומיגע דערפער. אין דערזעלבער צייט האָבען זיך אומגעקעהרט ביי פופציג געזינדען פון די אַנטלאָפענע איבער דער כאָלערע. אויף אַזאַ אופן איז אַ העלפט פון דער בעפעלקערונג אַנ'אָנגעקומענע, האָט נישט קיין שום בעשעפטיגונג און הונגערט.

געקומען בין איך אין טלוסטי אין אָוונד. פערפאָהרען צו אַ מיטגליד פון קאָמיטעט און ביי איהם האָבען מיר געמאַכט די זיצונג, וועלכע האָט זיך פערצויגען ביז האַלבער נאַכט, ווייל

אַ קלענערען פענסטער. איך האָב מיט דעם קישען קוים פער־שטעלט די לעכער און צוריק געלעגט זיך. אויפגעכאַפּט זיך פאַר טאָג מיט אַ שרעקליך ביטערען טעם אין מויל און אַ טרוקענעם צונג. איך האָב דערזעהן, אַז די ווענט און דער באַלקען זענען בעוואַקסען מיט אַ דיקען שימעל, פון וועלכען ביי מיר איז געבליבען אויף עטליכע טעג דער שרעקליכער טעם אין מויל. אָט אַזוי האָבען דאָס געלעבט מענשען, שוין די רייכערע.

פאַר דעם אָבפאָהרען, האָב איך פאָרגעלעגט דער בעל־הבית'טע געלד פאַר'ן נאַכטלעגער. זי האָט זיך אָבגעזאָגט. נאָר דער אַלטער, דעם בעל־הבית פאָטער, וועלכער האָט געקוקט מיט בייזע זשעדנע אויגען אויף די עטליכע רובל, וואָס איך האָב געהאַלטען אין האַנד, האָט מיט אימפעט און כעס איהר אַ געשריי געטהון:

—נעהם, נעהם! אַז מ'גיט—נעהם! נעהם! נעהם!

---

טלוסטי האָט איהרע רעליקוויען. מען זאָגט, אַז דאָ איז געבוירען געוואָרען דער בעל שם. אין יעדען פאַל האָט דאָ געוואוינט זיין מוטער און ער האָט דאָ פערבראַכט די יונגע יאָהרען. אויפ'ן בית־עולם ווייזט מען דעם בעל־שמ'ס מוטערס קבר. אין עק שטאָדט ווייזט מען אויף אַנ'אָרט, וואו עס איז געווען דעם בעל־שמ'ס מקוה.

דעם בעל־שמ'ס מוטער איז געווען אַ הויב־אַם, און דעם בעל שם פלעגט מען רופען ישראל'קע דער באָבעס.

מען האָט מיר דאָ דערצעהלט פיל מעשיות פון בעל שם. איינער, אַנ'אָרטיגער בעל־הבית, ר' הערש, אַ מרא דחשבונה, איז אַרויסגעטראָטען געגען דעם בעל שם. האָט דער בעל שם געזאָגט: „ער וועט מיך געדענקען". איז דער ר' הערש פערשאָלטען געוואָרען אויף צעהן דורות. פון זיין געזינד טהוען זיך נישט אָב קיין אונגליקען און קיין גוטער יוד קאָן זיי נישט העלפען.

ביי אונז איז אַרויס אַ סכסוך: דער קאָמיטעט האָט געבעטען אַ הוספה אויף האָלץ, און האָמעלסקי האָט מיר אָנגעזאָגט דאָ קיין הוספות נישט צו געבען. אַז עס האָט זיך געענדיגט די זי-צונג, האָב איך זיך דערמאָהנט וועגען אַ נאַכטלעגער. עס איז געווען אַ ברענענדער פראָסט מיט אַ ווינט און לאָזען זיך פאָהרען ביינאַכט ביי אַזאַ וועטער איז געווען געפעהרליך. דער פוהר-מאַן, וועלכער איז שוין געשלאָפען, וואָלט געוויס אויך נישט איינגעשטימט צו פאָהרען. דאָ נעכטיגען, ביי דער ענגשאַפט, איז להלוטין נישט געווען וואו. דער פאָרזיצענדער פון קאָמי-טעט, אַנ'אָרטיגער בעל-הבית, וועלכען מען רעכענט פאַר אַ ריי-כען מאַן, האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך נעכטיגען — און איך האָב איינגעשטימט. אַז איך בין אָבער געקומען צו איהם, האָב איך דערזעהן, אַז ער מיט דעם געזינד פון זיבען נפשות, וואוי-נען אין איין קליינעם חדר. דער בעל-הבית האָט זיך אַ ווײַלע גע'סוד'עט מיט דער פרוי, נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען צוגריי-טען פאַר מיר אַ געלעגער אויפ'ן איינציגען דיוואַן, וואָס איז געשטאַנען אין חדר.

—וואו זשע וועט איהר שלאָפען?—האָב איך נעפרעגט.

—וואָס אַרט אייך, וואָס אַרט אייך, אַלץ איז איינגעאָר-דענט,—האָט מיך בערוהיגט דער בעל-הבית.

אַז איך בין צוגעשטאַנען, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די פרוי מיט די דריי טעכטער האָט דער בעל-הבית אַוועקגע-שיקט, אום האַלבע נאַכט, נעכטיגען צו שכנים און ער מיט אַ זוהן און אַנ'אַלטען פאָטער האָבען זיך געלעגט אויף דער ערד. מיר איז געווען שרעקליך אונאַנגענעהם, נאָר איך האָב גאָרנישט געקאָנט מאַכען און געבליבען נעכטיגען.

ווי נאָר איך האָב זיך געלעגט, האָב איך דערפיהלט, אַז עס ציהט אַ שטאַרקע קעלט פון פענסטער, ביי וועלכען דער דיוואַן איז געשטאַנען. איך האָב זיך אויפגעהויבען און דער-זעהן, אַז די ראַהם איז פיל קלענער פונ'ם חלל פון פענסטער און פון אויבען און ביי אַ זייט געפינען זיך ברייטע לעכער. אַפנים, אַז מען האָט אַריינגעשטעלט אַ ראַהם פון אַ פרעמדען,

אַמאָל האָבען גוים ערב פסח אונטערגעוואָרפען דעם בעל שם צוליב אַנ'עלילת דם אַ געה'רג'עט גויש קינד. צום סדר האָבען גוים מיט זעלנער אַרומגערינגעלט דאָס הויז. דער בעל שם האָט דערזעהן דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד, האָט ער איהם אויף גיך אָנגעטהון יודישע קליידער, אויפ'ן קאָפּ אַ מיצעל און אַנידערגעזעצט ביים טיש. דער הרוג איז געזעסען ווי אַ לעבע-דיגער. דער בעל שם האָט איהם נאָך אַ געשריי געטהון: „ממזר! שאָקעל זיך!" האָט דער טויטער אנגעהויבען שאָקלען זיך איבער דער הגדה. די גוים, אַריינרייסענדיג זיך אין הויז, האָבען גע-זוכט אומעדום און גאָרנישט געפונען. זיי איז, פערשטעהט זיך, נישט איינגעפאַלען אין זינען, אַז דאָס יונגעל וואָס זיצט ביים טיש און שאָקעלט זיך איבער דער הגדה, איז דאָס גע'הרג'עטע קינד, וואָס זיי זוכען. נאָכדעם, אַז זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, איז דאָס קינד געבליבען ווייטער טויט און דער בעל שם האָט איהם בעגראָבען אויפ'ן הויף.

מען האָט מיר דערצעהלט נאָך מעשיות, ווי דער בעל שם האָט אָנגעצונדען דעם סטרוזש (אַ טייך), און אַנדערע, נאָר איך האָב זיי פערגעסען.

פון טלוסטי האָב איך געדאַרפט פאָהרען אין בוקאָווינע, קיין זאָלאָשטשיק, סניאַטין, טשערנאָוויץ. נאָר האָמעלסקי, מיט וועלכען איך האָב זיך געטראָפען, האָט מיר פאָרגעלעגט פאָהרען מיט איהם קיין בוטשאַטש, וואו ער האָט געהאַט צו ערלעדיגען אַנ'ענין. איך האָב איינגעשטימט.

אין דעם קאַנט הויבען זיך שוין אָן די אָבצווייגונגען פון די קאַרפּאַטען: בערג און טהאָלען. אַז מיר זענען אָבגעפאָהרען ביי האַלב וועג, האָבען מיר דערזעהן פון דער ווייטען אויף אַ הויכען באַרג אַ גרויסען, זעהר אַ מאַסיווען און אַ הערליכען בנין. צופאָהרענדיג אַ ביסעל נעהנטער, האָבען מיר בעמערקט, אַז דאָס איז אַנ'אַלטע חורבה. פון וועלכער עס זענען פערבלי-בען בלויז די ווענט. ווי מיר האָבען זיך שפּעטער דערוואוסט, איז עס אַ חורבה פון אַ מאָנאַסטיר.

מיך האָט אָבגעשטעלט דער געדאַנק, פאַרוואָס האָבען אין זיך אַלטע, פילהונדערטיאָהריגע רואינען אַזאַ הערליכקייט, אַזאַ דראַמאַטישע שענקייט אין דער צייט, אַז נייע חורבות זעהען אויס אָבשטויסענד און האָבען אין זיך אפילו נישט קיין דראַמאַטיזם? דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס אַ נייע חורבה האָט אַרום זיך צופעליג פערבליבענע שטיקער פון נישט דערברענטע און נישט חרוב׳ע טיילען, וועלכע וואַרפען זיך אין די אויגען, שאַפען אַ דיסהאַרמאָניע און פערטושען דעם אינערליכען דראַמאַטיזם. אַלטע חורבות, וועלכע האָבען איבערגעלעבט הונדערטער יאָהרען, ענטהאַלטען נאָר יענע טיילען, וועלכע זענען אונפערדערבליך און קאָנען בייּשטעהן געגען דער צייט און אַלע נאַטור-סטיכיעס.

דאָסזעלבע איז אויך מיט דער מענשליכער טראַגעדיע. אין דעם מאָמענט, וואָס זי שפּילט זיך אָב, האָט זי אין זיך פיל צופעליגעס, קליינליכעס, שרייענדעס, וואָס פערהילכט און פערשטעלט דעם מיסטיש טראַגישען תוך איהרען. און נאָר אַז עס געהען דורך יאָהרען און אַלע קליינגקייטען און צופעליגקייטען, אַלץ וואָס איז צייטווייליג און נישט וויכטיג, ווערט דורך דער צייט אַראָבגעשווענקט, קריסטאַליזירט זיך די טראַגעדיע אויס אין איהר עכטען הערליכען און טראַגישען אויסזיכט און ווערט אַ טעמא פאַר קינסטלער צו שאַפען די גרויסע אונשטערבליכע וועלט-טראַגעדיעס.

אַז מיר זענען אַריבערגעפאָהרען דעם באַרג, האָט זיך פאַר אונזערע אויגען געעפענט אַן׳ערשיטערענדעס בילד. אין טהאָל איז געלעגען אַ טויטע שטאָדט. אַ גרויסע, מיט פיל גאַסען און הייזער. נאָר אַלע הייזער זענען געווען פערברענטע און צושמעטערטע, געשטאַנען ווי אַרומגעריסענע פערשטיינערטע מתים. פאַר אונזערע אויגען איז געווען אַ מין פאָמפּעע. מיר איז שוין אויסגעקומען צו זעהן חרוב׳ע שטעדט, נאָר קיינמאָל איז מיר נישט אויסגעקומען צו זעהן מיט אַמאָל דאָס גאַנצע בילד פון אַזאַ חורבן.

מיר האָבען זיך אַ ווײלע אָבגעשטעלט. וואָס איז עס פאַר

אַ שטאָדט? נישט איך און האָמעלסקי, נישט דער פוהרמאַן האָ-בען נישט געוואוסט פון אַ גרויסער שטאָדט, וואָס זאָל ליגען אויף אונזער וועג. האָבען מיר אפשר אַ טעות געהאַט אין דעם רעכנונג פון די קילאָמעטערס און דאָס זאָל שוין זיין בוטשאַטש, וועלכע איז טאַקי אינגאַנצען חרוב? האָמעלסקי, וועלכער איז שוין געווען פריהער אין בוטשאַטש, האָט זיך צוגעקוקט און אָנגעהויבען דערקענען: יאָ, בוטשאַטש!

מיר זענען צוגעפאָהרען צו דער שטאָדט. פוסט און טויט, מען זעהט אין ערגיץ קיין לעבעדיגען נפש נישט. ביים אַריינ-פאָהר האָבען מיר דערזעהן, ווי פון אַ האַלב איינגעפאַלענעם הייזעל, וואָס איז געשטאַנען אונטער'ן באַרג און אויסגעוויזען ווי אַ הייל אין באַרג, זענען אַרויסגעגאַנגען צוויי סאָלדאַטען. מיר האָבען זיי אָבגעשטעלט און געפרעגט, וואָס פאַר אַ שטאָדט איז עס?

—יאַזלאָוויץ,—האָבען זיי געענטפערט.

און זעהענדיג, ווי מיר קוקען אויף די חורבות, האָבען זיי צוגעגעבען.

—דאָ זענען פאָרגעקומען פערביטערטסטע שלאַכטען. אָב-טרעטענדיג, האָט אונזער אַרטילעריע צושמעטערט די שטאָדט.

—און וואָס איז עס פאַר אַ הייזעל, פון וואַנען איהר זענט אַרויסגעגאַנגען?

—אַ געוועלבעל.

מיר זענען אַריין אין הייזעל און געפינען דאָרט אַ יוד מיט אַ געזינד. דאָס הייזעל איז געווען טפח על טפח, אַ נידע-ריגעס, מיט אַנ'ערד-ברוק. אין איין חדר האָט זיך געפונען דאָס געזינד, פינף-זעקס נפשות, דער צווייטער חדר איז געווען אַ מין קרעמעל. סאָלדאַטען האָבען געקויפט פאַפּיראָסען, בולקעס, גאַלאַנטעריי-קלייניגקייטען.

מיר האָבען געבעטען עטוואָס עסען. פריהער האָט דער בעל-הבית געזאָגט, אַז אַ חוץ בולקעס איז גאָרנישטאָ. נאָר אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר זענען יודען, האָט ער אונז גע-בעטען אַריינגעהן אין צווייטען חדר. עס איז געווען ערב שבת

פאַרנאַכט און די בעל-הבית׳טע האָט זיך געגרייט ליכט בענשען.

—ביי אונז איז דאָ אויף שבת אַ טעפעל סמעטענע,—האָט זי געזאָגט,—וועלען מיר אייך העלפט אָבגעבען. איהר דאַרפט דאָך אויך עסען.

מיר וואָלטען זיך געוועהן אָבגעזאָגט, נאָר אַז מיר האָבען דערזעהן דאָס „טעפעל״, וועלכעס איז געוועהן נישט קלענער ווי עוג מלך הבשנ׳ס קאָפּ, האָבען מיר אויפגעהערט זשענירען זיך. בשעת מיר האָבען געגעסען איז אַריין דער בעל-הבית.

—פיל יודען זענען דאָ אין שטאָדט?—האָב איך איהם געפרעגט.

—איין איינציגער יודישער געזינד, מיינער,—האָט ער גע-ענטפערט.—בשעת דער באָמבאַרדירונג און די שרפות זענען זיך אַלע יודען צולאָפען. איצט לאָזט מען זיי נישט אַריין צוריק. מיט מיר האָט מען אַ חסד געטהון, געלאָזען דאָ בזעצען זיך. דאָס רעכענט זיך ווי אונטער שטאָדט. זיצען מיר דאָ, איך האַנדעל און פעדדי׳ן דאָס שטיקעל ברויט.

—און די סאָלדאַטען טהוען אייך נישט קיין בייז?

—ניין. אדרבה, זיי זענען זעהר צופרידען, וואָס זיי האָבען וואו עפּעס צו קויפען. אין שטאָדט איז אַלץ ווי אויסגע-שטאָרבען.

דורכ׳ן פענסטערל פון הויז האָט זיך געזעהן אַ טייל שטאָדט. צווישען די חרוב׳ע און פערברענטע הייזער האָב איך דערקענט אַ גרויסע הערליכע געמויערטע שוהל, וועלכע איז אויך געוועהן חרוב, אָהן אַ דאַך מיט פוסטע דורכגעברענטע פענסטער.

—די שוהל אויך פערברענט?—האָב איך מאַשינאַל גע-פרעגט דעם בעל-הבית.

—יאָ...—האָט ער געענטפערט מיט אַ זיפץ.—אַלע ספרים פערברענט געוואָרען...

—וואָס פאַר אַ שוהל דאָס איז געוועהן,—האָט ער זיך אָב-גערופען שווייגענדיג אַ ווײלע.—זעקסהונדערט יאָהר אַלט... מען

זאָגט, אַז זי איז געווען נישט קיין געבויטע. מען האָט זי גע־פונען אונטער דער ערד אַנ׳אויסגעבויטע.

מיר איז שוין אויסגעקומען פריהער צו הערען אין וואָה-לין אין פיל ערטער די לעגענדע וועגען אַלטע שוהלען, אַז מען האָט זיי געפונען אונטער דער ערד אויסגעבויטע.

נאָר דער בעל־הבית האָט צוגעגעבען נאָך אַ שטריך צו דער לעגענדע.

—אַז מען האָט זי אָבגעגראָבען און אַריין אין איהר, האָט מען דאָרט געפונען אַנ׳אַלטען מאַן מיט אַ גרויער באָרד ביז׳ן גאַרטעל, געזעסען און געלערנט.

אין בוטשאַטש זענען מיר געקומען שפעט ביינאַכט. דאָס בילד פון שטאָדט איז געווען כמעט דאָסזעלבע ווי אין יאַזלע-וויץ, צעהנדליגער גרויסע גאַסען, וועלכע מיר זענען דורכגע־פאָהרען, זענען געווען דורכאויס חרוב׳ע און פערברענטע. אין די עטליכע הייזער, וואָס זענען גאַנץ געבליבען, האָבען זיך איינגעאָרדענט דער שטאַב און לאַזאַרעטען. דער ליכט פון די גרויסע עלעקטרישע לאָמפען מיט וועלכע די געביידעס זענען געווען בעלויכטען, האָט צוגעגעבען נאָך אַ מעהר טראַגישען אויסזיכט דער טויטער שטאָדט.

אין שטאָדט זענען פערבליבען יודישע געזינדען, וועלכע זיצען אין די קעלערס. איך האָב קיין צייט נישט געהאַט צו פערוויילען דאָ, אויספרעגען זיי. איך האָב געדאַרפט פאַרטאָג אָב־פאָהרען צוריק. נאָר ביינאַכט, געהענדיג צום לאַזאַרעט וואו איך האָב גענעכטיגט, האָב איך בעגעגענט אַנ׳עלטערן יוד. אָבגע־שטעלט איהם, געגומען פונאַנדערפרעגען.

—וואָס פאַר אַ חורבן ס׳איז דאָ פאָרגעקומען ביי אייך!—האָב איך איהם אויסגעדריקט מיין מיטגעפיהל.

—אַלץ הייסט אַ חורבן!—האָט ער געענטפערט מיט אַ זיפץ.—דאָס, וואָס איהר זעהט, איז נאָך גאָרנישט.

—וואָס נאָך?

—נאָך וואָס? זיי האָבען חרוב געמאַכט דעם בית־עולם, צובראָכען און צושלעפט מצבות, וואָס זענען אַלט געווען זעקס־

הונדערט יאָהר, פערבּרענט אוהל׳ס פון די גרעסטע גאונים. בּיי אונז ליגט דאָך דער „אורח חיים!"

איך האָב געפיהלט, אַז דער חורבּן פון בּית-עולם איז פאַר דעם יוד אַ גרעסערע טראַגעדיע, ווי דער חורבּן פון שטאָדט.

## יא

איך בּין אַריבּערגעפאָהרען די גרעניץ פון בּוקאָווינע.

וואָס ווייטער אויף דרום, אַלץ שענער און בּעלעבּטער איז די נאַטור. די שטעדטלעך און דערפלעך ליגען אין טהאָלען, אַרומגערינגעלט מיט בּערג. דער לאַנדשאַפט דערמאָהנט אָפט שווייצאַרישע פּייזאַזשען. פּאָהרסט צו צו אַ שטאָדט. פון ווייטען שיינען דורך הויכע גערטנער-בּוימער, קעפּ פון קירכען (זיי זעבען אומעטום גאַנץ געבּליבּען) און שפּיצען פון הויכע מאַגיסטראַט-טורעמס. נאָר אָט עפענט זיך דער אויסזיכט פון שטאָדט— און פאַר די אויגען איז אַ בּית-עולם, וואו די פערבּרענטע, צושלאָגענע חורבות ווייזען אויס, ווי נישט בּעגראָבענע הרוגים. עס נעהמט אָן אַ שוידער. בּעגעגענט זיך אַן׳אָרטיגער מענש— און אין זיין בּליק קאָן מען לייענען די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין קאַנט, און הינטער דעם אויסערליך-רוהיגען אויסדרוק פון געזיכט, פיהלט זיך די גאַנצע פערבּיטערונג און אָנגעקאָכטער צאָרן פון אַ בּעזיגטען און אָהנמעכטיגען. בּעגעגענט זיך אַ רוסישער סאָלדאַט, וועלכער בּלאָנדזשעט צווישען די חורבות—און אין זיין תמ׳עוואַטען בּליק דריקט זיך אויס אַ פערוואונדערונג, צוליב וואָס האָבען מענשען, זיינע בּרידער געמאַכט דאָ אַזאַ ווּיסטעניש. און נישט ווילענדיג און נישט פערשטעהענדיג, שעמט ער זיך פאַר די אכזריות׳דיגע מעשים. בּיי מיר דערוועקט זיך אויך אַ געפיהל פון שאַנד...

איך בּין געקומען אין זאַלעשטשיק. געוועזן איז עס אַ היבּשע שטאָדט מיט אַ בּעפעלקערונג פון איבּער אַכט טויזענד

מאַן, פון וועלכע ניין צעהנדליג זענען געווען יודען. אין שטאָדט האָט זיך געפונען ביי טויזענד הייזער.

דער רוסישער חיל האָט צום ערשטען מאָל פערנומען די שטאָדט דעם 21 אויגוסט 1914. כמעט אַלע יודען זענען אַוועק מיט די עסטרייכער, נאָר אַז די רוסען האָבען פערנומען דעם וויטערדיגען געגענד וואוהין עס זענען אַוועק די אַנטלאָפענע, האָט מען זיך בּסלעכווייז גענומען אומקעהרען. אין משך פון פיער—פינף חדשים האָט זיך די גרעסטע טייל איינוואוינער אומגעקעהרט, חוץ צוויי—דרייהונדערט געזינדען, וועלכע זענען אַוועק וויט אין עסטרייך. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס פערבליבענע גוטס איז געוואָרען צורויבט.

דעם 20 פעברואַר 1915, האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקער אָנגריף פון די עסטרייכער. די רוסען האָבען גענומען עוואַקואירען די שטאָדט. דער קאָמענדאַנט איז אָבּגעפאָהרען. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאָגראָם, וועלכער האָט געדויערט צוויי טעג. דערביי זענען געשענדעט געוואָרען עטליכע פרויען. דער אָנגריף איז געוואָרען אָבּגעשלאָגען און עס איז ווייטער שטיל געוואָרען.

אָנהויב אַפּריל האָבען זיך אָנגעהויבען און געדויערט צוויי וואָכען, פערביטערטע שלאַכטען אין די בערג ביים שטאָדט. פון די סנאַריאַדען וואָס זענען געפאַלען אין שטאָדט, זענען פּאָרגעקומען גרויסע שרפות און אַ האַלבע שטאָדט האָט אָבּגעברענט. די בעפעלקערונג האָט געמוזט די גאַנצע צייט זיך בעהאַלטען אין די קעלערס.

דעם 17 אַפּריל ביינאַכט האָט מען אויפגעוועקט אַלע יודען, אַרויסגעיאָגט פון די הייזער און אַוועקגעטריבען אונטער'ן האַגעל פון קוילען און שראַפּנעלען אין דער ריכטונג פון וואָלקאָוויץ, אויף דרום. מען האָט נישט געגעבען קיין צייט עטוואָס מיטצונעהמען.

אין צוויי וואָכען אַרום האָבען די עסטרייכער פערנומען זאַלעשטשיק. עטליכע הונדערט זאַלעשטשיקער געזינדען, וואָס האָבען זיך געפונען אין עסטרייך, האָבען זיך אומגעקעהרט.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום, דעם 10—11 סעפּטעמבער, האָבען

די עסטרייכער פערנומען וואָלקאָוויץ, וועלכע די רוסען האָבען, אָבטרעטענדיג, פערברענט, אָבפיהרענדיג מיט זיך אַלע יונגעלייט. די איבערגעבליבענע זאַלעשטשיקער האָבען זיך אומגעקעהרט צו זיך היים.

אין אַ יאָהר אַרום, אין מאַי 1916, האָבען די עסטרייכער ווידער פערלאָזען זאַלעשטשיק און מיט זיי זענען אַוועק כמעט אַלע יודען. אַז די רוסען זענען אַריין, האָט די אָרטיגע קריסטליכע בעפעלקערונג זיך משתדל געווען, מען זאָל יודען נישט אַריינלאָזען צוריק אין שטאָדט. אין אָנפאַנג האָט מען זיי טאַקי נישט אַריינגעלאָזען, נאָר אין סעפטעמבער האָט מען אָנגעהויבען געבען פראָפוסקען. ביז מיין קומען האָבען זיך אומגעקעהרט הונדערט און פופציג משפחות פון די, וואָס האָבען זיך געפונען אין יאַגעלניצע, באָרשטשעווקע און אַנדערע ערטער.

שוין פיל חדשים זענען פערביי, זינט דאָ זענען פאָרגעקומען די שרפות און פאָגראָמען און זייערע שפורען זענען נאָך פריש. אויף די טהירען און אין די פענסטער פון די קריסטליכע הייזער, וועלכע זענען אַלע גאַנץ געבליבען, שטעהען נאָך אויסגעשטעלט אַלערליי איקאָנעס וואָס האָבען אָבגעהיט די הייזער פון פאָגראָמען און אונטערצינדונג. אויף די גאַסען, הויפען און אין די חרוב׳ע הייזער ליגען נאָך צוריסענע בלעטער פון יודישע ספרים. גאַנצע גאַסען זענען מיט זיי אויסגעבעט. אין די רואינירטע שוהלען און בתי-מדרשים ליגען גאַנצע בערג צוריסענע ספרים און צופליקטע ספרי תורות. בלויז אין איין שוהל האָט מען צוריסען פינפאונדרייסיג ספרי תורות.

אויף די חרוב׳ע גאַסען איז פוסט און וויסט. וואו-נישט-וואו, ביי אַ פערברענט הויז, אין וועלכען עס זענען גאַנץ געבליבען די ווענט, שטעהט אַ טישעל מיט ברויט, פאַפיראָסען, קליינינקייטען, און ביי איהם—אַ בלויער פון קעלט אַלטער יוד אָדער אַ יודענע. די גאַנצע לייזונג איז פון סאָלדאַטען.

איך קוק זיך צו און בעמערק, אַז אין דעם חרוב׳ן הויז, ביי וועלכען עס שטעהט דער טישעל, איז איין פענסטער אָדער וויַ-נישט-ווי פערגלאָזט, פערשטעלט מיט שמאַטעס אָדער פער-

שלאָגען מיט ברעטער. הייסט עס, דאָרט, אין די נישט-געהייצטע קאָנורעס זיצען מענשען, גאַנצע משפחות, נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריגע, מעהרסטען טייל קראַנקע, ווייל אין שטאָדט זענען פערשפרייט אַלערליי עפּידעמיעס.

דער גאַנצער לעבען איז דאָ אַ פאַנטאַסטישער. אַלץ איז צוריסען, צוברעקעלט, פונאַנדערגעוואָרפען. איך האָב געטראָפען אַזעלכע געזינדען, פון וועלכע איין מיטגליד געפינט זיך אין אַמעריקא, דער צווייטער אין דער עסטרייכישער אַרמעע, דער דריטער ערגיץ אין ווין אָדער בודאַפּעשט, דער פערטער, אַ פערשיקטער אין סיביר, די איבעריגע—דאָ. און איינער ווייסט נישט פון אַנדערן.

די גאַנצע איינאָרדנונג איז דאָ אויך אַנ׳אויסערגעוועהנלי- כע. די צוריקגעקעהרטע, ביי וועמען די אייגענע הייזער זענען פערברענט, האָבען זיך בעזעצט אין פרעמדע, אין וועלכע עס זענען פערבליבען גאַנצע ווענט מיט אַ דאַך. מען איז געגאַנגען איבער דער שטאָדט, געקליבען וואו אַ טהיר, וואו אַ פענסטער, און צוגעפּאַסט צו דער נייער דירה. נאָכ׳ן אַרויסטרייבען די יודען, האָט דער אָרטינער מאַגיסטראַט צונויפגעקליבען דאָס גוטס וואָס איז פערבליבען אין די יודישע הייזער, קישענס, פּערע- נעס, בגדים און עס בעהאַלטען. איצט געהט יעדערער אין מאַ- גיסטראַט און נעהמט, וואָס איהם איז נויטיג, נישט רעכענענדיג זיך מיט דעם, וועמען דער אָדער יענער חפץ געהערט. אַ מין קאָמונע!

איך האָב בעזוכט אַ גרויסען בית-המדרש. אין איהם איז געווען שרעקליך קאַלט. אין איין קליינעם חדר׳ל, וואָס איז גע- ווען בעהייצט, זענען געזעסען ביים אויווען ביי אַ מנין אָרימע יודען. צווישען זיי איז געווען אַ רב פון אַ נאָהנטען שטעדטעל וועלכעס איז פערברענט, אַ זקן פון אַ יאָהר פינף און זיבעציג, אַ שוואַכער, אַ קראַנקער. ער איז געזעסען אין אַנ׳אויסגעריבען פוטערל ביים אויווען און איהם איז דאָך קאַלט געווען.

איך האָב גענומען איהם פונאַנדערפרעגען:

—וואָס איז פאַרהאַן צו דערצעהלען,—האָט ער געענטפערט

מיט אַ גלייכגילטיגען טאָן,—מסתמא דאַרף אַזוי זיין. מען דאַרף אַלץ מקבל באהבה זיין.

און שווייגענדיג אַ ווײַלע, האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען רוהיג, נאָר מיט אַ מין רעטשיטאַטיוו, אין וועלכען עס האָט אָבגעקלונגען דער מאָטיוו פון „איכה":

—פערציג יאָהר געווען אַ רב אין שטעדטעל—איז עס חרוב געוואָרען. געהאַט אַן'אייגען הויז, איז עס פערברענט געוואָרען. צוויי זיהן געווען, האָט מען זיי צוגענומען און ערגיץ פערטריבען. ווער ווייסט, אויב זיי לעבען נאָך... נו, און די ספרים... אַלע פערברענט. וואָס בין איך אָהן די ספרים? ווי אָהן אַ האַנט... ווי אָהן אַ האַרץ...

ער האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און שטיל צוגעגעבען:

—דרייסיג יאָהר האָב איך געשריבען אַ חבור, דאָס גאַנצע לעבען אַריינגעלעגט אין איהם—איז עס אויך פערברענט געוואָרען...

—נו, און צוריק גערעדט,—האָט ער זיך אָבגערופען מונטערער,—איז דאָך דעם אויבערשטען ערגער ווי אונז, מיר האָבען יעדערער די אייגענע צרה, די אייגענע דאגה און ער האָט אַלע יודישע דאגות אויף זיך...

איך האָב איהם דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס.

—אָ! זעהט איהר! אפילו אַ ציגאַר! דאַרף מען זאָרגען?—האָט ער זיך אויפגעמונטערט און פערררויכערט.

מיך האָט איינגעלאַדען צו זיך דער נאַטשאַלניק פון או־יעזד, דעגטיאַראָוו, אַן'אינטעליגענטער און סימפּאַטישער מענש. ער האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט דער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג, מיט וואָס, ווייזט אויס, ער אינטערעסירט זיך ערנסט און געבעטען פועל'ן, אַז דער קיעווער קאָמיטעט זאָל אַרויסשיקען אַהער אַ גרעסערע סומע אויף בגדים און שיך.

פון זאַלעשטשיק בין איך אָבגעפאָהרען אין סניאַטין.

---

סניאַטין, אַ פיל גרעסערע און רייכערע שטאָדט ווי זאַ-לעשטשיק, האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ בעפעלקערונג פון איבער דרייסיג טויזענד מאַן, פון זיי, דרייצעהן טויזענד יודען. איצט איז די שטאָדט הרוב און פערברענט אַזוי ווי זאַלעשטשיק און אַנדערע שטעדט פון דער געגענד.

צום ערשטען מאָל איז דער רוסישער חייל אַריין אָנפאַנג סעפטעמבער. אין געגענטייל פון זאַלעשטשיק, זענען פון דאַנען אַוועק מיט די עסטרייכער ווענינ יודען, צוויי הונדערט—צוויי הונדערט און פופציג געזינדען. די רוסען האָבען זיך געהאַלטען אין אָנפאַנג אָנשטענדיג, אפילו קיין איין פאָגראָם נישט געמאַכט. נאָר דעם 16—17 פעברואַר 1915 יאָהר, אַז זיי האָבען עוואַקו-אירט די שטאָדט און געהאַלטען ביים פערלאָזען זי, האָבען זיי צורויבט די געוועלבער און וואוינונגען אין צענטער פון שטאָדט.

די עסטרייכער זענען פערבליבען אין סניאַטין דריי חדשים. דעם 13 מאַי זענען די רוסען בעפאַלען און כמעט אונערוואַר-טעט פערנומען די שטאָדט. זיי זענען אַריין ביינאַכט און גלייך האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פאָגראָם, ביי וועלכען מען האָט גע'-הרג'עט דריי יודען. אויף מאָרגען האָט מען אונטערגעצונדען דעם מאַרק-פלאַץ. דעם 16 האָט די שטאָדט ווייטער געברענט.

דעם 17 האָט דער קאָמענדאַנט פעראָרדענט, אַלע יודען זאָלען זיך אין משך פון אַ האַלבער שעה פערזאַמלען ביים מאַ-גיסטראַט. אַז זיי האָבען זיך פערזאַמעלט, האָט מען זיי גלייך פון מאַרק, נישט לאָזענדיג אַריינגעהן אין שטוב נעהמען עטוואָס מיט זיך, אַוועקגעטריבען אין דער ריכטונג פון טשאָרטקאָוו. אין אין וועג זענען געשטאָרבען זיבען מענשען. אין טשאָרטקאָוו זענען אָנגעקומען, ווי איך האָב שוין פריהער געשריבען, פיער טויזענד פינף הונדערט נפשות, פון וועלכע עס זענען אין אַ קורצער צייט אויסגעשטאָרבען אַ דריטעל, טויזענד פיערהונדערט—טויזענד פינפהונדערט נפשות. איצט, אַז מען האָט ערלויבט צו-ריקצוקומען, האָבען זיך אומגעקעהרט ביי טויזענד נפשות.

אין סניאַטין האָב איך געטראָפען דאָסזעלבע בילד, ווי אין זאַלעשטשיק. דערזעלבער חורבן. די איקאָנעס אויף די קריסט-

ליכע הייזער און די צוריסענע בלעטער פון ספרים ביי די יודישע הייזער. דיזעלבע שרעקליכע, נישט געהייצטע דירות אין די פערבערענטע חורבות, מיט צוגעפּאַסטע פרעמדע טהירען, מיט פערשלאָגענע אָדער פערשטאָפּטע פענסטער. נאָר דאָ זענען שוין אָפען אין מאַרק עטליכע צעהנדליג קראָמען.

פון דער ענגשאַפט, קעלט און הונגער, האָבען זיך דאָ פערשפּרייט עפּידעמיעס פון טיפוס, פּאָקען און דיזענטעריע. איך האָב בעזוכט דעם שפּיטאָל און דאָרט געטראָפען צוויי און זיבעציג טיפוס-קראַנקע. געווים נאָך אַזוי פיל האָבען זיך געפונען אין שטאָדט.

קיין הילפס-קאָמיטעט איז אין סניאַטין, און אין זאַלעשטשיק נישט אָרגאַניזירט. דער טשערנאָוויצער גענעראַל-גובערנאַטאָר, טרעפּאָוו, האָט בשום אופן נישט ערלויבט צו אָרגאַניזירען אין בוקאָווינע הילפס-קאָמיטעטען, מאָטיווירענדיג עס דערמיט, אַז דאָ איז די יודישע בעפעלקערונג גענוג רייך און קאָן זיך בעגעהן אָהן הילף. עס איז אויסגעקומען צו אַרבייטען אונלעגאַל. האָמעלסקי האָט דאָ אָנגעצייכענט עטליכע בעלי-הבתים, פון וועלכע עס האָט געזאָלט בעשטעהן דער קאָמיטעט.

איך האָב זיך אויך דאָ געזעהן מיט'ן אויעזדנעם נאַטשאַלניק, יערמאָלאָוו'ן. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויפ'ן גענעראַל-גובערנאַטאָר, וואָס ער ערלויבט נישט צו גרינדען קיין קאָמיטעט, האָט מיר געגעבען עצות, ווי אַזוי אויסצופועל'ן די ערלויבעניש. ווייטער האָט ער אַנ'עצה געגעבען, ביז אַ קאָמיטעט וועט זיך גרינדען, איינצואָרדענען הילף דורך דעם זעמסקי פערבאַנד, וועלכער האָט דאָ אַנ'אומזיסטע כשר'ע קיך און גיט אַרויס עטליכע הונדערט מיטאָגען טעגליך. ער האָט מיר אָנגעוויזען אויף דער אַרצטין פון פערבאַנד, ווי אויף אַנ'ענערגישער און איבערגעגעבענער אין קאַמף מיט דער עפּידעמיע.

די אַרצטין און די צוויי באַרמהאַרציגע שוועסטער, וואָס האָבען מיט איהר געאַרבייט, זענען געווען יודישע קינדער. זיי האָבען מיט טרעהרען דערצעהלט וועגען דער שרעקליכער נויט,

עלענד און קראַנקהייטען, וואָס הערשען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג. איך האָב זיך מיט זיי צונויפגערעדט, אַז לויט דעם צעטעל פון דער אַרצטין, זאָל דער פערבאַנד אויפ׳ן רעכענונג פון קיעווער קאָמיטעט אַרויסגעבען פאַר קראַנקע, געזונדווערענדע, אַלטע און קינדער—ווייס ברויט, מילך, אייער, פליישׁ. איך האָב אויף דעם איבערגעלאָזען דערוויל טויזענד צווייהונדערט רובל. אויך דעם אויעזדנעם נאַטשאַלניק האָב איך איבערגעלאָזען פיערהונדערט רובל אויף צו אָרגאַניזירען דעם אַרויסגאָב פון האָלץ פאַר דער בעפעלקערונג, אומזיסט און פאַר ביליגע מקחים. ער האָט צוגעזאָגט בעקומען האָלץ אויפ׳ן קאַזיאָנעם מקח, דאָס הייסט, דריי—פיער מאָל ביליגער, ווי דער מאַרק-מקח.

בעת מיין געפינען זיך אין סניאַטין, האָבען זיך בעקומען פון קיעווער קאָמיטעט עטליכע פעק בגדים און שיך—און מיר האָבען עס צוטיילט דער בעפעלקערונג.

נאָך (דוכט זיך) זעקסהונדערט רובל האָב איך איבערגעלאָזען דעם ניי-אָרגאַניזירטען קאָמיטעט איך האָב נישט געוואוסט, ווי ער וועט אַרבייטען און דעריבער נישט איבערגעלאָזען איהם קיין גרעסערע סומע.

גאַנץ אומגעריכט האָב איך אין סניאַטין געפונען אַנ„איינפאָהר-הויז״. אמת, דאָס „איינפאָהר-הויז״ איז בעשטאַנען פון איין חדר מיט אַנ׳ערד-פאָדלאָגע, נאָר דער חדר איז געווען אַ גרויסער מיט פיער פענסטער, האָט געהאַט אַ בעט מיט בעט-געוואַנד און זויבערע וועש. חוץ דעם איינעם חדר איז אין הויז געווען נאָר איין קיך, און דאָרט האָט זיך געפונען די בעל-הבית׳טע מיט איהרע פינף קליינע קינדער. דער חדר, וועלכען זי האָט מיר איבערגעגעבען, שטעהט שטענדיג צוגעקליבען, גרייט פאַר געסט, איבערהויפט פאַר אָפּיצירען.

איך האָב זיך פונאַנדערגערעדט מיט דער בעל-הבית׳טע, אַ ווייבעל פון אַ יאָהר אַכטאונצוואַנציג, אַ פער׳חושכ׳טע און פערעלטערטע. זי האָט מיר דערצעהלט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט פאַר דער צייט. זי איז אַ פרוי פון אַנ׳עסטרייכישען סאָל

דאַט. איהר מאַן איז אויף דער מלחמה. געבליבען איז זי פון איהם אַ מעוברת׳ע און מיט פיער קינדער אויף די הענד. אַז מען האָט, מיט אַ יאָהר צוריק, אַרויסגעטריבען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג פון סניאַטין, איז זי געווען אויף דער צייט. זי האָט געקראָגען אַ האַנד-וועגעלע, האָט אין איהם אַריינגעזעצט די צוויי קלענערע קינדער, איינגעשפּאַנט זיך און אַוועקגעגאַנגען צוגלייך מיט אַלעמען, ערטערווייז שלעפּענדיג דאָס וועגעלע, באַרג אַרויף. די עלטערע צוויי קינדער, פון פינף און זעקס יאָהר, זענען נאָכגעגאַנגען. אַ גאַנצע וואָך האָט געדויערט דער וועג—אַנ׳ערך פופציג וויאָרסט—ביז טשאָרטקאָוו. מען איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, דורשט און מידקייט. אין טשאָרטקאָוו האָט זי געבוירען דאָס פינפטע קינד, ליגענדיג אין אַ שטאַהל אויף היי. בשעת׳ן קימפעט, איז זי קראַנק געוואָרען אויף טיפוס. נאָכדעם האָט זיך ביי איהר צוגעוואָרפען אַנ׳אָנצינדונג פון די סוסטאַוועס.

אין דער צייט, וואָס זי איז געווען אין טשאָרטקאָוו, האָבען די עסטרייכער פערנומען סניאַטין. דער מאַן איהרער האָט בעקומען אַנ׳ערלויבעניש אַראָבצופאָהרען אַהין זעהן זיך מיט׳ן געזינד. קומענדיג, האָט ער נישט געפונען קיין איין יוד, פון וועלכען ער זאָל זיך קאָנען דערוויסען וואו זיין געזינד איז אַהינגעקומען. די אָרטיגע קריסטען האָבען איהם דערצעהלט, (ווייזט אויס, זיי האָבען אַליין געגלויבט אין דעם), אַז דאָס רוסישע מיליטער האָט אַרויפגעטריבען אַלע יודען אויף דער גרויסער בריק און זי אויפגעריסען. אַלע יודען זענען גע׳הרג׳עט אָדער דערטרונקען געוואָרען. דערהערענדיג די שרעקליכע בשורה, האָט דער מאַן געפּרובט בעגעהן אַ זעלבסט-מאָרד, נאָר מען האָט איהם אָבגעראַטעוועט. די קריסטליכע שכנים דערצעהלען, אַז ער איז גאַנצע טעג אָבגעזעסען ביי זיך אין שטיבעל געקלאָגט און געשלאָגען זיך דעם קאָפּ אָן דער וואַנד. עד היום ווייסט ער נישט, אַז זיין ווייב מיט די קינדער לעבען.

אַז די פרוי איז געקומען צו זיך פון דער קרענק, האָט זי גענומען האָרעווען, כדי צו קאָנען אויפהאַלטען די קינדער,

וועלכע זענען נאָר מעשה נס נישט געשטאָרבען פון הונגער. אַז מען האָט ערלויבט אומצוקעהרען זיך, איז זי איינע פון די ערשטע געקומען צוריק, ווייל זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איהר הייזעל איז גאַנץ געבליבען. דאָ האָט זי זיך איינגעאָרדענט נישט שלעכט, באַקט ברויט, גיט אָב דעם חדר פאַר געסט און פערדינט פאַר זיך און די קינדער אויפ׳ן לעבען.

וואָס פאַר אַ וואונדערליכע ענערגיע און לעבענס-קראַפט!

און דיזעלבע ענערגיע און לעבענס-קראַפט האָב איך בעמערקט נישט נאָר ביי איהר. דריי טעג האָב איך פערבראַכט אין שטאָדט, צוגעקוקט זיך אַ ביסעל צום לעבען פון די נאָר-וואָס אָנגעקומענע פערביטערטע און פערפינסטערטע אביונים און בין געוועזן איבערראַשט און אין דערזעלבער צייט ענטציקט פון דעם וואָס איך האָב געזעהן. עס איז ערשט צוויי חדשים, זינט מען האָט אָנגעהויבען צונויפפאָהרען זיך און, נישט קוקענדיג אויף די שרעקליכע בעדינגונגען, אויף דעם הונגער, קעלט, מגפות און מאַנגעל אין וואוינונגען, האָט די שטאָדט שוין אָנגעהויבען אויפלעבען. עס האָבען זיך געעפענט ביז פופציג קראָמען, פויערים פון געגענד האָבען אָנגעהויבען ברענגען תבואה, קויפען סחורה, וועלכע די קרעמער האָבען שוין פון ערגיץ געקראָגען. כמעט אַלע בעלי-מלאכות האָבען איינגעאָרדענט זייערע ווערקשטאַטען און אַרבייטען. מען האָט פעררירכט די שוהל און מען דאַווענט אין איהר, אויסגעשריבען אַ רב, אַ שוחט, מען אָרדענט איין חדרים און שוהלען. מען קאָן זיין זיכער, אַז אין אַ האַלב יאָהר, וועט די שטאָדט ווידער אויפבליהען, אויב, פערשטעהט זיך, אויף איהר וועט נישט אָנפליהען אַ נייער בלוטיגער שטראָם.

בשעת די בעל-הבית׳טע האָט מיר דערצעהלט איהר געשיכטע, איז אין צימער אַריין איהר עלטערער יונגעלע, אַ דאַריגקער, הויט און ביינער, די הענטלעך, ווי דינע פלעקעלעך, אָהן אַ טראָפּען בלוט אין געזיכט, נאָר די אויגלעך לעבעדיגע, קלוגע.

—האָסט געלערנט אין חדר?—פרעג איך איהם.

—ווי דען! מיט אַ טאָג, איידער דער רוס איז געקומען, האָב איך אָנגעהויבען לערנען גמרא.

—און איצט?

—שוין אַ יאָהר ווי איך לערן נישט און האָב אַלץ פער־געסען.

—און וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, ווי מען האָט אייך אַרויסגעשיקט, געדענקסטו?

—געדענקסט, זוהנעלע, ווי מען האָט אונז אַרויסגעטרי־בען?—האָט איהם איבערגעפרעגט די מוטער.

—אַ קשיא, אויב איך געדענק! אַריינגעלאָפען אַ קאָזאַק מיט אַ קוטשמע אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ לאַנגער פּיקע אין האַנד און גענומען שרייען: „יאַ־אַוורעי, אוסי וואָן!״ ביז איצט האָב איך מורא פאר אַ קאָזאַק און בעהאַלט זיך אַז איך דערזעה איהם.

און ער ציהט זיך איינגאַנצען צונויף, טוליעט זיך צום שטוהל, אויסדריקענדיג זיין מורא פּאַר אַ קאָזאַק. אויף זיינע בלאַסע ליפּעלעך ווייזט זיך אַ רחמנות׳דיג שמייכעלע און אין די אויגען לייכט זיך אַ שטילער האַרצרייסענדער טרויער.

---

אין סניאַטין זענען אויך פערבליבען ערינערונגען און לע־גענדעס וועגען בעל־שם. מען דערצעהל׳ט, אַז ער איז דאָ גע־ווען אַ מלמד. איינמאָל האָט ער נישט געקראָגען קיין אתרוג און שטאַרק מצער געווען זיך. ערב סוכות, שוין פאַרנאַכט, זעהט מען, עס פליהט אַ רייטער, אַ גוי, דאָס פערד איז פערסאָפּעט, איינגאַנצען אין שוויס. שטעלט זיך אָב און פרעגט: „גדיע מעשקאַ סרולקאַ?״ איז דער בעל־שם אַרויסגעגאַנגען. האָט דער רייטער איהם דערלאַנגט אַן אתרוג און איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען.

אַ געוויסען ר׳ משה׳לעס קינדער האָבען אָבגעלאַכט פון בעל־שם. ר׳ משה׳לע, וועלכער האָט דערקענט דעם בעל־שמ׳ס גרויס, האָט זיך דערשראָקען און געקומען בעטען ער זאָל נישט שילטען זיינע קינדער. דער בעל־שם האָט זיי נישט געשאָלטען,

נאָר „זיין קוק" איז געבליבען, האָבען זיי אַלע, לא עליכם, גע-האַט אַ שלעכטען סוף.

אויפ'ן סניאַטינער בית-עולם ווייזט מען דעם קבר פון ר' משה קיטעווער, ר' גרשון קיטעווערס אַ ברודער. לויט זיין צוואה, איז מען אין סניאַטין מקבר אָהן טלתים. געגומען האָט זיך עס דערפון, וואָס אַמאָל איז אין שוהל געווען זעהר ענג, האָט ער געהייסען אַראָבוואַרפען פון זיך די טלתים. פון דעמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבען מקבר זיין אָהן טלתים. ר' משה'ס אוהל איז איינגעפאַלען, נאָר מען האָט איהם מורא צו פעררירכטען.

וועגען סניאַטין דערצעהלט מען, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער כרך. מען האָט געזעהן אויף אַ ספר: „נדפס בסניאַ-טין הסמוך ליאַססי". דערפון דריגגט מען, אַז סניאַטין האָט זיך געצויגען ביז יאַססי. אַזעלכע לעגענדעס געהען אַרום וועגען פיל שטעדט אין וואָלין.

## יב

פון סניאַטין בין איך געפאָהרען מיט אַ פוהרמאַן, אַנ'על-טערן יוד פון ערגיץ אַ קליין שטעדטעל אין גאַליציע. ער האָט געהאַט גוטע צוויי פאָר פערד און נישט שלעכט פערדינט. נאָר פריהער, בעת די רוסען זענען נאָר-וואָס אַריין, איז ער פיל אויסגעשטאַנען. ער האָט מיר דערצעהלט אַ גאַנץ געוועהנליכען עפיזאָד פון יענער צייט. ווי אַזוי סאָלדאַטען האָבען ביי איהם צוגענומען דאָס לעצטע פערדעל. דערצעהלט האָט ער עס גוט-מוטהיג, מיט אַנ'איראָניע, ווי וועגען אַ לאַנג איבערגעלעבטען אומגליק. נאָר זיין ערצעהלונג האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק און ענטפלעקט פאַר מיר אפשר דעם וויכ-טיגסטען שטריך פון רוסישען כאַראַקטער, די וויכטיגסטע סיבה פון אַלע רוסישע מפלות.

—פאַר דער מלחמה,—האָט ער דערצעהלט,—האָב איך גע-האַט אַ פאָר פערד מיט צוויי וועגלעך און פון זיי געצויגען

חיונה. באַלד ווי די רוסען זענען צוריין, האָבען זיי בּיי מיר צוגענומען אַ פערד מיט אַ וועגעל. פאָהר איך אַרום מיט איין פערדעל. איינמאָל, אַז איך בּין אַרויסגעפאָהרען פון שטאָדט, בּעגעגענען מיך סאָלדאַטען, שטעלען מיך אָב, שפּאַנען אויס מיין פערדעל און פיהרען איהם אַוועק מיט זיך. בּלייב איך אין מיטען פעלד מיט׳ן וועגעל. שטעה אַ פערבּיטערטער און וויין. געהען דורך סאָלדאַטען. פרעגען זיי וואָס איך וויין, דערצעהל איך. זאָגען זיי מיר: „דיין פערדעל האָט מען געוויס אָבּגעפיהרט אין „אָקאָלאָדאָק“, דריי וויאָרסט פון דאַנען. געה אַהין, ווענד זיך צום קאָמענדאַנט, אַ פּאָלקאָווניק, וועט ער דיר אומקעהרען דיין פערד.“ פאָלג איך זיי, געה אַהין וואו זיי האָבּען אָנגעוויזען. איך קום צו און זעה—אמת, עס שטעהען פיל פערד און צווישען זיי דערקען איך מיין פערדעל. איך האָבּ אפילו אָנגעריסען אַ הייפעל גראָז און איהם דערלאַנגט. בּאַלדעם בּין איך אַוועק צום קאָמענדאַנט. געטראָפען איהם אין דרויסען, בּיי אַ טישעל זיצט און טרינקט טהיי. אַנ׳עלטערער, נאָכ׳ן אויסזיכט, אַזאַ פיינער, אָרענטליכער מאַן, פערנויג איך זיך פאַר איהם און דערצעהל איהם, ווי מען האָט מיך בּע׳גזל׳ט. זאָגט ער: „געה אַהין, וואו עס שטעהען די פערד און זאָג, אַז איך האָבּ געהייסען מען זאָל דיר אָבּגעבּען דיין פערדעל.“ געה איך. נאָר די סאָלדאַטען האָבּען מיך אויסגעלאַכט און גענומען שלאָגען. איך האָבּ זיך אומגעקעהרט צום קאָמענדאַנט און דערצעהלט עס איהם. רופט ער זיין דינער אַ סאָלדאַט און הייסט איהם: „איוואַן, געה מיט איהם צו די פערד, און אויבּ דאָרט געפינט זיך זיין פערדעל, זאָג, אַז איך האָבּ געהייסען איהם אָבּגעבּען.“ בּיז מיר זענען געקומען, האָבּען די סאָלדאַטען בּעהאַלטען מיין פערדעל. איך זוך און געפין איהם נישט. קומען מיר צוריק און איוואַן זאָגט, אַז מיין פערד איז דאָרט נישטאָ. „ע-ע, האָסטו געוואָלט מיך אָבּנאַרען,—שרייט אויס דער פּאָלקאָווניק—איוואַן, בּרענג אַ שטריק און הענג איהם אויף פאַר די פיס אויפ׳ן בּוים אויף פינף מינוט. זאָל ער וויסען, ווי אָבּצונאַרען!“ איוואַן מאַכט קיין שהיות נישט, בּינדט מיר די פיס מיט אַ שטריק, וואַרפט

אַריבער דעם שטריק איבער אַ דיקער צווייג פון אַ בוים און הויבט מיך אָן ציהען אין דער הויך. איך פליה שוין מיט די פיס אַרויף, מיט'ן קאָפּ אַראָב. דערווייל געהט פון שטוב אַרויס אַ יונגערמאַן, אַ סטודענט אָדער אַנ'אָפיציר, דערזעהט ער, ווי מען הענגט מיך און זאָגט צום קאָמענדאַנט: „וואָס טהוט איהר! ווי איז אייך נישט מיאוס אַזוי צו מוטשען אַ מענשען!" גיט דער קאָמענדאַנט אַ געשריי: „איוואַן, לאָז איהם אָב!" לאָזט מיך איוואַן אַראָב פון דער תליה און פענטעט מיך פונאַנדער. שטעל איך זיך אויף די פיס און שטע. אַ מטושטש'ער און טרעהרען גיסען זיך מיר פון די אויגען. גיט אַ געשריי דער קאָמענדאַנט: „נו, וואָס וויינסטו?" ענטפער איך: „ווי זאָל איך נישט וויינען. דאָס איינציגע פערדעל האָט מען ביי מיר צוגענומען, מען האָט מיך געשלאָגען, געהאָנגען און איך בין נאָך דערצו הונגעריג, אַ גאַנצען טאָג נישט געגעסען." „האָסט נישט געגעסען?—רופט אויס דער קאָמענדאַנט.—איוואַן! פיהר איהם אָב אין קיך, גיב איהם אַ גלאָז טהיי און ברויט, לאָז ער עסען!" פיהרט מיך אָב איוואַן אין קיך, גיט מיר אַ גלאָז טהיי, דריי שטיק צוקער און אַ גרויסען שטיק ברויט. עס איך. אויסגעטרינקען דאָס גלאָז טהיי, גיט מיר איוואַן נאָך איינס, ווייטער מיט דריי שטיק צוקער. אין דער צייט געהט דער קאָמענדאַנט אַריין אין קיך, דערזעהט מיך און שרייט אויס אַנ'אויפגערעגטער: „זעה, ווי דער זשיד האָט זיך דאָ פונאַנדערגעלעגט, ווי ביי זיך אין דער היים! אַרויס!!" און גיט מיר דערביי אַ געזונדטען פּאַטש. איך שפּרינג אַרויס פון קיך נישט טויט, נישט לעבעדיג און לאָז זיך לויפען. הער איך, איוואַן שרייט מיר: „שטעה! קום צוריק! דער קאָמענדאַנט רופט!" קעהר איך זיך אום. דער קאָמענדאַנט שטעהט נעבען טהיר פון קיך, האַלט אין האַנד אַ דריי-רובעלדיגעס און דערלאַנגט מיר: „נאַ, נעהם פאַר דיין פערד! און געדענק, אַז ביי אונז, רוסען, שלאָגט מען, מען לאָזט נישט וויינען, נאָר מען בעשענקט מיט געלד!" נעהם איך די דריי רובל, דאַנק אָב און געה צוריק צו מיין פוהרעל. נישט אָבגעגאַנגען קיין הונדערט שריט—יאָגט מיך ווידער אָן איוואַן: „דער קאָמענדאַנט האָט

געהייסען אָבנעהמען בײַ דיר די דרײַ רובל און געבען דיר דרײַ פעטש.״ איך גיב איהם אָב דאָס געלד, נאָר קײן פעטש האָט ער מיר נישט געגעבען, מוחל געווען זיך. קום איך צו מײַן וועגעל. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום ברענגט מיר איוואַן אַ פערדעל. נישט מײַנעם, אַנ׳אַנדערן, אַנ׳ערגערן. „נאַ, דאָס האָט דיר דער קאָמענדאַנט געשיקט פאַר דײַן פערדעל.״

די מעשה, ווי געזאָגט, האָט אויף מיר געמאַכט אַנ׳ערשיטערנדען אײַנדרוק. אין איהר האָט זיך אין אַ בולט׳ן אופן אָבגעשפיגעלט דער כאַראַקטער און אויפפיהרונג פון רוסישען מענשען אויף דער מלחמה (און נישט נאָר אויף דער מלחמה): שאַרפע איבערגאַנגען פון מענשליכקייט צו אומגעלומפערטער אכזריות, אָהן אַ ציל, אָהן אַ מאָטיוו.

און אָט איז נאָך אַ כאַראַקטעריסטישע ערצעהלונג פון אַ גאַליציאַנער יודען, הערש אָרלינג, דרײַאונזיבעציג יאָהר אַלט, פון שטעדטעל יאַוואָרניק רוסקי, ווי אַזוי מען האָט איהם אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט קײן רוסלאַנד.

„דעם לעצטען טאָג פסח זענען געקומען צוויי קאָזאַקען, האָבען מיך אַרעסטירט, אָבגעפיהרט קײן בער און אויפ׳ן צווייטען טאָג אַוועקגעטריבען קײן דאָבראָמיסל. אַז איך האָב געפרעגט דעם אויפזעהער פון טורמע, פאַרוואָס מען האָט מיך אַרעסטירט, האָט ער געענטפערט: „פאַר יעדען רוטענער, וועלכען די עסטרײַכער האָבען אַרעסטירט, אַרעסטירען מיר צוויי יודען.״ פינף וואָכען האָט מען מיך אָבגעהאַלטען אין דער דאָבראָמיסלער טורמע, נאָכדעם צופוס אַוועקגעטריבען אין מאָסיצקי. איך האָב נישט געקאָנט אַניאָגען די יונגערע, בין אָבגעשטאַנען און דער קאָזאַק האָט מיך שטאַרק געשלאָגען. נאָכדעם האָט מען אונז אָבגעשיקט קײן לעמבערג. איך האָב געזאָגט דעם קאָמענדאַנט: „קאָנסט מיך הרג׳ענען, נאָר צופוס וועל איך נישט געהן. איך קאָן נישט.״ האָט ער אויף מיר רחמנות געהאַט, געדונגען אַ פוהר. אין לעמבערג בין איך אָבגעזעסען אין טורמע דרײַ וואָכען. נאָכדעם האָט מען מיך מיט אַנדערע אַרעסטירטע אָבגעשיקט צום וואָקזאַל. פון טורמע צום וואָקזאַל איז געווען עטליכע

וויאָרסט, די פּיס זענען בּיי מיר געווען געשוואָלען און אין וואונדען. איך האָבּ נישט געקאָנט געהן אין די שטיוועל און האָבּ זיי אַראָבּגענומען. איך האָבּ געהונקען און אָפּט אָבּגעשטעלט זיך. האָט דער קאָזאַק מיך שטאַרק געשלאָגען. אַ פערבּייגעהענדער רוסישער סאָלדאַט האָט אָנגעהויבּען שרייען אויף איהם: „וואָס האָסטו צו איהם? זעהסט דאָך, אַז בּיי איהם זענען וואונדען אויף די פּיס!" האָט דער קאָזאַק מיך אָבּגעלאָזען. דער סאָלדאַט האָט אַרויסגענומען אַ טיכעל, צוריסען און איבּערגעבּונדען מיר די וואונדען. נאָכדעם האָט ער איינגעבּעטען אַ דורכפאָהרענדען פויער, ער זאָל מיך נעהמען אויף זיין פוהרעל. יענער האָט מיך גענומען. דער קאָזאַק האָט אָנגעיאָגט דאָס פוהרעל און גענומען מיך ווייטער שלאָגען אַזוי שטאַרק, אַז איך בּין געפאַלען חלשות. די פאַרבּייגעהענדע קריסטען האָבּען איהם געשריען: „וואָס מוטשעסטו אַ מענשען? ווילסט הרג׳ענען איהם, טאָ הרג׳ע מיט אַמאָל." האָט ער מיך אָבּגעלאָזען. די קריסטען האָבּען מיך אָבּגעמינטערט און אָבּגעפיהרט צום וואָקזאַל. נאָכדעם האָט מען מיך אָבּגעשיקט אין בּריסק, פון דאָרט אין טווער. דער קאָמענדאַנט פון טורמע, זעהענדיג, אַז איך עס נאָר בּרויט מיט טהיי און געה אויס, האָט מיך צוגערעדט עסען פון קעסעל. אַז איך האָבּ זיך אָבּגעזאָגט, האָט ער עטליכע מאָל געקויפט פאַר זיין געלד בּולקעס און מיר געגעבּען."

מיר איז שוין אויסגעקומען עטליכע מאָל צו קאָנסטאַטירען, אַז איינציגע גאַליציאַנער יודען, געפלאָגטע און רואינירטע דורך דעם רוסישען מיליטער, האָבּען זיך אָבּגערופען מיט ענטציקונג וועגען כאַראַקטער פון אַ רוסישען מענשען און געבּראַכט פאַקטען, וואו אַ רוסישער סאָלדאַט אָדער אָפיציר האָט אַרויסגעוויזען אַנ׳אידעאַליזם און אַ ריהרענדע מענשליכקייט. אַזעלכע פאַקטען איז מיר אויסגעקומען צו בּעגעגענען גאַנץ אָפּט. איך וועל דאָ בּרענגען נאָר אַ פּאָר פון זיי.

אָט וואָס עס שרייבּט אַ יודישער סאָלדאַט אין אַ בּריף צו זיינע עלטערן:

„געווען איז עס השענה רבה. אַ זייגער עלף מיטאָג (מיר האָבען זיך דאַן געפונען ביים אָסאָוועצער פעסטונג), פּלוצלונג הערען מיר דאָס רופען פון זעהר אַן אַלטען גענעראַל מאַיאָר, ראָמאַנטאָוו: „יעוורעי, קאָ מניע". וויר זענען אַרויסגעגאַנגען פון סטראָי ביז צווייהונדערט יודישע סאָלדאַטען. דער גענעראַל הויבט אָן פאָלגענדע רעדע: (אין בריף איז די רעדע איבערגעגעבען אין רוסיש).

„קינדער יודען!"

„ווייסט איהר וואָס פאַר אַ טאָג עס איז ביי אייך היינט? היינט איז אַ טאָג ווען אייערע תפי׳ות ווערען אָנגענומען. טהוט תפילה צו אייער גאָט, צו גאָט פון ישראל, צו גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב, דער גאָט, וועלכער האָט אייך אַרויסגע-פיהרט פון דער קנעכטשאַפט פון מצרים און אַריבערגעפיהרט איבער׳ן ים סוף איז אַ גרויסער גאָט און אַ לייטזעליגער. ער שפּרייט אויס זיין האַנד און נעהמט צו די תפילות פון זיין געליבט פאָלק. אונזער יעזוס קריסטוס שטאַמט דאָך אויך פון אייערע יודען. טהוט תפילה קינדער ווי יעדער קען: ווער עס האָט אַ סדור, איז פון אַ סדור, ווער אויסווענינ. עס קאָן זיין אַז דורך אייערע תפילות וועט אונז גאָט העלפען!" א. אַ. וו.

„די ווערטער האָבען זעלבסטפערשטענדליך אויף אונז גע-ווירקט אַלס אַ דרשה פון גרעסטען רב. יעדערער האָט תפילה געטהון, נאָכדעם זענען מיר צוריקגעטראָטען אין סטראָי.

י. מ. פערפיקאַר.

עס איז מעגליך אַז דער אַלטער גענעראַל וואָס האָט גע-וואוסט פון יודישע יומים-טובים און אין אַזאַ טאָן גערעדט ווע-גען יודישען גאָט האָט געשטאַמט פון יודען. נאָר אָט ליגט פאַר מיר אַ בריף אין פּראָסקוראָווער יודישען הילפס-קאָמיטעט פון אַ גלה פון שטעדטעל סאַטאַנאָוו. ער שרייבט וועגען אָרטיגען קריסט-ליכען הילפס-קאָמיטעט, (די יודען האָט מען פון דאָרטען אַרויס-געשיקט): „כל זמן אונזער קאָמיטעט האָט געאַרבייט איז אַלץ געווען אין אָרדנונג. די הייזער זענען געווען פער׳חתמ׳עט, אַלץ איז געווען שטרענג אָבגעהיט און עס זענען נישט פאָרגעקומען

קיין שום גזילות. נאָר מיט דעם אָנקומען אין סאַטאַנאָוו פון דער עטאַפּנער ראָטע, האָבען אונזערע וועלכער אָבגעזאָגט זיך צו דינען און דער קאָמיטעט, זעהענדיג זיין אָהנמעכטיגקייט, האָט געמוזט אָבשטעלען זיין טעטיגקייט. ביי איצטיגער צייט, זענען אַ העלפט פון די יודישע וואוינונגען צורויבט, דאָס גוטס פונאַנדערגעשלעפּט. דערום דאַרף דער פּראָקוראָוער קאָמיטעט תיכף ומיד אָננעהמען אַלע מעגליכע מיטלען, כדי אָבצוהיטען דאָס ביסעל אָרימקייט וואָס איז נאָך איבערגעבליבען. אויך דאַרף ער זעהן עס זאָל איינגעאָרדענט ווערען אַנ׳אויספאָרשונג, ווער איבערהויפּט האָט גע׳גזל׳ט און געהאַנדעלט אין מאַרק מיט די אָנגערויבטע זאַכען (דאָ אויפ׳ן אָרט איז נישט שווער עס קלאָר צו מאַכען). עס וואָלט נישט שאָדען אָנריהרען אויך די פראַגע, פאַרוואָס די מאַכט האָט דאָ אויפ׳ן אָרט נישט אָנגענומען קיין שום מיטלען געגען די רויבערייען... נעהמט אָן מיטלען וואָס גיכער, וואָרום אין אַ דריי-פיער וואָכען אַרום וועט אין די יודישע הייזער נישט פערבלייבען אפילו קיין בלאָטיגע טראַנטע.״

מיט אַכטונג דער גלה וו. וואָלאָסעוויטש.

מיטגליד פון קאָמיטעט (אונטערשריפט) 8 אויגוסט (1915).

און אָט איז אַ בריף פון אַ רוסישען פּראַפּאָרשטשיק צו אַ יודיש מיידעלע פון זעקס יאָהר פון אַ געזינד, וואו ער איז געשטאַנען אַ קליינע צייט.

„אַ צואה ניוטע׳ן פון אַ מענשען וואָס כּרעט אַריין אין שלאַכט. אַז דו וועסט, ליבע ניוטאָטשקע, אויסוואַקסען אַ גרויסע, האָב ליב דיין פיל-ליידענדעס פאָלק, נישט זאָג זיך אָב פון איהם און שטאָלציר דערמיט וואָס דו ביזט אַ יודיש קינד.

„פערברענגענדיג עטליכע טעג פאַר דער שלאַכט ביי דיינע עלטערן, וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען אונז קריסטען, וועלכע אונטערדריקען אייך, אַזוי פיל ליבליכקייט און גאַסטפריינדליכקייט, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אייער פאָלק טראָגט זיך אויף צו אַלעמען, אָהן אונטערשיד פון גלויבען, ווי צו ברידער. ביי אונז אַלעמען איז איין גאָט, צו וועמען מיר טהוען תפילה און וועלכער וועט אייך יודען אַרויספיהרען אויף אַ ליכטיגען וועג.

„דו, ניוטע, ביזט גליקליך וואס דיין לעבען פאנגט זיך אן אין אזא צייט, ווען אונטער'ן דונער פון הארמאטען און שטורם פון ביקסען, אבגעבענדיג דאס לעבען פאר א גרויסען ציל, בעהעפטען מיר מיט אונזער בלוט אלע פעלקער אין איין געזינד. אז די גרויסע מלחמה וועט זיך ענדיגען, פערגעסט נישט יענע, וועלכע האבען אין די קאלטע אקאפעס בעגעגענט דאס געבורט פון יעזוס קריסטוס, וועלכער האט אנגעזאגט אונז ליבען אלע נאהנטע.

דער פראפארשטשיק פון 247 פיעכאטנעם, מארשרוטנעם פאלק, ניקאלאי מאסלעניקאוו.

און צוגלייך מיט דעם אזעלכע שרעקליכע און ווילדע מעשים, בנוגע צו יודען, וואס דער מוח קאן זיי קוים פערטראגען.

א רוסישער אפיציר האט מיר דערצעהלט:

—איך פאהר צו צו א דארף, וואו עס זענען געשטאנען קאזאקען. איך זעה עפעס פליהט אין דער לופטען, פאלט אראב און פליהט ווייטער. איך פאהר צו נעהנטער און זעה: עס שטעהט א מענגע קאזאקען און איינער ווארפט אין לופטען א צובלוטיגט גופ'ל פון א קינד פון א יאהר צוויי און די איבעריגע כאפען עס מיט א געלעכטער אונטער אויף זייערע פיקעס. דאס האבען די קאזאקען געכאפט א יודיש קינד און „שפּילען זיך מיט איהם!"

אין א שטעדטעל נעבען וואלקאוויסק וועלכעס די רוסען האבען פערנומען, האבען די סאלדאטען צונויפגעטריבען אויפ'ן מארק אלע יודען, גענויט זיי אויסצוטהון זיך מוטער נאקעט און טאנצען מאנסביל מיט פרויען, נאכדעם גענויט נאקעטערהייד צו פאהרען רייטענדיג אויף חזירים און לסוף דעם צעהנטען געשאסען. דאס איז אויך געווען א מין „שפּיל".

מען האט גענויט א זוהן ער זאל אליין אויפהענגען זיין פאטער. אין שטעדטעל באזארדין, פון וואנען אלע יודען זענען אנטלאפען, האט מען אויסגעגראבען פון קבר א יונגענמאן וועלכען מען האט מיט א טאג פריהער מקבר געווען און אין טלית אויפגעהאנגען. און נאך און נאך אזעלכע „שפּילען".

די דייטשען האָבען אויך אַרויסגעוויזען געבוג אכזריות. אין שטעדטעל בלאָניע, ביי וואַרשא, האָט מיר דער אָרטיגער באָטאַריוס דערצעהלט:

—אַז די דייטשען זענען צום ערשטען מאָל אַריין אַהער, האָבען זיי געפונען אין אַ פאָלוואַרק, עטליכע וויאָרסט פון שטאָדט, אַ באַראַק מיט הונדערט צוויי‌אונצוואַנציג כאָלערא-קראַנקע, וועלכע די רוסען האָבען, אָבטרעטענדיג, נישט בעוויזען מיטצונעהמען. די דייטשען, נישט זענענדיג אימשטאַנד צו בעזאָרגען די קראַנקע און מורא האָבענדיג די כאָלערא זאָל זיך פון זיי נישט פערשפרייטען צווישען דייטשען מיליטער, האָבען אַרומגעלעגט דעם באַראַק מיט שטרוי און אונטערגעצונדען. אַלע הונדערט צוויי‌אונצוואַנציג קראַנקע זענען פערברענט געוואָרען.

איך ווייס נישט וואָס איז גרויזאַמער: פערברענען אַ באַראַק מיט קראַנקע אָדער וואַרפען אין לופטען אַ קינד און אונטערכאַפען איהם אויף פיקעס, אָדער אויסטהון מענשען נאַקעט און בויטען זיי טאַנצען, רייטען אויף חזרים און לסוף שיסען אַ טייל פון זיי. נאָר אין ערשטען פאַל, ווי ווילד און אונמענשליך ער איז, איז אין איהם געווען אַ בעשטימטער ציל, אַ צוועקמעסיגקייט. מיט דעם דייטש האָט מען געוואוסט מיט וועמען מען האָט צו טהון. מען האָט געוואוסט אַז דאָרט וואו איהם איז נויטיג צו זיין ציל וועט ער זיך נישט אָבשטעלען פאַר דער גרעסטער אכזריות. דערפאַר אָבער האָט מען געקאָנט זיין זיכער, אַז וויבאַלד נאָר מען שטעהט איהם נישט אין וועג, קאָן מען זיין רוהיג אַז ער וועט מיט אַ פינגער נישט אָנריהרען. מיט דעם רוס איז מען קיינמאָל נישט געווען זיכער מיט'ן לעבען, מיט דער מענשליכער זעלבסטווירדיגקייט, ווייל אין זיינע מעשים איז נישט געווען קיין צוועקמעסיגקייט, קיין געזונדטע לאָגיק.

אַז איך האָב געזעהן, ווי אין אַ מאָמענט, ווען עס האָט זיך געפאָדערט די אָנשטרענגונג פון אַלע גייסטיגע און פיזישע כחות, כדי אַרויסצוגעהן פון שרעקליכען קריזיס, פערנעהמט מען זיך מיט ווילדע שטותים און בעסטיאַלע „שפילערייען", איז פאַר מיר קיין צווייפעל נישט געווען, אַז רוסלאַנד וועט פערשפילען

די מלחמה. אויסגעלאָזען האָט זיך נאָך ערגער. די שטותים, אין וועלכע עס זענען געווען אַריינגעטהון אַלע, פון דעם פּראָסטען קאָזאַק, ביז ניקאָלאַיען מיט זיין רעגירונג (וואָס איז געווען די „מעשה בייליס", אָדער די אַרויסשיקונג פון יודען פון גאַנצע געגענדען, אויב נישט שגיונות און „קאַפּריז-שפּילען" אָהן אַ שום פּאָליטישען ציל און מלוכה-צוועקמעסיגקייט?) האָבען געבראַכט צו דעם פאַלען פון דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע.

## יג

טשערנאָוויץ, די הויפּט-שטאָדט פון בוקאָווינע, איז אין דעם קליינעם מלוכה'לע כמעט דאָס איינציגע אָרט, וואָס איז גאַנץ געבליבען פון דעם מלחמה-שטורם, אַ מין אָאַזיס אין דעם מדבר פון חורבות און פערוויסטונגען.

נאָך נישט דערפאָהרענדיג עטליכע ווערסט, האָב איך דערזעהן פאַר זיך אַ באַרגיגען אָרט, אַ גרויסע אייראָפּעישע שטאָדט, מיט גרויסע קירכען, פּאַלאַצען און מויערן.

פאָהרענדיג איבער די ברייטע בעלעבטע גאַסען מיט די גרויסע מאַגאַזינען פון אַלערליי עלעגאַנטע אַרטיקלען, זעהענדיג די רייכע מויערן, די האָטעלען, וואו מען קאָן קריגען אַ גוטען און זויבערן צימער, לעזענדיג אויף די וואַנד די אַפישען ווע-גען אָוועדען, קאָנצערטען ספּעקטאַקלען און אַנדערע פערוויילונ-גען, האָב איך זיך געפיהלט, ווי איך וואָלט געווען אַריבערגע-טראָגען אין אַן אַנדער וועלט. דערביי האָב איך בעמערקט ביי זיך אַ מאָדנע און שרעקליכע איבערלעבונג: איך האָב דערפיהלט אַז איך בענק נאָך די פערברענטע צוקאַליעטשעטע היזער און רואינירטע וואוינונגען. אינסטינקטיוו האָט מיין בליק זיי געזוכט. און די היזער מיט די גאַנצע פענסטער, די אָפענע מאַגאַזינען און די רוהיגע גאַסען, דאָס גאַנצע וואָכעדיגע לעבען האָט זיך מיר אויסגעוויזען ווי עטוואָס אוננאָרמאַלעס!... שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט אַז מיליטער-לייט, וועלכע זענען אַ געוויסע צייט

געווען אין קאַמף און שטענדיג געזעהן פאַר זיך הרוגים, צוקאַליעטשעטע גופים און טייכען בלוט, בענקען נאָך דעם. זיי ווייזט זיך אויס בלאַס און נישט נאָרמאַל דאָס געוועהנליכע לעבען, וואו עס זענען נישטאָ קיין צוריסענע לייבער, וואו עס דונערן נישט קיין האַרמאַטען און ס'הערען זיך נישט קיין זיפצען און געשרייען...

אויב טשערנאָוויץ האָט נישט געליטען פון די שרפות און אַרטילעריע-שיסעריי, איז פונדעסטוועגען די בעפעלקערונג, איבערהויפט די יודישע, גענוג אויסגעשטאַנען פון דער מלחמה.

פאַר דער מלחמה האָט די שטאָדט געהאַט כמעט נײַנציג טויזענד איינוואוינער. פון זיי פינפאונצוואַנציג—אַכטאונצוואַנציג טויזענד יודען. נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס די יודען זענען דאָרטען געווען אַ מינאָריטעט, האָבען זיי געשפּילט אין שטאָדט אַ דאָמינירענדע ראָל. דער גאַנצער האַנדעל און אינדוסטריע זענען געווען בײַ זיי אין די הענד, די העכסטע שטעלען אין די אָפיציעלע אַנשטאַלטען האָבען פערנומען יודען. אין אוניווערזיטעט זענען די פּראָפעסאָרען און סטודענטען געווען מעהרסטענטייל יודען, אַזוי, אַז דער אוניווערזיטעט האָט זיך געקאָנט רעכענען פאַר אַ יודישען: אין איהם איז די יודישע שפּראַך געווען אָנערקענט אַלס אַ נאַציאָנאַלע און געווען גלייכבערעכטיגט מיט אַנדערע שפּראַכען. אין די מיטעלע און פאָלקס-שולען האָבען יודען אויך געהאַט אַזעלכע רעכט, וועלכע זיי האָבען נישט אין קיין שום אַנדער לאַנד. די שולען וואו יודישע שילער זענען געווען מעהר ווי קריסטליכע, האָבען געפייערט שבת אָנשטאָט זונטאָג.

דער בירגערמייסטער און אַ גרויסע טייל מיטגלידער פון מאַגיסטראַט זענען געווען יודען. אין שטאָדט האָב איך געטראָפען פיל ערטער מיט יודישע נעמען: „הערצעל-פּלאַץ", „באַראָן הירש-גאַס", „עמיל פראַנצאָז-גאַס" און אַנדערע. אין צענטער שטאָדט געפינט זיך אַ פּרעכטיג פאָלקס-הויז מיט'ן אויפשריפט „בית עם", וואָס האָט געקאָסט אַ האַלבען מיליאָן קראָן. עס איז

דאָ אַ בית-יתומים, וואָס איז בעזאָרגט מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַ מיליאָן.

דער אויפטראָג צווישען יודען און קריסטען איז געווען אַ פריינדליכער. מען האָט נישט געוואוסט פון אַנטיסעמיטיזם און נאַציאָנאַלע העצעריי. דער רב און דער בישאָף האָבען אין די יודישע און קריסטליכע ימים-טובים אָבגעגעבען איינער דעם צווייטען אָפיציעלע וויזיטען.

די שטאָדט איז אַ נייע, עקזיסטירט קנאַפּע הונדערט יאָהר׳ מיט איהרע געפלאַנעוועטע גאַסען, אָהן אַ סטיל געבידטע, רייכע און גרויסע געביידעס, דערמאָהנט זי אַ ביסעל אָדעס. די אָנגעפאָהרענע בעפעלקערונג האָט נישט בעשאַפען קיין בעשטימטע קולטור, קיין פעסטע יסודות. נישט די דייטשען, נישט די פּאָליאַקען און, וועניגער פאַר אַלץ, די אָרטיגע בעפעלקערונג, די בוקאָווינער רוטענער, האָבען דאָ נישט פערנומען די אויבערמאַכט. אַזוי ווי דאָס גרעסטע טייל אינטעליגענץ איז געווען אַ יודישע, וואָלטען זיי געקאָנט שאַפען אַ הערשענדע יודישע קולטורעלע סביבה. נאָר זיי האָבען דאָס נישט בעוויזען צו טהון, דערפאַר אָבער האָט זיך דאָ נישט געשאַפען און נישט געקאָנט זיך שאַפען קיין אַסימילאַטאָרישע שטרעבונג, פשוט דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען מיט וועמען צו אַסימילירען זיך. גיכער וואָלטען זיך געקאָנט די אַנדערע אינטעלעקטועלע עלעמענטען אַסימילירען מיט יודען, ווען די יודישע אינטעליגענץ וואָלט זיין מעהר נאַציאָנאַל געשטימט.

אויב עס איז ריכטיג כאָטש אַ העלפט דערפון, וואָס מען האָט מיר דערצעהלט פון דעם פריהערדיגען לעבען אין טשערנאָוויץ, איז דאָרטען, ווי איבעראַל אין בוקאָווינע, געווען אַ יודישע עלדאָראַדאָ, אַ מין גן-עדן. מיט דער רוסישער אָקופּאַציע איז עס אַלץ פערניכטעט געוואָרען. די יודישע בעפעלקערונג איז געוואָרען צוזייהט און צושפּרייט. די איבערגעבליבענע זענען געוואָרען רואינירט. ביי יודען האָט מען אָבגענומען אַלע—נישט בלויז נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע—נאָר אפילו עלעמענטאַרע מענש-

ליכֿע רעכֿט און דאָס ביסעל יודישע קולטור, וואָס דאָ האָט זיך געשאַפֿען, איז אינגאַנצען חרוב געוואָרען.

צום ערשטען מאָל האָט דער רוסישער חיל פֿערנומען די שטאָדט דעם 1 סעפּטעמבער 1914. זענענדיג אָנגעשראָקען פֿון די אכֿזריות פֿון רוסישען חיל אין אַנדערע ערטער, זענען כמעט אַלע רייכֿערע און אינטעליגענטע יודען בעצייטענס אַוועק צוזאַמען מיט די עסטרייכֿער, לאָזענדיג אויף הפקר די וואוינונגען מיט דעם גוטס וואָס מען האָט קיין צייט נישט געהאַט מיטצונעהמען. פֿערבליבען איז נישט מעהר ווי אַ העלפֿט פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג. טראָץ אַלע ערוואַרטונגען, האָבען דאָ די אָקופּאַנטען געהאַלטען זיך אָנשטענדיג. פֿערבליבען זענען די רוסען אין שטאָדט זעקס וואָכֿען. דעם 15 אָקטאָבער זענען זיי אָבגעטראָטען, נעהמענדיג מיט זיך עטליכֿע צעהנדליג ערוב'ניקעס, מעהרסטענטייל יודען. אין אָנדערטהאַלבען חדשים אַרום, דעם 27 נאָוועמבער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט און ווייטער פֿערבליבען צוויי מיט אַ האַלבען חודש. דער 17 פֿעברואַר 1915, האָבען זיי צום צווייטען מאָל פֿערלאָזען די שטאָדט. מיט אַ פּאָר וואָכֿען פֿאַר דעם, האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר (יעווריעינאָוו) אַרויסגערופֿען אין מאַגיסטראַט צוואַנציג פֿון די אָנגעזעהענסטע יודישע בעלי-הבתים, האָט געהאַלטען אַ שאַרפֿע רעדע וועגען „יודישען פֿעררעַט”, אַרויפֿגעלעגט אויף דער יודישער בעפֿעלקערונג פֿאַר „פֿעררעַט” אַ קאָנטריבוציע פֿון פֿופֿציג טויזענד רובל און גענומען פֿון די צוואַנציג גערופֿענע זיבען—אַכֿט ערוב'ניקעס. די קאָנטריבוציע האָט מען אַריינגעטראָגען, נאָר די ערוב'ניקעס האָט ער נישט בעפֿרייט. אין עטליכֿע טעג אַרום האָט מען אַרעסטירט נאָך פֿיל יודען, מען האָט געזאַמעלט אַכֿצעהן טויזענד רובל און אַוועקגעטראָגען יעווריעינאָוו'ן אַ מתנה, ער זאָל בעפֿרייען די אַרעסטירטע. נאָר ער האָט דאָס געלד נישט גענומען און די אַרעסטירטע אָבגעשיקט קיין רוסלאַנד.

צום דריטען מאָל האָבען די רוסען פֿערנומען די שטאָדט דעם 18 יוני 1916. דאָס מאָל איז פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, מען

האָט געריבט די געוועלבער און צוויי טעג גע׳שכור׳ט אין די גאַסען. צום דריטען אַריינטריט פון רוסישען מיליטער איז אין שטאָדט פערבליבען פון איבער פינפאונצוואַנציג טויזענד יודישע איינוואוינער נישט מעהר, ווי דרייטויזענד פינפהונדערט, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען זעקסהונדערט פרעמדע, אָנגעקומענע פון די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלעך. (אין גאַנץ בוקאָווינע, חוץ סוטשאָווע און סערעט, זענען פערבליבען, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען, נישט מעהר ווי פופצעהן טויזענד יודען).

דאָס וואָס די שטאָדט איז גאַנץ געבליבען שרייבט מען צו דער ווירקונג פון אָרטיגען בישאָף. מען דערצעהלט אַז ער האָט זיך געווענדט דורך פאָרשטעהער פון אַ נייטראַלער מלוכה צום רוסישען העכסטען הויפט-קאָמאַנדיר מיט דער בקשה צו שאַנעווען די שטאָדט, נישט באָמבאַרדירען און נישט פערברענען זי. ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט איינגעוויליגט—און טשערנאָוויץ איז גאַנץ געבליבען. דערפאַר האָט די רוסישע אַרטילעריע אָנגעווענדט דעם גאַנצען פייער אויף דעם שטעדטעל סאַדיגורי, וועלכעס געפינט זיך דריי—פיער ווערסט פון טשערנאָוויץ, און האָט זי חרוב געמאַכט.

אַז איך האָב זיך צוגעקוקט נעהנטער צום אָרטיגען לעבען, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז עס איז ווייט נישט אַזוי נאָרמאַל, ווי מיר האָט זיך געדאַכט פון ערשטען בליק. פאַר מיר האָט זיך ענטפלעקט דאָסזעלבע טראַגישע בילד, וואָס אין טאַרנאָפּאָל, לעמבערג און אַנדערע „גאַנץ געבליבענע" שטעדט. אָפענע מאַגאַזינען מיט עטליכע פערבליבענע אַרטיקלען אין די אויסשטעלונגס-פענסטער און אינעווייניג, אויף די פּאָליצעס, איז פוסט. (דער איינציגער אַרטיקעל וואָס וואַרפט זיך אומעטום אין די אויגען, זענען די אָרטיגע זעהר שענע אייגענאַרטיגע אויסנייהונגען און קרוזשעוועס). קיין איין יובעליר אָדער לוקסוס-מאַגאַזין איז נישט צו טרעפען. אין דאָס פובליקום וואָס פערפולט די גאַסען, איז דאָ אפשר אַ צעהנטע טייל ציווילע, די איבעריגע בעשטעהט פון רוסישען מיליטער, סאַניטאַרען, שוועסטער און אַנדערע אָנגעשטעלטע. די אַפישען, אַז מען לייענט זיי

איבער אויפמערקזאַם, ווייזען אָן אויף ליבהאָבערישע ספּעקטאַקלען און קאָנצערטען פון גאַנץ אומבעוואוסטע מוזיקאַנטען. די שענסטע און בעסטע וואוינונגען אין שטאָדט זענען פערנומען דורך העכערע מיליטער-לייט און בעפולמעכטיגטע פון די פערבאַנדען. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין צעהן אָדער מעהר אַזעלכע וואוינונגען. אַלע זענען זיי געווען יודישע. אין יעדער וואוינונג האָב איך געפונען אויף דער וואַנד הערצעלס פּאָרטרעט און אין שאַנק בראָקהאַוזס ענציקלאָפּעדיע.

איך האָב פערבראַכט עטליכע טעג אין טשערנאָוויץ, בעזוכט אייניגע יודישע אַנשטאַלטען, אומשפּאַצירט איבער די גאַסען. מיך האָבען אָבגעשטעלט די אָנגעקלעבטע אויף די ווענד פעראָרדנונגען, אָהן אַ צאָהל בלעטלעך אין דייטש, פּויליש און רוטעניש. דאָ זענען פערבליבען די פעראָרדנונגען פון דער דייטשער מאַכט און פרידליך פערבליבען אין שכנות מיט די פעראָרדנונגען פון די רוסען: אַ דייטשער בעפעהל צו פערזייהען די פעלדער און נעבען איהם אַ רוסישער: אַרויסגעבען דאָס געוועהר. ווייטער אַ דייטשער: מען זאָל נישט עסען קיין פיש פון די טייכען, ווייל זיי זענען פער׳סמ׳ט פון די הרוגים—און אַ רוסישער מען זאָל האַלטען אָפען די קלייטען און אַזוי ווייטער.

צווישען די גאַסען-דורכגעהער האָבען זיך אויסגעטיילט מיט זייער אויסזיכט און אַנצוג, קירגיזען און סאַרטען, וועלכע זענען אין אַ גרויסער צאָהל געבראַכט געוואָרען פון זייערע סטעפּעס, אַהער און אין גאַליציע אויף אַרבייט, רייניגען און פערריכטען די וועגען. וואו איך בין געפאָהרען האָב איך זיי בעגעגענט. נאָר איבערהויפּט זענען זיי געווען פיל אין טשערנאָוויץ. געהען אום מחנות׳וויז אין זייערע וואַרימע כאַלאַטען, מיט הויכע שפּיציגע היטלען, מיט ענטבלויזטע ברוסטען ביים שטאַרקסטען פראָסט. אָבגעברענטע פון דער זון, מיט אַ פערשטיינערטען אויסדרוק אויף זייערע ווי פון בראָנז אויסגעגאָסענע פּנים׳ער, מיט די פונאַנדערגעשוואומענע, אויף אונזער בליק, העסליכע און אומגעלומפּערטע פּנים-שטריכען. צוקוקענדיג זיך, האָב איך בעמערקט אַנ׳אויסערגעוועהנליכע צייכנונג אין די שטריכען, זעהר

אַ דינע און אַנ׳איידעלע, ווי די אָנגעצייכענטע עסקיזען פון די אַלטע מאָלער. אָנשטאָט די שאַרפע, בעשטימטע און גראָבע צייכענס פון די איירָאָפּעישע פּנים׳ער, זענען דאָ די שטריכען קוים אָנגעצייכענט, מיסטיש נישט פערענדיגט. וואָס מעהר איך האָב זיך צוגעקוקט, אַלץ אינטערעסאַנטער האָבען זיי מיר אויסגעזעהן.

פאָהרענדיג קיין טשערנאָוויץ, האָב איך זיך אָנגעשטויסען אין וועג אויף אַ סצענע ווי ביי אַ מחנה אַרבייטענדע סאַרטען איז געשטאַנען אַנ׳עלטערער פּראַפּאָרשטשיק און מיט אַ ווילדען פּעס געשריען אויפ׳ן אויפזעהער איבער די סאַרטען, אַנ׳אַלטען אונטעראָפּיציר, געזידעלט איהם מיט די שענדליכסטע ווערטער און געשריען: „מעגסט פּגר׳ן, פּגר׳ן, הינטישער זוהן, נאָר מיין בעפעהל זאָלסטו מקיים זיין!!״ דער געשריי האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען ווייט איבער די טויטע ווייסע פעלדער, דער אונטעראָפּיציר איז געשטאַנען ווי אַ פערשטיינערטער מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען און די סאַרטען האָבען אומבעוועגט און גלייכגילטיג צוגעקוקט.

דאָ אין שטאָדט האָבען די סאַרטען אומגעשפּאַצירט איבער די גאַסען לאַנגזאַם, וואַקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אַלץ מיט די ענטבלויזטע ברוסטען, אָבגעשטעלט זיך ביי יעדער אויסשטעלונג אין די פענסטער פון די מאַגאַזינען, געטייטעט מיט די פינגער אויף די חפצים און הילכיג געלאַכט. אין זייער געלעכטער האָט זיך געפיהלט אַ ביטול. פערשטעהט זיך, איך האָב נישט געוואוסט וועגען וואָס זיי ריידען און פון וואָס זיי לאַכען. נאָר נאָך זייער געשאָקעלטען גאַנג, נאָך זייער רוהיגקייט און דעם געלעכטער, האָט מען געקאָנט דרינגען אַז די איירָאָפּעישע קולטור, מיט וועלכער זיי האָבען זיך דאָ צום ערשטען מאָל צוזאַמענגעשטויסען, האָט זיי נישט בעצויבערט, נישט אַרויסגערופען צו זיך קיין עהרענפורכט.

איך האָב זיך בעקענט מיט די פאָרשטעהער פון דער יודישער בעפעלקערונג, מיט די עטליכע כלל-טהוער וועלכע זענען די גאַנצע צייט פערבליבען אין טשערנאָוויץ און אַריבערגעטראָגען

אַלע פּלאָגען און דעם יאָך פון דער רוסישער אָקופּאַציע. איך האָב דאָ געפונען אַ נישט-אָפּיציעל פונקציאָנירענדען קאָמיטעט, אין וועלכע עס זענען אַריין די ה"ה מאַרעק פּיש, אַ רייכער קרעמער, ירמיהו סיקאָפּאַנט, דער פערוואַלטער פון בית יתומים, דוד שעכנער, שמעון סאַס, הערש רימער און לעאָ הערשמאַן.

דאָ האָב איך בעגעגענט גאָר אַנ׳אַנדער אויפטראָג צו דער הילפס-טעטיגקייט, ווי אין אַנדערע ערטער.

—מיר זענען זעהר צופרידען, וואָס מיר האָבען ביז איצט נישט בעקומען קיין הילף פון קיעוו: האָבען זיך ביי אונז נישט געשאַפען קיין שנאָרער,—האָט מיר געזאָגט ה׳ פּיש.

ער האָט מיר דערצעהלט, אַז די שטאָדט נויטיגט זיך נישט אין הילף. אמת, די רייכערע זענען אָבגעפאָהרען, די פערבליבענע זענען רואינירט פון דער מלחמה, פון די רעקוויזיציעס און גזילות, פונדעסטוועגען איז מען נאָך אימשטאַנד אויפצוהאַלטען די אייגענע אָרימעלייט, אפילו די היימלאָזע, צווישען וועלכע עס זענען דאָ ביי פינפהונדערט נויטבעדערפטיגע. צו דעם צוועק האָט מען געזאַמעלט אין שטאָדט דרייסיג טויזענד קראָן. אַז ביי דעם יודישען שפּיטאָל האָבען זיך אויסגעשעפּט די מיטלען און עס האָט געהאַלטען דערביי ער זאָל זיך פערמאַכען, האָט מען אין איין שעה געזאַמעלט פון זיינעטוועגען זעקסטויזענד פינפהונדערט קראָן.

די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבען אַרויסגעזאָגט אַנ׳אַנדער מיינונג. זיי האָבען גערעכענט, אַז אָהן זייטיגער הילף וועט מען נישט אויסקומען. די שטאָדט ווערט אַלץ אָרימער און די וואָס קאָנען געבען, זאָגען זיך אָב. ווען עס וואָלט זיין אַנ׳אָפּיציעל ערלויבטער קאָמיטעט, וואָלט מען געקאָנט אַרויפלעגען אַ צוואַנגס-אָבצאָהלונג. איבערהויפּט איז עס נויטיג צו פּסח. אָבער דער גענעראַל-גובערנאַטאָר וויל בשום אופן נישט ערלויבען דאָ צו גרינדען אַ קאָמיטעט. די איינציגע האָפנונג איז געבליבען אַז איך, ווי אַ פאָרשטעהער פון קיעווער קאָמיטעט, וועל אפשר דאָס פועל׳ן ביי איהם. איך האָב געהאַט פון ה. ד. מאַרגאָלין פון קיעוו, אַ רעקאָמענדאַציע צו טרעפּאָווס אַדיוטאַנט, פּאָלקאָוו-

ניק קרילאָוו, וועלכער האָט מיר געקאָנט בעהילפיג זיין אין דעם ענין.

אָבזאָגענדיג זיך פון דירעקטע הילף פון קיעווער קאָמי־טעט, האָבען די טשערנאָוויצער כלל־טוער מיך געבעטען פועל'ן ביים קיעווער קאָמיטעט ער זאָל געבען אַ הלואה פאַר די פרויען פון די רעזערוויסטען. די פרויען האָבען פון דער עסטרייכישער רעגירונג ביכלעך, לויט וועלכע זיי דאַרפען בעקומען אַ מאָנאַט־ליכען געהאַלט. איצט, בעת דער אָקופּאַציע, קאָנען זיי עס נישט בעקומען. נאָר דאָס געלד איז זיכער און וועט אויסגעצאָהלט ווערען פון דער רעגירונג ווי נאָר עס וועט געשלאָסען ווערען שלום. דערום האָט מען בעשטימט צונויפצושטעלען אַ פאָנד אויף אַרויסצוגעבען, אונטער'ן משכן פון די רעזערוויסטען־ביכלעך, הלואות פופציג פראָצענט פון דעם וואָס עס קומט אויף די ביכ־לעך. מען האָט פאָרגעלעגט זאַמלען צו דעם צוועק אין טשער־נאָוויץ עטליכע צעהנדליג טויזענד קראָן און בעטען דעם קיעווער קאָמיטעט ער זאָל אויך אַזויפיל אויסלייהען, אונטער דער אחריות פון דער אָרטיגער יודישער געמיינדע.

עס איז געוואָרען איינגעאָרדענט ביים ה' סיקאָפּאַנט אַ פערזאַמלונג פון אַ מענשען צעהן—צוועלף, רייכערע בעלי־הבתים וועלכע האָבען אונטערגעשריבען אויפ'ן לייה־פאָנד צוואַנציג טוי־זענד קראָן. איך האָב צוגעזאָגט בעטען ביים קיעווער קאָמיטעט אַן'עהנליכע סומע. ליידער אָבער האָב איך עס נישט געקאָנט אויספיהרען. אַז איך בין געקומען אין קיעוו איז די פינאַנסיע־לע לאַגע פון קאָמיטעט געווען אַזאַ קריטישע, אַז ביי זיין בעס־טען ווילען האָט ער נישט געקאָנט פערהעכערן זיין ביודזשעט מיט אַזאַ סומע.

די ה"ה פיש און סיקאָפּאַנט האָבען מיר פיל דערצעהלט וועגען דעם, וואָס די יודישע בעפעלקערונג איז דאָ אויסגע־שטאַנען און שטעהט אויס פון דער רוסישער מאַכט. באַלד ווי די רוסען זענען אַריין האָבען זיי אַרויסגעיאָגט די יודישע בע־אַמטע פון אַלע אַנשטאַלטען, האָבען פונאַנדערגעלאָזען די יודי־שע קהלה. דעם בירגערמייסטער, אַ יוד, ד"ר ווייסעלבערג האָ־

בען זיי אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין טאָמסק (דערווייל גע-
פינט ער זיך אין קיעוו). צוזאַמען מיט איהם האָבען זיי פער-
שיקט אַ יודישען רעדאַקטאָר פון אַנ'אָרטיגער ציימונג, ד״ר מענ-
שעל. פאַר אַ בירגערמייסטער האָבען זיי בעשטימט אַ פערדעכ-
טיגע פערזענליכקייט וועלכע האָט אַרויסגעוויזען מאָסקוואָפילישע
נייגונגען, וויטעק. דער נייער בירגערמייסטער האָט אָרגאַניזירט
אַ סיסטעמאַטישע בערויבונג פון די יודען. אַזוי ווי דער מאַגי-
סטראַט האָט נישט קיין מיטלען, האָט ער מיט דער ערלויבעניש
פון גענעראַל-גובערנאַטאָר גענומען רעקווירירען סחורות פון די
געוועלבער, פון וועלכע די בעלי-הבתים זענען אָבגעפאָהרען. די
רעקווירירטע סחורות פערקויפט מען, דאָס געלד נעהמט דער
מאַגיסטראַט און פערשרייבט עס אויפ'ן חשבון פון בעל-הבית ווי
אַ חוב פון דער שטאָדט. דאָס איז אָפיציעל. און נישט אָפיציעל
געהט אַ סיסטעמאַטישע גזילה. מען פערשרייבט אַ צעהנטע טייל
פון די סחורות וואָס מען רעקווירירט. דער בירגערמייסטער האָט
ביי זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, מיט אַ דייטשער פרוי פישער בראש,
וועלכע פערקויפט די סחורות פאַר גוטע פרייזען און אויפ'ן
רעכנונג פון בעל-הבית פערשרייבט מען אַנדערע פרייזען, פינף—
זעקס מאָל קלענערע. קיין שום קאָנטראָל איז נישטאָ, דער ביר-
גערמייסטער איז יד אחת מיט די אָרטיגע טשינאָווניקעס און מען
לעבט אָן מיליאָנען. חוץ דעם רייסט מען אויף ביינאַכט געוועל-
בער און מען פיהרט אַרויס פון דאָרט די סחורות. דאָס טהוען
שוין סאָלדאַטען.

צום גענעראַל-גובערנאַטאָר האָב איך זיך געדאַרפט ווענ-
דען נישט בלויז וועגען אַנ'ערלויבעניש צו גרינדען קאָמיטעטען,
נאָר אויך וועגען אַנדערע אָנגעלעגענהייטען. עס איז געווען שוין
אַרום פורים און עס איז אַרויסגעטראָטען די פראַגע וועגען מצה
פאַר די נויטבעדערפטיגע און פאַר די יודישע סאָלדאַטען פון די
אַרמעען וואָס האָבען זיך געפונען אויפ'ן פראָנט. צוזאַמען מיט'ן
ה' האָמעלסקי האָבען מיר געמאַכט אַ סמעטע, זעהר אַ קאַרגע,
און עס איז אויסגעקומען אַז וועניגסטענס, מוזען מיר האָבען
אויף פסח פופציג טויזענד רובל. דאָס געלד האָבען מיר געהאָפט

צו בעקומען פון קיעווער קאמיטעט. אבער דא איז געגאנגען נישט נאר אין געלד. אין גאנצען אקופירטען געגענד איז געווען שטרענג פערבאטען אריבערצופיהרען מעהל פון איין ארט אין אנדערן און פיל שטעדט און שטעדטלעך האבען איבער דעם געקאנט בלייבען אהן מצה. דער גושימאלאווער קאמיטעט האט זיך גענומען קריגען פסח'דיג מעהל פאר דער שטאדט און די נעהנטערע ערטער פאר א ביליגערען פרייז. אויך טארנאפאל איז געווען בעזארגט מיט מעהל. דארט האבען זיך אפילו געפונען סוחרים וואס האבען אונטערגענומען צושטעלען פסח'דיג מעהל פאר גאנץ גאליציע און בוקאווינע, אויב מען וועט בעקומען אנ'ערלויבעניש אריבערצופיהרען עס. מיר האבען אויסגערעכענט, אז עס איז נויטיג פון דרייהונדערט און פופציג—ביז פיערהונדערט זאק מעהל.

ביי טרעפאוו'ן האב איך געדארפט בעטען די ערלויבעניש אויף אריבערצופיהרען דאס מעהל, מען זאל אבלאזען אויף פסח אין די נאהנטסטע שטעדטלעך די יודישע סאלדאטען וועלכע שטעהען נישט ביי די רעכטע פאזיציעס, און ערלויבען איבערשיקען די סאלדאטען אויף די פאזיציעס מצה.

איידער געהן צו טרעפאוו'ן האב איך זיך געזעהן מיט דעם פאלקאווניק קרילאוו. מארגאלינס רעקאמענדאציע האט אויף איהם געמאכט אנ'איינדרוק. ער האט זיך פאר מיר ארויסגעזאגט ווי א היסער יודענפריינד, אויסגעדריקט די גרייטקייט משתדל צו זיין זיך ביי טרעפאוו'ן ער זאל ערפילען מיינע בקשות. דערביי אבער האט ער מיר מיט א זיפץ פערטרויט, אז טרעפאוו איז זעהר צוגעשטויסען געגען די ארטיגע יודען פאר זייער פיינדליכען בעציהען זיך צו די רוסען און עס וועט שווער זיין ביי איהם עטוואס צו פועל'ן. פונדעסטוועגען האט ער מיר גערא טען פרובען זיך. אין א פאר טעג ארום האט ער מיר מודיע געווען אז דער גענעראל-גובערנאטאר האט איינגעוויליגט מיך אויפצונעהמען און בעשטימט א שעה ווען איך זאל צו איהם קומען.

אויפגענומען האט מיך טרעפאוו זעהר קאלט, שטעהענדיג

אין זאַל און נישט דערלאַנגענדיג די האַנד. ער האָט מיך געבעטען איך זאָל איהם קורץ אַרויסזאָגען וואָס איך פערלאַנג. אַז איך האָב אָנגעהויבען ריידען וועגען אַנ׳ערלויבעניש צו אָרגאַניזירען הילפס-קאָמיטעטען, האָט ער מיר איבערגעשלאָגען מיט אונגעדולד:

—אָבער וועגען דעם האָט מען זיך דאָך שוין געווענדט צו מיר און איך האָב קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט. איך קאָן נישט ערלויבען אַז אין אַ בעזיגט לאַנד זאָל די בעפעלקערונג, וועלכע טראָגט זיך אויף צו אונז זעהר פיינדליך, האָבען איהרע אָרגאַניזאַציעס.

—אין גאַנץ גאַליציע זענען אַזעלכע קאָמיטעטען ערלויבט,—האָב איך זיך אָבגערופען.

—וואָס אין גאַליציע טהוט זיך דאָס געהער מיך נישט אָן. און איך רעכען אַז עס איז טאַקי אַ נאַכלעסיגקייט, וואָס זיי זענען דאָרט ערלויבט.

—זיי פונקציאָנירען דאָרט שוין מעהר ווי אַ יאָהר און די אָרטיגע מאַכט איז זעהר צופרידען מיט זייער טעטיגקייט, וועלכע זי געפינט פאַר נוצליך.

—דאָרטען איז אפשר אַזוי און דאָ איז אַנ׳אַנדער לאַגע.

—איך מוז אייך זאָגען,—האָב איך ווייטער גע׳טענה׳ט,— אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ פראַגע וועלכע איז וויכטיג נישט נאָר פאַר דער אָרטיגער בעפעלקערונג, נאָר אויך פאַר דער אַרמעע. דאָרט וואו עס זענען נישטאָ קיין קאָמיטעטען און די בעפעלקערונג איז נישט בעזאָרגט מיט די נויטיגסטע לעבענסמיטלען ברעכען אויס כאָלערא און טיפוס-עפידעמיעס, וועלכע פערשפרייטען זיך אין דער אַרמעע.

—אָבער אום גאָטעס ווילען!—האָט ער אויסגעשריען צורייצט,—וואָס דערצעהלט איהר מיר וועגען דער נויט פון דער בעפעלקערונג? איך ווייס נישט ווי אין גאַליציע איז, אָבער דאָ איז די יודישע בעפעלקערונג רייך, אָנגעשטאָפט מיט גאָלד און נויטיגט זיך נישט אין הילף. די עטליכע אָרימעלייט וועלכע מען

דאַרף בעהילפיג זיין, קאָן מען בעזאָרגען אויפ'ן פּריוואַטען אופן אָהן קאָמיטעטען און אָרגאַניזאַציעס.

זעהענדיג אַז עס איז נישט צו מאַכען, בין איך אַריבער צו די אַנדערע פראַגען: וועגען אַנ'ערלויבעניש צו ברענגען מעהל און בעפרייען די סאָלדאַטען אויף פסח. נאָר טרעפּאָוו האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס געהט נישט אַריין אין זיין קאָמפּעטענץ און וועגען דעם דאַרף איך זיך ווענדען צום נאַטשאַלניק פון שטאַב פון דער אַרמעע, אין קאַמעניעץ פּאָדאָלסק.

פאַר'ן אַוועקגעהן האָב איך זיך אומגעקעהרט צו דער פראַגע וועגען די קאָמיטעטען. האָב אויפגעוויזען טרעפּאָוו'ן אַז נישט ערלויבענדיג זיי צו אָרגאַניזירען, שטעלט ער אַוועק דעם קיעווער קאָמיטעט אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע. דער קאָמיטעט איז ערלויבט, אָנערקענט ווי אַ נוצליכע אַנשטאַלט, בעקומט שטיצע פון דער רעגירונג. נישט האָבענדיג אין בוקאָווינע קיין הילפס-קאָמיטעטען, קאָן ער דאָ נישט פיהרען קיין נאָרמאַלע הילפס-אַרבייט.

דער אַרגומענט האָט אַ ביסעל מעהר געווירקט אויף טרעפּאָוו'ן.

—דערלאַנגט מיר אַנ'אויספיהרליכען בעריכט וועגען אייער בקשה, וועל איך זיך מישב זיין,—האָט ער מיר געענטפערט.

אַז איך בין אַרויס פון זאַל, איז צו מיר אונטערגעקומען קרילאָוו און שטיל איינגערוימט:

—זאָל זיך צו איהם ווענדען דער קיעווער קאָמיטעט מיט אַ שריפטליכער ביטע, זאָלען זיין די אונטערשריפטען פון מאַרגאָלין און בראָדסקי. ער קען זיי. איך וועל אויך בעהילפיג זיין.

צוליב דעם, ווי אויך צוליב די פאָרשטעהענדע השתדלות אין שטאַב אין קאַמעניעץ, האָב איך געדאַרפט פאָהרען אין קיעוו. איך האָב צוגעגרייט אַ בעריכט וועגען מיין טעטיגקייט פאַר די פאָר חדשים וואָס איך בין אַרומגעפאָהרען, אַ פּלאַן פון דער ווייטערדיגער אַרבייט און די סמעטע אויף פסח און צוגעגרייט זיך צו פאָהרען. נאָר פריהער האָב איך בעזוכט די חרוב'ע שטאָדט סאַדיגורע וועלכע געפינט זיך ביי טשערנאָוויץ.

## יד

סאַדיגורע איז שוין אַ צייט מיט יאָהרען די רעזידענץ פון אַ משפחה גוטע יודען וואָס פיהרט איהר יחוס פון בעל-שמ׳ס גרעסטען תלמוד, ר׳ בער מעזעריטשער. דער גרינדער פון דער סאַדיגורער דינאַסטיע, דעם מעזעריטשערס איינִיקעל, ר׳ שלום שכנא פאָגרעבישטשער איז געווען אַ גרויסער בעל-מקובל און אַנ׳אייגענאַרטיגע פערזענליכקייט. ער האָט זיך געקליידט אייראָ-פעיש און געפיהרט אַ ברייט-אַריסטאָקראַטיש לעבען, אויפ׳ן שטייגער פון אַמאָליגע פוילישע מאַגנאַטען. זיין זוהן, דער בעוואוס-טער ר׳ ישראל רוזשינער וואָס האָט זיך צום ערשטען בעזעצט אין סאַדיגורע, האָט איבערגעשטיגען דעם פאָטער סיי אין פער-זענליכער גרויסקייט, סיי אין זיין אויפפיהרונג. די לעגענדע, וואָס דערצעהלט וועגען רוזשינער אַ סך מופתים און פערזיכערט, אַז צו איהם איז אַריבער די נשמה פון בעל-שם, קאָן זיך נישט אָבוואונדערן פון זיין ברייטען און רייכען אַרט לעבען. זיין הויף איז געווען עהנליך צו אַ קייזערליכען: ביים טיש ביי איהם האָט שטענדיג געשפילט אַ קאַפּעליע פון פיערצונצוואַנציג כלי-זמרים; אַרויספאָהרען פלעגט ער נישט אַנדערש ווי אויף זעקס פערד נאַ-שפּיץ. דער זוהן און אייניקעל האָבען איבערגענומען זיין שטייגער לעבען, און דער סאַדיגורער הויף האָט גע׳שמ׳ט פאַר דעם רייכסטען און איידעלסטען רבי׳שען הויף.

די מלחמה, וואָס האָט פערוויסט אַזוי פיל יודישע שטעטלעך, האָט חרוב געמאַכט אויך דעם סאַדיגורער הויף מיט זיין איי-גענאַרטיגען לעבען, מיט זיינע גרויסע, פון דורות געזאַמעלטע אַלטערטימליכקייטען, סיי מאַטעריעלע, סיי גייסטיגע.

פאַר דער מלחמה האָט סאַדיגורע געהאַט אַ בעפעלקערונג פון בערך צעהן טויזענד נפשות, דריי פערטעל פון זיי—יודען. בעת דאָס רוסישע מיליטער האָט אין סעפּטעמבער 1914, צום ערשטען מאָל פערנומען סאַדיגורע, איז דאָרט פאָרגעקומען אַ

שרעקליכער פּאָגראָם. אַלע יודישע הייזער און געוועלבער זע-נען צורויבט געוואָרען, אַ סך יודען דער׳הרג׳עט און פער-וואונדעט.

דער פאָרזיצענדער פון דער אָרטיגער יודישער קהילה און געהילף פון שטאָדט-גאָלאָווא, אַ רייכער און געעהרטער מאַן, קליין לייב רעטטער און נאָך דריי יודען זענען גע׳הרג׳עט גע-וואָרען בעת זיי האָבען פערטיידיגט זייערע פרוי׳ען און טעכטער פון שענדונג. חוץ אַ הונדערט יודישע פרויען וועלכע דער אָר-טיגער אַפּטייקער האָט בעהאַלטען ביי זיך אין קעלער, וואו זיי זענען אָבגעזעסען דריי טאָג אָהן שפּייז און וואַסער, זענען אין שטאָדט אַלע פרויען, יונג און אַלט, אָהן אויסנאַהם, פערגוואַל-טיגט געוואָרען. אין אומגעגענד האָט אַנ׳אָפיציר אַוועקגעפיהרט ביים גוטבעזיצער אליקום גאַסטאַנטער צוויי טעכטער. ביי ווייסענבערגער האָט מען אַוועקגעפיהרט אַ טאָכטער. מען זאָגט אַז מען האָט זיי אין אַ פּאָר טעג אַרום אומגעקעהרט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבען די רוסען פערלאָזען די שטאָדט. ביי זייער צווייטען אָנקומען, אין דעצעמבער דעמזעל-בען יאָהר, זענען כמעט אַלע יודען אַנטלאָפען, מעהרסטענטייל קיין טשערנאָוויץ. זייער האָב און גוטס איז פערבליבען אויף הפקר און געוואָרען צורויבט דורך די פויערים פון די אַרומיגע דערפער. די עטליכע יודען וואָס זענען פערבליבען זענען אויס-געשטאַנען גרויסע ענוים און בלבולים.

אינטערעסאַנט איז דער בלבול, וואָס איז געמאַכט געוואָ-רען אויף צוויי יודען, יצחק שמאַטניק און שמואל זאַגרעבעלסקי (אַ רוסישער אונטערטאַן). מען האָט זיי ביידען אַרעסטירט ווייל אין אַ שפּייכלער אין רבי׳נס הויף, וואו זיי האָבען געוואוינט, האָט מען געפונען אַ טעלעפאָן-אַפּאַראַט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז בשעת עס איז אָנגעקומען די ערשטע אָבטיי-לונג פון רוסישען מיליטער, האָט מען ביים רבי׳ן אין הויז גע-פונען אַ טעלעפאָן, וואָס איז געווען צוזאַמענגעבונדען מיט טשער-נאָוויץ. האָט מען די דראָטען צוריסען און דעם אַפּאַראַט אַרויס-געוואָרפען אין שפּייכלער. אַז אין אַ צייט אַרום איז אָנגעקומען

אַ צווייטע אָבטיילונג און האָט געפונען דעם אַפּאַראַט, האָט מען בעשולדיגט שמאַטניק'ן און זאַגרעבעלסקי'ן, אַז זיי האָבען דורכ'ן אַפּאַראַט אויפגעטראָגען זיך מיט די עסטרייכער, וועלכע האָבען זיך דאַן געפונען אין טשערנאָוויץ און מיטגעטיילט זיי מלחמה־סודות. מען האָט ביידען איבערגעגעבען צו אַ מיליטער-פעלד-געריכט. אָט איז זיין פסק-דין:

„1915 יאָהר, מאַי 16 טאָג. לויט דעם בעפעהל פון זיין קייזערליכען מאַיעסטעט, האָט דער מיליטער-פעלד-געריכט אין אַ צוזאַמענשטעל פון: פּאָרזיצענדען פון געריכט, קאָמאַנדיר פון טיורקמענער רייטער-פּאָלק, פּאָלקאָווניק דראָזדאָווסקי און מיטגלי־דער—שטאַב-אָפיציר אויף שליחות ביים קאָרפּוס-אינטענדאַנט, קאַ־פּיטאַן טשעקערולקוש, אָבער-אָפיציר אויף שליחות ביים קאָר־פּוס-אינטענדאַנט, קאַפּיטאַן זשוריאַרי, פערוואַלטער איבער דער בעל-הבתישקייט פון בריגאַדען-לאַזאַרעט ביי דער 29 בריגאַדע, קאַפּיטאַן שעכאָוואויעוו און דעם עלטערן אַדיוטאַנט פון קאָרפּוס־שטאַב, פּאָרוטשיק אַמעטיסטאָוו, ביי דעם געשעפטספיהרער, פּראַפּאָרשטשיק זוסמאַן—בעטראַכטענדיג דעם ענין וועגען דער בעשולדיגונג פון איצעק שמאַטניק און שמואל זאַגרעבעלסקי אין פערברעכערישע מעשים, וועלכע זענען פּאָרויסגעזעהן אין דעם 13 סטאַטיאַ „בעשולדיגונגס-אוסטאַוו” און דער 2-טער טייל פון 241 סט. פון XXII בוך „פעלד-געריכט-דינים” פון 1869 יאָהר, 4-טע אויסגאַבע—האָט זיי אָנערקענט אונשולדיג אין דעם אַז זיי האָבען, צונויפרעדענדיג זיך פריהער מיט איינאַנדער, אין סוף אַפּריל 1915 יאָהר, אין דער צייט פון דער רוסיש-עסטריי־כישער מלחמה, פון אָרט סאַדיגורע, וואו עס האָט זיך געפונען רוסיש מיליטער, דורך אַ טעלעפאָן וואָס האָט זיך געפונען ביי זיי אין וואוינונג און געווען בעהעפט מיט טשערנאָוויץ, וואו עס האָט זיך געפונען עסטרייכישער מיליטער, מיטגעטיילט די לעצטע אַלערליי ידיעות וועגען צאָהל און אָרט-געפינונג פון דעם רוסי־שען מיליטער—ווייל די בעשולדיגונג איז נישט דערוויזען.

און דערום, אויפ'ן סמך פון 1309 סט. און הוספה VII!

און 1376 און 676 פון XXIV „בוך פון מיליטער-פעלדגעריכטען“ 1869 יאָהר, האָט ער גע׳פסק׳ענט:

די בעשולדיגטע איצעק שמאַטניק און שמול זאַגרעבעלסקי זענען אָנערקענט דורכ׳ן געריכט פאַר פרייגעשפּראָכען.

אונטערגעשריבען: פאָרזיצענדער פון געריכט, פּאָלקאָווניק דראָזדאָווסקי. די מיטגלידער: קאַפּיטאַן טשעקערולקוש, זשוריאַרי, שעבאָוואויעוו, אַמעטיסטאָוו“.

נישט קוקענדיג אויף דעם, האָט מען די פרייגעשפּראָכענע אָבגעשיקט קיין רוסלאַנד, זאַגרעבעלסקי׳ן איבערגעלאָזען אין אין טורמע אין קיעוו און שמאַטניק׳ן פערשיקט קיין סיביר.

---

ווי נאָר איך בין אַרויסגעפאָהרען פון טשערנאָוויץ, האָב איך פון דערווייטען דערזעהן דאָס בילד פון דער חרוב׳ער שטאָדט. אַ גאַנץ פעלד מיט הויכע, האַלב פערוויכערטע קוימענס—סקעלעטען פון פערברענטע הייזער, האַלב איינגעפאַלענע ווענד מיט פּוסטע לעכער אויפ׳ן אָרט פון די פענסטער און טהירען, בערג ציגעל, ליים און צונויפגעדרעהטער, איבערגעברענטער בלעך, די שטאָדט גופא האָט אויסגעזעהן נאָך שרעקליכער, כמעט נישט צו דערקענען, וואו עס זענען פריהער געווען גאַסען. אַלץ האָט זיך ווי צונויפגעשמאָלצען אין איין הורבן.

איך בין אַרומגעפאָהרען די גאַנצע שטאָדט און קיין איין יוד נישט בעגעגענט. די עטליכע יודישע הייזער וואָס זענען געווען נישט איינגאַנצען חרוב, און די פערבליבענע קראָמען אין מאַרק, האָבען פערנומען אָרטיגע און אָנגעקומענע קריסטען, וואָס האָבען קיין יודען אפילו אין שטאָדט נישט אַריינגעלאָזט. די קראָמען, אויף וועלכע עס זענען נאָך פערבליבען די שילדען מיט יודישע נעמען, זענען אָפען, נאָר אין זיי זיצען קריסטליכע פרויען. אַ מאַנופאַקטור-קראָם איז פערוואַנדעלט אין אַ ברויט-קראָם, און אין אַ גאַלאַנטעריי-קראָם פערקויפט מען חזיר.

איך בין געפאָהרען קיין סאַדיגורע אין אַ מיליטערישען אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט אַ יודישען מיליטער-אַרצט פון אַ לאַ-

זאָרעט וואָס איז געשטאַנען אין טשערנאָוויץ, ד״ר ראַטני. איך האָב אויך מיטגענומען אַ סאַדיגורער יוד, אַ מלמד, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אין טשערנאָוויץ און קיין איין מאָל נישט געוואַגט אַריינצוקומען אין סאַדיגורע, מורא האָבענדיג פאַר די סאָלדאַטען און די אָרטיגע גוים. דער יוד האָט מיר פאַר־געלעגט קויפען ביי איהם זעלטענע אַלטע ספרים וועלכע ער האָט בעהאַלטען אין סאַדיגורע. ער האָט געוואוסט, אַז זיין הייזעל אין עק שטאָדט איז נישט פערברענט און האָט נישט געצוויי־פעלט אַז זיינע ספרים זענען גאַנץ.

—איך האָב זיי אַזוי בעהאַלטען, אַז דער מחבל אַליין וועט זיי נישט געפינען,—האָט ער זיך בעריהמט.

זיין הייזעל איז טאַקי גאַנץ געבליבען, נאָר געשטאַנען אָהן טהיר און פענסטער. אינעווייניג איז געווען שטרוי און פערד-מיסט.

דער יוד האָט ווי אַ מטושטש׳ער געקוקט אויפ׳ן הייזעל. ער האָט עס קוים דערקענט.

—וואו זשע זענען בעהאַלטען אייערע ספרים?—האָב איך איהם געפרעגט.

—אויפ׳ן בוידעם...—האָט ער געענטפערט מיט אַ דער־שלאָגענעם קול.

מיר האָבען געקראָגען אַ לייטער און אַרויפגעקלעטערט אויפ׳ן בוידעם. וואו ספרים! אפילו די ציגעל פון קוימען זענען צונומען.

דער יוד איז געשטאַנען אויפ׳ן בוידעם אָבהענדיג, נידער־געשלאָגען און געקוקט אין אַ ווינקעל וואו ער האָט בעהאַלטען די ספרים. ער האָט זיי פערלעגט מיט ציגעל און נישט געצוויי־פעלט אַז קיינער וועט זיי דאָרט נישט אָבזוכען. ער איז גע־ווען שרעקליך איבעראַשט און מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ אַוועק צוריק אין טשערנאָוויץ צופוס.

איך בין אַוועק צום רבי׳נס הויף, וועלכער געפינט זיך במעט אין עק שטאָדט.

צוויי מיטעלאַלטערישע שלעסער, אין מאַוריטאַנישען סטיל,

מיט קיילעכדיגע טורעמס ביי די זייטען, מיט צייהניגע פער-שפיצטע קארניזען, מיט קונציגע ארנאמענטען, מיט מאסיווע טהירען, וואס ווייזען אויס ווי טויערן.ביידע שלעסער—איינער אנטקעגען אנדערן, אקוראט דיזעלבע ארכיטעקטור, דיזעלבע גרויס, געפארבט אין רויט. איינער דעם רבי'נס וואוינונג, דער צווייטער—די שוהל.

ביידע מויערן זענען גאנץ געבליבען. אבער נאר די מויערן, די ווענד. אינעווייניג איז אלץ צורויבט, פערוויסט און שרעקליך פערשמוצט. אין ביידע מויערן געפינט זיך א מיליטע-רישער טיפוס-לאזארעט.

מיט מיר איז דארט פארגעקומען א כאראקטעריסטיש-קא-מישער רוסישער אינצידענט. ווי נאר איך מיט ד"ר ראטני זע-נען אין מיליטערישען אויטאמאביל צוגעפאהרען צום רבי'נס הויף און ארויסגעשטיגען, זענען אונז געשווינד ארויס אנטקעגען ביידע מיליטער-דאקטוירים פון לאזארעט צוזאמען מיט עטליכע בארמהארציגע שוועסטער און סאניטארען.

די דאקטוירים האבען אונז אבגעגעבען „טשעסט" און ארויסגעוויזען, איבערהויפט מיר, א גרויסע אונטערטעניגקייט און גרייטקייט צו דינען. איך האב נישט געקאנט פערשטעהן פון וואנען דאס נעהמט זיך. נאר אז מיר זענען אוועקגעפאהרען, האט זיך ד"ר ראטני שטארק צולאכט און געזאגט מיר:

—איר ווייסט? זיי האבען אייך אנגענומען פאר'ן נייעם דיוויזיע-גענעראל און געווען זיכער, אז איהר זענט געקומען רעווידירען דעם לאזארעט. דער עלטסטער דאקטאר האט עס מיר געזאגט פאר אונזער אבפאהרען.

געגומען האט זיך עס דערפון, וואס מיינע עפאלעטען פון א בעפולמעכטיגטען זענען געווען עהנליך אויף גענעראלישע. ווי די מעשה איז, דערווייל האבען די דאקטוירים מיך אומעטום געפיהרט, אלץ געוויזען און ערקלערט.

מיר זענען אריין אין מויער, וואו עס איז געווען דעם רבי'נס וואוינונג. מיך האט אנגענומען א שוידער פון דעם חורבן וואס איך האב דארט געטראפען: פוסטע און וויסטע חדרים,

שרעקליך פערבלאָטיגטע, פערשפּיגענע אַרומגעריסענע ווענד. אין דעם גרעסטען חדר זענען ביי די וואנד געווען צוגעשטעלט ליג-בענק, אויף וועלכע עס זענען געזעסען און געלעגען קראַנקע רומענישע סאָלדאַטען, נאָר-וואָס געבראַכטע פון די פּאָזיציעס. דאַרע, שוואַרצע, פער׳חושכ׳טע, שאָטענס פון מענשען, אין נאַסע, צוריסענע און פערבלאָטיגטע שינעלען, האַלב-באָרוועסע, זיצען צונויפגעקאָרטשעט, ציטערן פון פיבער און קרעכצען. אין צווייטען חדר האָט מען איבערגעבונדען די וואונדען ביי פער-וואונדעטע. דאָ האָט מען אויך אַרומגעשוירען די טיפוס-קראַנקע. אין דריטען חדר איז איינגעאָרדענט אַ באָד. דאָרט איז איינגע-שמידט אַ קעסעל אונטער וועלכען ס׳איז געהייצט. אין אַ געדיכ-טען פּאַר און אַ שטיקענדען עפּוש האָבען אַרומגעבלאָנקעט עט-ליכע צעהגדליג הוילע, אויסגעדאַרטע, קראַנקע סאָלדאַטען.

אַז מיר זענען געשטאַנען אין ערשטען חדר, וואו עס האָבען זיך געפונען די נאָר-וואָס געבראַכטע פון פראָנט קראַנקע רומענישע סאָלדאַטען, האָט דער עלטסטער דאָקטאָר, אָנווייזענ-דיג אויף זיי, זיך געווענדט צו מיר מיט אַ חניפה-שמייכעלע:

—ווי געפעלען אייך די העלדען, אונזערע בראַווע סאָיוז-ניקעס? כאַ-כאַ! זיי האָבען מסתמא גערעכענט, אַז מלחמה האַל-טען איז אַזוי גרינג ווי שפּילען אין אַ רומענישער קאַפעלע אין אַ קאַפע-שאַנטאַן!

און אַ ביסעל שטילער, ווי מען דערצעהלט אַ סוד, האָט ער צוגעגעבען:

—איהר ווייסט, ווי דער קייזער האָט זיך אויסגעדריקט וועגען רומעניען? ער האָט געזאָגט: „רומעניען איז נישט קיין נאַציע, דאָס איז אַ פּראָפעסיע”. כאַ-כאַ! אַ געניאַלער וואָרט!

אַז מיר זענען אַרויסגעגאַנגען דרויסען, האָט זיך דער דאָקטאָר אָבגעשטעלט און, אָנווייזענדיג אויף די מויערן, גענו-מען דערצעהלען:

—איהר זעהט די פּאַלאַצען? וואונדערבאַרע אַרכיטעקטור, אמת׳ע שלעסער!...—זיי האָבען אָנגעהערט צו זעהר אַ גרויסען יודישען ראַבין, אַ מין אַרכימאַנדריט, ועמען די יודען פערגע-

טערן. ער איז געווען מורא׳דיג רייך, געהאַט הונדערטער מיליאָ-נען, האָט ער דאָס אַלץ בעצייטענס אַרויסגעפיהרט קיין עסט-רייך.

—דאָס הויז—האָט ער אָנגעוויזען אויפ׳ן רבי׳נס וואוינונג—איז אַ היסטאָרישעס. דאָ איז מיט עטליכע יאָהר צוריק פאָרגע-קומען דער בעוואוסטער ביילים-פּראָצעס, וואָס האָט אויפגערו-דערט די וועלט...

—ווי הייסט, דאָ איז פאָרגעקומען ביילים׳עס פּראָצעס?—האָב איך פערוואונדערט איבערגעפרעגט.

—דאָ, דאָ!—האָט ער געענטפערט מיט אַ זיכערן שמייכע-לע, ווי אַ מענש, וועמען עס איז בעוואוסט אַ געהיימניש—דאָס ווייס איך אויף געוויס!

—וואָס רעדט איהר! דער פּראָצעס איז דאָך פאָרגעקומען אין קיעוו!

—אין קיעוו!—האָט ער מיט פעראַכטונג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.—דאָרט איז פאָרגעקומען בלויז אַ פאָרשטעלונג. דאָרט האָבען געטאַנצט מאַריאָנעטען, וועלכע מען האָט געצויגען פאַר אַ שנירעלע פון דאַנען. דער אמת׳ער פּראָצעס איז פאָרגע-קומען דאָ.

—ווי אַזוי זשע?—האָב איך זיך שוין פעראינטערעסירט מיט זיינע רייד.

—אַהער זענען זיך צונויפגעפאָהרען די גרעסטע יודישע „ראַבינעס“ און די רייכסטע באַנקירען פון דער וועלט און מען האָט אונטער׳ן פאָרזיץ פון אָרטיגען „אַרכימאַנדריט“ דורכ-געפיהרט דאָ דעם גאַנצען פּראָצעס, מען האָט אויסגעאַרבייט אַלע דעטאַלען, בעשטימט די גרויסע סומע געלד, וואָס דאָס האָט געדאַרפט קאָסטען. נאָכדעם זענען שוין פון דאַנען געגאַנ-גען אַלע דירעקטיווען און בעפעהלען קיין קיעוו. און וואָס דאָ איז געווען בעשטימט, דאָס איז דאָרט פאָרגעקומען.

ער האָט עס דערצעהלט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז פאַר מיר איז קיין שום ספק נישט געווען, אַז דער אַלטער דיפּלאָ-

מירטער רוסישער אינטעליגענט גלויבט ערנסט אין דער ווילדער לעגענדע.

—דאָ אין דער צווייטער מויער—האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף דער שוהל—איז געווען אַ סינאַגאָגע. מיר האָבען דאָ איינ-געאָרדענט אַ לאַזאַרעט. עס האָבען זיך איינגעשטעלט גאַנצע אַכציג בעטלעך.

איך בין אַריין אין שוהל, אַ גרויסע און זעהר אַ הויכע. דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך אַ וואָרף געטהון אין די אוי-גען, זענען געווען די רייהען בעטלעך, אויף וועלכע עס זענען געלעגען אונטער סאָלדאַטישע שינעלען קראַנקע און גוסס׳ע. די לופט איז געווען אַ שווערע, אַ שטיקענדע. אונזער אַריינקומען האָט צוגעצויגען צו אונז די בליקען פון די קראַנקע: ליידענדע, רחמנות׳דיגע, בעטענדע בליקען, האָבען זיך געצויגען צו אונז נאָך הילף. פון אַנדערע בעטלעך האָבען אונז בעגעגענט בליקען שווערע, ערנסטע און קאַלטע, שוין האָפנונגסלאָזע, אין זיך פערזונקענע. אַ גאַנצע גאַמע בליקען!

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. הויכע, אַרומגעריסענע, פער-שמוצטע ווענד, אויף וועלכע עס זענען נישט וואו פער-בליבען טראַדיציאָנעלע ציורים, לייבען און לעמפערטען, מוזיקאַ-לע אינסטרומענטען. פון באַלטען איז אַראָבגעהאַנגען אַ טייערער נאָר צובראָכענער הענגלייכטער.

נאָר אָט איז מיין בליק געפאַלען אויף דער מזרח-וואַנד— און איך בין פערציטערט געוואָרען פון דעם, וואָס איך האָב דערזעהן. דער רייכער אָרנאַמענט אַרום אָרון-קודש מיט די לוחות איבער איהם, איז געבליבען אומבעריהרט. נאָר אין מיטען, אין פוסטען אָרון-קודש, איז אַריינגעשטעלט אַ גרויסע איקאָנע...

„צלם בהיכל״!—האָט אַ בליץ געטהון ביי מיר אין געדאַנק.

און דאָס האָט מיך מעהר איבערראַשט ווי אַלע פאָגראָמען, וואָס איך האָב געזעהן. אין האַרצען האָט זיך דערוועקט עפּעס אַנ׳אור-אַלט געפיהל, אַנ׳אָבקלאַנג פון חורבן בית-המקדש. איך בין געשטאַ-נען און נישט געקאָנט אָברייסען דעם בליק פון משונה׳דיגען בילד. איך האָב געפיהלט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ מורא׳דיגע

גאָטס-לעסטערונג, אַ פערשוועכונג פון ביידע רעליגיעס. אַ ברו-טאַלע האַנד פון אַ צעווילדעוועטען סאָלדאַט האָט דאָ געמאַכט איבער גאָט דיזעלבע „ראַספּראַווע”, ווי איבער מענשען...

דער דאָקטאָר האָט מיר עפּעס דערצעהלט, נאָר איך האָב נישט געהערט, וואָס ער רעדט.

אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט קיין טשערנאָוויץ, האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ סאַדיגורער יוד, אַ חסיד. איך האָב איהם דערצעהלט, וואָס איך האָב געזעהן אין רבי'נס שוהל. דאָס האָט איהם אָבער נישט איבערראַשט. אויף זיין פערביטערטען פּנים איז געבליבען דערזעלבער קאַלטער, פערשטיינערטער אויסדרוק.

—וואָס איז די שוהל, אַז אַזוינס איז אָבגעטהון געוואָרן מיט'ן רבי'נס קבר...—האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ שטילען ליפּץ.

—וואָס איז אָבגעטהון געוואָרען מיט איהם?

—איהר ווייסט נישט? זיי האָבען דעם גאַנצען בית-עולם חרוב געמאַכט. צושלעפּט און צובראָכען די שטיינער פון די מצבות. און ר' ישראל רוזשינערס אוהל האָבען זיי אַראָבגעטראָגען, דעם קבר פונאַנדערגעגראָבען און די ביינער פונאַנדערגעוואָר-פען... מען האָט זיי געזאָגט, אַז יודען פערגראָבען געלד אין די קברים—האָבען זיי געזוכט...

---

אונטער דעם איינדרוק פון דעם, וואָס איך האָב געזעהן און געהערט אין סאַדיגורער הויף, האָב איך מיך דערמאָהנט אַ לעגענדע וועגען ר' ישראל רוזשינער.

ווי בעוואוסט, איז דער רוזשינער איבער אַ בלבול (מען האָט איהם בעשולדיגט אַז ער האָט בעפוילען אָדער ערלויבט צו הרג'ענען צוויי יודישע מוסרים) געוועזען אַרעסטירט, און אפילו נאָך דער בעפרייאונג האָט מען איהם שטאַרק פערפאָלגט. אַז ער איז אַנטלאָפען קיין עסטרייך, האָט די רוסישע רעגירונג געפאָ-דערט, מען זאָל איהם אַרויסגעבען. מיט גרויס מיה (מיט דער

הילף פון מעטערניכ'ן) האָט זיך איינגעגעבען פועל'ן, אַז די עסטרייכישע רעגירונג זאָל איהם נישט אַרויסגעבען.

אויף דעם באָדען האָט זיך געשאַפען אַ לעגענדע וועגען אַ ריזיגען קאַמף צווישען רוזשינער און ניקאָלאַי דעם ערשטען.

די לעגענדע דערצעהלט, אַז ניקאָלאַי איז געווען אַ פערזענליכער פערביסענער שונא פונ'ם רוזשינער און האָט איהם כל ימיו רודף געווען. דאָס האָט זעהר געוואונדערט די רוסישע מיניסטאָרען און זיי האָבען אַמאָל געפרעגט ניקאָלאַי'ען:

—וואָס רודפ'סטו דעם רוזשינער? פּאַסט עס דען פאַר אַזאַ גרויסען מלך ווי דו ביזט, דאָס גאַנצע לעבען יאָגען זיך נאָך אַ פעראַכטען יודליק?

ניקאָלאַי איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און מיט גרימצאָרן אויסגעשריען:

—וואָס זאָגט איהר מיר „פעראַכטער יודליק"! דאָס גאַנצע לעבען בויג איך די וועלט אין איין זייט און ער בויגט זי אין דער אַנדערער זייט—און איך קאָן איהם נישט גובר זיין!

און ר' ישראל רוזשינער פלעגט זאָגען:

—איך בין געבוירען געוואָרען אין דעמזעלבען טאָג, וואָס ער, נאָר מיט דריי שעה שפעטער—און איך קאָן איהם נישט אָנגרייפען. וואָלט איך געבוירען געוואָרען כאָטש מיט איין פערטעל שעה פריהער, וואָלט איך איהם מנצח געווען.

דער רוזשינער האָט נישט געוואָלט נתגלה ווערען און זעצען זיך על כסא-הצדיק, כל זמן ניקאָלאַי וועט זיין קיסר. ער האָט געשטעלט אַ תנאי:

—אָדער איך, אָדער ער!

איז געוואָרען אַ רעש אין אַלע הכלים און עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז ניקאָלאַי זאָל אַראָבגעוואָרפען ווערען פון דער מלוכה. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ניקאָלאַיס שר. ער האָט אָנגעהויבען טענה'ן:

—וואָס איז דאָס: לת דין ולת דיין? אַזביידע וואָלטען ערשט דאַרפען אַרויף אויפ'ן כסא-המלוכה, וואָלט נאָך געקאָנט זיין אַ רייד, ווער ווע‌מען זאָל אָבטרעטען דאָס אָרט. אָבער

איצט, אַז ניקאָלאַי ירום הודו איז שוין אַ מלך—ווי קאָן מען איהם אַראָבוואַרפען?

האָט דער בית-דין של מעלה בעשטימט ניקאָלאַי זאָל בלייבען מלך און דער רוזשינער זאָל זיך אונטערגעבען און נתגלה ווערען. נאָר כדי איהם מפייס צו זיין, האָט מען ערלויבט ער זאָל דורכגעהן אַלע הכלים און נעהמען דאָרט, וואָס נאָר איהם וועט געפעלען. אַז ער איז דורכגעגאַנגען היכל הנגינה, האָט ער דאָרט גענומען דעם שענסטען נגון.

---

ניקאָלאַי איז לאַנג געשטאָרבען און צופוילט געוואָרען, נאָר די מלחמה צווישען איהם מיט זיין געגנער האָט נישט אויפגעהערט. איבער דריי דורות מלכים האָט ער אויסגעשטרעקט זיין טויטע האַנד. האָט חרוב געמאַכט דעם רוזשינערס הויף, געלעסטערט זיין שוהל און אַרויסגעוואָרפען פון קבר זיינע ביינער.

„טויטע הענד" זענען אין זייערע בייזע מעשים גרויזאַמער ווי לעבעדיגע...

---

אין גאַנצען געגענד פון סאַדיגורע זענען געווען פּאָגראָמען צו עטליכע מאָל. פון שטעדטעל באַשקאַוטסק האָט מען די יודען אַרויסגעטריבען נאַקעטערהייד און אַזוי געטריבען זיי עטליכע ווערסט. כאַראַקטעריסטיש איז וואָס אין אייניגע ערטער, ווי למשל אין וואַסלאַוטסק, האָבען די אָרטיגע פויערים, די רוטענער, אָפען גערויבט יודען, געדראָהט מיט אַ שחיטה און ווי נאָר די רוסען זענען געקומען, זענען די אַלע רויבער געוואָרען מאָסקוואָפילען און אָנגעהויבען בעל-הבית׳עווען אין מאַגיסטראַט. פערקעהרט, אין דעם נאָהנטען שטעדטעל טשערנאָווקי, וואו די יודען זענען אַנטלאָפען און אַכט—צעהן וואָכען אויסבעהאַלטען זיך אין די אַרומיגע וועלדער, האָבען די רוטענער שטילערהייד געטראָגען זיי שפּייז, אָבגעהיט זיי און נישט אַרויסגעגעבען. אַז די סאָלדאַטען האָבען געפונען איינעם פון די יודען

וואָס האָבען זיך בעהאַלטען, שמואל סענדער, האָט מען איהם אויפ'ן אָרט צוהאַקט אויף שטיקער. אין וואַסלאָווסק האָט מען געשאָסען אַ יונגעל אהרן ראַט.

## טו

אין קיעוו האָב איך פערבהאַכט בלויז אַ פּאָר טעג—און די גאַנצע צייט איז אַוועק אין „דינגען זיך" מיט דעם הילפס-קאָמיטעט, וועלכער האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט בעקומען קיין געלד פון פּעטערבורג, געווען שטאַרק פערשולדיגט און נישט געוואוסט וואו צו קריגען די גרויסע סומע, וואָס איך און האָמעלסקי, וועלכער איז אויך געקומען קיין קיעוו, האָבען פון איהם געפאָדערט. דער ביודזשעט אויף פעברואַר האָט שוין דער-גרייכט הונדערט און צוואַנציג טויזענד רובל. עס זענען געווען נישט אויסגעצאָהלט פריהערדיגע חובות און דאָ האָט זיך נאָך געפאָדערט מינימום פופציג טויזענד רובל אויף פסח. בסך הכל ביי צווייהונדערט טויזענד רובל. האָמעלסקי איז געווען אַזוי דע-נערווירט פון דעם דינגען זיך, אַז ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט צו אַרבייטען ווייטער, אויב דער קאָמיטעט וועט גלייך נישט אַרויסגעבען די גאַנצע סומע. מיט פיל מיה האָט זיך איינ-געגעבען צו בערוהיגען איהם. דער קאָמיטעט האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען און אַרויסגעגעבען אַ טייל געלד אויף די לויפיגע הוצאות.

איך האָב אָבגעגעבען אַ בעריכט וועגען מיין טעטיגקייט פאַר די צוויי חדשים און דערלאַנגט אַ פּראָיעקט ווי צו רעאָר-גאַניזירען די הילפס-אַרבייט, כדי אַוועקצושטעלען זי אויף אַ ראַציאָנעלען יסוד. איך האָב פאָרגעלעגט אַריבערצוטראָגען דעם גאַנצען געוויכט אויף דער אויפלעבונג פון די שטעדטלעך וואו-הין די בעפעלקערונג קעהרט זיך אום צוריק. דערביי האָב איך אויפגעוויזען, אַז אין אייניגע אַזעלכע שטעדט (למשל סאָקאָל און קודרענצי) וואו אַ טייל בעפעלקערונג האָט זיך אומגעקעהרט און

אָהן זייטיגער הילף איינגעאָרדענט, נויטיגט מען זיך שוין גאָר נישט אין הילף. אין סאַטאַנאָוו קאָן די הילף פערקלענערט ווערען א. אַ. וו. וואָס איז שייך די אָרטיגע נויטבעדערפטיגע אין די שטעדט פון וואַנען די בעפעלקערונג איז נישט געווען אַרויסגעשיקט, האָב איך פאָרגעלעגט איבערצוגעבען די הילפס-טעטיגקייט פאַר זיי, צו די אָרטיגע קהילות, מיט דעם תנאי, אַז די קהילות זאָלען טראָגען אַ העלפט פון די הוצאות. אין מעהרסטענטייל שטעדטלעך איז עס געווען מעגליך דורכצופיהרען. לויט מיין פראָיעקט האָט דער ביודזשעט מיט יעדען חודש געדאַרפט זיך פערקלענערן אויף פינף—צעהנטויזענד רובל.

דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען מיין פראָיעקט, האָט מיר אַרויסגעגעבען אַלע נויטיגע פאַפּירען אום צו ווענדען זיך אין שטאַב פון דער אַרמעע אין קאַמעניעץ וועגען פסח און אַ ביטע פון קאָמיטעט גופא צום טשערנאָוויצער גענעראַל-גובערנאַטאָר וועגען אַנ׳ערלויבעניש צו עפענען קאָמיטעטען אין בוקאָווינע.

פאָהרענדיג צוריק קיין טשערנאָוויץ, האָב איך זיך געטראָפען אין צוג מיט דעם אַרצט פון דעמידאָווס אָבטיילונג, קאָזשענעווסקי, וועגען וועלכען איך האָב דערמאָהנט אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען. איך האָב איהם פונאַנדערגעפרעגט וועגען דער טעטיגקייט פון דער אָבטיילונג.

—די אָבטיילונג שטעהט אין וואָלאָטשיסק, אָבער אין איהר זענען שוין גאָר נייע מענשען.

—וואו זענען די פריהערדיגע?

—אַוועק אין דער אַרמעע: טאַטאַרניקאָוו, גראַף באָברינסקי און אַנדערע.

—וואָס עפּעס?

—איהר ווייסט דאָך, אַז די יונגעלייט וואָס האָבען ביי אונז געאַרבייט זענען כמעט אַלע געווען פון אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. אַריינגעטראָטען זענען זיי אין דער אָבטיילונג נישט כדי צו בעשיצען זיך פון מיליטער דינסט, נאָר מיט דעם ציל אָבצוגעבען אַלע כחות דער הילפס-אַרבייט. און איך מוז מודה זיין, זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט ווי אידעאַליסטען, ווי בעלי-

תשובות. געהאָרעוועט ווי אייזלען. געשלאָפען אויף דער ערד, געטהון אַלע פּראָסטע און שווערסטע אַרבייטען, געגעסען מיט סאָלדאַטען צוזאַמען פונ׳ם קעסעל מיט דעם הילצערנעם לעפעל, וועלכען זיי האָבען צוגלייך מיט די סאָלדאַטען געהאַלטען אין שטיועל-כאָלעווע. דאָס איז געווען אַ מין „נאַראָדנישעסטוואָ", וואָס האָט פערכאַפּט אַ גרויסען קרייז פון דער אַריסטאָקראַטישער אינטעליגענץ. די שטימונג איז צונויפגעמישט מיט אַ טיפען פּאַטריאָטיזם. איהר קענט אפשר דעם גראַף באָברינסקיס מוטער? זי האָט געהאַט צוויי זיהן. איינער איז געהרג׳עט געוואָרען ביים אָנפאַנג פון דער מלחמה, דער צווייטער, וואָס האָט ביי אונז געאַרבייט, איז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געפאַלען. האָט זי קיין טרעהר נישט אַרויסגעלאָזען. מונטער ווי פריהער. „פאַר רוסלאַנד איז עס גאָרנישט קיין צו טייערער אָפּפער"—האָט זי געזאָגט... יאָ, איז אָט די יונגעלייט, אַז זיי האָבען געזעהן פאַר זיך אָפיצירען און סאָלדאַטען, וואָס געהען אין שלאַכט, ווערען געהרג׳עט און פערוואונדעט אין דער צייט, וואָס זיי זענען געשיצט פון אַ מלחמה-טויט, האָבען זיי נישט געקאָנט פערבלייבען אין אָבטיילונג און אַריבער אין דער אַקטיווער אַרמעע. דער גראַף באָברינסקי איז שוין געהרג׳עט נאָך עמיצער איז דוכט זיך אויך אומגעקומען...

אין טשערנאָוויץ האָב איך דורך קרילאָוו׳ן איבערגעגעבען דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר די ביטע פון קיעווער קאָמיטעט. קרילאָוו האָט צוגעזאָגט זיין הילף. וועגען אַנ׳ענטפער האָב איך געדאַרפט געוואָהר ווערען אין אַ וואָך אַרום.

פּורים בין איך געווען אין שוהל צום לייענען די מגילה. ביים דערמאָהנען המנ׳ען האָבען די קינדער געפּרובט קלאַפּען, גאַנץ שטיל, נאָר די עלטערע האָבען האַסטיג, דערשראָקען, זיי אָבגעשטעלט: „ש-שאַ!"

—פאַרוואָס האָט מען נישט ערלויבט די קינדער צו „קלאַפּען המנ׳ען"?—האָב איך געפרעגט נאָך דעם מגילה-לייענען אַ יודען.

—כע... מען קאָן זיך צושפּען...—האָט ער שטאַמלענדיג

געגענטפערט.—געה דערווייז אַז מען האָט דאָס געמיינט דעם אַמאָליגען המן, נישט דעם איצטיגען.

אין קאַמעניעץ בין איך אָבגעפּאָהרען אויף צוויי דריי טעג, נאָר עס איז אויסגעקומען צו פערבּרענגען אין וועג אַ טאָג זי-בען—אַכט, וויל קיין פּאַסאַזשירען-אייזענבּאַהן-וועג פון טשער-נאָוויץ קיין קאַמעניעץ איז נישט געווען און איך האָב געמוזט צרומפּאָהרען אַ גרויסע שטרעקע.

אין קאַמעניעץ האָב איך געפונען אַ הילפס-קאָמיטעט וועל-כער האָט די גאַנצע צייט ענערגיש געאַרבּייט. דער פּאָרזיצענ-דער פון קאָמיטעט, ה׳ כהן, האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט דער הילפס-טעטיגקייט פון קאָמיטעט און מיט דער אָרגאַניזירונג פון הילף אויף פּסח פאַר די נויטבעדערפטיגע און די יודישע סאָל-דאַטען פון גאַנצען קרייז.

קאַמעניעץ איז אין אָנפאַנג פון דער מלחמה געווען פער-גומען דורך די עסטרייכער. זיי זענען פערבּליבען אין שטאָדט בלויז איין טאָג. ווענען אָט דער קורצער אָקופּאַציע האָט מען מיר אין קאַמעניעץ דערצעהלט גאַנצע לעגענדעס, דורכגעדרונ-גענע מיט אַ גרויסער אידעאַליזירונג פון די עסטרייכער. ווי נאָר זיי זענען אַריין אין שטאָדט, האָט דער גענעראַל, וועלכער איז געווען אַ יוד, געמאַכט אַ וויזיט דעם רב. אַזוי ווי דאָס איז געווען פרייטאָג, האָט ער צוזאַמען מיט׳ן רב מקבל שבת געווען און פערבּליבען בּיי איהם אויף אָוונד-ברויט. אויף דער שטאָדט איז געווען אַרויפגעלעגט אַ גרויסע קאָנטריבוציע וועלכע האָט געמוזט אַריינגעטראָגען ווערען אין פיעראונצוואַנציג שעה. אַזוי ווי עס איז געווען אונמעגליך צו קריגען אַזאַ גרויסע סומע אין אַזאַ קורצער צייט, האָט מען צונויפגעטראָגען פון שטאָדט, פון יודען און פון קריסטען, זילבער, גאָלד און טייערע חפצים. אפילו דאָס זילבער פון די שוהלען און קירכען האָט מען גע-בראַכט. אויף מאָרגען, אַז די עסטרייכער האָבען זיך געקליבען אָבטרעטען, האָט דער גענעראַל געהייסען אומקעהרען צוריק די קאָנטריבוציע. און נאָך אַזעלכע מעשיות.

פריהער, בעת אין קאַמעניעץ איז געווען די סטאַווקע פון

העלסטען הויפט-קאָמאַנדיר, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש׳ן (אפשר האָב איך אַ טעות, מעגליך אַז דאָ איז געווען די סטאַווקע פון הויפּט-קאָמאַנדיר איוואַנאָוו׳ן), האָט דאָ געהערשט אַ מורא׳דיגע שכרות און אויסגעלאַסענקייט, מען האָט געשליידערט מיט געלד. די קרעמער און אַנדערע האַנדעלס-לייט זענען רייך געוואָרען, אָבער די בעפעלקערונג האָט שטאַרק געליטען פון דעם ווילקיר און אויס-געלאַסענקייט פון די שטאַב-אָפיצירען. זינט ברוסילאָוו איז גע־קומען אַהער מיט זיין שטאַב, האָט זיך אַלץ אומגעביטען. בישטאָ קיין שכרות, אין שטאַב הערשט די שטרענגסטע דיסציפּלין, שפּאָרזאַמקייט און אַרבייטזאַמקייט. דער אויפטראָג צו דער בע-פעלקערונג, אפילו צו יודען, איז אַ קאָרעקטער. ברוסילאָוו האָט עטליכע מאָל אַרויסגעוויזען זיין סימפּאַטיע צו יודען, אָבגע-שטעלט די פערפאָלגונגען, וועלכע זענען פריהער געווען איינ-געפיהרט. ער האָט אפילו בעזוכט אַ יודישען אָווענד, וואָס איז געווען איינגעאָרדענט לטובת די מלחמה-געליטענע. ברוסילאָוו׳ן האָבען יודען בכלל זעהר געליבט און געשעצט.

ברוסילאָוו׳ן אַליין איז מיר נישט אויסגעקומען צו זעהן, ער איז געווען קראַנק אָדער פערנומען און איז נישט געקומען אין שטאַב. אויפגענומען האָט מיך דער פערוואַלטער פון שטאַב, אַנ׳אַלטער גענעראַל, האָט מיך אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאַם און אויפגעטראָגען זיך האַרצליך צו מיין בקשה:

—אַלץ, וואָס עס וועט נאָר מעגליך זיין, וועט געשעהן ווערען, אַז די יודישע סאָלדאַטען זאָלען קאָנען ווי געהעריג פייערן זייער פסח,—האָט ער מיר געענטפערט.—אָבער איך ווייס נישט, ווי דורכצופיהרען עס.

—מען דאַרף זעהן ווי ס׳איז געווען דעם פאָריגען יאָהר,—האָט זיך אָבגערופען דעם גענעראַלס אַדיוטאַנט.

—זעהר ריכטיג,—האָט איינגעשטימט דער גענעראַל.—דאָס דאַרף וויסען דער גענעראַל N.

און ער האָט מיר געגעבען אַ פּאַפּיר צום גענעראַל וועל-כען ער האָט אָנגערופען.

נאָר דער גענעראַל N האָט אויך נישט געוואוסט און אָב-

געשיקט מיך מיט אַ פּאַפּיר צו נאָך אַ גענעראַל. דער—צו אַ פּאָלקאָווניק. צוויי טעג בין איך אַזוי אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן, ביז ענדליך מען האָט מיר ערקלערט, אַז עס איז אונמעגליך צו וויסען ווי אַזוי מען האָט זיך אויפגעפיהרט מיט אַ יאָהר צוריק, ווייל דעמאָלט איז דאָ געשטאַנען גאָר אַן אַנדער שטאַב און איז אַוועק פון דאַנען מיט זיין אַרכיוו. איך האָב זיך ווייטער געווענדעט צום פערוואַלטער פון שטאַב. ער האָט מיר צוגעזאָגט איבעררעדען מיט ברוסילאָוו׳ן. צומאָרגענס האָט ער מיר געענטפערט, אַז ברוסילאָוו האָט פעראָרדענט צו ערפילען אַלע מיינע בקשות, 1) אַרויסצוגעבען מיר אַן ערלויבעניש אויף אַריינפיהרען און אַריבערפיהרען פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערן אין גאַליציע און בוקאָווינע פיער הונדערט זעקלעך מעהל. 2) בעפרייען אויף פסח די יודישע סאָלדאַטען וועלכע געפינען זיך אין די רוקען־אָבטיילונגען און ערלויבען זיי פאָהרען אין די נאָהנטסטע שטעדטלעך און 3) ערלויבען אָבשיקען אויף די פּאָזיציעס מצה פאַר די יודישע סאָלדאַטען וואָס געפינען זיך דאָרט.

דער גענעראַל האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט גלייך בעפעהלען פעסטשטעלען, וויפיל יודישע סאָלדאַטען עס געפינען זיך אין זייער אַרמעע, בעשטימען די ערטער וואוהין זיי קאָנען קומען אויף פסח און איינאָרדנען די איבערשיקונג פון מצות פאַר די סאָלדאַטען אויף די פּאָזיציעס.

בעזוכענדיג דעם שטאַב און אַנדערע מיליטערישע אַנשטאַלטען, האָב איך בעמערקט אַז דאָרט הערשט אַ שטאַרקע צורודערונג, נאָר איך האָב נישט געוואוסט די סיבה דערפון. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט. דאָס איז געווען דעם 27—28 פעברואַר (12—13 מאַרט) 1917, בעת אין פּעטראָגראַד האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע. ווייזט אויס, אַז אין שטאַב האָט מען שוין געהאַט ידיעות וועגען דעם, אָדער אפשר פאָראויס געוואוסט וואָס עס וועט פאָרקומען. נאָר אין שטאָדט האָט מען קיין שום אַהנונג נישט געהאַט וועגען דער רעוואָלוציע.

איך בין אָבגעפאָהרען פון קאַמעניעץ דעם 28 און געקו-

מען אין טשערנאָוויץ דעם 1/14 מערץ. געפאָהרען בין איך מיט דער אייזענבאַהן, וועלכֿע איז נאָר-וואָס דורכֿגעפיהרט געוואָרען דירעקט פון קאַמעניעץ אויף טשערנאָוויץ. קיין פּאַסאַזשיר-צוגען זענען דאָ נישט געגאַנגען און איך בין די צוויי טעג געפאָהרען מיט פראַכֿט-וואַגאָנען און אויף לאָקאָמאָטיוועו. פערשטעהט זיך, קיין צייטונגען האָב איך די טעג נישט געזעהן און פון קיינעם נישט געקאָנט הערען קיין נייעס פון פעטראָגראַד. נאָר די געשפּרעכֿען, וואָס האָבען זיך געפיהרט אין מיין געגענוואַרט, זענען געווען זעהר סימפּטאָמאַטישע. צוזאַמען מיט מיר אין אַ טעפּלושקע זע-נען געפאָהרען סאָלדאַטען, אַרבייטער אויף דער ליניע. אַז זיי האָבען אַראָבגענומען די שינעלען און געבליבען אין העמדלעך פערגאַרטעלט מיט שטריקלעך, זענען דאָס געווען געוועהנליכֿע דאָרפישע פּויערים, מיט ברייטע בערד, פערזאָרגטע ענערגישע אַרבייטער-פּנים׳ער און דער גאַנצער געשפּרעך זייערער איז אויך געווען אַ פּויערשער, אַ דאָרפישער: וועגען ערד, וועגען דער זריעה, וועגען יקרות. די מלחמה האָט קיינעם נישט אינטערע-סירט. נאָר אַז דער געשפּרעך איז אַריבער אויף פּאָליטישע טע-מען, האָט מען מיט אַזאַ האַס און צאָרן גערעדט וועגען דער רעגירונג, אַזוי אָפען אַרויסגעזאָגט די פעראַכֿטונג צום קיסר („וואָס ווייסט ער דאָרטען!”) און אָנגערופען אַלע מיניסטאָרען און געגעראַלען גנבים און רוצחים, אַז איך בין געווען איבער-ראַשט.

—דער איינציגער אָרענטליכֿער מאַן איז קערענסקי,—האָט אַרויסגעזאָגט איין סאָלדאַט.—ער גיט זיי אַלעמען אַוועק אַ חלק און גאַנץ אָפען, ער האָט קיין מורא נישט!

אַנדערע האָבען איהם אונטערגעהאַלטען. פון זייערע רייד איז געווען קלאָר, אַז זיי זענען בעקאַנט מיט קערענסקיס טע-טיגקייט אין דומע.

די נאַכֿט פון 13 אויפ׳ן 14-טען (נ. ס.) איז מיר אויס-געקומען צו וואַרטען אויף אַ צוג אין אַ קאַלטען חדר׳ל אויף אַ וויסטען פּאָלוסטאַנאָק, אַז עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, איז אַריין אַ יונגער טעלעגראַפען-בעאַמטער, אַ שכור׳ער. ער האָט לאַנג און

פערביטערט געזידעלט די רעגירונג. איך האָב זיך נישט אָבגע-רופען. נאָכדעם האָט ער אויסגעשריען מיט היץ:

—אָבער זיי בעקומען זייער לוין! ער גיט זיי אַוועק! ער קאַטעוועט זיי!

—ווער?—האָב איך געפרעגט דורכ'ין דרעמעל.

—ווער? קערענסקי! דאָס איז אַ יונג! הערט נאָר וואָס ער האָט זיי געזאָגט.

און ער האָט מיר מיט אַ שכור'ן לשון געגומען איבער-געבען אַ רעדע, וועלכע איך האָב מיט אַ פּאָר טאָג פריהער גע-לעזען אין ציימונג, אָבער די רעדע איז געווען נישט קערענס-קיס, נאָר דעם פּערטרעטערס פון ערד-אַרבייט-מיניסטעריום, רי-טטיק'ס

—דאָס האָט געזאָגט נישט קערענסקי, נאָר ריטטיק,—האָב איך אויפגעוויזען.

—וואָס פאַר אַ ריטטיק? וועלכער ריטטיק? קערענסקי! נאָר ער קען אַזוי ריידען... זיי שאַרפען אויף איהם די צייהן, ווי-לען איהם אַרעסטירען, אָבער, דודקי! זיי וועט זיך דאָס נישט איינגעבען! מען וועט נישט דערלאָזען!

און ער האָט נאָך לאַנג גע'דרש'נט זיין שכור'ע פלאַפּ-לעריי, וועלכע ער האָט אַליין נישט פערשטאַנען נאָר אין איהר האָט זיך דאָ אין פערוואָרפענסטען ווינקעל, אָבגעשפּיגעלט די שטימונג פון דעם היסטאָרישען מאָמענט.

## טז

אין טשערנאָוויץ בין איך געקומען שפּעט ביינאַכט. אויף מאָרגען, דעם II/15-טען אינדערפריה האָב איך געקויפט אַ ציימונג „קיעווסקאַיאַ מיסל" פון II/13—II/28 און דאָרטען קיין איין טעלעגראַם נישט געפונען פון פעטראָגראַד, חוץ אַ קורצע ידיעה, אַז אין די פעטראָגראַדער טעאַטערן זענען קיין פאָרשטעלונגען נישט פאָרגעקומען.

איך בין אַוועק אין קאַנצעלאַריע פון גענעראַל-גובערנאַ-טאָר נאָך אַנ׳ענטפער אויף דער בקשה וועגען די קאָמיטעטען. אין צימער, וואו איך האָב אויפגעוואַרט, איז געזעסען טרעפּאָוו׳ס אַנ׳אַדיוטאַנט און געשריבען. אויפ׳ן טיש איז געלעגען אַנ׳אַר-מעאישע צייטונג פון 1/14 מערץ. איך האָב גענומען די צייי-טונג און דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך אַ וואָרף געטהון אין די אויגען איז געווען, דער בעפעהל פון ניקאָלאַי׳ען פונאַנדער-צולאָזען די דומע.

—די דומע איז פונאַנדערגעלאָזען?—האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטען פון אַנ׳אויסרוף.

דער אַדיוטאַנט האָט זיך אָבגעריסען פון זיין אַרבייט, האָט פערוואונדערט אַ בליק געטהון אויף מיר און אַרויסגערעדט מיט פעראַכטונג:

—דאָס איז שוין אַלטע נייעס.

—וואָס הייסט אַלטע?

מיר איז איינגעפאַלען אַז איך האַלט אין האַנד עפּעס אַנ׳אַלטען בלאַט. נאָר ניין! דער בלאַט איז פון 1-טען מערץ, אַ נעכטיגער.

—אַ נייער מיניסטעריום אין רוסלאַנד, מיט מיליוקאָוו׳ן אין דער שפּיץ,—האָט דער אַדיוטאַנט מיטגעטיילט זעהר רוהיג.

—מיט מיליוקאָוו׳ן בראש? ווי אַזוי?—בין איך ערשטוינט געוואָרען.

—אין פּעטראָגראַד האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציע.

דער אַדיוטאַנט האָט אַרויסגערעדט די פראַזע רוהיג, אָב-יעקטיוו, נאָר אין זיין טאָן האָט זיך געפיהלט אַ צופרידענקייט.

איך בין נישט געבליבען וואַרטען אויפ׳ן ענטפער פון גע-נעראַל-גובערנאַטאָר און געאיילט אַוועק צו מיין בעקאַנטען ד״ר ראַטני. דאָרט האָב איך געטראָפען אַנ׳אונגעהויערע אויפרעגונג. מען האָט מיר מיטגעטיילט אַז אין פּעטראָגראַד איז פאָרגעקומען אַנ׳איבערקעהרעניש, וועגען וועלכער עס צירקולירען משונה׳דיגע קלאַנגען. מען זאָגט, עס זענען דאָ פּיערטוויזענד גע׳הרג׳עטע,

אַז אפילו ניקאָלאַי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן, נאָר אויך רייבטיג ווייסט מען גאָרנישט.

דעם טאָג האָבען מיר איבערגעלעבט אין אַ פיבערהאַפטער ערוואַרטונג. אויף מאָרגען, איז פון פאַרטאָג אָן, ביים בײדעל פון צייטונגס-פערקויפער געשטאַנען אַ גרויסע שורה ערוואַרטער. נאָר די „קיעווסקאַיאַ מיסל" וואָס האָט זיך בעקומען האָט אָפּגעגעבען די האָפּנונגען. אין איהר איז נישט געווען קיין איין טעלעגראַם, קיין איין וואָרט פון פעטראָגראַד און וועגען די דאָרטיגע געשעהענישען, גלייך ווי פעטראָגראַד וואָלט פערשווינדען פון דער וועלט.

דערפאַר אָבער האָבען זיך בעקומען די געשריבענע בױ-לעטינען, וואו עס זענען שוין געווען פיל פרטים וועגען דער איבערקעהרעניש. אין איין ביולעטין איז געשטאַנען אַז פוריש-קעוויטש איז בעשטימט פאַר אַ מיניסטער, אפילו דוכט זיך פאַר דעם פאָרזיצענדען פון מיניסטאָרען-ראַט, אין דעם צווייטען איז קערענסקי געווען אָנגערופען ווי אַ מיניסטער. די לעצטע ידיעה האָט אַלעמען נאָך מעהר איבערראַשט.

אין גאַס האָב איך בעגעגענט אַ מיליטער-אַרצט, מיט וועל-כען איך האָב זיך נאָר איין מאָל געטראָפען אין אַ לאַזאַרעט נאָר נישט געווען פערזענליך בעקאַנט. ער האָט פון דער וויי-טען אָנגעהויבען פאָכען צו מיר מיט אַ פאַפּירעל וואָס ער האָט בעהאַלטען אין האַנד, צוגעלאָפען, געכאַפּט דריקען די האַנד און אויסגעשריען:

—מזל טוב! מזל טוב! איהר זעהט?

און בעוויזט מיר דאָס פאַפּירעל.

—וואָס איז דאָס?

—דאָס, אויף וואָס רוסלאַנד האָט געוואַרט דרייהונדערט יאָהר! ניקאָלאַי איז אַראָפּ, אָפּגעזאָגט זיך פון טראָן!

אין געדרוקטען פאַפּיר איז געווען ניקאָלאַי'ס אָפּזאָג פון טראָן און אויך מיכאַיל'ס תשובה, וועלכע איך האָב פערשטאַנען אין דעם זין, אַז ער נעהמט אָן די רוסלענדישע קרוין. אַזוי האָבען עס אויך אַנדערע פערשטאַנען.

—וואו האָט איהר בעקומען דאָס פּאַפּירעל?

—אין שטאַב. נאָר וואָס אָבגעדרוקט. דערווייל האַלט מען עס בסוד. נאָר מאָרגען וועט מען עס אָפיציעל מעלדען און מען וועט גלייך הייסען די סאָלדאַטען שווערען פאַר מי-כאַיל'ן!

די אָפיציעלע מעלדונג פון שטאַב איז פאָרגעקומען נישט אויף מאָרגען, נאָר מיט אַ טאָג שפּעטער, אַז עס האָבען זיך בעקומען די צייטונגען מיט דער בעשטעטיגונג פון דער רעוואָ-לוציע. איך ווייס נישט אויב אין טשערנאָוויץ האָבען די סאָל-דאַטען געשוואוירען מיכאַיל'ן, נאָר אין אַנדערע ערטער האָט דאָס מיליטער איהם געשוואוירען.

וועגען דער האַלטונג פון ברוסילאָוו'ן זענען געווען פער-שידענע קלאַנגען. מען האָט געזאָגט אַז אויף דער טעלעגראַם פון דער נייער רעגירונג האָט ער געענטפערט: „איך וועל טהון מיין פליכט בנוגע צום פאָטערלאַנד”. אַ בעהוטזאַמער ענטפער, וועלכען מען האָט געקאָנט אויסטייטשען ווי מען וויל. שפּעטער זענען געווען קלאַנגען, אַז די איבערקעהרעניש איז פאָרגעקומען מיט'ן הסכם פון די קאָמאַנדירען מיט רוזסקי און ברוסילאָוו'ן אָן דער שפּיץ, אַז זיי אַלע זענען געווען אין אַ געהיימען פערבאַנד מיט די קאַדעטען.

בלויז דעם 4/17 האָבען מיר בעקומען די „קיעווסקאַיאַ מיסל” מיט דער ערשטער נאַכריכט וועגען דער רעוואָלוציע. אין דער צייטונג זענען געווען אי ניקאָלאַי'ס אי מיכאַילס אָבזאָגען פון טראָן, נאָר די צייטונג האָט אין דער ערשטער מינוט אויך נישט פערשטאַנען דעם לעצטענס אָבזאָג און האָט דעם לייט-אַרטיקעל געווידמעט מיכאַיל'ן מיט אַ לויב-געזאַנג ווי דעם נייעם קיסר.

אין די בעשרייבונגען פון די געשעהענישען אין פעטער-בורג, איז אומעטום, וואו עס איז געווען דערמהאָנט „אַרבייטער-ראַטען”, געווען אַ פוסטער אָרט צווישען „אַרבייטער” און „ראַ-טען”, ווי עס וואָלט זיין דורכגעלאָזען אַ וואָרט, איך האָב נישט געקאָנט פערשטעהן וואָס פאַר אַ וואָרט עס איז דורכגעלאָזען.

נאָכדעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די „קיעווסקאַיאַ מיסל" האָט נישט געהאַט קיין מוט, אָדער די צענזור וועלכע האָט נאָך עקזיסטירט האָט איהר נישט ערלויבט צו שרייבען „אַרביי-טער און סאָלדאַטען ראַטען", כדי די סאָלדאַטען אויפ'ן פראָנט זאָלען זיך וועגען דעם נישט דערוויסען.

אין גאַס איז גאָרנישט געווען צו בעמערקען. די סאָלדאַ-טען, די אָפיצירען האָבען זיך געהאַלטען ווי געוועהנליך. איך האָב געטראָפען אַ גרופע סאָלדאַטען און צוגעגאַנגען. איך האָב דערהערט שטימען:

—אַלע זאָגען, אַז עס איז אַרויס דער אוקאַז!

—ניי אַ קעשענע!

—ווערסט זיך פון זיי דערוואַרטען!

—וועגען וואָס פאַר אַנ'אוקאַז רעדט איהר?—האָב איך גע-פרעגט.

—מען זאָגט אַז עס איז אַרויס אַנ'אוקאַז, אַז סאָלדאַטען זאָלען בעקומען געהאַלט פופציג רובל אַ חודש.

—כאַ, כאַ! פופציג רובל! די גאַנצע קאַזנאַ וועט אויף דעם נישט סטייען!—האָט געענטפערט אַ סקעפטיקער.

אין דער יודישער סביבה האָט די נאַכריכט אַרויסגערופען אַ גרויסען אינטערעס, אַ צורודערונג, אָבער נישט קיין פרייד, גיכער איז מען געווען דערשראָקען. ערשטענס האָט מען נישט געגלויבט אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט. ווער קאָן וויסען וואָס אין אַ רוסלאַנד קומט פאָר? מאָרגען קאָן זיך בעקומען אַ ידיעה, אַז די אַלע רעוואָלוציאָנערן זענען געהאָנגען און געשאָסען און ניקאָלאַי איז ווידער אַ מלך ווי געווען. צווייטענס, האָט זיך ביי דער יודישער בעפעלקערונג געשאַפען אַ שטימונג, אַז מיט דער רעוואָלוציע קאָן רוסלאַנד זיך פערשטאַרקען און געווינען די מלחמה—און דאָס האָט מען בשום אופן נישט געוואָלט. די איינ-ציגע זאַך, וואָס אַלעמען, סיי יודען סיי קריסטען, פון דער אָר-טיגער בעפעלקערונג האָט אינטערעסירט איז געווען די פראַגע, צי וועט די רעוואָלוציע ברענגען צו אַ גיכען שלום? כמעט אַלע

יודען, מיט וועלכע איך האָב זיך די טעג געטראָפען, האָבען מיר קודם כל געשטעלט די פראַגע:

—נו, וואָס? וועט שוין איצט זיין שלום?

איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איך בין געווען זיכער, אַז די רעוואָלוציע וועט אַרויסרופען אַ פּאַטריאָטישע שטימונג און פערציהען די מלחמה. נאָר אַרויסזאָגען עס די אָרטיגע יודען האָב איך נישט געוואָלט. למאי מצער זיין זיי?

---

די רעוואָלוציע האָט אויף אַזויפיל אומגעביטען די גאַנצע לאַגע אין רוסלאַנד, אַז עס זענען אַרויסגעטראָטען גאָר נייע פּערספּעקטיווען בנוגע דעם אָקופּירטען געגענד. עס איז אַרויסגעטראָטען די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען אַזאַ הילפס-טעטיגקייט, וועגען וועלכער מען האָט פריהער נישט געקאָנט אפילו חלום׳ען. אויפ׳ן ערשטען פּלאַן איז געשטאַנען די פראַגע וועגען אָבשאַפען אַלע ספּעציעל-יודישע בעגרענצונגען, אָבשטעלען די גזילות און רציחות וואָס זענען סיסטעמאַטיש פאָרגעקומען, בעשטראָפען די רויבער און, אויף וויפיל מעגליך, פערגיטיגען די בערויבטע. ערלויבען די אַרויסגעשיקטע אומקעהרען זיך אַהיים. ווייטער איז געשטאַנען די אויפגאַבע צו רעאָרגאַניזירען די הילפס-טעטיגקייט אויף דעמאָקראַטישע יסודות, איבערגעבען זי אין די הענד פון די אויפגעלעבטע קהילות, צונויפרופען אַ צוזאַמענפאָהר. נאָר פריהער פאַר אַלץ איז געווען נויטיג, אַז די אַלטע אַדמיניסטראַציע מיט טרעפּאָוו׳ן זאָל ווערען אָבגעשאַפט און אויף איהר אָרט זאָל אָנקומען אַ נייע.

צוליב דעם אַלעם האָב איך געמוזט גלייך פאָהרען קיין פעטראָגראַד, וואו איך האָב געהאָפט אויסצופיהרען אַלץ אָהן מיה. חוץ דעם וואָס אַלע מיינע פאָדערונגען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג פון גאַליציע האָבען געשטימט מיט דער עלעמענטאַרער רעכטפאַרטיגקייט, איז די גאַנצע רעגירונג געווען „אַנ׳אייגענע”: מיליוקאָוו, קערענסקי, אפילו לוואָוו, אַלץ גוטע בעקאַנ-

שע, אייגענע מענשען, מיט וועלכע איך האָב געהאָפט גרינג צונויפצורייידען זיך.

חוץ דער נויטווענדיגקייט צו פאָהרען אין פעטראָגראַד וועגען דער גאַליציאַנער אָנגעלעגענהייט, האָט מיך פערזענליך אויך שטאַרק געצויגען אַהין אינ׳ם צענטער וואו עס שפּילען זיך אָב אַזעלכע געוואַלדיגע היסטאָרישע געשעהענישען, נאָר עס איז אַרויסגעטראָטען אַ מניעה. איך האָב אויף זיך גענומען אָבפיהרען געלד אויף פסח אין עטליכע שטעדט. קיין אַנדערער ווער עס וואָלט דאָס געקאָנט אויספיהרען איז נישט געווען. האָמעלסקי האָט אויף זיך גענומען אַנדערע ענינים און געווען פעררייזט. אָבפאָהרען אין פעטראָגראַד וואָלט הייסען איבערלאָזען די עטליכע פערוואָגעלטע שטעדט אָהן הילף אויף פסח. און ווי מיך האָט נישט געצויגען אין פעטראָגראַד, האָב איך זיך דאָך אָנגעטהון אַ כח און פערבליבען ביז איך וועל אַרומפאָהרען איבער די עטליכע שטעדט.

איך האָב בעדאַרפט בעזוכען די שטעדט סערעט, סוטשאָווע, ראַדאוץ און גורא-הומאָרע, פונאַנדערגעוואָרפענע איבער בוקאָווינע ביז דער רומענישער גרעניץ. קיין דירעקטער אייזענבאַהן-פערקעהר מיט די שטעדט איז נישט געווען, עס איז בייגעשטאַנען צו פאָהרען מיט פראַכט-צוגען, פוהרען און, וואו מעגליך, מיט משא-אויטאָמאָבילען. איך האָב אַזוי געאיילט, אַז איך האָב די נסיעה דורכגעמאַכט אין פיער—פינף טעג.

אַרומפאָהרענדיג האָב איך זיך די עטליכע טעג געפונען אין דער סביבה פון מיליטער-לייט, אָפיצירען און סאָלדאַטען, און אומעטום געטראָפען אַ יום-טוב׳דיגע שטימונג, מען האָט בעגריסט אייגער דעם אַנדערן און אַרויסגעזאָגט די בעסטע האָפנונגען, איבערהויפט אין דעם זין אַז די רעוואָלוציע וועט זיך גוט אָברופען אויף דער מלחמה. די אָפיצירען האָבען אָפען און אַ ביסעל געמאַכט, אַרויסגעזאָגט זייער פרייד. די סאָלדאַטען זענען געווען איינגעהאַלטענער, מעהר געשוויגען, נאָר נייגיריג צוגעהערט זיך צו די געשפרעכען.

אין די געשפרעכען פון די אָפיצירען און סאָלדאַטען האָב

איך נישט געהערט דערמאָהנען דעם קיסר׳ס נאָמען. וועגען איהם האָט מען געשוויגען, עס האָט נאָך געהערשט אַנ׳אינסטינקטיווע מורא פאַר זיין נאָמען און קיינער האָט נישט געוואַגט הויך אַרויסצורײדען געגען איהם אַ וואָרט.

אַזוי ווי אָפיציעל איז נאָך נישט געווען געמאָלדען וועגען דער איבערקעהרעניש, האָב איך אָנגעטראָפען אַזעלכע אָפיצירען וועלכע האָבען נאָך גאָרנישט געוואוסט, אָדער געהערט נישט קלאָרע קלאַנגען וועגען דער איבערקעהרעניש און מיר איז אויסגעקומען זיי אָנצוזאָגען די בשורה. דעם נומער צייטונג, וואָס איך האָב מיט זיך געפיהרט פון טשערנאָוויץ, האָט מען מיר געריסען פון די הענד און אין וואַגאָן געלייענט הויך, פאַר אַלעמען.

אַרויספאָהרענדיג פון סערעט קיין סוטשאַווע, האָב איך אין וואַגאָן, וואו עס האָבען זיך געפונען אָפיצירען, סאָלדאַטען און קאָזאַקען, געלייענט אין צייטונג די בעשרייבונג פון די געשעהענישען. אַלע האָבען זיך צוגעהערט אָנגעשטרענגט און ערנסט, ווי ביי אַ תפילה.

—די אַרמעע האָט אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון,—האָט זיך אָבגערופען איין אָפיציר.

—מיר האָבען געהאַט צוויי פיינד, מיט וועלכע מיר האָבען מלחמה געהאַלטען. איצט האָבען מיר איינעם מנצח געווען,—האָט צוגעגעבען נאָך איינער.

—די אַרמעע האָט אָבגעטעמט.

נעבען מיר איז געזעסען אַ פּאָדפּאָלקאָווניק. ער האָט יעדע ווילע אויסגעדריקט זיין התפעלות, איבערהויפּט איז ער געווען ענטציקט פון ראָדזיאַנקאָ און מיליוקאָווס רעדעס.

—וואָס פאַר אַ מענשען! וואָס פאַר אַ קעפּ! אַלץ פאָרויסגעזעהן! אַלץ בעזאָרגט!—האָט ער אויסגעשריען.

—זיי האָבען אַלץ גוט צוגעגרייט!

—איהר ווייסט,—האָט זיך אָבגערופען נאָך איינער.—מיט אַ חודש צוריק איז דאָ געווען פּורישקעוויטש. מען האָט ביי איהם געפרעגט ווי געהט עס אין פּעטראָגראַד, האָט ער געענט-

פערט: „אַלץ, דאַנקען גאָט, גוט״.—וואָס הערט זיך בייעס?—האָט ער אויף דעם רעטזועלהאַפט אַ זאָג געטהון: „בייעס? ביי אייך וועלען קיין בייעסען נישט זיין, און ביי אונז וועט אין פעברואַר אפשר זיין בייעס...״ דעמאָלט האָט מען נישט פערשטאַנען וואָס ער מיינט. איצט פערשטעהט מען, אַז זיי האָבען פריהער אַלץ געוואוסט און צוגעגרייט.

אפילו די ידיעה אַז אַלע יודישע אַדוואָקאַטען זענען אָנערקענט פאַר „פריסיאַזשנע פאָווערענעס״, האָט אַרויסגערופען אַ צופרידענעם אויסגעשריי:

—פיין!

—איצט וועט אַלץ געטהון ווערען על פי אמת און יושר! איצט וועלען די הויכגעשטעלטע מאַמעלעך און מומעלעך פערלירען זייער מאַכט צו פראָטעזשירען זייערע געפיעסטעטע יונגעלייטלעך! אַ סוף.

—איצט וועט מען פון דער אַרמעע צונעמען די פּאָליציי!

צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ קאָזאַק:

—איז עס אמת, אַז מען האָט ווילהעלמען אויך געגעבען מיט׳ן קנעכל אין הינטען? האָט ער אַ פרעג געטהון רוהיג.

אין אַלגעמיין האָבען קאָזאַקען אַרויסגעוויזען מעהר פרייד ווי אַנדערע און אפילו געוואַגט צו דערמאָהנען דעם קיסר וועלכען זיי האָבען אָנגערופען „ניקאָלאַי אלעקסאַנדראָוויטש״, אָהן דעם טיטול „גאָסודאַר״. נאָר צווישען אָפיצירען האָט מען מיט צופרידענקייט גערעדט אַז איצט וועט מען פונאַנדערקאַסירען די קאָזאַקען, מאַכען אַ סוף צו זייערע נבלות.

מען האָט פיל געלאַכט צוהערענדיג ווי די מיניסטאָרען האָבען זיך בעהאַלטען אויף די דעכער.

איך האָב געשענקט אַן׳אָפיציר די צייטונג. ער האָט נישט געוואוסט ווי מיר צו דאַנקען.

—איך וועל אָפּפיהרען עס אויף די פּאָזיציעס, היטען ווי אַ הייליגטום.

—אין טשערנאָוויץ האָט מען געצאָהלט זעכצעהן רובל אַ נומער, אי אויך נישט געווען צו קריגען.

# יז

די פיער שטעדטלעך וועלכע איך בין אין די עטליכע טעג ארומגעפאָהרען זענען נישט קיין גרויסע, געהאַט פון אַכט ביז צוועלף טויזענד איינוואוינער פאַר דער מלחמה, פון זיי מעהר ווי אַ העלפט יודען, פון וועלכע די רייכערע און אינטעליגענטערע זע־נען אָבגעפאָהרען מיט די עסטרייכער. די אַלע שטעדטלעך האָ־בען די רוסען פערנומען צו עטליכע מאָל, געמאַכט פּאָגראָמען, אָבער, איבעראַל, האָבען די ערשטע דריי שטעדט, סערעט, סו־משאָווע און ראַדאוץ, נישט שטאַרק געליטען און גאַנץ געבלי־בען. דערפאַר האָב איך געטראָפען אַ שרעקליכען חורבן אין גו־ראַ־הומאַראַ.

גוראַ־הומאַראַ ליגט אין אַ בערגיגען, זעהר אַ שענעם אָרט, וואָס דערמאָהנט די שווייץ. דאָס שטעדטעל געפינט זיך האַרט ביי דער גרעניץ פון רומעניען. בשעת איך בין געקומען אַהין האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע האַרמאַטען־שיסעריי. געקומען בין איך שפעט ביינאַכט, איבערגעמידעט, אין אַ פוסטען און בלאָטיגען חדר וועלכער האָט געטראָגען אַ נאָמען „קוואַטיר פאַר אָפיצירען". גאַנץ פריה האָב איך אָבגעזוכט דעם אָרטיגען שוחט, אויף וועל־כען מען האָט מיר אָנגעוויזען ווי אויף דעם חשוב׳סטען מענ־שען און וועלכער האָט באמת געמאַכט אויף מיר אַ גוטען איינ־דרוק. איך האָב איהם מיט דעם גאַנצען געזינד געפינען אין אַ קליין צימערל. די איבעריגע חדרים זענען געווען פערנומען דורך סאָלדאַטען. בכלל האָט זיך דאָ געפיהלט די נאָהנטקייט פון די פּאָזיציעס.

דער שוחט האָט מיר דערצעהלט, וואָס דאָ איז פאָרגעקו־מען. אַז די רוסען זענען געקומען איז אין אָנפאַנג געווען רו־היג. אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז פאָרגעקומען אַזאַ צופאַל. די רוסען האָבען אַרויסגעשיקט אויספאָרשער. די עסטרייכער האָבען זיי פערכאַפּט און גע׳הרג׳עט, דערצו נאָך, ווי מען זאָגט, שטאַרק

געפּייניגט, אָבגעשניטען די צינגער, אויסגעשטאָכען די אויגען. אַז די רוסען האָבען געפונען די גע'הרג'עטע אין אַזאַ צושטאַנד, זענען זיי געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט. דער גענעראַל קעללער, וועלכער האָט פערנומען די שטאָדט, האָט בעפוילען ווי אַ נקמה אָן דעם עסטרייכישען חיל פערברענען די שטאָדט, וואו די פרידליכע בעפעלקערונג האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט צו די גוואַלדטהאַטען. אין איין פריהמאָרגען האָט מען געהייסען אַלעמען אַרויסגעהן פון די הייזער, דערביי האָט מען נישט ערלויבט אַרויסצוטראָגען קיין חפצים, קאָזאַקען זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און אונטערגעצונדען. עס איז פערברענט געוואָרען כמעט די גאַנצע שטאָדט, דערין פיער בתי מדרשים מיט אַלע ספרים.

אין גורא-הומאָרא, ווי אין די פריהערדיגע דריי שטעדט, זענען דאָ צו עטליכע הונדערט היימלאָזע וועלכע נויטיגען זיך אין הילף. איך האָב אין אַלע ערטער געלאָזען פון טויזענד ביז טויזענד פינפהונדערט רובל אויף פסח און בעזונדער צו פינפהונדערט רובל אויף מצה פאַר די יודישע סאָלדאַטען. אין גורא-הומאַרא האָט מיר דער שוחט דערצעהלט, אַז מען האָט שוין אָנגעזאָגט פון די פּאָזיציעס אַז דאָרט געפינען זיך עטליכע טויזענד יודישע סאָלדאַטען און זיי בעטען מען זאָל בעזאָרגען פאַר זיי מצה. איך האָב צוגעזאָגט צושיקען געלד, וויפיל עס וועט נויטיג זיין אויף מצה פאַר די סאָלדאַטען.

דער שוחט האָט זיך מיר נאָך געקלאָגט, אַז דער זעמסקי פערבאַנד האָט אָבגענומען ביי דער יודישער געמיינדע די באָד וועלכע האָט געקאָסט הונדערט טויזענד קראָן. חוץ דעם וואָס די יודישע בעפעלקערונג איז געבליבען אָהן אַ באָד, איז עס געווען דער איינציגער אַנשטאַלט, פון וואַנען מען האָט גענומען מיטלען אויף אויסצוהעלפען די אָרטיגע נויטבעדערפטיגע. שפּעטער האָב איך בעקומען אין קיעוו פון דער געמיינדע אַנ'אָפּיציעלע ביטע צום זעמסקי פערבאַנד וועגען דעם.

פאָהרענדיג פון גורא-הומאַרא האָב איך זיך אָנגעהערט מעשיות וועגען דעם אויפטראָג צווישען רוסישען און רומעני-

שען מיליטער. אין אָנפאַנג האָבען די רומענער בעגעגענט די רוסען ווי פריינד, נאָר ביסלעכווייז האָבען זיך די אויפטראָגען פערערגערט און איצט דערגעהט ביז צוזאַמענשטויסען. פאַר יע-דען בינטעל היי, פאַר יעדען ביסעל קוקוריזא-מעהל דאַרף מען מלחמה האַלטען. די טעג איז פאָרגעקומען אַ פאָרמעלע שלאַכט צווישען אַ רוסישער און רומענישער אָבטיילונג פאַר עטליכע וועגען היי, דערביי זענען פון ביידע זייטען געווען קרבנות.

איך בין געפאָהרען אין אַ פערד-וואַגאָן. דאָרט זענען גע-שטאַנען אַכט פערד, וועלכע עס האָבען בעגלייט סאָלדאַטען. דעם גאַנצען וועג איז געווען אַ וכוח—ווער איז בעסער, פוסגעהע-נדע סאָלדאַטען אָדער קאַוואַלעריסטען.

—וואָס פעהלט אייך?—האָט זיך געהיצט אַ קאַוואַלעריסט.—איהר ענדיגט אייער לערנען און געהט זיך שפאַצירען מיט מאַמזעלען אָדער פאַלט צו שלאָפען, און מיר מוזען ביז פיער ביינאַכט פאָרען זיך אַרום די פערד, אַלץ בעזאָרגען. מיט הוי-לע הענד גראָבען מיר „נאַוואָז”, און אַז מיר געהען אין קלויסטער, שטינקט פון אונז.

דער סאָלדאַט צו וועמען ער האָט דאָס גערעדט האָט זיך צולאַכט.

—שווער איז אייך! אויף דער פאָריגער סטאַציע איז גע-שטאַנען אַ דיקער זשאַנדאַר, די גאַנצע אַרבייט זיינע בעשטעהט אין דעם וואָס ער דאַרף אַרויסגעהן צום צוג, האָט ער זיך אויך געקלאָגט, אַז איהם איז שווער, כאַ-כאַ-כאַ!

שפעט ביינאַכט האָט זיך אויף אַ סטאַציע אַריינגעקליבען צו אונז אין וואַגאָן אַ פאָדפאָלקאָווניק. די סאָלדאַטען האָבען אויפגעהערט צו ריידען און לאַכען. דער פאָדפאָלקאָווניק האָט זיך אַרומגעקוקט און, דערזעהענדיג מיך אין אַנ'אָפיצירישער פאָרם, צוגערוקט זיך בעהוטזאַם, האָט ער שטיל מיט אַנ'אומ-היגער שטים געפרעגט:

—איהר ווייסט אפשר וואָס אין פעטראָגראַד איז פאָרגעקו-מען? וועלכע עס איז פרטים? איך בין צוויי וואָכען אָבגעזעסען

אין אַן׳אָבגעזונדערטען פּאָלוואַרק און צו מיר זענען דערגאַנגען נישט קלאָרע קלאַנגען.

איך האָב גענומען דערצעהלען וואָס עס איז פּאָרגעקומען. די סאָלדאַטען האָבען זיך צוגעהערט, כאָטש זיי האָבען שוין גע־וואוסט וועגען די געשעהענישען. דער פּאָדפּאָלקאָווניק איז גע־ווען שרעקליך איבערראַשט, האָט געשמוצערט מיט די ליפּען, אויפגעשריען און אויך זיין פּנים האָט זיך אויסגעדריקט די שטאַרקסטע איבערראַשונג.

אַ קאָזאַק, וועלכער איז צוזאַמען מיט איהם אַריין אין וואַגאָן, האָט זיך אָבגערופען פערביסען:

—וואָס וועלען איצט זאָגען די „זשידעס"? איצט וועט קו־מען אַ סוף צו זייערע מאַכינאַציעס...

—צייט אויפצוהערען אַזעלכע רייד צו ריידען!—האָב איך איהם איבערגעשלאָגען שטרענג.—איצט איז נישטאָ שוין מעהר קיין „זשידעס", אַלע זענען גלייכבערעכטיגטע בירגער פון פרייען רוסלאַנד.

—עס פערשטעהט זיך,—האָט מיך „אונטערגעהאַלטען" דער פּאָדפּאָלקאָווניק.—איצט איז נישט די צייט מיט זיי צו פערנעה־מען זיך. אַז מען וועט איינפיהרען אַ נייע אָרדנונג, דעמאָלט וועט מען זיך קאָנען נעהמען פאַר די „זשידעס"...

דאָס איז געווען אַ גאַנץ פרעהליכע אָנצוהערעניש.

איך האָב גערעכענט, אַז פאַר די עטליכע טעג וואָס איך בין אַרומגעפאָהרען, זענען אין טשערנאָוויץ פּאָרגעקומען גאָט ווייסט וועלכע ענדערונגען, אַז די רעוואָלוציע האָט שוין דער־גרייכט אַהער מיט איהר שטורמישען שטראָם. נאָר איך האָב אַ טעות געהאַט. די צייטונגען האָבען יעדען טאָג געבראַכט אי־בערראַשענדע נייעסען. אַלץ האָט גאַלאָפּירט, געפלויגען פאָר־ווערטס, די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז אין רוסלאַנד געוואַק־סען פון שעה צו שעה, און דאָ, אין טשערנאָוויץ, איז אַלץ גע־ווען אַזוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאָרגעקומען. אויף אַן׳אַלגע־מיינער זיצונג פון אַלע מיטאַרבייטער פון דעם זעמסקי און שטאָדטישען פערבאַנד, האָט מען געהאַלטען רעוואָלוציאָנערע

רעדעס, באַשטימט צו שיקען אַ בעגריסונגס-טעלעגראַם אין פּעטעראַגראַד. געוויס איז אין די מיליטער-קרייזען און אין די קאַזאַרמעס פאָרגעקומען אַ פיבערהאַפטע אויפרעגונג און די שטימונג איז דאָרט אויך געוואַקסען פון שעה צו שעה. אָבער פון דרויסען איז אַלץ געווען ווי פריהער. אַלע בעאַמטע, מיט טרעפּאָוו'ן בראש, זענען געווען אויף זייערע ערטער. די אַדמיניסטראַטיווע מאַשין איז זיך געגאַנגען ווי פריהער. עס האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק ווי אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, וואָלט קיין שייכות נישט געהאַט צו דעם קאַנט, און דאָ וועט בלייבען אַלץ ווי פריהער.

מיך האָט איצט, פערשטעהט זיך, זעהר וועניג אינטערעסירט די פראַגע וועגען דער ערלויבעניש פון די קאָמיטעטען, דערצו איז ביי מיר קיין ספק נישט געווען אַז איצט וועט טרעפּאָוו זיי ערלויבען, נאָר כדי צו זעהן, וואָס פאַר אַ שטימונג עס הערשט אין יענע קרייזען, בין איך אַריין אין טרעפּאָווס קאַנצעלאַריע אָנפרעגען וועגען די קאָמיטעטען. דאָרט האָט געהערשט דיזעלבע אַטמאָספערע ווי שטענדיג. די בעאַמטע זענען געזעסען רוהיג ביי זייער אַרבייט, האָבען האָפערדיג, ווי פריהער, קוים געענטפערט די אונטערטעניגע ביטע-דערלאַנגער. מיך האָט מען אַ היבשע ווײַלע געלאָזט וואַרטען. נאָכדעם איז צו מיר אַרויס טרעפּאָווס אַדיוטאַנט און האָט מיר קאַלט און טרוקען געזאָגט:

—דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט נישט געפונען פאַר מעגליך צו ערפילען אייער ביטע וועגען ערלויבען הילפס-קאָמיטעטען אין טשערנאָוויץ און בוקאָווינע.

איך בין געווען איבערראַשט פון דעם ענטפער. דאָס איז אַפּנים געווען אַ מין ביס פון אַ פגר'נדער שלאַנג: זאָל מען נאָך כאָטש אַ טאָג פיהלען איהר מאַכט!

באַלד איז צו מיר אַרויס קרילאָוו, אַ פערשעמטער און, נישט קאָנענדיג קוקען מיר גלייך אין די אויגען, אַרויסגעשטאַמעלט:

—שטעלט זיך פאָר: דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט נישט

איינגעשטימט צו ערלויבען די קאָמיטעטען... איך קאָן איהם פשוט נישט פערשטעהן: ביי אַזאַ צייט...

איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטען פון אַ געלעכטער.

—זייט זיך נישט מצער,—האָב איך איהם געזאָגט,—איצט וועלען מיר זיך בעגעהן אָהן זיין ערלויבעניש...

—עס פערשטעהט זיך, עס פערשטעהט זיך... אַזאַ צייט.

אַז איך בין אַוועק פון קאַנצעלאַריע האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויפ'ן גאַס אויף אַזאַ סצענע. איינער פון די גרעסטע מאַנופאַקטור-מאַגאַזינען, פון וועלכע דער ווירט האָט זיך געפונען אין עסטרייך, איז געוועזען אויפגעעפענט און עטליכע קריסטליכע אַרבייטער אונטער דער אויפזיכט פון אַ יונגערמאַן, אַ בעאַמטען, האָבען אַרויסגעטראָגען פעק מיט סחורה און געלעגט אויף פוהרען. אַרום איז געשטאַנען אַ המון און צוגעקוקט. אַלע ווילדע זענען צוגעגאַנגען צום בעאַמטען מענשען און שטילערהייד גערעדט מיט איהם, אַנדערע האָבען אָנגעפרעגט וואו ווען מען קאָנען קויפען די סחורה.

איך האָב זיך געווענדעט צו אַן'עלטערן יודען וואָס איז דאָ געשטאַנען און געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר:

—עס קומט פאָר אַ געוועהנליכע רויבעריי,—האָט ער טרויעריג געענטפערט.—מען פיהרט אַרויס אויף מיליאָנען סחורות פון די יודישע מאַגאַזינען, מען פערקויפט דאָס שטילערהייד און מען צוטיילט זיך מיט דעם געלד. כמעט אַלע גרעסטע געוועלבער האָט מען אַזוי צוראַבירט.

—און ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס קאָמאַנדעוועט דאָ?

—דאָס איז אַ בעאַמטער פון מאַגיסטראַט.

איך בין צוגעגאַנגען צום בעאַמטען:

—לויט וועמענס ערלויבעניש פיהרט איהר אַרויס די סחורות פון מאַגאַזין?—האָב איך געפרעגט.

—לויט דער ערלויבעניש פון בירגערמייסטער,—האָט ער מיר געענטפערט.

צוזאַמען מיט מיר איז געוועזען ביי דער סצענע מיין בעקאַנטער, ד״ר ראַטני.

—ווייסט איהר וואָס, דאָקטאָר,—האָב איך זיך אָבגערופען,—קומט, מיר וועלען אַריינגעהן אין מאַגיסטראַט און אַ רייד טהון וועגען דעם ענין מיט'ן בירגערמייסטער.

—אדרבה, קומט.

מיר זענען אַוועק אין מאַגיסטראַט.

דער בירגערמייסטער איז דאָרט נישט געווען. איך האָב געהייסען איהם רופען וועגען אַ וויכטיגען ענין.

ער איז געקומען, און איך האָב זיך געווענדעט צו איהם בזה הלשון:

—אַלס בעפולמעכטיגטער פון יודישען הילפס-קאָמיטעט און פון זעמסקי פערבאַנד ווענד איך זיך צו אייך מיט דער פראַגע: מיט וואָס פאַר אַ רעכט צורויבט איהר סיסטעמאַטיש אַלע יודישע מאַגאַזינען אין שטאָדט?

איך האָב זיך שוין דורכגעדרונגען מיט דער רוסלענדישער שטימונג און גערעדט מיט אַ רעוואָלוציאָנערען לשון.

דער בירגערמייסטער האָט זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען מיר ערקלערען, אַז דאָס ווערט געטהון כדי דער מאַגיסטראַט זאָל האָבען מיטלען.

—פון מיטלען וועגען וואָלט גענוג זיין אַ צעהנטע טייל פון דעם וואָס איהר האָט אַרויסגעפיהרט. איהר האָט אויסגעליידיגט אַלע יודישע מאַגאַזינען.

—מיר מאַכען נישט קיין אונטערשיד צווישען יודען און קריסטען...

—רופט מיר אָן איין קריסטליכען מאַגאַזין וואו איהר האָט צוגענומען די סחורות.

—קיין קריסטליכע מאַגאַזינען זענען אין שטאָדט נישטאָ... איבעריגענס טהוען מיר עס לויט דער ערלויבעניש פון גענעראַל-גובערנאַטאָר.

—וועגען דער ערלויבעניש האָב איך געהערט. אָבער איך וויים נאָך עטוואָס. איך וויים וועגען אַלע אייערע מאַכינאַציעס, איך וויים ווי אַזוי איהר פערקויפט די סחורות, איך ווייס וועגען דער פרוי פישער, דורך וועלכער איהר פיהרט אייערע גע-

שעפטען. אַלץ ווייס איך, און פאַר אַלץ וועט איהר זיין פער־אַנטוואָרטליך. בעהמט אין אַכט אַז אין רוסלאַנד איז איצט אַ נייע אָרדנונג, און די אַלע גזילות און רציחות וואָס האָבען זיך אָבגעטהון ביי דער אַלטער אָרדנונג וועלען שטרענג בעשטראָפט ווערען. איך פאָהר קיין פעטראָגראַד און וועל דאָרט געבען צו וויסען וועגען אַלע אייערע מעשים.

איך האָב זיך אַ קעהר געטהון צו איהם מיט'ן רוקען און אַרויסגעגאַנגען.

ער איז אַרויסגעלאָפען נאָך מיר, אַ צוטומעלטער, אַ דער־שראָקענער און האָט שטאַמלענדיג גענומען בעטען:

—אָבער איך בעט אייך!... זאָגט מיר אייער פאַמיליע, וואו איהר שטעהט איין, איך וועל אייך ברענגען די דאָקומענטען, די ביכער, איך וועל אייך אַלץ ערקלערען, וועט איהר זעהן אַז ביי אונז איז אַלץ אין אָרדנונג, נישטאָ קיין רויבעריי.

—איהר וועט זיך שוין דערוויסען אי מיין נאָמען אי מיין אַדרעס, אַז עס וועט נויטיג זיין. איבעריגענס, קאָן איך אייך עס מיטטיילען.

און איך האָב איהם געזאָגט מיין נאָמען און אַדרעס און אָהן אַ גוטען טאָג אַוועקגעגאַנגען.

דער עפּיזאָד האָט געהאַט אַ גאַנץ קאָמישען פינאַל.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, אַז איך בין שוין געווען אין פעטראָגראַד, האָב איך געטראָפען אין אַלע צייטונגען אַ טעלע־גראַם פון טשערנאָוויץ פון בירגערמייסטער צו דער ציוויליגער רעגירונג. אין דער טעלעגראַם בעגריסט דער בירגערמייסטער די נייע אָרדנונג וואָס האָט זיך געשאַפען אין רוסלאַנד, זאָגט אַרויס זיין איבערגעבענקייט רוסלאַנד און, ווי אַן'אויס־דרוק פון ליבע און איבערגעבענקייט פון דער גאַנצער טשער־נאָוויצער בעפעלקערונג צו רוסלאַנד, וועלכע האָט אויסגעלייזט דעם גאַנצען קאַנט פון עסטרייכישען יאָך, שענקט דער מאַגי־סטראַט דער רוסישער אַרמעע נייגצעהן מאָרג ערד אויף אַ בית־עולם פאַר די העלדיש אומגעקומענע רוסישע סאָלדאַטען און אָפיצירען!

די מתּנה האָט מען געקאָנט אויפנעהמען ווי אַ גיפטיגען שפּאַס, ווען דאָס וואָלט נישט זיין אַרויסגערופען דורך אַ צורודערטקייט פון אַ דערשראָקענעם גנב, וועלכער האָט דערפיהלט אַז ער פערלירט דעם באָדען אונטער די פיס. זוכענדיג מיט וואָס זיך צו ראַטעווען, האָט ער קיין קלוגערן מיטעל נישט געפונען ווי שענקען רוסלאַנד אַ בית-עולם. איך האָב דאַן אין דער צייטונג „דיעלאָ נאַראָדאַ" אויפגעדעקט די גאַנצע געשיכטע וועגען דעם „איבערגעגעבענעם" בירגערמייסטער, דערצעהלט וועגען זיינע מאַכינאַציעס און אויפגעוויזען אויף וויפיל פערברעכעריש פון זיין זייט איז געווען צו ריידען אין נאָמען פון דער בעפעלקערונג פון אַ בעזיגטער שטאָדט וועגען טרייקייט און איבערגעגעבענקייט צו רוסלאַנד. די מתּנה און די אונטערטעניגע טעלעגראַם האָבען קיין ווירקונג נישט געהאַט און דער בירגערמייסטער איז געוואָרען אָבגעשאַפט פון זיין שטעל. איך האָב זיך בעמיהט ער זאָל איבערגעגעבען ווערען צום געריכט, און דאָס וואָלט פאָרגעקומען, ווען טשערנאָוויץ, ווי דער גאַנצער קאַנט וואָלטען פערבלייבען לענגער ביי די רוסען אין די הענד. וואָס מיט דעם בירגערמייסטער איז געוואָרען ווייס איך נישט. ביי זיינע מאָסקוואָפילישע טענדענצען האָט ער נישט געקאָנט פערבלייבען אין קאַנט ווען אַהין האָבען זיך אומגעקעהרט די עסטרייכער, פון דער נייער רוסישער רעגירונג האָט דער אַוואַנטיוריסט אויך שוין נישט געקאָנט ערוואַרטען קיין אונטערשטיצונג.

פון מאַגיסטראַט בין איך אַריין צו ה' פּיש און דערצעהלט איהם וועגען מיין געשפּרעך מיט'ן בירגערמייסטער.

—וואָס האָט איהר געטהון!—האָט ער אויסגעשריען דערשראָקען.—דער בירגערמייסטער איז איצט געוויס אַוועק צום גענעראַל-גובערנאַטאָר! ער וועט איהם אַלץ דערצעהלען און מען וועט אייך אַרעסטירען!

—איך פערזיכער אייך, אַז זיי וועלען נישט דערוועגען זיך מיך צו אַרעסטירען.

—ווי הייסט זיי וועלען נישט דערוועגען. דערווייל איז

דער גענעראַל-גובערנאַטאָר דאָ אַ בעל-הבית און רעכענט זיך װעניג מיט די געשעהענישען אין פעטראָגראַד. איך ראָט אייך גלייך אָבצופאָהרען פון דאַנען. װיבאַלד איהר רעכענט אַלץ איינס פאָהרען, פאָהרט אָב באַלד, ריזיקירט נישט.

פיש, װי אַנדערע טשערנאָװיצער כלל-טהוער, האָבען געהאַט אַ קנאַפען צוטרוי צו דער רוסישער רעװאָלוציע. אַז איך האָב דעמזעלבען אָװענד צונויפגערופען אַ פערזאַמלונג, בעקאַנט געמאַכט איהר מיט מיינע פּלענער אויף װייטער און פאָרגעלעגט אַז די אָרטיגע יודישע געמיינדע זאָל שיקען דער נייער רעגירונג אַ פּעטיציע װעגען דער רעכטלאָזער לאַגע פון די יודען אין בוקאָװינע, האָבען זיך כמעט אַלע אַרויסגעזאָגט געגען דעם.

—מיר װייסען און פערשטעהען נישט װאָס דאָרט ביי אייך אין רוסלאַנד קומט פאָר,—האָבען זיי מיר געזאָגט.—װער װייסט װאָס עס װעט פאָרקומען אין עטליכע טעג אַרום? װאָס װעט זיין אַז מיט אַמאָל װעט צוריק װערען װי געװען? דערום װילען מיר זיך דערװייל אָבהאַלטען פון װעלכע עס איז אַרויסטרעטונגען, מען זאָל זיך צו אונז נאָכדעם נישט קאָנען צוטשעפען.

אַז איך האָב מיט אַ טאָג שפּעטער אויף אַן׳עהנליכער פערזאַמלונג אין טאַרנאָפּאָל געמאַכט דעמזעלבען פאָרשלאָג װעגען אַ פּעטיציע, האָט מען מיר געגעבען דעמזעלבען ענטפער און דערצו נאָך צוגעגעבען אַזאַ מאָטיװ:

—נישט פערגעסט, אַז מיר זענען עסטרייכישע אונטערטאַנען און זענען טריי אונזער פאָטערלאַנד און אונזער רעגירונג. מיר קאָנען זיך נישט װענדען צו דער פיינדליכער רעגירונג, זאָל זי זיין אַ רעװאָלוציאָנערע און ליבעראַלע, מיט װעלכע עס איז פּעטיציעס און ביטעס װעגען רעכט.

איך האָב געפונען אַז זיי האָבען רעכט און מעהר נישט איינגערעדט זיי.

אין טאַרנאָפּאָל האָב איך געזעהן די ערשטע סאָלדאַטישע גאַסען-דעמאָנסטראַציעס, מיט רויטע פאָהנען, מיט מאַרסעליעזאַ-געזאַנג. נאָכדעם האָבען גערעדט אָראַטאָרען שטעהענדיג אויף אַ װאָגען אויפ׳ן פּלאַץ. װאָס זיי האָבען גערעדט, האָב איך נישט

געהערט. איך האָב נאָר פון דערווייטען געזעהן ווי זיי האָבען זיך געוואָרפען, זשעסטיקולירט און געקראָכען פון הויט שריי-ענדיג, און אויף יעדער פראַזע האָבען זיך אָבגערופען רוישענ-דע אַפּלאָדיסמענטען.

## יח

קיין קיעוו בין איך געקומען דעם 11/24 מערץ. איך האָב איבערגעגעבען דעם הילפס-קאָמיטעט אַלע רעכענונגען און די איבערגעבליבענע געלד-סומען, פאָרגעלעגט מיין פּלאַן פון דער ווייטערדיגער הילפס-טעטיגקייט אין גאַליציע און בוקאָווינע, וועל-כער איז בעשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל קודם-כל צונויפרו-פען אַ צוזאַמענפאָהר פון די פאָרשטעהער פון די אָרטיגע קאָמי-טעטען און, וואו מעגליך, פון אויסגעוועהלטע פאָרשטעהער פון די קהילות, און דער צוזאַמענפאָהר זאָל בעטראַכטען און אָננעה-מען אַ החלטה וועגען דער ווייטערדיגער הילפס-טעטיגקייט. ווייטער האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ בעריכט וועגען דער לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אָקופּירטען קאַנט און אָנ-געוויזען וואָס פאַר אַ רעפאָרמען עס פאָדערן זיך. דעם בעריכט האָב איך זיך געגרייט דערלאַנגען דער צייטווייליגער רעגירונג.

דער קאָמיטעט האָט בעטראַכט מיינע פאָרשלאָגען און האָט זיי מיט איינגע אויסבעסערונגען אָנגענומען.

אין קיעוו האָב איך פערבראַכט צוויי טעג. איך האָב דאָרט בעזוכט צוויי פערזאַמלונגען. איינע וועלכע עס האָבען איינגע-אָרדענט די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען. איך האָב ערוואַרט צו הערען דאָרט דיזעלבע קלינגענדיגע דעמאַגאָגישע פראַזען, ווי אין 1905. נאָר איך האָב געטראָפען גאָר אַנ'אַנדער שטימונג, אַ טיפע און ערנסטע. די רעדנער האָבען געוואָרענט פון פוסטע רייד, געפאָדערט מען זאָל מיט אַ דאָפּעלטען כח נעהמען זיך צו דער אַרבייט. איך האָב פערהאַלטען אין זכרון אַזאַ פראַזע פון אַ רע-דע: „דער וואַנדערענדער זוהן האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים ווי אַ

זיגער, מיט אַ לאָרבער-קראַנץ. ער האָט געפונען זיין הויז בע-
צירט מיט בלומען, אָבער אין הויז האָט ער געטראָפען אַ נישט-
בעגראָבענעם מת. דער מת איז די מלחמה. מיר דאַרפען זי
פערענדיגען און ביז דאַן טאָרען מיר נישט ריידען נישט וועגען
יום-טובים, נישט וועגען שמחות".

זעהר ריהרענד איז געווען פאָלגענדע סצענע: בעת דער פאָר-
זיצענדער האָט פאָרגעלעגט צו בעעהרען דעם געדעכעניש פון די
געפאַלענע קעמפער, האָבען אַלע אָנוועזענדע אין זאַל אָנשטאָט
אויפצוהויבען זיך פון די ערטער אַראָבגעלאָזט זיך אויף די קניה
און גענומען זינגען „אַנ'אייביגער אָנדענק".

די צווייטע פערזאַמלונג, זעהר אַ כאַראַקטעריסטישע, איז
געווען פון פאָליטישע אַמנעסטירטע, וועלכע זענען בעפרייט גע-
וואָרען פון די טורמעס אָדער אומגעקעהרט זיך פון סיביר. צווי-
שען זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען געזעסען צו צעהן-
צוועלף יאָהר. אָבגעצעהרטע, בלייכע, אַרומגעוואַקסענע, אָרים
געקליידעטע, מיט אינטעליגענטע פנימ'ער, פינקלענדיגע פיבער-
האַפטע בליקען. זייער קול איז געווען מאָדנע הילכיג און נישט
איינגעשטעלט, און די בעוועגונגען נישט זיכערע, וואַקלענדיגע.
זיי האָבען אויסגעוויזען ווי מתים, וואָס זענען אויפגעשטאַנען
פון די קברים.

די פערזאַמלונג איז געווען צונויפגערופען דורכ'ן פאָליטי-
שען רויטען קרייץ כדי צו אָרגאַניזירען הילף פאַר די אַמנעס-
טירטע, ווייל דער רוב פון זיי האָט נישט געהאַט וואָס צו עסען
און וואו אַ נאַכט איבערצונעכטיגען. נאָר וועגען דעם האָט מען
דעם גאַנצען אָווענד קיין וואָרט נישט דערמאָהנט. די פאָליטישע
האָבען געהאַלטען פייערדיגע רעדעס וועגען דער שרעקליכער
לאַגע פון די „חברים קרימינעלע", וועלכע האָבען קיין אַמנעס-
טיע נישט בעקומען. די רעדנער האָב'ן געפאָדערט אויך פאַר
זיי אַנ'אַמנעסטיע לכל הפחות, עס זאָלען איבערגעקוקט ווערען
זייערע משפטים, ווייל מעהר ווי אַ העלפט זענען פער'משפט
אומזיסט. עטליכע פרויען האָבען מיט אַ טיפען צער דערצעהלט
וועגען דער שווערער לאַגע און איבערמענשליכער אַרבייט פון

די טורמע-וועכטערינס און האָבען אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג די רעגירונג זאָל פערבעסערן זייער לאַגע. צום רעכטען סוף האָט דער פאָרזיצענדער פון רויטען קרייץ דערמאָהנט וועגען וואָס מען האָט זיך אייגענטליך פערזאַמעלט און אויפגעוויזען, אַז אייניגע פון די אַנוועזענדע האָבען נישט וואו די נאַכט איבערצונעכטיגען.

איך בין געוועזן טיף גערירט פון דעם הויכען אידעאַליזם פון די יונגע מאַרטירער, נאָר דערביי האָבען זיי אין זייערע רעדעס אַרויסגעוויזען אַזאַ אונפּראַקטישקייט און אונבעהאָלפענקייט, אַז עס האָט אָנגענומען אַ שרעק נישט בלויז פאַר זיי, נאָר איבערהויפּט פאַר דעם לאַנד, איבער וועלכען זיי זענען געוואָרען בעלי-הבתים.

דעם 13/26 בין איך געוועזן אין פּעטראָגראַד. איך וועל זיך דאָ נישט אָבשטעלען אויף די געשעהענישען וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זעהן און איבערצולעבען אין יענער שטורעמדיגער צייט. איך וועל נאָר בעמערקען, אַז מיך האָט מעהר ווי אַלץ איבערראַשט די אַלגעמיינע שטימונג אין פּעטראָגראַד. עס איז שוין פערביי צוויי וואָכען זינט די איבערקעהרעניש איז פאָרגעקומען, און ביי אַלעמען איז נאָך געוועזן אַ יום-טוב'דיגע, מילדע, ברודערשאַפטליכע שטימונג. אין גאַס, אין די טראַמוואַיען, אין די שורות ביי די קראָמען, אין ערגיץ איז נישט געווען צו הערען נישט קיין געשרייען, נישט קיין זידעל-ווערטער. געוועגדעט האָט מען זיך אין גאַס איינער צום אַנדערן נישט אַנדערש ווי מיט דעם וואָרט „חבר" און אַריינגעלעגט אין איהם אַ צאַרטען אויסדרוק. אויף די מיטינגען, וועלכע זענען טאָג און נאַכט פאָרגעקומען אויף די גאַסען, האָבען זיך געהערט ליבּווערטער דער רעוואָלוציע און אַלערליי אידעאַליסטישע פאָדערונגען.

און נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָט זיך געפיהלט, אַז עס רוקט זיך אָן עטוואָס אימה'דיגס, אַז די רעוואָלוציע האָט נישט קיין פעסטען באָדען אונטער די פיס, אַז די רעגירונג האָט קיין מאַכט נישט און אַז עס הויבט זיך אָן אַ צופאַלונג אין

דער אַרמעע. דער בעפעהל נומר 1, וועלכֿער איז געווען גע-
שיקט אין דער אַרמעע פון „אַרבייטער און סאָלדאַטען-ראַט“ און
האָט געבראָכֿען די גאַנצע מיליטערישע דיסציפּלין, האָט אַרויס-
גערופען אַ שרעקליכֿע צורודערונג סיי אין די מיליטערישע סיי
אין די ציווילע קרייזען. אַזוי, אַז דער ראַט אַליין האָט זיך
דערשראָקען, אָבגעזאָגט זיך פון איהם און צוריקגעצויגען, נאָר
עס איז שוין געווען שפּעט. בכלל איז ביי יענער צייט שוין
געווען אַ צווייענדיגע מאַכֿט, די צייטווייליגע רעגירונג און דער
אַרבייטער און סאָלדאַטען-ראַט וועלכֿע האָבען זיך נישט גערע-
כֿענט איינע מיט דער אַנדערער.

מיט מיין בעריכֿט וועגען גאַליציע און בוקאָווינע האָב איך
געפונען פאַר נויטיג צו ווענדען זיך צום מיניסטער פון אויסערן
מיליוקאָוו׳ן, ווייל דאָס האָט געהאַט צו טהון מיט אויסלענדישע
אונטערטאַן. דערצו בין איך מיט מיליוקאָוו׳ן געווען נעהנטער
בעקאַנט, ווי מיט אַנדערע מיניסטאָרען.

דעם 15/28 מערץ האָט מיך מיליוקאָוו אויפגענומען און
איך האָב איהם דערלאַנגט דעם פאָלגענדען בעריכֿט.

„בירגער מיניסטער!

איך ערלויב מיר אָבצושטעלען אייער אויפמערקזאַמקייט
אויף דער שרעקליכֿער לאַגע פון דער בעפעלקערונג אין דעם
טייל גאַליציע און בוקאָווינע, וואָס איז אָקופּירט דורך דעם רו-
סישען מיליטער. צעהנדליגער שטעדט און שטעדטלעך זענען
גענצליך אָדער אין גרעסטען טייל פערברענט און חרוב, טוי-
זענדער מענשען פון דער פרידליכֿער בעפעלקערונג זענען אומ-
געקומען פון פייער און שווערד, פון הונגער און נויט. דאָס
גאַנצע עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבען פון לאַנד איז פער-
וויסט. נאָר אָט די אַלע שווערע און שרעקליכע צרות האָט די
בעפעלקערונג אַריבערגעטראָגען מיט אַ געוויסער געדולדיגקייט,
ווי אַ פאַטאַלען רעזולטאַט פון דער שרעקליכֿער מלחמה.

נאָר חוץ די מלחמה-ליידען און שוועריגקייטען, האָט אַ
טייל פון דער בעפעלקערונג, אַריבערגעטראָגען און טראָגט נאָך
ביז איצט אַריבער אויסערגעוועהנליכֿע פערפאָלגונגען וועלכֿע זע-

נען אויסשליסליך פערבונדען מיט דער נאַציאָנאַליטעט פון דער בעפעלקערונג.

ווי עס איז בעוואוסט, זענען די יודען אין עסטרייך גלייכבערעכטיגט מיט אַלע אַנדערע בירגער אין לאַנד. אַז דער קאַנט איז געוואָרען אָקופּירט דורך דעם רוסישען מיליטער, האָבען די אָרטיגע יודען, ווי איצט איז פעסטגעשטעלט, אין געגענזאַץ פון אַלע בלבולים וואָס זענען אויף זיי געמאַכט געוואָרען, אַרויסגעוויזען זיך לאָיאַל בנוגע דער רוסישער אָקופּירענדער מאַכט און נישט געגעבען איהר קיין שום בעגרינדונג פאַר ספּעציעלע פערפאָלגונגען. נישט קוקענדיג אויף דעם, זענען פון דעם ערשטען טאָג אָן פון דער אָקופּאַציע אָבגענומען געוואָרען ביי דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג נישט בלויז אַלע בירגערליכע רעכט, נאָר אויך די עלעמענטאַרע מענשליכע רעכט אַזוי, אַז זי איז אַוועקגעשטעלט אויסערן דין.

די יודען האָט מען אומעטום אַרויסגעטריבען פון די שטאָדט־פערוואַלטונגען, פון געריכט און פון אַנדערע אַנשטאַלטען וואו זיי זענען נאָך געבליבען. די יודישע קהילות וואָס האָבען זיך פערנומען מיט קולטור און צדקה־זאַכען זענען פערמאַכט געוואָרען. יודען לאַנד־אייגענטימער, אַרענדאַטאָרען, סוחרים און בעלי־מלאכות האָט מען אַרויסגעטריבען פון די דערפער; דאָס גוטס פון די לאַנד־אייגענטימער האָט מען רעקווירירט אָדער חרוב געמאַכט. פון צעהנדליגער שטעדט און שטעדטלעך האָט מען אַרויסגעטריבען די איינוואוינער ביז איינעם, טיילמאָל אין משך פון עטליכע שעה און אַרויסגעשיקט קיין רוסלאַנד. אין אייניגע ערטער האָט מען צווישען די גבירים און אינטעליגענטען גענו־מען ערוב׳ניקעס און אַוועקגעשיקט מעהרסטען טייל אין סיביר. חוץ דעם האָט מען פערשיקט אין סיביר אָהן אַ שום געריכט און אויספאָרשונג.

צוגלייך מיט דעם האָט די אַדמיניסטראַציע רואינירט און הערט נישט אויף צו רואינירען די יודען, הערט נישט אויף צו ראַבירען זייער פערמעגען. הונדערטער און טויזענדער קראָמען און פּריוואַטע וואוינונגען ווערען רעקווירירט אָדער פּשוט צו־

רויבט. די גזילות, די רויב און דער שוחד-נעהמען פון דער אַדמיניסטראַציע פון דעם העכסטען ביז דעם נידעריגסטען האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז די נבלה שפּאַלט הימלען. און אין דידאָזיגע רויב-טהאַטען פון דער אַדמיניסטראַציע בעטייליגען זיך אויך די שטאָדט-פערוואַלטונגען, וואָס זענען בעשטימט געוואָרען פון די נידעריגסטע עלעמענטען פון דער בעפעלקערונג.

בנוגע צו יודען ווייזט אַרויס די אַדמיניסטראַציע, איבערהויפּט די נידעריגסטע, אַנ׳אונבעגרענעצטע אכזריות. מ׳זידעלט זיי, מ׳בעליידיגט זיי, און נישט זעלטען שלאָגט מען. זיי רעכענען זיך איבעראַל נישט מיט דעם יודישען גלויבען. פערקעהרט, מ׳בעמיהט זיך גראָד צו פערשוועכען די יודישע הייליגטומען. מען צווינגט די יודען אום שבת און יום-טוב צו רייניגען די גאַסען, גראָבען שאַנצען, זיצען אין די קראָמען, אויסער אייניגע אויסנאַהמען, זענען אומעטום די יודישע שוהלען חרוב געוואָרען, אָדער פערוואַנדעלט אין שפּיטאָלען, קאַזאַרמעס, אַנ׳אַנדערש מאָל אפשר אין שטאַהלען און קלאָזעטען. אומעטום האָט מען צוריסען די ספרי תורות, פון די יריעות גמאַכט זעקלעך, באַראַבאַנען, שיך א. אַ. וו. די ספרים אין אַלע שוהלען זענען צוריסען און פערברענט.

אויפ׳ן יסוד פון דעם אַלעמען, ערלויב איך מיר זיך ווענדען צו אייך, בירגער מיניסטער, אין נאָמען פון מענשען-רעכט און אינטערנאַציאָנאַלער רעכט, מיט דער בקשה אומצוקעהרען די יודען פון די אָקופּירטע געגענדען זייערע רעכט. דאָס הייסט:

א) בעפעהלען אַז די יודישע בעאַמטע זאָלען אומגעקעהרט ווערען צוריק אויף זייערע שטעלעס אין די שטאָדט-פערוואַלטונגען, געריכטען און אַנדערע אַנשטאַלטען פון וועלכע זיי זענען אַרויסגעטריבען דערפאַר וואָס זיי זענען יודען.

ב) ערלויבען די יודען זיי זאָלען צוריק איינפיהרען ביי זיך קהלה-פערוואַלטונג צוליב קולטור און צדקה-אַרבייט.

ג) ערלויבען, אַז יודען זאָלען עפענען פאַר זיך יודישע שולען, נידעריגע און מיטעלע, ווייל דאָס וואָס די שולען זענען אין משך פון דריטהאַלבען יאָהר געווען פערמאַכט האָט זעהר

שעדליך געווירקט אויפ'ן יונגען דור.

ד) ערלויבען יודען אומקעהרען זיך צוריק אין די דערפער, שטעדט און שטעדטלעך, פון וואנען זיי זענען געוואָרען ארויסגעטריבען און אומקעהרען זיי לכל הפחות א טייל פון זייערע וואוינונגען, וואָס מען האָט צוגענומען צו מיליטער-צוועקען און פאר שפיטאלען.

ה) בעפרייען די ערוב'ניקעס און ערלויבען זיי אומקעהרען זיך אהיים.

ו) פונאנדערקלייבען די פראצעסען פון די אדמיניסטראטיוו ארויסגעשיקטע יודען און די אונשולדיגע ערלויבען אומקעהרען זיך אהיים.

ז) אָבשטעלען דאָס רעקוויזירען דאָס פערמעגען און סחורות פון די יודען וואָס זענען פערבליבען אין עסטרייך און שטרענג אויספאָרשען די פריהערדיגע רעקוויזיציעס און גזילות.

ח) בעפרייען די יודען פון צוואנגס-ארבייט און פון האנדעל שבת און יום-טוב, אויב דאָס איז נישט אויסנאהמסווייזע קיין אומבעדינגט נויטיגע זאך.

ט) אומקעהרען די יודען זייערע שוהלען, צוזאמען דערמיט איז געוואונשען, אז דער הייליגסטער סינאָד זאָל זיך ווענדען צום מיליטער מיט אנ'אויפרוף וואו עס זאָל אָנגעוויזען ווערען אז די יודישע שוהלען, ספרי תורות, אלע דברי קודש און הייליגע ספרים דארפען זיין אונבעריהרט אזוי ווי קריסטליכע הייליגטומען.

י) אומקעהרען די יודען די בעדער, וואָס אויסער זייער סאניטארער בעדייטונג האָבען זיי נאך ביי יודען א רעליגיעזע בעדייטונג.

יא) די אלע, וואָס זייערע וואוינונגען, זייערע געשעפטען, זייערע סחורות און זייער פערמעגען זענען פערדאָרבען געוואָרען נישט דורך די מלחמה-געשעהענישען און אויך אלע לאנדאייגענטימער, וואָס זייער אינוועטאר איז רעקווירירט אָדער פערדאָרבען געוואָרען זאָל זיין ארויסגעגעבען א געוויסע שטיצע כדי זיי זאָלען קאָנען ווידער אויפבויען זייערע וואוינונגען, זייערע

געשעפטען אָדער ווידער זיך פערנעהמען מיט זייער ערד-בע-אַרבייטונג.

איך האָף אַז די צייטווייליגע רעגירונג וואָס האָט איינ-געפיהרט אין בעניטען רוסלאַנד מענשען- און בירגער-רעכֿט, וועט ווענדען איהר אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אונערטרעגלי-כֿען צושטאַנד פון דער פרידליכֿער בעפעלקערונג אין די אָקו-פירטע געגענדען אין גאַליציע און אין בוקאָווינע און וועט זיי אומקעהרען די רעכֿט וואָס די דינער פון אַלטען רעזשים האָבען ביי זיי אַוועקגערויבט.

נעהמט אָן, מיניסטער בירגער, מיינע טיפסטע געפיהלע פון אַכֿטונג, איבערגעגעבענקייט און בעגייסטערונג פון אייערע העלדענטהאַטען."

מיליוקאָוו האָט מיך אויפגענומען אין מיניסטעריום פאַר אויסערן. ער האָט מיך בעגעגענט פריינדליך און פראָסט, ווי אין די פריהערדיגע צייטען. איך האָב איהם דערצעהלט וועגען דער יודישער לאַגע אין גאַליציע און איבערגעגעבען דעם שריפטלי-כֿען בעריכֿט. ער האָט מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם, האָט צו-געזאָגט פאָרשטעלען מיין בעריכֿט דעם מיניסטאָרען-ראַט און פון זיין זייט מיטהעלפען צו פערווירקליכֿען די אַרויסגעשטעלטע פאָ-דערונגען. דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מיליוקאָוו האָט נישט קלאָר געוואוסט אפילו וואָס פאַר אַ מין אַדמיניסטראַציע עס איז איינגעפיהרט אין אָקופירטען געגענד.

—דאָרט איז די מאַכֿט, פערשטעהט זיך, אַ מיליטערישע?—האָט ער מיך געפרעגט.

—ניין, אַ ציווילע. דאָרט איז אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר.

—ווער איז גענעראַל-גובערנאַטאָר?

—טרעפאָוו, דעם בעוואוסטען טרעפאָווס זוהן, אַ פערביסע-נער רעאַקציאָנער. און ביז איצט פיהרט זיך אַזוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען

—וואָס רעדט איהר?—האָט זיך געוואונדערט מיליוקאָוו.—איך האָב עס נישט געוואוסט. עס איז דאָ אַזויפיל אַרבייט... קיין צייט נישט געווען אַ טראַכֿט צו טהון וועגען יענעם קאַנט.

דערצו בין איך געווען זיכער, אַז דאָרט איז אַלץ אין די הענד פון דער מיליטערישער מאַכט... פערשטעהט זיך, טרעפּאָוו מוז גלייך בעזייטיגט ווערען... נאָר איך ווייס נאָך נישט וועמען צו בעשטימען אויף זיין אָרט...

—אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך אייך אָנווייזען אויף אַ פּאַסענדען קאַנדידאַט.

—אדרבה, איך בעט אייך.

—דער פירשט פּ. ד. דאָלגאָרוקאָוו. ער איז געווען אַ לאַנגע צייט אין גאַליציע, איז בעקאַנט מיט די דאָרטיגע אומשטענדען און האָט געלאָזען וועגען זיך די בעסטע ערינערונגען ביי דער בעפעלקערונג.

—אמת! זעהר ריכטיג! ער איז דער פּאַסענדסטער קאַנדידאַט אויף דעם פּאָסטען. איך בין נאָר נישט זיכער, אויב ער וועט איהם אָננעהמען. די טעג וועט ער דאָ זיין, וועל איך איהם פּאָרלעגען דעם פּאָסטען.

איך האָב זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן, נאָר מיליוקאָוו האָט מיך אָבגעהאַלטען.

—זיצט נאָך אַ ווײַלע, איך וויל ביי אייך עטוואָס פרעגען. אָט איהר זענט געווען אין גאַליציע, איצט דורכגעפאָהרען אַ גרויסע שטרעקע ביז אַהער, האָט זיך געטראָפען מיט פיל מענשען. וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק האָט איהר אַרויסגעטראָגען פון דער איצטיגער לאַגע אין לאַנד?

—איהר וועט מיר ערלויבען גאַנץ אָפענהערציג אַרויסצוזאָגען אייך מיין איינדרוק?

—וועגען דעם בעט איך אייך. מיר איז זעהר אינטערעסאַנט צו הערען אַ שטימע פון אַ זייטיגען מענשען.

—מיין איינדרוק איז אַזאַ: אומעטום, סיי ביי דער ציווילער בעפעלקערונג, סיי אין מיליטער, האָט די רעוואָלוציע אַרויסגערופען אַ פרייד און אַנ׳ענטוזיאַסטישע בעגייסטערונג. די פיינד פון דער רעוואָלוציע האָבען זיך בעהאַלטען, אַנטשוויגען געוואָרען. נאָר זיי זענען נישט פערשוואונדען. זיי זענען שטאַרק און וואַרטען אויס. אַ בעזיגטער פיינד וואַרפט זיך אַנ׳אַנדערש

מאָל צו די פיס פון זיגער מיט דעם איינציגען ציל יענער זאָל אין זיין געלויף שטרויכלען זיך איבער איהם און פאַלען.

—ריכטיג!

—נו, און דאָ מוז איך זאָגען, אַז אין לאַנד פיהלט זיך נישט קיין שטאַרקע מאַכט. ביי דעם איצטיגען זעהר ערנסטען מאָמענט האָט געדאַרפט די רעגירונג אַרויסווייזען זיך שטאַרק און ענטשידען, אַזוי, אַז דער פיינד זאָל פאַר איהם מורא האָבען און דער פריינד זאָל געפינען אין איהם אַ שטאַרקען אָנהאַלט. און דאָס איז נישטאָ. עס בעקומט זיך אַן אייַנדרוק, אַז קיין אויפהאַלטענדע מאַכט איז אין לאַנד נישטאָ, אַז אַלע טהירען זענען געעפענט און יעדערער קאָן טהון וואָס ער וויל...

מיליוקאָוו איז אַ ווײַלע געזעסען שווייגענדיג, פערטראַכט, נאָכדעם האָט ער זיך צו מיר צוגעבויגען, אַרויפגעלעגט די האַנד מיר אויף דער קניה און מיט אַ טיפען טרויער, זעהר אינ-טים אַרויסגעזאָגט:

—איהר מיינט מיר פערשטעהען עס נישט? מיר פערשטע-הען און פיהלען עס זעהר גוט. איך פערזיכער אייך, אַז אַזאַ שטאַרקע רעגירונג וואָלט ביי אונז געווען, ווען מיר וואָלטען כאָטש צוויי שעה האָבען די רעיעלע מאַכט אין אונזערע הענד. נאָר מיר האָבען זי קיין צוויי שעה אפילו נישט געהאַט פאַק-טיש אין די הענד.

אויף מאָרגען האָב איך זיך געזעהן מיט מ. ווינאַווער'ן און דערצעהלט איהם וועגען מיין אודיענץ ביי מיליוקאָוו'ן. ער האָט איינגעפונען, אַז דער בעריכט וועגען גאַליציע דאַרף אויך איבערגעגעבען ווערען דעם פאָרזיצענדען פון מיניסטאָרען-ראַט, דעם פירשט לוואָוו. דעם 19 מערץ (1 אַפריל) האָט ער איבער-געגעבען דעם בעריכט לוואָוו'ן. דעם 20-טען האָב איך אין פעט-ראָגראַדער הילפס-קאָמיטעט געמאַכט אַ בעריכט וועגען דער לאַ-גע אין גאַליציע און בוקאָווינע, האָב פאָרגעלעגט דעם פלאַן וועגען אָרגאַניזירען דאָרט אַ צוזאַמענפאָהר. דער קאָמיטעט האָט איינגעשטימט מיט מיינע פאָרשלאָגען.

כדי די רעגירונג זאָל גיכער צוטרעטען צו די רעפאָרמען

אין גאַליציע, האָט דער דעפּוטאַט פרידמאַן, וועלכער האָט פערוואַלטעט מיט דער יודישער פּרעסביוראָ, פונאַנדערגעשיקט מיין בעריכט אין אַלע צייטונגען. אָבגעדרוקט האָבען איהם אַלע יודישע, צוויי רוסישע פּעטראָגראַדער („דיעלאָ נאַראָדאַ" און „דיען") און פיל פּראָווינציעלע.

נאָר נישט דאָס, נישט די פּערזענליכע השתדלות האָבען נישט געווירקט אויף דער רעגירונג. די מיניסטאָרען האָבען יעדעס מאָל אויסגעדריקט זייער פאָלקאָמע גרייטקייט אָנצונעהמען אַלע נויטיגע מיטלען, נאָר „מען קאָן דאָך נישט אַלץ אויף איין מאָל". דערצו האָבען זיי אָנגעוויזען אַז אַלץ וועט געטהון ווערען דורך דעם פּערוואַלטער פון גאַליציע און בוקאָווינע, וועלכער וועט היינט, מאָרגען, בעשטימט ווערען אויף טרעפּאָווס אָרט.

אין אַ צוויי וואָכען אַרום נאָך מיין דערלאַנגען דעם בעריכט האָבען די צייטונגען געמאָלדען, אַז דער פירשט דאָלגאָרוקאָוו איז בעשטימט פאַר אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר איבער גאַליציע און בוקאָווינע. איך בין דאַן געווען אין מאָסקווא און אויף מיין אָנפראַגע דורכ'ן טעלעפאָן אויף דאָלגאָרוקאָווס קוואַטיר, האָט מען מיר פון דאָרט געענטפערט, אַז דער פירשט איז אָבגעפאָהרען אין גאַליציע.

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין פערוואונדערונג, אַז אין עטליכע טעג אַרום האָב איך זיך דערוואוסט אַז אַלס גענעראַל-גובערנאַטאָר אין גאַליציע און בוקאָווינע (קאָמיסאַר איבער די ענינים פון גאַליציע) איז בעשטימט נישט דאָלגאָרוקאָוו, נאָר דער פּאָרזיצענדער פון קיעווער אָבטיילונג פון זעמסקי פערבאַנד ד. א. דאָראָשענקאָ. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָלגאָרוקאָוו איז טאַקי געווען בעשטימט פאַר אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר, נאָר געגען דעם איז שאַרף אַרויסגעטראָטען די קיעווער אוקראַאינישע „ראַדאַ", וועלכע האָט זיך געגרינדעט אונטער'ן פאָרזיץ פון פּראָפעסאָר גרושעווסקי. בשעת מיליוקאָוו איז געווען אין קיעוו האָבען די פאָרשטעהער פון דער „ראַדא", קלאַפּענדיג אין טיש, דראָהענדיג געשריען, אַז זיי וועלען נישט ערלויבען אַז מיט דער אוקראַאינישער גאַליציע זאָל פערוואַלטען אַ מאָס-

קאַל און האָבען געפאָדערט אַז עס זאָל בעשטימט ווערען אַנ׳-אוקראַאינער. דערביי האָבען זיי אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון דאָראָשענקאָ און די רעגירונג האָט זיך אונטערגעגעבען, כּדי נישט איינצורייסען מיט דער „ראַדא“.

חוץ דעם בעריכט וואָס איך האָב דערלאַנגט, האָב איך זיך געווענדעט צום יוסטיץ-מיניסטער, פריהער צו קערענסקי׳ן, נאָכדעם צו זיין פערטרעטער, פערעווערזעוו׳ן, מיט דעם פאָר-שלאָג אַז אין גאַליציע און בוקאָווינע זאָל געשיקט זיין אַ יודי-שע קאָמיסיע אויסצופאָרשען אַלע אומרעכטען וואָס זענען בע-גאַנגען געוואָרען געגען דער אָרטיגער בעפעלקערונג מצד דער מיליטערישער און ציווילער מאַכט און פאָרגעלעגט, אַז אין דער קאָמיסיע זאָלען אַריין יוריסטען פון יענע נאַציאָנאַליטעטען וואָס געפינען זיך אין לאַנד: אַ יוד, אַ פּאָליאַק, אַ רוטענער. די מיניסטאָרען האָבען איינגעוויליגט אויף דעם נאָר אָבגעצויגען די בעשטימונג פון טאָג צו טאָג. ענדליך האָט פערעווערזעוו אָפיציעל בעשטימט די קאָמיסיע און איינגעוויליגט אפילו אַז אין איהר זאָלען אַריין צוויי יודען ביי איין פּאָליאַק, איין רוטענער און איין רוס. לויט מיין פאָרשלאָג זענען אין דער קאָמיסיע איינגעלאַדען געוואָרען די יודישע יוריסטען, דער געוועזענער רע-דאַקטאָר פון פריינד, שאול גינזבורג און דער ציוניסטישער כּלל-טהוער אַרנאָלד זיידענמאַן. נאָר די אָבשיקונג פון דער קאָמיסיע האָט זיך ווייטער פערצויגען און אַז אַלץ איז שוין געווען גרייט און זי האָט געדאַרפט אָבפאָהרען, איז פאָרגעקומען דער קאַ-טאַסטראָפאַלער דורכברוך פון רוסישען פראָנט און די רוסען האָבען פערלאָזען גאַליציע און בוקאָווינע.

צוגלייך מיט דעם ווענדען זיך צו דער רעגירונג, האָב איך זיך געווענדעט מיט אַנ׳אָפענעם בריף אין די צייטונגען צום „הייליגסטען סינאָד“ מיט דער אויפווייזונג וואָס דאָס „קריסטוס-געליבטע מיליטער“ האָט אָבגעטהון פאַר אַ נבֿלות איבער די יו-דישע שוהלען און רייניגקייטען און אויפגעפאָדערט דער סינאָד זאָל אַרויסטרעטען מיט אַנ׳אויפרוף צום מיליטער און בעפעהלען איהם אויפטראָגען זיך מיט רעספעקט צו יודישע הייליגטהומען.

צוגלייך מיט דעם האָב איך איבערגעגעבען דעם פּעטראָגראַדער ראַבּינער, ד״ר אייזענשטאַט די אַלע חפצים—זעקלעך, בּאַראַבּאַן-דעקעס, שיך א. אַנד. וואָס זענען געמאַכט געוואָרען פון יריעות פון רייניגקייטען, ער זאָל עס פּערזענליך ווייזען דעם פּעטראָ-גראַדער מיטראָפּאָליט. ד״ר אייזענשטאַט האָט עס געטהון און דער סינאָד האָט, לויט דער פּערזיכערונג פון ד״ר אייזענשטאַט, אַרויסגעגעבען אַזאַ אויפרוף צום מיליטער. איך האָב דעם אויפ-רוף נישט געזעהן און ווייס נישט זיין אינהאַלט.

## יט

די געשעהענישען אין פּעטראָגראַד זענען בּיי יענער צייט געווען אַזעלכע וויכטיגע און געוואַלדיגע, אַז, אריינציהענדיג זיך אין זיי, האָב איך זיך געמוזט אָבּרייסען פון דער אַרבּייט אין גאַליציע. איבעריגענס, האָב איך געוואוסט אַז די הילפס-טעטיג-קייט געפינט זיך אין זיכערע הענד, אַז האָמעלסקי האָט אַלע שטעדט און שטעדטלעך ווי אויך די יודישע סאָלדאַטען בּעזאָרגט מיט מצה אויף פּסח און אַז ד״ר לאַנדער איז ווידער צוגעטראָ-טען צו דער אַרבּייט אין גאַליציע. דערצו בּין איך געווען זי-כער, אַז מיט דער בּעשטימונג פון אַ גענעראַל-גובּערנאַטאָר (קאָמיסאַר) איבּער גאַליציע און בּוקאָווינע דאָראָשענקאָ'ן, וועמען איך האָב געקענט ווי אַנ'אָרענטליכען מאַן און איבּערצייגטען סאָציאַליסט, וועט די לאַגע פון דער דאָרטיגער יודישער בּע-פעלקערונג אָהן אַנ'ערך פּערבּעסערט ווערען.

אין מיטען אַפּריל איז פּאָרגעקומען אין קיעוו אַ קרייז-צו-זאַמענפאָהר פון די הילפס-קאָמיטעטען פון קיעווער ראַיאָן. דער פּאָרטראָג פון ד״ר לאַנדער וועגען דער לאַגע פון דער יודישער בּעפעלקערונג אין גאַליציע און בּוקאָווינע האָט געמאַכט אַ גע-וואַלדיגען איינדרוק. עס איז אָנגענומען געוואָרען דער פּאָר-שלאָג צו אָרגאַניזירען אַ צוזאַמענפאָהר פון פאָרשטעהער פון גאַליציאַנער-בּוקאָווינער קהילות (וואו זיי זענען נאָך נישט אויפ-

געשטעלט, זאָלען זיי פערטרעטען פאָרשטעהער פון די אָרטיגע קאָמיטעטען) צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון קיעווער הילפס-קאָמיטעט כדי צו רעאָרגאַניזירען אויף אַ נייעם ראַציאָנעלען שטייגער די גאַנצע הילפס אַרבייט. עס איז בעשטימט געוואָרען אויפ׳ן ערשטען פּלאַן צו רעגולירען דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון די קהילות וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט אויף זייערע ערטער, אין זשוואַנעץ, טאַרנאָרודע, הוסיאַטין, סאַטאַנאָוו, זבאָרזש א. אַנד. עס איז אויך בעשטימט געוואָרען אַז די הילפס-קאָמיטעטען ווי אין רוסלאַנד, אַזוי אין גאַליציע זאָלען רעאָרגאַניזירט ווערען אַזוי, אַז זייערע מיטגלידער זאָלען זיין אויסגעוועהלטע און צווי-שען זיי זאָל זיך געפינען נישט ווייניגער ווי אַ דריטעל פאָר-שטעהער פון די היימלאָזע גופא. און, אַז די הילפס-טעטיגקייט זאָל אַריבערגעהן פון אינדיווידועלע פאָרמען צו קאָלעקטיווע (קאָאָפּעראַציעס, הילף דורך אַרבייט א. אַז. וו.) חוץ דעם איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, ווענדען זיך צו דער רעגי-רונג מיט דער פאָדערונג זי זאָל פערגרעסערן די הילף פאַר די יודישע מלחמה-געליטענע און זאָל אומקעהרען אויף זייערע ער-טער די גאַליציאַנער יודען, וועלכע זענען אָהן אַ שום פערברע-כען פון זייער זייט, געוואָרען אַרויסגעשיקט אין סיביר און אין פיל שטעדט פון אייראָפּעישען רוסלאַנד.

דער צוזאַמענפאָהר האָט אויך בעשטימט אָבצושיקען מיר פאָלגענדע טעלעגראַמע:

„דער קיעווער קרייז-צוזאַמענפאָהר פון פאָרשטעהער פון הילפס-קאָמיטעטען פאַר היימלאָזע, אויסהערענדיג דעם בעריכט פון חבר פ. לאַנדער וועגען דער הילפס-טעטיגקייט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע, בעגריסט אייך הייס, טייערער ש. אַ. ווי אַ מסירת-נפש׳דיגען אַרבייטער אויפ׳ן געביט צו פערלייכטערן די לאַגע פון אונזערע גאַליציאַנער ברידער. דער צוזאַמענפאָהר שיקט אייך זיין הייסען וואונש איהר זאָלט נאָך לאַנגע יאָהרען פאָרטזעצען אייער מסירת-נפש׳דיגע אַרבייט לטובת אונזער פאָלק.״

באַלד ווי דאָראָשענקאָ איז געוואָרען בעשטימט פאַר קאָמי-

סאַר איבער גאַליציע און בוקאָווינע, האָט דער קיעווער פראָנט קאָמיטעט ביים אַלרוסישען זעמסקי פערבאַנד געגרינדעט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אונטער דער פאָרזיצונג פון פּ. ליניטשענקאָ צו בעטראַכטען די פראַגען וועגען איינאָרדנען אַ ציוויל-פערוואַלטונג אין גאַליציע און וועגען די מיטלען וואָס מוזען אָנגענומען ווערען צום אויפבויען די רואינירטע קהילות און שטעדט, וועלכע זענען איבער דער פריהערדיגער רוסישער אַדמיניסטראַציע אונטערגעגאַנגען. אין דער קאָמיסיע זענען געוואָרען איינגעלאַדען פאָרשטעהער פון די יודישע און אוקראַאינישע הילפס-קאָמיטעטען.

איך געדענק שוין נישט אויף ריכטיג אויב איך האָב זיך ביי יענער צייט צופעליג געפונען אין קיעוו, אָדער מען האָט מיך צוליב דער קאָמיסיע ספּעציעל אַרויסגערופען, נאָר דער הילפס-קאָמיטעט האָט מיך קאָמאַנדירט צוזאַמען מיט דעם סעקרעטאַר פון קאָמיטעט ה. ב. וויינשעלבוים ווי זיינע פאָרשטעהער אין דער קאָמיסיע.

אויף דער ערשטער זיצונג האָב איך אין נאָמען פון קאָמיטעט בעגריסט דעם הער דאָראָשענקאָ, ווי דעם ערשטען פאָרשטעהער פון פרייען רוסלאַנד אין גאַליציע, צו וועלכען יודען קאָנען האָבען אַ צוטרוי, זענענדיג זיכער אַז ער וועט מאַכען אַ סוף צו דער יודישער רעכטלאָזיגקייט און גוואַלדטהאַטען וואָס ווערען אָבגעטהון איבער יודען. אויפווייזענדיג ווייטער, אַז חוץ דעם אָבשאַפען פון אַלערליי בעגרענעצונגען דאַרפען אויפגעשטעלט ווערען די קהילות-פערוואַלטונגען מיט אויטאָנאָמע רעכט אין זייער קולטורעלער און הילפס-טעטיגקייט און מיט דער רעכט צו נעהמען אַנ'אָנטייל אין די שטאָדטישע זעלבסט-פערוואַלטונגען, האָב איך זיך אָבגעשטעלט אויף די ספּעציפישע אייגענשאַפטען, מיט וועלכע די לאַגע פון די גאַליציאַנער יודען טיילט זיך אויס פון דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער גאַליציאַנער בעפעלקערונג און דערוויזען, אַז צוליב אָט די אייגענשאַפטען איז נויטיג, דאָס ביי דער פערוואַלטונג פון קאָמיסאַר איבער גאַליציאַנישע ענינים זאָל זיך געפינען אַנ'אָפיציעלער פאָרשטעהער פון

דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכער זאל פערוואלטען מיט די ספעציעל יודישע ענינים.

דאראשענקא האט זיך ווארים אבגערופען אויף דעם פאר-שלאג און ארויסגעזאגט זיך, אז נישט בלויז ער נעהמט איהם אן, נאר ער רעכענט איינצופיהרען אזא פארשטעהערשאפט אויך ביי די פערוואלטונגען פון די צוויי גובערניע-קאמיסארען (גו-בערנאטארען) אין טארנאפאל און טשערנאוויץ. ער האט זיך גע-ווענדעט צו אונז, וויינשעלבוימען און מיר, מיט דער ביטע אנ-צעווייזען א פאסענדען קאנדידאט פאר דעם פאסטען.

קאנדידאטען האבען געקאנט זיין נאר צוויי: ד״ר לאנ-דער און ה׳ האמעלסקי. מיר האבען איינגעפונען אז ד״ר לאנ-דער, ווי אנ׳עלטערער, מעהר ערפאהרענער, וואס האט די גאנצע צייט געארבייט אין גאליציע, דערצו נאך, ווי א מיליטער-ארצט איז פאסענדער און מיר האבען איהם פארגעלעגט, נאר דער ביי אויפגעוויזען אז ער געפינט זיך אויף מיליטער-דינסט, פער-נעהמט אנ׳אפיציעלע שטעלע און צו זיין בעשטימונג פאר א פארשטעהער ביים קאמיסאר פון גאליציע איז נויטיג די ערלוי-בעניש פון זיינע העכערע. דאראשענקא האט זיך גענומען פועל׳ן ביי ברוסילאוו׳ן, פון וועמען דאס איז געווען אבהענגיג, אז לאנדער זאל בעפרייט ווערען פון זיין איצטיגער דינסט און צוקאמאנדירט ווערען צום גאליציאנער קאמיסאריאט. אויף אזא אופן איז ד״ר לאנדער אויף דער זיצונג גופא בעשטימט געווא-רען פאר אנ׳אפיציעלען פערוואלטער איבער יודישע ענינים אין גאליציע. מיר האבען עס געהאלטען פאר א גרויסען שריט פאר-אויס.

ב. וויינשעלבוים האט אויף דער זיצונג אויפגעהויבען די פראגע וועגען אומקעהרען די אונשולדיג ארויסגעשיקטע גאלי-ציאנער יודען. די רעגירונג האט זיך ארויסגעזאגט, אז זי האט נישט דאגעגען און גיט ארויס אזעלכע ערלויבענישען, נאר די מאכט אויף די ערטער שאפט אין דעם שוועריגקייטען. די טעג איז אנגעקומען פון סיביר אין קיעוו א פארטיע ארויסגעשיקטע, וועלכע זענען געפאהרען אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה. דא אין קיעוו

אָבער האָט מען זיי אויפגעהאַלטען און דער „טאַטיאַנאַ-קאָמיטעט״ גיט זיי נישט אַרויס קיין שיינען אויף צו פאָהרען ווייטער, מאָטיווירענדיג דאָס דערמיט וואָס „צום פראָנט טאָר מען נישט צולאָזען נאָהנט קיין היימלאָזע״ (ד. ה. יודען) און דאָס איז נישט קיין איינצעלנער פאַקט.

צום פּראָטעסט פון ווינשעלבוימען האָט זיך פעראייניגט דער פאָרשטעהער פון פערבאַנד פון שטעדט. די קאָמיסיע האָט אָנגענומען אַ בעשלוס קלאָר צו מאַכען דעם ענין און בעזייטיגען די שוועריגקייטען פאַר די היימלאָזע.

נאָר דאָס האָט ווניג געהאָלפען. נישט קוקענדיג אויף אַלע צוזאָגונגען פון דער רעגירונג האָבען די צעהנדליגער טויזענדער אַרויסגעשיקטע און פערשיקטע גאַליציאַנער היימלאָזע נישט בעקומען די מעגליכקייט אומצוקעהרען זיך אויף זייערע ערטער.

אין דערזעלבער קאָמיסיע, וועלכע האָט אָנגענומען אַ בעשלוס צו בעזייטיגען פאַר די היימלאָזע די שוועריגקייטען ביים אומקעהרען זיך אויף זייערע ערטער, האָט דעם 25-טען אַפּריל (8 מאַי) דער פאָרזיצענדער, ליניטשענקאָ, שילדערענדיג אַ קאַטאַסטראָפישען בילד פונ׳ם ערנעהרונגס-קריזיס אין דעם אָקופּירטען גאַליציע, קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט זיך געגען אַ מ אַ ס ע ן-אומקעהר פון די גאַליציאַנער אַרויסגעשיקטע און היימלאָזע אי ן איצטיגען מאָמענט, אויפווייזענדיג, אַז דאָס קאָן ברענגען צו מאַסען-הונגערטויט-פאַלען. נאָר אַז עס וועט בעזייטיגט ווערען דער ערנעהרונגס-קריזיס, מיט וואָס מען בעשעפטיגט זיך איצט, וועט מעגליך זיין צוטרעטען צו אַ פּלאַנמעסיגער אַריבערפיהרונג פון די אַרויסגעשיקטע און היימלאָזע. ביז דעמאָלט אָבער דאַרף מען זיך אויפהאַלטען פון דער עוואַקואַציע.

צוגלייך מיט דעם האָט די „אָבטיילונג צום איינאָרדנען די היימלאָזע״ פונאַנדערגעשיקט אַלע הילף-אָרגאַניזאַציעס אַ צירקולאַר, אין וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען:

„לויט די בעקומענע ידיעות בעמערקט זיך אין אייניגע ערטער אַ שטאַרקע שטרעבונג פון די היימלאָזע תיכף אום-

צוקעהרען זיך אַהיים אָדער אינ'ם שטח וואָס ליגט ביים פראָנט. רעכֿענענדיג זיך מיט דעם פערשטענדליכֿען בעגעהר פון די היימלאָזע, ביי די איצטיגע געשעהענישען אין רוסלאַנד, צו דערנעהנטערן זיך אויף וויפיל מעגליך צו די היימלאָזע ערטער, רעכֿענט פונדעסטוועגען די „אָבטיילונג צום איינאָרדנען די היימלאָזע" פאַר איהר חוב צו מעלדען, אַז די מיליטערישע מאַכֿט ביי די פראָנטען, נעהמענדיג אין אַכֿט דעם מאַנגעל אין ערנעהרונג, וואוינונגען און בכלל אין אַלץ וואָס איז נויטיג צום לעבען, פאָדערט דרינגענד, אַז עס זאָלען אָנגענומען ווערען אַלע מיטלען אָבצושטעלען דעם ריקצוג פון די היימלאָזע. דער נישט איינגעאָרדענטער ריקצוג פון היימלאָזע מוז ברענגען מיט זיך מאַסען־קראַנקהייטען און שאַפען פאַר די היימלאָזע גופא אונגעהויער־שווערע לעבענס־בעדינגונגען, דאָסזעלבע פאַר דער אָרטיגער בעפעלקערונג, ווייל ביי אַזעלכֿע אומשטענדען וועט כמעט אונמעגליך זיין צו אָרגאַניזירען אַ הילפס־טעטיגקייט.

„צוגעבענדיג דער פראַגע אַן'אונגעהויער גרויסע בעדייטונג אין די אינטערעסען ווי פון די היימלאָזע אַזוי פון דעם, אַז עס זאָל אָבגעהיט ווערען די נויטיגע אָרדנונג און סאַניטאַרע בעוואָרגונג אין רוקען פון דער רוסישער אַרמעע, ווענדט זיך די „אָבטיילונג" צו אַלע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטליכע הילפס־אָרגאַניזאַציעס מיט אַ דרינגענדער ביטע: ערקלערען די היימלאָזע די גאַנצע געפעהרליכקייט פון זייער אומקעהרען זיך אין די דורך דער מלחמה חרוב געוואָרענע ערטער, וואו עס זענען נישטאָ די מיטלען פון ערשטער נויטווענדיגקייט, און אָננעהמען אַלע מעגליכֿע שריט אָבצושטעלען דעם נישט איינגעאָרדענטען שטראָם פון די היימלאָזע צום פראָנט. מאַכֿענדיג דערביי אויפמערקזאַם די היימלאָזע, אַז לויט דער פאָדערונג פון דער מיליטערישער מאַכֿט, איז די אייזענבאַהנען פערבאָטען אָנצונעהמען און איבערשיקען די היימלאָזע אינ'ם ראַיאָן פון די שלאַכֿטען".

די ספעציעלע קאָמיסיע האָט צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון די נאַציאָנאַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אויסגעאַרבייט אַ פראָיעקט

פון אַ בירגערליכער אָרגאַניזאַציע פון דער אָקופּירטער גאַליציע. אין דעם פּראָיעקט איז געווען בעשטימט צו אָרגאַניזירען די אָר־טיגע זעלבסטפערוואַלטונג אויף די פאָלגענדע יסודות:

„אין געגענזאַץ צו דעם פריהערדיגען סיסטעם פון אונ־טערדריקונג און ווילקיר, איז ביי דער נייער רוסישער מלוכה־אָרדנונג נויטיג:

„1) אויפשטעלען אַלע אָרגאַנען פון אָרטיגער זעלבסט־פערוואַלטונג, ווי דאָרפישע אַזוי שטאָדטישע.

„2) געבען דער בעפעלקערונג פאָלקאָמע פרייהייט ווי אין דער אויפשטעלונג פון די אַלטע פאָרמען פון זעלבסטפערוואַלטונג אַזוי אויך אין דעם איבערבויען זיי אויף נייע יסודות, כדי אויס־צומיידען וועלכען עס איז דרוק, וואָס איז געגען די פּרינציפּען פון אינטערנאַציאָנאַלער רעכט.

„3) מיטהעלפען דער אויפלעבונג פון די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, ווי קאָאָפּעראַטיווען, לייה־קאַסעס, נאַציאָנאַלע און וואוילטעטיגע קאָמיטעטען. אויפשטעלען, אויף וויפיל מעגליך, די טעטיגקייט פון די געריכטען אויף דעם יסוד פון די אָרטיגע דינים, אין פּרט, אומצוקעהרען די יודישע קהילות זייער אויטאָ־נאָמע רעכט, וועלכע זיי האָבען פריהער געהאַט.

„4) צו אָט די אויפגעלעבטע זעלבסטפערוואַלטונגען און געזעלשאַפטליכע כחות דאַרף ביסלעכווייז איבערגעגעבען ווערען די הילפס־טעטיגקייט, מיט וועלכער עס פערנעהמען זיך איצט דער זעמסקי און שטעדט־פערבאַנד".

דער פּראָיעקט איז געוואָרען אָנגענומען פון דער רעגירונג, נאָר איידער ער איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אָקופּירטען גע־גענד, זענען פון דאָרט פערשוואונדען די רוסען.

עס האָט געדויערט כמעט אַ חודש ביז פון ברוסילאָווס שטאַב האָט זיך בעקומען די אָפיציעלע ערלויבעניש אַז דער ד"ר לאַנדער זאָל פערנעהמען דעם פּאָסטען פון אַ פאָרשטעהער איבער יודישע ענינים ביים קאָמיסאַר פון גאַליציע.

אַ צוויי חדשים איז ד"ר לאַנדער אויסגעקומען צו זיין דער פאָרשטעהער פון די יודישע אינטערעסען אין גאַליציע. ווי ער

האָט מיר איבערגעגעבען, איז איהם, נאָך ביז דעם ריקצוג פון דער רוסישער אַרמעע, אויסגעקומען איבערצולעבען זעהר פיל אַנגסט און שוועריגקייטען. פון ערשטען מאָמענט אָן האָט ער זיך אין זיין טעטיגקייט אָנגעשטויסען אויף אַ שאַרפען ווידערשטאַנד מצד דער מיליטערישער מאַכט, וועלכע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען אַלץ רעאַקציאָנערער און אַלץ אָפענער אַרויסגעוויזען איהר פייערדיגען אַנטיסעמיטיזם. דער קאָמיסאַר דאָראָשענקאָ האָט זיך אויפגעטראָגען זעהר גוט צו לאַנדער'ן, אייגעשטימט מיט זיינע פאָרשלאָגען. צום אומגליק איז אָבער דעם קאָמיסאַרס מאַכט פאַקטיש געווען זעהר בעגרענעצט. מען האָט איהם פשוט נישט געפאָלגט, נישט גערעכענט זיך מיט זיינע פעראָרדנונגען, אפילו אויף להכעיס געטהון פערקעהרט. פון פיל שטעדט און שטעדטלעך האָבען זיך געטראָגען צום יודישען פאָרשטעהער געשרייען און יללות וועגען אַלערליי ווילקיר־טהאַטען, וועגען רויבערייען, מיליטער־פאָגראָמען, און ער האָט נישט געקאָנט העלפען. די געשרייען און פראָטעסטען זענען דערגאַנגען אפילו צום געוועזענעם דעפוטאַט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, פרידמאַנען, (וועגען רויבערייען און נישט געזעצליכע רעקוויזיציעס אין סטאַניסלאַוואָו), וועלכער האָט וועגען דעם געמאַכט אַנ'אָפיציעלע אָנפראַגע ביים קאָמיסאַר דאָראָשענקאָ און בעקומען זעהר אַ נישט גענוגענדען ענטפער. דעם ד"ר לאַנדער איז אויסגעקומען די גאַנצע צייט וואַרפען זיך פון איין אָרט אין דעם אַנדערן צו בעשיצען די יודישע בעפעלקערונג, און איהם איז נישט געבליבען קיין צייט צו פערנעהמען זיך מיט אַנ'אָרגאַניזאַטאָרישער שעפערישער אַרבייט. דער רעכטער גהנום האָט זיך פאַר איהם אָנגעהויבען מיט'ן ריקצוג פון דער צופאַלענער, דעמאָראַליזירטער אַרמעע, וועלכע האָט געמאַכט אַ רייה שרעקליכסטע פאָגראָמען. ביים פאָגראָם אין טאַרנאָפאָל איז לאַנדער אַליין שיר נישט אומגעקומען. פונדעסטוועגען האָט זיך איהם איינגעגעבען אָבצוראַטעווען טשערנאָוויץ פון אַ פאָגראָם, וועלכער איז דאָרט געווען שוין אָרגאַניזירט און געהאַלטען ביים אויסברעכען.

אָנפאַנג יוני איז פאָרגעקומען אין טאַרנאָפאָל דער צוזאַ-מענפאָהר פון פאָרשטעהער פון יודישע קהילות און הילפס-קאָ-מיטעטען פון גאַליציע צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון קיע-ווער הילפס-קאָמיטעט. צו מיין טיפען בעדויערן האָב איך נישט געהאַט די מעגליכקייט צו זיין אויף דעם צוזאַמענפאָהר. אפילו שפּעטער האָב איך נישט געקאָנט דערגעהן קיין גענויע ידיעות וועגען איהם, וועגען זיין צוזאַמענשטעלונג, טעטיגקייט און וואָס פאַר אַ רעזאָלוציעס עס זענען אָנגענומען געוואָרען. געוואוסט האָב איך נאָר, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג, האָט אינטענסיוו געאַרבייט און אָנגעצייכענט אַ גאַנצען סיסטעם, ווי רעאָרגאַניזירען די הילפס-טעטיגקייט אויף נייע, ראַציאָנעלע און דעמאָקראַטישע יסודות.

פון צוזאַמענפאָהר האָב איך בעקומען פאָלגענדע טעלע-גראַמע:

„דער ערשטער צוזאַמענפאָהר פון פאָרשטעהער פון דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציע און בוקאָווינע, וואָס קומט פאָר אין טאַרנאָפאָל, בעגריסט אייך, אַלס דעם ערשטען פאָר-שטעהער פון רוסישען יודענטום אין גאַליציע, דעם ערשטען פערטיידיגער פון אונזערע ברידער אין דער איצטיגער שווערער צייט. איהר האָט דער ערשטער ענג צוזאַמענגעקניפּט די רוסישע יודען מיט די גאַליציאַנישע, איהר האָט אַנ'איבעריגען מאָל בע-שטעטיגט די איינהייט פונ'ם יודישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. פאַר דער מאָראַלער שטיצע, וואָס איהר האָט אונז גע-בראַכט, שיקען מיר אייך אונזער הערצליכען גרוס און הייסען וואונש.

„דער פּרעזידיום פון צוזאַמענפאָהר: גרינבערג ווייַנפעלד, קרופּ.“

די טעלעגראַמע, וועלכע האָט מיך טיף גערירט, איז גע-ווען דאָס לעצטע וואָרט, וואָס האָט זיך צו מיר דערטראָגען פון אונזערע גאַליציאַנער ברידער.

נאָך איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אַרויסצוטרעטען וועַ-גען גאַליציאַנער יודען. אויף דער פּאַר-קאָנפערענץ פון יודישען

צוזאַמענפאָהר, דעם 21 יולי, האָב איך פאָרגעלעגט, אַז צו דער בעטייליגונג אין פאָרשטעהענדען צוזאַמענפאָהר זאָלען צוגעצויגען ווערען אויך די אַרויסגעשיקטע אין רוסלאַנד און די זעכציג־טויזענדיגע יודישע בעפעלקערונג פון די אָקופּירטע געגענדען אין גאַליציע און בוקאָווינע.

מיין פאָרשלאַג, אין זיין צווייטער העלפט, איז שוין גע־ווען אַ פערשפּעטיגטער. אין דער צייט זענען די אָקופּירטע גע־געגנדען שוין כמעט אינגאַנצען געווען פערלאָזען דורך דעם רו־סישען מיליטער, וועלכעס האָט ביי זיין פּאַנישען אַנטלויפען פערגאָסען דעם קאַנט מיט יודיש בלוט.

אויף דער בעשרייבונג פון די שוידערהאַפטע בעסטיאַלע פּאָגראָמען וואָס זענען פאָרגעקומען אין קאַלושט און טאַרנאָפּאָל, וועל איך זיך נישט אָבשטעלען...

די רוסישע אָקופּאַציע פון גאַליציע, וועלכע האָט זיך אָנ־געפאַנגען דורך דער פינסטערער מאַכט פון רוסישען זעלבס־הערשער מיט בלוטיגע פּאָגראָמען אין בראָד און לעמבערג, האָט בעקומען איהר פינאַל אין שטורם פון רעוואָלוציע, דורך אַ צו־פאַלענער, פערווילדעוועטער אַרמעע אין בלוטיגען חורבן פון קאַלושט און טאַרנאָפּאָל.

אַזוי האָט זיך פערענדיגט די שרעקליכע עפּאָפּעע פון דער רוסישער דריי־יאָהריגער הערשאַפט אין אָקופּירטען קאַנט, דער בלוטיגער חורבן פון גרויסע יודישע צענטרען אין פּוילען, גאַ־ליציע און בוקאָווינע!

כ׳ שבט, תר״פ — פעברואר 1920.

ענדע